STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06612

TSVISHN MENTSHN

Maksim Gorky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַקסים גאָרקי

צווישן מענטשן

ייִדיש מ. זילבורג

ווילנע — 1928

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

M. Gorki — „Cwiszn Mentszn“.

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

צווישן לייטן

איך בין צווישן פרעמדע מענטשן, אַ לערן־ייִנגל אין אַ געשעפט פון „מאָדע־שוכוואַרג”, אין רעכטן צעוטר פון שטאָט.

מיין ווירט — אַ קליין קיילעכדיק מענטשל מיט אַ געל אָפּגעניצט פּנים, גרויע ציין, מוטנע וואַסערדיקע אויגן, ער זעט מיר אויס, ווי ער וואָלט זיין בלינד און, כּדי זיך דערין צו איבערצייגן, מאַך איך משונהדיקע העוויות.

— מאַך קיין העוויות נישט. — זאָגט ער צו מיר שטיל, אָבער שטרענג.

— ס'איז נישט אָנגענעם, ווען אָט די דאָזיקע מוטנע אויגן קוקן מיך אָן, און עס גלויבט זיך נישט, אַז זיי זעען — אפשר שפּירט ער נאָר, דער באַלעבאָס, אַז איך מאַך העוויות.

— איך האָב דאָך געזאָגט — מאַך קיין מיאוסע העוויות נישט. — זאָגט ער אין מיר אַריין נאָך שטילער, כמעט נישט באַוועגנדיק מיט די גראָבע ליפּן.

— קראַץ נישט די הענט, — קריכט צו מיר זיין טרוקע־נע, שטילע שטים—דו דינסט אין אַ ערשטקלאַסיקן געשעפט, אין צענטער פון שטאָט. נעם זיך דאָס אין זינען אַריין, אַ ייִנגל דאַרף שטיין ביי דער טיר, ווי אַ סטאַטוע...

איך ווייס נישט, וואָס אַזוינס איז אַ סטאַטוע, און ס'איז מיר אוממעגלעך נישט צו קראַצן די הענט: ביידע זענען זיי ביי מיר ביז די עלנבויגנס אויסגעשאָטן מיט רויטע פלעקן און קרעץ, וואָס בייסן, ממש נישט אויסצוהאַלטן.

— וואָס האָסטו דאָרט געטון אין דער היים? — פרעגט

דער באַלעבאָס, באַקוקנדיק מיינע הענט.

איך דערצייל, ער שאָקלט מיטן קיילעכדיקן קאָפּ, וואָס איז פעסט אַרומגעקלעפּט מיט גראָע האָר, און זאָגט גראָב:

— אַ שמאַטע־קליבער — דאָס איז נאָך ערגער, ווי בעטלען, ערגער, ווי גנבענען.

וואַרף איך באַרימעריש אַריין:

— איך פלעג טאַקע גנבענען אויך.

דאַן לייגט ער אַוועק אויפן פולט זיינע הענט, ווי אַ קאָטער די לאַפּעס, שטעלט אָן אַ צעשראָקענער זיינע פּוסטע אויגן גלייך מיר אין פּנים אַריין און שיפּעט:

— וואָ־אָס? וואָס ס'טייטש עפּעס גנבענען?

איך דערקלער — ווי אַזוי און וואָס.

— נו, וואָס געווען, איז געווען! טאָמער אָבער וועט דיר איינפאַלן צו גנבענען ביי מיר שיך, אָדער געלט, וועסטו ביי מיר פוילן אין טורמע ביז אין דער עלטער אַריין...

געזאָגט האָט ער עס רויק, איך האָב זיך דערשראָקן און האָב אים נאָכמער פיינט געקראָגן.

אַ חוץ דעם באַלעבאָס האָט אין געשעפט נאָך געאַרבעט מיין ברודער, סאַשע יאַקאָוואָוו, און אַן עלטערער משרת — אַ פלינקער, קלעפּיקער, רויטער יונגערמאַן. סאַשע האָט געטראָגן אַ געל סורדוטל, אַ מאַנישקע, אַ שניפּס, די הויזן איבער די שיך, האָט זיך געהאַלטן גאוהדיק און פלעגט מיך בלומרשט ווי גאָר נישט באַמערקן.

ווען דער זיידע האָט מיך געבראַכט צום באַלעבאָס און דערביי געבעטן סאַשען, ער זאָל מיר באַהילפיק זיין צו לערנען — האָט זיך סאַשע גדלותדיק אָנגעברוגזט און האָט מתרה געווען:

— זאָל ער מיך אָקאָרשט פאָלגן!

דער זיידע האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין קאָפּ און איינגעבויגן מיין האַלז.

— הערסט, זאָלסט אים פאָלגן, ער איז עלטער פאַר דיר אי נאָך די יאָרן, אי נאָך דער שטעלע...

און סאַשע האָט אויסגעגלאָצט די אויגן און געזאָגט:

— געדענק, וואָס דער זיידע האָט דיר אָנגעזאָגט!

און שוין פון ערשטן טאָג אָן האָט ער זיך גענומען פּלייסיק אויסנוצן זיין בכורה.

— קאשירין, גלאָץ נישט אַזוי מיט די אויגן, פלעגט אים עצהן דער באַלעבאָס.

— איך? — גאָר. — פלעגט ענטפערן סאַשע, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ, נאָר דער באַלעבאָס האָט פון אים נישט אָפּגעלאָזט:

— שטעל נישט אָן קיין הערנער, די קונים וועלן מיינען, אַז דו ביסט אַ באָק...

דער משרת האָט געשמייכלט מיט דרך-ארץ, און דער באַלעבאָס האָט מיאוס פאַרצויגן מיט די ליפּן. רויט ווי אַ בוריק, פלעגט זיך סאַשע פאַרוקן הינטערן פּולט.

מיר פלעגן נישט געפעלן די דאָזיקע שמועסן. אַ סך ווערטער פלעג איך גאָרנישט פאַרשטיין, מיר האָט זיך געדאַכט צומאָל, אַז די דאָזיקע מענטשן רעדן עפּעס אויף אַ פרעמדער שפּראַך.

ווי נאָר עס פלעגט אַריין אַ קונהטע, האָט דער באַלעבאָס אַרויסגעכאַפּט די האַנט פון קעשענע, אָנגערירט די וואָנצעס און צוגעקלעפּט צו זיין פּנים אַ זיס חניפהדיק שמייכעלע; דאָס שמייכעלע פלעגט צערינצלען זיינע באַקן אין קנייטשן, דערביי אָבער נישט געענדערט זיינע בלינדע אויגן. דער געזעלן פלעגט זיך אויסציען, ווי אַ סטרונע, שטייף צולייגן די עלנבויגנס צו די זייטן, לאָזנדיק די הענט הענגען מיט דרך-ארץ אין דער לופטן, סאַשע פלעגט שרעקעדיק פינטלען מיט די וויעס, באַמיענדיק זיך דערביי צו באַהאַלטן די אויסגעגלאָצטע אויגן. איך בין געשטאַנען ביי דער טיר בשתיקה געקראַצט די הענט, און בשעת מעשה זיך צוגעקוקט צו דער צערעמאָניע פונם פאַרקויף.

דער געזעל שטייט אויף די קני פאַר דער קונהטע און מעסט אָן אַ שוך, צענעמענדיק דערביי מאָדנע קונציק די פינ-

גער. די הענט ציטערן ביי אים, ער רירט אָן דעם פוס פון אַ פרוי אַזוי פּאַרזיכטיק, פונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט, ער זאָל דעם פוס נישט צעברעכן. — און דער פוס איז אַ דיקער, ענלעך צו אַ פלאַש מיט משופּעדיקע זייטלעך, מיטן העלדזל אַראָפּ.

איינמאָל האָט איינע אַ דאַמע אַ דריגע געטון מיטן פוס און אויפּציטערנדיק געזאָגט:

— אוי, ווי איר קיצלט!...

— דאָס איז פון העפלעכקייט. — האָט שנעל און מיט היץ דערקלערט דער משרת.

ס'איז געווען אַ שפּאַס צוצוקוקן, ווי ער לאָזט זיך צו צו אַ קונהטע. און, כדי איינצוהאַלטן זיך פון געלעכטער, פלעג איך זיך אָפּקערן צום שויב פון טיר. עס האָט מיך אָבער מאָדנע געצויגן צוצוקוקן צום גאַנג פונם פאַרקויף — איך האָב שטאַרק אָנגעקוואָלן פון זיינע שטיק, און בשעת מעשה האָב איך מיר געטראַכט, אַז איך וועל קיינמאָל נישט קאָנען אַזוי איידל און פיין צעגעמען די פינגער, ווי ער, און אַזוי פלינק אָנטון אַ שוך אויף אַ פרעמדן פוס.

אָפט פלעגט טרעפן, אַז דער באַלעבאָס פלעגט אַרויס פון געשעפט און אַריין אין אַ קליין צימערל הינטערן פּולט, און דערביי אַהין אַריינגערופן סאַשען; דער געזעל פלעגט דאַן בלייבן אונטער פיר אויגן מיט דער קונהטע. איינמאָל, ווען ער האָט אָנגערירט אַ פוס פון אַ געלער פרוי, האָט ער צונויפגע-לייגט די פינגער אין אַ קופּקעלע און האָט זיי אַ קוש געטון,

— איי — האָט אַ זיפץ געטון די פרוי — סאַר אַ חברה-מאַן איר זענט!

— פּלי-יג!

דאָ האָב איך זיך אַזוי צעלאַכט, אַז איך האָב געמיינט, אָט לאָז איך זיך אַראָפּ. און פון מורא בין איך הענגען גע-בליבן אויפן ההענטל פון טיר. די טיר האָט זיך אָן עפן אויף געטון, איך ראָב דערלאַנגט מיטן קאָפּ אין שויב און זי אויס-געזעצט. דע געזעל האָט געטופּעט אויף מיר מיט די פיס,

דער באַלעבאָס האָט מיך געהאַקט איבערן קאָפּ מיט זיין שווערן גאָלדענעם רינג, סאַשע האָט זיך גענומען צו מיינע אויערן, און אין אָוונט, ווען מיר זענען געגאַנגען אַהיים, האָט ער אין מיר שטרענג אַריינגערעדט:

— פאַר אַזוינע שטיק וועט מען דיך אַרויסיאָגן! נו, און וואָס איז דאָ צו לאַכן?

און ער האָט מסביר געווען: אַז דער געזעל געפעלט די דאַמען — לייזט מען בעסער.

די דאַמע דאַרף גאָר קיין שיך נישט, זי גייט אַריין און קויפט זיך אַן איבעריקע פּאָר, בלויז כדי אָנצוקוקן דעם ליבן געזעל. און דו — הויבסט נישט אָן צו פאַרשטיין! און גיי עסק זיך מיט דיר...

דאָס האָט מיך אָנגערירט — קיינער האָט זיך מיט מיר נישט געעסקט, און איבערהויפּט ער.

אין דערפרי פלעגט די קעכין, אַ קראַנקע, בייזע פרוי, מיך וועקן מיט אַ שעה פריער, פאַר אים; איך פלעג פּוצן דער באַלעבאָס, דעם געזעלס, סאשעס קליידער און שוכוואַרג, פלעג שטעלן דעם סאַמאָוואַר, אָנטראָגן האָלץ פאַר אַלע אויוונס, גע-וואַשן דאָס געפעס צו מיטאָג. קומענדיק אין געשעפט, פלעג איך אויסקערן, אָפּווישן דעם שטויב, פאַרטיק מאַכן טיי, פונאַנדער-טראָגן סחורה פאַר די קונים, גיין אַהיים נאָכן מיטאָג; די שטע-לע מיינע ביי דער טיר פלעגט דאַן פאַרנעמען סאַשע, און, ווייל ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַן אומכבוד פאַר זיך, פלעגט ער מיך זידלען:

— שלימזל! גיי, אַרבעט, פאַר אים...

ס'איז מיר געווען צו לאַסט און נודנע. איך בין געוווינט געווען צו לעבן זעלבסטשטענדיק, וואַלגערן זיך פון פרי ביז אין דער נאַכט אויף די זאַמדיקע קונאַווינער גאַסן, אויפן ברעג פון מוטנעם טייך אָקע, אין פעלד און אין וואַלד. מיר האָט געפעלט די באָבע, די חברים, נישט געווען מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן, און דאָס לעבן האָט געריצט, באַווייזנדיק מיר זיין מיאוסע, פאַלשע לינקע זייט.

נישט זעלטן פלעגט טרעפן, אַז אַ קונהטע פלעגט אַוועקגיין נישט געקויפטערהייט, דעמאָלט פלעגן זיי זיך אַלע דריי פילן באַליידיקט. דער באַלעבאָס פלעגט באַהאַלטן אין קעשענע זיין זיס שמייכעלע און געקאָמאַנדעוועט:

— קאַשירין, לייג צוגויף די סחורה!

און האָט זיך געזידלט:

— אַ מיסט אַ ביסל אָנגעמאַכט, דער חזיר! עס איז איר אומעטיק, דעם גלאָמפּ, צו זיצן אין שטוב, שלעפט זי זיך איבער די קראָמען. ווען דו וואָלסט געווען מיין ווייב — וואָלט איך דיר...

זיין ווייב, אַן אויסגעטרוקנטע, אַ שוואַרצאויגיקע מיט אַ גרויסער נאָז פלעגט טופּען אויף אים מיט די פיס און שרייען, ווי אויף אַ דינסט.

אָפט, באַגלייטנדיק אַ באַקאַנטע קונהטע צום טיר מיט העפלעכער פאַרנייגונג און זיס-האַרציקע רייד, פלעגט מען זי נאָכדעם מיאוס און שמוציק באַרעדן, וואָס עס פלעגט אין מיר דערוועקן אַ פאַרלאַנג אַרויסצולויפן אויפן גאַס, אָניאָגן די פרוי און דערציילן איר, ווי מען רעדט וועגן איר.

איך האָב אפילו געוווסט, אַז בכלל באַרעדן די מענטשן איינע די אַנדערע אונטער די אויגן, זיי אָבער פלעגן שוין אויסערגעוויינלעך בייז רעדן וועגן איטלעכן, אַזוי ווי זיי אַליין וואָלטן שוין געווען די אמתע צדיקים, וואָס זענען באַרופן צו זיין די שופטים פון דער וועלט. זיי האָבן אַלעמען מקנא געווען, קיינמאָל קיינעם נישט געלויבט און וועגן יעדערן געוווסט עפּעס שלעכטס.

מאַכט זיך אַמאָל אַז אין געשעפט איז אַריין אַ יונגע פרוי מיט בליענדיק-רויטלעכע באַקן, מיט פינקלענדיקע אויגן, אָנגעטון אין אַ סאַמעטענער ראָטאָנדע מיט אַ שוואַרצן פעלץ-קראַגן; איר פנים האָט זיך אַרויסגערוקט פונם פעלץ-קראַגן, ווי אַ וווּנדערלעכע בלום. אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך די ראָטאָנדע אויף סאַשעס הענט, איז זי געוואָרן נאָך שענער — איר שלאַנקע פיגור איז געווען שטייף איינגעפּאַסט אין אַ בלוילעך-גראָער זייד,

אין די אויערן האָבן געפינקלט בריליאַנטן, זי האָט מיר דער־מאָנט די „בילד־שיינע וואַסיליסען", און איך בין געווען זיכער, אַז דאָס איז די גובערנאַטאָרין אַליין. אויפגענומען האָט מען זי גאָר באַזונדערס העפלעך, דרייענדיק זיך פאַר איר, ווי פאַר פייער, פאַרכלינענדיק זיך מיט זיסע ריידעלעך. אַלע דריי האָבן אַרומגעהאַוועט איבערן מאַגאַזין, ווי די שדים; זייערע שאָטנס האָבן געפלאַטערט אין די שויבן פון די שאַפעס, עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ אַרום האָט זיך אָנגעצונדן, צעשמעלצט און אָט באַלד וועט עס באַקומען אַן אַנדערע מראה, אַנדערע פאָרמען.

און אַז זי האָט זיך גאָר גיך צוגעקליבן אַ פּאָר טייערע שיך און איז אַוועק, האָט דער באַלעבאָס אַ טשמאָקע געטון און מיט אַ פייף געזאָגט:

— אַ—צויג...

— מיט איין וואָרט — אַן אַרטיסטין. — האָט מיט פאַראַכ־טונג געזאָגט דער געזעל.

און מ'האָט איינע די אַנדערע אָנגעהויבן דערציילן וועגן דער דאַמעס ליבהאָבער און וועגן אירע הוליאַנקעס.

נאָך מיטאָג האָט זיך דער באַלעבאָס צוגעלייגט שלאָפן אין צימערל, וואָס געפינט זיך הינטערן קראָם, האָב איך אויפ־געמאַכט זיין גאָלדערנעם זייגער און אַריינגעטריפט עסיק אין דעם געווער. מיר האָט שטאַרק הנאה געטון צוצוקוקן, ווי ער איז אַרויס נאָכן שלאָף אין געשעפט מיטן זייגער אין האַנט און מיט יאוש געמורמלט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש? פלוצלינג האָט מיין זייגער אָנגעהויבן שוויצן! וואָס עפּעס פאַר אַ שוויצן! האַ, עפּעס נישט צום גוטן?

נישט קוקנדיק אויפן שטענדיקן הו־האַ אין געשעפט און דער שטוביקער אַרבעט, פלעג איך ממש איינדרימלען פון שווערן אומעט און האָב אַלץ עפּטער געטראַכט: וואָס אַזוינס טוט מען עפּעס אָפּ, כדי מ'זאָל מיך אַרויסטרייבן פון געשעפט?

פאַרביי טיר לויפן דורך פאַרשנייטע מענטשן, ס'דאַכט זיך, עמעצער אַ נאָענטער איז ביי זיי געשטאָרבן, זיי האָבן פאַר־

שפּעטיקט די לויה און לויפן אין איילעניש אַנצויאָגן דעם ארון. עס טרייסלען זיך די פערד, קוים דורכקריכנדיק דורך די קו־פּעס שניי. אומעטיק קלינגט יעדן טאָג דער קלויסטער־גלאָק, הינטערן געשעפט — צו די גרויסע פאַסט־טעג; די זעצן פון גלאָק האַקן איבערן קאָפּ, ווי מיט אַ קישן: עס טוט נישט וויי, באָר עס פאַרנאַרישט און פאַרטויבט דיך.

איינמאָל, ווען איך בין געשטאַנען אין הויף, ביי דער טיר פון געשעפט און אויסגעפּאַקט אַ קאַסטן סחורה, וואָס איז אָקאָרשט אָנגעקומען, גייט צו צו מיר דער שומר פון קלויסטער, אַן אַל־טינקער, אַ קרומער, אַ ווייכער, גלייך ער וואָלט געמאַכט געווען פון שמאַטעס, אַ צעשויבערטער, ווי הינט וואָלטן אים צעצופּט.

— דו וואָלסט אפשר פאַר מיר, גאָטס קינד, געלקחנט אַ פּאָר קאַלאָשלעך, האַ? — האָט ער מיר פאָרגעלייגט.

איך האָב געשוויגן. ער האָט זיך צוגעזעצט אויפן ליידיקן קאַסטן, אַ געגעץ געטון, איבערגעצלמט דעם מויל און — ווידער:

— נו, וועסט לקחענען!

— לקחענען? — מ׳טאָר נישט! — האָב איך אים געזאָגט.

— מ׳לקחנט פונדעסטוועגן. האָב רחמנות אויף אַן אַלטן מענטשן.

ער איז עפּעס געווען מאָדנע נישט ענלעך צו די אַלע מענטשן, צווישן וועלכע איך האָב געלעבט; איך האָב דערפילט, אַז ער איז גאַנץ זיכער, אַז איך בין גרייט צו גגבענען פאַר אים, איך האָב מסכים געווען צו דערלאַנגען אים די קאַלאָשן דורכן פאָרטל פון פענסטער.

— אָט איז פיין! — האָט ער געזאָגט, רויק, אָן פרייד. — דו וועסט נישט אָפּנאַרן. נו, נו, איך זע שוין, אַז די וועסט מיך נישט אָפּנאַרן...

ער איז געזעסן אַ ווײַלע שווייגנדיק, צעטרעטנדיק דעם ברודיקן נאַסן שניי מיט דער פּאָדעשווע פון שוך, דערנאָך האָט ער פאַררויכערט אַ ליימענע ליולקע און האָט מיך פלוצלינג אי־בערגעשראָקן:

— און ווי וועט זיין, אַז איך וועל דיך אַרויסגעבן? אָט

וועל איך נעמען דיזעלביקע קאַלאָשן, וועל זיי אַוועקטראָגן צום באַלעבאָס און זאָגן, אַז דו האָסט מיר זיי פאַרקויפט פאַר אַ האַלבן קאַרב, האַ? דער פּרייז איז איבער צוויי רובל, און דו האָסט פאַרקויפט פאַר אַ האַלבן רובל! אויף נאַשערייען, האַ?

איך האָב אים שטום אָנגעקוקט, אַזוי ווי ער וואָלט שוין געהאַט אויסגעפירט, וואָס ער האָט געזאָגט, און ער האָט אַלץ גערעדט שטילערהייט אונטערן נאָז, געקוקט אויפן שוך, בלאָזנדיק פון זיך מיט אַ בלוילעכן רויך.

— און ווי וועט זיין, אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דער באַלעבאָס האָט מיך טאַקע אָנגעשטעלט: גיי פּרוביר מיר אויס דעם יונגאַטש, צי ער איז נישט קיין גנב? וואָס וועט דעמאָלט זיין?

— איך גיב דיר נישט די קאַלאָשן. — האָב איך געזאָגט אין צאָרן.

— איצט איז שוין פאַרפאַלן, ווי באַלד דו האָסט צוגעזאָגט!

ער האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט, צוגעצויגן צו זיך און, קלאַפּנדיק מיטן קאַלטן פינגער איבער מיין שטערן, האָט ער פויל גערעדט:

— ווי אַזוי איז דאָס עפּעס — מיר נישט דיר נישט — נאַ, נעם!?

— דו האָסט דאָך אַליין געבעטן.

— ווייס-איך וואָס איך קאָן ביי דיר בעטן! נו, אַז איך וועל ביי דיר בעטן באַגנבענען פונמיינעטוועגן אַ קלויסטער, וועסטו באַגנבענען? קאָן מען דען גלויבן אַ מענטשן? אָ, דו שוטה בן פּיקהאָלץ!

און אָפּשטויסנדיק מיך האָט ער זיך אויפגעהויבן.

— געגנבעטע קאַלאָשן דאַרף איך ניי"ט, איך בין קיין פּריץ נישט, איך טראָג קיין קאַלאָשן נישט. דאָס האָב איך נאָר אַ שפּאַס געמאַכט... און פאַר דיין תמימות, וועל איך דיר צו פּסח אַרויפלאָזן אויפן קופּאָל צום גלאָק, וועסט קלינגען, די שטאָט אָנקוקן...

— איך קען די שטאָט.

— פון דער הויך איז זי שענער...

איינגראָבנדיק די נעזלעך פון די שיך אין שניי, איז ער פּאַוואָלי אַוועק הינטערן קלויסטער, און איך האָב אים טרויעריק נאָכגעקוקט און מיט שרעק געטראַכט: האָט ער באמת אַ שפּאַס געמאַכט, דער אַלטינקער, אָדער איז ער אונטערגעשיקט פון באַלעבאָס מיך אויסצופּרובירן? איך האָב מורא געהאַט צו גיין אין געשעפט.

אויפן הויף איז אַרויסגעשפּרונגען סאַשע און גענומען שרייען:

— וואָס טוסטו דאָרט צום שוואַרץ-יאָר!

איך האָב אויפגעהויבן אויף אים די אָפּצווייינגען אַן אָנגעצונדענער מיטאַמאָל.

איך האָב געוווּסט, אַז ער מיטן גזעזל באַגנבענען דעם באַלעבאָס: זיי פלעגן באַהאַלטן אַ פּאָר שיך אָדער טופלעס אין קוימען פון אויוון און, נאָכדעם, גייענדיק אַהיים, אַריינגערוקט אין אַרבל פון מאַנטל. דאָס איז מיר נישט געווען צום האַרצן און האָט מיך געשראָקן — איך האָב גוט פאַרגעדענקט דעם באַלעבאָס התראה.

— דו גנבעסט? האָב איך געפרעגט סאַשען.

— נישט איך, נאָר דער עלטערער געזעל — האָט ער מיר שטרענג דערקלערט — איך העלף אים נאָר. ער בעט — העלף מיר צו. איך מוז פאָלגן, אַנישט קאָן ער מיר מיאוס אָפּטון. פ-ש, באַלעבאָס! ער אַליין איז אַ געוועזענער געזעל, ער פאַרשטייט אַלץ. און דו שווייג!

רעדנדיק, האָט ער געקוקט אין שפּיגל און צורעכט געמאַכט דעם שניפּס מיט דיזעלביקע באַוועגונגען פון די אומנאַטירלעך אָנגעשטעלטע פינגער, וואָס דאָס האָט געמאַכט דער עלטערער געזעל. ער פלעגט אָן אויפהער אַרויסווייזן זיין בכורה און זיין ממשלה איבער מיר, פלעגט שרייען אויף מיר מיט זיין גראָבער שטים און, באַפעלנדיק מיר, פלעגט ער אַזוי אויסשטרעקן זיין האַנט, ווי צום אָפּשטויסן. איך בין געווען העכער פאַר

אים, שטאַרקער, נאָר ביינערדיק און אומגעלומפּערט, ער פאַר־קערט אַ געפּאַקטער, אַ ווייכּינקער און אַ פעטינקער. אין זיין סורדוטל מיט די אַראָפּגעלאָזענע הויזן, האָט ער מיר אויסגעוויזן צו זיין זייער אַן אָנגעזעענער און אַ שטאַלטנער. עס איז אָבער אין אים געווען עפּעס אַזוינס נישט אָנגענעמעס, לעכערלעכעס. ער האָט פיינט געהאַט די קעכין, עפּעס אַ מאָדנע פרוי, שווער געווען צו באַנעמען, צי איז זי אַ גוטע, צי אַ שלעכטע.

— מער ווי אַלץ אויף דער וועלט האָב איך ליב שלעגע־רייען. — פלעגט זי זאָגן, ברייט צעעפנענדיק אירע שוואַרצע ברענענדיקע אויגן. — מיר איז אַלץ איינס וואָס פאַר אַ געשלעג: צי עס שלאָגן זיך הענער, הינט צי פויערים — מיר איז דאָס אַלץ איינס!

און ווען אויפן הויף פלעגט זיך אָנהויבן אַ רייסעניש צווישן הענער אָדער טויבן, פלעגט זי וואַרפן די אַרבעט, און שטייענדיק אין פענסטער, קוקן ביז צום סוף אַ טויבע און אַ שטומע. אין אָוונט פלעגט זי זאָגן צו מיר מיט סאַשען:

— וואָס זיצט איר, קינדערלעך, גלאַט אַזוי, אָט נעמט בעסער און צעקיילט זיך!

סאַשע ווערט בייז!

— איך בין דיר נישט קיין קינד, דו נאַר איינע, כ'בין דער צווייטער געזעל!

— נו, איך זע דאָס נישט. ביי מיר איז מען ביז צו דער חתונה אַ קינד!

— אָט אַ גלאָמפּ, אַ קאָפּ פון אַ גולם!

— דער טייוול איז קלוג, האָט אים אָבער גאָט פיינט...

מיט אירע ווערטלעך פלעגט זי סאַשען באַזונדערס דער־צאָרענען. ער פלעגט זיך רייצן מיט איר, און זי פלעגט מיט פאַראַכטונג אים קרום אָנקוקן און זאָגן:

— עי, דו טאַראַקאַן, גאָטס פאַרזעעניש!

נישט איינמאָל האָט ער מיר אָנגערעדט, איך זאָל איר אין שלאָף באַשמירן דאָס פּנים מיט שוואַקס אָדער סאַזשע, אָנ־שטעקן אין איר קישן שפּילקעלעך, אָדער אויף אַן אַנדער אופן

איר „אָפּטון". איך האָב אָבער מורא געהאַט פאַר דער קעכין. אגב, האָט זי געהאַט אַ לייכטן שלאָף; אָפּט אויפכאַפּנדיק זיך; זי שטייט אויף, צינדט אָן אַ לאָמפּ, זעצט זיך אויפן בעט און קוקט ערגעץ ווייט אין ווינקל אַריין. אַמאָל פלעגט זי קומען צו מיר הינטערן אויוון, מיך אויפוועקן און בעטן מיט אַ הייזערי-קער שטים:

— ס'שלאָפט זיך מיר נישט, לעקסייקע, כ'האָב עפּעס מורא, רעד מיט מיר אַ ביסל.

פון שלאָף פלעג איך איר עפּעס דערציילן, און זי איז גע-זעסן אַ שווייגנדיקע און האָט זיך געשאָקלט. מיר פלעגט זיך דאַכטן, אַז איר הייסער קערפּער שמעקט מיט וואַקס און ווייראך און זי וועט באַלד שטאַרבן. אָט טאָקע אפשר באַלד וועט זי אַ פאַל טון מיטן פּנים צו דער ערד און וועט שטאַרבן. פון שרעק פלעג איך אָנהויבן רעדן הויך, זי פלעגט מיר אָבער אי-בעררהאַקן:

— שש! זיי וועלן זיך נאָך אויפכאַפּן, די רזרים, וועלן נאָך מיינען, אַז דו ביסט מיין געליבטער...

זי פלעגט שטענדיק זיצן נעבן מיר אין איין פּאָזע: איינ-געבויגן, די הענט צווישן די קני, פּעסט צודריקנדיק זיי מיט די שאַרפע קנאָכן פון די פיס. קיין ברוסט האָט זי נישט גע-האַט, און אפילו דורך דעם גראָבן לייוונטענעם העמד, פלעגן אַרויסשטאַרצן אירע זשעברעס, ווי רייפן אויף אַ צעטרוקנטער פאַס. זי זיצט אַ צייט שווייגנדיק און פלוצלינג מורמלט זי אַרויס:

— אַזאַ אומעט... כאָטש לייג זיך און שטאַרב...

אָדער זי טוט אַ פרעג עמעצן:

— נו, זיך דערלעבט — האַ?

— שלאָף! — האָט זי געזאָגט איבעררהאַקנדיק מיר אינמיטן די רייד, זיך אויסגעגלייכט און ווי אַ שאָטן צערונען אין דער פינסטערניש פון קיך.

— מכשפה! — פלעגט איר סאַשע רופן אונטער די אויגן.

איך האָב אים פאַרגעלייגט:

— פּרוביר דאָס איר זאָגן אין די אויגן.

— מיינסט אוודאי, כ׳וועל מורא האָבן?
נאָר תיכף פלעגט ער פאַרקנייטשן דעם שטערן און זאָגן:
— ניין, אין די אויגן וועל איך איר דאָס נישט זאָגן! אפשר איז זי טאַקע באמת אַ מכשפה...
קוקנדיק אויף אַלעמען מיט ביטול און רגזה, פלעגט זי מיך אויך גאָר און גאָר נישט שאַנעווען, — זעקס אינדערפרי פלעגט זי מיך אַ ריס טון פאַרן פוס און שרייען:
— גענוג צו פּאָפּן! טראָג אָן האָלץ! שטעל אָן דעם סאַמאָוואַר! שייל אָן קאַרטאָפל!...
סאַשע פלעגט זיך אויפכאַפּן און נודיען:
— וואָס גוואַלדעוועסטו? כ׳וועל זאָגן דעם באַלעבאָס, מ׳קאָן נישט שלאָפן...
אַרומלויפנדיק גיך איבער דער קיך מיט אירע דאַרע פיס, האָט זי אים פון ווייטן אָנגעקוקט מיט אירע אַנטצונדענע, נישט אויסגעשלאָפענע אויגן:
— אוי, דו גאָטס פאַרזעעניש! ווען דו וואָלסט געווען מיין שטיפזון, וואָלט איך דיר צעקנייפּן.
— ארורה! — פלעגט זי זידלען סאַשע און, גייענדיק אין געשעפט, פלעגט ער מיר איינרעדן: — מ׳דאַרף מאַכן מ׳זאָל זי אַרויסטרייבן. שטילערהייט אין אַלץ צעשיטן זאַלץ, — און אַז ס׳וועט אַלץ זיין איבערגעזאַלצן, וועט מען זי אַרויסטרייבן. און אפשר גאָר נאַפט אַריינגיסן! וואָס גענעצסטו?
— און דו?
ער האָט בייז אַ ברום געטון:
— פחדן!
די קעכין איז געשטאָרבן פאַר אונזערע אויגן: זי האָט זיך אָנגעבויגן אויפצוהייבן דעם סאַמאָוואַר און פלוצלינג זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּאָדלאָגע, פּונקט ווי עמעצער וואָלט זי אַ זעץ געטון אין האַרצן, דערנאָך האָט זי זיך שווייגנדיק אַ לייג געטון אויף אַ זייט, אויסשטרעקנדיק די הענט אויף פאָרנט, און פון איר מויל האָט זיך באַוויזן בלוט.
מיר האָבן ביידע גלייך פאַרשטאַנען, אַז זי איז געשטאָרבן,

נאָר די שרעק האָט אונז געהאַלטן אין קלעם, מיר האָבן לאַנג געקוקט אויף איר, נישט זייענדיק בכוח אַרויסצורעדן אַ וואָרט. ענדלעך האָט זיך סאַשע האַסטיק אַ לאָז געטון פון קיך, און איך, נישט ווייסנדיק וואָס מ׳טוט, האָב זיך צוגעשפּאַרט צום פענסטער. דער באַלעבאָס איז געקומען, האָט זיך צוגעזוצט אויף די שפּיץ פינגער, האָט אַ טאַפּ געטון דער קעכינס פּנים מיטן פינגער, און געזאָגט:

— טאַקע געשטאָרבן... וואָס איז די מעשה?

און ער האָט זיך אָנגעהויבן צלמען אין ווינקל, אַנטקעגן דער איקאָנע פון ניקאָלע דעם בעל-מופת און, נאָך דער תפילה, האָט ער אין פירהויז אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל:

— קאַשירין, לויף, זאָג אָן שוין דער פּאָליציע.

דער פּאָליציאַנט איז געקומען, זיך אַ ביסל געדרייט אויף אַן אָרט, באַקומען „אויף טיי" און איז אַוועק; דערנאָך איז ער ווידער געקומען מיט אַ לאַסט-פורמאַן. זיי האָבן אָנגענומען די קעכין פאַרן קאָפּ און פאַר די פיס און האָבן זי אַרויסגעטראָגן אין דרויסן. די באַלעבאָסטע האָט אַרויסגעקוקט פון פירהויז און האָט מיר באַפוילן:

— וואַש אָפּ די פּאָדלאָגע!

און דער באַלעבאָס האָט געזאָגט:

— גוט, וואָס זי איז געשטאָרבן אין אָוונט...

איך האָב נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי גוט. אַז מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן, האָט סאַשע צו מיר געזאָגט עפּעס מאָדנע הכנהדיק:

— לעש נישט אויס דעם לאָמפּ.

— האָסט מורא?

ער האָט זיך איינגעדעקט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ און איז לאַנג געלעגן שווייגנדיק. די נאַכט איז געווען אַ שטי-לע, ווי זי וואָלט זיך צו עפּעס צוגעהאָרכט, אויף עפּעס גע-וואַרט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט באַלד, אין אַ רגע אַרום, וועט אַ זעץ טון אין די גלאָקן, און אין שטאָט וועט פּלוצלינג ווערן אַ צוזאַמענלויף, מענטשן וועלן שרייען פאַרכאַפּ

טע פון ווילדער אימה.

סאַשע האָט אַרויסגערוקט די נאָז פון אונטער דער קאָל-דרע און האָט שטילערהייט פאַרגעלייגט:

— לאָמיר זיך לייגן ביידע אויפן אויוון.

— אויפן אויוון איז הייס.

אַ ווײַלע שווייגנדיק האָט ער געזאָגט:

— ווי איז זי דאָס מיטאַמאָל, האַ? אָט האָסטו אַ מכשפה... איך קאָן נישט איינשלאָפן...

— איך קאָן אויך נישט.

ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן פון מתים, וואָס פאַרלאָזן די קברים און שלענדערן ביז האַלבע נאַכט איבערן שטאָט, זוכן, ווו זיי האָבן אַמאָל געוווינט און ווו עס וווינען זייערע קרובים.

— די מתים געדענקען נאָר די שטאָט,—האָט ער שטילערהייט גערעדט — די גאַסן און די הייזער געדענקען זיי שוין נישט.

ס'איז געוואָרן אַלץ שטילער, עפּעס אַזוי ווי פינסטערער. סאַשע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געפרעגט:

— ווילסט, לאָמיר באַקוקן מיין קופערט?

מיר האָט זיך שוין לאַנג געוואָלט וויסן, וואָס באַהאַלט ער דאָרטן אין קופערט. ער פלעגט אים פאַרשליסן אויף אַ הענג-שלעסל, און עפענען פלעגט ער אים שטענדיק עפּעס מיט אַ באַזונדער פאָרזיכט, און, ווען איך פלעג פּרובירן כאַפּן אַ בליק אין קופערט, פלעגט ער גראָב פרעגן

— וואָס דאַרפסטו דאָ, האַ?

אַז איך האָב מסכים געווען, האָט ער זיך געזעצט אויפן בעט, נישט אַראָפּלאָזנדיק די פיס אויף דער פּאָדלאָגע, און מיט אַ באַפעלערישן טאָן מיר געהייסן אַוועקשטעלן דעם קופערט אויפן בעט, ביי זיינע פיס. דער שליסל איז ביי אים געהאָנגען אויף אַ קייטעלע צוזאַמען מיטן צלמל. באַקוקנדיק די פינסטערע ווינקלען פון קיך, האָט ער זיך מיט אַ חשובער מינע אָנגעברוגזט, אויפגעשלאָסן דאָס שלעסל, אָפּגעבלאָזן דעם שטויב פון קופערט-דעק, ווי ער וואָלט געווען הייס, און ענדלעך, אויפעפענענדיק

אַרויסגענומען עטלעכע פּאָר וועש.

אַ האַלבער קופּערט איז געווען אָנגעפּולט מיט אַפּטייק-שאַכטעלעך, מיט פּעקלעך קאָלירטע פּאַפּיר, מיט בלעכענע פּוש-קעלעך פון שוואַקס און סאַרדין.

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— וועסט שוין זען!

ער האָט אַרומגעכאַפּט מיט די פיס דעם קופּערט, האָט זיך איינגעבויגן איבער אים, זינגענדיק פאַר זיך:

— אָ, גאָט אין הימל!

כ׳האָב געמיינט איך וועל דאָרט דערזען שפּילצייג; כ׳האָב קיינמאָל קיין שפּילצייג נישט געהאַט און האָב לפנים וועגן גע-קוקט דערויף מיט פאַראַכטונג, נאָר אין האַרצן האָב איך אַ ביסל מקנא געווען יענעם, וואָס האָט זיי פאַרמאָגט. איך האָב שטאַרק הנאה געהאַט, וואָס סאַשע, אַזאַ סאָלידער, האָט צאַצקעס; הגם ער באַהאַלט זיי שעמעוודיק, איז מיר די דאָזיקע בושה פונ-דעסטוועגן געווען פאַרשטענדלעך.

ער האָט געעפנט דאָס ערשטע שאַכטעלע און האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַ רעמל פון ברילן, האָט עס אָנגעטון אויפן נאָז, מיך שטרענג אָנגעקוקט און געזאָגט:

— דאָס מאַכט נישט אויס, וואָס אָן גלעזלעך, דאָס איז שוין אַזאַ סאָרט בריל!

— גיב מיר אַ קוק טון!

— זי פּאַסט נישט פאַר דיינע אויגן, זי פּאַסט נאָר פאַר טונקעלע אויגן, און דיינע זענען העלע — האָט ער דערקלערט און מעשה באַלעבאָס אַ גרילץ געטון, נאָר תיכף מיט שרעק אַרומגעקוקט די גאַנצע קיך.

אין דעם שוואַקס-שאַכטעלע זענען געלעגן אַ סך פאַרשי-דענע קנעפּ, — ער האָט מיר מיט גאווה דערקלערט:

— כ׳האָב זיי אַלע אויפגעקליבן אויפן גאַס! איינער אַליין שוין גאַנצע זיבן און דרייסיק...

אין דריטן קעסטעלע זענען געווען גרויסע מעשענע שפּיל-קעס, אויך אָנגעקליבענע אין גאַס, דערצו שוסטערשע פּאָדקע-

וועס אָפּגעריבענע, צעבראָכענע און גאַנצע, שפּראָנצקעס פון שיך און טופלעס, אַ מעשן הענטל פון אַ טיר, אַ צעבראָכןביינערן הענטל פון אַ שטעקל, אַ מיידלש האָר־קעמעלע, אַ „פּותר חלומות״ און נאָך אַ סך זאַכן פון זעלבן ווערט.

אַמאָל, בשעת איך בין געווען אַ קלויבער פון שמאַטעס און ביינער, וואָלט איך אין איין חודש געקאָנט אָנקלויבן אַזוינע, משטיינס געזאָגט, חפצים צען מאָל אַזוי פיל. סאַשעס זאַכן האָבן אַרויסגערופן ביי מיר אַ געפיל פון אַנטוישונג, בושה און טיפן רחמנות צו אים. ער האָט אָבער אויפמערקזאַם באַקוקט איטלעכע שמאַטקע פון אַלע זייטן, מיט ליבע געגלעט עס מיט די פינגער. זיינע גראָבע ליפּן זענען געווען שטאָלץ אָנגעשטעלט, די קיילעכדיקע גרויסע אויגן האָבן געקוקט מיט ליבע און זאָרג. נאָר די בריל האָט געמאַכט לעכערלעך זיין קינדעריש פנים.

— צו וואָס דאַרפסטו עס?

ער האָט לייכט אַ בליק געטון אויף מיר דורכן רעמעלע פון דער בריל און מיט אַ געבראָכענעם דיסקאַנט אַ פרעג געטון:

— ווילסט, וועל איך דיר עפּעס שענקען?

— ניין, מ׳דאַרף נישט...

ער איז, קענטיק, באַליידיקט, געווען פון מיין אָפּזאָג און פון דעם, וואָס איך בין ווייניק נתפעל פון זיין עשירות. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דאַן שטיל פאַרגעלייגט:

— נעם אַ האַנטוך, לאָמיר אַלץ איבערווישן, שוין שטאַרק פאַרשטויבט געוואָרן...

ווען אַלע זאַכן זענען געווען איבערגעווישט און צוזאַמענגעלייגט, האָט ער זיך אַריינגעקוליעט אין בעט מיטן פנים צו דער וואַנט. אין דרויסן האָט גערעגנט, עס האָט געקאַפּעט פון די דעכער, אין די פענסטער האָט זיך געטאָרעט דער ווינט.

נישט אומקערנדיק זיך צו מיר, האָט סאַשע געזאָגט:

— וואַרט, ווען אין סאָד וועט טרוקענער ווערן, וועל איך דיר עפּעס ווייזן — וועסטו נשתומם ווערן!

איך האָב פאַרשוויגן און זיך געלייגט שלאָפן.

עס זענען אַוועק עטלעכע מינוט, פּלוצלינג איז ער אויף.

געשפרונגען און, דראַפּענדיק מיט די הענט אָן וואַנט, האָט ער מיט אַ דערשרעקנדיקער זיכערקייט אָנגעהויבן צו רעדן:

— איך האָב מורא... אָ, גאָט, איך האָב מורא! זיי מיר מוחל גאָט! וואָס איז דאָס אַזוינס?

איך בין שטום געוואָרן פון שרעק — מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אין דרויסן ביים פענסטער שטייט מיטן רוקן צו מיר די קעכין, איינגעבויגן דעם קאָפּ, אָנגעשפּאַרט מיטן שטערן צו דער שויב, אָט אַזוי ווי זי פלעגט שטיין אַ לעבעדיקע, און געקוקט, ווי די הענער שלאָגן זיך.

סאַשע האָט געיאָמערט, דראַפּענדיק די וואַנט, דריגענדיק מיט די פיס. ווי איבער הייסע קוילן, בין איך קוים מיט מאַטערניש, נישט אַרומקוקנדיק זיך, דורכגעגאַנגען די קיך און זיך געלייגט נעבן אים.

אָנגעוויינט זיך ביז מיר זענען מיד געוואָרן — און איינגעשלאָפן.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָכדעם, איז געווען עפּעס אַ יום-טוב, די קראָמען זענען געווען אָפן נאָר ביז האַלבן טאָג, מיטאָג האָט מען געגעסן אין דער היים, און ווען די באַלעבאַטים האָבן זיך נאָך מיטאָג געלייגט שלאָפן, האָט מיר סאַשע סודותדיק געזאָגט:

— לאָמיר גיין!

איך האָב זיך משער געווען, אַז באַלד וועל איך דערזען דאָס, פון וואָס איך וועל נשתומם ווערן.

מיר זענען אַרויס אין סאָד. אויף אַ שמאָלן פּאַס צווישן צוויי הייזער זענען געשטאַנען אַ פּופצן אַלטע ליפּעס, די ריזיקע שטאַמען זענען געווען באַדעקט מיט אַ גרינער וואַטע פון לישאַיעס, די שוואַרצע, נאַקעטע צווייגן האָבן אַרויסגעקוקט טויט, קיין איינציקער נעסט פון קראָען איז נישט געווען צווישן זיי. די בוימער זענען געשטאַנען, ווי מצבות אויפן פעלד. אויסער די ליפּעס איז אין סאָד גאָרנישט געווען, נישט קיין קוסטעס, נישט קיין גראָז; די ערד אויף די סטעזשקעס איז געווען שטייף איינגעטראָטן און שוואַרץ, ווי טשוגון. דאָרט, וווּ

עס קוקן אַרויס נאַקעטע שטיקער פון צווישן די פּאַראַיאָריקע פאַרפוילטע בלעטער, איז זי באַדעקט מיט שימל, ווי אַ שטייענ-דיק וואַסער.

— סאַשע איז אַוועק הינטער אַ ווינקל, צום פּאַרקאַן פון גאַס צו, איז שטיין געבליבן אונטער אַ ליפּע און אויסגלאָצנדיק די אויגן, אַ קוק געטון אויף די מוטנע פענסטער פון שכנותדיקן הויז. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף די קני, פונאַנדערגעגראָבן מיט די הענט אַ קופּע בלעטער, עס האָט זיך באַוויזן אַ גראָבער וואָרצל און לעבן אים צוויי ציגל, טיף אַריינגעגראָבן אין דער ערד. ער האָט זיי אויפגעהויבן, — אונטער זיי איז געלעגן אַ שטיק דאַך-אייזן, אונטערן אייזן — אַ פירקאַנטיק ברעטעלע, און צום סוף האָב איך דערזען פאַר זיך אַ גרויסן לאָך, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אונטערן וואָרצל.

סאַשע האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, דערנאָך אַ שטיקל וואַקסענע ליכט, האָט עס אַריינגערוקט אין לאָך און געזאָגט צו מיר:

— קוק! האָב נאָר קיין מורא נישט...

און אַליין האָט ער, קענטיק, מורא געהאַט: דאָס שטיקל ליכט האָט אין זיין האַנט געציטערט, ער איז בלאַס געוואָרן, מיאוס פונאַנדערגעעפנט די ליפּן, זיינע אויגן זענען געוואָרן פייכט, און שטילערהייט האָט ער אָפּגערוקט די ליידיקע האַנט הינטער דער פּלייצע. זיין שרעק האָט זיך מיר איבערגעגעבן. כ׳האָב זייער פאָרזיכטיק אַריינגעקוקט אין לאָך, אונטערן וואָרצל— דער וואָרצל איז געווען, ווי אַ געוועלב איבער אַ הייל — און אינעווייניק אין דער טיפקייט האָט סאַשע אָנגעצונדן דריי פייער-לעך, זיי האָבן אָנגעפולט די הייל מיט אַ בלויער שיין. זי איז געווען אַ גאַנץ היפּשע, ווי אַן עמער די טיף, נאָר ברייטער, אין די זייטן איז זי געווען אויסגעלייגט מיט פאַרשידענע קאָ-לירטע שטיקלעך גלאָז און שערבלעך פון טיי-געשיר. אינמיטן אויף אַ ביערגל, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ שטיקל רויטן פּורפּור, איז געשטאַנען אַ קליינער ארון, אַרומגעקלעפּט מיט בליי-פּאַפּיר. ביז אין העלפט איז דער ארון געווען צוגעדעקט עפּעס

מיט אַ מין קאָלירטן שטאָף. פון אונטערן צודעק האָבן אַרויס-געקוקט גראָע פייגלשע לאַפּקעלעך און אַ שפּיציק שנאָבלדיק קעפּעלע פון אַ וואָראָבייטשיק. הינטערן ארון איז אַן עמוד, אויף אים איז געלעגן אַ מעשענער לייב-צלמל און אַרום עמוד האָבן געברענט דריי וועקסענע ליכטלעך אַריינגעשטעקט אין לייכטער, איינגעוויקלטע אין גאָלד-און זילבער-פּאַפּיר פון צוקערקעס.

די שפּיצן פלעמעלעך האָבן זיך גענייגט צו דער עפענונג פון הייל; אינעווייניק האָבן טונקל שעמערירט אַלערליי פאַרביקע פונקען און פלעקן. אַ ריח פון וואַקס, פון וואַרעמער פוילעניש מיט ערד האָט מיר אַ שלאָג געטון אין פּנים. פאַר די אויגן האָט מיר געפינקלט, געטאַנצט אַ צעשטיקלטער רעגן-בויגן, האָט אויפגעוועקט אין מיר אַ שווערן, אַ דריקנדיקן געפיל פון חידוש, דערשטיקט אין מיר דעם פּחד.

— פיין, האַ? — האָט געפרעגט סאַשע.

— צו וואָס איז דאָס?

— אַ קאַפּעלע? — האָט ער מיר דערקלערט — נישט אמת?

— כ'וויס נישט.

— און דער וואָראָביי — דער בר מינן! ער וועט אפשר ווערן אַ הייליקער, ווייל ער איז אומשולדיק אומגעקומען אַ קדוש...

— האָסטו אים געפונען אַ טויטן?

— ניין, ער איז אַריינגעלאָפן אין שייער, האָב איך אים צוגעדעקט מיטן היטל און דערשטיקט.

— פאַרוואָס?

— אַזוי זיך...

ער האָט מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן און האָט ווידער אַ פרעג געטון?

— גוט אַזוי?

— ניין!

דאַן האָט ער זיך איינגעבויגן צו דער הייל, האָט זי גיך פאַרדעקט מיט אַ ברעט, אַריינגעזעצט מיט אַן אייזן די ציגל אין דער ערד, האָט זיך אויפגעשטעלט, אָפּגערייניקט דעם שמוץ פון

די קני און שטרענג געפרעגט:
— פאַרוואָס געפעלט דיר עפּעס נישט?
— אַ רחמנות אויפן וואָראָבײ.
ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט שטאַרע אויגן, ווי אַ בלינ-דער, האָט מיר דערלאַנגט אַ שטויס אין האַרצן און אויסגע-שריגן:
— טפש! דאָס זאָגסטו נאָר פון קנאה, וואָס דיר געפעלט נישט! מײנסט אוודאי ביי דיר אין סאָד, אויף דער קאַנאַטנער גאַס, איז געווען בעסער געמאַכט?
איך האָב זיך דערמאָנט אָן מיין ביידל און האָב מיט אַ בטיחות געענטפערט.
— אוודאי, בעסער!
סאַשע האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיין סורדוטל אויף דער ערד, פאַרקאַשערט די אַרבל, אָנגעשפּיגן אין די הענט און האָט פאָרגעלייגט:
— אויב אַזוי — קום זיך שלאָגן!
שלאָגן זיך האָב איך נישט געהאַט קיין חשק, איך בין געווען אָפּגעשוואַכט און דערשלאָגן פון אומעט, מיר איז געווען נישט אָנגענעם אָנצוקוקן דעם ברודערס בייז פנים.
ער האָט אַ שפּרונג געטון צו מיר, האָט מיר דערלאַנגט אַ זעץ מיטן קאָפּ אין האַרצן, אַנידערגעלייגט, געזעצט רייטנדיק אויף מיר און געשריגן:
— אויף לעבן און טויט!
נאָר איך בין געווען שטאַרקער פאַר אים און בין זייער בייז געוואָרן, אין אַ ווײַלע אַרום איז ער געלעגן מיטן פנים אַראָפּ, די הענט פאַרלייגט אונטערן קאָפּ און געכריפּעט. אין שרעק האָב איך אָנגעהויבן אים אויפצוהייבן, ער האָט זיך אָבער געווערט מיט די הענט און מיט די פיס, שרעקנדיק מיך אַלץ מער. איך בין אָפּגעטראָטן אין אַ זייט, נישט געוווסט, וואָס צו טון, און ער האָט, אויפהויבנדיק דעם קאָפּ, גערעדט:
— נו, וואָס, בייגעקומען? אָט, איך וועל זיך דאָ וואַלגערן ביז די באַלעבאַטים וועלן מיך דערזען, און דעמאָלט וועל איך

אַלץ דערציילן, און ער וועט דיך אַרויסיאָגן!

ער האָט מיך געזידלט און געשראָקן; זיינע ווערטער האָבן מיך אַריינגעבראַכט אין צאָרן, איך האָב זיך אַ לאָז געטון צו דער הייל, אַרויסגענומען די שטיינער, דעם ארון מיטן וואָ־ראָביי האָב איך אַריבערגעשליידערט אויף יענער זייט פּאַרקאַן, די גאַנצע הייל אינעווייניק האָב איך צעריסן און פּאַרטראָטן מיט די פיס.

— אָט האָסטו דיר, זעסט?

סאַשע האָט זיך עפּעס מאָדנע באַצויגן צו מיין ווילדע־ווען; זיצנדיק אויף דער ערד מיט אַ האַלב אָפן מויל און פּאַר־צויגענע ברעמען, האָט ער צוגעקוקט, נישט רעדנדיק קיין וואָרט, און נאָכדעם ווי איך האָב געענדיקט, האָט ער זיך געלאַסן אויפגעשטעלט, האָט זיך אָפּגעטרייסלט, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דאָס סורדוטל און געזאָגט רויק און מיט דראָענדיקער רוגזה.

— איצט וואַרט נאָר אַ ביסל, וועסט שוין זען, וואָס ס'וועט זיין! דאָס, האָב איך דאָך בכיוון געמאַכט פאַר דיר, דאָס איז דאָך אַ כישוף אַזאַ! אַהאַ?...

איך האָב זיך ממש אַראָפּגעלאָזט, ווי אַ דערשלאָגענער פון זיינע ווערטער, אַ קעלט האָט מיך אַדורכגענומען, און ער איז אַוועק, זיך נישט אומקוקנדיק, און מיט זיין רויקייט נאָך שטאַר־קער מיך דערדריקט.

איך האָב באַשלאָסן גלייך אויף מאָרגן אַנטלויפן פון שטאָט, פון באַלעבאָס, פון סאַשען מיט זיין כשוף, און פון דעם דאָזיקן גאַנצן נודנעם, נאַרישן לעבן.

אויף מאָרגן, ווען די נייע קעכין האָט מיך אויפגעוועקט, האָט זי אַ געשריי געטון:

— טאַטע אין הימל, זע סאַר אַ פּאַרצוף דו האָסט?

„דער כישוף האָט זיך אָנגעהויבן" — האָב איך אַ טראַכט געטון אַ דערשלאָגענער.

זי האָט אָבער אַזוי געקייכט פון געלעכטער, אַז איך האָב אויך נישט ווילנדיק אַ שמייכל געטון און אַריינגעקוקט אין

איר שפּיגעלע: מיין פּנים איז געווען אינגאַנצן אויסגעשמירט אין סאַזשע.

— דאָס האָט סאַשע געמאַכט?

— ווער דען — איך! — האָט מיט חוזק געשריגן די קעכין.

איך האָב זיך גענומען פּוצן די שיך, און ווי איך האָב אַריינגערוקט די האַנט אין שוך, האָט זיך מיר אַריינגעשטאָכן אַ שפּילקע אין פינגער.

— אָט איז דער כּישוף!

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע שיך זענען געווען אָנגעשטעקט מיט שפּילקעס און נאָדלען, און אַזוי קונציק, אַז זיי האָבן מיר אַריינגעשטאָכן אין האַנט. דאָ האָב איך געכאַפּט אַ קרוג מיט קאַלט וואַסער און מיט גרויס הנאה אַרויפגעגאָסן אויפן קאָפּ דעם מכשף, וואָס האָט זיך נאָך נישט אויפגעכאַפּט פון שלאָף אָדער כּלומרשט זיך געמאַכט שלאָפנדיק.

און פונדעסטוועגן האָב איך זיך געפילט נישט גוט: מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט דער קבר מיטן וואָראָבייִ, גראָע צונויפגעקאָרטשעטע לאַפּקעס און פון אויבן דאָס טרויעריק שטאַרצנדיקס וואַקסן שנעבעלע, און אַרום — אַן אומאויפהערלעך שימערירן פון קאָלירטע פונקען — גלייך ווי אַ רעגנבויגן האַלט ביים אויפפלאַקערן און קאָן נישט. דער קבר האָט זיך פונאַנדערגעדרייט, די נעגל פון פויגל זענען געוואַקסן, זיך געצויגן און געציטערט, אויפלעבנדיק.

איך האָב באַשלאָסן צו אַנטלויפן נאָך הייַנטיקן אָוונט, נאָר פאַרמיטאָג, אָנוואַרעמענדיק אויף דער נאַפט-מאַשינקע אַ פענדל מיט באָרשט, האָב איך זיך פאַרחלומט, און דער באָרשט איז אויסגעלאָפן. אַז איך האָב אָנגעהויבן צו פאַרלעשן דאָס פייער, האָב איך איבערגעקערט דאָס טעפּל באָרשט אויף די הענט, און מען האָט מיך אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל.

איך געדענק דעם דריקנדיקן קאָשמאַר פון שפּיטאָל: אין אַ געלער, אַ ציטערנדיקער פּוסטקייט האָבן בלינד געווימלט, געדרייט זיך, געמורמלט און געקרעכצט גרויע און ווייסע פיגורן אין תּכריכים. אַ לאַנגער מענטש מיט ברעמען, פונקט ווי וואָנצעס, איז אַרומגעגאַנגען אויף קוליעס, געטרייסלט מיט אַ לאַנגער

שוואַרצער באָרד און האָט געברומט צופּייפנדיק:

— איך וועל פאַרמסרן דעם הייליקן בישאָף!

די בעטלעך האָבן אויסגעזען, ווי קבֿרים, די קראַנקע, ליגנדיק מיט די נעזער אַרויף, זענען ענלעך געווען צו טויטע וואָראָבייטשיקעס. עס האָבן זיך געוויגט די געלע ווענט, די סטעליע האָט זיך אויסגעבויגן, ווי אַ זעגל, די פּאָדלאָגע האָט זיך געוויגט, פונאַנדערגערוקט און צונויפגערוקט די רייען בעטלעך. אַלץ איז געווען אומזיכער, אימהדיק, און הינטער די פענסטער האָבן געטאָרטשעט די צווייגן פון בוימער, פונקט ווי ריטער, און עמעצער האָט מיט זיי געטרייסלט.

אין טיר האָט אונטערגעטענצלט אַ געלער, דאַרינקער מת-געצופּט מיט זיינע קורצינקע הענטלעך די תּכריכים און גע-קוויטשעט:

— איך דאַרף נישט קיין משוגעים!

און דער מענטש אויף די קוליעס האָט אים געגוואַלדע-וועט אין קאָפּ אַריין:

— כ'וועל דעם הייליקן בישאָף...

דער זיידע, די באָבע און איבערהויפּט אַלע פלעגן שטענ-דיק זאָגן, אַז אין שפּיטאָל פאַרמאָרעט מען מענטשן — און איך האָב געמיינט, אַז ס'איז שוין געקומען אַ סוף צו מיינע יאָרן. עס איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ פרוי אין ברילן, אויך אָנגעטון אין ווייסן, האָט עפּעס אָנגעשריבן אויף אַ שוואַרצן טאָוול ביי מיר צוקאָפּנס — די קרייד האָט זיך צעבראָכן, און די שטיקלעך האָבן זיך צעשאָטן אויף מיין קאָפּ.

— ווי רופט מען דיך? — האָט זי געפרעגט.

— כ'ווייס נישט.

— אָבער אַ נאָמען האָסטו דאָך?

— ניין.

— מאַך זיך נישט נאַריש, אַנישט וועט מען שמייסן!

איך בין סיי ווי סיי זיכער געווען, אַז מ'וועט מיך שמייסן און דעריבער איר נישט געענטפערט.

זי האָט עפּעס אַ ציש געטון, ווי אַ קאַץ, און שטיל ווי אַ קאַץ אַוועקגעגאַנגען.

מ׳האָט אָנגעצונדן צוויי לאָמפּן, זייערע געלע פּלעמלעך זענען געבליבן הענגען אונטער דער סטעליע, ווי עמעצנס פאַר-לוירענע אויגן, הענגען זיי און ווינקען, בלענדנדיק פאַרדראָסיק, און ציען זיך נענטער איינס צום צווייטן.

אין ווינקל האָט עמעצער געזאָגט:

— שפּילן מיר אפשר אין קאָרטן?

— ווי קאָן איך אָן אַ האַנט?

— אַהאַ, מ׳האָט דיר אָפּגעשניטן די האַנט!

איך האָב מיך גלייך משער געווען: אָט — האָט מען אָפּ-געשניטן אַ מענטשן די האַנט, ווייל ער האָט געשפּילט אין קאָרטן. און וואָס וועט מען מיט מיר טון, איידער מ׳וועט מיך פאַרמאָרען?

די הענט האָבן מיר געברענט און געצופּט, ווי עמעצער וואָלט אַרויסגעצויגן די ביינער פון זיי. פון שרעק און ווייטיק האָב איך שטיל אָנגעהויבן וויינען, און, כדי צו באַהאַלטן די טרערן — האָב איך פאַרמאַכט די אויגן, נאָר די טרערן האָבן דורכגעשפּאַרט דורך די וויעס און גערונען איבער די שלייפן, פאַרקריכנדיק אין די אויערן.

ס׳איז אָנגעקומען די נאַכט, אַלע האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין די בעטלעך, באַהאַלטנדיק זיך אונטער די גרויע קאָלדרעס. עס איז געוואָרן אַלץ שטילער און שטילער, בלויז אין ווינקל האָט עמעצער געמורמלט:

— ס׳וועט גאָרנישט זיין דערפון, ער — איז אַ פאַסקודניק

— און זי אויך...

כ׳וואָלט אָנגעשריבן דער באָבען אַ בריוו, אַז זי זאָל קו-מען מיך אַרויסנעמען פון שפּיטאָל, כל זמן איך לעב נאָך, נאָר כ׳קען נישט שרייבן — די הענט דינען נישט און ס׳איז נישטאָ אויף וואָס. אפשר גאָר פּרובירן, צי וועט זיך נישט איינ-געבן צו אַנטרינען ווערן פון דאַנען?

די נאַכט איז וואָס ווייטער אַלץ טויטער געוואָרן, אַזוי ווי זי וואָלט זיך דאָ באַזעצט אויף אייביק. כ׳האָב שטיל אַראָפּ־געלאָזן די פיס אויף דער פּאָדלאָגע, בין צוגעגאַנגען צו דער טיר, אַ העלפט פון איר איז געווען אָפן. — אין קאָרידאָר, אונטער אַ לאָמפּ, אויף אַ הילצערנער באַנק מיט אַ ווענטל, האָט געסטאַרטשעט און געראויכערט אַ גרויער קאָפּ מיט האָר, אָנקוקנדיק מיך מיט זיינע טונקעלע אויגן־לעכער. איך האָב נישט באַוויזן זיך צו באַהאַלטן.

— ווער שלענדערט דאָ אַרום? קום אַהער!

די שטים איז נישט קיין בייזע, אַ שטילע. איך בין צוגעגאַנגען, אָנגעקוקט דאָס רונדע פּנים, וואָס איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט קורצע האָר, — אויפן קאָפּ זענען זיי געווען לענגער און צעפּלאָשעט אין אַלע זייטן, איינפּאַסנדיק אים אין אַ ראַם פון זילבערנע שראַלעכלעך.ביי זיין גורט איז געהאָנגען אַ בונט מיט שליסלען. ווען ער וואָלט געהאַט אַ באָרד, און זיינע האָר וואָלטן געווען לענגער, — וואָלט ער אויסגעזען, ווי דער אַפּאָסטאָל פּיאָטר.

— אַ, די אָפּגעקאָכטע הענט? האַ, מיט וואָס פּאַר אַ רעכט שלענדערט אַזוינער אַרום ביינאַכט?

ער האָט מיר אַ בלאָז געטון אויפן ברוסט און אין פּנים מיט אַ געדיכטן רויך, האָט מיך מיט אַ וואַרעמער האַנט אַרומגענומען ביים האַלז און צוגעצויגן צו זיך.

— האָסט מורא?

— כ׳האָב מורא!

— דאָ האָבן אַלע מורא פון אָנהויב. אָבער מורא האָבן — איז נישטאָ וואָס. איבערהויפּט מיט מיר — איך לאָז קיינעם קיין בייז נישט טון... ווילסט רויכערן? ניין, רויכער נישט. עס איז נאָך צו פרי פּאַר דיר, וואַרט אַ פּאָר יאָר. און טאַטע־מאַמע ווו זענען? נישטאָ קיין טאַטע־מאַמע! נו, מילא — דאַרף מען נישט. וועלן מיר לעבן אָן זיי, נאָר האָב קיין מורא נישט! פאַרשטייסט?

איך האָב שוין לאַנג קיין מענטשן נישט געזען, וואָס קאָנען רעדן פּראָסט און פריינטלעך, מיט פּשוטע פאַרשטענדלעכע

ווערטער — ס'איז מיר ממש אַ מחיה געווען צו הערן אים.

ווען ער האָט מיך צוגעפירט צו מיין בעטל, האָב איך אים געבעטן:

— זיץ אַ ביסל מיט מיר!

— גוט. — האָט ער מסכּים געווען.

— דו — ווער ביסטו?

— איך? אַ סאָלדאַט, אַן עלטער קאַווקאַזער סאָלדאַט, און געווען אויף דער מלחמה, ע, — ווי דען? דער סאָלדאַט לעבט דאָך פאַר דער מלחמה. געשלאָגן זיך מיט די אונגאַרן, מיטן טשערקעס, מיטן פויל — וויפל דו ווילסט. אַ מלחמה, ברודערל, איז אַ גרויסע נבלה!

איך האָב אויף אַ ווײַלע צוגעמאַכט די אויגן, און ווען איך האָב זיי ווידער אויפגעמאַכט, איז אויפן סאָלדאַטס אָרט געזעסן די באָבע אין אַ טונקל קלייד, און ער איז געשטאַנען לעבן איר און גערעדט.

— אַזוי, אַלע געשטאָרבן, אַזוי?

אין פאַלאַטע האָט געשפּילט די זון, — פאַרפלייצט אַ רגע אַלץ מיט גאָלד און באַהאַלט זיך און גיט ווידער העל און ליכ-טיק אַ בליק אויף אַלץ, פונקט ווי אַ קינד, וואָס שטיפט.

די באָבע האָט זיך אָנגעבויגן צו מיר און געפרעגט!

— נו וואָס, מיין טייבעלע? מ'האָט דיך צעמזיקט? איך האָב אים געזאָגט, דעם געלן שד...

— באַלד מאַך איך אַלץ ווי דער געזעץ הייסט, האָט גע-זאָגט דער סאָלדאַט אַוועקגייענדיק, און די באָבע האָט, אָפּווישנ-דיק די טרערן פון פּנים, געזאָגט:

— ווייזט זיך אַרויס אַן אונזעריקער, אַ באַלאַכאָנער סאָל-דאַט...

מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז עס איז אַ חלום און איך האָב געשוויגן. איז געקומען אַ דאָקטאָר, האָט מיר איבערגע-בונדן מיינע ווונדן און אָט — פאָר איך מיט דער באָבען אי-בער די גאַסן פון שטאָט. זי דערציילט:

— און אונזער זיידע — גייט שוין גאָר אַראָפּ פון זינען,

אַזוי גייציק געוואָרן — אַ נישט־גוטקייט צוצוקוקן! און דאָ האָט נאָך דערצו ביי אים דער קירזשנער, דער כליסט פון תהילים אַרויסגעגנבעט אַ הונדערט־רובלדיקע, דער נייער פריינט זייערער, אַי, האָט ער זיך געקאַכט, נו, נו!

די זון שיינט העל, איבערן הימל שווימען די וואָלקנס, ווי ווייסע פויגלען, מיר גייען אויף אַ בריקל איבער דער וואָלגע, דער אייז קרעכצט און בלעזלט זיך, דאָס וואַסער פליושקעט אונטער די שטיינער פון די בריקלעך. אויפן פליישיקרויטן סאָבאָר אויפן מאַרק ברענען די גאָלדערנע צלמים. עס גייט אונז אַנטקעגן אַ ברייט־פּנימדיקע פויערטע מיט אַ בינטל אַטלעסענע ווערבע-צווייגלעך אין די הענט — דער פרילינג קומט, באַלד איז שוין פּסחא!

דאָס האַרץ פלאַטערט ווי אַ זשאַוואָראָנעק.

— איך האָב דיך זייער ליב, באָבעשי!

דאָס האָט איר נישט פאַרחידושט, מיט אַ רויקער שטים האָט זי מיר געזאָגט:

— הערסטו, מיין ליבער, דאָס איז דערפאַר, זאָג איך דיר — איך נעם זיך דערמיט נישט איבער, — ווייל מיך האָבן אויך פרעמדע ליב, אַ דאַנק דיר, מוטער הייליקע!

שמייכלענדיק, האָט זי צוגעגעבן:

— אָט — וועט זי זיך דאָס באַלד דערפרייען, דער זון שטייט אויף תחית־המתים און וואַרינקע, מיין טאָכטערל...

און איז אַנטשוויגן...

II

דער זיידע האָט מיך באַגעגנט אויפן הויף — ער האָט מיט דער האַק געטעסעט עפּעס אַ קלין, שטייענדיק אויף די קני. ער האָט אויפגעהויבן די האַק, פונקט ווי ער וואָלט בדעה געהאַט אַראָפּצולאָזן זי איבער מיין קאָפּ, און אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל, האָט ער געזאָגט מיט אַ חוזק טאָן:

—אַ גוט־מאָרגן אייך, מיין הויכגעשעצטער, וואַשע באלאַ־

גאָראָדיע! זיך אויסגעדינט? נו, איצט לעבט שוין, ווי איר פאַרשטייט, יאָ! אַי, איר...

— מ׳ווייסט שוין, מ׳ווייסט שוין — האָט גיך אַרויסגע־רעדט די באָבע, אָפּטרייסלענדיק זיך פון אים, אַריין אין צי־מער און, אָנשטעלנדיק דעם סאַמאָוואַר, האָט זי דערציילט:

— איצט — האָט ער זיך, דער זיידע דיינער, אינגאַנצן בדיל־הדל געשטעלט; דאָס גאַנצע געלט זיינס פלעגט ער געבן ניקאָלאַיען אויף פּראָצענט און קיין קוויטלעך האָט ער, קענ־טיק, נישט גענומען ביי אים — איך ווייס נישט ווי דאָרטן איז ביי זיי געווען, נאָר — בדיל הדל איז מען געוואָרן, פאַרלוירן דאָס געלט. און אַלץ צוליב דעם, וואָס מיר פלעגן נישט געבן קיין אָרעמע לייט, נישט רחמנות געהאַט אויף אומגליקלעכע — האָט זיך דער רבונו של עולם געטראַכט: פאַרוואָס און פאַר־וועו האָב איך די קאַשירינס אָנגעלאָדן מיט אַזויפיל גוטס? — און האָט אַלץ צוגענומען צוריק...

זי האָט זיך אַרומגעקוקט און צוגעגעבן:

— איך ווענד שוין אָן אַלע כחות, מפצה צו זיין דעם רבונו של עולם, אַז ער זאָל נישט אַזוי באַדריקן דעם אַלטן — כ׳האָב איצט אָנגעהויבן אָפּצושפּאָרן פון מיין אַרבעט אויף „מתן בסתר” און צעטייל עס ביי דער נאַכט. אָט, ווילסט, קום היינט — כ׳האָב געלט...

דער זיידע איז אַריין, פאַרזשמורעט די אויגן, געפרעגט:

— מ׳גרייט זיך פרעסן?

— ס׳איז נישט דיינע, — האָט געענטפערט די באָבע — עס וועט קלעקן אויף פאַר דיר, זעץ זיך, אויב דו ווילסט.

ער האָט זיך געזעצט צום טיש און געזאָגט שטיל:

— גיס אַריין...

אין צימער איז אַלץ געווען אויף אַן אָרט, בלויז דער מאַמעס ווינקל האָט טרויעריק געפּוסטעוועט, און אויפן וואַנט, איבער דעם זיידנס בעט, איז געהאָנגען אַ בויגן פּאַפּיר מיט גרויסע געדרוקטע אותיות:

„שיץ אונז דו איינציק לעבעדיקער יעזוס! זאָל דיין היי־

ליקער נאָמען זיין מיט מיר, כל זמן מיין נשמה איז אין מיר".

— ווער האָט דאָס געשריבן?

דער זיידע האָט נישט געענטפערט; אָפּוואַרטנדיק אַ ווייַ-לע, האָט די באָבע געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— אָט דאָס פּאַפּירל קאָסט הונדערט רובל!

— נישט דיין עסק! האָט אַ געשריי געטון דער זיידע — איך וועל אַלץ צעטיילן פאַר פרעמדע לייט!

—שוין נישטאָ, וואָס צו טיילן, בשעת עס איז געווען — האָסטו נישט צעטיילט. — האָט די באָבע רויק געזאָגט.

— שווייג! — האָט דער זיידע אַ קוויטש געטון.

— דאָ איז אַלץ אין אָרדנונג, אַלץ ווי געווען.

אין ווינקל אויפן קאַסטן, אין וועש-קאָרב האָט זיך אויפ-געכאַפּט קאָליע און אַרויסגעקוקט פון דאָרט — די בלויע שפּעלט-לעך פון די אויגן זעט מען קוים אַרויס פון אונטער די ברע-מען. ער איז געוואָרן נאָך גרויער, אָפּגעלאָזענער, צעקראַכענער; ער האָט מיך נישט דערקענט, האָט זיך אָפּגעקערט שווייגנדיק און פאַרמאַכט די אויגן.

די גאַס האָט אויף מיר געוואַרט מיט טרויעריקע נייעס: וויאַכיר איז געשטאָרבן; אין דער פּאָסט-וואָך האָט אים אַ ווינט-מיל דערשטיקט; כאַבי איז אַוועק אין שטאָט אַריין, ביי יאַזען האָבן אָפּגענומען די פיס, ער גייט נישט אַרויס אין גאַס. דער שוואַרצאויגיקער קאסטראמא האָט מיר אָנגעזאָגט די אַלע נייעסן און בייז געזאָגט:

— עפּעס זייער גיך שטאַרבן זיי איצט די יינגלעך.

— געשטאָרבן איז דאָך נאָר איין וויאַכיר?

— אַלץ איינס, ווער עס איז אַוועק פון גאַס, איז אויך פּונקט ווי געשטאָרבן. דו באַוויזסט נאָך נישט צו באַקענען זיך ווי געהעריק, איידער דו געוויינסט זיך נאָך צו, נעמט מען און מ'גיט אָפּ דעם חבר צו דער אַרבעט, אָדער ער שטאַרבט אַוועק. דאָ ביי אייך אויפן הויף, ביי טשעסנאָקאָוון — וווינען שוין נייע — עווסייענקעס, ניושקע — נישקשה פון אַ יאַטל, אַ פלינ-קער! צוויי שוועסטער האָט ער, איינע נאָך אַ קליינע, די אַנ-

דערע אַ הינקעדיקע, אויף אַ קוליע, אַ שיינע!
ער האָט אַ טראַכט געטון און געזאָגט:
— איך מיט טשורקען, ברודער לעבן, האָבן זיך פאַרליבט אין איר, רק מיר קריגן זיך.
— מיט איר?
— פאַרוואָס? צווישן זיך, מיט איר — זעלטן!
איך געוויינלעך האָב געוווסט, אַז גרויסע בחורים און אפילו פויערים פאַרליבן זיך, כ'האָב אויך געוווסט, די גראָבע באַדייטונג דערפון. מיר איז עפּעס געווען נישט צום האַרצן, אַ רחמנות אויף קאַסטראָמען, ס'איז עפּעס נישט גוט געווען צו קוקן אויף זיין קאַנטיקן קערפּער, אויף זיינע שוואַרצע בייזע אויגן.
דאָס הינקעדיקע מיידל האָב איך דערזען דעם זעלבן אָוונט. אַראָפּגייענדיק פון גאַניק אויפן הויף, איז ביי איר אַרויס־געפאַלן די קוליע און זי איז געבליבן שטיין אַן אומבאַהאָלפע־נע אויף די טרעפּ, אָנהאַלטנדיק זיך מיט אירע דורכזיכטיקע הענט אָן דעם פּאָרענטש פון די טרעפּ, אַ דינינקע און שוואַ־כינקע. איך האָב געוואָלט אויפהויבן די קוליע, אָבער מיינע פאַרבאַנדאַזשירטע הענט האָבן מיר נישט געדינט. איך האָב זיך לאַנג געפּאָרעט און געכעסט, און זי, שטייענדיק פון אויבן, האָט שטיל געלאַכט:
— וואָס איז מיט דיינע הענט?
— אָפּגעבריט.
— און איך אָט — הינק. ביסט פון דעם הויף? ביסט לאַנג געלעגן אין שפּיטאָל? אָ, איך בין דאָרט לאַ־אַנג געלעגן!
זי האָט זיך אָפּגעזיפצט און צוגעגעבן:
— זייער לאַנג!
זי האָט געטראָגן אַ ווייס קליידל מיט בלאָע פּאָדקעווע־לעך, אַן אַלטינקס אָבער אַ ריינס. אירע גלאַט פּאַרקעמטע האָר זענען אַראָפּגעהאָנגען פון פאָרנט פאַרפלאָכטן אין אַ דיקן, קורצן צאָפּ. אירע אויגן — גרויסע, ערנסטע, אין זייער רויקער טיפקייט האָט געברענט אַ בלוי פייערל, באַלייכטנדיק איר מאָגער, שפּי־

ציק פנימל. זי האָט חנוודיק געשמייכלט, נאָר ביי מיר האָט זי נישט אויסגענומען. דאָס גאַנצע קרענקלעכע פיגורל אירס האָט ווי געזאָגט:

— נישט רירט מיך אָן, איך בעט אייך!

ווי אַזוי האָבן זיך די חברים געקאָנט פאַרליבן אין איר?

— איך קרענק שוין פון לאַנג אָן, האָט זי גערן דערציילט, פונקט ווי זי וואָלט זיך דערמיט איבערגענומען. מיך האָט אַ שכנה פאַרכישופט, זי האָט זיך צעקריגט מיט דער מאַמען און האָט מיך פאַרכישופט איר אויף צופיקעניש... אין שפּיטאָל — איז אַ מורא צו זיין?

— יאָ...

ס׳איז מיר געווען מיט איר נישט באַקוועם, בין איך אַוועק אין צימער.

אַרום האַלבע נאַכט האָט מיך די באָבע צערטלעך אויפגעוועקט.

— וואָס, מיר גייען? וועסט העלפן לייטן — וועלן דיינע הענט גיכער געזונט ווערן.

זי האָט מיך גענומען ביי דער האַנט און געפירט אין דער פינסטער, ווי אַ בלינדן. די נאַכט איז געווען אַ פינסטערע, אַ פייכטע, דער ווינט האָט אָנאויפהערלעך געבלאָזן, גלייך אַ טייך וואָלט האַסטיק געפלאָסן, דער קאַלטער זאַמד האָט געצופּט ביי די פיס. די באָבע האָט זיך פאָרזיכטיק גענעערט צו די פינסטערע פענסטער פון די באַלעבאַטישע הייזלעך, דריי מאָל זיך איבערגעצלמט, איבערגעלאָזן אויף די פענסטער ברעטלעך צו פינף קאָפּיקעס און צו דריי בייגל, ווידער איבערגעצלמט זיך, קוקנדיק צום שטערנלאָזן הימל און געשעפּטשעט:

— הייליקע מוטער אין הימל! העלף די מענטשן. אַלע זענען זינדיק קעגן דיר, מאַמע הייליקע!

וואָס ווייטער מיר זענען אַוועק פון דער היים, אַלץ שטומער און טויטער איז געוואָרן אַרום. דער נאַכטיקער הימל איז געווען טיף פאַרזונקען אין חשך, גלייך ווי ער וואָלט אויף אייביק שוין באַהאַלטן די לבנה און די שטערן. פון ערגעץ האָט

זיך אַרויסגעקאָלערט אַ הונט, האָט זיך אָפּגעשטעלט קעגן אונז און געברומט, זיינע אויגן פינקלען אין דער פינסטערניש — איך האָב זיך שרעקעדיק צוגעטוליעט צו דער באָבען.

— ס'איז גאָר נישט, — האָט זי געזאָגט — ס'איז פּשוט אַ הונט, ס'איז איצט נישט די צייט פאַר נישט-גוטע, ס'איז צו שפּעט, די הענער האָבן שוין געקרייט!

זי האָט פאַרמאַניעט צו זיך דאָס הינטל, אים אַ גלעט געטון און געעצהט:

— זע, הינטל, שרעק נישט מיין אייניקל!

דאָס הינטל האָט זיך געטוליעט צו מיינע פיס, און ווייטער זענען מיר שוין געגאַנגען זאַלבעדריט. צוועלף מאָל איז די באָבע צוגעגאַנגען צו הייזלעך, איבערלאָזנדיק ביי די פענסטער דעם „מתן בסתר"; ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן, פון דער פינסטערניש זענען אַרויסגעוואַקסן גרויע הייזער, ס'האָט זיך אַרויסגעהויבן דער קופּאָל פון דעם צוקער-ווייסן נאַפּאָלנעם קלויסטער; דער ציגלנער פאַרקאַן פון בית עולם איז שיטער געוואָרן, ווי אַן אויסגעריבענע ראָגאָזשע.

— שוין פאַרמאַטערט די אַלטע, — האָט די באָבע געזאָגט — שוין צייט אַהיים גיין! עס וועלן זיך מאָרגן אויפכאַפּן די ווייבער, און די הייליקע מוטער האָט שוין די קינדערלעך זייערע פאַרזאָרגט מיט עפּעס! אַז מ'האָט גאָר נישט — איז עפּעס אויך אַ זאַך. עך, עך, אַליאָשע, אָרעם לעבט דאָס פאָלק. און קיינער זאָרגט זיך נישט פאַר אים.

דער רייכער טראַכט נישט וועגן גאָט,
עס שרעקט אים נישט דער יום-הדין.
פון אָרעמאַן טוט ער זיך פאַרהוילן.
ער טראַכט נאָר וואָס מער גאָלד צו שאַרן.
זאָל ס'גאָלד אים ברענען אין גיהנום ווי קוילן!

— אָט אַזוי איז דאָס! לעבן דאַרף מען — איינער פאַרן צווייטן. דער אויבערשטער — פאַר אַלעמען! און איך בין צופרידן, וואָס דו ביסט ווידער מיט מיר צוזאַמען...

איך בין אויך עפּעס רויק און צופרידן טראַכטנדיק, אַז

איך בין אויך געוואָרן אַ שותּף צו עפּעס אַזוינס, וואָס איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן. לעבן מיר האָט זיך געטרייסלט אַ גע-לער הונט מיט אַ פּיקסן-מאָרדע און מיט גוטע שולדיקע אויגן.

— ער וועט זיין ביי אונז?

— נו, פאַרוואָס נישט? זאָל ער זיך זיין, אויב ער וויל. אָט וועל איך אים געבן אַ בייגל, כ'האָב נאָך צוויי — לאָמיר זיך זעצן אויף אַ בענקל, כ'בין עפּעס פאַרמאַטערט...

מיר האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק נעבן טויער, דער הונט האָט זיך אויסגעצויגן נעבן אונזערע פיס, גריזשענדיק דעם האַרטן בייגל, און די באָבע האָט דערציילט:

— אָט דאָ וווינט אַן אַלטע יידענע, האָט זי ניין קינדער, איינס קלענער פאַרן אַנדערן. פרעג איך זי: טאָ ווי זשע לעבסטו משהכּע? זאָגט זי: כ'לעב מיט גאָטס חסד — מיט וואָס זאָל איך לעבן?

איך האָב זיך צוגעטוליעט צו דער באָבעס וואַרעמער זייט און בין איינגעשלאָפן.

* *
*

ווידער האָט אָנגעהויבן דאָס לעבן פליסן גיך און געדיכט, אַריינברענגענדיק יעדן טאָג אין דער נשמה אַ ברייטן שטראָם פון נייע איינדרוקן, וועלכע האָבן אַנטציקט, באַאומרויקט, באַ-ליידיקט און געוועקט דעם צו טראַכטן.

אינגיכן האָב איך אויך אָנגעהויבן צו שטרעבן מיט אַלע כּוחות וואָס עפּעטער צו זען דאָס הינקעדיק מיידל, רעדן מיט איר, אָדער שווייגנדיק זיצן מיט איר אויפן בענקל ביים טויער.

— מיט איר איז אויך שווייגן געווען ווויל און גוט, געווען איז די אַ ריינינקע, ווי אַ פייגעלע, און פלעגט אַ מחיה-שיין דערציילן וועגן לעבן פון די דאָנער קאָזאַקן: דאָרט האָט זי לאַנג גע-ווינט ביי אַ פעטער, אַ מאַשיניסט פון אַן אייל-פאַבריק, שפּע-טער איז איר פאָטער, אַ שלאָסער, אַריבערגעפאָרן קיין ניזשני.

— און נאָך איין פעטער האָט זי, אַ צווייטן, דינט ער ביים סאַמע קייסער.

אין די חגא-אָוונטן פלעגט די גאַנצע באַפעלקערונג פון גאַס זיך אַרויסלאָזן „הינטערן טויער". בחורים און מיידלעך פלעגן זיך אַוועקלאָזן אויפן בית עולם זינגען אין קאַראַהאָד, די פויערים פלעגן זיך פונאַנדערגיין אין די שענקען, און אין גאַס פלעגן איבערבלייבן בלויז ווייבער און קליינוואַרג. די ווייבער פלעגן זיך צעזעצן אויפן הוילן זאַמד אָדער אויף די בענקביים טויער, און עס איז אַוועק אַ ליאַרעם און אַ געוואַלד און שפּאַרעניש, און די קינדער האָבן אָנגעהויבן שפּילן אין באַהעלטעניש, אין קליפּ-קלאַפּ א. א. די מאַמעס פלעגן זיך צוקוקן צו די שפּילן, צוגעבנדיק מוט די פלינקע שפּילער און אָפּלאַכנדיק פון די שוואַכע. עס איז געווען טומלדיק ביז צום טויב ווערן און אָן אַ שיעור פריילעך. דאָס, וואָס די „גרויסע" זענען דערביי בייגעווען און האָבן זיך צוגעקוקט און זיך אינטערעסירט מיט אונז קליינוואַרג — האָט אַריינגעטראָגן אין אַלע אונזערע שפּילן אַ באַזונדער לעבעדיקייט און היציקע קאָנקורענץ. נאָר ווי שטאַרק מיר אַלע דריי — קאָסטראָמע, טשורקע און איך, זענען נישט געווען אַריינגעטון אין שפּיל, פלעגט פּאַרט איינער פון אונז אַלע ווײַלע צולויפן צו דער הינקעדיקער מיידל מיט אַ באַרימעריי:

— האָסטו געזען, לודמילע, ווי איך האָב אַלע פינף אַרויסגעזעצט פון „שטאָט"?

זי האָט פריינטלעך געשמייכלט, צושאָקלענדיק עטלעכע מאָל כסדר מיטן קאָפּ.

פריער האָט אונזער חברה שטענדיק געשפּילט צוזאַמען. איצט האָב איך באַמערקט, ווי טשורקע און קאָסטראָמע שפּילן אין באַזונדערע פּאַרטיעס, קאָנקורירנדיק מיט אַלע כוחות איינער קעגן אַנדערן אין פלינקייט און גבורה, אָפּט אפילו ביז צו אַ געראַנגל. איינמאָל האָבן זיי זיך אַזוי ווילד צעשלאָגן, אַז דערוואַקסענע האָבן זיך געמוזט אַריינמישן, און די שונאים האָט מען געמוזט פונאַנדעררייסן, אָפּגיסנדיק זיי מיט וואַסער, ווי די הינט.

ליודמילע האָט, זיצנדיק אויף דער באַנק, געטופּעט מיטן געזונטן פוס, און ווען די קריגער פלעגן זיך צוקייקלען צו איר,

פלעגט זי זיי אָפּשטויסן מיט דער קוליע, אויסשרייענדיק מיט שרעק:

— הערט אויף!

איר פּנים איז געווען בלוי-בלאַס, די אויגן אויסגעלאָשן און פאַרגלאָצט, פּונקט ווי ביי „קליקושעס"...

אַ צווייט מאָל, ווען קאַסטראָמע האָט מיאוס פאַרשפּילט ביי טשורקען, האָט ער זיך באַהאַלטן הינטער אַ קאַסטן האָבער אין אַ בשמים קרעמל, ער האָט זיך דאָרט אַוועקגעזעצט אויף די שפּיץ-פינגער און שטילערהייט זיך פונאַנדערגעוויינט. — ס'איז געווען כמעט שרעקלעך: ער האָט פעסט פאַרקוועטשט די ציי-נער, די סקולעס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט, זיין ביינערדיק פּנים איז פאַרשטיינערט געוואָרן, און פון די שוואַרצע אומעטיקע אויגן האָבן זיך געקייקלט גרויסע שווערע טרערן. ווען איך האָב אים אָנגעהויבן טרייסטן, האָט ער כליפּענדיק געשעפּטשעט:

— וואַרט... איך וועל אים נאָך געבן מיט אַ ציגל איבערן קאָפּ... ער וועט שוין זען!...

טשורקע האָט זיך אָנגעהויבן גרויס האַלטן, פלעגט גיין איבערן מיטן גאַס, ווי עס גייען חתנים, דער דאַשעק אויף אַ זייט, די הענט אין די קעשענעס; האָט זיך אויסגעלערנט צו שפּייען וואַזשנע דורך די ציינער און האָט צוגעזאָגט:

— אינגיכן לערן איך זיך אויס רויכערן. כ'האָב שוין פּרובירט אַ פּאָר מאָל, נאָר ס'איז מיר נישט גוט געוואָרן.

מיר איז דאָס אַלץ נישט געפעלן געווען. איך האָב גע-פילט, אַז איך פאַרליר אַ חבר. און מיר האָט זיך געדוכט, אַז שולדיק דערין איז לודמילע.

איינמאָל אין אָוונט, ווען איך האָב פונאַנדערגעקליבן אויפן הויף די אָנגעקליבענע ביינער און אַלערליי שמאַטעס, — איז צו מיר צוגעגאַנגען ליודמילע, קוליענדיק און מאַכנדיק מיט דער רעכטער האַנט.

— אַ גוטן אָוונט, — האָט זי געזאָגט, צושאָקלענדיק עט-לעכע מאָל מיטן קאָפּ. — איז קאַסטראָמע געגאַנגען מיט דיר?

— יאָ.

— און — טשורקע?

— טשורקע חברט זיך מיט אונז נישט. דאָס איז אַלץ צוליב דיר, זיי האָבן זיך פאַרליבט אין דיר און — רייסן זיך...

זי איז רויט געוואָרן און מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— נאַ דיר אַ מעשה! וואָס בין איך שולדיק?

— טאָ פאַרוואָס מאַכסטו זיי זאָלן זיך פאַרליבן אין דיר?

— איך האָב זיי נישט געבעטן, זיי זאָלן זיך איינליבן! — האָט זי געזאָגט מיט רוגזה און איז אָפּגעטראָטן, רעדנדיק: —דאָס זענען אַלץ נאַרישקייטן. איך בין עלטער פאַר זיי, — איך בין פערצן יאָר אַלט. אין עלטערע מיידלעך פאַרליבט מען זיך נישט...

— ווייסטו טאַקע אַ סך! — האָב איך אויסגעשריגן, „כדי זי צו באַליידיקן. — אָט די קרעמערקע, כלייסטאָווס שוועסטער, שוין גאָר אַן אַלטע, און זע ווי זי הענגט זיך אויף בחורים.

ליודמילע איז ווידער צוגעגאַנגען צו מיר, אַריינשטעקנדיק איר קוליע טיף אין זאַמד.

—דו ווייסט אַליין גאָרנישט,—האָט זי גערעדט אויף גיך, מיט אַ וויינענדיקער שטים, און אירע ליבע אויגן האָבן זיך שיין צעפלאַקערט. — די קרעמערקע איז אַן אויסוואורף. און איך — בין איך אפשר אַזאַ? איך בין נאָך אַ קליינע, מיך טאָר מען נישט אָנרירן, קנייפּן און אַלץ... אָט דו וואָלסט איבערגעלייענט דעם ראָמאַן „קאַמטשאַדאַלקאַ“, דעם צווייטן טייל, וואָלסטו דעמאָלט גערעדט!

זי איז אַוועק, כליפּענדיק. איך האָב רחמנות געהאַט אויף איר—אין אירע רייד האָב איך דערפילט עפּעס אַן אומבאַקאַנטן אמת. פאַרוואָס קנייפּן זי מיינע חברים? און זאָגן נאָך — זיי זענען פאַרליבט...

אויף מאָרגן, וועלנדיק פאַרגלעטן מיין שולד קעגן ליודמילען, האָב איך איר געקויפט פאַר עטלעכע קאָפּיקעס לע-קעכלעך און „קאַנדל צוקער“, וועלכן זי האָט האָלט געהאַט, ווי איך האָב שוין געוווּסט.

— ווילסטו?

זי האָט כּלומרשט מיט כּעס אַרויסגערעדט:

— גיי אַוועק, איך האָב מיט דיר קיין עסק נישט!

נאָר תּיכּף האָט זי צוגענומען די לעקעכלעך און באַמערקט:

— וואָלסט כאַטש איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּירל — סאַראַ שמוציקע הענט דו האָסט!

— איך — האָב זיי געוואַשן, אָבער זיי וואַשן זיך שוין נישט אָפּ.

זי האָט אָנגענומען מיט איר טרוקענער הייסער האַנט מיין האַנט און אָנגעקוקט.

— האָסט זיי איבערגעפּירט...

— און ביי דיר זענען די פינגער צעשטאָכן...

— דאָס איז פון דער נאָדל, איך ניי אַ סך...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך אַרומגעקוקט און מיר פאָרגעלייגט:

— לאָמיר זיך ערגעץ באַהאַלטן און לייענען „קאַמטשאַ-דאַלקאַ", ווילסט?

לאַנג האָבן מיר געזוכט — ווו זיך צו באַהאַלטן, אומעטום איז עפּעס געווען אומבאַקוועם. דערנאָך האָבן מיר באַשלאָסן, אַז די בעסטע זאַך איז אין פאָרהויז פון באָד: דאָרט — איז פינ-סטער, מ׳קאָן זיך אָבער זעצן ביים פענסטער, וואָס גייט אַרויס אין אַ שמוציקן ווינקל, צווישן שייער און דער שכנותדיקער שלאַכט-שטוב, זעלטן ווער עס קוקט אַהין אַריין.

און אָט זיצט זי, מיטן זייט צום פענסטער, דעם קראַנקן פוס אויסגעצויגן אויף אַ באַנק, דעם געזונטן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, זיצט פאַרדעקט דאָס פּנים מיטן צעשאָטענעם בוך, און רעדט אַרויס מיט האַרץ אַ סך אומפאַרשטענדלעכע און לאַנג-ווײַליקע ווערטער. נאָר איך — בין אויפגערעגט. זיצנדיק אויף דער ערד, זע איך, ווי אירע ערנסטע אויגן לויפן, ווי צוויי בלויע פייערלעך, איבער די בלעטער פון בוך, און אָפּט באַ-פייכט זיי אַ טרער. איר שטים ציטערט, אַרויסרעדנדיק אויף גיך די אומבאַקאַנטע ווערטער און אומפאַרשטענדלעכע זאַצן. פון דעסטוועגן כאַפּ איך זיי, די ווערטער, וויל פון זיי מאַכן גראַ-

מען, צעדריי זיי אויף אַלערליי אופנים — און דאָס שטערט מיר שוין לחלוטין צו פאַרשטיין וועגן וואָס דאָ ווערט דערציילט אין בוך.

ביי מיר אויף די קני דרימלט דער הונט, איך רוף אים — וינט, ווייל ער איז אַ לאַנגער, אַ האָריקער, לויפט שנעל און ברומט, ווי דער האַרבסט-ווינט אין קוימען.

— דו הערסט? — פרעגט דאָס מיידל. איך שאָקל צו שווייגנדיק מיטן קאָפּ. דער מישמאַש פון די ווערטער רעגט מיך אַלץ מער אויף, אומרויקער ווערט אַלץ מיין פאַרלאַנג צו-נויפצושטעלן זיי אַנדערש, ווי אין אַ ליד, ווו יעדעס וואָרט לעבט פאַר זיך און ברענט, ווי אַ שטערן אין הימל.

ווען ס'איז געוואָרן טונקל, האָט לודמילע, אַראָפּלאָזנדיק איר ווייס-געוואָרענע האַנט פון בוך, געפרעגט:

— הא, ס'איז גוט? זעסט...

פון דעם אָוונט אָן פלעגן מיר אָפט זיצן אין פאָדערהויז פון באָד. צו מיין גרויס הנאה האָט זיך לודמילע באַלד אָפּגע-זאָגט צו לייענען „קאמטשאדאלקע". איך האָב איר נישט גע-קאָנט ענטפערן וועגן וואָס דאָרט רעדט זיך אין דעם בוך, וואָס איז געווען אָן אַן עק און אָן אַ סוף, ווייל נאָך דעם צווייטן טייל, פון וועלכן מיר האָבן אָנגעהויבן, איז געווען נאָך אַ דרי-טער, און אַפילו אַ פערטער, ווי זי האָט מיר געזאָגט.

באַזונדערס גוט און ווויל איז אונז געווען אין די רעגנ-דיקע טעג, אויב דער רעגן פלעגט נאָר נישט זיין שבת, ווען מ'האָט געהייצט די באָד.

אין דרויסן גיסט אַ רעגן — קיינער וועט נישט אַרויס אויפן הויף, נישט אַריינקוקן צו אונז, אין אונזער טונקעלן ווינקל, לודמילע האָט זייער מורא געהאַט, מ'זאָל אונז נישט „כאַפּן".

— ווייסט, וואָס מ'וועט מיינען? — פלעגט זי שטיל פרעגן.

איך האָב געוווּסט און האָב אויך מורא געהאַט, מ'זאָל אונז נישט „כאַפּן". מיר פלעגן אָפּזיצן שעהן לאַנג און רעדן, אַמאָל פלעג איך דערציילן די באָבעס מעשות, און לודמילע — פון

דעם לעבן פון די קאָזאַקן אויפן טייך מעדוועדיצע.

— אַ, ווי גוט דאָרט איז! — האָט זי זיך אָפּגעזיפצט — און דאָ — וואָס? דאָ איז נאָר אַ לעבן פאַר קבצנים...

איך האָב באַשלאָסן, אַז ווען איך וועל אויסוואַקסן, וועל איך אומבאַדינגט גיין אָנקוקן די מעדוועדיצע.

באַלד האָבן מיר זיך אויפגעהערט צו נויטיקן אין פּאָדער-הויז פון באָד: לודמילעס מוטער האָט באַקומען אַרבעט ביי אַ קירזשנער און פלעגט גלייך אינדערפרי אַוועקגיין פון שטוב, דאָס שוועסטערל האָט זיך געלערנט אין שול, דער ברודער האָט געאַרבעט אויף אַ קאַכלזאַוואָד. אין רעגנדיקע טעג פלעג איך קומען צו דעם מיידעלע, פלעג איר העלפן קאָכן, אויפראַמען דאָס צימער און די קיך, זי פלעגט לאַכן:

— מיר לעבן מיט דיר, ווי מאַן און ווייב, נאָר שלאָפן, שלאָפן מיר באַזונדער. אייגנטלעך לעבן מיר נאָך בעסער — די מענער העלפן נישט די פרויען...

אַז איך האָב געהאַט געלט, פלעג איך קויפן גוטע זאַכן, מיר פלעגן טרינקען טיי, דערנאָך פלעגן מיר אָפּקילן דעם סאַ-מאָוואַר מיט קאַלט וואַסער, כדי לודמילעס מאַמע, די שרייער-קע, זאָל זיך נישט כאַפּן, אַז מיר האָבן אים אָנגעוואַרעמט. אָפּט-מאָל פלעגט צו אונז קומען די באָבע, פלעגט זיצן, שטריקן קרייזלעך, אָדער אויסנייען און דערציילן דערביי וווּנדער-שיינע מעשות, און ווען דער זיידע פלעגט אַוועקגיין אין שטאָט, פלעגט זיך לודמילע פאַרקלייבן צו אונז און מיר פלעגן הוליען אָן זאָרג.

— אוי, לעבן מיר דאָס גוט. פאַרן אייגענעם גראָשן — קאָנסטו מאַכן וואָס דו ווילסט!

זי פלעגט אונטערהאַלטן אונזער פריינטשאַפט.

— אַז אַ יינגל מיט אַ מיידל לעבן גוט — איז גאַנץ פיין! אָבער צעלאָזן זיין טאָר מען נישט...

און מיט פשוטע ווערטער האָט זי אונז דערקלערט, וואָס דאָס הייסט אַזוינס „צעלאָזן זיין", גערעדט האָט זי שיין מיט התלהבות, און איך האָב גוט פאַרשטאַנען, אַז מ׳דאַרף נישט רירן

די בלומען, כל זמן זיי האָבן זיך נאָך נישט פונאַנדערגעבליט, אַ נישט גייט לאבוד אי זייער ריח, אי זייערע פּירות.

„צעלאָזן זיין" האָב איך נישט געוואָלט, נאָר דאָס האָט פונדעסטוועגן מיך מיט לודמילען נישט געשטערט צו רעדן וועגן אַזוינע זאַכן, וועגן וועלכע מ'שווייגט געוויינלעך. גערעדט האָט מען, ווי דער שטייגער, צוליב נויטוועגדיקייט, ווייל די פּשוטע גראָבע באַציונגען צווישן דעם זכר און דער נקבה, האָבן צו אָפט אונז געשטאָכן אין די אויגן און צופיל באַליידיקט.

לודמילעס פאָטער, אַ שיינער מאַנסביל פון אַ יאָר פערציק, אַ געקרויזטער, מיט לאַנגע וואָנצעס און האָט עפּעס מאָדנע זיגעריש באַוועגט מיט זיינע געדיכטע ברעמען, ער איז געווען מאָדנע שוויגעדיק — איך געדענק נישט, ער זאָל ווען האָבן אויסגערעדט אַ וואָרט. גלעטנדיק די קינדער, פלעגט ער ברומען, ווי אַ שטומער, און אפילו דאָס ווייב פלעגט ער שלאָגן שוויגעדיקערהייט.

אין די חגא־אָוונטן פלעגט ער אָנטון אַ בלאַנקעט־בלוזע, סאַמעטענע, ברייטע הויזן און גלאַנציק־אויסגעפּוצטע שטיוול, אַרויס הינטערן טויער מיט אַ גרויסן האַרמאָניק, וואָס איז אים געהאָנגען אויף אַ רימען איבערגעוואָרפן איבערן דער פּלייצע, און זיך אויסגעשטעלט, ווי אַ סאָלדאַט „אויף דער וואַך". תיכף פלעגט זיך אָנהויבן פאַרביי אונזער טויער דער „שפּאַציר". ווי די קאַטשקעלעך איינע נאָך די אַנדערע זענען אַדורך פאַרביי מיידלעך און ווייבלעך, וואַרפנדיק אויף יעווסייענקען מיט באַהאַלטענע גנבישע בליקן אָדער „עסנדיק אים" — מיט אָפענע גיריקע אויגן. און ער שטייט זיך, אָנגעשטעלט די אונטערשטע ליפּ און קוקט אויך מיט אַ ווילערישן בליק פון זיינע שוואַרצע אויגן. עפּעס נישט אָנגענעם־היגטישעס איז געווען אין דעם דאָזיקן שטומען געשפּרעך פון די אויגן, אין דעם געלאַסענעם צוזאָגנדיקן גאַנג פון די פרויען פאַרביי די מענער. ס'האָט זיך געדאַכט, יעדע איינע פון זיי באַדאַרף נאָר איין באַפעלערישן ווונק פון מאַנסביל — זי זאָל זיך אויסציען ווי אַ געהרגעטע אויפן שמוציקן זאַמד פון גאַס.

— האָט זיך אָנגעשטעלט דער באָק! קיין חרפה און קיין בושה גישטאָ! — וואָרטשעט ליודמילעס מאַמע. אַ דאַרע, אַ הויכע מיט אַ לאַנגן אומרייַנעם פּנים, מיט קורצע, נאָך אַ טיפּוס אָפּגעשוירענע האָר, איז זי געווען ענלעך צו אַן אָפּגענוצטן בעזים.

לעבן איר זיצט ליודמילע און סטאַרעט זיך אומזיסט אָפּצוציען איר אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַס, צושטייענדיק צו איר מיט פאַרשידענע פראַגן.

— לאָז צו רו, דו קלעק, דו אומגליקלעכע פאַרזעעניש! — בורטשעט די מוטער, פינטלענדיק אומרויק מיט די אויגן, אירע שמאָלע, מאָנגאָלישע אויגן זענען עפּעס מאָדנע העל און אומבאַוועגלעך — זיי האָבן זיך אויף עפּעס פאַרקוקט און אויף אייביק שטיין געבליבן.

— זיי נישט בייז, מאַמינקע, שוין אַלץ איינס,—זאָגט ליודמילע — קוק נאָר ווי די ראָגאָזשניקס אלמנה האָט זיך אויסגעפּוצט.

— איך וואָלט זיך נאָך בעסער אָנגעטון, ווען איך וואָלט אייך דרייען נישט געהאַט, אויפגעפרעסן האָט איר מיך. — ענטפערט די מוטער אומברחמנותדיק און אַזוי ווי דורך טרערן, אַריינשטעכנדיק די אויגן אין דער גרויסער, ברייטער אלמנה פון ראָגאָזשניק.

זי איז ענלעך צו אַ קליין הייזל, איר ברוסט איז אויסגעשטעלט, ווי אַ גאַניק, איר רויט פּנים, וואָס איז צוגעדעקט און אָפּגערונדט מיט אַ גרין טיכל, איז ענלעך צו אַ קליין פענסטערל, ווען עס שיינט זיך אין אים אָפּ די זון.

אַריבערוואַרפנדיק דעם האַרמאָניק אויף פּאָרנט שטייט יעווסייענקא און שפּילט. אין דעם האַרמאָניק זענען דאָ אַ סך ביינדלעך, די טענער ציען מיט אַ מאָדנעם כּוח ערגעץ וווהין, פון אַלע זייטן פון גאַס לויפן אָן קינדערלעך, פאַלן צו דעם שפּילערס פיס, בלייבן ליגן אויפן זאַמד אַנטשוויגענע אין גרויס אַנטציקונג.

— וואַרט נאָר, מ׳וועט דיר שוין אַראָפּדרייען דעם קאָפּ,—

וואָרנט יעווסייענקאס ווייב איר מאַן.

ער קוקט זי אָן שטום מיט אַ קרומען בליק.

און דעם ראָגאָזשניקס אלמנה האָט זיך נישט ווייט פון ראַנען, אויף אַ באַנק ביי דער כליסטאָווס קראָם, אַוועקגעזעצט ווי אַ שטיין, דעם קאָפּ גענייגט אויפן אַקסל און הערט זיך צו פלאַמענדיק.

אין פעלד, הינטערן בית עלמין, פאַרבלאסט די פאַרנאַכ, טיקע זונען-שיין, איבערן גאַס שווימען, ווי אויף אַ טייך בונט אָנגעטונענע שטיקער קערפּערס, קינדער דרייען זיך, ווי אין אַ ווירבער, די וואַרעמע לופט גלעט און פאַרשיכורט. דער זאַמד, אָנגעוואַרעמט פאַרן גאַנצן טאָג, אָטעמט מיט עפּעס אַ שאַרפן ריח, באַזונדערס לאָזט זיך הערן דער פעטער, זיסלעכער גערויך פון די שלאַכט-הייזער — דער ריח פון בלוט; און פון די הויפן, ווו עס וווינען די פעל-אַרבעטער, טראָגט אַ שאַרפער און געזאַלצענער גערויך פון פליישיקן זייט פון די פעלן. דאָס ווייבערשער גערעדל, דער שיכורער גוואַלט פון די פויערים, די קלינגענדיקע געשרייען פון די קינדער, דער געזאַנג פונם באַסיקן האַרמאָניק — אַלץ גיסט זיך צונויף אין איין געדיכטן הוהאַ — די אומאויפהערלעך שאַפנדיקע ערד זיפצט זיך אָפּ קרעפטיק — אַלץ — איז גראָב, נאַקעט און וועקט אין דיר אַ גרויס, שטאַרק געפיל פון צוטרוי צו אָט דעם פּראָסטן, אומפאַרשעמטבהמישן לעבן. איבערנעמענדיק זיך מיט זיינע כוחות, זוכט עס בענקענדיק און אָנגעשטרענגט, ווו זיי צו פאַרשווענדן.

און דורכן געפילדער דערלאַנגען אַמאָל צום האַרצן עפּעס מאָדנע מוראדיקע ווערטער, וואָס שניידן זיך דיר איין אויף אייביק אין זכרון:

— אַלע מיט אַמאָל שלאָגן איינעם טאָר מען נישט — מ׳דאַרף איינציקווייז, נאָך דער ריי...

— ווער וועט זיך אויף אונז מרחם זיין, אַז מיר האָבן אַליין אויף זיך קיין רחמנות נישט...

— האָט גאָט די פרוי צום געלעכטער געבוירן?...

די נאַכט דערנעענט זיך; די לופט ווערט פרישער, דער

געפילדער שטילער, די הילצערנע הייזער ווערן אָנגעשוואָלן, וואַקסן, איינהילנדיק זיך אין שאָטנס. די קינדער האָט מען אַוועקגעשלעפּט אין די הייזער — שלאָפן, אַנדערע זענען דאָ אויפן אָרט איינגעשלאָפן הינטער די פּלויטן, ביי די פיס און אויף די קני פון די מאַמעס. די גרעסערע קינדער ווערן צו באַלט-צו מילדער און שטילער. יעווסייענקא איז אומבאַמערקטערהייט נעלם געוואָרן, אַווי ווי צערונען, דעם ראָגאָזשניקס אלמנה איז שוין אויך נישטאָ, דער באַסיקער האַרמאָניק שפּילט ערגעץ-ווו ווייט, הינטערן בית-עלמין. ליודמילעס מאַמע זיצט אויף אַ באַנק, איינגעהויקערט, אויסגעבויגן דער רוקן, ווי אַ קאַץ. מיין באָבע איז אַוועק טרינקען טיי צו אַ שכנטע, אַ הויב-אַם און אַ שדכנטע, אַ גרויסע און אָדערדיקע גויה מיט אַ נאָז פון אַ קאַטשקע און מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל „פאַר ראַטעווען פאַראומגליקטע” אויף דער מאַנסבילשער ברוסט. די גאַנצע גאַס האָט פאַר איר מורא, ווי פאַר אַ מכשפה; מ׳דערציילט זיך פון איר, אַז זי האָט בעת אַ שרפה אַרויסגעראַטעוועט אַ פּאַלקאָווניקס דריי קינדער מיט זיין קראַנקער ווייב.

די באָבע איז מיט איר גוטע-פריינט; טרעפנדיק זיך אין גאַס, נאָך פון ווייטן, שמייכלען זיי זיך שוין דיביידע עפּעס גאַנץ באַזונדערס פריינטלעך.

קאָסטראָמאַ, ליודמילאַ און איך זיצן אויף אַ באַנק; טשורקא האָט אַרויסגערופן ליודמילעס ברודער אויף אַ געראַנגל, — אַרומגענומען זיך, דרייען זיי זיך אויף איין אָרט אין זאַמד און קאָכן זיך.

— הערט אויף! — בעט זיך שרעקעדיק ליודמילע.

אָנקוקנדיק זי קרום מיט זיינע שוואַרצע אויגן, דערציילט קאָסטראָמאַ וועגן קאַלינינען דעם יעגער, אַ גרייז-גרויער אַלטיטשקער, מיט ליטרע אויגן, אַ מענטש מיט נישט קיין פיינעם נאָמען, וואָס שמט איבערן גאַנצן דאָרף. ער איז נישט לאַנג געשטאָרבן, נאָר מ׳האָט אים נישט מקבר געווען אין דער ערד, מ׳האָט דעם ארון אַוועקגעשטעלט פון אויבן אויף דער ערד, אין אַ זייט פון די אַנדערע קברים. דער ארון איז אַ שוואַרצער

אויף הויכע פיסלעך, דער צודעק איז באַמאָלט מיט ווייסער פאַרב. — און דערויף איז אויסגעמאָלט אַ צלם, אַ פּיקע, אַ שטעקן און צוויי ביינער.

אַלע נאַכט, ווי נאָר עס ווערט פינסטער, גייט אַרויס דער אַלטער פון זיין קבר און בלאָנדזעט אַרום איבערן בית-עלמין, זוכנדיק עפּעס כּסדר ביז דעם ערשטן קריי פון די הענער.

— רעד נישט וועגן אַזוינע שרעקלעכע זאַכן. — בעט זיך לודמילא.

— לאָז אָפּ. — שרייט טשורקא, אַרויסרייסנדיק זיך פון איר ברודערס הענט און רעדט איראָניש צו קאָסטראָמאַן: — וואָס דערציילסטו ליגנס? איך האָב אַליין געזען, ווי מ׳האָט פאַרגראָבן דעם ארון, און פון אויבן איז געבליבן פּוסט פאַר אַ מצבה... און וועגן דעם, אַז דער מת בלאָנדזעט אַרום — דאָס האָבן שיכּורע שמידן אויסגעטראַכט...

קאָסטראָמאַ האָט כּעסדיק, נישט קוקנדיק אויף אים, פאַר־געלייגט:

— לאָמיר טאַקע זען אויב אַזוי, גיי לייג זיך שלאָפן אויפן בית-עלמין!

זיי האָבן זיך געאַמפּערט צווישן זיך, און לודמילא האָט אומעטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ און געפרעגט:

— מאַמינקע, גייען די מתים אַרויס ביינאַכט פון די קברים?

— גייען אַרויס. — האָט די מאַמע איבערגעחזרט אירע ווערטער, פּונקט ווי אַן עכאָ וואָלט געענטפערט פון דער ווייטנס.

דער קרעמערקעס זון, וואַלעק, איז צוגעגאַנגען. ער איז אַ דיקער און אַ רויטבאַקיקער בחור, אַ יאָר 20, ער האָט זיך צוגעהערט צו אונזער וויכּוח און האָט געזאָגט:

— ווער פון אייך דרייען עס נעמט זיך אָן איבערצו־שלאָפן די גאַנצע נאַכט אויפן קבר — באַקומט פון מיר 20 קאָפּיקעס מיט אַ צענדליק פּאַפּיראָסן, ווער עס וועט זיך אָבער איבערשרעקן, יענעם מעג איך אָנדרייען די אויערן וויפיל מיין האַרץ גלוסט, נו?

אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן, עפּעס ווי צעמישט, און

לודמילעס מאַמע האָט געזאָגט:

— שטותערייען! מעג מען דען קינדער אָנרעדן צו אַזעלכע זאַכן...

— גיב אַהער אַ רובל, גיי איך! — האָט אָנגעבּרוגזט פאַרגעלייגט טשורקע.

— און פאַר אַ צווייגילדען — האָסטו מורא? — און ער האָט געזאָגט צו וואַלקען: — גיב אים אַ רובל, ער וועט אַלץ איינס נישט גיין, דאָס מאַכט ער נאָר אַן אָנשטעל...

— נו, אָט האָסטו אַ רובל!

טשורקע האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און שווייגנדיק, נישט געאײַלט, אַוועק, האַלטנדיק זיך נאָענט צום פּאַרקאַן. קאָסטראָמאַ האָט אַרײַנגעשטעקט די פינגער אין מויל, און האָט אים באַגלייט מיט אַ שנײַדנדיקן פייף, און לודמילאַ האָט באַאומרויקט אָנגעהויבן צו רעדן:

— אוי, גאָט, וואָס פאַר אַ פּוסטער באַרימער דאָס איז... וואָס זשע איז דאָס אַזוינס!

— ווי קומט איר דערצו, פּחדנים! — האָט וואַלעק חוזק געמאַכט — און איר האַלט זיך נאָך פאַר די גבורים פון גאַס, קעצלעך...

ס'איז געווען פאַרדריסלעך אויסצוהערן זיינע חוזק-ווערטער; דער דאָזיקער זאַטער בחור איז אונז נישט געפעלן געווען, ער האָט שטענדיק אָנגערעדט דאָס קליינוואַרג צו מיאוסע שפּיצלעך, האָט זיי דערציילט עקלדיקע רכילותן וועגן מיידלעך און ווייבלעך, האָט זיי געלערנט צו רייצן זיך מיט זיי: און די קינדער האָבן אים געפאָלגט און פלעגן טייער באַצאָלן דערפאַר. ווער ווייסט, פאַרוואָס ער האָט עפּעס פיינט געהאַט מיין הונט, האָט אים פאַרוואָרפן מיט שטיינער; איינמאָל האָט ער אים אין ברויט געגעבן אַ נאָדל.

נאָר עפּעס נאָכמער פאַרדריסלעכער איז געווען צו צוזען, ווי טשורקע גייט אַוועק אַן איינגעקאָרטשעטער, אַ פאַרשעמטער.

כ'האָב געזאָגט צו וואַלעקן:

— גיב אַהער אַ רובל, איך גיי...

ער האָט לאַכנדיק און שרעקנדיק מיך, דערלאַנגט דעם רובל יעווסייענקאָוון, נאָר זי האָט שטרענג געזאָגט:

— איך וויל נישט, כ'וועל נישט נעמען!

און איז אין צאָרן אַוועק. אויך לודמילאַ האָט זיך נישט אַנטשלאָסן צו נעמען דאָס געלט; דאָס האָט נאָך פאַרשטאַרקט וואַלעקס שפּאָט. איך האָב שוין געוואָלט גיין, נישט פאָדערנדיק ביי דעם יונג קיין שום געלט. נאָר דאָ איז אָנגעקומען די באָבע און דערוויסנדיק זיך, אין וואָס דאָ גייט, האָט זי צוגענומען דעם רובל און רויק געזאָגט צו מיר:

— דאָס פאַלטענדל טו אָן און אַ קאָלדרע נעם מיט, ווייל פאַרטאָג וועט קאַלט ווערן...

אירע ווערטער האָבן מיר אַריינגעגעבן האָפנונג, קיין שום שרעקלעכעס וועט מיר נישט געשען.

וואַלעק האָט געשטעלט אַ תּנאי אַז איך מוז, ביז צום באַגינען ליגן אָדער זיצן אויפן אָרון און נישט אַראָפּגיין פון אים, וואָס עס זאָל נישט געשען, ווען אפילו דער ארון זאָל זיך אָנהויבן רירן און דער אַלטער קאָלינין וועט אָנהויבן אַרויס־קריכן פון דאָרט. קוים וועל איך נאָר אַראָפּשפּרינגען, וועל איך פאַרשפּילן.

— געדענק זשע. — האָט וואַלעק מתרה געווען. — איך וועל אַ גאַנצע נאַכט אַכטונג געבן אויף דיר!

בשעת איך בין אַוועק אויפן בית עולם, האָט מיך די באָבע איבערצלמנדיק, געעצהט:

— אויב דיר וועט זיך עפּעס אָנהויבן דאַכטן, זאָלסטו זיך פון אָרט נישט רירן, נאָר אָנהויבן תּפילה טון צו דער הייליקער מוטער.

כ'בין געגאַנגען שנעל, ס'האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער דאָס אָנהויבן און אָפּפּטרן. ס'האָבן מיך באַגלייט וואַלעק, קאָסטראָמאַ און אַנדערע בחורים. אַריבערקלעטערנדיק אַ געמויערטן פּאַרקאַן, האָב איך זיך פאַרפלאָנטערט אין דער קאָלדרע, בין אַראָפּגעפאַלן און תּיכף אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, אַזוי ווי דער זאַמד וואָלט מיך אונטערגעהויבן. הינטערן פּאַרקאַן האָט

מען זיך געקייכט פון געלעכטער. ס'האָט עפּעס אַ טיאָכקע גע־טון אין האַרצן, אַ קאַלטער שוידער איז מיר אַדורך איבער דער פּלייצע.

שטרויכלענדיק בין איך דערגאַנגען צום שוואַרצן ארון. פון איין זייט איז ער געווען פאַרשאָטן מיט זאַמד, פון דער צווייטער — זענען זיינע קורצע גראָבע פיסלעך געווען אָפּגע־דעקט, ווי עמעץ וואָלט זיך געפּרוווט אים אויפצוהייבן און האָט אים אָפּגערוקט. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון ארון, צופוסנס. האָב זיך אַרומגעקוקט: דער בערגלדיקער בית עולם איז אָנגעפּיקעוועט מיט גרויע צלמים, די שאָטנס האָבן זיך צעשפּרייטנדיק צעלייגט אויף די קברים און אַרומגענומען זייערע שטענדיק האָריקע היגלען. ווו־נישט־ווו, פאַרפּלאָנטערטע צווישן די צלמים, טאָרטשען אַרויס דינע, דאַרע בעריאָזקעס, צוזאַמענבינדנדיק מיט זייערע צווייגן די אָפּגעטיילטע קברים; צווישן דער געשטריקטער נעץ פון זייערע שאָטנס קוקן אַרויס גרעזעלעך — די דאָזיקע גרויע חזיר־האָר וואַרפן אָן די גרעסטע אימה! ווי אַ באַרג שניי הויבט זיך צום הימל דער קלויסטער, פון צווישן די אומבאַוועגלעכע וואָלקנס לייכט אַרויס די קליינע אויסגעגאַנגענע לבנה.

דער פּאָטער יאַזיאָוו — „אַ נישטיקער פויער" — קלינגט פויל אין וועכטער־גלאָק; איטלעכס מאָל, ווען ער ציט פאַרן שטריק, פאַרטשעפּעט זי זיך אָן דעם אייזן פון דאַך און סקרי־פּעט אומעטיק, דערנאָך הילכט אָפּ אַ טרוקענער קלאַנג פון קליי־נעם גלאָק, — ער קלינגט אָפּגעריסן, לאַנגווייליק.

— זאָל גאָט אויסהיטן פון שלאָפלאָזיקייט, — דערמאָן איך זיך אָן דעם וועכטערס ווערטל.

ס'איז אימהדיק. און עפּעס שטיקנדיק הייס, איך באַגיס זיך מיט שוויס, כאָטש די נאַכט איז אַ קילע. צי וועל איך באַוויי־זן צוצולויפן צו דעם וועכטער־ביידל, אין פאַל, ווען דער אַלטער קאַלינין וועט אָנהויבן אַרויסקריכן פון קבר?

דער בית עולם איז מיר גוט באַקאַנט, צענדליקע מאָל האָב איך זיך געשפּילט צווישן די קברים מיט יאַזיאָמען און

אַנדערע חברים. און דאָרט, נעבן קלויסטער, איז באַגראָבן די מאַמע...

ס'איז נאָך נישט אַלץ איינגעשלאָפן, פון דאָרף דערטראָגט זיך אַ געלעכטער, שטיקלעך פון לידער. אויף די בערגעלעך, אויפן אַרבעט־פּלאַץ פון דער באַן, ווו מען נעמט זאַמד, אָדער ערגעץ ווייט אין דאָרף קאַטאַזיאָווקע גרימפּלט, פאַרכלינענדיק זיך, אַ האַרמאָניק, הינטערן פּלויט גייט דער תמיד־שכורער מיאַטשאָוו און זינגט, — איך דערקען אים נאָך זיין לידל:

אונזער קליינע מאַמעלע
האָט אויך עברות קלייניקע —
זי האָט נישט ליב קיינעם,
אַחוץ דעם טאַטען איינעם...

ס'איז אָנגענעם זיך צוצוהערן צו די לעצטע זיפצן פון לעבן, נאָר נאָך יעדן קלונג פון גלאָק ווערט שטילער, די שטילקייט צעגיסט זיך, ווי אַ טייך איבער די לאָנקעס, אַלץ דערטרינקט זי און פאַרדעקט. די נשמה שווימט אין אַן אָנ־סופיקער אָפּגרונטיקער פוסטקייט און לעשט זיך אויס, ווי אַ שוועבעלע אין דער פינסטערניש, צערינענדיק שפורלאָז אין דעם ים פון דער דאָזיקער פוסטקייט, ווו עס לעבן, פינקלענדיק, נאָר די נישט דערגרייכלעכע שטערן, און אַלץ אויף דער ערד איז פאַרשוווּנדן, נישט־נויטיק און טויט.

איינגעהילט אין דער קאָלדרע, בין איך געזעסן אויף דער דעק פון אָרון, די פיס אונטער זיך, מיטן פּנים צום קלויסטער, און בעת איך האָב זיך באַוועגט, האָט דער אָרון געסקריפּעט, דאָס זאַמד אונטער אים האָט געקנאַקט.

הינטער מיר האָט עפּעס אַ זעץ געטון אָן דער ערד איינ־מאָל און אַ צווייט מאָל, דערנאָך איז נאָענט אַראָפּגעפאַלן אַ שטיק ציגל, — דאָס איז געווען שרעקלעך, נאָר איך האָב תיכּף פאַרשטאַנען, אַז וואַלעק און זיין חברה וואַרפן דאָס פון הינ־טערן פּלויט, זיי ווילן מיך איבערשרעקן. נאָר דערפילנדיק די נאָענטקייט פון מענטשן, איז מיר לייכטער געוואָרן.

נישט ווילנדיק האָט זיך מיר געטראַכט וועגן דער מאַ־

מען... איינמאָל, ווען כ׳האָב פּרובירט רויכערן, האָט זי מיך אָנגעהויבן שלאָגן, און איך האָב געזאָגט:

— טשעפּע מיך נישט, מיר איז אַזוי אויך גענוג שלעכט, עס עקלט מיך...

דערנאָך, אַ באַשטראָפטער, בין איך געזעסן הינטערן אויוון, און זי האָט געזאָגט צו דער באָבען:

— אַ האַרטער יונג, האָט קיינעם נישט ליב...

פאַרדראָסיק איז דאָס געווען צו הערן. ווען די מאַמע תּלעגט מיך באַשטראָפן, איז מיר געווען אַ רחמנות אויף איר, עפּעס ניחא: זעלטן האָט זי מיך באַשטראָפט גערעכטיק און לויט איך האָב פאַרדינט.

און בכלל איז זייער פול פאַרדריסלעכס אין לעבן, אָט למשל, די מענטשן הינטערן פּלויט, זיי ווייסן דאָך זייער גוט, אַז עס איז אַן אימה צו זיצן איינער אַליין אויפן בית־עולם, ווילן זיי מיך נאָך מער אָנשרעקן. צו וואָס?

ס׳האָט זיך געוואָלט אַ געשריי טון צו זיי:

— גייט צום טייוול!

נאָר דאָס איז געווען געפערלעך, — ווער ווייסט, וואָס ס׳וועט זאָגן אויף דעם דער טייוול? ער מוז דאָ זיכער באָענט זיין.

אין זאַמד זענען דאָ אַ סך שטיקלעך פון גלאַנציקן גלאָז, זיי האָבן שוואַך געפינקלטביים לבנה־שיין. דאָס האָט מיך דערמאַנט, ווי אַמאָל, ליגנדיק אויף די פליטן אויף דער אָקע, האָב איך געקוקט אין וואַסער אַריין, — איז פּלוצלינג האַרט צו מיין פּנים צוגעשווומען אַ קליין לעשטל, האָט זיך אומגעדרייט אויף אַ זייט און איז געוואָרן ענלעך צו אַ מענטשישע באַק, דערנאָך האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט אַ קיילעכיק פויגלש אויג, האָט זיך אונטערגעטיקט און אַראָפּגעלאָזן זיך אין דער טיפע־ניש, וויגענדיק זיך, ווי אַ פאַלענדיק בלאַט פון אַ בוים.

דער זכרון האָט אַלץ אָנגעשטרענגטער געאַרבעט, אויפ־וועקנדיק פאַרשידענע געשעענישן פון לעבן, ווי ער וואָלט זיך

געשיצט דערמיט קעגן דער פֿאַנטאַזיע, וואָס האָט עקשנותדיק געשאַפֿן דאָס שרעקלעכע.

אָט קאָלערט זיך אַ יעזוש, קלאַפּנדיק איבערן זאַמד מיט די האַרטע לאַפּקעס; ער דערמאַנט מיר אַ הויז־שרעטל — פּונקט אַזאַ קליינינקער, צעשויבערטער.

איך דערמאַן זיך, ווי די באָבע פֿלעגט, זיצנדיק אויף די שפּיץ־פֿינגער, ביי דער אונטערשטער אויוון־לאָך, חזרן איר שפּרוך:

— באַלעבאָס ליבער, רוים אויס די טאַראַקאַנעס...

ווייט איבער דער שטאָט — וואָס איז געלעגן אומבאַמערקט פֿאַר מיר — איז געוואָרן ליכטיקער, די באַגינען־קעלט האָט מיר צונויפֿגעשרימפּט די באַקן, ס׳האָבן זיך געקלעבט די אויגן. איך האָב זיך צונויפֿגעדרייט, ווי אַ קנויל, איבערדעקנדיק זיך מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ: זאָל זיין וואָס עס איז.

אויפֿגעוועקט האָט מיך די באָבע, שטייט נעבן מיר און אַראָפּשלעפּנדיק די קאָלדרע, זאָגט זי:

— שטיי אויף! ביסט נישט דערפֿרוירן? נו, וואָס, אַן אימה?

— אַן אימה, נאָר זאָג קיינעם נישט וועגן דעם, די יינגלעך זאָג נישט!

— און צו וואָס עפּעס שווייגן? — האָט זי זיך פֿאַרוווּנדערט — אויב ס׳איז נישט שרעקלעך, איז דאָך נישטאָ מיט וואָס זיך איבערצונעמען...

מיר זענען אַוועק אַהיים, און אויפֿן וועג האָט זי פֿריינטלעך גערעדט:

— אַלץ מוז מען אַליין אויספּרובירן, מיין האַרציקער, אַלץ מוז מען אַליין דערגיין... ווען סטו זיך אַליין נישט אויסלערנען — וועט דיך קיינער נישט אויסלערנען...

צום אָוונט־צו בין איך געוואָרן „דער העלד" פֿון דער גאַס, אַלע האָבן מיך געפֿרעגט:

— איז טאַקע נישט שרעקלעך?

און ווען איך האָב געזאָגט:

— אַן אימה!

האָבן זיי שאָקלענדיק מיט די קעפּ אויסגערופן:

— אַהאַ! אַט זעסטו?

די קרעמערקע אָבער האָט הויך און זיכער אַרויסגעזאָגט:

— משמעות, ס'אַליגן, אַז קאַלינין שטייט אויף פון קבר. ווען ער וואָלט טאַקע אויפשטיין, וואָלט ער זיך דערשראָקן פאַר אַ קליין יינגל? ער וואָלט אים אַ שמייס אַרויס געטון פון בית-עולם, אַזש קיין געביין וואָלט פון אים נישט געבליבן.

לודמילאַ האָט געקוקט אויף מיר מיט פריינטלעכער פאַר־וואונדערונג, דער זיידע אַפילו איז, קענטיק, געווען צופרידן מיט מיר, האָט כסדר צוגעשמייכלט. טשורקע האָט געזאָגט אָנגעברוגזט:

— אים איז לייכט, ער האָט אַ באָבען — אַ מכשפה!

III

אומבאַמערקט, ווי אַ קליינער שטערן ביים זון־אויפגאַנג, איז אויסגעלאָשן געוואָרן דער ברודער קאָליע. די באָבע, ער און איך זענען געשלאָפן אין אַ קליין שייערל, אויף האָלץ, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט פאַרשידענע שמאַטעס; האַרט נעבן אונז הינטער אַ דורכזיכטיק ווענטל פון גראָבע ברעטער איז געווען דעם באַלעבאָס אַ הינער־שטייג. פון אָוונט האָט מען גע־הערט, ווי זיי טרייסלען זיך און קוואָקען פאַרן איינשלאָפן די זאַ־טע הינער. אין דערפרי האָט אונז געוועקט אַ גאָלדענער, אַ שרייער — אַ האָן.

— אַ, דער רוח זאָל דיך נעמען! — האָט געמורמלט די באָבע, אויפכאַפנדיק זיך פון שלאָף.

איך האָב שוין נישט געשלאָפן, צוקוקנדיק ווי דורך די שפּאַלטן פונם קעמערל רייסן זיך אַריין צו מיר אין בעט די שטראַלן פון דער זון, און עס טאַנצט אין זיי עפּעס אַ זיל־בערנער שטויב, — די דאָזיקע שטויבעלעך זענען פונקט ווי ווערטער אין אַ מעשה. צווישן דעם האָלץ שאָרכן מייז, עס

פליען רויטינקע פליגעלעך מיט שוואַרצינקע פינטעלעך אויף די פליגעלעך.

אָפטמאָל, אַנטלויפנדיק פון דעם צעפּאַרעטן הינערשן מיסט, פלעג איך אַרויסקריכן פונם קעמערל, פלעג אַרויפקלעטערן אויף זיין דאַך און צוקוקן, ווי עס פלעגן זיך אין שטוב אויפכאַפּן אָנאויגיקע מענטשן, ריזיקע און אָנגעדראָלענע אין שלאָף.

אָט האָט זיך אַרויסגערוקט פון פענסטער דער האָריקער קאָפּ פון דעם לאַדקע-טרייבער פּערמאַנאָוו, אַ פּאַרמרה-שחורה-הטער שכור; ער קוקט אויף דער זון דורך די קליינינקע שפּעלטעלעך פון זיינע פאַרשוואָמענע אויגן און ריטשעט, ווי אַ חזיר. אין הויף איז אַרויסגעלאָפן דער זיידע, גלעטנדיק מיט ביידע הענט זיינע געלינקע הערלעך — ער לויפט אין באָד אָפּצוגיסן זיך מיט קאַלט וואַסער. די פּלאַפּלערין, דעם באַלעבאָס קעכין, מיט איר שפּיציקער נאָז, אינגאַנצן באַשאָטן מיט זומערשפּרענקלעך, איז ענלעך צו אַ קוקאַווקע, דער באַלעבאָס אַליין — אויף אַן אויסגעפּיטערטער פעטער טויב, און אַלע מענטשן זענען ענלעך צו פייגל, בהמות און חיות.

דער פרימאָרגן איז אַזאַ ליבער, אַ לויטערער, נאָר מיר איז אַביסל אומעטיקלעך אויפן האַרצן און עס ווילט זיך אַוועק אין פעלד, ווו קיינער איז נישטאָ, — איך ווייס דאָך שוין, אַז, ווי תמיד, וועלן די מענטשן פאַרשמוצן דעם ליכטיקן טאָג.

איינמאָל, ווען איך בין געלעגן אויפן דאַך, האָט מיך די באָבע אַראָפּגערופן און, שאָקלענדיק צום בעט צו מיטן קאָפּ, האָט זי מיר שטילערהייט געזאָגט:

— געשטאָרבן, קאָליע...

דאָס יינגל האָט זיך אַראָפּגערוקט פון רויטן איינשיט פון קישן און איז געלעגן אויפן אונטערבעט אַ בלוילעכער אַ הוילינקער, דאָס העמדל האָט זיך פאַרקאַטשעט ביז צום האַלז, אָפּדעקנדיק דעם געשוואָלענעם בויך און די קרומע ווונדיקע פיסלעך, די הענט מאָדנע פאַרלייגט אונטערן קרייץ, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אונטערהויבן. דער קאָפּ גענייגט אָן אַ זייט.

— גאָט צו דאַנקען, נפטר געוואָרן. — האָט געזאָגט די

באָבע, פונאַנדערקעמענדיק אירע האָר. — צו וואָס טויג אים דאָס לעבן, דעם אָרעמינקן?

צוטופּענדיק, פּונקט ווי ער וואָלט אונטערגעטאַנצט, איז געקומען דער זיידע, האָט פּאָרזיכטיק אָנגערירט מיטן פינגער דעם קינדס פאַרמאַכטע אויגן; די באָבע האָט בייז געזאָגט:

— וואָס רירסטו אָן מיט אומגעוואַשענע הענט?

ער האָט אַ מורמל געטון:

— אָט האָט מען דאָס געבוירן... געלעבט, געגעסן... נישט דאָס, נישט יענץ...

— כאַפּ זיך אויף. — האָט אים די באָבע אויפגעהאַלטן.

ער האָט זי בלינד אָנגעקוקט און איז אַרויס גיך אין הויף, זאָגנדיק:

— איך האָב נישט פאַר וואָס מקבר צו זיין, מאַך דאָס אַליין, ווי דו ווילסט.

— טפו, דו, אומגליקלעכער.

איך בין אַוועק און ביז אין אָוונט נישט צוריקגעקומען אַהיים.

מ'האָט קאָליען מקבר געווען צומאָרגנס אינדערפרי; איך בין נישט געגאַנגען אין קלויסטער, און די גאַנצע צייט פון דער תפלה בין איך אָפּגעזעסן ביי דער מאַמעס צעגראָבענעם קבר, צוזאַמען מיטן הונט און מיט יאַזיאָוון, דעם טאַטן. ער האָט פאַר ביליק אויסגעגראָבן דעם קבר און האָט זיך כסדר איבער-געגעבן מיטן געווען דערמיט.

— דאָס איז צוליב באַקאַנטשאַפט וועגן, אַ נישט וואָלט איך — אַ קערבל...

אַריינקוקנדיק אין דער געלער גרוב, פונוואַנען עס האָט געשלאָגן אַ שווערער גערוך, האָב איך געזען ביי אירע זייטן שוואַרצע, פייכטע ברעטער. ביי דער לייכסטער באַוועגונג, פלעגן זיך די בערגעלעך זאַמד, וואָס אַרום דעם קבר, אַראָפּשיטן, די דינינקע שטראָמעלעך זענען געפלאָסן צום דעק, איבערלאָזנדיק קנייטשן ביי די זייטן. איך האָב זיך בכיוון באַוועגט, כדי דער זאַמד זאָל פאַרדעקן די דאָזיקע ערטער.

— שטיף נישט. — האָט געזאָגט יאַזיאָוו דער טאַטע, רויכערנדיק.

די באָבע האָט געבראַכט צו טראָגן אויף די הענט דעם ווייסן קליינעם ארון, דער „פּאַסקודנער פויער" איז אַריינגע־שפּרונגען אין גרוב, צוגענומען דעם קאַסטן, האָט אים אַנידער־געשטעלט נעבן די שוואַרצע ברעטער און, אַרויסשפּרונגענדיק פון קבר, אָנגעהויבן אַריינשטופּן אַהין זאַמד, מיט די פיס און מיט דער לאָפּעטע. זיין פּיפּקע האָט זיך געררויכערט, ווי ווייּ־רעך. דער זיידע און די באָבע האָבן אים אויך שווייגעדיק צוגע־האָלפן. עס זענען נישט געווען נישט קיין גלחים, נישט קיין אָרעמע לייט, נאָר מיר זאַלבע פערט צווישן די געדיכטע צלמים.

באַצאָלנדיק דעם וועכטער, האָט די באָבע געזאָגט מיט אַ פאָרוואורף:

— און דו האָסט פונדעסטוועגן געשטערט וואַריען אין איר רו...

— ווי זשע אַנדערש? כ׳האָב אַזוי אויך פאַרכאַפּט אביסל פרעמדע ערד. דאָס — מאַכט נישט אויס.

די באָבע האָט זיך ביז צו דער ערד פאַרבויגן פאַרן קבר, צוגעכליפּעט, אַ וויין געטון און איז אַוועק. און נאָך איר — דער זיידע, באַהאַלטנדיק די אויגן אונטערן דאַשעק פון היטל, צופּנדיק דעם אויסגעריבענעם רעקל.

— מ׳האָט איינגעזייט אין נישט קיין צעאַקערטער ערד. — האָט ער פּלוצלינג געזאָגט, לויפנדיק פאָראויס, ווי אַ קרא איבער אַ פעלד.

כ׳האָב אַ פרעג געטון דער באָבען:

— וואָס זאָגט ער?

— זאָל ער גיין געזונטערהייט! ער האָט זיך זיינע איי־גענע מחשבות — האָט זי געענטפערט.

ס׳איז געווען הייס. די באָבע איז שווער געגאַנגען, אירע פיס האָבן זיך געטרונקען אין דעם וואַרעמען זאַמד, זי האָט זיך אָפט אָפּגעשטעלט, אָבווישנדיק מיט דעם טיכל דאָס פאַר־שוויצט פנים.

אַן אָנגעשטרענגטער, האָב איך זי געפרעגט:
— דאָס שוואַרצע דאָרט אין קבר — איז דער מאַמעס ארון?
— יאָ. — האָט זי געזאָגט מיט כּעס. — דער נאַרישער הונט... נאָך קיין יאָר נישטאָ, און זי איז שוין צעפוילט, וואַריע. דאָס איז אַלץ צוליב דעם זאַמד, — ער לאָזט דורך דאָס וואַסער. ווען עס וואָלט געווען ליים, וואָלט בעסער געווען...
— אַלע פוילן?
— אַלע. נאָר הייליקע זענען אויסגעהיט דערפון.
— דו וועסט נישט פאַרפוילט ווערן!
זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, פאַרריכט דאָס היטל אויף מיין קאָפּ און האָט מיר ערנסט געעצהט:
— קלער נישט וועגן דעם, מען דאַרף נישט, הערסט?
נאָר איך האָב געטראַכט: „ווי באַליידיקנדיק און דערווידער דאָס איז — דער טויט. פּע, אַן עקל!"
מיר איז געווען זייער שלעכט.
ווען מיר זענען געקומען אַהיים, האָט שוין דער זיידע צוגעגרייט דעם סאַמאָוואַר, געגרייט צום טיש.
— לאָמיר אויסטרינקען טיי, ס'איז אַזוי הייס, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל שוין פאַרבריען פון מיינעם, פאַר אַלעמען.
ער איז צוגעגאַנגען צו דער באָבען און האָט זי אַ קלאַפּ געטון איבער דער פּלייצע.
— וואָס, מאַמע, האַ?
די באָבע האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:
— אַזוי איז דאָס!
— יאָ, אַזוי, אַזוי! גאָטס צאָרן האָט זיך אויף אונז אויסגעגאָסן, רייסט פון אונז אַוועק איינעם נאָכן אַנדערן... אַז די משפּחות וואָלטן גוט געלעבט צווישן זיך, ווי די פינגער פון האַנט...
ער האָט שוין לאַנג נישט גערעדט אַזוי ווייך און פריינטלעך. כ'האָב זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און געוואַרט, אַז דער אַלטער וועט טרייסטן מיין באַליידיקט געפיל, וועט מיר העלפן פאַרגעסן וועגן דער געלער גרוב און וועגן די שוואַרצע

פײַכֿטע שטיקער האָלץ, וואָס בײַ אירע זײַטן.

נאָר די באָבע האָט אים שטרענג אָפּגעשטעלט:

— הער אויף איך בעט דיך, טאַטע! אַ גאַנץ לעבן רעדסטו די זעלבע רייד, און ווען מען איז פֿון דעם לײַכטער? דאָס גאַנצע לעבן האָסטו אַלעמען געגעסן, ווי ראָסט פֿרעסט אײַזן...

דער זיידע האָט אַ קרעכץ געטון, האָט זי אָנגעקוקט און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

אין אָוונט האָב איך בײַם טויער מיט צער דערציילט לודמילאַן וועגן דעם, וואָס כ'האָב געזען אינדערפֿרי. דאָס האָט אויף איר קיין איבעריק שטאַרקן רושם נישט געמאַכט.

— זײַן אַ יתומה איז בעסער. ווען בײַ מיר זאָלן שטאַרבן דער טאַטע מיט דער מאַמען, וואָלט איך די שוועסטער איבערגעלאָזט בײַם ברודער און איך אַליין — וואָלט אַוועק אין אַ קלויסטער אויפֿן גאַנצן לעבן. וווּהין זאָל איך גיין? חתונה האָבן קאָן איך נישט, אַ הינקעדיקע — איז נישט קיין אַרבעטערין. און דערצו נאָך פֿאַרפֿירן אַ דור פֿון קאַליקעס...

גערעדט האָט זי מיט פֿאַרשטאַנד, ווי אַלע ווײַבער פֿון אונדזער גאַס, און מעגלעך, אַז פֿון דעם אָוונט אָן האָב איך פֿאַרלוירן דעם אינטערעס צו איר. אגב, האָט זיך דאָס לעבן אַזוי אויסגעלייגט, אַז איך האָב אַלץ זעלטענער זיך געטראָפֿן מיט דער חברטע.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דעם ברודערס טויט האָט דער זיידע געזאָגט צו מיר:

— לייג זיך הײַנט פֿריער, פֿאַרטאָג וועל איך דיך אויפֿוועקן, מיר וועלן גיין אין וואַלד נאָך האָלץ...

— און איך וועל גרעזעלעך אָנקלײַבן. — האָט מודיע געווען די באָבע.

דער וואַלד, אַ יאָדלע-וואַלד און אַ בעריאָזעווער, איז געשטאַנען אויף אַ זומפּ, אַ ווייאָרסט דרײַ פֿון דאָרף, רײַך מיט צעטרוקנטע בוימער און בראָך-האָלץ, האָט ער זיך געצויגן פֿון איין זײַט ביז דער אָקע, און פֿון דער אַנדער זײַט איז ער געגאַנגען ביז דעם שאָסיי-וועג קיין מאָסקווע און ווײַטער איבער

דעם וועג. איבער זיין ווייכער האָר־קאַם האָט זיך ווי אַ שוואַר־צער געצעלט דערהויבן אַ סאָסנע־וועלדל „סאַוועלאָווס־גריוועל״.

דער גאַנצער פאַרמעגן האָט געהערט דעם גראַף שוואַ־לאָוו און איז געווען זייער שלעכט אָפּגעהיט; די קונאַווינער איינוווינער האָבן געקוקט דערויף, ווי אויף זייער אייגנטום, האָבן געקליבן דאָס בראָך־האָלץ, אויסגעהאַקט די צעטרוקנטע בוימער, און אָפּט אפילו פרישע, לעבעדיקע בוימער. נאָכן הערבסט פלעגן זיך צום וואַלד אַ לאָז טון צענדליקער מענטשן אָנגעגורט מיט שטריק און העק, אָנצוגרייטן האָלץ אויף ווינטער.

און אָט גייען מיר אויך זאַלבעדריט פּאַרטאָג איבער דעם גרין־זילבערנעם טויאיקן פעלד; לינקס פון אונז, הינטער דער אָקע, איבער די געלע זייטן פון די דיאַטלאָווער בערג, איבערן ווייסן ניזשני־נאָווגאָראָד, אין די בערגלעך פון די גרינע סעדער, אין די גאָלדענע קופּאָלן פון די קלויסטערס, גייט אויף נישט איילנדיק, די פוילינקע רוסישע זון. אַ שטיל ווינטל בלאָזט פאַר־שלאָפן פון דער שטילער מוטנער אָקע; עס וויגן זיך גאָלדענע האָנפיסלעך, באַלאָדענע מיט טוי, די לילע גלעקעלעך האָבן זיך שטום אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד, די בונטע פּאַפּיר־בלימעלעך רוקן זיך טרוקן אַרויס פון דעם גרינעם אומפּרוכטבאַרן באָדן, עס עפנט אירע רויטע שטערן די „נאַכט־שיינהייט״ — די נעלקע...

ווי אַ שוואַרצע מחנה, רוקט זיך דער וואַלד אַנטקעגן אונז. די געפליגלטע יאָדלעס, ווי גרויסע פויגלען; בעריאָזעס, פונקט ווי מיידלעך. אַ זויערער בלאָטיקער גערוך טראָגט זיך איבערן פעלד. האַרט נעבן מיר גייט דער הונט, אַרויסגעשטעקט די ראָ־זע צונג, שטעלט זיך אָפּ און, שפּירנדיק, שאָקלט ער פאַרוווּנ־דערט מיט דעם פוקסענעם קאָפּ.

דער זיידע, אָנגעטון אין דער באָבעס איבערשטן לייבל, אין אַ אַלטן היטל אָן אַ דאַשעק, זשמורעט זיך, שמייכלט פון עפּעס, שפּרייזט מיט קליינע טריט, פּאָרזיכטיק, ווי ער וואָלט זיך דורכגעגנבעט. די באָבע אין אַ בלויער בלוזקע, אין אַ שוואַרץ קליידל און אַ ווייס טיכל אויפן קאָפּ, קאָלערט זיך איילִיק אי־בער דער ערד. עס איז שווער איר נאָכצוהאַלטן.

וואָס נעענטער מען קומט צום וואַלד, אַלץ לעבעדיקער ווערט דער זיידע; אַריינציענדיק דורך דער נאָז די לופט, קרעכצנדיק, רעדט ער פון אָנהויב אָפּגעהאַקט, נישט דייטלעך, דערנאָך, פּונקט ווי פאַרשכורט, הייבט ער אָן רעדן פריילעך און שען:

— די וועלדער — דאָס זענען גאָטס סעדער. קיינער האָט זיי נישט געזייט, נאָר גאָטס ווינט אַליין, דער הייליקער הויך פון זיינע ליפּצן... אַמאָל, אַמאָל, אין מיינע יונגע יאָרן, אין די זשעגולעס, ווען איך בין אַלס פויער געגאַנגען... אָ, לעקסיי, דיר וועט נישט באַשערט זיין אָנצוקוקן און דורכצולעבן דאָס אַלץ, וואָס איך האָב דורכגעלעבט! אויף דער אָקע גייען די וועלדער — פון קאַסימאָוו ביז מוראָם, אָבער די וועלדער הינטער דער וואָלגע, אַזש ביז אוראַל גייען זיי, יאָ דאָס איז אַלץ אָן אַ גרענעץ און פלאַימדיק...

די באָבע קוקט אויף אים פון דער זייט און ווינקט צו צו מיר, און ער, שטרויכלענדיק איבער די היגלען, האַלט אין איין שיטן מיט טרוקענע ווערטער, באַשיטנדיק מיט זיי מיין זכרון.

— געפירט האָבן מיר פון סאַראַטאָוו אַ גרויסע פּאַס מיט פּוטער צו מאַקאַריען אויפן יאַרמאַרק, און געווען איז ביי אונז אַ געזעלן קורילאָ פון פּורעך, און אַן אויפזעער — אַ קאַסימאָ-ווער טאָטער, אַסאַל, דאַכט מיר... דערגייענדיק ביז זשעגיל, האָט אונז אין די אויגן אָנגעהויבן בלאָזן אַ טרוקענער ווינט — איז מען געבליבן אָן כוחות, איז מען שטיין געבליבן ביי אַ שטייאיק וואַסער, די פיס האָבן זיך געבויגט, זענען מיר אַרויס אויפן ברעג קאָכן קאַשע. און מאַי איז אויף דער ערד, די וואָלגע צעשפּרייט זיך, ווי אַ ים און סטאַיעסווייז שפּאַצירן די כוואַליעס, ווו טויזנטער שוואַנען, צום קאַספּישן ים שווימען זיי. און די זשעגולי-בערג זענען גרין, ווי אין פרילינג, אַזש ביזן הימל דער-הויבן זיי זיך, און אויפן הימל פליִערן זיך ווייסע וואָלקנדלעך, די זון צעשיט זיך אויף דער ערד מיט גאָלד. רוען מיר, קוועלן אָן, גוט געוואָרן איינער צום אַנדערן, אויפן טייך איז ווינטיק

און קאַלט, און אויפן ברעג — וואַרעם, שמעקעדיק. פּאַרנאַכט האָט אונזער קירילאָ — אַ שטרענגער באַיאָרטער מאַן געווען — זיך אַ שטעל געטון, אַראָפּגענומען דאָס היטל און זאָגט אַזוי: „נו, קינדער, איך בין נישט מער אייער אויפזעער, נישט קיין קנעכט, גייט אייך אַליין, און איך וועל מיך אַוועקלאָזן אין די וועלדער! „מיר זענען אַלע אויפגערודערט געוואָרן, ווי און וואָס, מיר קאָנען דאָך נישט קומען אָן אַ פאַראַנטוואָרטלעכן מענטשן פאַרן באַלעבאָס — מענטשן גייען דאָך נישט אָן אַן עלטסטן! אמת, מען איז טאַקע אויף דער וואָלגע, אָבער אויף אַ גלייכן וועג קאָן מען אויך בלאָנדזשען, דאָס פאָלק — איז אַ ווילדע חיה, אויף וועמען האָבן זיי רחמנות? מיר האָבן זיך דערשראָקן. און ער — האַלט זיך ביי דאָס זייניקע!" איך וויל מער נישט לעבן אַזוי, זיין אייער פּאַסטוך, איך וועל אַוועק אין די וועלדער!" אַנדערע פון אונז האָבן זיך געקליבן אים צו שלאָגן, בינדן, אַנדערע אָבער האָבן זיך פאַרטראַכט וועגן אים און שרייען: „וואַרט"! און דער אויפזעער — דער טאָטער, ער שרייט אויך: „איך גיי אויך אַוועק!" אַן אמתע צרה. אים, דעם טאָטער האָט שוין דער באַלעבאָס פאַר צוויי וועגן נישט געצאָלט און פאַר אַ האַלבן דריטל אָפּגעפּאָרענעם וועג — גרויסע געלט אין יענע צייטן! מען האָט געשריגן, געשריגן ביז אין דער נאַכט אַריין, און אין אָוונט זענען זיבן פון אונז אַוועק, געבליבן זענען מיר — עפּעס אַ זעכצן, פערצן. אָט, האָסט דיר אַ וואַלד!

— זיי זענען געוואָרן גזלנים?

— אפשר גזלנים און אפשר נזירים, — אין יענע צייטן האָט מען זיך ווייניק פונאַנדערגעקליבן אין די זאַכן...

די באָבע צלמט זיך.

— הייליקע מאַמע גאָטס! אַז מען גיט אַ טראַכט וועגן די מענטשן, איז אַ רחמנות אויף אַלעמען.

— אַלעמען איז געגעבן געוואָרן דער זעלבער שכל — זיי ווייסן, וווהין דער שד ציט...

מיר גייען אַריין אין וואַלד איבער אַ פּייכטן וועג, צווישן בלאָטיקע בערגלעך אין אַ דאַר יאָדלע-וועלדל. מיר דאַכט זיך,

אַז ס'איז זייער גוט — אויף שטענדיק אַוועקצוגיין אין וואַלד, ווי ס'איז אַוועק קירילאָ פון פורעק, אין וואַלד זענען נישטאָ קיין מענטשן, קיין פלאַפּלער, נישטאָ קיין געשלעגערייען, קיין שיכּרות, דאָרט קאָנסטו פאַרגעסן וועגן דעם זיידנס מיאוסער גיריקייט, וועגן דער מאַמעס זאַמדיקן קבר, וועגן אַלץ, וואָס באַליידיקט און דריקט אויפן האַרצן מיט אַ שווערן אומעט.

קומענדיק צו אַ טרוקענעם אָרט, זאָגט די באָבע:

— מען דאַרף צובייסן, לאָמיר זיך צוזעצן!

אין קערבל האָט זי שוואַרץ ברויט, גרינע ציבעלע, אוגערקעס, זאַלץ און צוואָרעק אין זעקעלעך; דער זיידע קוקט אויף דעם אַלעם פאַרשעמט און ווינקט אונטער.

— און איך האָב גאָרנישט מיטגענומען צום עסן, אוי, מאַמע ערלעכע...

— עס וועט קלעקן פאַר אַלעמען...

מיר זיצן אָנגעשפּאַרט צום קופּערנעם שטאַם פון אַ מאַסטבוים-סאָסנע; די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט אַ ריח פון סמאָלע. פון פעלד בלאָזט אַ שטילער ווינט, עס וויגט זיך דאָס האַרטע אויסגעטרוקנטע גראָז; מיט אַ טונקעלער האַנט רייסט די באָבע גראָז און דערציילט וועגן די היילונגס-סגולות פון האַרטן היי, פון בעטאָני-קרייטער, פּוטערבלום, וועגן דער געהיימניספולער קראַפט פון פּאַפּאָרטניק, וועגן דעם קלעפּעדיקן יאָהאַן-טיי און דער שטויביקער שווים-גראָז.

דער זיידע האַקט די אָפּגעפאַלענע צווייגן, און איך דאַרף צוזאַמענטראָגן די אָפּגעהאַקטע צווייגן אויף איין אָרט, נאָר אומבאַמערקט פאַרקריך איך נאָך דער באָבען טיף אין וואַלד — שטיל שווימט זי צווישן די מעכטיקע שטאַמען און, פּונקט ווי טוקנדיק, בויגט זי זיך צו דער ערד, וואָס איז באַשאָטן מיט נאָדלען, גייט און רעדט צו זיך אַליין:

— ווידער איז מען צו פרי אַוועק — ס'וועט זיין ווינציק שוואָמען! ווייניק, אָ, רבונו של עולם, זאָרגסטו זיך פאַרן אָרעמאַן, פאַרן אָרעמאַן איז אַ שוועמל — אויך אַ גוטער ביסן!

איך גיי שווייגעדיק הינטער איר, פאָרזיכטיק, באַמיענדיק

זיך, זי זאָל מיך נישט באַמערקן, ס'ווילט זיך מיר נישט שטערן איר און איר שמועס מיט גאָט, מיט די גרעזער און מיט די פּראָשן...

נאָר זי זעט מיך.

— פון זיידן, קענטיק, אַנטלאָפן, האַ?

און, נייגנדיק זיך צו דער שוואַרצער ערד, וואָס איז רייך אָנגעטון אין קאָלירטן קלייד פון גרעזער, רעדט זי וועגן דעם, ווי אַמאָל, ווען גאָטס צאָרן האָט זיך צעברענט אויף די מענטשן, האָט ער פאַרפלייצט די גאַנצע ערד מיט וואַסער און דערטרונקען אַלץ, וואָס לעבט.

און די ליבסטע מאַמע גאָטס האָט באַצייטנס צונויפגעקליבן אַלע קערנער אין אַ קערבל, און זיי באַהאַלטן, און דערנאָך בעט זי ביי דער זון: מאַך טרוקן די ערד פון איין עק ביז צום צווייטן, דערפאַר וועלן דיר די מענטשן זינגען אַ לויב-געזאַנג! די זון האָט די ערד אויסגעטרוקנט, און גאָטס מוטער האָט די ערד מיט די באַהאַלטענע קערנער פאַרזייט. זעט גאָט: די ערד האָט פון דאָס ניי אויפגעלעבט — מיט גרעזער, מיט בהמות און מיט מענטשן!.. ווער, זאָגט ער, האָט עס מיר אָפּגעטון אויף צו להכעיס? דאָ האָט זי זיך מודה געווען פאַר אים, און דעם רבונו של עולם אַליין האָט שוין פאַרדראָסן, אָנקוקנדיק די פּוסטע ערד, און ער זאָגט צו איר: גוט האָסטו געטון!

מיר געפעלט די מעשה, אָבער איך בין פאַרחידושט און זאָג גאַנץ ערנסט:

— איז דאָס באמת אַזוי געווען? די יונגפרוי איז דאָך געבוירן געוואָרן אַ צייט נאָכן מבול.

איצט איז די באָבע פאַרחידושט.

— ווער האָט דאָס דיר געזאָגט?

— אין שול, אין די ביכלער שטייט געשריבן...

דאָס באַרויקט זי, זי עצהט מיר:

— און דו, לאָז זיי אָפּ, די דאָזיקע ביכלעך, אַלע זאָגן זיי ליגן, די ביכלעך דיינע.

און לאַכט שטיל, פריילעך.

— וואָס טפשים האָבן אויסגעטראַכט! גאָט איז געווען, נאָר קיין מאַמען האָט ער נישט געהאַט, אַזוי גאָר! טאָ פונוואַנען איז ער געבוירן געוואָרן?

— כ׳ווייס נישט.

— אָט אַזוי איז רעכט! אויסגעלערנט זיך ביז „איך ווייס נישט".

— דער גלח האָט געזאָגט, אַז די יונגפרוי איז געבוירן געוואָרן פון יאָאַקימען און אַנען.

די באָבע ווערט שוין בייז, — שטייט אַנטקעגן מיר און קוקט מיך אָן שטרענג, גלייך אין די אויגן:

— מ׳רופט זי, הייסט עס, מאַריע יאָקאָוולעוונע? אויב דו וועסט אַזוי טראַכטן, וועל איך דיר גוט אַריינקאַטשעווען!

נאָר אין אַ ווײַלע אַרום דערקלערט זי מיר:

— די יונגפרוי איז שטענדיק געווען, פריער פאַר אַלץ! פון איר איז געבוירן געוואָרן גאָט, און דערנאָך...

— און ווי איז כריסטוס געבוירן געוואָרן?

די באָבע שווייגט, פאַרמאַכנדיק שעמעוודיק די אויגן.

— און כריסטוס... יאָ, יאָ, יאָ?

איך זע, אַז איך האָב מנצח געווען, כ׳האָב זי פאַרפלאָנ־טערט אין די געטלעכע סודות, און דאָס איז מיר נישט אָנגענעם.

מיר גייען אַלץ טיפער אין וואַלד אַריין, אין דער בלוי־לעכער פינסטערניש, וואָס איז דורכגעשניטן מיט די גאָלדענע זון־שטראַלן. אין דער וואַרעמקייט און געמיטלעכקייט פון וואַלד אָטעמט שטיל אַ מאָדנער שאָרך, אַ פאַרחלומטער, וואָס וועקט חלומות. עס סקריפען די צלם־שנאָבלען, עס קלינגען די בלוי־פויגעלעך, עס לאַכט די קוקאווקע, עס פייפט דער פייאָל, אומ־אויפהערלעך קלינגט דאָס אייפערזיכטיקע ליד פון פינקס, פאַר־חלומט זינגט דער וווּנדערלעכער פויגל — דער קערנבייסער. שמאַראַגדישע זשאַבעס שפרינגען אונטער די פיס; צווישן די וואָרצלען, דאָס גאָלדענע קעפּל פאַררייסן, ליגט אַ שלאַנג און היט זיי אָפּ. עס קנאַקט די וועוויאָרקע, צווישן די סאָסנע־צווייגן

לויפט דורך איר האָריקער עק; דו זעסט אומגלויבלעך פול, עס ווילט זיך זען אַלץ מער, גיין אַלץ ווייטער.

צווישן די סאסנע־שטאַמען ווייזן זיך דורכזיכטיקע, לופ-טיקע געשטאַלטן פון ריזיקע מענטשן און פאַרשווינדן אין דער גרינער געדעכטעניש; דורך דער געדעכטעניש לייכט זיך דורך דער בלויער באַזילבערטער הימל. אונטער די פיס ליגט דער מאָך, ווי אַ פרעכטיקער טעפיך, וואָס איז אויסגענייט מיט באַ־רוווקעלעך און מיט טרוקענע פעדעם פון זשוראַווינעס, די ווילדע קאַרשן פינקלען אין גראָז, ווי טראָפנס בלוט, די שוואָ-מען רייצן מיט זייער שטאַרקן ריח.

— הייליקסטע מוטער גאָטס, דו, ליכטיקע שיין פון דער וועלט. — איז מתפלל, זיפצנדיק, די באָבע.

זי איז אין וואַלד, ווי אַ באַלעבאָסטע און אַ נאָענטע צו אַלץ אַרום — זי גייט ווי אַ בעריכע, אַלץ זעט זי, אַלץ ליבט זי און דאנקט. פון איר שטראָמט, דאַכט זיך, אַ וואַרעמקייט איבערן וואַלד און באַזונדערס אַגעגנעם איז מיר צו זען ווי דער מאָך, וואָס זי טרעט אונטער אירע פיס, גלייכט זיך באַלד אויס און שטעלט זיך אַוועק.

דו גייסט און טראַכסט: ס'איז גוט צו זיין אַ גזלן, באַ־ראַבעווען די גיריקע, די רייכע, פאַרטיילן דעם רויב צווישן די אָרעמע לייט, — זאָלן אַלע זיין זאַט, פריילעך. נישט מקנא זיין און נישט שעלטן איינער דעם אַנדערן, ווי בייזע הינט. ס'איז אויך גוט צו דערגיין צו דער באָבעס גאָט, צו איר יונגפרוי און אויסדערציילן זיי דעם גאַנצן אמת וועגן דעם, ווי שלעכט עס לעבן די מענטשן, ווי שלעכט און באַליידיקנד זיי באַגראָבן איינע די אַנדערע אין מיאוסן זאַמד, און, בכלל, וויפיל עוולה עס הערשט אויף דער וועלט, וואָס מען דאַרף דאָס גאָרנישט. אויב די יונגפרוי וועט מיר גלויבן, זאָל זי מיר אַריינגעבן אַזאַ שכל, אַז איך זאָל קאָנען אַלץ איינאָרדענען אַנדערש, עפעס בעסער. ווען די מענטשן וואָלטן מיך אויסגעהערט מיט צו־טרוי, — וואָלט איך שוין אויסגעפינען, ווי צו לעבן בעסער! ס'מאַכט נישט אויס, וואָס איך בין אַ קליינער, כריסטוס איז

געווען סך־הכּל מיט אַ יאָר עלטער פאַר מיר, און שוין אין יענע צייטן האָבן זיך חכמים צוגעהערט צו אים...

איינמאָל, פאַרבלענדט פון מיינע רעיונות, בין איך אַריינ־געפאַלן אין אַ טיפער גרוב, צעשניידנדיק אַ זייט און אַ סענק און צערייסנדיק די הויט פון דער פאַטילניצע. איך בין גע־זעסן אויפן גרונד אין קאַלטן שמוץ, וואָס איז געווען קלעפיק ווי סמאָלע, און האָב צו מיין גרויס חרפה געפילט, אַז אַליין וועל איך נישט אַרויסקריכן, און איבערשרעקן די באָבען מיט קולות איז מיר געווען נישט אַנגענעם. פונדעסטוועגן, האָב איך זי פאָרט אַ רוף געטון.

זי האָט מיך שנעל אַרויסגעשלעפט און צלמענדיק זיך געזאָגט:

— אַ לויב צו גאָט! נו, נאָך גוט, וואָס דער גרוב איז אַ ליידיקער. וואָס וואָלט אָבער געווען, ווען דאָרט וואָלט געלעגן דער באַלעבאָס?

און האָט זיך צעוויינט, לאַכנדיק. דערנאָך האָט זי מיך אַוועקגעפירט צום טייך, אַרומגעוואַשן, איבערגעבונדן די ווונדן מיט איר העמד, צוגעלייגט עפּעס בלעטער, וואָס האָבן פאַר־לייכטערט דעם ווייטיק און אַוועקגעפירט צום ביידל פון באַן־וועכטער — אַהיים האָב איך נישט געקאָנט דערגיין פון שלאַפקייט.

כ׳האָב זיך געהויבן כמעט יעדן טאָג בעטן דער באָבען:

— קום אין וואַלד!

זי פלעגט גערן מסכּים זיין, און אַזוי האָבן מיר אָפּגע־לעבט כמעט אַ גאַנצן זומער, ביז שפּעט אין הערבסט אַריין, קלייבנדיק גראָז, יאַגדעס, שוואָמען און ניס. אַלץ, וואָס מ׳האָט צונגעקליבן, פלעגט זי פאַרקויפן און דערפון האָט מען געלעבט.

— ליידיקגייערס! האָט זיך געבייזערט דער זיידע, הגם מיר האָבן להלוטין נישט געגעסן זיין ברויט.

דער וואַלד האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ געפיל פון זע־לישער רו און געמיטלעכקייט; אַ דאַנק דעם דאָזיקן געפיל איז פאַרשווונדן מיין גאַנצער צער, ס׳איז פאַרגעסן געוואָרן דאָס אומ־אַנגענעמע, און אין דער אייגענער צייט איז אין מיר געוואַקסן

אַ מאָדנע אָנגעשטרענגטקייט פון די חושים; דער געהער און די ראיה זענען געוואָרן פאַרשאַרפט, דער זכרון — וואַכעדיקער, די איינדרוקן — טיפער.

און אַלץ מער פלעג איך נתפעל ווערן פון דער באָבען, כ׳בין געוויינט געווען זי צו האַלטן פאַר אַ העכערן מין מענטש צווישן אַלע, פאַר דער בעסטער און פאַר דער קליגסטער אויף דער וועלט, און זי האָט כסדר פאַרשטאַרקט מיין איבערצייגונג. איינמאָל, אין אָוונט, נאָכדעם, ווי מיר האָבן אָנגעקליבן ווייסע שוואָמען, זענען מיר, אויפן וועג אַהיים, דערגאַנגען ביז צום עק וואַלד! די באָבע האָט זיך צוגעזעצט אָפּרוען, און איך האָב זיך פאַרקליבן צווישן די בוימער — אפשר זענען נאָך געבליבן שוואָמען?

פלוצלינג הער איך איר שטים און זע: זיצנדיק ביי דער סטעזשקע שניידט זי רויק אַרונטער די וואָרצלען פון די שוואָמען, און נעבן איר, מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג, שטייט אַ גרויער, אויסגעמאָגערטער הונט.

— און דו, טראָג זיך אָפּ! — זאָגט די באָבע. — גיי געזונטערהייט!

מיט אַ קורצער צייט פאַר דעם האָט וואָלק פאַרסמט מיין הונט; מיר האָט זיך שטאַרק געוואָלט צונעמען צו זיך דעם נייעם הונט. כ׳בין אַרויסגעלאָפן אויפן וועג, דער הונט האָט זיך מאָדנע אויסגעבויגן, נישט אויסדרייענדיק דעם האַלז, האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ גרינעם בליק פון זיינע הונגעריקע אויגן און אַ שפרונג געטון אין וואַלד, האַלטנדיק דעם עק אונטער זיך. זיין וווּקס איז געווען נישט קיין הינטערשער און, בשעת כ׳האָב אַ פייף געטון, איז ער אַנטלאָפן אין די קוסטעס.

— האָסטו געזען? — האָט שמייכלענדיק אַ פרעג געטון די באָבע. — און איך האָב לכתחילה אַ טעות געהאַט, געמיינט — אַ הונט, איך גיב אַ קוק — ערשט די ציין זענען גאָר וועלפישע און אויך דער האַלז! כ׳האָב זיך אַפילו דערשראָקן: נו, טראַכט איך, אויב דו ביסט אַ וואָלף, טאָ גיי זיך ווייטער! נאָך גוט, וואָס זומער זענען די וועלף רויקע...

זי האָט קיינמאָל נישט געבלאָנדזשעט אין וואַלד, טרעפנ־דיק ריכטיק דעם וועג אַהיים. נאָכן ריח פון די גרעזער האָט זי געוווּסט, וועלכע שוואָמען עס געפינען זיך אין דעם אָרט, וועלכע — אין אַ צווייט אָרט, און פלעגט מיך אָפּט עקזאַמינירן.

— און וואָס פאַראַ בוים האָט ליב אַן אייער־שוועמל?

און ווי וועסטו אונטערשיידן אַ ווייסן גוטן שוואָם פון אַ גיפטיקן?

און וואָס פאַראַ שוואָם האָט ליב דעם פּאַפּאָרטניק.

נאָך די קוים קענטיקע קראַצן אויף דער קאָרע פון אַ בוים האָט זי מיר אָנגעוויזן אויף דעם לאָך פון אַ וועווערקע, איך פלעג אַרויפקריכן אויפן בוים און אויסליידיקן אירע נעסט, צונעמענדיק דעם ווינטערדיקן זאַפּאַס פון ניס, אָפּט פלעגט זיך געפינען אין נעסט ביז אַ צען פונט.

און איינמאָל, בעת כ׳האָב זיך פאַרנומען מיט דעם דאָ־זיקן עסק, האָט עפּעס אַ יעגער מיר אַריינגעשאָסן אין דער רעכטער זייט זיבן און צוואַנציק בעקאַסינע שרעטלעך; עלף האָט די באָבע אַרויסגעפּאָרעט מיט אַ נאָדל, און די איבעריקע זענען געבליבן לאַנגע יאָרן שטעקן אין מיין הויט, אַרויסקריכנ־דיק ביסלעכווייז.

דער באָבען איז געפעלן געוואָרן, וואָס איך קאָן פאַרטראָגן יסורים.

— „מאָלאָדיעץ“, — האָט מיך די באָבע געלויבט — ביסטו אַ סבלן — וועסטו אַלץ קאָנען!

איטלעכס מאָל, ווען עס פלעגט זיך בײַ איר פון דעם פדיון פאַר שוואָמען און ניס אָנקלייבן אַביסל געלט, פלעגט זי דאָס פונאַנדערלייגן אונטער די פענסטער אַלס „מתּן בסתר“, און זי אַליין פלעגט אַפילו אין די חגאות אַרומגיין אָפּגעריסן און אָפּ־געשליסן.

— ביסט ערגער אָנגעטון פאַר אַ בעטלערין, פאַרשעמסט מיך. — האָט געמורמלט דער זיידע.

— עס מאַכט נישט אויס. איך בין נישט דיינע קיין טאָכ־טער, און בין נישט קיין כלה־מויד...

זיי האָבן זיך אַלץ עפטער געקריגט צווישן זיך.

— כ׳בין נישט זינדיקער פאַר אַנדערע,—האָט אַ באַוואָלטער געשריען דער זיידע — און געשטראָפט בין איך מער פאַר אַלעמען!

די באָבע פלעגט זיך רייצן מיט אים.

— די שדים ווייסן, וואָס ווער עס פאַרדינט.

און אונטער פיר אויגן האָט זי מיר געזאָגט:

— ער שרעקט זיך מיין אַלטער, נעבעך, פאַר די שדימלעך! אָט ווי ער עלטערט זיך, פון שרעק... אוי, דער אָרעמער מענטש נעבעך...

כ׳בין אַ סך קרעפטיקער געוואָרן פאַרן זומער און פאַר־ווילדעט אין וואַלד, פאַרלירנדיק דעם אינטערעס צום לעבן פון מיינע חברים, און צו לודמילאַן, — זי איז מיר פאַרגעקומען לאַנגווייליק — קלוג...

איינמאָל איז דער זיידע געקומען פון שטאָט אינגאַנצן אַ נאַסער, — ס׳איז געווען הערבסט און ס׳האָט גערעגנט — ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט ביים שוועל, ווי אַ וואָראָבײ און פייער־לעך געזאָגט:

— נו, פּוסטעפּאַסניק, מאָרגן גרייט זיך צו גיין אין שטאָט.

— וווהין נאָך? — האָט בייז אַ פרעג געטון די באָבע.

— צו דיין שוועסטער מאַטריאָנע, צו איר זון...

— אוי, פאָטער, שלעכט האָסטו צוגעטראַכט!

— שווייג, נאַר איינער! אפשר, וועט מען אים מאַכן פאַר אַ צייכענער.

די באָבע האָט שווייגעדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

אין אָוונט האָב איך אָנגעזאָגט לודמילאַן, אַז איך גיי אַוועק אין שטאָט, אַז כ׳וועל דאָרט וווינען.

— און מיך וועט מען אויך אינגיכן אַוועקפירן אַהין. — האָט זי מיר פאַרטראַכט מודיע געווען. — דער טאַטע וויל, אַז מ׳זאָל מיר אינגאַנצן אָפּשניידן דעם פוס, אָן אַ פוס וועל איך זיין אַ געזונטע.

פאַרן זומער איז זי אויסגעדאַרט געוואָרן, די הויט פון פנים איז געוואָרן בלוילעך, און די אויגן זענען אויסגעוואַקסן

— האָסט מורא? — האָב איך געפרעגט.

— כ'האָב מורא. — האָט זי געזאָגט, און אָן אַ שטים זיך צעוויינט.

ס'איז נישט געווען מיט וואָס זי צו טרייסטן: כ'האָב אַליין מורא געהאַט פאַרן לעבן אין שטאָט. אַ צייט זענען מיר געזעסן אין אַ טרויעריקער שטומקייט, צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן.

ווען ס'וואָלט געווען זומער, וואָלט איך צוגערעדט דער באָבען צו גיין איבער די הייזער, ווי זי איז געגאַנגען זייענדיק אַ מיידל, וואָלט מען געקאָנט אויך לודמילאַן מיטנעמען, — כ'וואָלט זי אַרומגעפירט אין אַ וועגעלע.

ס'איז אָבער געווען הערבסט. איבערן גאַס האָט געטריבן אַ נאַסער ווינט, דער הימל איז געווען פאַרדעקט מיט נישט אויסטריקנדיקע וואָלקנס, די ערד האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט. זי איז געוואָרן אַ בלאָטיקע און אַן אומגליקלעכע...

IV

איך בין ווידער אין שטאָט, אין אַ צוויי-שטאָקיקן, ווייסן הויז, וואָס זעט אויס, ווי אַ קבר, אַן אַלגעמיינער פאַר אַ סך מענטשן. דאָס הויז איז אַ נייס, נאָר עפּעס אַ בלוט-אָרעמס, אויפגעבלאָזן, ווי אַן אָרעמאַן, וואָס איז פּלוצלינג רייך געוואָרן און תיכּף אָנגעפרעסן ביז איבערן האַלז. עס שטייט מיט אַ זייט צו דער גאַס, אין יעדן שטאָק צו אַכט פענסטער, און דאָרט, ווו ס'קומט אויס דער פראָנט פון הויז — צו פיר פענסטער; די אונטערשטע קוקן אַרויס אין אַ שמאָלן דורכגאַנג, צום הויף, די אויבערשטע — איבערן פּלויט, צו אַ קליין הייזל פון אַ וועשערין און אין אַ שמוציקן גרובן.

אַ גאַס, ווי איך בין דאָס געוווינט צו פאַרשטיין, — איז נישטאָ; פאַרן הויז האָט זיך צעשפּרייט אַ שמוציקער גרובן, אין צוויי ערטער האָבן אים דורכגעשניטן שמאָלע דאַמבעס,

לינקס גייט דער גראָבן אַרויס צו די „אַרעסטאַנטסקע ראָטעס“, דאָ ווערט אויסגעשאָטן דאָס מיסט פון די הויפן, און אויף זיין דעק שטייט אַ לוזשע פון טונקל גרינעם שמוץ; רעכטס, ביים עק פון גראָבן זייערט זיך דאָס זומפּיקע זוועזדין־טייכל, און דער מיטל־פונקט פון גראָבן — איז פונקט קעגנאיבער דעם הויז; אַ העלפט איז פאַרשאָטן מיט מיסט, פאַרוואַקסן מיט קראָפּעווע, קרעץ, מיט פּערדישן שטשאַוו, און אויף דער צווייטער העלפט האָט דער גלח דאָרימעדאָנט פּאָקראָווסקי פאַרפלאַנצט אַ סאָד; אין סאָד — אַביידל פון דינע, גרין־באַפאַרבטע ברעטלעך. ווען מען זאָל אין דעם ביידל וואַרפן שטיינער, קנאַקן די ברעטלעך און שפּאַלטן זיך.

דאָס אָרט איז שרעקלעך אומעטיק און פרעך שמוציק. דער הערבסט האָט אכזריותדיק פאַרדאָרבן די מיסטיקע ליימיקע ערד, האָט געמאָלט פון איר אַ ליימיקע סמאָלע, וואָס קלעבט זיך צו די פיס. כ׳האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געזען אַזוי פיל קויט אויף אַזאַ קליינעם שטח און, געוווינט צו דער ריינקייט פון פעלד און וואַלד, האָט דער דאָזיקער שטאָט־ווינקל אַרויסגערופן ביי מיר אַן אומעט.

הינטערן גרובן ציען זיך גרויע, אַלטע פּלויטן, און ווייט צווישן זיי זע איך דאָס ברוין הייזל, ווו איך האָב געוווינט ווינטער, אַלס יינגל אין אַ געשעפט. די נאָענטקייט פון דעם דאָזיקן הויז באַדריקט מיך נאָכמער. פאַרוואָס איז מיר עפּעס ווידער אויסגעקומען צו וווינען אויף דער זעלביקער גאַס?

דעם באַלעבאָס מיינעם קען איך, ער איז געווען צו גאַסט ביי מיין מאַמען צוזאַמען מיט זיין ברודער, וואָס האָט קאָמיש געקוויטשעט:

— אַנדריי — פּאַפּאַ, אַנדריי — פּאַפּאַ.

ביידע זענען די זעלבע, ווי פריער: דער עלטערער, מיט אַ געהויקערטער נאָז און מיט לאַנגע האָר, אַן אָנגעזעענער און שיינט צו זיין אַ גוטער; דער יינגערער, וויקטאָר, איז געבליבן מיט דעם זעלבן פערדישן פּנים און מיט די זעלבע זומער־שפּרענקעלעך. זייער מאַמע — מיין באָבעס אַ שוועסטער — זייער

אַ בייזע און שרייענדיקע. דער עלטערער איז אַ חתונה געהאַטער. די פרוי זיינע איז אַ פולע, אַ ווייסע, ווי אַ ווייצענער ברויט, זי האָט גרויסע אויגן. זייער טונקעלע.

שוין אין די ערשטע טעג האָט זי מיר אַמאָל-צוויי געזאָגט:

— כ'האָב אַוועקגעשאָנקען דיין מאַמען אַ זיידענע פעלע-רינע מיט פאַטשערקעס.

מיר האָט זיך עפּעס נישט געוואָלט גלויבן, אַז זי האָט געשאָנקען מיין מאַמען, און מיין מאַמע האָט עס אָנגענומען. ווען זי האָט מיר אָבער נאָכאַמאָל דערמאָנט וועגן דער פעלערינע, האָב איך איר אַן עצה געגעבן:

— האָסטו געשאָנקען, טאָ נעם זיך נישט איבער דערמיט. דערשראָקן איז זי אָפּגעשפּרונגען פון מיר.

— וואָס? מיט וועמען רעדסטו דאָס?

איר פּנים האָט זיך באַדעקט מיט רויטע פלעקן, די אויגן האָבן זיך אויסגעגלאָצט, זי האָט אַ רוף געטון דעם מאַן.

ער איז אַריין אין קיך מיטן צירקל אין די הענט, מיטן בלייפעדער הינטערן אויער, האָט אויסגעהערט דאָס ווייב און געזאָגט צו מיר:

— איר און אַלעמען דאַרף מען אירצן און חוצפּהדיק דאַרף מען נישט רעדן!

דערנאָך האָט ער אומגעדולדיק געזאָגט צו דער פרוי:

— און דו באַומרויק מיך נישט מיט נאַרישקייטן!

— וואָס — נאַרישקייטן? אַז דיינע קרובים...

מיר איז אויך נישט געפעלן געווען, וואָס די דאָזיקע לייט — זענען מיינע באָבעס קרובים; ווי איך האָב באַמערקט, באַציִען זיך קרובים איינע צו די אַנדערע ערגער, ווי פרעמדע. זיי ווייסן מער איינער וועגן צווייטן שלעכטס און קאָמישעס, באַרעדן זיי מער איינע די אַנדערע, שלאָגן זיך און קריגן זיך עפטער.

דער באַלעבאָס איז מיר געפעלן געוואָרן. ער האָט פיין געטרייסלט מיט די האָר, פאַרלייגנדיק זיי הינטער די אויערן, און האָט מיר מיט עפּעס דערמאָנט „דאָס גוטע געשעפט". ער

האָט אָפּט מיט הנאה געלאַכט, די גרויע אויגן האָבן געקוקט גוטמוטיק, נעבן זיין שפּאַרבערישער נאָז האָבן זיך געשפּילט קאָמישע קנייטשלעך.

— געננוג אייך זידלען זיך, חיות־הינער! — פלעגט ער זאָגן צו זיין פרוי און צו דער מוטער, אויפדעקנדיק מיט אַ גוטן שמייכל זיינע קליינע געזונטע ציין.

שנור און שוויגער האָבן זיך געזידלט יעדן טאָג; מיר האָט שטאַרק געוווּנדערט, ווי לייכט און ווי גיך זיי קריגן זיך. פון אינדערפרי פלעגן זיי ביידע, נישט פאַרקעמטע, פונאַנדער־געקנעפּלטע אָנהייבן אַרומצולויפן איבער דער שטוב, ווי עס וואָלט דאָרט געווען אַ שרפה, געשמייעט אַ גאַנצן טאָג, אָפּרוענ־דיק נאָר ביים טיש, צו מיטאָג, ביי טיי טרינקען און ביים אָוונט־ברויט. עסן און טרינקען אַ סך, ביז שיכּרות, ביז שלאָפ־קייט. ביים עסן פלעגן זיי רעדן וועגן מאכלים און זיך פויל דורכזידלען, מאַכנדיק הכנות צו אַ גרויסער קריגעריי. וואָ די שוויגער זאָל נישט האָבן געקאָכט, האָט די שנור שטענדיק געזאָגט:

— און מיין מאַמע מאַכט דאָס נישט אַזוי.

— אויב נישט אַזוי, איז זיכער ערגער!

— ניין, בעסער!

— נו, טאָ גיי צו דיין מאַמען.

— איך בין דאָ די באַלעבאָסטע!

— און איך ווער בין?

דאָ פלעגט זיך אַריינמישן דער באַלעבאָס.

— געננוג שוין אייך, חיות־הינער! וואָס זענט איר משוגע געוואָרן?

אַלץ איז אין שטוב געווען מאָדנע אומפאַרשטענדלעך און קאָמיש. צווישן עסצימער און צווישן דער קיך איז אין דער דירה געווען איין איינציקער אַריינגאַנג דורך אַ קליינינקן שמאָלן קלאָזעטל. דורך אים האָט מען געטראָגן אין עסצימער די סאַ־מאָוואַרן און דאָס עסן. דער אַריינגאַנג האָט געבראַכט צו פריי־לעכע שפּאַסן, נאָר אָפּט איז עס געווען דער מקור פון קאָמישע

מיספאַרשטענדנישן. מיין פּליכט איז געווען אַריינצוגיסן וואַסער אין קאַסטן פון קלאָזעט, און געשלאָפן האָב איך אין קיך, אַנט-קעגן דער טיר פון קלאָזעט, און האַרט ביי דער טיר פון גאַ-ניק: אין קאָפּ פלעגט מיר וואַרעמען דער קיך-אויוון און אין די פיס האָט געבלאָזן פון גאַניק. ביים שלאָפן גיין פלעג איך צוזאַמענעמען אַלע טיכער פון די פּאָדלאָגע און זיך אַרויפלייגן אויף די פיס.

אין דעם גרויסן זאַל מיט די צוויי שפּיגלען אויף די צווישן-ווענטלעך, מיט די בילדער-פּרעמיעס פון „ניוואַ", מיט די פּאָר קאָרטן טישעלעך און דעם טוץ ווינער שטולן, איז געווען וויסט און לאַנגווייליק. דער קליינער גאַסט-צימער איז אָנגע-שטעלט מיט בונטע ווייכע מעבל, מיט בערגלעך „נדן", זילבער און טיי-געשיר און באַפּוצט מיט דריי לאָמפּן, איינער גרעסער פאַר דעם אַנדערן. אין פינסטערן שלאָפצימער זענען, אויסער דער ברייטער בעט, געשטאַנען קאַסטנס, שאַפעס, פון זיי האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון טאַבאַק-בלעטער און פּערסישן רומיאַנעק. די אַלע דריי צימערן זענען שטענדיק געווען פּוסט, און די באַלעבאַטים האָבן זיך אַרומגעדרייט אין קליינעם עסצימער, שטענ-דיק איינער דעם צווייטן. גלייך נאָך טיי, אַלס אַ זייגער אינ-דערפרי, פלעגט דער באַלעבאָס מיט דעם ברודער פונאַנדער-רוקן דעם טיש, פלעגט פונאַנדערלייגן אויף אים ווייסע בויגנס פּאַפּיר, צייכנגעצייג, בלייפעדער, טעצלעך מיט טוש און פלעגן זיך נעמען צו דער אַרבעט, איינער ביי איין עק טיש, דער צווייטער קעגנאיבער.

— דרייט זיך דאָ נישט אַרום! — האָט וויקטאָר געשריגן.

די באַלעבאָסטע פלעגט אַ באַליידיקטע בעטן איר מאַן:

— וואַסיאַ, זאָג אים, ער זאָל אויף מיר נישט גוואַלדעווען!

— און דו טרייסל נישט דעם טיש. — פלעגט אין אַ שלום-טאָן זאָגן דער באַלעבאָס.

— איך — בין שוואַנגער, דאָ — איז ענג...

— נו, וועלן מיר גיין אַרבעטן אין זאַל.

אָבער די באַלעבאָסטע פלעגט שרייען אין צאָרן:

— גאָט מיינער, ווער אַרבעט דאָס אין זאַל?

פון קלאָזעט רוקט זיך אַרויס דער אַלטערס, מאַטריאָנאַ־איוואַנאָוונעס בייז פּנים, וואָס איז צעגליט פון דעם הייסן אויוון. זי שרייט:

— אַט, זעסטו, וואַסיאַ: דו אַרבעטסט, און זי קאָן זיך נישט אָפּקעלבן אין פיר צימערן. אַ פּריצטע פון קאָפּ ביז די פּיס, און אין קאָפּ איז נישטאָ קיין שכל אויף אַ גראָשן...

וויקטאָר לאַכט בייסיק, און דער באַלעבאָס שרייט:

— גענוג!

נאָר די שנור גיסט אָפּ די שוויגער מיט עמערס פון גיפטיקער מליצה, פּאַלט אַוועק אויפן שטול און קרעכצט:

— איך גיי אַוועק פונדאַנען! איך וועל שטאַרבן!

— שטערט מיר נישט אין ז'ער אַרבעט, דער רוח זאָל אייך נעמען! — גוואַלדעוועט דער באַלעבאָס, בלאַס פון אָנ־שטרענגונג. — אַ משוגעים־הויז! פאַר אייך ברעך איך דאָך מיין קאַרק, איר זאָלט האָבן וואָס צו פרעסן! אָ, הינער־חיות...

צוערשט האָבן מיך די דאָזיקע קריגערייען געשראָקן, דערהויפּט האָב איך זיך דערשראָקן איינמאָל, ווען די באַלע־באָסטע האָט געכאַפּט אַ מעסער און, אַריינלויפנדיק אין קלאָזעט, זיך דאָרט פאַרשפאַרט און אָנגעהויבן ווילד צו רעווען. איין מינוט איז אין הויז שטיל געוואָרן, דערנאָך האָט זיך דער באַ־לעבאָס איינגעשפּאַרט מיט די הענט אין טיר, האָט זיך איינ־געבויגן און אַ געשריי געטון צו מיר:

— קריך אַריין, צוברעך די שויב, און נעם אַראָפּ דאָס קייטעלע פונם העקל.

איך בין שנעל אַרויפגעשפּרונגען אויף זיין רוקן, צעבראָכן די שויב פון טיר — נאָר ווען איך האָב זיך אָבער אָנגעבויגן אַראָפּ, האָט מיר די באַלעבאָסטע אָנגעהויבן קלאַפּן איבערן קאָפּ מיטן סטיל פון מעסער. — פונדעסטוועגן, האָב איך נאָך באַוויזן אויפ־צומאַכן די טיר, און דער באַלעבאָס האָט מיט כּוח אַרויסגע־שלעפּט זיין ווייב אין עס־צימער, און אַוועקגענומען ביי איר דאָס מעסער. זיצנדיק אין קיך און רייבנדיק דעם צעקלאַפּטן

קאָפּ, האָב איך גלייך תופס געווען, אַז איך האָב גאָר אומזיסט געליטן: דאָס מעסער איז געווען אַזוי טעמפּ, אַז אַפילו אַ שטיקל ברויט איז שווער געווען מיט אים אָפּצושניידן, — ווער רעדט שוין — די הויט איינשניידן. איך האָב נישט געדאַרפט אַרויפּ-קריכן אויפן באַלעבאָס פּלייצע, כ׳וואָלט געקאָנט צעברעכן די שויב, שטעלנדיק זיך אויף אַ שטול און, ווייטער, אַראָפּנעמען דאָס קייטעלע איז געווען באַקוועמער פאַר אַ דערוואַקסענעם — זיינע הענט זענען לענגער. נאָך דער דאָזיקער געשיכטע האָבן מיך שוין די קריגערייען אין שטוב מער נישט געשראָקן.

די ברידער האָבן אַנטייל גענומען אין דעם קלויסטער-כאָר; אָפטמאָל פלעגן זיי ביי דער ארבעט שטילערהייד אָנהויבן צו זינגען, דער עלטערער האָט געזונגען מיט אַ באַריטאָן:

— דעם נשמה-רינג פון מיידל
האָב איך אין ים פאַרוואָרפן...

דער יינגערער איז אַריינגעפאַלן מיט אַ טענאָר:

— און מיט יענעם רינג אינאיינעם
מיין ערדיש גליק פאַרדאָרבן.

פון קינדער-צימער לאָזט זיך הערן אַ שטילער אויסרוף פון דער באַלעבאָסטע:

— איר זענט פון זינען אַראָפּ? דאָס קינד שלאָפט...

אָדער:

— דו, וואַסיע, ביסט אַ חתונה-געהאַטער, מעגסטו נישט זינגען וועגן מיידלעך, צו וואָס איז דאָס? אַגב, וועט מען באַלד קלינגען אין קלויסטער צו דער נאַכט-תפילה.

— נו, וועלן מיר זינגען אַ קלויסטער-ניגון...

נאָר די באַלעבאָסטע פלעגט געבן צו פאַרשטיין, אַז אַ קלויסטער-ניגון פּאַסט בכלל אין ערגעץ נישט צו זינגען, בפרט נאָך דאָ... — און זי האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף דער קליינער טיר.

— מ׳וועט דאַרפן בייטן די דירה, אַ נישט — ווייסט דער טייוול, וואָס עס וועט זיין! — פלעגט זאָגן דער באַלעבאָס.

פונקט אַזוי אָפט פלעגט ער זאָגן, אַז מ׳דאַרף בייטן דעם

טיש, נאָר ער האָט שוין גערעדט וועגן דעם אַ משך פון דריי יאָר.

צוהערנדיק זיך צו די געשפּרעכן פון מיינע באַלעבאַטים וועגן מענטשן, פלעג איך זיך שטענדיק דערמאַנען אין דעם שוכ־געשעפט — דאָרט האָט מען אויך גערעדט אויף דעם אייגענעם שטייגער. מיר איז געווען קלאָר, אַז די באַלעבאַטים האַלטן זיך פאַר די בעסטע מענטשן אין שטאָט, זיי ווייסן די גענויסטע געזעצן, ווי מ׳דאַרף זיך אויפפירן, און שטיצנדיק זיך אויף די דאָזיקע געזעצן, וואָס זענען פאַר מיר געווען אומפאַרשטענד־לעך, — האָבן זיי אַלעמען אומברחמנותדיק געמשפּט. דער דאָ־זיקער משפּט פלעגט ביי מיר אויפוועקן אַ ביייזן אומעט און אַ צאָרן קעגן די געזעצן פון די באַלעבאַטים, צעשטערן די דאָ־זיקע געזעצן — איז געוואָרן אַ קוואַל פון נחת פאַר מיר.

אַרבעט האָב איך געהאַט אַ סך: כ׳האָב אויסגעפירט אַלע אַרבעטן פון אַ דינסט, אַלע מיטוואָך האָב איך געוואַשן די פּאָדלאָגע אין קיך, געפּוצט דעם סאַמאָוואַר און די קופּערנע און מעשענע כלים, אין די שבתים — געוואַשן אַלע פּאָדלאָגעס פון הויז און ביידע טרעפּ, געהאַקט און אָנגעטראָגן האָלץ פאַר אַלע אויוונס, געוואַשן געשיר, געשאָבן קאַרטאָפל, בוראַקעס, גע־גאַנגען מיט דער באַלעבאָסטע אין מאַרק, אונטערטראָגנדיק איר דעם אָנגעפּאַקטן קויש, געלאָפן אין קראָם, אין אַפּטייק.

מיינע נאָענטסטע הערשערין — דער באָבעס אַ שוועסטער, אַ טומלדיקע, צאָרנדיקע זקנה, פלעגט אויפשטיין פאַרטאָג, אַ זייגער זעקס; אייַנוואַשנדיק זיך שנעל, פלעגט זי אין איין העמד זיך שטעלן אויף די קני פאַר דער איקאָנע און לאַנג געקלאָגט זיך פאַר גאָט אויף איר לעבן, אויף אירע קינדער און אויף איר שנור.

— רבוני של עולם — רופט זי אויס מיט אַ וויינענדיקער שטים, צולייגנדיק צום שטערן די צונויפגעלייגטע פינגער — רבונו של עולם, איך בעט ביי דיר גאָרנישט, איך דאַרף קיין זאַך נישט — לאָז מיר נאָר אָפּרוען, באַרויק מיך, אָ, גאָט, מיט דיין קראַפט!

אירע זיפצן פלעגן מיך אויפוועקן; אויפכאַפּנדיק זיך פלעג איך קוקן פון אונטער דער קאָלדרע און מיט שרעק זיך צוהערן צו אירע הייסע תּפילות. דער האַרבסטיקער פרימאָרגן קוקט אַריין טריב דורך די פאַררעגנטע שויבן פון די קיך־פענסטער; אויף דער פּאָדלאָגע, אין קאַלטער טונקלעניש, שאָקלט זיך אַ גרויע פיגור, מאַכנדיק אומרויִק מיט אַ האַנט; פון איר קליינעם קאָפּ, פון דעם אַראָפּגערוקטן טיכל אַפּער, האָבן זיך צעשאָטן איבערן האַלז און רוקן אירע שיטערע העלע האָר, דאָס טיכל רוקט זיך ביי איר אַלע ווײַלע אַראָפּ פון קאָפּ, די אַלטע פאַרריכט מיט אַ שאַרפער באַוועגונג פון דער לינקער האַנט און שעפּטשעט:

— פאַרברענט זאָלסטו ווערן!

מיט אַ הויב פון דער האַנט שלאָגט זי זיך איבערן שטערן, איבערן בויך, איבער דער פּלייצע און סיקעט:

— און די שנור — שטראָף, גאָטעניו, צוליב מיינעטוועגן. פאַררעכן איר אַלע מיינע עוולות! עפּן אויף מיין זונס אויגן אויף איר! העלף, גאָטעניו, מיין זון וויקטאָרושקען און טו מיט אים חסד...

וויקטאָרושקע שלאָפט טאַקע דאָ אין קיך אויף אַ טאַפּטשאַן.

— מאַמע, ווידער גוואַלדעוועט איר פון באַגינען! ממש אַן אומגליק!

— נו, נו, שלאָף געזונטערהייט, — שעפּטשעט אַ שולדיקע די אַלטע. אַ פּאָר מינוט שאָקלט זי זיך שטילערהייט און פּלוצלינג שרייט זי מיט נקמה אויס: — און זאָלן זיי, גאָטעניו, אויסגעררי־נען ווערן און עס זאָל פון ,זיי קיין שריד ופּליט נישט בלייבן...

אַזוי שרעקלעך פלעגט אַפילו מיין זיידע נישט מתפּלל זיין.

נאָך דער תּפילה פלעגט זי מיך אויפוועקן:

— שטיי אויף, גענוג געוואַרעמט דאָס בעט, נישט דערצו ביסטו באַשאַפן געוואָרן!... שטעל אָן דעם סאַמאָוואַר, טראָג אָן האָלץ — קיין שפּענדלעך האָסטו אין אָוונט נישט אָנגעגרייט?

איך טו אַלץ איילנדיק, אַבי נישט הערן דער אַלטערס בייז געמורמל, נאָר איר צו געפעלן — איז אוממעגלעך; זי

טראָגט זיך איבערן קיך, ווי אַ ווינטער-זאַווערוכע און סיקעט, יאָמערנדיק:

— שטילער, שד! ווערסט אויפוועקן וויקטאָרושקען, ווערסט ביי מיר באַלד קריגן! לויף אין קרעמל...

אין די וואָכן-טעג פלעגט מען צו טיי קויפן צוויי פונט ווייס ברויט און פאַר צוויי קאָפּיקעס גראָשענע בייגל פאַר דער יונגער באַלעבאָסטע. ווען איך פלעג ברענגען דאָס ברויט, פלעגן אים די ווייבער באַקוקן מיט חשד און פלעגן, ווענגדיק אויפן האַנט פרעגן:

— קיין צולאָג איז נישט געווען? ניין? עפן אָקאָרשט דאָס מויל!

און מיט טריומף אויסגעשריען:

— ער האָט אויפגעפרעסן דעם צולאָג, אָט זענען נאָך די ברעקלעך אין די ציינער!

...געאַרבעט האָב איך מיט חשק, איך האָב געהאַט אַ הנאה אויסצוראָמען דעם שמוץ פון שטוב, וואַשן די פּאָדלאָגעס, פּוצן די קופּערנע כלים, די הענטלעך פון די טירן; איך האָב נישט איינמאָל געהערט, ווי אין די פרייע שעהן פלעגן די ווייבערריידן וועגן מיר:

— אַ פלייסיקער אַרבעטער...

— אַ צילטיקער.

— נאָר אַ צו גרויסער חצוף.

— נו, מאַמינקע, ווער האָט אים דערצויגן!

אוןביידע האָבן זיך געסטאַרעט איינצופלאַנצן אין מיר אַכטונג צו זיי, איך האָב זיי אָבער געהאַלטן פאַר האַלב משוגענע, נישט געהאַט, נישט געפאָלגט און גערעדט מיט זיי קידער-ווידער. די יונגע באַלעבאָסטע האָט, אַפּנים, באַמערקט, אַז אייניקע געשפּרעכן זייערע מאַכן אויף מיר אַ שלעכטן איינדרוק, און פלעגט דעריבער עפטער זאָגן:

— דו דאַרפסט אין זינען האָבן, אַז די ביסט גענומען געוואָרן פון אַן אָרעם הויז! איך האָב דיין מוטער אַוועקגעשאָנקען אַ זיידענע פעלערינע, מיט פּאַטשערקעס!

איינמאָל האָב איך איר געזאָגט:

— נו איז וואָס, זאָל איך מיר פאַר דער דאָזיקער פּע־לערינע לאָזן די הויט אַראָפּשינדן פאַר אייך?

— טאַטע־פּאַזער, דער קאָן נאָך אונטערצונדן, האָט מיט שרעק געשריען די באַלעבאָסטע.

איך בין געווען שטאַרק פאַרוווּנדערט: פאַרוואָס עפּעס — אונטערצינדן?

ביידע פלעגן זיי זיך כסדר קלאָגן אויף מיר פאַר דעם באַלעבאָס און ער פלעגט מיר שטרענג זאָגן:

— דו, היט זיך, ברודערל, ביי מיר!

נאָר איינמאָל האָט ער גלייכגילטיק געזאָגט צום ווייב און צו דער מאַמען:

— איר זענט אויך גוטינקע, איר רייט ביידע אויף דעם יינגל, ווי אויף אַ פערד. אַן אַנדערער וואָלט שוין לאַנג אַנט־לאָפן, אָדער געקרעפּירט פון אַזאַ אַרבעט...

דאָס האָט אויפגעבראַכט די פרויען ביז טרערן; דאָס ווייב האָט געטופּעט מיט די פיס און געגוואַלדעוועט:

— מעג מען דען רעדן, דו לאַנגהאָריקער טיפּוש, פאַר אים אין די אויגן, אַזעלכע רייד! וואָס פאַראַ גוטס קאָן שוין אַרויסקומען נאָך אַזעלכע רייד? איך בין אַ שוואַנגערע פרוי.

די מוטער פלעגט יאָמערן:

— זאָל דיר גאָט מוחל זיין, וואַסיל, אָבער — געדענק מיין וואָרט — וועסט פּטרן דאָס יינגל!

ווען זיי זענען צאָרנדיקע אַוועק, האָט דער באַלעבאָס שטרענג געזאָגט:

— זעסט, טייוול איינער, וואָס פאַראַ טומל ס'איז צוליב דיר? אָט איך וועל דיך אָפּשיקן צום זיידן און וועסט ווידער ווערן אַ שמאַטע־קלייבער!

נישט קאָנענדיק פאַרליידן די באַליידיקונג, האָב איך זיך אָפּגערופן:

— צו זיין אַ שמאַטע־קלויבער, איז שוין בעסער, ווי צו

לעבן בײ אײך! איר האָט מיך געגומען פאַר אַ לערן־ײנגל, און װאָס לערנט איר מיך? פּאָמיניצעס טראָגן...

דער באַלעבאָס האָט מיך פאָרזיכטיק אָנגענומען בײ די האָר, און, אַרײנקוקנדיק מיר גלײך אין די אויגן, פאַרװוּנדערט געזאָגט:

— עי, דו ביסט אַ פויגל! דאָס טויג פאַר מיר, ברודערל, נישט, נ־נײן!...

כ'האָב געמײנט — ער װעט מיך אַרויסטרײבן, ערשט אין אַ טאָג אַרום קומט ער אַרײן אין קיך מיט אַ ראָלקע דיקן פּאַפּיר אין די הענט, מיט אַ בלײפעדער, אַן עק־מאָס און אַ װירע.

— אַז דו װעסט ענדיקן שײערן די מעסערס — זאָלסטו אָט דאָס אָנצײכענען!

אויפן בויגן פּאַפּיר איז געװען אָנגעצײכנט דער פאַסאַד פון אַ צװײ גאָרנדיק הויז מיט אַ סך פענסטער און באַפּוצונגען.

— נאַ־דיר אַ צירקל! מעסט אויס אַלע ליניעס בײם ענדע פון יעדער ליניע מאַך אַ פּונקט, דאַן פיר דורך מיטן בלײפעדער איבער דער װירע פון אײן פּונקט צום צװײטן. צוערשט פון אויבן אַראָפּ, דאָס װעלן זײן די האָריזאָנטאַלע, דערנאָך — אין דער קװער, דאָס װעלן זײן די װערטיקאַלע. נו, געאַרבעט!

איך האָב זיך זײער דערפרײט מיט דער רײנער אַרבעט און מיט דער התחלה פון לערנען. איך האָב אָבער געקוקט אויפן פּאַפּיר און אויף די געצײג מיט גרויס יראת הכבוד און האָב קײן זאַך נישט פאַרשטאַנען.

פונדעסטװעגן, האָב איך תיכּף אָפּגעװאַשן די הענט, און זיך גענומען צום לערנען. אָנגעצײכנט אויפן פּאַפּיר אַלע האָריזאָנטאַלע שטריכן, אָפּגעמאָסטן — גוט! הגם דרײ זענען געװען איבעריקע. כ'האָב דורכגעפירט אַלע װערטיקאַלע שטריכן און האָב מיט פאַרװוּנדערונג באַמערקט, אַז דאָס אויסזען פון הויז האָט זיך משונהדיק געביטן: די פענסטער זענען אַיסגעקומען אויפן אָרט, װאו ס'האָבן געזאָלט זײן די װענטלעך, און אײן פענסטער האָט זיך אַרויסגערוקט פון װאַנט, און איז געהאָנגען אין דער לופטן, נישט װײט פון הויז, דער פאַראַדנער

גאַניק האָט זיך אויך אויפגעהויבן ביזן צווייטן גאָרן, דער גע־זימס אַרויסגעקומען אויפן מיטן דאַך, דאָס בוידעם־פענסטערל — אויפן קוימען.

כמעט מיט טרערן אין די אויגן האָב איך לאַנג געקוקט אויף די דאָזיקע אומבאַגרייפלעכע ווונדער, וועלנדיק תופס זיין, ווי אַזוי עס איז אַזוינס געשען? און בשום אופן נישט קאָנענ־דיק תופס זיין — האָב איך באַשלאָסן צו פאַריכטן די זאַכן מיט דער הילף פון מיין אייגענער פאַנטאַזיע. כ׳האָב אָנגעצייכנט, אויפן פאַסאַד פונם הויז, אויף אַלע קאַרניזן און אויפן שפּיץ פון דאַך, וואָראָנעס, טויבן, וואָראָבייטשיקלעך, און אויף דער ערד,ביים פענסטער — קרומפיסיקע מענטשן מיט שירעמס אין די הענט, וואָס האָבן נישט אינגאַנצן פאַרשטעלט זייער העס־לעכקייט. דערנאָך האָב איך דאָס איבערגעצויגן מיט דינע שטריכן און אַוועקגעטראָגן די אַרבעט צום לערער.

ער האָט אויפגעהויבן הויך די ברעמען, אַריינגעגראָבן מיט דער האַנט אין די האָר און, אָנקוקנדיק עס ברוגז, אַ פרעג געטון:

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— אַ רעגנדל גייט, — האָב איך דערקלערט — ביי אַ רעגן זעען אַלע הייזער אויס קרום, ווייל דער רעגן אַליין — איז אויך שטענדיק קרום. פויגלעך — דאָס זענען אַלץ פייגל — זיי האָבן זיך באַהאַלטן אויף די געזימסן, אַזוי איז אַלעמאָל בשעת אַ רעגן. און דאָס — לויפן מענטשן אַהיים, דאָ — איז אַ פרוי געפאַלן און דאָס איז אַ פאַרקויפער פון ציטרינען...

— אַ שיינעם דאַנק דיר — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס, זיך אָנגעבויגן צום טיש, אַראָפּגעשאַרט מיט די האָר דאָס פּאַ־פּיר, האָט זיך צעלאַכט און געשריען: — אַ, צעפּלאַצט זאָלסטו ווערן, דו חיה — וואָראָבײ!

ס׳איז אַריינגעקומען די באַלעבאָסטע, קאָלערנדיק מיטן בויך, ווי מיט אַ פעסל, אָנגעקוקט מיין אַרבעט און געזאָגט צום מאַן!

— דו קאָטעווע אים אַריין!

נאָר דער באַלעבאָס האָט פריינדלעך געזאָגט:

— ס׳מאַכט נישט אויס, איך האָב אויך נישט בעסער אָנגעהויבן...

אָנמערקנדיק מיט אַ רויטן בלייפעדער די צעשטערונג פונם פּאַסאַד, האָט ער מיר געגעבן נאָך פּאַפּיר.

— פּרוּוו ווידעראַמאָל: וועסט אַזוי לאַנג צייכענען, ביז דו וועסט קומען צו אַ טאָלק...

די צווייטע קאָפּיע איז שוין ארויס בעסער, אָבער דאָס פענסטער איז אַרויס אויפן טיר פון גאַניק. מיר איז אָבער נישט געפעלן געווען, אַז דאָס הויז זאָל שטיין פּוסט, האָב איך עס באַזעצט מיט פאַרשידענע איינוווינער: אין די פענסטער זע־נען געזעסן דאַמען מיט פעכערס אין די הענט, קאַוואַלערן מיט פּאַפּיראָסן, און איינער פון זיי, נישט קיין רעוואָלווער האָט אַרויסגעשטעלט אַלעמען אַ לאַנגע נאָז. ביים גאַניק איז געשטאַ־נען אַ פורמאַן און ס׳איז געלעגן אַ הונט.

— וואָס האָסטו דאָ ווידער אָנגעמאַכט? — האָט מיט כּעס אַ פרעג געטון דער באַלעבאָס.

כ׳האָב אים דערקלערט, אַז אָן מענטשן איז זייער אומע־טיק, נאָר ער האָט זיך אָנגעהויבן זידלען.

— צו אַלדי רוחות דאַרף מען דאָס! אויב דו ווילסט זיך לערנען — טאָ לערן! אָבער דאָס — איז קונדסעריי...

ווען מיר האָט זיך ענדלעך איינגעגעבן צו מאַכן די קאָפּיע ריכטיק לויט דעם אָריגינאַל, איז דאָס אים געפעלן געוואָרן.

— אָט זעסטו, קענסט דאָך יאָ! אָט אַזוי, וועט אפשר ביי אונז אינגיכן וואָס אַרויסקומען...

און האָט מיר אַרויסגעגעבן אַ לעקציע.

— מאַך דעם פּלאַן פון דער דירה: די פאַרטיילונג פון די צימערן, ווו די טירן, די פענסטער, ווו עס שטייט אַלץ. איך וועל דיר קיין זאַך נישט אָנווייזן — מאַך אַליין!

איך בין אַריין אין קיך און זיך פאַרקלערט — פון וואָס הייבט מען אָן?

און אויף דעם פונקט איז שטיין געבליבן מיין למוד פון דער צייכנונגס־קונסט.

ס'איז צוגעקומען צו מיר די אַלטע באַלעבאָסטע און מיט רוגזה געפרעגט:

— ווילסטו צייכענען?

האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַר די האָר און אַזאַ זעץ געטון מיטן פּנים אָן טיש, אַז איך האָב מיר צעמזיקט די נאָז און די ליפּן; און, אונטערשפּריגנענדיק, האָט זי צעריסן דאָס פּאַ־פּיר און אַרונטערגעשליידערט פון טיש די געצייג און, אָנ־שטעלנדיק די הענט אין די זייטן מיט נצחון, געשריען.

— נו, צייכן! ניין, דאָס וועט זיך נישט איינגעבן! אַ פרעמדער וועט אַרבעטן — און אַן איין־איינציקער ברודער, אייגן ביסל בלוט און פלייש — נישט?

ס'איז געקומען צולויפן דער באַלעבאָס, דער באַלעבאָס, זיין ווייב, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ וויסטער סקאַנדאַל — אַלע דריי זענען געשפּרונגען איינע אויף די אַנדערע, זיך גע־שפּיגן אין פּנים, געקוויטשעט און צום סוף, ווען די ווייבער זענען זיך פונאַנדערגעאַנגען וויינען, האָט דער באַלעבאָס גע־זאָגט צו מיר:

— דו לאָז דאָס דערווייל, לערן זיך נישט, — זעסט דאָך אַליין, וואָס דאָ קומט אַרויס!

איך האָב אויף אים רחמנות געהאַט — ער איז אַזאַ צע־קראָכענער, אַן אומבאַהאָלפענער און אייביק פאַרטויבט פון די ווייבערשע קולות.

כ'האָב נאָך פריער פאַרשטאַנען, אַז די אַלטע וויל נישט איך זאָל זיך לערנען, און שטערט מיך דעריין. איז איידער איך פלעג זיך זעצן צייכענען, פלעג איך זי שטענדיק פרעגן:

— איז קיין אַרבעט גאָר נישטאָ?

— ווען ס'וועט זיין — וועל איך זאָגן, דו זיץ ביים טיש, און שפּיל זיך...

אין אַ ווײַלע אַרום פלעגט זי מיך שיקן ערגעץ ווו, אָדער זי פלעגט זאָגן:

— ווי שיין דו האָסט אויסגעקערט די פּאַראַדנע טרעפּ!— אומעטום מיסט, שטויב! גיי, קער...

איך בין אַוועק אָנקוקן — קיין שטויב איז נישט געווען.

— דו ווערסט זיך נאָך מיט מיר האַמפּערן? — האָט זי געשריען.

איינמאָל האָט זי אָפּגעגאָסן אַלע מיינע צייכנונגען מיט קוואַס, אַ צווייט מאָל אויסגעקערט אויף זיי אַ לעמפּעלע מיט אייל פון די איקאָנעס, זי האָט מיר אָפּגעטון צו־להכעיס, ווי אַ קליין מיידעלע, מיט אַ קינדערשער ביטערקייט, וועלכע זי האָט קינדעריש נישט געקאָנט באַהאַלטן. איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געזען אַ מענטשן, וואָס זאָל זיך אַזוי גיך אויפרעגן, ווי זי, און זאָל אַזוי האָלט האָבן זיך צו קלאָגן אויף אַלץ און אַלעמען, ווי זי. אַלע מענטשן בכלל האָבן זיך גערן צו באַקלאָגן, זי פלעגט עס אָבער טון מיט אַ מאָדנער הנאה, פּונקט ווי זי וואָלט א ליד געזונגען.

איר ליבע צום זון איז געווען ענלעך צו אַ מין שגעון, זי איז מיר געווען קאָמיש און האָט מיך געשראָקן מיט איר קראַפט, וואָס איך קאָן אַנדערש נישט אָנרופן, ווי אַ ווילדע קראַפט. אָפּטמאָל, נאָך דער פרימאָרגעדיקער תפלה פלעגט זי זיך שטעלן אויף אַ טרעפּ פון אויוון, און אַראָפּלייגנדיק די הענט אויפן ראַנד פון דעם באַלקן־געלעגער, פלעגט זי שעפּטשען מיט היץ:

— באַשערטער מיינער, געטלעכע בלוט מיינס זודיקס, ריינס, מלאכיש פליגעלע מיינס! ער שלאָפט, — שלאָף, קינדער־לע, ליכטיקע חלומות זאָלן זיך דיר חלומען, אַ שיינינקע כלה זאָל דיר צו חלום קומען, אַ בת־מלכה, אַן עושרטע, אַ סוחרישע טאָכטער! דיינע פיינד — זאָלן אין דער מאַמעס בויך אויסרינען, און דיינע פריינד — זאָלן לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, און מיידלעך זאָלן דיר נאָכלויפן סטאַיעס־ווייז, ווי די קאַטשקעס נאָכן „ער״!

מיר קומט דאָס אויס משונה לעכערלעך — דער דיקער און פוילער וויקטאָר איז ענלעך אויף אַ פיקהאָלץ. פּונקט אַזאַ בונ־טער, מיט אַ גרויסער נאָז. פּונקט אַזאַ עקשנותדיקער און טעמפּער.

דער מאַמעס שעפּטשען האָט אים באַאומרויקט און שלעפּריק האָט ער געמורמלט:

— גיי צום טייוול, מאַמע, וואָס הירזשעסטו מיר גלייך אין פּנים אַריין? ס'איז נישט אויסצוהאַלטן!

אַן אַנדערש מאָל פלעגט זי הכנעהדיק אַראָפּקריכן פון טרעפּעלע און זאָגן מיט אַ שמייכל:

— נו שלאָף, שלאָף... גראָבער ביין.

אַמאָל פלעגט אָבער טרעפן אַזוי: אירע פיס פלעגן זיך אונטערבויגן און, ווארפנדיק זיך, פלעגט זי מיט אַן אָפענעם מויל שטאַרק סאָפּען, גלייך, ווי זי וואָלט זיך די צונג אָפּגעברענט, און פלעגט שיטן מיט הייסע רייד:

— אַזוי גאָר? דאָס שיקסטו די מאַמען צום טייוול, דו הינטערשער זון? אָ, חרפה דו מיינע, קלעק דו פאַרשאָלטענער, דער טייוול האָט דיך אין מיין נשמה אַריינגעזעצט, הלוואי וואָלסטו בעסער אויסגערונען איידער דו ביסט געבוירן געוואָרן!

זי האָט גערעדט שמוציקע רייד, ווערטער פון אַ גאַסן־שיכור — ס'איז געווען אַ גרויל צו הערן.

שלאָפן פלעגט זי ווייניק און אומרויק, עטלעכע מאָל אַ נאַכט פלעגט זי אַראָפּשפּרינגען פון אויוון, פלעגט זיך אַ וואָרף טון צו מיר אויף דער קאַנאַפּע און פלעגט מיך וועקן.

— וואָס איז?

— שווייג, — פלעגט זי שעפּטשען, צוקוקנדיק זיך צו עפּעס אין דער פינסטערניש, — גאָט... אליהו הנביא... גרויס־מאַרטירערין וואַרוואַרע... פאַרהיט פון אומגערילכטן טויט...

מיט אַ ציטערדיקער האַנט פלעגט זי אָנצינדן אַ ליכט. איר קיילעכדיק נאָזיק פּנים פלעגט זיך אָנגעשטרענגט אָנבלאָזן. אירע גרויע אויגן פלעגן מיט שרעק פינטלען, אָנקוקנדיק פאַרחידושט די חפצים, וואָס האָבן זיך פאַרענדערט אין דער טונקלקייט. די קיך — איז אַ גרויסע, נאָר זי איז אָנגעשטעלט מיט שאַפעס, קאַסטנס, און זעט אויס ביינאַכט קליין. עס לעבן דאָרט שטילינקע די שטראַלן פון דער לבנה, עס פלאַטערט דאָס פייערל ביים הייליקן בילד, אויף דער וואַנט בלישטשען די מעסערס,

ווי אייז-ליכטעלעך, אויף די פּאָליצעס — שוואַרצע סקאוואראדעס, ווי צורות אָן אויגן.

די אַלטע פלעגט פּאָרזיכטיק אַרונטערקריכן פון אויוון, ווי פון ברעג טייך — אין וואַסער אַריין, און שליאָנדערנדיק מיט אירע באָרוועסע פיס, פלעגט זי צוגיין צום ווינקל, ווו איבערן שמוציקן עמער איז געהאָנגען אַ האַנטפאַס מיט אויערן, וואָס האָט דערמאָנט אָן אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ; דאָרט איז אויך געשטאַנען די כלי מיט וואַסער.

קרעכצנדיק פלעגט זי זיך אָנזופן מיט וואַסער, דערנאָך אַריינקוקן אין פענסטער דורך דעם בלוילעכן אוזאָר אויף די פאַרפראָסטיקטע שויבן.

— האָב רחמנות אויף מיר, גאָט, האָב רחמנות — בעט זי שטילערהייט.

אָפטמאָל פלעגט זי אויסלעשן דאָס ליכט, זיך שטעלן אויף די קני און שעפּטשען אַ באַליידיקטע:

— אָ, גאָט, ווער האָט מיך ליב, ווער דאַרף מיך?

אַרויפקריכנדיק אויפן אויוון, איבערצלמדיק דאָס טירל פון קוימען, פלעגט זי אָנטאַפּן, אויב עס זענען גוט צוגעמאַכט די ווינט-דעקלעך. אויסשמירנדיק דערביי די הענט אין סאַזשע, פלעגט זי זיך שרעקלעך שילטן און דאַן אויף איינמאָל איינגעשלאָפן, ווי אַ דערשלאָגענע דורך אַ געהיימע קראַפט. ווען איך פלעג זיך פילן באַליידיקט פון איר, פלעג איך טראַכטן: אַ שאָד וואָס דער זיידע האָט נישט חתונה געהאַט מיט איר, אָט וואָלט זי אים געגריזשעט! און זי וואָלט אויך געכאַפּט אַ פּאָרציע. באַליידיקן פלעגט זי מיך אָפט, עס פלעגן אָבער אַמאָל טרעפן טעג, אַז איר פול וואַטעדיק פּנים פלעגט ווערן אומעטיק, די אויגן פאַרגאָסן מיט טרערן און זי פלעגט זייער איבערצייגט זאָגן:

— דו מיינסט — מיר איז לייכט? געהאַט קינדער, געביאַנטשעט זיך מיט זיי, געשטעלט אויף די פיס — צוליב וואָס ווען? אָט — בין איך ביי זיי אַ דינסטמויד, איז דאָס מיר זיס? דער זון האָט אַריינגעבראַכט אַ פרעמדע פרוי און האָט אויס-

געביטן אויף איר זיין אייגן בלוט — איז גוט אַזוי? וואָס?

— ניין, נישט גוט אַזוי — פלעג איך אויפריכטיק זאָגן.

— אַהאַ? אָט זעסטו...

און זי פלעגט אָנהויבן אומפאַרשעמט רעדן וועגן דער שנור.

— איך בין געווען מיט איר אין באָד, כ'האָב זי געזען! וואָס האָט אים דאָ פאַרכאַפּט? אָט אַזעלכע רופן זיך אָן פאַר־שווינען.

וועגן די באַציונגען צווישן מאַן און ווייב פלעגט זי רעדן זייער מיאוס. פון אָנהויב זענען מיר אירע רייד געווען דער־ווידער, נאָר אינגיכן האָב איך זיך צוגעוווינט אויסצוהערן זיי אויפמערקזאַם, מיט אינטערעס, פילנדיק אין די דאָזיקע רייד אַ ביטערן אמת.

— אַ ווייב — איז אַ מאַכט, זי האָט גאָט אַליין אָפּגענאַרט, אָט ווי! — האָט זי געזשומט, צוקלאַפּנדיק מיט דער האַנט אי־בערן טיש.

— צוליב חוהן גייען אַלע מענטשן אין גיהנום אַריין, אָט וואָס!

וועגן דער מאַכט פון דער פרוי האָט זי געקאָנט רעדן אָן אַ סוף, און מיר פלעגט זיך אַלץ דוכטן, אַז מיט די דאָזיקע שמועסן וויל זי עמעצן אָפּשרעקן, דערהויפּט איז מיר אין זינען געבליבן, אַז „חוה — האָט אָפּגענאַרט גאָט".

אויפן הויף ביי אונז איז געשטאַנען אַ זייטיקע געביידע, אויך אַזאַ גרויסע, ווי דאָס הויז; אין פיר פון די אַכט דירות אין ביידע הייזער האָבן געוווינט אָפיצירן און אין דער פינפ־טער — אַ פּאָלקאָוואָי גלח. דער גאַנצער הויף איז פול געווען מיט אָפיציר־דינער און משרתים, צו זיי פלעגן קומען וועשע־רינס, דינסט־מיידלעך, קעכינס. אין אַלע קיכן פלעגן זיך שטענ־דיק אָפּשפּילן ראָמאַנען און דראַמעס מיט טרערן, זידלערייען און מחלוקתן. עס פלעגן זיך שלאָגן סאָלדאַטן איינע מיט די אַנדערע, מיט די ערד־גרעבער, דעם באַלעבאָס אַרבעטער; מ'פלעגט שלאָגן פרויען. אויפן הויף האָט שטענדיק געקאָכט פון צעלאָזנ־קייט און אויסגעלאַסנקייט, — דער היהשער נישט געשטילטער

הונגער פון געזונטע בחורים. דאָס דאָזיקע לעבן, וואָס איז גע־וואָרן אָנגעזאַפּט מיט אַכזוריותדיקער תאווה, מיט אומזיניקער פּיי־ניקונג, מיט שמוציקער באַרימעריי פון די זיגער, פלעגט ציניש און מיט אַלע פּרטים אַרומגערעדט ווערן ביי מיינע באַלעבאַטים ביים מיטאָג, ביים טיי טרינקען און אָוונטברויט. די אַלטע האָט שטענדיק געוווסט אַלץ, וואָס עס שפּילט זיך אָפּ אויפן הויף און פלעגט דאָס איבערגעבן מיט התלהבות און נקמה־פרייד.

די יונגע פלעגט זיך צוהערן צו די מעשיות שוויגעדיק, מיט אַ שמייכל אויף אירע ווייכע און פולע ליפּן. וויקטאָר פלעגט לאַכן און דער באַלעבאָס פלעגט, קנייטשנדיק זיך, זאָגן:

— גענוג, מאַמע...

— גאָט מיינער, איך טאָר שוין קיין וואָרט נישט אויס־רעדן! — פלעגט זיך קלאָגן די אַלטע.

וויקטאָר פלעגט איר צוגעבן חשק:

— שיט מאַמע, וואָס איז דאָ די חרפּה! אַלץ אייגענע מענטשן...

דער עלטערער זון פלעגט זיך באַציִען צו דער מוטער מיט אַ געפיל פון עקל און רחמנות, פלעגט אויסמיידן צו רעדן מיט איר אויג אויף אויג, און אַז דאָס פלעגט זיך יאָ טרעפן, פלעגט זי אים פאַרקלאָגן דעם קאָפּ מיט טענות אויף זיין ווייב און האָט שטענדיק דערביי געבעטן געלט. ער פלעגט איילִיק אַריינרוקן איר אין האַנט אַ רובל, דריי, עטלעכע זילבערנע מטבעות.

— אומזיסט, מאַמע, נעמסטו געלט, איך זשאַלעווע דיר נישט, אָבער — ס'איז אומזיסט!

— איך נעם דאָך דאָס פאַר אָרעמע לייט — אויף ליכט אין קלויסטער...

— אָבער, וואָס פאַר אַ אָרעמע לייט! ועסט סוף כּל סוף פאַרדאַרבן וויקטאָרן.

— האָסט נישט גערן דיין ברודער, טראָגסט אַ גרויסע זינד אויף זיך!

און ער פלעגט אַוועקגיין, אַוועקמאַכנדיק זי מיט דער האַנט.

וויקטאָר פלעגט זיך באַגיין מיט דער מאַמען גראָב, חוזק־דיק. ער איז געווען א זולל וסובא און איז שטענדיק געווען הונגעריק. אַלע זונטיק פלעגט זי באַקן פלאָדן און פלעגט שטענ־דיק באַהאַלטן עטלעכע אין אַ טעפל, אונטער דער קאַנאַפּע, וווּ איך פלעג שלאָפן; קומענדיק פון קלויסטער, פלעגט ער אַרויסנע־מען דאָס טעפל און מורמלען:

— האָסט נישט געקאָנט לאָזן אַ ביסל מער.

— און דו פרעס גיכער, מ׳זאָל נישט דערזען...

— איך וועל אומישנע זאָגן, אַז דו גנבעסט פאַר מיר לאַטקעס, זיי אויף צו פיקעניש!

אײנמאָל האָב איך אַרויסגעשלעפּט דעם טאָפּ און אויפגע־געסן אַ פּאָר פלאָדן. — וויקטאָר האָט מיך צעמזיקט צוליב דעם. ער האָט מיך נישט ליב געהאַט, אַזוי ווי איך אים, פלעגט זיך נוקם זיין איבער מיר, פלעגט מיך צווינגען דריי מאָל אַ טאָג פוצן זיינע שיך, און ווען ער פלעגט זיך לייגן שלאָפן אין זיין באַלקן־בעט, פלעגט ער פונאַנדעררוקן די ברעטער און שפּייען דורך די שפּאַלטן, באַמיענדיק זיך אָנשפּייען מיר אויפן קאָפּ.

אפנים נאָכמאַכנדיק דעם ברודער, וואָס פלעגט אָפט זאָגן „חיות־הינער", פלעגט וויקטאָר אויך אָפט זאָגן גלייכע ווערטלעך, אָבער זיי זענען אַלע געווען מאָדנע נאַריש און אָן אַ זין.

— מאַמע, רעכטס אַרום! — וווּ זענען מיינע סקאַרפּעטקעס?

ער פלעגט מיר דערעסן מיט נאַרישע שאלות:

— זאָג, אליאָשע, פאַרוואָס שרייבט מען בלאָינקער און מ׳רעדט אַרויס גראָינקער. פאַרוואָס זאָגט מען גלעקער און נישט פלעקער. פאַרוואָס — צום בוים, און נישט — וווּ איך ווזין?

מיר איז נישט געפעלן געווען, ווי זיי אַלע רעדן. דער־צויגן אויף דער מליצהדיקער שפּראַך פון דער באָבען און פון זיידן האָב איך אין אָנהויב נישט פאַרשטאַנען דעם באַהעפטונג פון אַזעלכע סתירהדיקע ווערטער, ווי „שרעקלעך לעכערלעך", „איך שטאַרב עסן", „שרעקלעך פריילעך"; מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס, וואָס ס׳איז לעכערלעך, קאָן נישט זיין שרעקלעך, דאָס

וואָס ס'איז פרייליך, קאָן נישט זיין שרעקליך, און אַלע מענטשן עסן ביז דעם לעצטן טאָג פון זייער לעבן.

איך פלעג זיי פרעגן:

— קאָן מען דען אַזוי רעדן?

פלעגן זיי זיך זידלען:

— זע נאָר אַ לערער! וואָס זאָגט איר צו אים! מ'דאַרף דיך פאַר די אויערן אָנרייסן...

אָבער אפילו „אָנרייסן די אויערן" איז מיר פאָרגעקומען נישט ריכטיק: אָנרייסן קאָן מען גראָז, בלומען, ניס.

זיי פלעגן מיר פרובירן דערווייזן, אַז אויערן קאָן מען אויך אָנרייסן, מיך האָט עס אָבער נישט איבערצייגט און איך פלעג מיט נצחון זאָגן:

אָבער די אויערן האָט מען פאָרט נישט אָפּגעריסן!

אַרום האָט געהערשט אַזוי פיל גרויזאַמע חציפות, שמוציקע אומפאַרשעמטקייט — נישט אין ערך מער, ווי אויף די קונאָווינער גאַסן, וואָס זענען געווען פול מיט „הייזלעך" מיט „פריילעכע" מיידלעך. אויף די קונאַווינער גאַסן האָט זיך געפילט הינטער דעם שמוץ און דער פאַרשייטקייט עפּעס אַזוינס, וואָס באַרעכטיקט און מאַכט אומפאַרמיידלעך דעם דאָזיקן שמוץ מיט דער חציפות: דאָס שווערע, האַלבהונגעריקע לעבן, גראָבע אַרבעט. דאָ איז דאָס לעבן געווען זאַט און גרינג, אָנשטאָט אַרבעטן האָט מען זיך שלינג און שלאַנג אַרומגעדרייט, געשמאַיעט אָן אַ זין. אויף אַלץ איז דאָ געלעגן אַ שאַרפע, אויפרייצנדיקע לאַנגווייליקייט.

שלעכט האָט זיך מיר געלעבט, נאָר נאָך ערגער פלעג איך זיך פילן, ווען עס פלעגט קומען צו מיר צו גאַסט די באָבע. זי פלעגט אָנקומען דורכן שוואַרצן אַריינגאַנג. אַריינקומענדיק אין קיך, פלעגט זי זיך איבערצלמען אַנטקעגן די הייליקע בילדער, דערנאָך זיך נידעריק פאַרנייגט פאַר דער ייִנגערער שוועסטער, און די דאָזיקע פאַרנייגונג פלעגט מיך צודריקן, ווי אַ שווערע משא, פלעגט מיך שטיקן.

— אַ, דאָס ביסטו, אַקולינע. — פלעגט מיין באַלעבאָסטע

אָננעמען די באָבע קאַלט און מיט ביטול.

איך פלעג נישט דערקענען די באָבע: פאַרשליסנדיק באַ־שיידן די ליפּן, אָנשטעלנדיק עפּעס אַן אומבאַקאַנט פּנים, האָט זי זיך שטילערהייט צוגעזעצט אויף אַ באַנק ביי דער טיר, נעבן דעם קיבל מיט פּאָמאַיעס, און האָט געשוויגן, ווי אַ שולדיקע, ענטפערנדיק אויף דער שוועסטערס פראַגן שטיל און הכנעהדיק.

דאָס פלעגט מיך פייניקן און איך פלעג ביַיז זאָגן:

— וואָס איז מיט דיר, ווו האָסטו זיך געזעצט?

פריינטלעך צווונקענדיק צו מיר, פלעגט זי שטרענג זאָגן:

— און דו שוויַיג, דו ביסט דאָ נישט קיין באַלעבאָס?

— ער מישט זיך שטענדיק אַריין נישט אין זיין זאַך, כאָטש שלאָג אים, כאָטש זידל אים. — פלעגט אָנהויבן די באַ־לעבאָסטע מיט אירע טענות.

גאַנץ אָפט פלעגט זי אַ פרעג טון די שוועסטער:

— וואָס, אַקולינע, לעבסט, ווי אַ בעטלערין.

— אָט אַ דאגה עס איז...

— ס'איז אַוודאי — נישט קיין דאגה, אַז מ'האָט נישט קיין חרפה.

— מ'זאָגט, כריסטוס האָט אויך געלעבט פון נדבות.

— אידיאָטן זאָגן דאָס, אפּיקורסים, און דו, אַלטער נאַר, הערסט זיך צו: כריסטוס — איז נישט קיין בעטלער, נאָר — גאָטס אַ זון, ער וועט קומען, ווערט געזאָגט, מיט רום צו משפּטן די לעבעדיקע און די טויטע — און די טויטע, געדענק דאָס! פון אים וועסטו זיך נישט אויסבאַהאַלטן, שוועסטערלעבן, ווען דו זאָלסט זיך אפילו אויף אַש פאַרברענען... ער וועט דיר מיט וואַסיליען אָפּצאָלן פאַר אייער גאווה, פאַר מיר, בשעת איך פלעג אַמאָל קומען צו אייך, גבירים, בעטן הילף...

— איך פלעג דיר דאָך, לויט מיינע כחות העלפן,—פלעגט גלייכגילטיק זאָגן די באָבע — אָבער גאָט האָט אונז באַצאָלט, דו ווייסט דאָך...

— ס'איז אייך ווייניק! ווייניק...

די שוועסטער האָט לאַנג גערעגט און געעגבערט די באָבע מיט איר נישט מיד־ווערנדיקן מענה־לשון, און איך פלעג זיך צוהערן צו איר בייזער פּיסקעריי און האָב פאַרדראָסיק נישט געקאָנט פאַרשטיין: ווי אַזוי די באָבע טראָגט עס אַריבער? און אין אַזעלכע מינוטן האָב איך זי נישט געקאָנט פאַרליידן.

פון די צימערן פלעגט אַרויסגיין די יונגע באַלעבאָסטע און גנעדיק אַ נייג טון צו דער באָבען דעם קאָפּ.

— גייט אַריין אין עסצימער, ס׳מאַכט נישט אויס, גייט אַריין!

די שוועסטער האָט נאָכגעשריגן צו דער באָבען.

— די פיס וויש אָפּ, די דאָרפישע בלאָטע!

דער באַלעבאָס פלעגט אויפנעמען די באָבען פריילעך:

— אַ, וואָס מאַכט עפּעס אונזער לאַנד־חכמה, אַקולינע? דער אַלטער קאַשירין זשיפּעט נאָך?

די באָבע פלעגט שמייכלען צו אים מיט איר האַרציקן שמייכל.

— בויגסט נאָך אַלץ די פלייצע, אַרבעטסט?

— מ׳אַרבעט כסדר! ווי אַן אַרעסטאַנט.

מיט אים פלעגט די באָבע רעדן פריינטלעך, גוט, אָבער — ווי אַן עלטערע. אָפטמאָל פלעגט ער דערמאָנען מיין מאַמען:

— יאָ־אָ, וואַרוואַרע וואַסיליעוונע, אָט דאָס איז געווען אַ פרוי — אַ העלד, האַ?

זיין ווייב פלעגט זיך ווענדן צו דער באָבען און אַריינוואַרפן אַ וואָרט!

— איר געדענקט, איך האָב איר געשאָנקען אַ שוואַרצע זיידענע טאַלמע (פעלערינע) מיט פאַטשערקעס?

— ווי דען...

— נאָר גאָר אַ גוטע טאַלמע געווען...

— יאָ, יאָ — פלעגט אונטערברומען דער באַלעבאָס — טאַלמע, פאַלמע, און דאָס לעבן איז — אַ שעלמע!

— וואָס רעדסטו דאָרט? — פלעגט מיט חשד פרעגן זיין ווייב.

— איך? סתם אַזוי... די פריילעכע טעג גייען פאַרביי, די גוטע מענטשן גייען אַוועק...

— איך הויב נישט אָן צו פאַרשטיין — אַנטקעגן וואָס דו זאָגסט עס? פלעגט זיך באַומרויקן די באַלעבאָסטע.

דערנאָך פירט מען אַוועק די באָבע ווייזן דאָס ניי-געבוירענע קינד, איך נעם אַראָפּ פון טיש דאָס טייגעשיר, און דער באַלעבאָס זאָגט מיר שטיל און פאַרחלומט:

— אַ ווילע זקנה איז דיין באָבע.

איך בין אים טיף דאַנקבאַר פאַר די ווערטער, און בלייבנדיק מיט דער באָבען אונטער פיר אויגן, זאָג איך איר מיט אַ ווייטיק אין האַרצן.

— צו וואָס גייסטו אַהער, צו וואָס? דו זעסט דאָך, ווער זיי זענען...

— עך, אַליאָשע, איך — זע אַלץ. — ענטפערט זי, אָנקוקנדיק מיך מיט אַ גוטן חוזק-שמייכל אויף איר וווּנדערלעכן פּנים, און עס פאַרדריסט מיך: — אוודאי פאַרשטייט זי אַלץ, זעט אַלץ, ווייסט אַלץ, זי ווייסט אויך, אַז זי לעבט אין מיין נשמה אין דער רגע.

זי קוקט זיך פאָרזיכטיק אַרום, צי קיינער גייט נישט, נעמט מיך אַרום און זאָגט האַרציק:

— און דו וואָלסט דאָ נישט געווען, וואָלט איך נישט געקומען אַהער — צו וואָס דאַרף איך זיי? אָבער דער זיידע איז קראַנק געוואָרן, בין איך געוועזן פאַרנומען מיט אים, נישט געאַרבעט, האָב איך נישט קיין געלט... און דער זון מיכאַילאָ האָט אַרויסגעטריבן סאַשען, דאַרף מען אים געבן צו עסן, טרינקען. זיי האָבן צוגעזאָגט צו צאָלן פאַר דיר זעקס רובל אַ יאָר, אָט טראַכט איך זיך, אפשר וועלן זיי כאָטש אַ רובל געבן? דו ביסט דאָך שוין אַ האַלב יאָר ביי זיי...

און שעפּטשעט מיר אין אויער אַריין:

— זיי האָבן געהייסן, איך זאָל דיך אויסמוסרן, אויסזידלען, דו פאָלגסט קיינעם נישט, זאָגן זיי. דו דאַרפסט, נשמה מיינע, אויסהאַלטן ביי זיי אַ פּאָר יאָר, ביז דו וועסט פעסטער ווערן! ליידט איבער, וואָס?

איך האָב צוגעזאָגט ליידן. דאָס איז זייער שווער. עס דריקט מיך אַזאַ לעבן, דאָס אָרעמע, אומעטיקע לעבן אין איין האַווען צוליבן עסן, און איך לעב, ווי אין אַ חלום.

צייטנווייז טראַכט זיך מיר: — מ׳מוז אַנטלויפן. נאָר עס שטייט אַ בייזער ווינטער, אין די נעכט וואָיען זאַווערוכעס, אויפן בוידעם טראָגט דער ווינט, די דאַך-לאַטעס קנאַקן פון פראָסט; וווהין לויפט מען?...

* *
*

שפּאַצירן פלעגט מען מיך נישט לאָזן גיין, אגב פלעגט אויף שפּאַצירן גאָר קיין צייט נישט בלייבן. דער קורצער ווינ-טערדיקער טאָג פלעגט גיך דורכלויפן אינם טומל פון דער שטוביקער אַרבעט.

כ׳פלעג אָבער מוזן גיין אין קלויסטער; שבת — צו דער ביינאַכטיקער תּפלה, אין די חגאות צו די פאַרנאַכטיקע תּפלות.

איך האָב האָלט געהאַט צו זיין אין קלויסטער; שטייענ-דיק ערגעץ אין אַ געראַומען פינסטערן ווינקל, פלעג איך האָלט האָבן צוצוקוקן פון דערווייטנס אויפן איקאָנאָסטיוס — ווי ער ווערט, דאַכט זיך, צעשמאָלצן אין די פייערלעך פון די ליכט, אַראָפּרינענדיק אין געדיכט-גאָלדענע שטראָמען, איבער דער גרויער שטיינערנער פּאָדלאָגע פון אַמוואָן; שטיל באַוועגן זיך די טונ-קעלע פיגורן פון די איקאָנעס; פריילעך פלאַטערן די גאָלדענע שפּיצן פון קייסערלעכן טויער, די פלעמלעך פון די ליכט הענ-גען אין דער בלויער לופט, ווי גאָלדענע בייטשן, און די קעפּ פון די פרויען און פון די מיידלעך זעען אויס, ווי בלומען.

אַלץ אַרום גיסט זיך האַרמאָניש צוזאַמען מיטן געזאַנג פון כאָר, אַלץ לעבט מיטן ווונדערלעכן לעבן פון אַ מעשה, דער גאַנצער קלויסטער וויגט פּאַמעלעך, ווי אַ וויגעלע, — וויגט זיך אין דער געדיכטער, ווי סמאָלע פינסטערער פוסטקייט.

צייטנווייז פלעגט זיך מיר דאַכטן, אַז דער קלויסטער שטייט טיף פאַרזונקען אין אַן אָזערע, האָט זיך באַהאַלטן פון

דער ערד, כּדי צו לעבן מיט זיין אייגן באַזונדער לעבן. דאָס דאָזיקע געפּיל האָט מסתּמא אַרויסגערופן ביי מיר דער באָבעס מעשה וועגן דער שטאָט קיטעזש, און אָפּט, ווען איך פלעג אַ פאַרשלעפערטער זיך וויגן צוזאַמען מיט אַלץ, וואָס אַרום, איינגעליולעט דורכן געזאַנג פון כאָר, פונם שאָרך פון די תּפלות און דאָס זיפצן פון די מענטשן, האָב איך געחזרט פאַר זיך יענע אומעטיקע, קלינגענדיקע געשיכטע:

באַלאַגערט האָבן די פאַרפלוכטע טאָטערן
מיט שפּלער און מיאוסער גבורה,
באַלאַגערט די רומפולע קיטעזש־שטאָט
אין דער ליכטיקער שעה פון שחרית...
אָי, גאָטעניו, טאַטע אין הימל.
די הייליקע מוטער פון גאָט!
אָי, באַשערט, אונז, קנעכט אייערע,
אויסצוהאַלטן ביז איבער שחרית
און אויסהערן די הייליקע שריפט!
אָי, לאָזט נישט דעם הייליקן קלויסטער
צו שפּאָט פאַרן טאָטער,
ווייבער און מיידלעך — צו שאַנד
קינדערלעך קליינע — צום שפּיל,
זקנים און זקנות צום טויט!

און דערהערט האָט גאָט דער האַר צבאות
פאַרנומען האָט די מוטער פון גאָט
יענע מענטשלעכע זיפצן
דעם קריסטלעכן געבעט.

און געזאָגט האָט גאָט, דער האַר צבאות,
דעם ליכטיקן מלאך מיכאל.
— נעם, מיכאל, און לאָז זיך אין וועג,
גיב אַ טרייסל די ערד אונטער קיטעזש,
פאַרזינק די שטאָט קיטעזש אין אָזערע;
און זאָלן די מענטשן דאָרט תּפילה טון

אָן אויפהער און קיינמאָל נישט מיד ווערן
פון שחרית ביז מעריב צו דאַוונען
אַלע הייליקע תפילות פון קלויסטער,
פון אייביק ביז אייביק!

אין יענע יאָרן בין איך אָנגעפולט געווען מיט דער באַ־בעס געדיכטן, ווי אַ בינשטאָק מיט האָניק, מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב אפילו אויך געטראַכט אין די פאָרמען פון אירע פערזן.

אין קלויסטער האָב איך נישט מתפלל געווען, מיר איז עפּעס געווען נישט באַקוועם פאַר דער באָבעס גאָט איבערצו־חזרן דעם זיידנס ביידע תפלות און די וויינענדיקע תהילים־קאַפּיטלעך; איך בין געווען זיכער, אַז דער באָבעס גאָט קאָן דאָס נישט געפעלן ווערן, פונקט ווי עס איז מיר נישט גע־פעלן געווען. אגב, זענען זיי דאָך אָפּגעדרוקט אין די ביכער, הייסט עס, אַז גאָט קען זיי אויף אויסווייניק, ווי יעדער יודע־ספר.

דעריבער, זייענדיק אין קלויסטער, אין די מינוטן, ווען דאָס האַרץ ווערט פאַרקלעמט פון זיסן טרויער נאָך עפּעס, אָדער ווען עס האָבן גענאָגט און געמאַטערט די קליינע עוולות פון נעכטיקן טאָג, פלעג איך זיך באַמיען צו פאַרפאַסן מיינע אייגענע תפלות; און קוים פלעג איך זיך פאַרטראַכטן וועגן מיין טרויעריקן גורל — פלעגן פון זיך אַליין, אָן שום מי, זיך אויסגיסן מיינע ווערטער און טענות:

— גאָטעניו, גאָטעניו — מיר איז אומעטיק!
כאָטש וואָס־גיכער אַ גרויסער ווערן.
נישטאָ קיין געדולד מער צו לעבן.
כאָטש טו זיך אַ מעשה — אָ גאָט!

פון לערנען — קומט קיין טאָלק נישט אַרויס.
די אַלטע מכשפה, די באָבע מאַטרענע,
טוט ריטשען אויף מיר, ווי אַ וואָלף.
און לעבן — איז מיר פינסטער און ביטער.

אַ סך פון מיינע „תּפילות״ געדענק איך נאָך ביז היינטיקן טאָג — די אַרבעט פון מוח אין די קינדערשע יאָרן, שניידט זיך איין טיף אין דער נשמה — און בלייבט דאָרט אָפּט אויפן גאַנצן לעבן.

אין קלויסטער איז געווען גוט, איך פלעג דאָרט אָפּרוען, פּונקט ווי אין וואַלד און אין פעלד. דאָס קליין הערצל, וואָס האָט שוין דערקענט אַ סך עוולות, פּאַראומרייניקט פון דער בייזער גראָבקייט פון לעבן, פלעגט זיך לייטערן אין די אומקלאָרע הייסע חלומות.

איך פלעג אָבער גיין אין קלויסטער נאָר אין גרויסע פרעסט, אָדער, ווען אַ זאַווערוכע פלעגט ווילד בושעווען איבערן שטאָט — ווען עס דאַכט זיך, אַז דער הימל איז פאַרפרוירן געוואָרן, און דער ווינט האָט אים צעשטויבט אין וואָלקנס שניי, און די ערד, אויך אַ פאַרפרוירענע אונטער די בערג שניי, וועט שוין קיינמאָל נישט אויפשטיין קיין תּחית־המתים, וועט שוין קיינמאָל נישט אויפלעבן.

אין די שטילע נעכט פלעגט מיר מער געפעלן אַרומצוגיין איבערן שטאָט, פון איין גאַס אין דער צווייטער, פאַרקריכנדיק אין די שטילסטע ווינקעלעך. גייסט — פּונקט ווי פליגלען וואָלטן דיך געטראָגן; איינער אַליין, ווי די לבנה אויפן הימל; פון פאַרנט קריכט דיין שאָטן, לעשט אויס דעם שימער פון שיין אויפן שניי, שטויסט זיך אָן לעכערלעך אין די סלופּעס, פאַרקנס. אינמיטן גאַס שפּרייזט דער נאַכט־וועכטער מיטן גרעגער אין האַנט, אין שווערן פעלץ. נעבן אים טרייסלט זיך דער הונט.

דער אומגעלומפּערטער מענטש איז ענלעך צו אַ הינטיש ביידל — עס איז אַרויס פון הויף און באַוועגט זיך איבערן גאַס, ווער ווייסט וווהין, און דער צעקלעמטער הונט—גייט נאָך אים.

צייטנווייז טרעפן זיך פריילעכע מיידלעך און יונגעלייט — איך קלער, אַז זיי זענען אויך אַנטלאָפן פון דער נאַכט־תּפלה.

צייטנווייז שלאָגן אַרויס דורך די פאָרטלעך פון די באַלויכטענע פענסטער, אין דער ריינער לופט אַריין עפּעס מאָדנע ריחות — אַזעלכע פיינע, אומבאַקאַנטע, וואָס זענען ווי אַ רמז

אויף אַן אַנדער לעבן, וואָס איז מיר אומבאַוווסט; שטייסט אונטערן פענסטער און שמעקסט און האָרכסט, פּרוווסט טרעפן: וואָס פאַראַ לעבן קומט דאָ פאָר, וואָס פאַראַ מענטשן וווינען אין דעם הויז? איצט קומט פאָר די נאַכט-תּפילה, און זיי — פּילדערן פריילעך, לאַכן, שפּילן עפּעס אויף מאָדנע גיטאַרעס — דורך די פאָרטלעך פליסט געדיכט דער קופּערנער קלאַנג פון די סטרונעס.

באַזונדערס האָט מיך אינטערעסירט אַן איינגאָרענדיק, ניידעריק הויז אויפן עק פון די שטילע גאַסן — טיכאָנאָווער און מאַרטינאָווער. אָנגעשטויסן האָב איך זיך אויף אים אין אַ לבנה-נאַכט, ווען דער שניי צעגייט, פאַר מאַסלעניצע. דורך דער פּירקאַנטיקער פורטקע האָט צוזאַמען מיט דער וואַרעמער פאַרע אַרויסגעשטראָמט אין גאַס אַ ווונדערלעכער קלאַנג, ווי עמעץ, גרייזלעך אַ שטאַרקער און גוטער, וואָלט געזונגען מיט אַ פאַרמאַכט מויל; קיין ווערטער האָט מען נישט געהערט, אָבער דאָס ליד איז מיר פאָרגעקומען זייער באַקאַנט און פאַרשטענדלעך, כאָטש הערן עס האָט געשטערט דער קלאַנג פון די סטרונעס, וואָס פלעגט דערעסנדיק שטערן דעם גאַנג פונם ליד. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ סלופּיק מיט דער השערה, אַז דאָס מוז מען שפּילן אויף אַ אומגעווינלעכער, ווונדערפולער פידל; אומגעווינלעך — ווייל צוצוהערן זיך צו איר איז געווען כמעט ווייטיקדיק. טיילמאָל פלעגט זי שפּילן מיט אַזאַ קראַפט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע הויז ציטערט, און עס קלינגען די שויבן אין די פענסטער. עס האָט געקאַפּעט פון די דעכער, און פון מיינע אויגן האָבן געקאַפּעט טרערן.

אומבאַמערקט איז צוגעגאַנגען דער נאַכט-וועכטער, מיך אַראָפּגעשטויסן פונם סלופּיק, פרעגנדיק:

— וואָס שטעקסטו דאָ?

— מוזיק. — האָב איך דערקלערט.

— נו איז וואָס! טראָג זיך אָפּ...

איך בין גיך אַדורכגעלאָפן אַרום דעם גאַנצן קוואַרטאַל, צוריק אומגעקערט זיך צום פענסטער, נאָר מ׳האָט שוין דאָרט

נישט געשפּילט, דורכן פאָרטל האָט זיך געטראָגן אויפן גאַס אַ פרייליכער ליאַרם, און דאָס איז אַזוי נישט ענלעך געווען צו יענער טרויעריקער מוזיק, פּונקט ווי איך וואָלט זי בלויז אין חלום געהערט.

איך האָב אָנגעהויבן צו לויפן כמעט יעדן שבת צו יענעם הויז. נאָר איינמאָל אין פרילינג האָב איך דאָרט ווידער דער־הערט אַ וויאָלינע, וואָס האָט געשפּילט אָן אויפהער ביז אין מיטן דער נאַכט אַריין; ווען איך בין געקומען אַהיים — האָב איך געכאַפּט קלעפּ.

די נאַכט־שפּאַצירן אונטער די ווינטערדיקע שטערן, דורך די ליידיקע גאַסן פון שטאָט, האָבן מיך שטאַרק באַרייכערט. איך פלעג בכיוון אויסקלייבן די גאַסן, וואָס זענען ווייטער פון צענטער: אין די צענטראַלע גאַסן זענען געווען אַ סך לאַמ־טערנעס, דעם באַלעבאָס באַקאַנטע האָבן מיך געקאָנט באַמערקן, דאַן וואָלט די באַלעבאָסטע זיך דערוווּסט, אַז איך שפּאַציר גאָר, בשעת עס קומט פאָר די נאַכט־תפילה. עס האָבן געשטערט די שכורים, גאָרדאָוואָיעס און די פרייליכע מיידלעך. און אויף די ווייטע זייטיקע גאַסן האָט מען געקאָנט אַריינקוקן אין די פענ־סטער פון די קעלערן, אויב זיי זענען נישט געווען שטאַרק פאַרפרוירן אָדער פאַרהאָנגען.

אַ סך האָב איך זיך אָנגעזען אין די דאָזיקע פענסטער — כ'האָב געזען, ווי מענטשן זענען מתפלל, קושן זיך, רייסן זיך, שפּילן אין קאָרטן, שמועסן שטיל און פאַרדאגהט — פאַר מיינע אויגן פלעגט זיך ציען, פּונקט ווי אין די פּאַנאָראַמעס פאַר אַ קאָפּיקע אַ קוק, אַ שטום לעבן פון פיש.

אין אַ קעלער, ביי אַ טיש, האָב איך געזען צוויי פרויען — אַ יונגע און אַן עלטערע, אַנטקעגן זיי איז געזעסן אַ גימנאַ־זיסט מיט לאַנגע האָר און, מאַכנדיק מיט די הענט, פאָרגעלייענט פאַר זיי אין אַ בוך. די יונגע האָט זיך צוגעהערט מיט שטרענג אַראָפּגעלאָזטע ברעמען, זיצנדיק אָנגעשפּאַרט אָן ווענטל פון שטול; און די עלטערע, אַ דינינקע און מיט געדיכטע האָר — האָט פּלוצלינג פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט, אירע אַקס־

לען האָבן גענומען ציטערן, דער גימנאַזיסט האָט אַ שליידער געטון דאָס בוך, און ווען די יונגינקע איז אויפגעשפרונגען און איז אַנטלאָפן — איז ער געפאַלן צו די פיס פאַר דער עלטע־רער, און גענומען קושן אירע הענט.

אין אַ צווייטן פענסטער האָב איך אונטערגעקוקט, ווי איינער אַ גרויסער, אַ בערדיקער, האָט אַוועקגעזעצט צו זיך אויף די קני אַ פרוי אין אַ רויטער בלוזקע, זי געוויגט, ווי אַ קינד, און, קענטיק, עפּעס געזונגען, עפענענדיק ברייט דאָס מויל און פאַרגלאָצנדיק די אויגן. זי האָט זיך אינגאַנצן געטרייסלט פון געלעכטער, אויסבויגנדיק זיך אויף הינטן און באָמבלענדיק מיט די פיס, ער פלעגט זי אויסגלייכן און ווייטער זינגען, און זי האָט ווידער געלאַכט. איך האָב לאַנג געקוקט אויף זיי און בין אַוועק, ווען איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען פול מיט פריי־לעכקייט אויף אַ גאַנצער, גאַנצער נאַכט.

אַ סך אַזעלכע בילדער זענען געבליבן אויף אייביק איינ־געקריצט אין מיין זכרון, און אָפט פלעגט עס מיך אַזוי פאַר־ציען, אַז איך פלעג פאַרשפּעטיקן אַהיים. דאָס פלעגט אַרויסרופן אַ חשד ביי מיינע באַלעבאַטים, און זיי פלעגן מיך אויספאָרשן:

— אין וועלכן קלויסטער ביסטו געווען? וועלכער פּאָפּ האָט אָפּגעריכט די תפלה?

זיי האָבן געקענט אַלע פּאָפּן פון שטאָט, האָבן געוווסט, ווען און וואָס פאַר אַ יעוואַנגעליע עס ווערט געלייענט — זיי האָבן אַלץ געוווסט, און זיי איז געווען לייכט מיך צו פאַקן ביי אַ ליגן.

ביידע פרויען האָבן געדינט צו דעם בייזן גאָט פון מיין זיידן — צו דעם גאָט, וואָס האָט געפאָדערט, מ׳זאָל קומען צו אים מיט אַ ציטער אין די קני; זיין נאָמען איז שטענדיק גע־ווען אויף זייערע ליפּן, אפילו זידלענדיק זיך, פלעגן זיי שרעקן איינע די אַנדערע:

— וואַרט! גאָט וועט דיך שטראָפן, ער וועט דיך איינ־בויגן דעם קאָפּ, דו פאַרדאָרבענער!...

זונטיק, אין דער ערשטער וואָך פאַרן „פּאָסט“, האָט די

אַלטע געבאַקט לאַטקעס, און זיי פֿלעגן ביי איר אַלע צוברעכן; אַ רויטע פֿון פֿייער, פֿלעגט זי מלא כּעס שרייען:

— אָ, זאָל אייך דער ריח נעמען...

און פֿלוצלינג, אַ שמעק-טועדיק די סקאָוואָראָדע, איז זי שוואַרץ געוואָרן, אַ שליידער געטון זי אויף דער ערד און גענומען קוויטשען:

— טאַטעלעך, די סקאָוואָראָדע איז דאָך אַ פֿליישיקע, אַ טרפֿהנע, כ׳האָב זי דאָך נישט אויסגעברענט אין דעם „רייבעמאָנטיק”, אָ גאָט!

זי האָט זיך געשטעלט אויף די קני און מיט טרערן געבעטן:

— טאַטע אין הימל, זיי מיר מוחל, דער פֿאַרשאָלטענער, צוליב דיינע יסורים! שטראָף נישט, גאָטינקע, אַן אַלטן נאַר!...

די אויסגעבאַקענע לאַטקעס האָט מען אַוועקגעגעבן פֿאַר הינט, די סקאָוואָראָדע האָט מען אויסגעברענט, און די שנור פֿלעגט ביי אַ קריג אויפֿוואַרפֿן די שוויגער:

— איר באַקט אפֿילו אין פּאָסט אויף אַ פֿליישיקער סקאָוואָראָדע...

זיי פֿלעגן זייער גאָט אַריינציען אין אַלע זייערע שטוביקע עסקים, אין אַלע ווינקלעך פֿון זייער נישטיק קליין לעבן, צוליב דעם פֿלעגט זייער אָרעם לעבן אויסערלעך אויסזען וויכטיק און חשוב, ווי אין שטענדיקער דינסט פֿאַר אַ העכערער מאַכֿט. דאָס דאָזיקע אַריינציען גאָט אין די נישטיקע קליינקייטן, פֿלעגט מיך באַדריקן, און נישט ווילנדיק פֿלעג איך זיך אָפּט אַרומקוקן אין די ווינקלען, פֿילנדיק זיך אונטער דער השגחה פֿון עמעצן אַן אומבאַוווסטן, און אין די נעכֿט פֿלעגט מיך אַרומנעמען אַ שרעק, ווי אַ קאַלטער וואָלקן, — ער פֿלעגט אַרויסשווימען פֿון ווינקל אין קיך, וווּ עס פֿלעגט פֿאַר די טונקעלע הייליקע בילדער ברענען דער נר תּמיד.

נעבן פּאָליצע — אַ גרויס פֿענסטער, צוויי ראַמען פֿונאַנדערגעטיילט דורך אַ לייסט, אַ בלויע דעקלאָזע פּוסטקייט קוקט אַריין אין פֿענסטער, דאַכֿט זיך, אַז דאָס הויז, די קיך, איך —

אַלץ הענגט אויפֿן סאַמע ראַנד פֿון דער דאָזיקער פּוסטקייט, און עס איז גענוג איין שאַרפֿער קער, אַז אַלץ זאָל זיך אָפּ־רייסן און אַוועקפֿליען אין דער בלויער, קאַלטער לאָך, ערגעץ ווו פֿאַרביי די שטערן, אין דער טויטער שטילקייט, אָן רעש, ווי אַ שטיין, וואָס מ'האָט אַריינגעוואָרפֿן אין וואַסער. אַ לאַנגע צייט בין איך געלעגן אומבאַוועגלעך, מורא האָבנדיק זיך אי־בערצוקערן פֿון איין זייט אויף דער אַנדערער, אָפּוואַרטנדיק דעם שרעקלעכן סוף פֿון לעבן.

איך געדענק נישט, ווי איך האָב זיך אויסגעהיילט פֿון דעם דאָזיקן פּחד, נאָר איך האָב זיך גאָר גיך אויסגעהיילט; געוויינלעך האָט מיר דערביי געהאָלפֿן דער גוטער גאָט פֿון דער באָבען, און איך מיין, אַז דאַן האָב איך שוין דערפֿילט דעם פּשוטן אמת: — איך האָב נאָך קיין שום שלעכטס נישט געטון, און באַשטראָפֿן מיך אָן שולד — איז אַזאַ געזעץ נישטאָ, און פֿאַר פֿרעמדע עבֿרות בין איך נישט מחויבֿ צו ליידן.

כ'פֿלעג פֿאַרשפּילן אויך די מיטאָג־תּפֿילות, דערהויפּט — אין פֿרילינג, זיינע גוואַלדיקע כּוחות האָבן מיך בשום אופֿן נישט געלאָזט גיין אין קלויסטער. און ווען איך פֿלעג נאָך באַקומען אויף אַ ליכטל — פֿלעגט דאָס מיך שוין אינגאַנצן אַוועק־פֿטרן: איך פֿלעג קויפֿן באַבקעס (קנעכלשפּיל), פֿלעג אָפּשפּילן די גאַנצע צייט פֿון דער תּפֿילה און קומען שפּעט אַהיים. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איך האָב פֿאַרשפּילט אַ גאַנצע גריוונע, וואָס מ'האָט מיר געגעבן אויף הזכּרת־נשמות אויפֿן הייליקן ברויט, אַזוי אַז איך האָב שוין געמוזט אַראָפּגנבֿענען אַ פֿרעמדן חלק פֿון הייליקן ברויט, וואָס דער אַלטינקער קלוי־סטער־שמש האָט אַרויסגעטראָגן אין אַ שיסל פֿון אַלטאַר.

און שפּילן האָב איך מוראדיק חשק געהאַט, די שפּילן פֿלעגן מיך אַזוי פֿאַרכאַפּן, אַז איך פֿלעג פּשוט פֿאַרלירן דעם קאָפּ. כ'בין געווען גענוג פֿלינק און שטאַרק און האָב גאָר גיך באַקומען אַ נאָמען אין די אַרומיקע גאַסן פֿאַר אַ גוטן שפּילער אין באַבקעס, אין פּילקעס און שטעט.

אין די טעג פֿון „גרויסן פֿאָסט” האָט מען מיך געגעוויט

צו פאַסטן, און אָט גיי איך זיך מתודה זיין צו אונזער שכן, צום פּאָטער דאָרימעדאָנט פּאָקראָווסקי. כ'האָב אים געהאַלטן פאַר אַ מענטש, אַ קפדן, און האָב אַ סך געזינדיקט טאַקע קעגן אים אַליין; איך פלעג צעברעכן מיט שטיינער דאָסביידל אין זיין גאָרטן, איך האָב זיך געקריגט מיט זיינע קינדער, און, בכלל, האָט ער מיר געקאָנט דערמאָנען היבש נישט פיינע מעשים קעגן אים. דאָס האָט מיך שטאַרק באַומרויקט און, שטייענדיק אין דעם אָרעמען קלויסטערל, וואַרטנדיק אויף מיין ווידוי — האָט מיין האַרץ ציטערדיק געקלאַפּט.

נאָר דער פּאָטער דאָרימעדאָנט האָט מיך אויפגענומען מיט אַ פריינטלעך בורטשעדיקן אויסרוף:

— אַ, דער שכן... נו, שטעל זיך אויף די קני! מיט וואָס האָסטו געזינדיקט?

ער האָט מיר איבערגעדעקט דעם קאָפּ מיט אַ שווערן סאַמעט, עס האָט מיך געשטיקט דער ריח פון וואַקס און בשמים, עס איז געווען שווער צו רעדן און ס'האָט זיך נישט געוואָלט.

— פאָלגסט עלטערן?

— ניין.

— זאָג — כ'בין זינדיק.

— אומגעריכט פאַר זיך אַליין, האָב איך אויסגעשאָסן:

— כ'האָב געגנבעט פון הייליקן ברויט.

— ווי אַזוי עפּעס? וווּ? — האָט געפרעגט דער גלח, פאַרקלערט און געלאַסן.

— ביי די דריי בישאָפן, ביי פּאָקראָוו, ביי ניקאָלע...

— נו, נו, אין אַלע קלויסטערס! דאָס איז ברודערלעבן נישט פיין, אַ זינד — פאַרשטייסטו?

— איך פאַרשטיי.

— זאָג — איך בין זינדיק! אַ ווילדער. האָסט געגנבעט — צום עסן?

— וואָלט איך כאָטש געגעסן, כ'האָב אָבער דאָס געלט פאַרשפּילט אין באַבקעס, און אַהיים מוז איך דאָס הייליקע ברויט ברענגען, נו — גנבע איך...

דער פּאַטער דאָרימעדאָנט, האָט אָנגעהויבן עפּעס אומ־דייטלעך און שטיל צו שעפּטשען, דערנאָך — געשטעלט מיר נאָך עטלעכע פראַגן און פלוצלינג שטרענג אַ פרעג געטון:

— אומלעגאַלע ביכער האָסטו נישט געלייענט?

איך האָב, געוויינלעך, נישט פאַרשטאַנען די פראַגע און האָב איבערגעפרעגט:

— וואָס?

— פאַרבאָטענע ביכלעך נישט געלייענט?

— ניין, קיינע נישט...

— עס ווערן דיר פאַרגעבן אַלע דייגע עברות... שטיי אויף!

כ'האָב אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט אין פּנים, וואָס האָט אויסגעזען פאַרקלערט און גוט. מיר איז עפּעס געוועך פאַר־דראָסיק און נישט ניחא: ווען מ'האָט מיך געשיקט זיך מתודה זיין, האָבן די באַלעבאַטים מיך אַזוי אָנגעשראָקן און פאַרזאָגט, איך זאָל למה"ש זיך מודה זיין אין אַלע מיינע עברות.

— כ'האָב אין אייער ביידל געוואָרפן שטיינער. — האָב איך צוגעגעבן.

דער גלח האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— דאָס איז אויך נישט פיין! גיי...

— און אויפן הונט געוואָרפן...

— דער צווייטער. — האָט אַ רוף געטון דער פּאָטער דאָרימעדאָנט, קוקנדיק פאַרביי מיר.

איך בין אַוועק און האָב זיך געפילט אָפּגענאַרט און באַ־לײדיקט: איך האָב זיך אַזוי אָנגעשטרענגט אין פּחד פאַרן ווידוי, און אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזן אַזוי נאַריש און אפילו נישט אינ־טערעסאַנט! אינטערעסאַנט איז געוועז פאַר מיר נאָר די פראַגע וועגן די אומבאַקאַנטע ביכער; איך האָב זיך דערמאָנט וועגן דעם גימנאַזיסט, וואָס האָט געלייענט אין קעלער פאַר פרויען אַ בוך, און כ'האָב זיך אויך דערמאָנט „דעם פיינעם ענין" — ער האָט אויך געהאַט אַ סך שוואַרצע, גראָבע ביכער מיט אומ־פאַרשטענדלעכע בילדער.

צומאָרגנס האָט מען מיר געגעבן געלט, איך זאָל גיין אָפּפּאַסטן מיטן הייליקן אָוונט-מאָלצייט. דער פּסח איז גע-ווען אַ שפּעטיקער, דער שניי איז שוין לאַנג צעגאַנגען, די גאַסן שוין אויסגעטרוקנט, איבער די וועגן האָט זיך שוין אויפ-געהויבן אַ שטויב; דער טאָג איז געווען אַ זוניקער, אַ פריי-דיקער.

נעבן פּאַרקן פון קלויסטער האָט אַ גרויסע חברה לערן-יונגען געשפּילט מיט גרויס אַזאַרט אין באַבקעס; איך האָב באַ-שלאָסן, אַז איך וועל נאָך באַוויזן אָפּצופּאַסטן, און אַ בעט געטון די שפּילער:

— נעמט מיך אַריין!

— קאָפּיקע פאַרן אַריינגעמען. — האָט זיך שטאָלץ אָפּגע-רופן אַ געלער חברה-מאַן.

נ שט ווייניקער גאווהדיק האָב איך געענטפערט.

— איך שטעל דריי פאַר די צווייטע פּאָר פון לינקס!

— זאָג געלט אין קאָן אַריין!

און ס'איז אַוועק אַ שפּיל!

כ'האָב צעביטן דאָס געלט און געשטעלט דריי קאָפּיקעס אין קאָן. ווער ס'וועט צעקלאַפּן די פּאָר — געווינט די דריי קאָפּיקעס, טרעפט ער נישט — באַקום איך פון יענעם דריי קאָ-פּיקעס. מיר האָט אָפּגעגליקט: צוויי האָבן זיך געצילט אין מיין געלט און ביידע האָבן נישט געטראָפן. איך האָב אויסגעשפּילט ביי דערוואַקסענע פּויערים זעקס קאָפּיקעס. דאָס האָט מיר צו-געגעבן מוט...

נאָר עמעץ פון די שפּילער האָט געזאָגט

— גיט אויף אים אַכטונג, חברה, ער וועט נאָך אַנטלויפן מיטן געווינס...

דאָס האָט מיך באַליידיקט און איך האָב אויסגעשאָסן:

— ניין קאָפּיקעס הינטער דער לינקער זייטיקער פּאָר?

פונדעסטוועגן, האָט עס נישט געמאַכט אויף די שפּילער דעם געהעריקן איינדרוק, נאָר עפּעס אַ ייִנגל אין מיינע יאָרן האָט געשריגן, וואָרנענדיק:

— היט זיך — ער איז אַ גליקלעכער, ער איז אַ צייכנער פון זוועזדיצקע. כ'קען אים!

אַ מאָגערער אַרבעטער, לויטן ריח נאָך, קענטיק, אַ גאַרבער, האָט שעלמיש אַ זאָג געטון:

— אַ שדל? *) גוט...

יאָט ז'ך געצילעוועט מיטן בלייענעם קנעפּל, פּונקט געטראָפן, און אָנבויגנדיק זיך צו מיר, געפרעגט:

— קלאָגסט?

כ'אָב געענטפערט:

— אונטער דער עקסט-רעכטער פּאָר — דריי!

— כ'וועל צעקנאַלן, — האָט זיך דער גאַרבער באַרימט — נאָר ער האָט פאַרשפּילט.

מער ווי דריי מאָל טאָר מען נישט שטעלן קיין געלט אין קאָן, און איך האָב אָנגעהויבן געווינען פרעמדע „סטאַווקעס" און געוווּנען נאָך פיר קאָפּיקעס און אַ גאַנצן באַרג מיט באַבקעס. ווען ס'איז ווידער געקומען צו מיר, האָב איך דריי מאָל געשטעלט און פאַרשפּילט דאָס גאַנצע געלט פּונקט צו דער צייט: ווען די מיטאָג-תּפלה האָט זיך געענדיקט, מ'האָט געקלונגען, דער עולם האָט זיך אַרויסגעלאָזן פון קלויסטער.

— אַ חתונה געהאַט? — האָט אַ פרעג געטון דער גאַרבער, האָבנדיק בדעה אָנצוכאַפּן מיך פאַר די האָר, נאָר איך האָב זיך אַרויסגעדרייט, בין אַנטלאָפן, אָנגעיאָגט איינעם אַ יום-טובדיק געקליידט בחור און העפלעך אַ פרעג געטון:

— האָט איר זיך שוין אָפּגעפּאַסט מיטן הייליקן מאָלצייט?

— איז וואָס איז? — האָט ער געענטפערט אָנקוקנדיק מיך מיט חשד.

איך האָב געבעטן, ער זאָל מיר דערציילן, ווי דאָס קומט פאָר, וואָס ס'האָט גערעדט בשעת-מעשה דער גלח און וואָס איך האָב דערביי געדאַרפט טון.

דער בחור האָט בייז אָנגעהויבן צו שרייען:

---

*) אין רוסישן אַ וואָרט-שפּיל פון די ווערטער Чертежник — צייכנער און Чертенок — אַ שדל.

— האָסט פאַרהוליעט דעם הייליקן אָוונטמאָל, אפּיקורס ?— איך וועל דיר גאָרנישט זאָגן, זאָל דער טאַטע אָפּשינדן די הויט פון דיר!

איך בין אַוועקגעלאָפן אַהיים, זיכער, אַז מ׳וועט מיך אָנהויבן אויספאָרשן און מ׳וועט זיך דערוויסן, אַז איך האָב נישט געגאָסן פון דעם הייליקן מאָלצייט.

די אַלטע האָט מיך אָבער נאָר גראַטולירט און נאָכגעפרעגט:

— דעם שמש פאַר זיין וואַרמקייט האָסטו עפּעס אַ סך געגעבן?

— פינף קאָפּיקעס. — האָב איך נישט טראַכטנדיק געזאָגט.

— און דריי קאָפּיקעס — וואָלט אויך קלעקן, דאָס איבעריקע וואָלסטו בעסער פאַר זיך געדאַרפט לאָזן. גלאָמפּ דו איינער!

...ס׳איז פרילינג. יעדער טאָג איז אָנגעטון אין נייע קליידער, יעדער נייער טאָג ליכטיקער און ליבער; עס שמעקט שאַרף מיט פרישע גרעזער, מיט פרישן גרינס פון די בעריאָזעס, ס׳ציט גוואַלדיק אין פעלד, אויסציען זיך אויף דער וואַרעמער ערד מיטן פנים אַרויף און הערן, ווי די לערכע זינגט. און איך — פוץ ווינטערדיקע בגדים, העלף צוזאַמענלייגן אין קאַסטן, צערייב טאַבאַק-בלעטער, קלאַפּ אויס דעם שטויב פון דעם מעבל, פון פרי ביז שפּעט בין איך פאַרטון אין זאַכן, וואָס זענען פאַר מיר אומנויטיק און נישט אָנגענעם.

אין די פרייע שעהן — האָב איך גאָרנישט מיט וואָס צו לעבן; אויף אונזער אָרעם געסל איז פּוסט, ווייטער — טאָר מען נישט אַוועקגיין; אויפן הויף די בייזע פאַרמאַטערטע ערדגרעבער, צעשויבערטע קעכינס און וועשערינס, יעדער אָוונט — היִנטישע חתונות — ס׳עקלט מיך דערפון, און עס באַליידיקט מיך אויף אַזוי ווייט, אַז ס׳ווילט זיך בלינד ווערן.

איך גיי אויפן בוידעם, נעם מיט אַ שער און קאָלירט פּאַפּיר און שער אויס פון דעם שפּיצן צו באַפּוצן די ראַנדן פון דאַך — פּאָרט עפּעס אַ באַשעפטיגונג אין מיין אומעט. עס

ציט מיך אומרויק אַוועקצוגיין ערגעץ, ווו מען שלאָפט ווייניקער, קריגט זיך ווייניקער, ווו מ׳דערקוטשעט נישט אַזוי גאָט מיט טענות, און באַליידיקט נישט די מענטשן מיטן בייזן משפט.

...אין דעם שבת פון פּסחא ברענגט מען אין שטאָט אַריין פון אָראַנער מאָנאַסטיר דאָס וווּנדער-שאַפנדיקע בילד פון וולאַדימירער מוטער גאָטס. זי בלייבט אין שטאָט ביז מיטן יוני און באַזוכט אַלע הייזער, אַלע דירות פון די קלויסטער-מתפּללים.

צו מיינע באַלעבאַטים האָט מען זי געבראַכט אין אַ מיטנוואָכיקן פרימאָרגן; איך האָב אין קיך געפּוצט די קופּערנע כּלים, ווען די יונגע באַלעבאָסטע האָט פון צימער מיט שרעק אויסגעשריגן:

— עפן אויף די פאַראַדנע טיר — מען טראָגט די אָראַנער!

איך בין אַרונטערגעלאָפן מיט שמוציקע הענט, איינגעשמירטע אין פעטס און צעריבענעם ציגל, האָב געעפנט די טיר — אַ יונגער מאָנאַך מיט אַ לאַמטערנע אין איין האַנט, אין דער צווייטער אַ קטורת-שיסעלע, האָט שטיל אַרויסגעברומט:

— איר פאַפט? העלף...

צוויי איינוווינער האָבן דורך די שמאָלע טרעפ, אַריינגעטראָגן אַ שווערן קאַסטן, איך האָב זיי געהאָלפן, אונטערהאַלטנדיק אַ ברעג קאַסטן מיט דער פּלייצע און מיט מיינע שמוציקע הענט; פון הינטן האָבן שווער געטופּעט די מאָנאַכן, אומגערן וינגענדיק מיט זייערע גראָבע שטימעס.

— הייליקע מוטער, בעט גאָט פאַר אונז...

איך האָב אַ טראַכט געטון מיט אַ טרויעריקער זיכערקייט:

„זי וועט זיך באַליידיקן אויף מיר, פאַרוואָס איך טראָג
זי אַ שמוציקער, און די הענט וועלן מיר אָפּדאַרן...״

די איקאָנע האָט מען אַוועקגעשטעלט אין פאָדערשטן ווינקל אויף צוויי שטולן, באַדעקטע מיט אַ ריינעם לײַלעך. ביי די זייטן פונם קאַסטן האָבן אים אונטערגעהאַלטן צוויי מאָנאַכן, יונגע און רויטע, ווי מלאכים; מיט ליכטיקע אויגן, פריילעכע, מיט געדיכטע האָר.

מ׳האָט אָפּגעריכט אַ תּפילה.

— אָ, געליבטע מוטער, — האָט מיט אַ הויך קול געזונגען אַ גרויסער פּאָפּ, טאַפּנדיק כסדר מיטן רויטן פינגער דעם אָנגעשוואָלענעם ווייכן טייל פון אויער, וואָס איז געווען באַהאַלטן אין די געדיכטע האָר.

— הייליקסטע מוטער, זיי אונז מוחל. — האָבן מיד געזונגען די מאָנאַכן.

איך האָב ליב געהאַט די הייליקע מוטער; לויט ווי די באָבע פלעגט מיר דערציילן, זייט זי דאָס אויף דער ערד צום טרייסט פאַר די אָרעמע מענטשן די אַלע בלומען און פריידן,— אַלדאָס גוטע און שענסטע. און ווען מ׳האָט זי געדאַרפט קושן איר האַנט, אומבאַמערקט, ווי עס מאַכן דאָס די דערוואַקסענע, האָב איך מיט אַ ציטער אַ קוש געטון די איקאָנע אין פּנים און אין די ליפּן.

עמעצער האָט מיך מיט אַ שטאַרקער האַנט אַ שליידער געטון צום שוועל, אין ווינקל. איך געדענק נישט, ווי די מאָנאַכן זענען אַוועק, אַוועקטראָגנדיק די איקאָנע, איך געדענק אָבער זייער גוט, — ווי עס האָבן מיך אַ זיצנדיקן אויף דער פּאָדלאָגע אַרומגערינגלט די באַלעבאַטים, און מיט גרויס שרעק און זאָרג אַרומגערעדט — וואָס עס וועט איצט זיין מיט מיר?

— מ׳דאַרף זיך דורכרעדן מיטן גלח, וואָס איז געלערנטער. — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס און האָט מיך געזידלט אָן כעס:

— „עם־הארץ דו, ווי אַזוי פאַרשטייסטו דאָס נישט, אַז מ׳טאָר נישט קושן אין די ליפּן? און נאָך... אין שול געלערנט...

עטלעכע טעג האָב איך, ווי אַ פאַרמשפטער געוואַרט, וואָס מיט מיר וועט זיין. געהאַלטן דעם הייליקן קאַסטן מיט שמוציקע הענט, געקושט — נישט על פּי דין, דאָס וועט מיר שוין גלאַט נישט אַראָפּגיין, ס׳וועט נישט אַראָפּגיין!

אַפּנים אָבער, אַז די הייליקע מוטער האָט מיר מוחל געווען מיין עבירה בשוגג, וואָס איז געקומען פון אמתער ליבע. אָדער איר שטראָף איז געווען אַזאַ מילדער, אַז כ׳האָב זי נישט

באַמערקט צווישן די אָפּטע שטראָפן, וואָס איך פלעג כאַפּן פון גוטע לייט.

צייטנווייז, כדי צו רייצן זיך מיט מיין אַלטער באַלע־באָסטע, פלעג איך איר זאָגן אַ געפּאַלענער:

— און די הייליקע מוטער האָט, קענטיק, פאַרגעסן מיך צו באַשטראָפן...

— וואַרט נאָך, — פלעגט בייז צוזאָגן די אַלטע — דאָס וועלן מיר נאָך זען...

...בעת איך פלעג באַפּוצן דעם דאַך פון בוידעם מיט פאַר־שידענע מוסטערן פון געלן און ראָזן פּאַפּיר פון טיי, מיט צין־בלעטעלעך, מיט בלעטער פון בוימער און מיט נאָך אַלערליי שמאַלטעס, פלעג איך בשעת מעשה אויסזינגען אַלע קלויסטער־נגונים, וואָס עס פלעגן מיר איינפאַלן אין קאָפּ, ווי עס טוען עס די קאַלמיקעס אונטערוועגס:

אויפן בוידעם זיץ איך,
אין דער האַנט אַ שער.
כ׳שניץ, פּאַפּירלעך שניץ איך...
ס׳איז אומעטיק און שווער!
וואָלט איך אַ הונט געווען —
געלאָפן ווו איך וויל,
איצט שרייט מיר יעדער איינער:
זיץ שטום און שטיל
און היט די ביינער!

באַקוקנדיק מיין אַרבעט, האָט די אַלטע געשמייכלט און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דו וואָלסט אַזוי שיין די קיך פאַרפּוצט...

איינמאָל איז אַרויף אויפן בוידעם דער באַלעבאָס, האָט באַקוקט מיין אַרבעט, אַ זיפץ געטון און געזאָגט:

— קאָמיש ביסטו, פּעשקאָוו, דער טייוול זאָל דיך נעמען...
אַ קונצנמאַכער וועט פון דיר, אפנים, אַרויס? מ׳קאָן גאָר נישט וויסן...

ער האָט מיר געגעבן אַ גרויסן ניקאָלאַיעווסקן פּיים.

איך האָב צוגעטשעפּעט די מטבע אויף אַ דינעם דראָט און אויפגעהאָנגען, ווי אַ מעדאַל, אויף דעם אָנגעזעענסטן אָרט צווישן מיינע קאָלירטע אַרבעטן.

נאָר אין אַ טאָג אַרום איז די מטבע פאַרשוווּנדן — כ'בין זיכער, אַז די אַלטע האָט עס צוגעלקחנט!

ט

אין פרילינג בין איך פאָרט אַנטלאָפן: אינדערפרי בין איך אַוועק אין קראָם נאָך ברויט צום טיי, און דער קרעמער, קריגנ־דיק זיך פאַר מיר אין די אויגן מיט זיין ווייב, האָט איר דער־לאַנגט מיט אַ געוויכט איבערן שטערן. זי איז אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס און איז דאָרט אַנידערגעפאַלן; מענטשן זעען זיך תיכף צוזאַמענגעלאָפן, אַריינגעזעצט די פרוי אין אַ דראָזשקע און אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל; איך בין נאָכגעלאָפן נאָך דער דראָזש־קע, און שפּעטער עפּעס אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין האָב איך אַוועקגעבלאָנקעט צו דער וואָלגע מיט די צוויי גילדן אין האַנט.

ליכטיק און פריינטלעך האָט געשיינט דער פרילינגס־טאָג, די וואָלגע האָט זיך ברייט פונאַנדערגעגאָסן, אויף דער ערד איז געווען לעבעדיק, פריי און פראַנק — און איך האָב געלעבט ביז איצט, ווי אַ מייזל אין קעלער, און איך האָב באַשלאָסן, כ'וועל זיך נישט אומקערן צוריק צו מיינע באַלעבאַטים און נישט גיין צו דער באָבען אין קונאַווינע, — מיין וואָרט האָב איך נישט געהאַלטן, האָב איך זיך געשעמט צו טרעפן מיט איר, און דער זיידע וואָלט געזען אויף מיר אַ נקמה.

אַ צוויי דריי טעג האָב איך זיך אַרומגעדרייט אויפן ברעג פון דער וואָלגע, געגעסן צוזאַמען מיט די גוטהאַרציקע טרעגער, גענעכטיקט מיט זיי אויף די האַפּנס; שפּעטער האָט איי־נער פון זיי געזאָגט צו מיר:

— דו דרייסט זיך דאָ אומזיסט אַרום, יינגל! גיי אַרויף אויף דער שיף „דער גוטער“, דאָרטן דאַרף מען אַ געשיר־וואַשער...

איך בין אַוועק; אַ הויכער בערדיקער בופעטשיק אין אַ

שוואַרץ זיידן היטעלע אָן אַ דאַשעק, האָט מיך אָנגעקוקט דורך ברילן מיט מוטנע אויגן און שטיל געזאָגט:

— צוויי רובל אַ חודש. אַ פּאַספּאָרט.

קיין פּאַספּאָרט האָב איך נישט געהאַט, דער בופעטשיק האָט אַ קלער געטון און געזאָגט:

— ברענג די מאַמען.

איך בין אַוועקגעלאָפן צו דער באַבען, זי האָט די זאַך אָנגענומען גוטמוטיק, האָט איינגערעדט דעם זיידן צו גיין אין דער געמיינדע נאָך אַ פּאַס פאַר מיר, און אַליין איז זי אַוועק מיט מיר צום דאַמפּער.

— גוט. — האָט געזאָגט דער בופעטשיק. אַ קוק טוענדיק אויף אונז. — קום.

ער האָט מיך אַוועקגעפירט צום הינטערטייל פון דאַמפּער, ווו ס׳איז געזעסן ביי אַ טישל אַ ריזיקער קוכער אין אַ ווייסער מאַרינאַרקע, מיט אַ ווייס היטל אויפן קאָפּ, געטרונקען טיי און גלייכצייטיק געריכערט אַ דיקן פּאַפּיראָס. דער בופעטשיק האָט מיך אַ שטויס געטון צו אים.

— אַ געשיר-וואַשער.

און איז גלייך אַוועק, און דער קוכער האָט, אָפּלאָזנדיק זיך, אָנגעשטעלט זיינע שוואַרצע וואָנצעס און האָט אַ זאָג געטון גלייך נאָך אים:

— פאַר אייך איז גוט יעדער שוואַרציאָר, אַבי וועל-ועלער...

ער האָט בייז אַ טרייסל געטון מיטן גרויסן שוואַרצן געשוירענעם קאָפּ, אויסגעשטעלט זיינע שוואַרצע אויגן, האָט זיך אָנגעשטרענגט, אָנגעבלאָזן און הילכיק אויסגעשריען:

— ווער ביסטו אַזוינער?

דער מענטש איז מיר שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן, — איינגאַנצן אָנגעטון אין ווייסן, האָט ער פונדעסטוועגן אויסגעזען שמוציק, די פינגער זיינע זענען געווען באַוואַקסן, פון די גרויסע אויערן זענען אַרויסגעקראָכן האָר.

— כ׳וויל עסן. — האָב איך אים געזאָגט.

ער האָט אַ פּינטל געטון מיט די אויגן, און פּלוצלינג האָט אַ ברייטער שמייכל פאַרענדערט זיין בייז פּנים, זיינע צינטער־רויטע באַקן זענען, ווי אַ כוואַליע, אַוועק צו די אויערן, אַנטפּלעקנדיק גרויסע פערדישע ציינער, די וואָנצעס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן — ער האָט אויסגעזען דאַן, ווי אַ דיקע גוטע פּרוי.

אויסגיסנדיק פון זיין גלאָז די טיי איבערן באָרט, האָט ער פאַר מיר אָנגעגאָסן פרישע, צוגערוקט אַ גאַנצע פראַנצויזישע בולקע מיט אַ גרויסן שטיק ווורשט.

— פרעס! האָסט טאַטע־מאַמען? גנבענען קאָנסטו? נו, שרעק זיך נישט, דאָ זענען אַלע גנבים — מ׳וועט דיך אויסלערנען!

גערעדט האָט ער, ווי ער וואָלט בילן. זיין גרויס בלוי געגאָלט פּנים איז געווען — אַרום דער נאָז — באַדעקט מיט אַ גאַנצער נעץ פון רויטע אָדערלעך, די געדראָלענע רויטע נאָז האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די וואָנצעס, די אונטערשטע ליפּ איז שווער און דערווידער אַרונטערגעהאָנגען, אין ווינקל מויל האָט זיך צוגעקלעפּט אַ רויכערנדיק שטיקל פּאַפּיראָס. ער איז, קענטיק, נישט לאַנג אַרויס פון באָד — ס׳האָט געשמעקט פון אים מיט בעריאָזעווען בעזעם און פעפער־בראָנפן, אויף די שלייפן און אויפן האַלז האָט געבלישטשעט אַ שפּעדיקער שוויס.

ווען איך האָב אָפּגעטרונקען טיי, האָט ער מיר אַריינגערוקט אין האַנט אַ פּאַפּירענעם רובל.

— גיי, קויף זיך צוויי פאַרטעכער מיט הערצלעך. וואַרט, — כ׳וועל אַליין קויפן!

האָט פאַרריכט דאָס מיצל און איז אַוועק מיט שווערע טריט, וויגנדיק זיך, ווי אַ בער.

...ס׳איז נאַכט, ליכטיק שיינט די לבנה, אַוועקלויפנדיק פון דאַמפּער לינקס, צו די לאָנקעס. דער אַלטינקער, געלער דאַמפּער מיטן ווייסן פּאַס אויפן קוימען, שלעפּט זיך נישט געאיילט איבערן זילבערנעם וואַסער, אים אַנטקעגן קומען אָן די שוואַרצע ברעגעס, אויסשפּרייטנדיק איבערן וואַסער זייערע שאָטנס, איבער וועלכע עס לייכטן העל די פענסטער פון די

הייזער, אין דאָרף זינגט מען — מיידלעך טאַנצן אין קאַראַהאָד, און דער רעפרען — „אַי ליולי“ קלינגט, ווי הללויה...

הינטערן דאַמפער אויף אַ לאַנגן שלעפּ־שטריק שלעפּט זיך נאָך אַ בערלינקע (אַ לאַסט־שיפל), אויך אַ געלע; זי איז באַדעקט איבער דער פאַלובע מיט אַן אייזערנער שטייג, אין דער שטייג — געפינען זיך אַרעסטאַנטן, פאַרמשפטע צום אַרויסצושיקן און אויף קאַטאָרגע. אויף דער נאָז פון דער בערלינקע פינקלט, ווי אַ ליכט, דער באַיאָנעט פון דעם וואַך־סאָלדאַט; די קליינע שטערנדלעך אויפן בלויען הימל פינקלען אויך, ווי ליכט. אויף דער בערלינקע איז שטיל, זי איז אינגאַנצן באַגאָסן מיט דער שיין פון דער לבנה, הינטער דער שוואַרצער קראַטע פון דעם אייזערנעם שטייג קוקן אַרויס גרויע פלעקן — דאָס קוקן די אַרעסטאַנטען אַרויס אויף דער וואָלגע. עס כליפּעט דאָס וואַסער, עפּעס, דאַכט זיך, ווי עס וויינט אָדער עס לאַכט ציטערדיק. אַלץ אַרום איז עפּעס קלויסטערדיק, עס הערט זיך אַפילו אַ ריח פון אָייל, ווי אין קלויסטער.

איך קוק אויף דער בערלינקע און דערמאַן מיך מיינע אַמאָליקע קינדערשע יאָרן, דעם וועג פון אַסטראַכאַן קיין ניזשני, דאָס אייזערנע פּנים פון דער מוטער און דער באָבען, וואָס האָט מיך אַריינגעפירט אין דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן, נאָר שווערן לעבן — צווישן לייט. און ווען איך דערמאַן זיך אין דער באָבען, גייט אַוועק פון מיר אָן אַ זייט אַלדאָס שלעכטע און בייזע, ענדערט זיך, אַלץ ווערט אינטערעסאַנטער, ליבער, די מענטשן — בעסער און פריינדלעכער...

עס רירט מיך ביז טרערן די שיינקייט פון דער נאַכט, עס רודערט מיך אויף די לאַסט־שיף — וואָס איז ענלעך צו אַן ארון, און עפּעס אַזוי איבעריק אויפן ברייטן שטח פון דעם פונאַנדערגעגאָסענעם טייך, אין דער פאַרחלומטער שטילקייט פון דער וואַרעמער נאַכט. די נישט־גלייכע ליניע פון דעם ברעג הויבט זיך אויף און לאָזט זיך אַראָפּ, און באַאומרויקט אַזוי אַנגענעם דאָס האַרץ, — מיר ווילט זיך זיין גוט, נוצלעך פאַר מענטשן.

די מענטשן אויף אונזער דאַמפּער זענען עפּעס מאָדנע, אַלע, — אַלט און יונג, מענער און ווייבער — קומען מיר פאָר ענלעך איינע צו די אַנדערע. אונזער פאַראַכאָד גייט פּאַמעלעך, די געשעפטס־מענטשן זעצן זיך אויף די פּאָסט־דאַמפּערס, און צו אונז קלויבן זיך עפּעס אַלץ שטילע ליידיקגייער. פון אינדערפרי ביז נאַכט טרינקען זיי, עסן און פאַרשמוצן אַ סך כלים, מעסערס, גאָפּלען, לעפל; מיין אַרבעט איז — וואַשן געשיר, פּוצן די גאָפּלען, מעסערס, איך פאַרנעם זיך דערמיט פון זעקס אַ זייגער אינדערפרי ביז כמעט אין האַלבער נאַכט אַריין. ביי טאָג צווישן צוויי און זעקס אַ זייגער און ביינאַכט פון צען ביז צוועלף האָב איך ווייניקער אַרבעט, אין דער צייט רוען זיך אָפּ די פּאַסאַזשירן פון עסן און טרינקען נאָר טיי, ביר און בראָנפן. אין די שעהן איז פריי די גאַנצע דינערשאַפט פון בופעט — מיינע באַלעבאַטים. ביים טיש נעבן פּאָרענטש טרינקען טיי דער קוכער סמוריי, זיין געהילף יאַקאָוו איוואַניטש, דער קיך־געשיר־וואַשער — מאַקסים און דער קעלנער פון די דעק־פּאַסאַזשירן סערגיי, אַ הויקער, מיט אַ ביינערדיק פנים, געשטופּלט פון פּאָקן, מיט פעטע אויגן. יאַקאָוו איוואַניטש דערציילט אַלערליי פּאַסקודנע מעשות, לאַכנדיק מיט אַ וויינענדיק געלעכטערל, אויסשטעלנדיק זיינע גרינע צעפוילטע ציין. סערגיי ציט פונאַנדער ביז צו די אויערן זיין זשאַבישן מויל, דער פאַרזאָרגטער מאַקסים שוויגט, קוקנדיק אויף זיי מיט שטרענגע אויגן פון אַן אומבאַשטימטער פאַרב.

— אַזיאַטן! מאָרדווע! — רופט אויס פון צייט צו צייט מיט אַ הילכיק קול דער קוכער.

די דאָזיקע מענטשן געפעלן מיר נישט. דער דיקער פּליכעוואַטער יאַקאָוו איוואַניטש רעדט נאָר וועגן פרויען און אַלעמאָל — שמוציק. ער האָט אַ פּוסט פנים און גרויע פלעקן, אויף איין באַק אַ בראָדעווקע מיט אַ קוסטעלע געלע האָר, ער דרייט זיי צונויף, ווי אַ נאָדל: ווען אויפן דאַמפּער קומט אַרויף אַן נאָכגעביקע, פלינקע פּאַסאַזשירין, הויבט ער זיך אָן אַרומצודרייען אַרום איר עפּעס מאָדנע פחדנותדיק און ציטערדיק, ווי

אַ בעטלער, רעדט מיט איר זיסלעך און רחמנותדיק, אויף זיינע ליפּן באַווייזט זיך אַ זייפיקער שוים, ער לעקט אים כסדר אָפּ מיט אַ שנעלער באַוועגונג פון זיין עקלדיקער צונג. עפּעס דוכט זיך מיר, אַז פּונקט אַזעלכע מוזן זיין די תלינים.

— אַ פרוי דאַרף מען קאָנען דערהיצן, — לערנט ער סער־גייען און מאַקסימען, זיי הערן אים אויס אויפמערקזאַם, בלאָזן זיך אָן און ווערן רויט.

— אזיאַטן, — זעצט אַרויס מיט עקל סמוריי, הויבט זיך שווער אויף און גיט צו מיר אַ קאָמאַנדעווע. — פּעשקאָוו — מאַרש!

ביי זיך אין קאַיוטע רוקט ער מיר אונטער אַ ביכל אין אַ לעדערנעם איינבאַנד און לייגט זיך אויפן בעטל ביי דער וואַנט פון אייזקאַסטן.

— לייען!

איך זעץ זיך אויף אַ קאַסטן מיט מאַקאַראָנעס און לייען געוויסנסהאַפט.

— „אומבראַקול, באַפּוצט מיט שטערנדלעך, הייסט אַ באַ־קוועמע פאַרבינדונג מיטן הימל, וואָס זיי האָבן דורך דער איי־גענער באַפרייאונג פון עם־הארצים און זינד"...

סמוריי פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס, בלאָזט אַרויס דעם רויך און בורטשעט:

— קעמלען! אָנגעשריבן...

—„די אַנטבלויזונג פון דער לינקער ברוסט, באַדייט די אומשולד פון האַרצן"...

— די אַנטבלויזונג — ביי וועמען?

— עס שטייט נישט געשריבן.

— מ׳מיינט מסתמא — ביי ווייבער... עך, אויסגעלאַסענע.

ער פאַרמאַכט די אויגן, ליגט, פאַרוואַרפנדיק די הענט הינטערן קאָפּ, דער פּאַפּיראָס רויכערט זיך קוים, צוגעקלעפּט צום ווינקל פון זיינע ליפּן, ער פאַררויכערט אים מיט דער צונג, פאַרציט אַזוי, אַז עס פייפט ביי אים עפּעס אין האַרצן, און זיין ריזיק פּנים ווערט דערטרונקען אין אַ וואָלקן פון רויך. אַמאָל דוכט זיך מיר, אַז ער איז איינגעשלאָפן, איך הער אויף לייענען

און קוק דורך דעם פֿאַרשאָלטענעם בוך — עס איז מיר שרעקלעך דערווידער.

נאָר ער כריפּעט:

— לייען!

— „וועגעראַבל ענטפּערט: גיב אַ קוק מײַן ליבער פּרער סיוועריאַן"...

— סעוועריאַן...

— עס שטייט — סיוועריאַן...

— נו? אָט אַ שוואַרציאָר! דאָרטן צום סוף איז געשריבן אין פֿערזן, האַק פֿון דאָרט.

איך האַק:

„פּראָסטאַקעס, נייגיריקע צו וויסן אונזערע מעשים —
קיינמאָל וועלן אייערע שוואַכע אויגן זיי נישט דערזען.
איר וועט זיך אויך נישט דערוויסן, ווי עס זינגען די פּרערן."

— שטיי, — זאָגט סמוריי — דאָס זענען דאָך נישט קיין פֿערזן! גיב דעם בוך...

ער בלעטערט מיט כּעס די דיקע, בלאָע בלעטער און פֿאַררוקט דעם בוך אונטערן מאַטראַץ.

— נעם אַן אַנדערס...

צום שלימזל זענען ביי אים אין שוואַרצן קאַסטן, וואָס איז באַשלאָגן מיט אייזן, פֿאַראַן אַ סך ביכער — „אָמיראָווס אָנווייזונגען", „אַרטילערייאישע מעמואַרן", „בריוו פֿון לאָרד סעדענגאַל", „וועגן די שעדלעכע וואַנצן און אויך מיט אָנווייזונגען, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פֿון זיי; עס זענען געווען ביכער אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף. צייטנווייז פֿלעגט מיר דער קוכער גויטן פֿונאַנדערצוקלויבן די דאָזיקע ביכער, אָנרופֿן זייערע נעמען, איך פֿלעג לייענען, און ער פֿלעגט מיט כּעס בורטשען:

— קלערן אויס, די שולערס... האַקן דיר איבער די ציין, און פֿאַרוואָס — קאָן מען נישט פֿאַרשטיין, גערוואַסי! צום טייוול דאַרף איך אים, דעם גערוואַסין! אומבראַקול...

משונהדיקע ווערטער, אומבאַקאַנטע נעמען זענען מיר גע-

בליבן שטעקן אין זכרון, פֿלעגן קיצלען די צונג, עס פֿלעגט זיך ווען אַלע ווילע איבערחזרן זיי — אפשר וועלן זייערע קלאַנגען מיר קלאָר מאַכן דעם זין? און הינטערן פענסטער האָט כסדר געזונגען און געפּלושקעט דאָס וואַסער. ס׳וואָלט גוט גע־ווען זיך פֿאַרקלייבן אויפֿן הינטערשטן טייל פֿון דאַמפער, — דאָרט, צווישן די קאַסטנס סחורה, קלויבן זיך צונויף די מאַ־טראָסן, די הייצער, שולערן אָפּ די פּאַסאַזשירן אין קאָרטן־שפּיל, זינגען לידער, דערציילן אינטערעסאַנטע געשיכטעס. גוט איז צו זיצן מיט זיי און, צוהערנדיק זיך צו די פּשוטע מעשׂות, קוקן אויף די ברעגעס פֿון דער קאַמע, אויף די סאָסנעס, וואָס שטייען אויסגעצויגן, ווי מעשענע סטרונעס, אויף די לאָנקעס, ווו נאָך דער וואַסער־פֿאַרגיסונג זענען געבליבן קליינע אָזערעס, וואָס ליגן, ווי שטיקלעך צעבראָכענע שפּיגל, ווו עס שפּיגלט זיך אָפּ דער בלויער הימל. אונזער דאַמפער איז אָפּגעטיילט פֿון דער ערד, אַנטלויפֿט פֿון איר, און פֿון ברעג דערגייט אין דער שטיל־קייט פֿון מידן טאָג אַ ווייטער קלאַנג פֿון אַן אומגעזעענעם קלויסטער, וואָס דערמאָנט אָן דערפֿער, אָן מענטשן. אויף די כוואַליעס וויגט זיך אַ לאָדקע פֿון אַ פֿישער, וואָס זעט אויס, ווי אַ רייפֿטל ברויט; אָט האָט זיך אויפֿן ברעג באַוויזן אַ דערפֿל, אַ חבֿרה יינגלעך פּלושקעט זיך אין טייך, איבער דער געלער זאַמד־סטענגע גייט אַ פּויער אין אַ רויטן העמד. פֿונוויטנס, פֿון טייך, זעט אַלץ אויס ליב, אַלץ — ווי שפּילעכלעך, אַמוזאַנט, קליין און בונט. עס ווילט זיך אויסשרייען צום ברעג עפּעס גוטע, פֿריינטלעכע ווערטער — צום ברעג און צו דער בערלינקע.

אָט די געלע בערלינקע האָט מיך שטאַרק אינטערעסירט, איך פֿלעג קאָנען שעהן־לאַנג קוקן, ווי זי גראָבט מיט דער טעמפּער נאָז דאָס טריבע וואַסער. דער דאַמפער האָט זי גע־שלעפּט, ווי מ׳שלעפּט אַ חזיר. לויז ווערנדיק, פֿלעגט דער קאַ־נאַט קלאַפּן איבערן וואַסער, דאַן זיך ווידער אָנציען, לאָזנדיק רינען פֿון זיך גרויסע טראָפּנס און פֿלעגט צופּן די בערלינקע פֿאַר דער נאָז. מיר האָט זיך זייער געוואָלט אָנקוקן די פּנימער פֿון די מענטשן, וואָס זענען, ווי חיות געזעסן אין די שטייגן.

אין פֿערם, בעת מ'האָט זײַ אַראָפּגעלאָזט אויפֿן ברעג, בין איך אַרויפֿגעקראָכן אויף די טרעפּ פֿון דער בערלינקע, פֿאַרבײַ מיר זענען דורכגעגאַנגען צענדליקער גרויע מענטשעלעך, קלאַפּנדיק הילכיק מיט די פֿיס, קלינגענדיק מיט די רינגען פֿון די קייטן, אײַנגעבויגן אונטער דער משא פֿון זייערע קלומקעס; עס זענען געגאַנגען פֿרויען און מענער, אַלטע און יונגע, שיינע און מיאוסע, אָבער פּונקט אַזעלכע, ווי אַלע מענטשן, נאָר אַנדערש אָנגעטון און העסלעך אָפּגעגאָלט. געוויס, — זענען דאָס גזלנים, אָבער די באָבע האָט אַזוי פֿיל גוטס דערצײַלט וועגן גזלנים.

סמוריי, וואָס האָט מער פֿאַר אַנדערע אויסגעזען, ווי אַ ווילדער גזלן, האָט אומעטיק געקוקט אויף דער בערלינקע און געבורטשעט:

— באַהיט אונז גאָט פֿון אַזאַ גורל!

אײנמאָל האָב איך גראָד אַ פֿרעג געטון:

— פֿאַרוואָס עפּעס פֿאַרנעמט איר זיך מיט קאָכן, בעת די איבעריקע הרגענען און גזלענען?

— איך קאָך נישט, איך גרייט צו, — קאָכן, קאָכן די ווײַבער — האָט ער געזאָגט שמײכלענדיק; קלערנדיק אַ ווײַלע האָט ער צוגעגעבן: — דער חילוק צווישן די מענטשן — איז אין זייער נאַרישקייט. אײנער — איז קליגער, דער צווייטער, ווייניקער, דער דריטער — גאָר אַ נאַר. און כּדי קליגער צו ווערן, דאַרף מען לייענען די געהעריקע ביכער, וועגן שוואַרצן כּשוף און נאָך וואָס אַזוינס? מ'דאַרף אַלע ביכער לייענען, דאַן וועסטו שוין געפֿינען די ריכטיקע...

ער פֿלעגט מיך שטענדיק צורעדן

— דו — לייען נאָר! פֿאַרשטייסט נישט אַ בוך — לייען איבער זיבן מאָל, פֿאַרשטייסט נישט צום זיבעטן מאָל — לייען איבער צוועלף מאָל...

מיט אַלעמען אויפֿן שיף, אפֿילו מיטן שווײַגעדיקן בופֿעטשיק, פֿלעגט סמוריי רעדן אָפּגעהאַקט, מיט פֿאַראַכטונג, עפּענענדיק די אונטערשטע ליפּ, אָנשטעלנדיק די וואָנצעס — ווי ער וואָלט געוואָרפֿן שטיינער אין די מענטשן. מיט מיר פֿלעגט ער

זיך באַגיין ווייך און אויפֿמערקזאַם, נאָר אין דער דאָזיקער אויפֿמערקזאַמקייט איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס פֿלעגט מיך אַ ביסל שרעקן; צייטנווייז פֿלעגט מיר דער קובֿער פֿאָרקומען ווי אַ חסר-דעה, פּונקט ווי די באָבעס שוועסטער.

אָפּטמאָל פֿלעגט ער זאָגן צו מיר:

— וואַרט אָפּ מיטן לייענען...

און ליגט לאַנג מיט צוגעמאַכטע אויגן, סאַפּענדיק מיט דער נאָז; זיין גרויסער בויך וויגט זיך, עס רירן זיך די צונויפֿגעלייגטע הענט אויף דער ברוסט, ווי ביי אַ מת, די פֿאַרברענטע האָריקע פֿינגער שטריקן מיט אומגעזעענע שפּיזלעך אַן אומגעזעענעם זאָק.

און פּלוצלינג הויבט ער אָן בורטשען.

— יאָ. אָט האָסטו דיר אַ שׂכל און גיי לעב! און שׂכל איז קאַרג געגעבן געוואָרן און נישט אַלעמען גלייך. ווען אַלע וואָלטן געהאַט דעם גלייכן שׂכל, איז אָבער — ניין... איינער פֿאַרשטייט, דער צווייטער פֿאַרשטייט נישט, און עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס ווילן שוין גאָרנישט פֿאַרשטיין, האַ!

פֿלאָנטערנדיק די ווערטער, פֿלעגט ער דערציילן געשיכטעס פֿון זיין זעלנערישן לעבן — דער זין פֿון די דאָזיקע געשיכטעס פֿלעג איך נישט תּופֿס זיין, זיי פֿלעגן מיך נישט אינטערעסירן, און דערציילן פֿלעגט ער זיי נישט פֿון אָנהייב, נאָר וואָס עס פֿלעגט אים איינפֿאַלן.

— רופֿט צו דער פּאָלקאָווניק קאָמאַנדיר יענעם סאָלדאַט און פֿרעגט: וואָס האָט דיר געזאָגט דער פּאָרוטשיק? ענטפֿערט ער אַלץ, ווי ס'איז געווען, — אַ סאָלדאַט מוז זאָגן דעם אמת. און דער פּאָרוטשיק האָט אויף אים אַ קוק געטון, ווי אויף אַ וואַנט, זיך אָפּגעקערט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. יאָ...

דער קובֿער ווערט אין כּעס, אָטעמט מיט רויך און בורטשעט:

— ווייס איך דען, וואָס מען מעג זאָגן און וואָס מ'טאָר נישט? האָט מען דעם פּאָרוטשיק פֿאַרמשפּט אויף פֿעסטונג, און זיין

מוטער זאָגט... אָ גאָט מיינער! מ'האָט דאָך מיך גאָרנישט געלערנט...

הייס. אַלץ אַרום טרייסלט זיך שטיל, הודזעט, הינטערן אייזערנעם ווענטל פון קאַיוטע פּלושקעט און בוכצעט דאָס ראָד פונם דאַמפּער מיטן וואַסער, פאַרביי דעם אילומינאַטאָר פליסט דער טייך אין אַ ברייטן פּאַס, פונוויטן זעט זיך אַ פּאַסיקל פון דעם גרינעם ברעג, די בוימער שטייען שטום. דער אויער איז געוויינט צו אַלע קלאַנגען, ס'דאַכט זיך, אַז אַרום איז שטיל, כאָטש אויפן אויבערדעק פון שיף זינגט טרויע־ריק אַ מאַטראָס.

— זי־בן, זי־בן...

עס ווילט זיך אין קיין זאַך נישט נעמען קיין אָנטייל, ס'ווילט זיך נישט הערן, אַרבעטן, נאָר זיצן ערגעץ ווו אין שאָטן, וווהין עס דערגייט נישט דער פעטער הייסער גערוך פון קיך, זיצן און קוקן שלעפעריק, ווי עס שווימט איבערן וואַסער אָט דאָס שטילע פאַרמאַטערטע לעבן.

— לייען! — באַפעלט מיר מיט כעס דער קוכער.

פאַר אים האָבן אַפילו מורא די קלאַסן־אָפיציאַנטן, און אַפילו דער שטילער, בופעטשיק, וואָס איז קאַרג אויף אַ וואָרט און זעט אויס, ווי אַ סאָנדעק, האָט אויך, קענטיק, מורא פאַר סמורייען.

— עי, דו, חזיר! — שרייט ער אויף דער דינערשאַפט פון בופעט. — קום אַהער גנב! אַזיאַטן... אומבראַקול...

די מאַטראָסן און די הייצער באַציען זיך צו אים מיט דרך־ארץ און מיט חניפה, — ער פלעגט זיי געבן די אויסגעקאָכטע פלייש פון בוליאָן, פלעגט ביי זיי פונאַנדערפרעגן וועגן דאָרף, וועגן זייערע פאַמיליעס. די פעטע, פאַררויכערטע הייצער — ווייס־רוסן, האָבן זיך גערעכנט אויפן דאַמפער פאַר שפּלע מענטשן, מען פלעגט זיי רופן מיט איין נאָמען — יאַגוטן, און מ'פלעגט זיך רייצן מיט זיי: — יאַגע, באַגע אויפן ברעג...

ווען סמוריי פלעגט עס דערהערן, פלעגט ער, אָנשפּיצנדיק די וואָנצעס, שרייען צום הייצער:

— וואָס לאָזסטו פון זיך חוזק מאַכן דו בהמהשע צורה? דערלאַנג אים אין מאָרדע, דעם קאַצאַפּ!

איינמאָל האָט דער באַצמאַן, אַ שיינער און בייזער פויער, געזאָגט צו אים:

— אַ יאַגוט און אַ כאָכאָל — האָבן איין גלויבן!

דער קוכער האָט אים געכאַפּט פאַרן קאַרק, אויפגעהויבן אין דערלופטן, געטרייסלט און געפרעגט:

— ווילסט — איך זאָל דיך צעהרגענען?

קריגן פלעגט מען זיך אָפט, אַמאָל פלעגט דערגיין, אויך ביז קלעפּ, אָבער סמורייען פלעגט מען נישט שלאָגן, ער איז געווען מוראדיק שטאַרק און, אַחוץ דעם, פלעגט מיט אים אָפט פרייַנדלעך רעדן דעם קאַפּיטאַנס ווייב, אַ הויכע, דיקע פרוי מיט אַ מאַנסביליש פּנים און מיט גלאַט אָפּגעשוירענע האָר, ווי אַ יינגל.

ער האָט אָן אַ מאָס געטרונקען בראָנפן, פלעגט אָבער קיינמאָל נישט ווערן שיכּור. טרינקען פלעגט ער אָנהויבן מיטן פרימאָרגן, אויסליידיקנדיק אַ גאַנצע פלאַש אין פיר זופּן און ביז צו אָוונט געזופּט ביר. זיין פּנים איז וואָס אַ טאָג אַלץ ברוינער געוואָרן, די טונקעלע אויגן ברייטער, ווי פאַרוואונדערט.

אַמאָל פלעגט ער אין אָוונט זיך זעצן אויפן באַסיין, אַ גרויסער, אַ ווייסער און זיצט אַזוי שעהן לאַנג אַ שווייגעדיקער, קוקנדיק פינסטער אין דער פליסנדיקער ווייטקייט. דעמאָלט פלעגן אַלע פאַר אים באַזונדערס מורא האָבן, איך אָבער האָב אויף אים רחמנות געהאַט.

פון קיך גייט אַרויס יאַקאָוו איוואַניטש, אַ פאַרשוויצטער, אַן אָנגעגליטער שטייט ער, קראַצנדיק דעם פליכעוואַטן שאַרבן, און אַ מאַך טוענדיק מיט דער האַנט, ווערט ער נעלם אָדער רעדט פונדערווייטנס:

— איינגעשלאָפן דער סטערלעט-פיש...

— נו, איז אין געזאַלצנס...

— און אויב מ׳וועט באַשטעלן אַ פיש-יויך אָדער — געפּרעגט?

— קאַך. מ'וועט אויפפרעסן.

צייטנווייז פלעג איך זיך אַנטשליסן, צוגיין צו אים, ער פלעגט שווער אָנשטעלן אויף מיר די אויגן.

— וואָס ?

— גאָרנישט.

— גוט.

אין אַזאַ מאָמענט האָב איך אים דאָך איינמאָל אַ פרעג געטון :

— פאַרוואָס שרעקט איר אַלעמען, איר זענט דאָך — אַ גוטער ?

אומגעריכט פאַר מיר איז ער נישט בייז געוואָרן.

— דאָס בין איך נאָר צו דיר גוט.

אָבער תיכף האָט ער צוגעגעבן אָפנהאַרציק און פאַרקלערט :

— און אפשר איז דאָס טאַקע אמת, איך — בין צו אַלע־מען גוט. נאָר איך ווייז דאָס נישט אַרויס, מען טאָר דאָס נישט אַרויסווייזן די מענטשן, אַנדערש — וועלן זיי דיך פאַר־מאַטערן. אַ גוטן קריכן אַלע אויפן קאָפּ, פונקט ווי אויף אַ צווייג אין בלאָטע... און מ'וועט דיך צעטרעטן. גיי, ברענג ביר...

אויסטרינקענדיק אַ פלאַש, איין גלאָז נאָכן אַנדערן, האָט ער אָפּגעזויגן די וואָנצעס און געזאָגט :

— ווען דו וואָלסט געווען, פויגל, גרעסער, וואָלט איך דיך אַ סך אויסגעלערנט. כ'האָב, וואָס צו זאָגן אַ מענטשן, איך בין נישט קיין נאַר... דו לייען ביכער, אין זיי איז דאָ אַלץ, וואָס מ'דאַרף. ביכער זענען נישט קיין נאַרישקייט ! ווילסט ביר ?

— כ'האָב נישט ליב.

— גוט, טרינק טאַקע נישט. שיכּרות — איז אַן אומגליק. בראָנפן — איז אַ טייוולאָנישע זאַך. ווען איך וואָלט געווען רייך — וואָלט איך דיך געטריבן לערנען. אַן אומגעלערנטער מענטש — איז אַן אָקס, קאָנסטו אים איינשפּאַנען אין יאָך, קאָנסט אים פירן צו דער שחיטה, און ער מאַכט נאָר מיטן עק...

דעם קאַפּיטאַנס פרוי האָט אים געגעבן גאָגאָלס אַ באַנד, האָב איך איבערגעלייענט, — „די שרעקלעכע נקמה“, מיר איז

דאָס שטאַרק געפעלן, נאָר סמוריי האָט בייז אויסגעשריגן:

— אַ נאַרישע מעשה! כ'ווייס — עס זענען דאָ אַנדערע ביכער...

האָט צוגענומען פון מיר דאָס בוך, געבראַכט פון דעם קאַפּיטאַנס ווייב אַן אַנדערן, און מיט אַ פינסטער פּנים אַ זאָג געטון:

— לייען טאַראַסן... ווי הייסט ער דאָרטן? געפין. זי זאָגט — ס'איז גוט. פאַר וועמען — גוט? פאַר איר איז גוט, פאַר מיר אָבער — אפשר נישט גוט? האָט זיך אָפּגעשוירן די האָר, אַ! און פאַרוואָס עפּעס האָט זי זיך די אויערן נישט אָפּגעשוירן?

ווען טאַראַס האָט אַרויסגערופן אָסטאַפּן אויף אַ געשלעג, האָט דער קוכער זיך הילכיק פונאַנדערגעלאַכט.

— אָט — אַזוי! וואָס דען? דו ביסט געלערנט, און איך בין שטאַרק. וואָס מ'דרוקט! קעמלען...

ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, אָבער אָפט גע-בורטשעט:

— אַ, נאַרישקייטן! מ'קאָן דאָך אַ מענטשן נישט צעשפּאַלטן פון קאָפּ ביזן הינטער-חלק, מ'קאָן נישט! און אויף אַ שפּיז קאָן מען נישט אויפהויבן — דער שפּיז וועט זיך צעברעכן! איך בין דאָך אַליין אַ סאָלדאַט.

אַנדריעס פאַרראַט האָט ביי אים אַרויסגערופן אַן עקל.

— אַ מיאוסער נפש, האַ? צוליב אַ נקבה! טפו!..

ווען טאַראַס האָט דערשאָסן זיין זון, האָט דער קוכער, אַראָפּלאָזנדיק דעם פוס פון באַנק, זיך אָנגעשפּאַרט אויף אים מיט די הענט, זיך איינגעבויגן און האָט זיך פונאַנדערגעוויינט, — פּאַמעלעך זענען גערונען די טרערן איבער זיינע באַקן, קאַפּענ-דיק אויף דעם אויבערדעק פון שיף, ער האָט געסאָפּעט און געמורמלט פאַר זיך:

— אַ, גאָט מיינער... גאָט מיינער...

און פּלוצלינג האָט ער זיך צעשריגן אויף מיר:

— לייען זשע, טייוול דו איינער!

ער האָט זיך ווידער צעוויינט און — נאָך שטאַרקער און

ביטערער, ווען אָסטאַפּ האָט פאַרן טויט אַ געשריי געטון: „טאַטע, דו הערסט?"

— אַלץ פאַרפאַלן — האָט סמוריי געכליפּעט — אַלץ! שוין
— דער סוף? אָט אַ פאַרפלוכטע געשיכטע! געווען אַמאָל מענטשן. אָט דער טאַראַס, האַ? יאָ-אָ, דאָס זענען מענטשן...

ער האָט צוגענומען ביי מיר פון האַנט דאָס בוך, האָט אים גוט באַטראַכט באַנעצנדיק דעם איינבונד מיט טרערן.

— אַ שיין בוך! ממש — אַ יום טוב!

דערנאָך האָבן מיר געלייענט „איוואַנגאָע", סמוריין איז זייער געפעלן געווען ריטשאַרד פלאַנטאַגענעט — אָט דאָס איז אַן אמתער קייסער! —האָט ער געזאָגט מיט זיכערקייט. מיר איז דאָס בוך געווען לאַנגווייליק.

בכלל, האָבן מיר געהאַט אַנדערע געשמאַקן, ביי מיר האָט שטאַרק אויסגענומען „די דערציילונג וועגן טאָמאַס ראַנעס", אַן אַלטע איבערזעצונג פון דער מעשה „וועגן דעם פינדלינג טאָם דזשאָנס", אָבער סמוריי פלעגט בורטשען:

— נאַרישקייט! וואָס גייט ער מיך אָן, דער טאָמאַס? צו וואָס טויג ער מיר. עס דאַרפן זיין אַנדערע ביכער...

איינמאָל האָב איך אים געזאָגט, אַז איך ווייס — אַז ס'זענען דאָ אַנדערע ביכער, אומלעגאַלע, פאַרבאָטענע; מ'קאָן זיי לייענען נאָר ביינאַכט, אין די קעלערן.

ער האָט אויסגעגלאָצט די אויגן, איז בייז געוואָרן.

— וואָס אַזוינס, וואָס זאָגסטו ליגן?

— איך — זאָג נישט קיין ליגן, מיך האָט וועגן דעם דער גלח אויסגעפרעגט ביים ווידוי, איך האָב נאָך פאַר דעם אַליין מיט מיינע אויגן געזען, ווי מען לייענט זיי און מען וויינט...

דער קוכער האָט מיר פינסטער אַריינגעקוקט אין פּנים און געפרעגט:

— ווער — וויינט?

— די מאַדאַם, וואָס האָט דאָס געהערט, און די אַנדערע
— איז אַפילו פון שרעק אַנטלאָפן...

— טשוכע זיך אויס, דו רעדסט פון שלאָף. — האָט גע-

זאָגט סמורײ, פּאַמעלעך צוגעדעקט די אויגן, אַ װײַלע געשװיגן און אַ מורמל געטון:

— געװיס, — ערגעץ װוּ איז דאָ... עפּעס באַהאַלטענעס. ס׳קאָן נישט זײַן, ס׳זאָל נישט זײַן... איך בין שױן נישט אין די יאָרן, און אגב מײַן כאַראַקטער אויך... נו, אָבער פונדעסטװעגן...

ער האָט געקאָנט רעדן אַזױ מליצהדיק אַ גאַנצע שעה...

אומבאַמערקט פאַר זיך אַלײן, האָב איך זיך צוגעװײנט צום לײענען און פלעג מיט פאַרגעניגן נעמען אַ בוך; דאָס, װעגן װאָס עס פלעגט זיך דערצײלן אין די ביכער, האָט אָנגענעם אונטערשײדט פון לעבן, — דאָס לעבן איז אַלץ שװערער געװאָרן.

אויך סמירײ האָט זיך אַלץ מער פאַרצויגן מיטן לײענען, און פלעגט מיך אָפּט אָפּרײסן פון דער אַרבעט.

— פּיעשקאָװ, גײ לײענען.

— כ׳האָב אַ סך געשיר צום װאַשן.

— מאַקסים װעט אויסװאַשן.

ער האָט גראָב געטריבן דעם עלטערן געשיר-װאַשער, ער זאָל טון מײַן אַרבעט, און יענער פלעגט פון כּעס ברעכן גלע־זער, און דער בופעטשיק פלעגט מיך הכנעהדיק װאָרענען:

— כ׳װעל דיך אַראָפּזעצן פון דאַמפער.

אײנמאָל האָט מאַקסים בכיװן אַרײַנגעלײגט אין אַ שיסל מיט שמוציקן װאַסער צוזאַמען מיטן אָפּגעטרונקענעם טײ עט־לעכע גלעזער. און איך האָב אַרױסגעגאָסן דאָס װאַסער הינטערן באָרט צוזאַמען מיט די גלעזער.

— דאָס איז מײַן שולד! — האָט געזאָגט סמירײ צום בו־פעטשיק. — פאַרשרײַבט דאָס אויף מיר.

די דינערשאַפט פון בופעט האָט אָנגעהױבן צו קוקן אויף מיר ברוגז, מען פלעגט מיר זאָגן:

— אײ דו, ביכער-לעזער! פאַרװאָס נעמסטו, אײגנטלעך, געלט?

און זײ פלעגן זיך באַמיען, מיר װאָס מער אַרבעט צו געבן אײנמאָלנדיק מיט אַ כּיװן דאָס געשיר. כ׳האָב פאַרשטאַנען,

אַז כ'וועל האָבן אַ ביטערן סוף, און האָב טאַקע קיין טעות נישט געהאַט.

טרעפט אַמאָל פאַרנאַכט ביי אַ קליינעם האַפן, זעצט זיך אַריין צו אונז אויפן דאַמפער אַ פרוי מיט אַ רויט פּנים, מיט אַ מיידל אין אַ געל טיכל און אין אַ נייער ראָזער בלוזקע. זיי זענען ביידע געווען בגילופינדיק, די עלטערע האָט געשמייכלט, האָט זיך פאַרנייגט פאַר איטלעכן און גערעדט אויפן אָ, ווי אַ שמש אין אַ קלויסטער:

— זייט מיר מוחל, טייערע, כ'האָב געכאַפּט אַ קאַפּעלע! מען האָט מיך געמשפּט און באַפרייט, נו, האָב איך פון גרויס שמחה גענומען אַ קאַפּעטשקע...

דאָס מיידל האָט אויך געלאַכט, צוגעקנדיק די מענטשן מיט אירע מוטנע אויגן, און כסדר געשטויסן די עלטערע.

— און דו גיי, גיי...

זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט נעבן אויוון פון צווייטן קלאַס, אַנטקעגן דער קאַיוטע, וווּ ס'האָבן געשלאָפן יאַקאָוו איוואַניטש און סערגיי. די אַלטע איז תיכף ערגעץ נעלם געוואָרן, און צו דעם מיידל האָט זיך צוגעזעצט סערגיי, גיריק אויסציענדיק זיין זשאַבישן מויל.

ביי נאַכט נאָך דער אַרבעט, ווען איך האָב זיך שוין געלייגט שלאָפן אויפן טיש, איז צוגעגאַנגען צו מיר סערגיי, מיך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט.

— גיי, מיר וועלן דיך חתונה מאַכן.

ער איז געווען שיכור. כ'האָב פּראָבירט אַרויסרייסן די האַנט, נאָר ער האָט מיר אַ זעץ געטון.

— ג—יי!

ס'איז צוגעלאָפן מאַקסים, אויך אַ שיכורער, און זיי האָבן מיך זאַלבעניאַנד אָנגעהויבן שלעפּן צום אויבערדעק, אין זייער קאַיוטע, פאַרביי די שלאָפנדיקע פּאַסאַזשירן, ביי דער טיר פון קאַיוטע איז געשטאַנען סמורי אין טיר, האַלטנדיק זיך פאַר די ביישטידלען — יאַקאָוו איוואַניטש, און דאָס מיידל האָט אים

געהאַקט מיט די קולאַקעס איבער דער פּלייצע און מיט אַ שיכּור קול געשריגן:

— לאָזט...

סמוריי האָט מיך אַרויסגעריסן פון סערגייס און מאַק־סימס הענט, אָנגעכאַפּט זיי פאַר די האָר, אַ זעץ טוענדיק ביידנס קעפּ איינעם אָן אַנדערן, אַ שליידער געטון פון זיך. ביידע זע־נען געפאַלן.

— אַזיאַט! — האָט ער געזאָגט יאַקאָוון, פאַרהאַקנדיק אונ־טער זיין נאָז די טיר און, שטויסנדיק מיך, געברומט:

— טראָג זיך אָפּ!

איך בין אַנטלאָפן צום הינטערשטן טייל פון שיף. די נאַכט איז געווען אַ פאַרוואָלקנטע, דער טייך פינסטער. פון הינטן זענען קאָכנדיק געלאָפן צוויי גרויע סטעזשקעס, אַוועק־גייענדיק אין באַזונדערע זייטן צו די אומגעזעענע ברעגן. צווישן אָט די סטעזשקעס האָט זיך געשלעפּט די בערלינקע. דאָ פון רעכטס, דאָ פון לינקס באַווייזן זיך רויטע פייערן און, נישט באַלייכטנדיק גאָרנישט, פאַרשווינדן זיי הינטער די אומגעריכטע ווענדונגען פון די ברעגן; און נאָכדעם ווערט נאָך פינסטערער און פאַרדראָסיקער.

ס׳איז צוגעקומען דער קוכער, אַוועקגעזעצט זיך נעבן מיר, האָט שווער אָפּגעאָטעמט און פאַררויכערט.

— זיי האָבן דיך געשלעפּט צו איר? אָט מנוולים! כ׳האָב דאָך געהערט, ווי זיי האָבן זיך געקליבן...

— איר האָט זי אָפּגעראַטעוועט פון זיי?

— זי? — ער האָט גראָב אויסגעזידלט דאָס מיידל און מיט אַ שווערן קול געזאָגט:

— דאָ זענען אַלע פאַסקודסטוועס. אָט דאָס דאַמפּערל — איז ערגער פון אַ דאָרף. האָסט געוווינט אין דאָרף?

— ניין.

— אַ דאָרף — איז אַ צרה! דערהויפּט ווינטער...

אַרויסוואַרפנדיק דעם מונדשטוק הינטערן באָרט, האָט ער געשוויגן אַ ווײַלע און ווידער אָנגעהויבן צו רעדן:

— ווּעסט פֿאַרלוירן גיין צווישן דער סטאַדע חזירים, כ׳האָב רחמנות אויף דיר, מיין קליין הינטל. אַ רחמנות אויף אַלעמען. צייטנווייז ווייס איך אַליין נישט, וואָס כ׳וואָלט געטון... כ׳וואָלט אפֿילו אויף די קני געפֿאַלן און געפֿרעגט: וואָס טוט איר, הינטישע קינדער, האַ? זענט איר בלינד, וואָס? קעמלען...

דער דאַמפֿער האָט אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן פֿייף, דער קאַבאַט איז אַריינגעפֿאַלן אין וואַסער, אין דער געדיכטער פֿינסטערניש האָט זיך צעוויגט דאָס פֿייער פֿון דער לאַמטערנע, אָנווייזנדיק דעם האַפֿן, פֿון דער פֿינסטערניש האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן נאָך פֿייערן.

— פּיאַניי באָר. — האָט געבורמעט דער קוכער. — און דער טייך איז אויך — פּיאַני. ס׳איז געווען אַ קאַפּיטענאַרמוס *) — פּיאַנקאָוו און אַ שרייבער זאַפּיוואַכין... **) איך גיי אויפֿן ברעג...

גרויסע קאַמסקער פּרויען און מוידן האָבן אויף לאַנגע טרעגערס געשלעפּט פֿון ברעג האָלץ. געבויגן אין דרייען אונטער דער משא, עלאַסטיש אונטערטאַנצנדיק האָט זיך געצויגן אַ פּאָר נאָך אַ פּאָר צום אויוון און, אָנוואַרפֿנדיק אין דער פֿינסטערער גרוב ביי אַ האַלבן קלאַפּטער שייטלעך האָלץ, פֿלעגן זיי הילכיק אויסשרייען:

— טרוששאַ!

ווען זיי פֿלעגן גיין מיטן האָלץ, פֿלעגן די מאַטראָסן זיי אָנכאַפּן פֿאַר די ברוסט, פֿאַר די פֿיס, די פּרויען פֿלעגן קווּיטשען און שפּייען אויף די פּויערים, צוריקגייענדיק פֿלעגן זיי זיך שיצן פֿון קנייפּן און שטויסן מיט די טרעגערס, איך האָב דאָס געזען צענדליקער מאָל, — ביי יעדן קורס, אין אַלע האַפֿנס, וווּ מ׳לאָדט אָן האָלץ, האָט מען דאָס געזען.

---

*) אַ קאַפּיטאַן פֿון דער אַרמיי.

**) אַ פּיאַניי באָר—ווייזט אויס דער נאָמען פֿון דעם אָרט. דער ווערטלעכער טייטש פֿון „פּיאַניי" איז —שיכור, דער גאַנצער זאַץ איז אַן אָנשפּילעניש אויפֿן וואָרט „פּיאַניי"—שיכור. (די איבערזעצער.)

מיר פלעגט זיך דאַכטן, אַז איך, אַן אַלטער, לעב דאָ אויף דעם דאַמפּער שוין אַ סך יאָרן, און ווייס אַלץ, וואָס אויף אים קאָן פּאַסירן מאָרגן, אין אַ וואָך אַרום, אין הערבסט, אין אַ יאָר אַרום.

ס׳האָט שוין געטאָגט. פון דעם זאַמדיקן שפּועדיקן בערגל, וואָס איבער דעם האַפן, האָט זיך אָפּגעצייכנט אַ מעלטיקער סאָס-נאָווער וואַלד. באַרג אַרויף, צום וואַלד צו, זענען געגאַנגען פּרויען, געלאַכט, געזונגען, צוואָיענדיק. באַוואָפנטע מיט זייערע לאַנגע טראָג-ברעטלעך, האָבן זיי אויסגעזען, ווי סאָלדאַטן.

ס׳האָט זיך געוואָלט ווייגען. די טרערן האָבן געזאָטן אין האַרצן, דאָס האַרץ האָט זיך געקאָכט אין זיי; ס׳איז געווען שמערצלעך.

נאָר וויינען — איז אַ חרפה, האָב איך אָנגעהויבן העלפן דעם מאַטראָס בליאַכין וואַשן דעם אויבערדעק.

דער בליאַכין איז געווען אַ שטיל קליין מענטשל. אינ-גאַנצן אַן אָפּגעבליאַקירטער, אַן אָפּגעקראָכענער. ער האָט זיך געהאַלטן שטענדיק פאַרשטעקט אין די ווינקלען, פונוואַנען ער פלעגט אַרויספינקלען מיט זיינע קליינע אויגעלעך.

אין דער אמתן איז מיין צונאָמען נישט בליאַכין, נאָר... מחמת מיין מאַמע איז געווען אַן אויסגעלאַסענע. איך האָב אַ שוועסטער — איז זי אויך אַזאַ. קענטיק, אַזוי איז שוין ביידן באַשערט. דער מזל, ברודער-לעבן, האַלט אונז אַלעמען, ווי אַן אַנקער. דו וואָלסט זיך אפשר געריירט פון אָרט, זאָגט ער: וואַרט זשע...

און איצט, רייבנדיק מיטן טוך איבער דעם אויבערדעק, האָט ער שטיל געזאָגט:

— האָסטו געזען, ווי מ׳באַליידיקט דאָ די פּרויען? אָט דאָס איז דאָס! אפילו אַ נאַסער שייט האָלץ, אַז דו זאָלסט אים אונטערצינדן אַ לאַנגע צייט — פלאַקערט זיך פונאַנדער! כ׳האָב דאָס נישט ליב, ברודער-לעבן, איך האָב קיין אַכטונג נישט. ווען איך וואָלט געבוירן ווערן אַ פרויענצימער — וואָלט איך זיך דערטרינקען, איך שווער דיר ביי קריסטוסן!... דער ווילן איז

אַזוי אויך געגוג שוואַך, און דאָ היצט מען דיך נאָך אונטער! אָט די סקאָפּצעס, זאָג איך דיר, זענען נישט קיין נאַריש פאָלק. האָסטו מכוח די סקאָפּצעס געהערט? אַ קלוג פאָלק, האָסט גאַנץ ריכטיק געטראָפן: אַלע נישטיקע עניגים אָן אַ זייט, — נאָר גאָט זאָלסטו דינען מיט אַ ריין האַרץ...

פאַרביי אונז איז דורך די לוזשעס דורכגעגאַנגען דעם קאַפּיטאַנס ווייב, פאַרקאַטשענדיק הויך די קליידער; זי פלעגט שטענדיק אויפשטיין פרי. אַ הויכע, אַ שלאַנקע מיט אַזאַ פשוט, ליכטיק פנים... ס׳האָט זיך געוואָלט אַ לאָז טון נאָך איר און בעטן:

— זאָגט מיר עפּעס, זאָגט מיר!...

דער דאַמפער האָט זיך לאַנגזאַם אַרויסגעשיפט פון האַפן, און בליאַכין האָט געזאָגט צלמענדיק זיך:

— אַוועקגעפאָרן...

VI

אין סאַראַפּול האָט מאַקסים פאַרלאָזן דעם דאַמפער — אַוועק אַ שווייגנדיקער, ערנסט און רויק, נישט געזעגענענדיק זיך מיט קיינעם. נאָך אים איז שמייכלענדיק אַראָפּ די פריילעכע פרויענצימער, נאָך איר — דאָס מיידל, אַ צעקנייטשטע מיט אָנגעשוואָלענע אויגן. און סערגיי איז לאַנג געשטאַנען אויף די קני ביי דער טיר פון קאַפּיטאַנס קאַיוטע, געקושט דאָס ברעט פון טיר, געהאַקט מיטן שטערן אין איר און געטענהט:

— זייט מיר מוחל, איך בין נישט שולדיק! דאָס האָט מאַקסימקע...

די מאַטראָסן און די דינערשאַפט פון בופעט, אפילו אייניקע פון די פּאַסאַזשירן, האָבן געוווסט אַז ער זאָגט ליגן, נאָר זיי האָבן אים צוגעגעבן חשק און געעצהט:

— בעט, בעט — ער וועט מוחל זיין!

דער קאַפּיטאַן האָט אים געטריבן פון זיך און אפילו אַזאַ שטויס געטון מיטן פוס, אַז ער האָט זיך איבערגעדרייט, נאָר מוחל געווען האָט ער אים יאָ. און סערגיי האָט תיכף אָנגעהויבן

אַרומלויפן איבערן דעק פון שוץ, פונאַנדערטראָגנדיק טאַצן מיט געשיר צום טיי, אַריינקוקנדיק בשעת מעשה הינטיש חניפהדיק יעדערן אין די אויגן.

אויף מאַקסימס אָרט האָט מען גענומען פון ברעג אַ וויאַט-קער סאָלדאַט, אַ מענטשל — הוילע ביינער, מיט אַ קליין קעפּל און געלע אויגן. דער געהילף-קוכער האָט אים גלייך געשיקט קוילן הינער; דאָס סאָלדאַטל האָט אַ פּאָר געקוילעט און די איבעריקע האָט ער פונאַנדערגעלאָזן איבערן דעק פון שיף; די פּאַסאַזשירן האָבן זיך געלאָזט יאָגן נאָך זיי, — דריי הינער זע-נען אַריבערגעפלויגן איבערן באָרט. דאַן האָט זיך דאָס סאָל-דאַטל אַוועקגעזעצט נעבן קיך אויף אַ האָלץ און זיך ביטער צעוויינט.

— וואָס איז, טפּש דו איינער? — האָט אים פאַרוואונדערט געפרעגט סמוריי. — פּאַסט דאָס פּאַר אַ סאָלדאַט צו וויינען?

— איך בין נישט קיין פראָנט-סאָלדאַט. — האָט ער שטיל געזאָגט.

דאָס האָט אים געפּטרט, — אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט דער גאַנצער דאַמפער געטריבן מיט אים קאַטאָוועס; מ׳גייט צו האַרט צו אים, מ׳קוקט אים אַריין גלייך אין פּנים און מ׳פרעגט:

— דאָס איז ער?

און מ׳האָט געקייכט פון געלעכטער, נאַריש און באַליידיקנד.

פון אָנפאַנג האָט דער סאָלדאַט נישט געזען די מענטשן, נישט געהערט זייער געלעכטער; אַראָפּנעמענדיק די טרערן מיטן אַרבל פון זיין ציצענעם אַלטן העמד, האָט זיך געדאַכט, אַז ער באַהאַלט זיי אין אַרבל. אָבער באַלד האָבן זיך זיינע געלע אויגלעך אָנגעצונדן פון כעס, און ער האָט אָנגעהויבן רעדן מיט זיין וויאַטקער ראָבישער שנעלער אויסשפּראַך:

— וואָס האָט איר אויסגעגלאָצט אויף מיר די אויגן? איי, צעשפּרינגען זאָלט איר אויף שטיקער.

דאָס האָט נאָך מער לוסטיק געמאַכט דעם עולם, מ׳האָט אים אָנגעהויבן שטורכען מיט די פינגער, צופּן פאַרן העמד, פאַרן פאַרטוך, שפּילנדיק מיט אים, ווי מיט אַ באָק, און אַזוי,

האָבן זיי זיך געריי‌צט מיט אים ביז מיטאָג, און נאָכן עסן האָט עמעץ אַרויפגעשטעקט אויפן הענטל פון אַ הילצערנעם לעפל אַ שטיקל אויסגעקוועטשט ציטרין און האָט עס צוגעבונדן ביים סאָלדאַט אויפן רוקן צו די בענדלעך פון זיין פאַרטוך. דער סאָלדאַט גייט, דער לעפל באַמבלט זיך ביי אים פון הינטן, אַלע קייכן פון געלעכטער, און ער — לויפט אַרום הין און הער, ווי אַ געכאַפּט מייזל, נישט פאַרשטייענדיק פון וואָס זיי לאַכן.

סמוריי באַטראַכט אים שווייגנדיק, ערנסט, דעם קוכערס פּנים איז געוואָרן ווייבעריש.

כ׳האָב רחמנות געקראָגן אויפן סאָלדאַט און געפרעגט ביים קוכער:

— זאָל איך אים זאָגן וועגן לעפל?

ער האָט שווייגנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

אַז כ׳האָב דעם סאָלדאַט אויפגעקלערט פון וואָס מען לאַכט, האָט ער אויף גיך אָנגעטאַפּט דעם לעפל, האָט עס אָפּגעריסן, אַ שליידער געטון צו דער ערד, צעטראָטן מיט די פיס און מיט ביידע הענט זיך איינגעשטשעמעט אין מיינע האָר; מיר האָבן זיך אָנגעהויבן ראַנגלען. דער גאַנצער עולם האָט אונז אַרומגערינגלט און געקליבן גרויס נחת.

סמוריי האָט אָפּגעשטופּט דעם עולם, האָט אונז פונאַנדער־גענומען און, אָנדרייענדיק צוערשט מיר פאַרן אויער, האָט ער נאָכדעם אָנגענומען דעם סאָלדאַט פאַרן אויער. ווען דער עולם האָט דערזען, ווי דאָס קליינע מענטשעלע טרייסלט מיטן קאָפּ און טאַנצט אונטער דעם קוכערס הענט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילד געשריי, אַ פייפעריי, מ׳האָט געטופּעט מיט די פיס און זיך גע־האַלטן ביי די זייטן פון לאַכן.

— הוראַ, גאַרניזאָן! גיב דעם קוכער מיטן קאָפּ אין בויך!

די דאָזיקע ווילדע שמחה פון דער מענטשן־סטאַדע, האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ פאַרלאַנג צו קיילן מיט אַ שייט האָלץ איבער זייערע שמוציקע שאַרבנס.

סמוריי האָט אָפּגעלאָזן דעם סאָלדאַט און, פאַרלייגנדיק ד,

הענט אויף הינטן, זיך אַ לאָז געטון אויפן עולם, ווי אַ ווילדער חזיר, קריצנדיק מיט די ציין.

— מאַרש! — אויף די ערטער! אַזיאַטן...

דער סאָלדאַט האָט זיך ווידער געוואָרפן אויף מיר, נאָר סמוריי האָט אים מיט איין האַנט אַ נעם געטון, צוגעטראָגן צום וואַסער-קראַן און אָנגעהויבן פּאָמפּען אויפן סאָלדאַטס קאָפּ, דרייענ-דיק זיין שוואַכינקן קערפּער, ווי מ׳דרייט אַ ליאַלקע פון שמאַטעס.

ס׳זענען זיך צונויפגעלאָפן די מאַטראָסן, דער באָצמאַן, דער געהילפס-קאַפּיטאַן. ס׳האָט זיך ווידער צוזאַמענגעקליבן אַן עולם מענטשן; מיט אַ קאָפּ העכער פאַר אַלעמען איז געשטאַנען דער באַלעבאָס פון בופעט, אַ שטילער און אַ שטומער, ווי שטענדיק.

דער סאָלדאַט האָט זיך צוגעזעצט אויפן האָלץ נעבן קיך, האָט מיט ציטערנדיקע הענט אַראָפּגעצויגן די שטיוול און אָנגעהויבן אויסצודרייען די פיס-טיכער, אָבער זיי זענען געווען טרוקן און פון זיינע שיטערע הערלעך האָט אַראָפּגערונען וואַסער — דאָס האָט ווידער אַרויסגערופן אַ געלעכטער ביים עולם.

— אַלץ איינס, — האָט הויך און דין געזאָגט דער סאָל-דאַט — כ׳וועל דעם יינגל ממיתן.

צוהאַלטנדיק מיך פאַר דער פּלייצע האָט סמוריי עפּעס געזאָגט דעם געהילפס-קאַפּיטאַן, די מאַטראָסן האָבן צעטריבן דעם עולם און, ווען אַלע זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, האָט דער קוכער געפרעגט דעם סאָלדאַט:

— איז וואָס טוט מען מיט דיר?

יענער האָט פאַרשוויגן, מיך אָנגעקוקט מיט ווילדע אויגן און עס האָט אים אינגאַנצן עפּעס מאָדנע געצופּט.

— „סמירנאָ", דו קלאָג-מוטער! — האָט געזאָגט סמוריי.

דער סאָלדאַט האָט געענטפערט:

— נעכטיקער טאָג, דאָ איז נישט די ראָטע.

כ׳האָב געזען, אַז דער קוכער האָט זיך פאַרשעמט, זיינע אָנגעבלאָזענע באַקן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן, ער האָט אַ שפּיי געטון און איז אַוועק, מיטנעמענדיק מיך מיט זיך. אַ צעשראָ-

קענער בין איך נאָכגעגאַנגען נאָך אים און געקוקט אויף הינטן צום סאָלדאַט, און סמוריי האָט אומפאַרשטענדלעך געבורטשעט.

— אַ פיינע פּרי, האַ? אָט האָט איר...

אונז האָט אָנגעיאָגט סערגיי און האָט עפּעס שעפּטשענדיק געזאָגט:

— ער וויל זיך קוילן!

— ווו? — האָט אויסגעשריגן סמוריי און איז אַוועקגעלאָפן.

דער סאָלדאַט איז געשטאַנען אין טיר פון דער קאַיוטע, פאַר דער דינערשאַפט, אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַ מעסער, — מיט דעם זעלבן מעסער פלעגט מען אָפּשניידן די קעפּ פון די הינער, שפּאַלטן האָלץ צום אונטערהייצן, ער איז געווען אַ טעמפּער און צעקאַרבט, ווי אַ זעג. פאַר דער קאַיוטע איז געשטאַנען דער עולם און באַטראַכט דעם קליינעם לעכערלעכן מענטשל מיטן נאַסן קאָפּ, זיין פּנים מיט דער פאַרריסענער נאָז האָט זיך געטרייסלט, ווי פּעטשאַ, דער מויל האָט זיך מיד צעעפנט, די ליפּן זענען געשפּרונגען. ער האָט משונהדיק געריטשעט:

— פייניקער... פייניקער...

אַרויפשפּרינגענדיק אויף עפּעס, האָב איך איבער אַלעמענס קעפּ זיך צוגעקוקט צו די פּנימער פון די מענטשן, — זיי האָבן געלאַכט, געכיכיקעט און געזאָגט איינער צום אַנדערן:

— קוקט נאָר אָן, קוקט נאָר אָן...

ווען ער האָט מיט זיין טרוקן קינדעריש הענטל אָנגעהויבן אַריינצוזורוקן אין די הויזן זיין העמד, וואָס איז אַרויסגעקראָכן, האָט אַן אָנגעזעענער מאַן, וואָס איז געשטאַנען נעבן מיר, געזאָגט מיט אַ זיפץ:

— האָט זיך געקליבן צו שטאַרבן, און מאַכט די הויזן צורעכט...

דער עולם האָט זיך נאָך הילכיקער פונאַנדערגעלאַכט. ס'איז געווען קלאָר: קיינער האָט נישט געגלויבט, אַז דער סאָלדאַט וועט זיך קוילענען, — איך האָב אויך נישט געגלויבט, און סמוריי האָט געכאַפּט אַ בליק אויף אים און האָט אָנגעהויבן מיט זיין בויך פונאַנדערצושטויסן די מענטשן, זאָגנדיק:

— אַוועק פונדאַנען, נאַר!

מיטן נאָמען נאַר פלעגט ער אָנרופן אַ סך מיט אַמאָל, — ער פלעגט צוגיין צו אַ רעדל מענטשן און אַ געשריי טון:

— אויף די ערטער, נאַר!

דאָס איז אויך געווען לעכערלעך, אָבער פונדעסטוועגן ריכטיק: פון היינט פרי זענען אַלע מענטשן — איין גרויסער נאַר.

נאָכדעם, ווי ער האָט פונאַנדערגעטריבן דעם עולם, איז ער צוגעגאַנגען צום סאָלדאַט, אויסגעשטרעקט די האַנט.

— גיב אַהער דעם מעסער...

— אַלץ איינס. — האָט געזאָגט דער סאָלדאַט, דערלאַנגענדיק דאָס מעסער מיטן קלינגל; דער קולער האָט מיר אַרייַנגערוקט דעם מעסער, און דעם סאָלדאַט אַרייַנגעשטופּט אין קאַיוטע.

— לייג זיך און שלאָף! וואָס איז דאָס מיט דיר, האַ?

דער סאָלדאַט האָט זיך שווייגנדיק אַוועקגעזעצט אויפן בעטל.

— ער וועט דיר ברענגען עסן און בראָנפן, טרינקסט בראָנפן?

— איך טרינק אַ ביסל...

— דו געדענק, טשעפּע אים נישט, נישט ער האָט עס פון דיר געחוזקט, הערסט? איך זאָג דיר — נישט ער...

— און פאַרוואָס האָט מען מיך געפּייניקט? — האָט שטיל געפרעגט דער סאָלדאַט.

נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט זיך סמוריי פינסטער אָפּגערופן:

— נו, ווייס איך?

גייענדיק מיט מיר אין קיך האָט ער פאַר זיך געמורמלט:

— נ-נאַ... אין דער אמתן, צוגעשטאַנען צום אומגליקלעכן! זעסט ווי אָט אַזוי! מענטשן קאָנען משוגע מאַכן, זיי קאָנען... טשעפּען זיך צו, ווי די וואַנצן — און טו זיי עפּעס! ווי קומט עס וואַנצן! נאָך ערגער פון וואַנצן...

ווען איך האָב געבראַכט פאַרן סאָלדאַט ברויט, פלייש און

בראָנפן, איז ער געזעסן אויפן בעטל, האָט זיך געשאָקלט הין און צוריק און געוויינט שטיל, כליפּענדיק, ווי אַ פרוי. כ'האָב אַוועקגעשטעלט דעם טעלער אויפן טישל און געזאָגט:

— עס...

— מאַך צו די טיר.

— ס'וועט זיין פינסטער.

— מאַך צו, אַנישט וועלן זיי ווידער צושטיין...

כ'בין אַוועק. דער סאָלדאַט איז מיר געווען נישט צום האַרצן. ער האָט נישט אַרויסגערופן ביי מיר קיין מיטלייד און רחמנות. דאָס איז געווען נישט גוט פון מיין זייט, — די באָבע האָט מיך אָפט געלערנט:

— אויף מענטשן דאַרף מען רחמנות האָבן, אַלע זענען אומגליקלעכע, אַלעמען איז שווער...

— אַוועקגעטראָגן? — האָט מיך געפרעגט דער קוכער. — נו, וואָס איז דאָרט מיט אים?

— ער וויינט.

— עט... אַ שמאַטע! אַ פיינער סאָלדאַט?

— כ'האָב אויף אים קיין רחמנות נישט.

— נו? פאַרוואָס דען?

— אויף מענטשן דאַרף מען רחמנות האָבן...

סמוריי האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט, צוגעצויגן צו זיך און איינדרינגלעך געזאָגט:

— מיט געוואַלד קאָן מען נישט רחמנות האָבן, און ליגן טויג נישט, — פאַרשטייסט? דו געוויין זיך נישט צו צו נודיען, דו קען זיך אַליין...

און, אָפּשטויסנדיק, האָט ער ברוגז צוגעגעבן:

— דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר דיר! נאַ, פאַררויכער...

כ'בין געווען טיף אויפגערעגט, איינגאַנצן צעבראָכן פון דער אויפפירונג פון די פּאַסאַזשירן. עפּעס האָט מיך טיף באַליידיקט און געדריקט צוצוזען, ווי מ'האָט געריצט דעם סאָלדאַט, ווי פריילעך מען האָט געלאַכט, ווען סמוריי האָט מיך געדרייט פאַרן אויער ווי אַזוי האָט זיי געקאָנט געפעלן ווערן

דאָס מיאוסע, נעבעכדיקע שפּיל, פון וואָס האָבן זיי דאָ אַזוי פריילעך געלאַכט?

אָט האָבן זיי זיך ווידער אַלע פונאַנדערגעזעצט, פונאַנדערגעלייגט אונטערן נידעריקן דאַך, — עסן, טרינקען, שפּילן אין קאָרטן, שמועסן פרידלעך און חשובדיק, קוקן אויפן טייך, פונקט ווי גאָרנישט זיי וואָלטן אָט דאָ מיט אַ שעה צוריק געפייפט און געפילדערט. זיי זענען אַלע דיזעלביקע, שטילע און פוילע, ווי תמיד, שטויסן זיך פאַמעלעך פון פרי ביז אָוונט אויפן דאַמפּער, ווי די פליגעלעך אָדער שטויבעלעך אין די זון-שטראַלן. אָט דרעגנגט זיך אַ צענדליק מענטשן ביי די טרעפּ און גייען, צלמנדיק זיך, אַרונטער פונם דאַמפּער צום האַפן, און פון האַפן קריכן גלייך אויף זיי אַנדערע, פונקט אַזוינע מענטשן, פונקט אַזוי איינגעבויגן אונטער שווערע קלומקעס און זעק, פונקט אַזוי אָנגעטון...

דאָס שטענדיקע בייטן זיך פון מענטשן ענדערט נישט אויף אַ האָר דאָס לעבן פון דאַמפּער, — די נייע פּאַסאַזשירן וועלן אויך רעדן מכּוח דעם, וואָס עס האָבן גערעדט די אַוועקגעגאַנגענע: מכּוח ערד, וועגן אַרבעט, איבער גאָט, וועגן פרויען און מיט דיזעלבע ווערטער.

— גאָט דער האַר האָט שוין אַזוי געמאַכט, אַז מ'מוז ליידן, און דו, מענטש, לייד! ס'וועט דיר גאָרנישט העלפן, אַזאַ איז אונזער גורל...

ס'איז לאַנגווייליק צו הערן די דאָזיקע רייד, עס רעגט אויף: איך פאַרטראָג נישט קיין שמוץ, כ'קאָן נישט ליידן קיין שלעכטסקייט, אומגערעכטיקייט, אַ באַליידיקנדיקע באַציונג צו מיר; כ'ווייס אויף זיכער און פיל, אַז איך האָב דאָס נישט פאַרדינט. און דער סאָלדאַט האָט עס אויך נישט פאַרדינט. אפשר וויל ער אַליין אויסזען לעכערלעך...

מ'האָט פאַרטריבן פון דאַמפּער מאַקסימען, וועלכער איז געווען אַן ערנסטער און גוטער יונג, און סערגייען, דעם מנוול האָט מען איבערגעלאָזן. ס'איז אַלץ נישט ווי געהעריק. און פאַרוואָס פּאָלגן אָט די מענטשן, וואָס זענען פעיק אויפצורייצן

אַ מענטשן און דערפירן אים ביז צו משוגעת, אַזוי הכנעהדיק די בייזע געשרייען פון די מאַטראָסן און הערן אויס רויק זייער זידלערייַ?

— וואָס האָט איר זיך דאָ אָנגעלייגט אויפן באָרט? — שרייט דער באָצמאַן, זשמורענדיק זיינע שיינע בייזע אויגן — דער דאַמפּער בויגט זיך פון אייך, אַוועק, טייוואָלים...

די טייוואָלים קלייבן זיך הכנעהדיק איבער אויף דער צווייטער זייט פון באָרט, און פון דאָרט יאָגט מען זיי ווידער, ווי די באַראַנעס.

— אָ, פּאַרפּלוכטע...

אין די הייסע נעכט איז דושנע אונטער די אייזערנע דעכער, וואָס זענען אָנגעגליט פון אַ גאַנצן טאָג; קריכן זיך פונאַנדער די פּאַסאַזשירן, ווי וואַנצן, איבער דעם גאַנצן אויבערדעק, לייגן זיך אויס, וווּ ס׳מאַכט זיך; פאַרן האַפן וועקן זיי אויף די מאַטראָסן מיט בוכצעס:

— עי, וואָס האָט איר זיך אויסגעצויגן אויפן וועג! אַוועק אויף די ערטער!...

זיי כאַפּן זיך אויף און קריכן פאַרשלאָפענע אַהין, וווּ מען שטויסט זיי.

די מאַטראָסן זענען פּונקט אַזוינע, ווי זיי, נאָר אַנדערש אָנגעטון, און קאָמאַנדעווען מיט זיי, ווי די פּאָליציאַנטן.

פריער פון אַלץ באַמערקט זיך אין די מענטשן דאָס שטי-לע, דאָס שרעקעדיקע, דאָס טרויעריקע און הכנעהדיקע, און עפּעס אַזוי מאָדנע, שרעקיקעך קומט עס אויס, ווען דורך דער פעל פון דער דאָזיקער הכנעה רייסט זיך פלוצלינג אַדורך דאָס גרוי-זאַמע, אומזיניקע און כמעט שטענדיק גאָרנישט פריילעכע, העזה. מיר דאַכט זיך, אַז די מענטשן ווייסן גאָרנישט, וווהין מען פירט זיי; און ס׳מאַכט זיי נישט אויס, וווּ דער דאַמפּער וועט זיי אַראָפּלאָזן. אויפן ברעג, וווּ זיי זאָלן נישט אַראָפּגיין, בלייבן זיי דאָרט אַ קורצע צייט, און נאָכדעם זעצן זיי זיך ווידער אַרויף אויף וועלכן ס׳איז דאַמפּער, און זיי פאָרן שוין ווידער ערגעץ וווהין. אַלע זענען זיי עפּעס פאַרבלאָנדזעטע עלנטע, די

גאַנצע ערד איז זיי פרעמד. און אַלע זענען זיי מאָדנע שרעקעוודיק.

איינמאָל נאָך האַלבער נאַכט האָט אין מאַשין עפּעס געפּלאַצט, בשעת מעשה האָט אויסגעשאָסן, ווי פון אַ האַרמאַט. דער גאַנצער אויבערדעק האָט זיך איינגעהילט אין אַ ווייסן וואָלקן פון פּאַרע, וועלכע האָט זיך געדיכט געהויבן פון דער מאַשין אָפּטיילונג, געריוכערט אין אַלע שפּאַרעס; עמעץ אַן אומגעזעענער האָט הילכיק געשריגן:

— גאַוורילע, דעם וואַליק...

איך בין געשלאָפן נעבן דעם אונטערשטן טייל פון שיף, אויף אַ טיש, אויף וועלכן איך האָב געוואַשן דאָס געשיר, און ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שאָס און פון דעם שטאַרקן טרייסל, איז אויפן אויבערדעק געווען שטיל. אין מאַשין האָט געזאָטן און געקאָכט די פּאַרע, די האַמערס האָבן נאָכאַנאַנד געקלאַפּט. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָבן אַלע פּאַסאַזשירן אָנגעהויבן יאָמערן און שרייען אויפן קול, און ס׳איז תּיכף געוואָרן אימהדיק.

אין ווייסן נעפּל — וואָס איז גיך געוואָרן שיטער — זענען ווילד אַרומגעלאָפן, וואַרפנדיק איינער דעם אַנדערן, ווייבער מיט נאַקעטע קעפּ, צעפּודלטע פּויערים מיט רונדע אויגן, ווי בײַ פיש, אַלע האָבן ערגעץ ווּהין געשלעפּט פּעק, זעק, קופערטס, שטרויכלענדיק און פאַלנדיק, גערופן צו גאָט, צו די הייליקע, געשלאָגן איינער דעם אַנדערן; ס׳איז געווען מוראדיק, אָבער אויך אינטערעסאַנט; כ׳בין נאָכגעלאָפן נאָך די מענטשן און כסדר געקוקט — וואָס טוען זיי?

צום ערשטן מאָל האָב איך געזען אַ ליאַרם אין דער נאַכט און האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן דאָס געטון על פּי טעות: דער דאַמפער איז געגאַנגען מיט זיין געוויינלעכן גאַנג, הינטערן רעכטן באָרט, גאָר נאָענט, האָבן געברענט די פייערלעך פון די שניטער, די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, אין דער הויך איז געשטאַנען אַ פולע לבנה.

און די מענטשן האָבן זיך אַלץ שנעלער געטראָגן איבערן

אויבערדעק, ס'זענען אַרויסגעשפּרונגען די פּאַסאַזשירן פון די קלאַסן, עמעץ איז אַריבערגעשפּרונגען איבערן ראַנד, נאָך אים — אַ צווייטער, און נאָך זיי נאָך; צוויי פויערים און אַ מאָנאַך האָבן מיט שייטלעך האָלץ געבראָכן די באַנק, וואָס איז געווען צו־געשרויפט צום אויבערדעק; פון הינטערשטן טייל פון שיף האָט מען אַריינגעוואָרפן אין וואַסער אַ גרויסע שטייג מיט הינער, אינמיטן אויבערדעק, ביי די טרעפּ פון קאַפּיטאַנס בריקל, איז אויף די קני געשטאַנען אַ פויער, און, פאַלנדיק צו די פיס פאַר די פאַרביילויפנדיקע געוואָיעט, ווי אַ וואָלף:

— קריסטן, כ'בין אַ זינדיקער...

— אַ לאָדקע אַהער, טייוולאָנים! — האָט געשריגן אַ דיקער פריץ אין בלויזע הויזן אָן אַ העמד, און האָט זיך געזעצט מיטן קולאַק אין האַרצן.

ס'זענען אַרומגעלאָפן די מאַטראָסן, געכאַפּט די מענטשן פאַרן קאָלנער, געקיילט איבער די קעפּ און געוואָרפן אויפן אויבערדעק. סמוריי איז מיט שווערע טריט אַרומגעגאַנגען, דעם מאַנטל אָנגעטון אויף די נאַכט־וועש און האָט הויך אויפן קול איינגערעדט אַלעמען:

— שעמט זיך; וואָס זענט איר משוגע געוואָרן? דער דאַמפער שטייט דאָך, האָט זיך אָפּגעשטעלט, נו? אָט איז דער ברעג! די נאַראָנים, וואָס זענען אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער, האָבן די שניטערס שוין אַרויסגעשלעפּט, דאָרט זענען זיי, — איר זעט, צוויי לאָדקעס?

און די פּאַסאַזשירן פון דריטן קלאַס האָט ער געשלאָגן מיט קולאַקעס איבערן קאָפּ, און זיי זענען שווייגעדיקע אַוועק־געפאַלן אויפן אויבערדעק.

אינמיטן טומל איז צוגעלאָפן צו סמורייען אַ דאַמע אין אַ פּעלערינע מיט אַן עסלעפל אין האַנט און, מאַכנדיק מיטן לעפל הין און הער גלייך אים אין פּנים אַריין, געשריגן:

— ווי דערוועגסטו זיך?

אַ נאַסער הער, האָט זי איינהאַלטנדיק, אָפּגעלעקט די וואָנ־צעס און פּאַרדראָסיק גערעדט:

— לאָז אים צו רו, דעם גולם...

סמוריי האָט, פונאַנדערנעמענדיק די הענט, שעמעווודיק געפּינטלט מיט די אויגן און האָט געפרעגט ביי מיר:

— וואָס איז דאָ, האַ? וואָס האָט זי צו מיר? אַ גוטן מאָרגן, איך זע דאָך זי דעם ערשטן מאָל!...

און עפּעס אַ פויערל האָט געשנייצט די נאָז מיט בלוט און כסדר געשריגן:

— נו, מענטשן! נו, גזלנים!...

פאַרן זומער האָב איך צוויי מאָל געזען אַ מהומה אויפן דאַמפּער, און ביידע מאָל איז עס געווען נישט צוליב אַן אמתער געפאַר, נאָר צוליב מורא פאַר דער מעגלעכקייט פון אַ סכנה. דעם דריטן מאָל האָבן די פּאַסאַזשירן געכאַפּט צוויי גנבים, — איינער איז געווען אָנגעטון, ווי אַ וואַנדערער — כמעט אַ גאַנצע שעה האָט מען זיי געשלאָגן בשתיקה פון די מאַטראָסן, און ווען די מאַטראָסן האָבן זיי אָפּגענומען, האָט דער עולם אָנגעהויבן זידלען די מאַטראָסן:

— געוויס, איין גנב העלפט דעם צווייטן!

— אַליין זענט איר גנבים, דערפאַר באַפרייט איר די זשוליקעס.

די זשוליקעס האָט מען אַזוי צעמזיקט, אַז ביז מ'האָט זיי אין האַפן איבערגעגעבן דער פּאָליציי, האָבן זיי זיך שוין קוים לעבעדיקע געהאַלטן אויף די פיס...

און אָפט איז געווען אַזוינס, וואָס פלעגט מיך שטאַרק אויפרודערן און האָט נישט געלאָזט פאַרשטיין די מענטשן: צי זענען זיי גוטע אָדער שלעכטע? אונטערטעניקע אָדער חצופים? און פאַר וואָס טאַקע זענען זיי אַזוי אכזריותדיק און גייציק-שלעכט, און אַזוי שענדלעך הכנעהדיק?

כ'האָב וועגן דעם געפרעגט דעם קוכער, נאָר ער, איינהילנדיק זיין פנים אין רויך, האָט נישט זעלטן געענטפערט מיט פאַרדרוס:

— אָ, וואָס קיצלט דאָס דיך אַזוי! מענטשן — זענען מענטשן... איינער — קלוג, דער צווייטער — נאַריש. דו לייען

בעסער ביכער, און פֿלוידער נישט. אין די ריכֿטיקע ביכֿלעך ווערט וועגן אַלץ גערעדט...

צערקאָוונע ביכֿער און לעבנגעשיכֿטעס פֿון הייליקע האָט ער נישט ליב געהאַט.

— נו, דאָס איז פֿאַר די פּאָפּן און פֿאַר זייערע זין...

מיר האָט זיך פֿאַרגלוסט אָנצוטון אים אַ נחת-רוח — שענקען אַ בוך. אין קאַזאַן, ביי אַ האַפֿן, האָב איך פֿאַר פֿינף קאָפּיקעס געקויפֿט אַ געשיכֿטע מכּוח דעם, ווי אַזוי „אַ סאָלדאַט האָט געראַטעוועט פּיאָטר דעם גרויסן”, נאָר גראָד איז דאַן דער קוכֿער געווען שיכּור און בייז, כ׳האָב זיך נישט דערוועגט אָפּצוגעבן אים די מתּנה און האָב זי צוערשט אַליין פֿריער איבערגעלייענט. מיר איז עס שטאַרק געפֿעלן געוואָרן, — אַלץ אַזוי פּשוט פֿאַרשטענדלעך, אינטערעסאַנט און קורץ. כ׳בין געווען זיכֿער, אַז דאָס דאָזיקע בוך וועט מיין לערער פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגן.

ווען כ׳האָב אים אָבער דערלאַנגט דאָס בוך, האָט ער שווייגנדיק עס צוזאַמענגעקנייטשט און אַ שליידער געטון הינטערן באָרט.

— אָט זעסטו, וואָס מ׳דאַרף טון מיט דיין בוך, דו נאַראיינער! — האָט ער אומעטיק געזאָגט. איך לערן דיך אַלץ, ווי אַ הונט, און דו ווילסט רק פֿרעסן פֿלייש, האַ?

ער האָט אַ טופּע געטון מיטן פֿוס און גענומען שרייען:

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ בוך? כ׳האָב שוין אַלע נאַרעשקייטן געלייענט! וואָס איז דאָרט אָנגעשריבן — אמת? נו, זאָג!

— כ׳ווייס נישט...

— איך ווייס אָבער! ווען מ׳האַקט אָפּ אַ מענטשן דעם קאָפּ, פֿאַלט ער אַראָפּ פֿון לייטער, און די אַנדערע וועלן שוין נישט קריכֿן צום היי-בוידעם — סאָלדאַטן זענען נישט קיין נאַראָנים! זיי וואָלטן אונטערגעצונדן דאָס היי און — אַן עק! פֿאַרשטייסט?

— כ׳פֿאַרשטיי.

— אָט דאָס איז דאָס! כ׳ווייס וועגן קייסער פּיאָטר

אַזוינס איז נישט געשען מיט אים! טראָג זיך אָפּ...

כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז דער קוכער איז גערעכט, נאָר דאָס בּיכל איז מיר פּאָרט געפעלן געוועזן. כ׳האָב געקויפט אַ צווייט מאָל „די געשיכטע", דורכלייענענדיק אַ צווייט מאָל, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דאָס בּיכל טויג טאַקע נישט. דאָס האָט מיך פאַרשעמט, און איך האָב זיך אָנגעהויבן באַציען צום קוכער מיט מער אויפמערקזאַמקייט און צוטרוי, און ער, פאַרקערט, פלעגט וואָס ווייטער אַלץ עפטער מיט פאַרדרוס זאָגן:

— אוי, ווי מ׳דאַרף דיך לערנען! נישט דאָ איז דער אָרט פאַר דיר...

כ׳האָב אויך געפילט — ס׳איז נישט קיין אָרט פאַר מיר. סערגיי פלעגט זיך באַגיין מיט מיר זייער שלעכט; כ׳האָב עטלעכע מאָל באַמערקט, אַז ער שלעפּט פון מיין טיש טיי־געשיר און דערלאַנגט עס בשתיקה פון בופעטשיק די פּאַסאַזשירן. כ׳האָב געוווּסט, אַז דאָס רעכנט זיך פאַר אַ גנבה — סמוריי האָט נישט איינמאָל מיך געוואָרנט:

גערענק, גיב נישט פון דיין טיש די קעלנער קיין געשיר!

און אַ חוץ דעם האָב איך דאָ נאָך געהאַט אַ סך שלעכטס. מיר האָט זיך אָפט געוואָלט אַנטלויפן פון דאַמפער גלייך ביים ערשטן האַפן, און אַוועקגיין אין וואַלד אַריין. נאָר סמוריי פלעגט אָפּהאַלטן. ער פלעגט זיך צו מיר באַציען וואָס ווייטער אַלץ ווייכער — און איך האָב שטאַרק ליב געהאַט די אומאויפהערלעכע באַוועגונג פונם דאַמפער. ס׳פלעגט זיין נישט אָנגענעם, ווען ער פלעגט זיך אָפּשטעלן ביים האַפן, און איך האָב כסדר געוואַרט, — אָט וועט עפּעס פּאַסירן, און מיר וועלן אַוועקפאָרן פון קאַמע, קיין בעלאַיאַ, קיין וויאַטקע — אָדער גאָר איבער דער וואָלגע, און איך וועל דערזען נייע ברעגעס, נייע שטעט, נייע מענטשן...

ס׳איז אָבער נישט געשען אַזוי: אומגעריכט און מיאוס האָט זיך פאַרענדיקט מיין לעבן אויפן דאַמפער. אין אָוונט, ווען מיר זענען געפאָרן פון קאַזאַן און ניזשנע, האָט מיך דער בופעטשיק אַריינגערופן צו זיך, כ׳בין אַריין, ער האָט צוגעמאַכט

באָך מיר די טיר און געזאָגט צו סמורייען, וואָס איז געזעסן אָנגעברוגזט אויף אַ טאַבורעטקע.

— אָט איז ער.

סמוריי האָט גראָב אַ פרעג געטון:

— דו גיסט סעריאָזשקען געשיר?

— ער נעמט אַליין, ווען איך זע נישט.

דער בופעטשיק האָט שטיל געזאָגט.

— ער זעט נישט, און ווייסט.

סמוריי האָט זיך מיטן קולאַק אַ זעץ געטון אין קני, דערנאָך אַ קראַץ געטון די קני, און געזאָגט:

— וואַרט, איר וועט נאָך באַווייזן...

און האָט זיך פאַרטראַכט. איך האָב געקוקט אויפן בופעטשיק, ער — אויף מיר, נאָר עס האָט זיך געדאַכט, אַז הינטער די ברילן האָט ער קיין אויגן נישט.

ער האָט געלעבט שטיל, אַרומגעגאַנגען מיט שטילע טריט און האָט שטילערהייט גערעדט. אָפט פלעגט ער זיך מיט דער אָפגעבליאַקעוועטער באָרד און מיט די פוסטע אויגן אַרויסרוקן פון ערגעץ-ווו, פון הינטער אַ ווינקל, און פלעגט גלייך נעלם ווערן. פאַרן שלאָף פלעגט ער ביים בופעט לאַנג שטיין אויף די קני פאַר דער איקאָנע מיטן נר-תמיד, — איך האָב אים געזען דורך דעם קוקער פון טיר, אַן ענלעכן צו אַ רויטער טויז, נאָר מיר איז נישט געלונגען צו זען, ווי דער בופעטשיק איז מתפלל: ער איז פשוט געשטאַנען און האָט געקוקט אויף דער איקאָנע מיטן נר-תמיד, זיפצנדיק און גלעטנדיק די באָרד.

נאָך אַ קורצער ווײַלע פון שווייגן האָט סמוריי געפרעגט:

— סעריאָזשקע פלעגט דיר געבן געלט?

— ניין.

— קיינמאָל נישט?

— קיינמאָל נישט.

— ער וועט קיין ליגן נישט זאָגן. — האָט סמוריי געזאָגט צום בופעטשיק, און יענער האָט שטיל געענטפערט:

— אַלץ איינס, ביטע.

— קום! — האָט צו מיר אַ געשריי געטון דער קוכער, איז צוגעגאַנגען צו מיין טישל און האָט מיר לייכט אַ שנעל געטון אין שיידל — טפּש! טפּש! און איך בין אויך אַ טפּש! כ'האָב געדאַרפט אַכטונג געבן אויף דיר...

אין ניזשני האָט מיך דער בופעטשיק אָפּגעזאָגט און אויסגעצאָלט וואָס מיר קומט. כ'האָב באַקומען כמעט אַכט רובל — די ערשטע גרויסע סומע, וואָס איך האָב פאַרדינט.

זעגענדיק זיך מיט מיר האָט סמוריי געזאָגט:

— נ־נו, האָסטו... און איצט גיב אויף זיך אַכטונג, — פאַרשטייסט? מ'טאָר זיך נישט פאַרקוקן...

ער האָט מיר אַריינגערוקט אין האַנט אַ בונט בייטעלע פון פּאַטשערקעס.

— נאַ, אָט האָסטו! דאָס איז אַ פיינע האַנטאַרבעט, דאָס האָט מיר מיין טויף־מוטער אויסגענייט... נו, זיי געזונט! לייען ביכער — דאָס איז דאָס בעסטע!

האָט מיך אַ נעם געטון אונטער די אָרעמס, אויפגעהויבען, אַ קוש געטון און פעסט אַוועקגעשטעלט אויף דעם האַפּן־בריקל. איך האָב דערפילט אַ רחמנות צו אים און צו זיך, כ'האָב זיך שיר נישט צעיאָמערט, קוקנדיק, ווי ער קערט זיך אום צוריק אויפן דאַמפער, אָפּשטויסנדיק די טרעגערס, אַ גרויסער, אַ שווערער און אַן עלנטער...

כ'האָב נאָך שפּעטער געטראָפן אַ סך אַזוינע גוטע מענטשן, ווי ער, עלנטע און אָפּגעריסענע פון לעבן...

VII

דער זיידע און די באָבע זענען ווידער אַריבערגעפאָרן אין שטאָט, איך בין געקומען צו זיי אין אַ בייזער קריגערישער שטימונג, אויפן האַרצן איז געווען שווער — פאַרוואָס האָט מען מיך געהאַלטן פאַר אַ גנב?

די באָבע האָט מיך באַגעגנט פריינטלעך און איז גלייך

וועק שטעלן דעם סאַמאָוואַר; דער זיידע האָט מיט אַ שמייכל, ווי שטענדיק, אַ פרעג געטון:

— עפּעס אַ סך געלד אָנגעקליבן?

— וויפיל ס'איז דאָ — אַלץ איז מיינס, — האָב איך געענטפערט, זעצנדיק זיך צום פענסטער. כ'האָב מיט גדלות אַרויסגענומען פון קעשענע אַ קעסטל פּאַפּיראָסן און וויכטיק פאַרויכערט.

— אַ־זוי — האָט געזאָגט דער זיידע, צוקוקענדיק זיך שטאַרק צו דעם, וואָס איך טו, — אָט וואָס: רויכערסט טייוולשן גרינס? נישט אַביסל צו פרי?

— אָט האָט מען מיר אַפילו אַ טיטון־בייטל געשאָנקען, האָב איך זיך באַרימט.

— טיטון־בייטל! — האָט געקוויטשעט דער זיידע. — וואָס, רייצסטו זיך מיט מיר?

ער האָט זיך אַ וואָרף געטון צו מיר, אויסציענדיק זיינע דינע שטאַרקע הענט, און געבלישטשעט מיט זיינע גרינע אויגן; כ'האָב אַ שפּרונג געטון, מיטן קאָפּ אים דערלאַנגט אַ שטויס אין בויך, — דער אַלטער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן פּאָ־דלאָגע און עטלעכע רגעס געקוקט אויף מיר, פינטלענדיק פאַר־וווּנדערט מיט די אויגן, פונאַנדערעפענענדיק דעם שוואַרצן מויל, דערנאָך האָט ער מיר רויק אַ פרעג געטון:

— דאָס האָסטו מיך, דיין זיידן, אַ שטויס געטון? דעם טאַטן פון דיין אייגענער מוטער?

— גענוג האָט איר מיך שוין געשלאָגן, — האָב איך שטיל אַ זאָג געטון, פאַרשטייענדיק, אַז כ'האָב געטון זייער שלעכט.

דער דאַרינקער און לייכטער זיידע האָט זיך אויפגעהויבן פון פּאָדלאָגע, האָט זיך צוגעזעצט צו מיר, פלינק אַרויס־געריסן ביי מיר דעם פּאַפּיראָס, אַרויסגעוואָרפן דורכן פענסטער און געזאָגט מיט אַ צעשראָקענער שטים:

— ווילדער קאָפּ, פאַרשטייסטו דען נישט, אַז גאָט וועט דיר דאָס קיינמאָל נישט מוחל זיין, אויף דיין גאַנצן לעבן נישט? מאַמע, — האָט ער זיך געווענדט צו דער באָבען, —

דו קוק נאָר, ער האָט דאָך מיר אַ קלאַפּ געטון? ער! אַ קלאַפּ געטון. פרעג אים!

זי האָט נישט אָנגעהויבן צו פרעגן, איז פשוט צוגעגאַנגען צו מיר, אָנגעכאַפּט פאַר די האָר, גענומען טרייסלען, זאָגנדיק:

— און פאַר דעם, אָט וואָס דיר קומט, אָט וואָס...

מיר האָט נישט ווי געטון, נאָר ס׳האָט מיך מוראדיק באַליידיקט, און דערהויפּט האָט מיך פאַרדראָסן דעם זיידנס בייזער געלעכטער, — ער איז געשפּרונגען פון שטול, פּאַטשנדיק מיט די הענט איבער די קני און האָט געקראַקעט לאַכענדיק:

— רע־עכט, רע־עכט אויף דיר!...

כ׳האָב זיך אַרויסגעריסן, אַרויסגעשפּרונגען אין פירהויז, זיך געלייגט דאָרט אין אַ ווינקל, אַ דערדריקטער און אויסגעליידיקטער, צוהערנדיק זיך, ווי עס הודזעט דער סאַמאָוואַר.

די באָבע איז צוגעגאַנגען, זיך איינגעבויגן צו מיר און שטיל געשעפּטשעט:

— זיי מיר מוחל, כ׳האָב דאָך דיר נישט שטאַרק געריסן, כ׳האָב דאָס דאָך נאָר בכיוון געטון! מ׳קאָן נישט אַנדערש — דער זיידע איז דאָך אַן אַלטער, מ׳דאַרף דרך־ארץ האָבן פאַר אים, זיינע ביינער זענען שוין אויך צעבראָכן, ער האָט דאָך אויך בעהאַט צרות מיט פולער מאָס, — באַליידיקן אים דאַרף מען נישט. ביסט נישט קיין קליינינקער, דו וועסט דאָס פאַרשטיין... מ׳דאַרף פאַרשטיין אַליאָשע! ער איז אויך אַ קינד, נישט מער...

אירע ווערטער האָבן מיך אָפּגעוואַשן, פּונקט ווי הייס וואַסער, דאָס דאָזיקע פריינדלעכע שעפּטשען האָט מיך אי פאַרשעמט אי לייכט געמאַכט אויפן האַרצן. כ׳האָב זי פעסט אַרומגענומען, מיר האָבן זיך צעקושט.

— גיי צו אים, גיי, ס׳מאַכט נישט אויס! נאָר רויכער נישט פאַר אים אין די אויגן גלייך, לאָז אים זיך צוגעוווינען...

כ׳בין אַריין אין צימער, האָב אַ קוק געטון אויפן זיידן און זיך קוים איינגעהאַלטן פון געלעכטער: ער איז באמת גע־

ווען צופרידן, ווי אַ קינד, האָט אינגאַנצן געשיינט, ער האָט געבבאָמבלט מיט די פיס, און געקלאַפּט מיט די הענט אי-בערן טיש.

— וואָס, באָק? ביסט שוין ווידער זיך געקומען שטויסן? אַ, דו, גזלן! אינגאַנצן אין טאַטן געראָטן, פּאַרמאַזאָן, אַריין אין שטוב — נישט איבערגעצלמט זיך, און זיך תיכּף גענומען צום רויכערן, אַ, דו באַנאַפּאַרט, דו גראָשענער!

כ'האָב געשוויגן. ער האָט זיך אויסגעגאָסן אין ווערטער און איז אויך מיד אַנטשוויגן געוואָרן, אָבער זיצנדיק ביים טיי, האָט ער מיך ווידער אָנגעהויבן לערנען:

— די פּורכט פאַר גאָט איז דעם מענטשן אַזוי נויטיק, ווי דעם פערד דער צוים. אויסער גאָט האָבן מיר נישט קיין בעסערן פריינט! איין מענטש דעם אַנדערן — איז אַ דם-שונא!

אַז מענטשן זענען איינע די אַנדערע שונאים, — אין דעם האָב איך געפילט אַ באַהאַלטענעם אמת, אָבער עפּעס אַנדערש האָט מיך ווייניק געאַרט.

— איצט גיי ווידער צו דער מומע מאַטריאָנע, און צו פרילינג — אויף אַ דאַמפּער. דעם ווינטער לעב דורך ביי זיי. דערצייל זיי נאָר נישט, אַז אין פרילינג גייסטו אַוועק פון זיי...

— נו, צו וואָס איז דאָס נויטיק אָפּצונאַרן מענטשן? — האָט געזאָגט די באָבע. — צו וואָס האָב איך טאַקע אָט ערשט אָפּגענאַרט דעם זיידן מיט מיינע כלומרשטע קלעפּ, וואָס איך האָב דיר געגעבן?

— אָן אַ ליגן ווערסטו נישט דורכלעבן, — איז באַשטאַנען דער זיידע — זאָג מיר נאָר, כ'בעט דיך, ווער לעבט אָן ליגן?

אין אָוונט, ווען דער זיידע האָט זיך געזעצט זאָגן תהלים, בין איך מיט דער באָבען אַרויס הינטערן טויער, אין פעלד אַריין. דאָס קליין שטיבעלע, מיט די צוויי פענסטער, ווו עס האָט געוווינט דער זיידע, איז געשטאַנען אויפן עק שטאָט, אין „הינטערטייל" פון דער קאַנאַטנער גאַס, ווו דער זיידע האָט אַמאָל געהאַט זיין אייגן הויז.

— אָט וווהין מ'איז פאַרפאָרן! — האָט די באָבע געזאָגט

שמייכלענדיק — דער זיידע קאָן זיך נישט געפונען קיין אָרט, וואָס זאָל אים זיין צום האַרצן, האַלט אין איין אַריבערפאָרן, און דאָ איז אים אויך נישט גוט, מיר אָבער — איז גוט.

פאַר אונזערע אויגן האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף אַ וויאָרסט דריי אַ מאָגער דאָרנדיק שטיק פעלד, פול מיט גריבער, וואָס ענדיקט זיך ביי אַ וואַלד און מיט אַ רייע בעריאָזעס פון קאַזאַנער טראַקט. פון די גריבער האָבן, ווי ריטער, אַרויסגעסטאַרטשעט די צווייגן פון די קוסטעס, די שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון האָבן זיי באַפאַרבט, ווי מיט בלוט. אַ שטיל אָוונט-ווינטל האָט געשאָקלט די גרויע גרעזלעך; הינטער די נאָענטע גריבער האָבן, — אויך ווי גרעזלעך — הין און הער זיך באַוועגט די טונקעלע פיגורן פון די באַלעבאַטישע בחורים און מיידלעך. ווייט, פון רעכטס, איז געשטאַנען אַ רויטע וואַנט פון סטאַראָבריאַדער בית-עולם, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „בוגראָווער סקיט", פון לינקס, איבער אַ גראָבן האָט זיך געצויגן אַ טונקעלע גרופּע בוימער, דאָרט — איז דער יידישער בית-עולם. אַלץ אַרום איז געווען אָרעם און זיך שטיל געטוליעט צו דער פאַרוווּנדעטער ערד. די קליינע הייזלעך פון הינטערן שטאָט האָבן ציטעריק אַרויסגעקוקט מיט זייערע פענסטער צום שטויביקן וועג, איבערן וועג שפּאַצירן אַרום קליינע, אויסגעהונגערטע הינער. ביים פרויען-מאָנאַסטיר גייט אַ סטאַדע, עס רעווען די קי; פון לאַגער הערט זיך די מיליטער-מוזיק — עס הילכן און קרעכצן די מעשענע טרומייטן.

ס'גייט אַ שכורער, ציט מיטן גאַנצן כוח זיין האַרמאָניק, פאַרטשעפּעט זיך, און ברומט:

— כ'וועל דערגיין צו דיר... אומבאַדינגט...

— נאַרעלע, — זאָגט די באָבע, זשמורענדיק די אויגן אַנטקעגן דער רויטער זון — וווּהין וועסטו דערגיין. דו וועסט באַלד פאַלן, איינשלאָפן, און אין שלאָף וועט מען דיך באַגנבענען... און דיין איינציקן תענוג, דיין האַרמאָניק, וועסטו אויך פאַרלירן...

איך דערצייל איר וועגן מיין לעבן אויפן דאַמפּער און קוק זיך אַרום. נאָך אַלעם דעם, וואָס כ'האָב זיך אָנגעזען, איז מיר דאָ אומעטיק, כ'פיל זיך, ווי אַ פיש אויפן סקאָווראָדע. די באָבע הערט זיך צו שווייגעדיק און אויפמערקזאַם, אַזוי ווי איך האָב גערן זי אויסצוהערן, און ווען כ'האָב איר דערציילט וועגן סמורייען, האָט זי זיך מיט האַרץ איבערגעצלמט און געזאָגט:

— אַ גוטער מענטש, זאָל אים די הייליקע מוטער העלפן! דו זע, פאַרגעס נישט וועגן אים! שטענדיק זאָלסטו גוטס געדענקען, און שלעכטעס — פשוט פאַרגעסן!

מיר איז זייער שווער צו דערציילן, פאַרוואָס מ'האָט מיר אָפּגעזאָגט, נאָר, פאַרבייסנדיק די ליפּן האָב איך פאָרט דערציילט. אויף איר האָט עס גאָר קיין איינדרוק נישט געמאַכט, זי האָט נאָר קאַלטבלוטיק באַמערקט:

— ביסט נאָך קליין, קאָנסט נישט לעבן...

— אָט אַזוי זאָגט איינער דעם אַנדערן, קענסט נישט לעבן, — די פּויערים, די מאַטראָסן, די מומע מאַטריאָנע צו איר זון; און וואָס דאַרף מען אייגנטלעך קאָנען?

זי האָט פאַרביסן די ליפּן און אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— דאָס ווייס איך אַליין נישט!

— און דו זאָגסט דאָך אויך!

— פאַרוואָס זאָל איך נישט זאָגן? — האָט די באָבע רויק גערעדט. — דו האָב קיין פאַראיבל נישט, דו ביסט נאָך אַ קליינער, דאַרפסטו נישט קאָנען. און ווער קאָן? נאָר שווינדלער. אָט, דער זיידע איז דאָך שוין קלוג און געלערנט, און האָט אויך גאָרנישט געקאָנט...

— און דו אַליין האָסט גוט געלעבט?

— איך? געלעבט אי גוט, אי שלעכט — פאַרשידן...

פאַרביי אונז גייען אַריבער מענטשן, נישט איילנדיק, שלעפּנדיק נאָך זיך זייערע לאַנגע שאָטנס, ווי אַ רויך האָט זיך געהויבן דער שטויב פון אונטער זייערע פיס, באַגראָבנדיק די שאָטנס. דער אָוונטיקער אומעט איז אַלץ שווערער געוואָרן.

דורך די פענסטער האָט זיך געהערט דעם זיידנס מורמלענדיקע שטים:

— משפט מיך נישט, גאָט, מיט צאָרן און נישט שטראָף מיך מיט דיין כעס...

די באָבע האָט געזאָגט, שמייכלענדיק:

— ער האָט שוין גוט דערעסן דעם אויבערשטן, אַ גאַנצן אָוונט קלאָגט ער זיך, פרעג וואָס? ער איז שוין דאָך אַן אַלטינקער און דאַרף גאָרנישט און קלאָגט זיך כסדר און קוועטשט זיך... גאָט מוז זיך, מסתמא, צוהערן צו די אָוונטיקע שטימען און לאַכֿט זיך: ווידער קלאָגט דאָרטן וואַסילי קאַשורין!... לאָמיר אָקאָרשט גיין שלאָפן...

* * *

כ'האָב באַשלאָסן צו פאַרנעמען זיך מיט פאַנגען זינגפויגעלעך; מיר האָט זיך געדאַכֿט, אַז דאָס דאַרף געבן פרנסה: איך וועל פאַנגען, און די באָבע וועט פאַרקויפן. כ'האָב געקויפט אַ נעץ, האָב געמאַכֿט שטייגעלעך און אָט זיץ איך באַגינען אין אַ גרובן צווישן די קוסטעס, און די באָבע גייט אַרום מיט אַ קאָרב און אַ זאַק איבערן וואַלד, קלויבנדיק די לעצטע שוועמלעך, קאַלינעס און ניס.

ס'איז אָקאָרשט אויפגעגאַנגען די מידע סעפּטעמבער-זון; אירע ווייסע שטראַלן ווערן אַ ווייל פאַרלאָשן אין די וואָלקנס און אַ ווייל פאַלן זיי, ווי אַ זילבערנער פאָכער צו מיר אין גרובן. אויפן גרונד פון גרובן איז נאָך פינסטער, פון דאָרטן דערהויבט זיך אַ ווייסער טוי; די שפּועדיקע ליימיקע זייט פון גרובן איז טונקל און הייל, און די צווייטע זייט, די פלאַכֿערע, איז באַדעקט מיט טרוקענע גראָז, געדיכֿטע קוסטעס, מיט געלע, טונקל-רויטע און רויטע בלעטער; אַ פרישער ווינט רייסט זיי אַראָפּ און שמייסט זיי פונאַנדער איבערן גרובן.

אויפן גרונד, אין די שטעכלקעס, שרייען די שטיגליץ-פייגעלעך. איך זע צווישן די גרויע שמאַטעס פון די סטעפּגרעזער די רויטינקע הייבעלעך אויף די רירעוודיקע קעפּלעך

פון די פייגעלעך. אַרום מיר קנאַקן די נייגיריקע סיניצעס, אָנ־בלאָזנדיק קאָמיש זייערע ווייסע באַקן, טומלען זיי און שמייען, ווי די קונאַווינער ווייבלעך אין אַ יום־טוב; זיי זענען פלינקע, קלוגע און בייזע און ווילן זיי אַלץ וויסן, אַלץ אָנרירן און פאַלן איינע נאָך די אַנדערע אַריין אין נעץ. ס'איז אַ רחמנות צוצוזען, ווי זיי וואַרפן זיך. אָבער מיין עסק איז אַ סוחרישער, אַ האַר־טער, איך נעם אַריבער די פויגעלעך אין די צוגעגרייטע שטייגן און באַהאַלט זיי אין אַ זאַק, — אין דער פינסטער בלייבן זיי זיצן רויק.

אויף אַ דאָרן־קוסט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ גאַנצע סטאַיע טשיזשיקעס, דער קוסט איז באַגאָסן מיטן ליכט פון דער זון, די טשיזן פרייען זיך מיט דער זון און זינגען נאָך פריילעכער; זיי שטיפן, ווי שול־ייִנגלעך. דער גיריקער היימישער ווערגער האָט זיך פאַרשפעטיקט מיטן אָוועקפליען אין די וואַרעמע לענ־דער, זיצט אויף אַ בויגעוודיקן צווייגל פון דאָרן און קוקן זיך שאַרף אויס זיין רויב מיט די שוואַרצע אויגן. ער האָט זיך אַ הויב אויף געטון אין דער הויך, ווי די לערכע, געכאַפּט אַ בין, האָט זי פלינק אַוועקגעזעצט אויף אַ שטעכלקע און זיצט זיך ווידער, דרייענדיק מיט זיין גרוי, שווינדלעריש קעפל. שטיל איז דורכגעפלויגן דער קלוגער קערנבייסער; וועגן וועלכן איך חלום אַזוי שטאַרק, — ווי פּאַקט מען אים! דאָס קלויסטער־גלחל, וואָס האָט זיך אָפּגעזונדערט פון דער סטאַיע, זיצט אויף אַן אָלכע, אַ רויטס און חשובס, מעשה גענעראַל, און סקריפּעט בייז, שאָקלענדיק מיטן שוואַרצן קעפל.

וואָס העכער עס הויבט זיך אויף די זון, אַלץ מער קלויבן זיך צונויף די פייגעלעך און אַלץ פריילעכער ווערט זייער פּיפּס. דער גאַנצער גרובן הילכט פון מוזיק, איר גרונט־טאָן איז — דער אומאויפהערלעכער שאָרך פון די קוסטעס אין ווינט; די שטיפערישע פייגעלעך קאָנען נישט פאַרקלינגען דעם דאָזיקן שטילן, זיס־אומעטיקן געררויש, — אין דעם גערויש הער איך דאָס געזעגענען זיך מיטן זומער, ער שעפּטשעט מיר עפּעס מאָדנע ווערטער, וועלכע קלינגען אַליין ווי אַ ליד. און נישט ווילנדיק,

פליען דורך אין זכרון דורכגעלעבטע בילדער.

פון דער הויך ערגעץ שרייט די באָבע:

— ווו ביסטו?

זי זיצט אויפן ראַנד פון גרובן, האָט אויסגעשפּרייט אַ טיכל, אַוועקגעלייגט אויף אים ברויט, אוגערקעס, רעטעך, עפּל; צווישן דער דאָזיקער גאַנצער שפע שטייט, פינקלענדיק אין דער זון, אַ שיין געשליפן פלעשל, מיט אַ טייערן גלעזערנעם שטאָפּיק — נאַפּאָלעאָנס קאָפּ. אינם פלעשל — אַ ביסל בראָנפן, איינגעשטאַנען אויף טרוקענער היי.

— אָ גאָט מיינער, ווי גוט עס איז! — זאָגט מיט דאַנקבאַרקייט די באָבע.

— און איך האָב פאַרפאַסט אַ ליד!

— נו?

כ'זאָג איר עפּעס וואָס איז ענלעך צו אַ ליד:

דער ווינטער קומט, דער ווינטער גייט,
אַדיע, דו זונעלע מיין פרייד!...

נאָר זי האַקט מיך איבער אינמיטן:

— אַזאַ ליד — איז דאָ, נאָר זי איז — נאָך בעסער!
און זאָגט מיט אַ ניגון:

אוי, ס'גייט אַוועק די זון, די זומערדיקע
אין נעכט אין פינסטערע, הינטער וועלדער ווייטע!
אוי, איך בלייב אַ מיידל, אייניקע אַליין —
אָן פרייד פון יוגנט און אָן עלנטע...

גיי איך מיר אַרויס אין דערפרי פון דאָרף,
דערמאָן איך זיך אָן מיינע מאַי-שמחות די פריילעכע—
אומעטיק זעט אויס דאָס פעלד, דאָס ליידיקע, —
דאָרט האָב איך פאַרלוירן מיין יוגנט-צייט די פריילעכע.

אוי, גוטע חברטעס, ליבהאַרציקע מיינע,
ווי נאָר עס פאַלט אַרויס ווייס דער ערשטער שניי,—
נעמט אַרויס מיין האַרץ פון מיין ווייסער ברוסט,
און אין שניי דעם ווייסן זייט מיין האַרץ מקבר!...

כ׳בין אַלס פֿאַרפֿאַסער נישט אויף אַ האָר באַליידיקט, מיר געפֿעלט שטאַרק דאָס ליד און ס׳איז מיר זייער אַ רחמנות אויפֿן מיידל.

און די באָבע זאָגט:

— אָט אַזוי באַזינגט מען דעם צער! זעסט, דאָס האָט אַ מיידל צוזאַמענגעשטעלט: זי האָט אַ הוליע׳ געטון אין פֿרילינג, און צו ווינטער האָט זי פֿאַרלאָזן איר ליבהאַרציקער, אַוועק אפשר צו אַ צווייטער, און מיט האַרץ באַוויינט זי איר עוולה... וואָס דו האָסט אַליין נישט איבערגעלעבט — וועסטו קיינמאָל נישט ריכטיק איבערגעבן, אָבער זעסטו, ווי גוט זי האָט פֿאַר־פֿאַסט דאָס ליד!

ווען זי האָט צום ערשטן מאָל פֿאַרקויפֿט פֿייגעלעך פֿאַר פֿערציק קאָפּיקעס, האָט זי זיך דערויף שטאַרק געוווּנדערט.

— קוק נאָר! כ׳האָב געמיינט — פּוסטע מעשׂות, אַ ייִנגלשע שפּיל, און דאָ האָט זיך אָט ווי געמאַכט!

— נאָך צו ביליק פֿאַרקויפֿט...

— אַזוי מיינסטו?

אין די מאַרק־טעג פֿלעגט זי פֿאַרקויפֿן פֿאַר אַ רובל און מער, האָט זי זיך אַלץ געוווּנדערט: ווי קאָן מען דאָס פֿאַרדי־נען מיט נאַרישקייטן!

— און אַ פֿרוי וואַשט אַ גאַנצן טאָג וועש אָדער די פּאָד־לאָגעס פֿאַר פֿינף קאָפּיקעס אַ טאָג, און גיי פֿאַרשטיי! ס׳דאַרף דאָך נישט זיין אַזוי! און פֿאַרשפּאַרן פֿייגעלעך אין שטייג איז אויך נישט גוט. וואַרף דאָס אַוועק, אַליאָשע!

כ׳האָב אָבער באַקומען אַ שטאַרקע תּשוקה צום פֿייגל־פֿאַנג, ס׳איז מיר געפֿעלן געוואָרן. מיך האָט דאָס געמאַכט זעלבס־שטענדיק, נישט שאַטנדיק קיינעם, אויסער די פֿייגעלעך. כ׳האָב זיך איינגעשאַפֿט שטאַרקע שטריק; די שמועסן מיט אַלטע פֿייגל־פֿאַנגער, האָבן מיך אַ סך אויסגעלערנט, — כ׳פֿלעג אַליין גיין פֿאַנגען פֿייגעלעך פֿאַר דרייסיק ווירסט, אין קאָסטאָוער וואַלד, אויפֿן ברעג פֿון דער וואָלגע, אין אַ סאָסנע וועלדל, ווו עס האָבן זיך געפֿונען אַ סך צלם־שנאָבלען און די הויך־געשאַצטע אַפּאָלאָ־

סיניצעס — ווייסע פייגעלעך מיט לאַנגע עקלעך.

פלעגסט זיך אַרויסלאָזן אַמאָל אין אָוונט און אַ גאַנצע נאַכט זיך געשלעפּט איבערן קאַזאַנער טראַקט, אָפּט — אונטער אַ הערבסט רעגן, אין אַ טיפער בלאָטע. אויפן רוקן אַ צעראַטן זעקל מיט פלאַנצן און שטייגלעך מיט פייגעלעך צום פאַרלאָקן. אין האַנט אַן אָנגעזעענעם נוסבוים־שטעקן. ס'איז קאַלטלעך און אימהדיק אין דער הערבסטיקער פינסטערקייט, שרעקלעך אימה־דיק!... ביי די זייטן פון וועג שטייען אַלטע, פון דונער צע־שלאָגענע בעריאָזעס, אויסשפּרייטנדיק איבער מיין קאָפּ זייערע נאַסע צווייגן; פון לינקס אונטערן באַרג, איבער דער שוואַרצער וואָלגע, שווימען און גייען פונקט ווי אין תהום אַריין, די שי־טערע פייערלעך אויף די מאַסטבוימער פון די לעצטע דאַמפּערס און שיפן, עס קנאַקן די רעדער אין וואַסער, עס הודזשען די פייפלעך.

פון דער טשוגונענער ערד וואַקסן אויס די הייזלעך פון די דערבייאיקע דערפער, עס פלאָנטערן זיך אונטער די פיס, בייזע, הונגעריקע הינט, דער וועכטער קלאַפּט מיטן קלאַפּערל און שרייט שרעקעוודיק:

— ווער גייט? וועמען טראָגן דאָרט די רוחות — זאָל נישט אויסגערעדט זיין צו נאַכט?

כ'פלעג זייער מורא האָבן, מ'זאָל ביי מיר נישט צונעמען די שטריק און פלעג מיטנעמען פאַר די וועכטער פינפערלעך. אין פאַקינער דאָרף האָט זיך דער וועכטער מיט מיר באַפריינ־דעט און אַלץ געאָכצעט:

— גייסט ווידער? איי דו, מוטיקער, אומרויקער נאַכט־וואָגלער, האַ?

מען האָט אים גערופן ניפאַנט, ער איז געווען אַ קליינינ־קער, גרויאינקער, האָט אויסגעזען, ווי אַ הייליקער. ער פלעגט אָפּט אַרויסנעמען פון בוזים אַ רעטעך, אַן עפּל, אַ הייפל אַרבעס און אַריינרוקן מיר אין האַנט אַריין און זאָגן:

— נאַ דיר, מיין פריינט, כ'האָב פאַר דיר אָנגעגרייט אַ מתנה, עס געזונטערהייט.

און האָט מיך באַגלייט ווייט ביז צום עק.
— נו, גיי געזונט!

אין וואַלד פֿלעג איך קומען פֿאַרטאָג, פֿלעג צורעכֿט מאַכן די שטריק, פֿונאַנדערהענגען די לאָק־מיטלען, פֿלעג זיך אויסציִען ביים עק וואַלד און וואַרטן, ביז ס'וועט אָנקומען דער טאָג. שטיל. אַלץ אַרום איז פֿאַרגליווערט אין אַ שטאַרקן הערבסטיקן שלאָף. דורך דער גרויער פֿינסטערקייט זעען זיך קוים הינטערן באַרג די ברייטע לאָנקעס; די וואָלגע שניידט זיי דורך, און זיי האָבן זיך אַריבערגעכאַפּט איבער איר, זענען צעשווומען, צערונען אין די נעפּלען. ווייט, הינטער די וועלדער פֿון דער זייט פֿון די לאָנקעס, גייט געלאַסן אויף די אויפֿלויכטנדיקע זון. אויף די שוואַרצע גריוועס פֿון די וועלדער פֿלאַקערן אויף פֿייערלעך, און ס'הויבט זיך אָן אַ מאָדנע אויפֿלעבונג, וואָס רירט ביים האַרצן: דער טוי פֿון די לאָנקעס שפּרייט זיך אַלץ גיכער פֿונאַנדער און בלישטשעט, ווי זילבער אין די זון־שטראַלן. פֿון דער ערד וואַקסן אויס קוסטעס, בוימער, היי־סטויגן. די לאָנקעס ווערן ווי צעשמאָלצן אונטער דער זון און צעפֿליסן זיך געל־גאָלדערנע אין אַלע זייטן. אָט האָט די זון באַרירט דאָס שטילע וואַסער ביים ברעג, — ס'דאַכט זיך, ווי דער גאַנצער טייך האָט זיך אַ רוק געטון און אַ גאָס געטון צו דער זייט, וווּ די זון האָט זיך אָפּגעטונקט. די זון הויבט זיך אַלץ העכער, און אַ פֿריידיקע בענטשט זי און וואַרמט די נאַקעטע קאַלטע ערד, און פֿון דער ערד טראָגן זיך זיסע הערבסטיקע ריחות. די דורכזיכטיקע לופֿט מאַכט די ערד גרעסער און ברייטער. אַלץ שווימט אין דער ווייטקייט אַוועק און לאָקט צו דערגרייכן ביז צו די בלויע ברעגן פֿון דער ערד. שוין צענדליקער מאָל האָב איך אויף דעם אָרט זיך צוגעקוקט צו דעם זון־אויפֿגאַנג, און איטלעכס מאָל פֿלעגט פֿאַר מיינע אויגן געבוירן ווערן אַ נייע וועלט, מיט נייער פּראַכט...

כ'האָב עפּעס מאָדנע האָלט די זון, מיר געפֿעלט אפֿילו דער נאָמען אַליין, די זיסע קלאַנגען פֿון דעם נאָמען, זייער באַהאַלטענער קלאַנג. כ'האָב האָלט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן אונטערצושטעלן דאָס פּנים אַנטקעגן דער ברענענדיקער זון, אָנכאַפּן

מיט דער האַנט די שטראַלן, וואָס שניידן, זיך ווי שפּיצן דורך אַ שפּאַלט פון פּאַרקאַן, אָדער דורך די צווייגן. דער זיידע אַכט זייער שטאַרק „דעם טשערניגאָווער פירשט מיכאַאילן און דעם באָיאַרין פעאָדאָר, ווייל זיי האָבן נישט געדינט צו דער זון". און איך קוק אויף זיי, ווי אויף ציגיינער, מיר דאַכט זיך, אַזעלכע מענטשן זענען שטענדיק ברוגזע, שלעכטע, בײַ זיי זענען שטענדיק קראַנקע אויגן, ווי בײַ דער אָרימע מאָרדוועס. ווען איך זע, ווי די זון דערהויבט זיך איבער די לאָנקעס, שמייכל איך דאַן נישט ווילנדיק פון פרייד.

איבער מיין קאָפּ רוישט דער סאָסנאָווער וואַלד, אָפּטרייסלענדיק פון זיינע גרינע לאַפּעס טראָפּנס טוי; אונטער די בוימער, אויף די געצאַצקעטע בלעטער פון פּאַפּאָרטניק, בלישטשעט ווי זילבער דער טוי, געכאַפּט פון פרימאָרגן-פרעסטל. דאָס געלע גראָז איז צעקנייטשט פון רעגן, זייערע שטענגלעך ליגן אומבאַוועגלעך אויסגעצויגן אויף דער ערד, נאָר אָט רירט זיי אָן אַ וואַרעמער שטראַל, און אַ לייכטער ציטער גייט דורך די גרעזער, אפשר, דער לעצטער הויך פון לעבן...

די פויגעלעך האָבן זיך אויפגעכאַפּט; די גרויע טאַנענפייגעלעך, פּאַלן, ווי פּוכענע קייקעלעך פון איין צווייג אויפן אַנדערן, די פייערדיקע קראַנץ-שנאָבלען פּיקן מיט זייערע קרומע שנאָבלען די שישקעס אויף די שפּיצן פון די סאָסנעס, אויף אַ ברעג פון אַ סאָסנע-צווייג וויגט זיך אַ ווייסע אַפּאָלאָ-פייגעלע, פּאָכנדיק מיט זיינע לאַנגע רודער פעדערן, מיט זיין שוואַרצן פערל-אויגעלע קוקט ער מיט אומצוטרוי אויפן אויסגעשפּרייטן נעץ, און פּלוצלינג הערסטו, ווי דער וואַלד, וואָס איז אָקאָרשט געשטאַנען חשוב-פּאַרקלערט, איז פאַרהילכט געוואָרן פון הונדערטער פויגלשע שטימען, איז פול געוואָרן מיט דער האַוועניש פון לעבעדיקע נפשות, — די ריינסטע אויף דער וועלט, — אין זייער געשטאַלט האָט דער מענטש, דער פּאָטער פון דער וועלט-שיינקייט, צו זיין אייגענער טרייסט, זיך געשאַפן די עלפן, די מלאכים, די כרובים און שרפים און די גאַנצע מלאכים-כנופיה.

ס׳טוט מיר אַביסל באַנג צו פאַנגען די פייגעלעך, אַ רחמנות צו פאַרשפאַרן זיי אין די שטייגלעך, עס געפעלט מיר אַ סך מער צו קוקן אויף זיי, נאָר די יעגער-תשוקה און געלט-תשוקה זענען גובר דעם רחמנות געפיל.

די פייגעלעך מאַכן מיר אָן שפּאַס מיט זייער כיטרעקייט; די בלויע סיניצע האָט געניי באַטראַכט די נעץ, האָט פאַר-שטאַנען די סכנה, און פון דעסטוועגן שטעלט זי זיך אָן אַ זייט און הויבט אָן זיכער און פלינק צו שלעפּן די קערנער דורך די שטעקעלעך פון נעץ. די סיניצעס זענען זייער קלוג, אָבער זייער נייגיריקייט פּטרט זיי אַוועק. די חשובע קלויסטער-גלחים זענען תמעוואַטע: זיי גייען אין נעץ סטאַיעסווייז, ווי זאַטע באַלעבאַטים אין קלויסטער; ווען מען דעקט זיי צו, זענען זיי שטאַרק פאַרוואונדערט, שטעלן אויס זייערע אויגן און פּיקן מיט זייערע גראָבע שנאָבלען די פינגער. דער קרייץ-שנאָבל גייט אין נעץ רויק און סאָליד; דער בוימפּיקער, אַן אומבאַקאַנטער, אויסערגעוויינלעכער פויגל, זיצט אַ לאַנגע צייט נעבן נעץ, אָנ-געשפּאַרט אויפן גראָבן עק און מאַכנדיק מיטן לאַנגן שנאָבל; ער לויפט איבער די שטאַמען פון די בוימער, אַזוי גיך, ווי די פּיקהאָלצן, באַגלייטנדיק שטענדיק די סיניצעס, דאָס דאָזיקע גרויע פייגעלע פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אימהדיקס, עס זעט אויס צו זיין עלנט, האָט קיינעם נישט ליב און קיינער האָט אים נישט ליב. פּונקט ווי אַ סאָראָקע האָט זי האָלט גנבענען און באַהאַלטן קליינע בלישטשענדיקע זאַכן.

אַרום צוועלף אַ זייגער בייטאָג פאַרענדיק איך מיין פייגל-פאַנג און קער זיך אום אַהיים דורך פעלדער און וועלדער, — ווען כ׳זאָל גיין מיטן שליאַך דורך די דערפער, וואָלטן די יינגלעך און בחורים אָפּגענומען ביי מיר די שטייגן און צעריסן די שטריק, — וואָס עס איז שוין, אַגב, איינמאָל געשען.

אין אָוונט קום איך אַהיים אַ הונגעריקער, אַ פאַרמאַטער-טער, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז פאַרן טאָג בין איך אויסגעוואַקסן, האָב זיך דערוווסט עפּעס נייעס און שטאַרקער געוואָרן. די דאָ-זיקע נייע קראַפט גיט מיר די מעגלעכקייט רויק און אָן כעס

אויסצוהערן דעם זיידנס בייזע ווערטלעך. דערזעענדיק דאָס, הויבט אָן דער זיידע רעדן ערנסטער און צו דער זאַך:

— וואַרף אַוועק די פּוסטע זאַכן, וואַרף אַוועק! דורך דעם דאָזיקן עסק איז נאָך קיינער נישט געוואָרן קיין לייט, דאָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן, כ'ווייס עס גענוי! באַקלער דאָס מיט קאָפּ און נעם זיך צו וואָס ערנסט. אַ מענטש איז נישט באַשאַפן געוואָרן צו נאַרישקייטן, דער מענטש — איז גאָטס אַ קערנדל, פון אים דאַרפן אויסוואַקסן זאַנגען מיט גוטע קערנער! דער מענטש איז געגליכן צו אַ רובל: גיט זיך גוט אַ דריי — ווערן פון אים דריי! לייכט, מיינסטו עפּעס, איז צו לעבן? ניין, גאָרנישט לייכט! ווי אַ פינסטערע נאַכט איז די וועלט פאַרן מענטשן, יעדער מוז פאַר זיך לייכטן. יעדער האָט נאָר צו צען פינגער, וויל אָבער אַריינכאַפּן וואָס מער מיט זיינע הענט. מ'דאַרף האָבן כּוח, האָסטו נישט קיין כּחות — איז כיטרעקייט; ווער ס'איז קליין און שוואַך, דער טויג נישט, נישט פאַרן גן-עדן, נישט פאַרן גיהינום! לעבן זאָלסטו כּלומרשט מיט אַלעמען און געדענק, אַז דו — ביסט אַליין; אויסהערן זאָלסטו יעדן און גלויבן קיינעם נישט; וועסטו גלויבן אויפן קוק, — וועסטו אַריינפאַלן. שווייג, — געדענק, אַז הייזער און שטעט בויט מען נישט מיט דער צונג, נאָר מיטן רובל און מיט אַ האַק. דו ביסט נישט קיין באַשקירעץ, נישט קיין קאַלמיק, וואָס זייער גאַנצער פאַרמעגן איז — ליַיז און שעפּסן...

אַזעלכע רייד האָט ער געקאָנט אָפּריידן אַ גאַנצן אָוונט, כ'האָב זיי שוין געקאָנט אויף אויסנווייניק, די ווערטער פלעגן מיר געפעלן, נאָר גלויבן אין זיי פלעג איך נישט. פון זיינע ווערטער איז קענטיק געווען, אַז צוויי זאַכן שטערן אויף צו לעבן: גאָט און מענטשן.

זיצנדיק ביים פענסטער, פלעגט די באָבע דרייען פאָדים אויף שפּיצן; דער שפּינדל האָט געזשומעט אין אירע פלינקע הענט, זי פלעגט אַ לאַנגע צייט אויסהערן שווייגעדיק דעם זיידנס רייד און פלוצלינג אַ זאָג געטון:

— ס׳וועט אַלץ זיין אַזוי, ווי דער הייליקער מוטער וועט געפעלן.

— וואָס מיינסטו דען? — פלעגט דער זיידע שרייען — גאָט! כ׳האָב נישט פאַרגעסן אָן גאָט, איך קען גאָט! אַלטער נאַר דו, גאָט האָט דען פאַרזייט די וועלט מיט נאַראָנים?

* *
*

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז בעסער פאַר אַלעמען לעבן אויף דער וועלט קאָזאַקן און סאָלדאַטן; זיי לעבן — אַ פשוט און פריילעך לעבן. אין אַ גוט וועטער פלעגן זיי שוין פון פרי־מאָרגן זיך אויסלייגן אין טאָל, קעגנאיבער אונזער הויז און, ווי ווייסע שווימלעך, באַזייען דאָס נאַקעטע פעלד און פלעגן אָנ־הויבן זייער פאַרדרייט, אינטערעסאַנט, שפּיל: זיי פלעגן פלינקע און שטאַרקע אין זייערע ווייסע העמדלעך פריילעך אַרומלויפן איבערן פעלד מיט די ביקסן אין די הענט און פאַרשווינדן הינטערן טאָל, און פלוצלינג, נאָכן סיגנאַל פון טרומייט, פלעגן זיי זיך צעשיטן אויפן פעלד מיט „הוראַ״ געשרייען, בייז פייק־לענדיק אין די פויקן, און לויפן מיט אָנגעשפּיצטע פיקעס גלייך אויף אונזער שטוב, און עס פלעגט זיך דאַכטן, אַז באַלד וועלן זיי איבערקערן אונזער הויז און צעוואַרפן, ווי אַ סטויג היי.

איך פלעג אויך שרייען „הוראַ״ און אָן אַ זינען מיטגע־לאָפן מיט זיי; דער בייזער טרעל פון פויק פלעגט אַרויסרופן ביי מיר אַ זודיקן פאַרלאַנג צו צעשמעטערן עפּעס, צעברעכן דעם פאַרקאַן, שלאָגן די יינגלעך.

אין די הפסקות פלעגן די סאָלדאַטן מיך מכבד זיין מיט מאַכאָרקע, האָבן מיר באַוויזן די שווערע ביקסן, אָפטמאָל פלעגט איינער אָנשטעלן אַ ביקס צו מיין בויך און אָנהויבן ווילד שרייען:

— שטעכט אים, דעם טאַראַקאַן!

דער ביקס האָט געבלאַנקט; עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער לעבט, דרייט זיך, ווי אַ שלאַנג און וויל איינבייסן, — דאָס האָט מיך אַ ביסל געשראָקן, נאָר מער איז דאָס מיר געווען אָנגענעם

אַ פּייקלער — אַ מאָרדווין פלעגט מיך לערנען מיט שטעק־לעך האַקן איבערן פּויק: צווערשט פלעגט ער אָננעמען מיינע הענט און האָט זיי אויסגעדרייט, אַז עס פלעגט מיר ווי טון, און נאָכדעם פלעגט ער מיר אַריינרוקן די שטעקלעך אין האַנט:

— קלאַפּ — איינס־צוויי, איינס־צוויי! טראַם־טאַ־טאַם! פּויק אויף רעכטס, פּויק אויף לינקס — גיכער, טראַם־טאַ־טאַם! — פלעגט ער שרייען בייז, פונאַנדערעפנענדיק זיינע פויגלשע אויגן.

איך פלעג אַרומלויפן מיט די סאָלדאַטן איבערן פעלד ביז צום סאַמע סוף פון זייער לערנען און דאַן פלעג איך זיי באַ־גלייטן דורך דער גאַנצער שטאָט ביז צו די קאַזאַרמעס, פלעג צוהערן זייערע הילכיקע לידער, אַריינקוקן אין זייערע גוטע פּנימער, וואָס פלעגן אויסזען אַזוי ניי, ווי שפּאָגל־נייע אויסגעגאָ־סענע, פינף קאָפּיקענע מטבעות.

די געדיכטע מאַסע פון ענלעכע מענטשן איז פריילעך געפלאָסן איבער דער גאַס מיט איין כוח, דערוועקנדיק אַ גע־פיל פון פריינטשאַפט צו זיך, אַ פאַרלאַנג אָפּצוטונקען זיך אין איר, ווי אין אַ טייך, אַריינגיין אין איר, ווי אין אַ וואַלד. די דאָזיקע מענטשן האָבן פאַר קיין זאַך קיין מורא נישט, קוקן דרייסט אויף אַלץ, קאָנען אַלץ בייקומען, קאָנען דערגרייכן צו אַלץ, וואָס עס פאַרווילט זיך זיי, און דער עיקר — דאָס זענען מענטשן פּשוטע און גוטע.

נאָר איינמאָל, בעת זייער אָפּרו־הפסקה, האָט מיר אַ יונגער אונטער־אָפיציר מכבד געווען מיט אַ גראָבן פּאַפּיראָס.

— פאַררויכער! דאָס איז אַזאַ פּאַפּיראָס, וואָס איך וואָלט קיינעם נישט געגעבן, נאָר דיר, ווייל דו ביסט זייער אַ ווױלער יונג.

כ׳האָב פאַררויכערט. ער האָט זיך אויף אַ שריט אָפּגערוקט און פּלוצלינג האָט אַ רויטער פלאַם מיך פאַרבלענדט, האָט מיר אָפּגעבּרענט די פינגער, די נאָז, די ברעמען; פון דעם גרויפּן, געזאַלצענעם רויך האָב איך אָנגעהויבן ניסן און הוסטן; אַ בלינ־דער און אַ דערשראָקענער האָב איך געטאַנצט אויף איין אָרט, און די סאָלדאַטן, אַרומרינגלענדיק מיך, האָבן פריילעך געלאַכט

אויפן קול. כ׳בין אַוועק אַהיים, — אַ געלעכטער און אַ פייפעריי האָט מיך באַגלייט, עפּעס האָט געקנאַקט, ווי אַ בייטש פון אַ פאַסטוך, די אָפּגעבערענטע פינגער האָבן וויי געטון, דאָס פּנים האָט געביסן, פון די אויגן זענען געריגען טרערן, ס׳האָט מיר אָבער געדריקט נישט דער ווייטיק, נאָר אַ שווערער טעמפּער חידוש: צוליב וואָס האָבן זיי דאָס מיר געטון? פאַרוואָס האָבן אָט די דאָזיקע גוטע יונגען אַזאַ הנאה דערפון?

אין דערהיים בין איך אַרויפגעקראָכן אויפן בוידעם און לאַנג געזעסן דאָרט, דערמאָנענדיק זיך אָן די אַלע אומפאַר-שטענדלעכע גרויזאַמקייטן, מיט וועלכע ס׳איז מיר אַזוי אָפּט פאָר-געקומען צו טרעפן זיך אויף מיין וועג. קלאָר און דייטלעך האָב איך זיך דערמאָנט אָן דעם קליינעם סאָלדאַטל פון סאַראַפּול — ווי אַ לעבעדיקער איז ער געשטאַנען פאַר מיינע אויגן און געפרעגט:

— וואָס? פאַרשטייסט?

אינגיכן איז מיר אויסגעקומען איבערצולעבן אַ זאַך, וואָס איז געווען נאָך פיל שווערער און איבערראַשנדער.

כ׳האָב אָנגעהויבן צו לויפן אין די קאַזאַרמעס פון די קאָזאַקן, — זיי זענען געשטאַנען הינטערן פּעטשאָרער דאָרף. די קאָזאַקן זענען געווען גאָר אַנדערע, ווי די סאָלדאַטן, נישט דער-פאַר וואָס זיי פלעגן אויסגעצייכנט פאָרן אויף פערד און שע-נער זיין אָנגעטון, — זיי פלעגן אַנדערש רעדן, זינגען אַנדערע לידער און זייער שיין טאַנצן. אין אָוונט, ווען זיי פלעגן אויס-רייניקן די פערד, פלעגן זיי זיך צוזאַמענקלייבן אין אַ רעדל אַרום די שטאַלן, און איינער אַ קליינער, אַ געלער קאָזאַק פלעגט אַ טרייסל טון מיט זיינע טשופּרינעס און אָנהויבן זינגען אויף אַ הויך קול, ווי אַ מעשענער טרומייט; שטיל און אָנגעשטרענגט פלעגט ער אויפזינגען זיין אומעטיק ליד וועגן דעם שטילן דאָן און דעם בלויען דונאַי. זיינע אויגן זענען פאַרמאַכט, ווי די אויגן פונם פויגל זאָריאַנקע, וואָס זינגט אָפּט אַזוי לאַנג ביז זי פאַלט אַ טויטע פון צווייג אַרונטער, דער קראַגן פון דעם קאָזאַקס העמד איז אָפּגעשפּיליעט, עס שטאַרצן אַרויס זיינע שליסל-

ביינער, ווי קופערנע צוימען, און דער גאַנצער מענטש — ווי אַן אויסגעגאָסענער פון קופער. שאָקלענדיק זיך אויף די דינע פיס, ווי די ערד וואָלט זיך אונטער אים געוויגט, שטייט ער, מאַכנדיק מיט די הענט, אַ בלינדער און אַ קלינגענדיקער. דאַכט זיך, אַז דאָס איז קיין מענטש נישט מער, נאָר אַ טרומייט פון אַ מוזיקאַנט, אַ פייפל פון אַ פּאַסטוך. צייטנווייז פלעגט זיך מיר דוכטן, אַז ער וועט זיך איבערקולען, וועט אַ פאַל טון מיט דער פלייצע אויף דער ערד און וועט שטאַרבן, ווי די זאָריאַנ-קע, — דערפאַר ווייל ער האָט אַריינגעלייגט אין ליד זיין גאַנצע נשמה, זיין גאַנצן כח.

די הענט אין די קעשענעס און אויף הינטן, שטייען די חברים אַרום אים, קוקן שטרענג אויף זיין קופערנעם פנים, קוקן נאָך, ווי זיין האַנט שווימט אין דער לופט און זינגען וויכטיק, געלאַסן, ווי אין קלויסטער ביים עמוד. זיי אַלע — סיי מיט בערד, סיי אָן בערד — זענען בשעת מעשה ענלעך געווען צו די איקאָנעס: אַזוי ווי זיי שטרענגע און אָפּגעזונדערטע פון מענטש. דאָס ליד איז לאַנג, ווי אַ שליאַך, און, ווי אַ שליאַך איז עס אויך גלאַט, ברייט און קלוג; דו הערסט און פאַרגעסט, וואָס איז אויף דער ערד, טאָג אָדער נאַכט, ביסט אַ קליין יינגל צי אַן אַלטער מאַן — דו פאַרגעסט אַלץ! ס׳ווערן פאַרשטומט די זינגער, — ס׳הערט זיך, ווי עס זיפצן די פערד, וואָס בענקען נאָך דער פרייהייט פון די סטעפּעס, ווי עס רוקט זיך אָן שטיל פון די פעלדער די הערבסטיקע נאַכט, און דאָס האַרץ וואַקסט און אָט, דאַכט זיך, צעפּלאַצט עס פון פולקייט מיט עפּעס מאָדנע געפילן און פון גרויסער שטומער ליבע צו מענטשן און צו דער ערד.

דער דאָזיקער קליינער, קופערנער קאָזאַק, איז אין מיינע אויגן נישט געווען קיין געוויינלעכער מענטש, נאָר עפּעס אַ סך מער, — אַ וווּנדערלעך באַשעפעניש, וואָס איז בעסער און הע-כער פון אַלע מענטשן. רעדן מיט אים האָב איך נישט געקאָנט, און ווען ער פלעגט מיך אַמאָל עפּעס פרעגן, פלעג איך אַ גליקלעכער שמייכלען און שעמעוודיק שווייגן. כ׳בין גרייט גע-ווען נאָכצוגיין נאָך אים הכנעהדיק, ווי אַ הונט, נאָר כדי וואָס

עפטער צו זען אים און הערן ווי ער זינגט.

איינמאָל האָב איך געזען, ער שטייט אין א ווינקל פון שטאָל, האַלט אויפגעהויבן די האַנט צום פנים און קוקט אויפן גלאַטן זילבערנעם רינג פון זיין פינגער; זיינע שיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, זיינע קליינע געלע וואָנצעס האָבן געציטערט, זיין פנים איז געווען באַליידיקט און טרויעריק.

איינמאָל, אין אַ פינסטערן אָוונט, בין איך צופעליק אַריין מיט מיינע שטייגלעך אין אַ טראַקטיר, אויפן אַלטן סענער־פּלאַץ — דער שענקער איז געווען אַ הייסער ליבהאָבער פון זינג־פויגלעך און פלעגט זיי אָפט קויפן ביי מיר.

דער קאָזאַק איז געזעסן נעבן בופעט־טיש, אין ווינקל צווישן אויוון און דער וואַנט; נעבן אים איז געזעסן אַ מגושמ־דיקע פרויענצימער, כמעט צוויי מאָל אַזוי גרויס, ווי ער. איר רונד פנים האָט געגלאַנצט, ווי סאַפיאַן, זי האָט אויף אים גע־קוקט מיט פריינדלעכע אויגן פון אַ מאַמען, אַביסל פאַרזאָרגט; ער איז געווען שכור; ער האָט געשאַרט מיט די אויסגעצווי־גענע פיס איבער דער פאָדלאָגע, און דערביי, קענטיק, ביז ווייטיק אָנגעטראָטן דער פרוי אויף די פיס, — זי האָט אויפ־ציטערנדיק געקנייטשט איר פנים און זיך שטיל געבעטן:

— זייט נישט ווילד...

מיט גרויס אָנשטרענגונג פלעגט דער קאָזאַק אויפהויבן די ברעמען, וועלכע פלעגן זיך גלייך ווידער פויל אַרונטער־לאָזן. ס'איז אים געווען הייס. ער האָט פאַנאַנדערגעשפּילעט דעם מונדור און דאָס העמד, אַנטבלויזנדיק זיין האַלז. די פרוי האָט אַראָפּגערוקט פון קאָפּ דאָס טיכל אויף די פּלייצעס, האָט אַוועקגעלייגט אירע קרעפטיקע ווייסע הענט, צונויפקלעמענדיק ביז בלוט־רויט די פינגער. וואָס לענגער כ'האָב געקוקט אויף זיי, אַלץ מער איז ער מיר פאָרגעקומען, ווי אַ פאַרזינדיקטער זון ביי אַ גוטער מאַמען; זי האָט אים עפּעס פריינדלעך און גוט געשטראָפט, און ער האָט פאַרשעמט געשוויגן, — ער האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן אויף די כשר פאַרדינטע שטראָף־רייד.

פלוצלינג האָט ער זיך אַ שטעל אויף געטון, ווי אַן איינ־געביסענער, נישט ריכטיק אָנגעטון דאָס היטל — נידעריק אי־בערן שטערן, — צוגעפּליעסקעט מיט דער האַנט, און נישט פאַרשפּילעטערהייט אַוועק צו דער טיר; די פרוי האָט זיך אויך אויפגעהויבן און איז אַוועק זאָגנדיק דעם שענקער:

— באַלד קערן מיר זיך אום, קוזמיטש.

דער עולם האָט זיי באַגלייט מיט געלעכטער און ליצנות, עמעץ האָט גראָב און האַרב געזאָגט:

— דער לאָצמאַן וועט זיך אומקערן — וועט זי כאַפּן אַ חלק!

איך בין אַוועק גלייך נאָך זיי; זיי זענען געגאַנגען פאָרויס אויף אַ טריט צען פון מיר, אין דער פינסטער, קווער איבער דעם פּלאַץ, אין בלאָטע, אַראָפּלאָזנדיק זיך צום הויכן משופּע־דיקן ברעג פון דער וואָלגע. כ׳האָב געזען, ווי די פרוי גייט און שאָקלט זיך, אונטערהאַלטנדיק דעם קאָזאַק, כ׳האָב געהערט, ווי עס קוואַטשעט די בלאָטע אונטער זייערע פיס; די פרוי האָט זיך שטיל געבעטן.

— אָבער וווהין גייט איר? אָבער וווהין?

כ׳בין נאָכגעגאַנגען נאָך זיי אין דער בלאָטע, כאָטש דאָס איז נישט געווען מיין וועג. ווען זיי זענען דערגאַנגען צום ברעג, פון וואַנען דער וועג האָט זיך פאַרנומען באַרג אַראָפּ, האָט זיך דער קאָזאַק אָפּגעשטעלט, זיך אַ שריט אָפּגערוקט פון דער פרויענצימער, און האָט איר פלוצלינג אַ זעץ געטון אין פּנים; זי האָט מיט שרעק און פאַרוווּנדערט אויסגעשריגן:

— אוי, פאַרוואָס קומט מיר דאָס?

איך האָב זיך אויף דערשראָקן, בין צוגעלאָפן נאָענט צו זיי, דער קאָזאַק האָט אַ כאַפּ געטון קווער איר קערפּער, האָט זי אַריבערגעוואָרפן איבערן פאַרענטש אונטערן באַרג, אַליין אַ שפּרונג געטון נאָך איר, און זיי האָבן זיך ביידע אַראָפּגעקאָלערט אי־בערן גראָז פון שפּוע, ווי אַ שוואַרצע מאַסע. איך בין געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטער, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, צוהערנדיק ווי דאָרט אונטן פּאַצט, רייסט זיך אַ קלייד, ווי עס ריטשעט

ווילד דער קאָזאַק, און אַ שטילע פרויען-שטים מורמלט מיט הפסקות:

— כ'וועל אָנהויבן שרייען... כ'וועל שרייען...

זי האָט הויך, ווייטיקלעך, אַ זיפץ געטון, און עס איז געוואָרן שטיל. כ'האָב אָנגעטאַפּט אַ שטיין און אַראָפּגעשליידערט. דאָס גראָז האָט אַ שאָרך געטון. פון פלאַץ האָט זיך דערהערט, ווי עס האָט דערלאַנגט אַ זעץ די גלעזערנע טיר פון שענק, עמעץ האָט אַ קרעכץ געטון, מסתמא געפאַלן, און ווידער אַ שטיל-קייט, וואָס איז יעדע רגע גרייט מיט עפּעס איבערצושרעקן.

פון אונטערן באַרג האָט זיך באַוויזן אַ גרויסע, ווייסע מאַסע; כליפּענדיק און סאַפּענדיק קריכט זי שטיל נישט-גלייך, אַלץ העכער, — איך דערקען די געשטאַלט פון אַ פרויענצימער. זי קריכט אויף אַלע פיר, ווי אַ שעפּס, איך זע, אַז זי איז ביז העלפט נאַקעט, אירע גרויסע בריסט הענגען אַרונטער און עס דאַכט זיך, אַז זי האָט דריי פּנימער. אָט איז זי דערקראָכן צום פּאָרענטש, האָט זיך אַוועקגעזעצט כמעט נעבן מיר, אָטעמט, ווי אַ דערהיצטער פערד, צורעכטמאַכנדיק אירע צעוואָרפענע האָר. אויף דער ווייסקייט פון איר קערפּער זענען דייטלעך קענטיק די שוואַרצע פלעקן פון בלאָטע, זי וויינט און ווישט זיך די טרערן פון די באַקן, ווי אַ קאַץ, דערזעט מיך און שרייט שטיל אויס:

— אַך, גאָט, — ווער איז דאָס? גיי אַוועק, דו אומפאַר-שעמטער!

כ'בין פאַרשטיינערט און קאָן זיך נישט רירן פון אָרט פון אַ ביטער טרויעריק געפיל — איך דערמאָן זיך די ווערטער פון דער באָבעס שוועסטער:

— אַ פרוי — איז אַ מאַכט, חוה האָט גאָט אַליין אָפּגע-נאַרט...

די פרויענצימער איז אויפגעשטאַנען, האָט מיט די שמאַ-טעס פון איר קלייד צוגעדעקט איר בוזעם און מיט פּאַרקאַ-טשעטע פיס שנעל אַוועק פאָרויס, און פון אונטערן באַרג האָט זיך אויפגעהויבן דער קאָזאַק, האָט געפאָכעט אין דער לופט מיט

ווייסע שמאַטעס, שטיל אַ פייף געטון, זיך צוגעהאָרכט און פריי־לעך אָנגעהויבן רעדן:

— דאַריע! הא? אַ קאָזאַק פירט אַלע מאָל אויס, וואָס ער וויל... דו האָסט געמיינט — שכור? ניי־יין, דאָס האָט זיך דיר נאָר אויסגעדאַכט... דאַריע!

ער שטייט פעסט, זיין שטים — קלינגט ניכטער און מיט חוזק. ער האָט זיך אָנגעבויגן, האָט אָפּגעווישט מיט שמאַטעס זיינע שטיוול און ווידער אָנגעהויבן צו רעדן:

— עי, נעם די בלוזקע... דאַשקע מאַך נישט קיין שטיק...

און דער קאָזאַק האָט הויך אַרויסגערעדט אַ מיאוס וואָרט פאַר אַ פרוי.

איך זיץ אויף אַ קופע שטיינדלעך און הער זיך צו צו דער שטים, וואָס קלינגט אַזוי איינזאַם אין דער נאַכט־שטילקייט און אַזוי גוואַלטיק־הערשעריש.

פאַר די אויגן טאַנצן די לאַמטערן־פייערלעך אויפן פלאַץ; רעכטס פון דער שוואַרצער קופע בוימער דערהויבט דער ווייסער אינסטיטוט פאַר די טעכטער פון אַדל. דער קאָזאַק גייט איבערן פלאַץ, שיטנדיק פויל איינס נאָכן אַנדערן זיינע מיאוסע ווערטער און, ענדלעך, פאַרשווינדט ער, ווי אַ שלעכטער חלום.

אונטן, הינטער דעם שפּוע פון באַרג, אויף דער וואַסער־לייטונג סאָפּעט אַ פאַרע־רערל, איבערן צופאָר־ברוק קאָלערט זיך אַ קייכטע דראָזשקע, אַרום — איז קיין לעבעדיק נפש נישטאָ. אַ פאַרסמטער גיי איך לענג־אויס דעם באַרג־שפּוע, צונויפדריקנ־דיק אין האַנט דעם קאַלטן שטיין, — איך האָב נישט באַוויזן אים אַ שליידער צו טון אויפן קאָזאַק. נעבן קלויסטער פון געאָרג פּאָבעדאָנאָסעץ האָט מיך אָפּגעשטעלט דער נאַכט־וועכטער און בייז פונאַנדערגעפרעגט, ווער איך בין און וואָס איך טראָג אין זאַק הינטערן פּלייצע.

כ׳האָב אים געניי דערציילט וועגן קאָזאַק — ער האָט אָנ־געהויבן הויך צו לאַכן, אויסרופנדיק:

— פיי־ן! די קאָזאַקן, ברודער, זענען אַ געזונט פאָלק,

מיר קאָנען זיך נישט גלייכן מיט זיי! און די פּרויענצימער איז אַ צויג...

ער האָט זיך געקייכט פון געלעכטער, און איך בין אַוועק ווייטער, נישט פאַרשטייענדיק — פון וואָס לאַכט ער דאָ אַזוי?

און כ׳האָב געטראַכט: וואָס וואָלט געווען, ווען אַזאַ זאַך געשעט מיט מיין מאַמען, מיט מיין באָבען?

VIII

ווען ס׳איז אַרויסגעפאַלן אַ שניי, האָט מיך דער זיידע ווידער אָפּגעפירט צו דער באָבעס שוועסטער.

— דאָס איז נישט שלעכט פאַר דיר, נישט שלעכט. — האָט ער מיר איינגערעדט.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פאַרן זומער האָב איך זייער פיל איבערגעלעבט, כ׳בין עלטער און קליגער געוואָרן, און ביי די באַלעבאַטים איז אין דער צייט דער אומעט געוואָרן נאָך שווערער. זיי קרענקען נאָך אַלץ, אַזוי אָפט, ווי אַמאָל, פאַרדאַרבן זיך פון צופיל עסן די מאָגנס, און אַזוי ווי פריער דערציילן זיי איינע די אַנדערע אַלע פרטים וועגן דעם גאַנג פון זייערע קראַנקהייטן, און די אַלטע איז נאָך אַלץ אַזוי מוראדיק מתפלל צו גאָט. די יונגע באַלעבאָסטע איז נאָכן קימפּעט געוואָרן דאַרער, קלענער אין אומפאַנג, אָבער זי גייט נאָך אַלץ אַרום אַזוי חשובדיק, ווי אַ שוואַנגערע. ווען זי גייט פאַר די קינדער וועש, זינגט זי שטענדיק איין און דאָס זעלביקע לידל:

> ספּירי, ספּירי, ספּירידאָן, —
> ספּיריאַ, ברודערל דו מיין,
> איך זעץ אין שליטל זיך אַריין,
> ספּירען — זעץ איך גאָר פון הינטן.

ווען מען גייט אַריין אין צימער, הערט זי גלייך אויף צו זינגען און שרייט מיט צאָרן.

— וואָס דאַרפסטו?

כ׳בין זיכער, אַז קיין אַנדער לידל האָט זי נישט געקענט.

אין אָוונט רופן מיר די באַלעבאַטים אַריין צו זיך אין צימער און זאָגן:

— נו, דערציייל עפּעס, ווי דו האָסט געלעבט אויפן דאַמפער!

איך זעץ זיך אויפן שטול נעבן דער טיר פון טואַלעט-צימער, און הויב אָן דערציילן; דאָ, ווו מ'האָט מיך אַריינגעבראַכט קעגן מיין ווילן, איז מיר אָנגענעם צו דערמאָנען זיך וועגן אַן אַנדער לעבן. איך דערצייל מיט התלהבות, פאַרגעס מיינע צוהערער, אָבער נישט אויף לאַנג; די פרויען, וואָס זענען קיינמאָל נישט געפאָרן אויף אַ דאַמפער, פרעגן מיך:

— און פונדעסטוועגן איז פאָרט אַ מורא?

איך פאַרשטיי נישט — וואָס איז דאָ מורא צו האָבן?

— נו פלוצלינג פאַרקריכט ער אין אַ טיפן אָרט און ווערט דערטרינקען?

דער באַלעבאָס קייכט זיך פון געלעכטער, און איך, — כאָטש איך ווייס, אַז דאַמפערס דערטרינקען זיך קיינמאָל נישט אין טיפע ערטער, — קאָן אָבער די פרויען נישט איבערצייגן דערין. די אַלטע איז זיכער, אַז אַ דאַמפער שווימט נישט, נאָר פאָרט מיט די רעדער איבער גרונט פון טייך, אַזוי ווי אַ וואָגן איבער דער ערד.

— ווייבאַלד ער איז פון אייזן, היינט ווי קאָן ער שווימען? נישקשה, אַ האַק שווימט נישט...

— און אַ קרוג זינגט דאָך נישט אין וואַסער?

— אַ משל! אַ קרוג — איז דאָך אַ קליינער, אַ פוסטער...

ווען איך דערצייל וועגן סמורייען און זיינע ביכער, קוקן זיי אויף מיר פאַרדעכטיק; די אַלטע זאָגט, אַז ביכער פאַרפאַסן נאַראָנים און אפיקורסים.

— און דער תהלים? און דוד המלך?

— תהלים — איז אַ הייליקער ספר, און פאַרן תהלים האָט טאַקע דוד המלך געבעטן מחילה ביי גאָט.

— ווו שטייט עס געשריבן?

— ביי מיר אויף דער דלאָניע, — דו וועסט ביי מיר קריגן איבערן קאָפּ, וועסטו וויסן ווו!

זי ווייסט אַלץ, און רעדט מכוח אַלץ זיכער און תמיד—ווילד.

— אויף פעטשאַרקע איז אַ טאָטער געשטאָרבן. זיין נשמה האָט זיך ביי אים אַרויסגעגאָסן דורכן האַלז, אַ שוואַרצע, ווי דזעגעכץ.

— די נשמה — איז אַ גייסט. — זאָג איך, נאָר זי שרייט מיט פאַראַכטונג:

— ביי אַ טאָטער? טפש!

די יונגע באַלעבאָסטע האָט אויך מורא פאַר ביכער.

— ס'איז זייער שעדלעך צו לייענען ביכער, און איבער־הויפּט, — אין די יונגע יאָרן. — זאָגט זי. — ביי אונז אין גרע־בעשקע האָט אַ יונג מיידל פון אַ פיין הויז כסדר געלייענט און געלייענט ביכער, ביז זי האָט זיך פאַרליבט אין אַ פּאָפּ. האָט איר דעם פּאָפּס ווייב אָנגעמאַכט אַזעלכע בזיונות, — אַ שרעק! אויפן גאַס פאַר אַלעמען אין די אויגן...

צומאָל פלעג איך זיך באַנוצן מיט ווערטער פון סמורייס ביכער; אין איינעם פון די דאָזיקע ביכער, וואָס איז געווען אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף, איז אַזוי געשטאַנען: „אייגענט־לעך, האָט קיינער נישט דערפונדן דעם פּולווער, ווי שטענדיק איז ער אַנטשטאַנען נאָך אַ גאַנצער רייע פון פאַרשידענע קליינע באַאָבאַכטונגען און אַנטדעקונגען".

איך ווייס נישט, פאַרוואָס ס'איז מיר אַזוי געבליבן אין זכרון דער דאָזיקער זאַץ, באַזונדערס איז מיר געפעלן גע־וואָרן דער אויסדרוק „אייגענטלעך"; כ'האָב אין אים געפילט אַ קראַפט, — ער האָט מיר געבראַכט פיל צער, לעכערלעכן צער. עס איז דאָ אַזוינס.

איינמאָל, ווען די באַלעבאַטים האָבן מיך געבעטן, איך זאָל זיי דערציילן נאָך וועגן דעם דאַמפּער, האָב איך גע־ענטפערט:

— כ'האָב שוין, אייגענטלעך... גאָרנישט וואָס צו דערציילן.

דאָס האָט זיי פאַרחידושט און זיי האָבן אָנגעהויבן קראַקען:

— וואָס? ווי האָסטו געזאָגט?

און אַלע פיר צוזאַמען האָבן אויסגעשאָסן אין אַ גע־לעכטער, כסדר איבערחזרנדיק:

— אייגענטלעך... אָ — טאַטעלעך מיינע!
אַפילו דער באַלעבאָס האָט מיר אַ זאָג געטון:
— דו האָסט שלעכט צוגעטראַכט, תּם איינער!
פון דאַן אָן פלעגן זיי מיך כּסדר רופן:
— עי, דו „אייגענטלעך”! גיי נאָר, וויש אָפּ די פּאָדלאָגע, אונטערן קינד, אייגענטלעך...

די נאַרישע ליצנות פלעגט מיך נישט באַליידיקן, נאָר שטאַרק חידושן.

כ'האָב געלעבט אין אַ נעפּל פון טעמפּער בענקשאַפט, און, כּדי איר גובר צו זיין, האָב איך זיך באַמיט וואָס מער צו אַרבעטן. אַרבעט האָט נישט געפעלט, — אין שטוב זענען געווען צוויי קליינע קינדער, די ניאַנקעס פלעגן נישט קאָנען צופרידן שטעלן די באַלעבאַטים, און מען פלעגט זיי אַלע ווייַלע בייטן; איך פלעג זיך אויך עסקן מיט די קינדער, וואַשן אַלע טאָג ווינדעלעך און יעדע וואָך גיין צום זשאַנדאַרם־קוואַל שווענקען וועש, — דאָרט פלעגן מיך אויסלאַכן די וועשינס.

— וואָס האָסטו זיך עפּעס גענומען פאַר אַ וייבערשער אַרבעט?

זיי פלעגן מיך אָפּט אַזוי אַרויסברענגען פון געדולד, אַז איך פלעג זיי שמייסן מיט די נאַסע שטיקער וועש, זיי פלעגן מיר אַפילו גוט צוריק באַצאָלן, נאָר ס'איז געווען מיט זיי פרייַלעך און אינטערעסאַנט.

דער זשאַנדאַרם־קוואַל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ טיפן טאָל און איז אַריינגעפאַלן אין דער אקע. דער טאָל האָט אָפּגעשניטן פון שטאָט דאָס פעלד, וואָס האָט זיך אָנגערופן אויפן נאָמען פון אַ פאַרצייטיקן גאָט — יאַרילאָ. אויף דעם פעלד פלעגן די שטעטישע באַלעבאַטים אין די זיבעטע דאָנערשטיקן נאָך פּסח פּראַווען אַ שמחה; די באָבע פלעגט מיר דערציילן, אַז אין אירע יונגע יאָרן פלעגט דאָס פאָלק נאָך גלויבן אין דעם גאָט יאַרילאָ און ברענגען אים קרבנות: מ'פלעגט נעמען אַ ראָד, אַרומוויקלען זי מיט פאַקעלעס אָנגעשמירטע מיט סמאָלע און מיט געשרייען און געזאַנג אַראָפּגעקייקלט באַרג אַראָפּ,

צוקוקנדיק דערבײַ, צי די ברענענדיקע ראָד וועט זיך צוקייקלען צו דער אָקע. אויב זי וועט זיך צוקייקלען — איז געווען אַ סימן, אַז דער גאָט יאַרילאַ האָט צוגענומען דעם קרבן: ס'וועט זײַן אַ זוניקער און גליקלעכער זומער.

די וועשינס זענען געווען מערסטנטייל פֿון יאַרילא, אַלץ אַזעלכע פֿלינקע, געניטע. זיי האָבן געקענט דאָס גאַנצע לעבן פֿון דער שטאָט, און ס'פֿלעגט זײַן זייער אינטערעסאַנט צו צוהערן זיך צו זייערע געשיכטעס וועגן סוחרים, באַאַמטע, אָפֿיצערן, בײַ וועלכע זיי פֿלעגן אַרבעטן. שווענקען ווינטער וועש אין פֿאַרפֿרוירענעם טײַך, — איז אַ קאַטאָרזשנע אַרבעט; בײַ אַלע פֿרויען פֿלעגן די הענט זײַן אַזוי פֿאַרפֿרוירן, אַז די הויט פֿלעגט זיך שפּאַלטן. אָנגעבויגן אין דרייען פֿלעגן די פֿרויען שווענקען וועש אין דעם קוואַל, וואָס איז געווען אײַנגעצאַמט מיט אַ הילצערנעם קלאָץ אונטער אַן אַלטן צעלעכערטן דאַך, וואָס פֿלעגט זיי אפֿילו נישט שיצן פֿון ווינט. זייערע פּנימער זענען אָנגעגאָסן מיט בלוט, אָנגעצופּט פֿון פֿראָסט; דער פֿראָסט ברענט די נאַסע פֿינגער, וואָס קאָנען זיך נישט צוזאַמענבויגן, פֿון די אויגן רינען טרערן, און די ווײַבער הערן נישט אויף צו פּלוידערן, דערציילנדיק איינע די אַנדערע פֿאַרשידענע געשיכטעס, באַציענדיק זיך צו אַלץ און צו אַלעמען מיט אַ באַזונדער מין העלדישקייט.

בעסער פֿאַר אַלע פֿלעגט דערציילן נאַטאַליע קאָזלאָווסקאַ, אַ פֿרוי פֿון איבער אַ יאָר דרײַסיק, אַ פֿרישע, אַ געזונטע, מיט איראָנישע אויגן און עפּעס אַ זעלטן בויגעוודיק און געשליפֿן צינגל. אַלע אירע חברטעס האָבן זיך גערן צוגעהערט צו איר, מיט איר פֿלעגט מען זיך אַן עצה האַלטן וועגן אַלע ענינים, מ'פֿלעגט איר אַכטן פֿאַר איר פֿלינקייט אין דער אַרבעט, פֿאַר איר פֿײַנער קליידונג, און דערפֿאַר, וואָס זי האָט אָפּגעגעבן איר טאָכטער לערנען אין גימנאַזיע. ווען זי פֿלעגט, אַן אײַנגעבויגענע מיט אירע צוויי קערב נאַסע וועש, זיך אַראָפּלאָזן פֿון באַרג איבערן גליטשיקן וועג, פֿלעגט מען איר פֿרייליך באַגעגענען און פֿרעגן:

— וואָס מאַכט עפּעס די טאָכטער?

— אַ דאַנק, נישקשה, גאָט צו דאַנקען, זי לערנט זיך!

— זע, — זי וועט אויסוואַקסן אַ פּריצטע?

— און טאַקע צוליב דעם לערן איך זי, פונוואַנען נעמען זיך די פּריצים, די אויסגעכאַלעטע צורות? אַלץ פון אונז, פון דעם פּראָסטן המון, פונוואַנען דען אַנדערש? וואָס מער תורה, אַלץ לענגער די הענט, און זיי נעמען מער; און ווער עס נעמט מער, לעבט נאָך זיין באַגער... גאָט שיקט אונז אַרויס אַהער ווי נאַרישע קינדער, און צוריק פאַרלאַנגט ער מיר זאָלן קומען קלוגע זקנים, בכן — מוז מען לערנען!

בעת זי פלעגט רעדן, פלעגן זיך אַלע צוהערן צו אירע גלאַטע, זיכערע רייד. מען פלעגט איר לויבן אין די אויגן און אונטער די אויגן, מ׳פלעגט באַוואונדערן איר סבלנות, איר שכל, אָבער קיינער פלעגט איר נישט נאָכטון. פון אַ כאַלעווע פון אַ שטיוול, האָט זי אַרומגענייט די אַרבל פון איר בלוזקע מיט געלע פעל, — זי האָט דעריבער נישט באַדאַרפט פאַרקאַטשען אירע אַרבל ביז די עלנבויגנס און דערביי זיי אויך נישט פאַרנעצט. אַלע האָבן געזאָגט, אַז זי האָט דאָס זייער גוט צו־געטראַכט, און קיינער האָט דאָס זיך נישט געמאַכט, ווען איך האָב דאָס אָבער יאָ געמאַכט — האָט מען מיך אויסגעלאַכט.

— עך, דו, לערנסט זיך שכל ביי אַ פּרויענצימער!

וועגן איר טאָכטער פלעגט מען זאָגן:

— עט, אַ טייערע מעשה! נו, וועט זיין מיט איין פּריצטע מער, עפּעס אַזוי לייכט איז דאָס? זי קאָן נאָך אַמאָל נישט ענדיקן אויך, וועט אַוועקשטאַרבן...

— די געלערנטע לעבט זיך אויך נישט פויגלדיק: אָט באַכילאָווס טאָכטער האָט זיך געלערנט, געלערנט, און געוואָרן אַ לערערין, נו, און אַז זי איז אַ לערערין — הייסט עס, זי בלייבט אַן אַלטע מויד...

— געוויס, מ׳קאָן אָן בילדונג אויך חתונה האָבן, זאָל נאָר זיין וואָס צו נעמען...

— דער ווייבערשער שול איז נישט אין קאָפּ...

ס'איז עפּעס געווען מאָדנע און נישט ניחא צוצוהערן, ווי זיי רעדן מכּוח זיך אַליין אַזוי אומפאַרשעמט. כ'האָב געוווּסט, ווי עס רעדן וועגן פרויען די מאַטראָסן, סאָלדאַטן, ערד־גרעבער, איך האָב געזען, ווי די מענער באַרימען זיך אָפּט איינער פאַרן צווייטן דערמיט, ווי זיי נאַרן אָפּ קונציק די פרויען און ווי זיי באַנעמען זיך געדולדיק מיט זיי. כ'האָב געפילט, אַז זיי באַציִען זיך צו די „ווייבער" פיינדלעך, נאָר כּמעט שטענדיק האָט זיך אין די געשיכטעס פון מאַנסבילן וועגן זייערע נצחונות געפילט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיר געגעבן אַ רעכט צו טראַכטן, אַז אין זייערע באַרימערייען איז פאַראַן מער פאַנטאַזיע, ווי אמת.

די וועשינס פלעגן זיך נישט דערציילן וועגן זייערע ליבעס־פּאַסירונגען, נאָר אין זייערע אַלע רייד וועגן פויערים, האָב איך געפילט אַ איראָניע און אַ בייזקייט און האָב געטראַכט, אַז אפשר איז דאָס טאַקע ריכטיק: די פרוי — איז אַ קראַפט!

— ווי דו זאָלסט זיך נישט דרייען, מיט וועמען דו זאָלסט זיך נישט חברן, מוזסטו צו דער „ווייב" קומען — וועסט די נישט אויסמיידן! — האָט איינמאָל געזאָגט נאַטאַליאַ, און איינע אַ זקנה האָט צו איר מיט אַ פאַרקילטן קול אַ געשריי געטון:

— צו וועמען דען, אויסער אונז? אפילו פון גאָט אַליין קומט מען צו אונז, אָט די מאָנאַכן, די נזירים...

די דאָזיקע שמועסן אונטער דעם וויינענדיקן געפּלעסק פון וואַסער, שמייסעריי פון נאַסע שמאַטעס, אין דעם טיפן טאָל, אין דעם שמוציקן גרוב, וואָס דער ווינטערדיקער שניי איז אפילו נישט בּיכלות געווען צוצודעקן אים מיט זיין ריינעם צודעק; צו די דאָזיקע אומפאַרשעמטע, בייזע שמועסן וועגן דאָס געהיימע, וועגן דעם, פונוואַנען נעמען זיך די אַלע פעלקער און אומות, — פלעגן אַרויסרופן ביי מיר אַ ציטעריקן עקל, אָפּשטויסנדיק דעם געדאַנק און דאָס געפיל אָן אַ זייט פון די „ראָמאַנען", וואָס זענען צוגעשטאַנען צו מיר פון אַלע זייטן; מיין השגה וועגן „אַ ראָמאַן" איז געווען פעסט פאַרבונדן

מיט דער פאָרשטעלונג וועגן אַ שמוציקער, אויסגעלאַסענער פּאַסירונג.

נאָר פונדעסטוועגן איז אין טאָל, צווישן די וועשינס, אין די קיכן ביי די אָפּיצער-דינערס, אין קעלער ביי די ערד-גרעבער, געווען נישט אין ערך אינטערעסאַנטער, ווי אין דער היים, ווו די פאַרגליווערטע, איינטאָניקע רייד, השגות, געשע-ענישן פלעגן אַרויסרופן נאָר אַ שלעכטע און שווערע לאַנגוויי-ליקייט. די באַלעבאַטים האָבן געלעבט אין אַ פאַרכּשופטן קרייז פון עסן, קראַנקהייטן, שלאָף, אין האַוועניש און הכנות צום עסן און שלאָפן; זיי האָבן גערעדט וועגן עברות, וועגן טויט, פאַר וועלכן זיי האָבן זייער מורא געהאַט, זיי האָבן זיך אַרומ-געדרייט, ווי קערנער אַרום אַ מילשטיין, שטענדיק געוואַרט, אַז אָט אָט וועלן זיי צעריבן ווערן.

אין אַ פרייע מינוט פלעג איך אַוועקגיין אין שייער שפּאַלטן האָלץ, כּדי כאַטש אויף אַ ווײַלע צו בלייבן מיט זיך אַליין, אָבער זעלטן פלעגט זיך עס איינגעבן, — ס'פלעגן קומען די אָפּיצער-דינערס און פלעגן אָנהויבן דערציילן וועגן דעם לעבן אין הויף.

עפּטער פאַר אַנדערע פלעגן צו מיר אין שייער אַריינ-קומען יערמאָכין און סודאַראָוו. דער ערשטער — אַ קאַלוגער, אַ לאַנגער, איינגעבויגענער, אינגאַנצן אויסגעפּלאָכטן פון גראָבע פעסטע אָדערן, מיט אַ קליין קעפּל און טריבע אויגן. ער איז געווען פויל, משונה-נאַריש, פלעגט זיך באַוועגן פּאַמעלעך, אומ-געלומפּערט, און אַז ער פלעגט דערזען אַ פרוי, פלעגט ער מוקען און פלעגט זיך אָנבויגן אויף פאָרנט, ווי ער וואָלט וועלן פאַלן צו אירע פיס. אַלע אויפן הויף פלעגן באַוווּנדערן, ווי שנעל ער קומט ביי די קעכינס, די שטוב-מיידלעך, מ'פלעגט אים מקנא זיין, מורא האָבן פאַר זיין בערישן כּוח. סודאַראָוו איז געווען אַ טולער, אַ מאָגערער און ביינערדיקער, ער איז שטענדיק געווען אומעטיק, גערעדט שטילערהייט, פאָרזיכטיק געהוסט, די אויגן האָבן מיט שרעק געפלאַמט, ער האָט ליב געהאַט אַריינצוקוקן אין טונקעלע ווינקלען; צי ער פלעגט

דערציילן עפעס שטילערהייט, אָדער ער פלעגט זיצן אַ שווייגע־דיקער, נאָר געקוקט האָט ער שטענדיק אין דעם טונקעלערן ווינקל.

— וואָס קוקסטו דאָרט?

— אפשר וועט אַ מויז אַרויסלויפן... כ׳האָב ליב די מייז, זיי קאָלערן זיך אַזוינע שטילינקע...

איך פלעג שרייבן פאַר די אָפּיצער־דינערס בריוו אין דאָרף אַריין; צעטעלעך צו די געליבטע; מער הנאה האָב איך געהאַט צו שרייבן פאַר סידאָראָוון — פּינקטלעך אַלע שבת פלעגט ער שיקן בריוו צו זיין שוועסטער אין טולע.

פאַרבעטנדיק מיך צו זיך אין קיך, פלעגט ער זיך אַוועק־זעצן נעבן מיר ביים טיש, פלעגט שטאַרק איינרייבן מיט די הענט זיין אָפּגעשוירענעם קאָפּ און האָט מיר געשעפּטשעט אויפן אויער:

— נו, קאַטעווע! פון אָנפאַנג — ווי מ׳דאַרף: מיין ליב־האַרציקער שוועסטער זאָל לעבן און געזונט זיין — ווי מ׳דאַרף. איצט שרייב: דעם רובל דערהאַלטן, נאָר דאָס איז נישט נוי־טיק, און איך דאַנק דיר, כ׳דאַרף גאָרנישט, אונדז לעבט זיך גוט, — מיר לעבן גאָר נישט גוט, נאָר ווי הינט, נו, אָבער דו שרייב נישט וועגן דעם, שרייב גוט! זי איז נאָך אַ קליינע, פערצן יאָר סך הכל — צו וואָס דאַרף זי וויסן? איצט שרייב אַליין, ווי מ׳האָט דיך געלערנט...

ער פלעגט זיך אַרויפלייגן אויף מיר פון דער לינקער זייט, האָט מיר הייס און מיט אַ ריח געאָטעמט אין אויער. און נישט אָפּלאָזנדיק געשעפּטשעט:

— זי זאָל זיך נישט לאָזן אַרומנעמען פון בחורים און פאַרטשעפּען פאַר די ברוסט, בשום אופן נישט! שרייב: רעדט ווער מיט דיר פריינטלעך, גלויב אים נישט, דאָס וויל ער דיך אָפּנאַרן, קאַליע מאַכן...

פון אָנשטרענגונג איינצוהאַלטן דעם הוסט פלעגט זיין פּנים ווערן אָנגעגאָסן מיט בלוט, ער פלעגט אָנבלאָזן די באַקן,

די אויגן פלעגן פאַרלויפן מיט טרערן, ער פלעגט זיך דרייען אויפן שטול און האָט מיך געשטויסן:

— דו שטערסט!

— ס׳מאַכט נישט אויס, שרייב!... מער פאַר אַלעמען גלויב נישט די רייכע מענטשן, איינס און צוויי נאַרן זיי אָפּ אַ מיידל. ער קען זיינע ווערטער און קאָן אַלץ זאָגן און, אַז דו ווערסט אים גלויבן — איז דיין אָרט אין אַ באָרדעל. אַז דו ווערסט אָנקלייבן אַ רובל, גיב אַוועק דעם פּאָפּ, ער וועט עס אָפּהיטן, אויב ער איז אַ גוטער מענטש. נאָר בעסער פאַרגראָב אין דער ערד און געדענק — ווו.

ס׳איז געווען זייער טרויעריק צוצוהערן די שטילע רייד, וואָס פלעגן פאַרטויבט ווערן פון דער קוויטשעריי פון בלעכענעם ווענטילאַטאָר און דער פורטקע. איך קוק זיך אַרום אויפן פאַרוויכערטן אויוון, אויף דער שאַפע מיט געשיר, וואָס איז געווען באַזעצט מיט פליגן, — די קיך איז שרעקלעך שמוציק, פול מיט וואַנצן, אָנגעזאַפּט מיטן געפרעגלטן ריח פון אייל, נאַפט און רויך. אויפן אויוון, אין די קינעלעך, שאַרכן די טאַראַקאַנעס, דאָס האַרץ ווערט פול מיט טרויער, ס׳איז מיר אַ ביטערער רחמנות אויפן סאָלדאַט און אויף זיין שוועסטער. צי דען קאָן מען, איז דען גוט אַזוי צו לעבן?

איך שרייב עפּעס, נישט הערנדיק שוין סידאָראָווס שטילע רייד, איך שרייב וועגן דעם, ווי אומעטיק און ביטער עס איז צו לעבן און ער זיפצט זיך אָפּ און זאָגט צו מיר:

— שרייבסט אַ סך, אַ דאַנק! איצט וועט זי שוין וויסן, פאַרוואָס מ׳דאַרף מורא האָבן...

— מ׳דאַרף פאַר קיין זאַך נישט מורא האָבן. — זאָג איך מיט כעס, כאָטש איך אַליין האָב פאַר אַ סך זאַכן מורא.

דער סאָלדאַט לאַכט, הוסטנדיק.

— נאַרעלע! ווי איז דאָס עפּעס נישט מורא האָבן? און — די באַלעבאַטים, און — גאָט? און וייס איך נאָך וואָס!

ווען ער פלעגט באַקומען פון דער שוועסטער אַ בריוו, פלעגט ער אומרויק בעטן:

— כ׳בעט דיך, לייען גיכער...

און ער פלעגט מיך צווינגען איבערצולייענען דעם פאַר־דריסלעך קורצן און פוסטן בריוו, מיט דער קינדערשער האַנט־שריפט, דריי מאָל כסדר.

געווען איז ער אַ גוטער, אַ ווייכער, נאָר צו די פרויען האָט ער זיך באַצויגן פונקט ווי אַלע — הינטיש־פשוט און גראָב. ווילנדיק־נישט־ווילנדיק פלעג איך באַאָבאַכטן די דאָזיקע באַציונגען, וואָס פלעגן זיך אָפט איבערראַשנד שנעל און מנוּוולדיק, פון אָנהויב ביזן סוף, פונאַנדערוויקלען פאַר מיינע אויגן. איך האָב געזען, ווי סידאָראָוו רופט אַרויס ביי די ווייבער אַ רחמנות-געפיל, באַקלאָגנדיק זיין זעלנעריש לעבן, ווי ער פאַרשיכּורט זי מיט פריינטלעכע ליגנס, און נאָך אַלעמען, דערציילנדיק יערמאָכינען וועגן זיין נצחון, קרימט ער זיך און שפייט, ווי ער וואָלט אויסגעטרונקען אַ ביטערע מעדיצין. דאָס פלעגט מיר שניידן איבערן האַרצן, איך פלעג מיט צאָרן פרעגן דעם סאָלדאַט — פאַרוואָס נאַרן זיי אַלע אָפּ די פרוי, זאָגן איר ליגן, דערנאָך מאַכן זיי זי צו בלאָטע גלייך און גיבן זי איבער איינער דעם אַנדערן און אָפט — שלאָגט מען זי אַפילו?

ער פלעגט נאָר שטיל שמייכלען און זאָגן:

— דו דאַרפסט זיך נישט אינטערעסירן מיט אַזעלכע זאַכן, דאָס איז אַלץ שלעכט, דאָס איז אַן עבירה! דו ביסט נאָך אַ קליינער, דו האָסט נאָך צייט...

נאָר איינמאָל האָב איך זיך דערשלאָגן צו אַ דייטלעכערע דערקלערונג, וואָס איז מיר עד היום פאַרבליבן אין זינען.

— דו מיינסט — זיי ווייסן נישט, אַז איך נאַר זיי אָפּ?— האָט ער געזאָגט צווינקנדיק און הוסטנדיק — זי — ווייסט! זי וויל אַליין, מ׳זאָל זי אָפּנאַרן. אַלע נאַרן אין דער זאַך, דאָס איז שוין אַזאַ ענין, ס׳איז אַלעמען אַ חרפה, קיינער האָט קיי־נעם נישט האָלט, נאָר ס׳איז פשוט — אַ שפּיל. דאָס איז שרעק־לעך מיאוס, וואַרט נאָר, דו וועסט זיך אַליין דערוויסן: מ׳דאַרף ס׳זאָל זיין ביינאַכט, און בייטאָג — סיידן אין דער פינסטער, אין אַ קעמערל, יאָ! צוליב דעם האָט גאָט אַרויסגע־

טריבן פון גן־עדן, צוליב דעם זענען אַלע אומגליקלעך...

ער האָט גערעדט אַזוי פיין, אַזוי טרויעריק און מיט אַזאַ הרטה־געפיל, אַז איך האָב אַביסל שלום געמאַכט מיט זיינע ראָמאַנען; איך האָב זיך באַצויגן צו אים אַביסל פריינטלעכער, ווי צו יערמאַכינען, וועלכן כ'האָב פיינט געהאַט און באַמיט זיך אויף אַלערליי אופנים אויסצולאַכן, רייצן, — דאָס פלעגט זיך מיר איינגעבן, און אָפט פלעגט ער מיר נאָכלויפן אויפן הויף מיט בייזע כוונות, וואָס פלעגן זיך אים בלויז צוליב זיין אומ-געלומפערטקייט נישט איינגעבן.

— דאָס טאָר מען נישט. — פלעגט זאָגן סידאָראָוו.

אַז מ'טאָר נישט — האָב איך געוווסט, נאָר, אַז צוליב דעם זענען די מענטשן אומגליקלעך — האָט זיך מיר נישט גע-גלויבט, כ'האָב יאָ געזען, אַז מ'איז אומגליקלעך, כ'האָב אָבער נישט געגלויבט. ווייל כ'פלעג זיך אָפט צוקוקן צו דעם אומ-געוויינלעכן אויסדרוק פון די אויגן ביי פאַרליבטע, כ'האָב גע-פילט די באַזונדערע גוטסקייט פון די פאַרליבטע, ס'איז געווען שטענדיק אַ נחת צוצוקוקן דעם דאָזיקן יום־טוב פון די הערצער.

און פונדעסטוועגן געדענק איך, אַז לעבן האָט זיך מיר אויסגעדאַכט וואָס ווייטער אַלץ לאַנגווייליקער, האַרטער און אויף אייביק אומבאַוועגלעך-פאַרגליווערט אין יענע פאָרמען און באַ-ציִונגען, ווי כ'פלעג עס זען טאָג איין טאָג אויס. כ'האָב נישט געחלומט וועגן עפּעס בעסערס, ווי דאָס, וואָס עס איז איצט, וואָס קומט פאָר אומפאַרמיידלעך יעדן טאָג פאַר די אויגן.

נאָר איינמאָל האָבן מיר די סאָלדאַטן דערציילט אַ גע-שיכטע, וואָס האָט מיך שטאַרק אויפגערודערט. איין איינער פון די דירות האָט געוווינט אַ צושניידער ביי איינעם פון די בעס-טע שניידערס אין שטאָט, אַ שטילער, אַ באַשיידענער, נישט קיין רוסישער. ער האָט געהאַט אַ ווייב, אַ קליינינקע, אָן עקרה, וואָס פלעגט טאָג און נאַכט לייענען ביכער. אויף דעם טומל-דיקן הויף, צווישן די הייזער, וואָס זענען ענג אָנגעפולט מיט שיכורים, האָט געלעבט דאָס פּאָרל שטיל און אומבאַמערקט, נישט אויפגענומען ביי זיך קיין געסט און אַליין אויך אין ערגעץ

נישט געגאַנגען, בלויז אין אַ יום־טוב פלעגן זיי גיין אין טעאַטער.

דער מאַן פלעגט פון אינדערפרי ביז אין אָוונט זיין אויף דער אַרבעט, די פרוי, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ יונג מיידעלע, פלעגט נאָר צוויי מאָל אַ וואָך אַרויסגיין אין ביבליאָטעק, כ׳פלעג אָפט זען, ווי זי גייט מיט קליינע טריטעלעך איבער דער דאַמבע, קאָלערנדיק, ווי זי וואָלט הינקען, מיט ביכער אין רימענס, פונקט ווי אַ גימנאַזיסטקע, אַן איינפאַכע, אַן אָנגעזעענע, אַ נייע און אַ ריינינקע, מיט הענטשקעס אויף די קליינע הענטלעך. זי האָט אַ פויגלש פנים, מיט פלינקע אויגלעך, אַ שיינינקע, ווי אַ פאָרצעלייענע ליאַלקע אויף אַ שפיגלטישעלע. די סאָלדאַטן פלעגן זאָגן, אַז ס׳פעלט איר אַ ריפּ אין דער רעכטער זייט, און דערפאַר קאָלערט זי זיך אַזוי מאָדנע ביים גיין, פאַר מיר איז דאָס גראָד געפעלן געווען, און דאָס האָט זי גלייך אויסגעצייכנט אין מיינע אויגן פון די איבעריקע דאַמען אויפן הויף — פון די אָפיצערישע ווייבער; יענע, נישט קוקנדיק אויף זייערע הויכע שטימען, בונטע, געפוצטע קליידונג און הויכע טורנאַרן, האָבן דאָך אויסגעזען עפּעס ווי אָפּגענוצטע, פונקט ווי זיי וואָלטן לאַנג געווען פאַרלעגן אין אַ פינסטערן קעמערל, צווישן פאַרשידענע אַלטע זאַכן.

די קליינע צושניידערין האָט מען געהאַלטן אויפן הויף פאַר אַ תמעוואַטער. מ׳האָט געזאָגט, אַז זי איז געריכט געוואָרן פון די ביכער און איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז זי קאָן זיך נישט פאַרנעמען מיט דער באַלעבאַטישקייט, איר מאַן גייט אַליין אויפן מאַרק איינקויפן, באַשטעלט אַליין מיטאָג און אָוונטברויט ביי דער קעכין, אַ מגושמדיקע, נישט רוסישע פרוי, אַ מרהשחורהדיקע מיט איין רויט אויג, וואָס איז תמיד פייכט, און מיט אַ שמאָלן ראָזן שפּאַלט, אָנשטאָט דאָס צווייטע. די באַלעבאָסטע אַליין — האָט מען זיך דערציילט — קאָן אַפילו נישט אונטערשיידן צווישן שעפּסענע און קעלבערנע פלייש און האָט זיך אַמאָל מיאוס אָפּגענאַרט, קויפנדיק אָנשטאָט פּעטרושקע, כריין!

שטעלט אייך נאָר פאָר, סאַראַ שרעק!

זיי אַלע דריי זענען געווען פרעמדע אין דעם הויז, אַזוי ווי זיי וואָלטן צופעליק אַריינגעפאַלן אין איינעם פון די שטייגן פון דעם דאָזיקן גרויסן הינערקאַסטן, פונקט ווי די מייזען, וואָס ווילן זיך ראַטעווען פון פראָסט און פליען אַריין דורך אַ פורטקע אין אַ פאַרשפאַרטער, שמוציקער מענטשלעכער דירה.

און פלוצלינג האָבן מיר די אָפּיצער-דינערס דערציילט, אַז די אָפּיצערן האָבן אָנגעפאַנגען מיט דער צושניידערין אַ באַלייִדיקנד בייז שפּיל: כמעט יעדן טאָג גיט איר ווער פון זיי אײבער אַ צעטעלע, ווו ער דערקלערט זיך איר אין ליבע, שרייבט וועגן זיינע ליידן און וועגן איר שיינקייט. זי ענטפערט און בעט מ'זאָל זי לאָזן צורו, באַדויערט, וואָס זי האָט זיי פאַרשאַפט צער און בעט ביי גאָט, ער זאָל זיי העלפן, אַז זיי זאָלן זי אויפהערן צו ליבן. ווען זיי באַקומען אַזאַ צעטעלע, לייענען עס די אָפּיצערן אַלע צוזאַמען, לאַכן זיך אויס פון דער פרוי און שרייבן אָן צוזאַמען אַ בריוו אין נאָמען פון אַן אַנדער פערזאָן.

דערציילנדיק די דאָזיקע געשיכטע, האָבן אויך די אָפּיצער-דינערס געלאַכט און געזידלט די צושניידערין.

— אַ נאַרישוואַטע נעבעך, אַ הינקעדיקע, — פלעגט זאָגן יערמאָכין אויף זיין באַס, און סידאָראָוו פלעגט אים שטיל צובאַמקען:

— יעדע פרוי וויל מ'זאָל זי אָפּנאַרן. זי ווייס אַלץ...

מיר האָט זיך נישט געגלויבט, אַז די צושניידערין זאָל ווייסן, אַז מען לאַכט זיך אויס פון איר און האָב תיכף באַשלאָסן צו געבן איר צו וויסן וועגן דעם. ווען כ'האָב באַמערקט, אַז איר קעכין איז אַראָפּ אין קעלער, האָב איך זיך דורך דער הינטערטרעפּ פלינק אַריינגעכאַפּט אין דער דירה פון דער קליינער פרוי, בין אַריין אין קיך — דאָרט איז געווען פוסט, בין אַריין אין די צימערן — די צושניידערין איז געזעסן ביים טיש, אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ שווערע באַגילדטע שאָל, אין דער אַנדער האַנט — אַן אָפן בוך; זי האָט זיך דערשראָקן, האָט

צוגעדריקט דאָס בוך צום האַרצן און האָט אָנגעהויבן שטיל צו שרייען:

— ווער איז דאָ? אַוגוסטע, דאָס ביסטו?

כ׳האָב אָנגעהויבן גיך און פאַרווירט צו רעדן מיט איר, מיינענדיק, אַז אָט דערלאַנגט זי מיר מיט דער שאַל אָדער מיטן בוך. זי איז געזעסן אין אַ גרויסן מאַלינע־רויטן פּאָטעל, אָנגעטון אין אַ הימל־בלויען קאַפּאָט, אונטן מיט פרענדזעלעך און מיט שפּיצן ביים קראַגן און ביי די אַרבל; איבער די אַקסלען האָט זי פונאַנדערגעלאָזן אירע טונקל־בלאָנדע געפאַליעטע האָר. זי איז געווען ענלעך אויף אַ מלאך אויף די קייזערלעכע טירן. צוגעטוליעט צום ווענטל פון פּאָטעל, האָט זי געקוקט אויף מיר מיט רונדע אויגן, צוערשט בייז, דערנאָך פאַרחידושט, מיט אַ שמייכל.

ווען כ׳האָב איר אַלץ אַרויסגעזאָגט, וואָס איך האָב געוואָלט, און פאַרלירנדיק די דרייסטקייט, זיך אַ קער געטון צו דער טיר, האָט זי מיך אַ רוף געטון.

— וואַרט!

האָט אַוועקגעשטעלט די שאַל אויפן טאַץ. אַ שליידער געטון דאָס בוך אויפן טיש, צונויפגעלייגט די הענטלעך און גענומען רעדן מיט אַ קול פון אַ דערוואַקסענער:

— סאַראַ מאָדנע יינגל דו ביסט... קום אַהער נענטער!

כ׳האָב זיך זייער פאָרזיכטיק צוגערוקט, זי האָט אָנגענומען מיין האַנט און, גלעטנדיק מיט אירע קליינע קאַלטע פינגער, געפרעגט:

— דיך האָט דאָס קיינער נישט אויסגעלערנט מיר צו זאָגן? נו, גוט, איך גלויב דיר — דיר איז דאָס אַליין איינגעפאַלן...

זי האָט אַרויסגעלאָזן מיין האַנט, פאַרמאַכט די אויגן און שטיל געלאַסן געזאָגט:

— אַזוי רעדן וועגן דעם די שמוציקע סאָלדאַטן!

— איר האָט זיך געדאַרפט אַרויסקלייבן פון דער דירה.— האָב איך איר מעשה מענטש געעצהט.

— פאַרוואָס?

— זיי וועלן אייך בייקומען.

זי האָט זיך ליבלעך פונאַנדערגעלאַכט, דערנאָך געפרעגט:

— דו האָסט זיך געלערנט? לייענסטו גערן ביכער?

— כ׳האָב קיין צייט נישט צו לייענען.

— ווען דו וואָלסט ליב געהאַט, וואָלט זיך געפינען צייט. נו — אַ דאַנק!

זי האָט מיר אויסגעשטרעקט אירע צונויפגעלייגטע פינגער מיט אַ זילבערנער מטבעה, — ס׳איז מיר געווען אַ בזיון צו נעמען דעם דאָזיקן קאַלטן חפץ, כ׳האָב אָבער נישט געוואַגט זיך צו אַנטזאָגן פון דעם און, אַוועקגייענדיק, האָב איך זי אַוועקגעלייגט אויף אַ סלופּל פון דעם טרעפּ-פּאָרענטש.

כ׳בין אַוועק מיט אַ ניי טיף געפיל פון דער פרוי; ס׳איז פּאַר מיר עפּעס, ווי אַ מאָרגנשטערן אויפגעגאַנגען, און עטלעכע טעג כסדר האָב איך געלעבט אין פרייד, דערמאָנענדיק זיך אין דעם גערוימיקן צימער מיט דער צושניידערין אין איר הימל-בלויען קאַפּאָט, ענלעך צו אַ מלאך. אַרום איר איז אַלץ געווען אומבאַקאַנט-שיין, אַ פיינער גאָלדיקער טעפּיך איז געלעגן אונטער אירע פיס, דורך די זילבערנע שויבן פון די פענסטער האָט אַרייַנגעקוקט דער ווינטערדיקער טאָג, וואָס האָט זיך געוואַרעמט נעבן איר.

מיר האָט זיך פאַרוואָלט נאָך איינמאָל אַ קוק טון אויף איר, — וואָס וועט זיין, אויב איך וועל אַריין בעטן אַ בוך ביי איר?

כ׳האָב דאָס געטון און האָב זי ווידער געטראָפן אויפן זעלבן אָרט, נאָר מיט אַ פאַרבונדענער באַק און אַ געשוואָלן אויג. ווען זי האָט מיר דערלאַנגט אַ בוך אין אַ שוואַרצן איינבונד, האָט זי עפּעס שטיל און אומדייטלעך אַ מורמל געטון. איך בין אַוועק אַן אומעטיקער, טראָגנדיק דאָס בוך, פון וועלכן ס׳האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון קרעאָזאָט און אַניס-טראָפּנס. דאָס בוך האָב איך באַהאַלטן אויפן בוידעם, איינגעוויקלט אין אַ ריין העמד און אין אַ פּאַפּיר, מורא האָבנדיק, די באַלעבאַטים זאָלן אים נישט צונעמען און נישט צעשעדיקן.

„די ניוואַ״ פלעגן זיי באַקומען צוליב די שניט-מוסטערן און פרעמיעס, זיי פלעגן נישט לייענען, נאָר איבערקוקן די בילדער און באַהאַלטן אין שלאָף-צימער אויף דער שאַפע, און צום סוף יאָר פלעגט מען דאָס איינבינדן און באַהאַלטן אונ-טערן בעט, ווו ס׳האָבן זיך שוין געוואַלגערט דריי בענדער פון דער „זשיוואָפיסנאָיע אָבאָזרעניע״. ווען כ׳פלעג וואַשן אין שלאָף-צימער די פאָדלאָגע, פלעגט אונטער די ביכער אַרונטעררונען דאָס שמוציקע וואַסער. דער באַלעבאָס פלעגט אויסשרייבן אַ צייטונג „דער רוסישער קוריער״, און אין אָוונט, ווען ער פלעגט זי לייענען, פלעגט ער זיך זידלען:

— דער טייוול ווייסט זיי צו וואָס זיי שרייבן דאָס אַלץ! ס׳איז דאָך שרעקלעך לאַנגווייליק...

שבת, אויפהענגענדיק די וועש אויפן בוידעם, האָב איך זיך דערמאָנט וועגן בוך, האָב עס אַרויסגענומען, אויפגעוויקלט און איבערגעלייענט די ערשטע שורה: „הייזער — זענען אַזוי ווי מענטשן: איטלעכס האָט זיך זיין אייגן אויסזען״. דאָס האָט מיך פאַרוווּנדערט מיט דעם אמת, וואָס איז געווען אין די ווערטער, כ׳האָב געלייענט ווייטער שטייענדיק ביים פענ-סטער, געלייענט, ביז כ׳בין פאַרפרוירן געוואָרן, און פאַרנאַכט, ווען די באַלעבאַטים זענען אַוועק אויף אַ גאַנצע נאַכט אין קלויסטער, האָב איך אַראָפּגעטראָגן דאָס בוך אין קיך און בין פאַרזונקען אין די געלע אָפּגענוצטע בלעטער, ווי די בלעטער אין הערבסט. זיי האָבן מיך לייכט אַוועקגעפירט אין אַן אַנדער לעבן, מיט נייע נעמען און נייע באַציונגען, אויסמאָלנדיק פאַר מיר גוטע העלדן, פינסטערע רשעים, וואָס זענען נישט ענלעך צו מיינע אַרומיקע מענטשן. דאָס איז געווען אַ ראָמאַן פון קסאַוויע דע-מאָנטעפען, אַ לאַנגער, ווי אַלע זיינע ראָמאַנען, רייך אין פערזאָנען און דערשיינונגען, וואָס האָט געשילדערט אַן אומ-באַקאַנט, אימפעטיק לעבן. אַלץ אין ראָמאַן איז געווען ווונדער-לעך פשוט און קלאָר, עפּעס אַ שיין, וואָס האָט זיך באַהאַלטן צווישן די שורות, האָט באַלויכטן אי דאָס גוטע, אי דאָס שלעכ-טע, העלפנדיק ליבן און האַסן, צווינגענדיק אָנגעשטרענגט נאָכ-צוגיין נאָך די גורלות פון די מענטשן, וואָס זענען פאַרפלאָנ-

טערט אין איין קנוף. ס׳האָט זיך גלייך דערוועקט אַ שטאַרקער פֿאַרלאַנג, איינעם צו העלפֿן, אַ צווייטן צו שטערן, פֿאַרגעסנדיק אינגאַנצן, אַז דאָס נייע לעבן, וואָס האָט זיך דאָ פֿאַר מיר פּלוצלינג געעפֿנט, איז דורך און דורך אַ פּאַפּירנס, אַלץ איז פֿאַרגעסן געוואָרן אינם לויף פֿון קאַמף, דאָס האַרץ איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן אויף איין זייט — פֿון פֿרייד, אויף דער צווייטער — פֿון צער.

כ׳האָב זיך אַזוי פֿאַרטיפֿט אין לייענען, אַז, בעת כ׳האָב דערהערט קלינגען אין פֿאַראַדנעם גאַנג, האָב איך זיך נישט גלייך געכאַפּט, ווער און צוליב וואָס מ׳קלינגט.

דאָס ליכט האָט שוין כמעט אויסגעברענט, דער לייכטער, וועלכן כ׳האָב ערשט אינדערפֿרי געהאָט אויסגעפּוצט, איז געווען אינגאַנצן פֿאַרגאָסן מיט חלב; דאָס קנויטל פֿון לעמפּל, אויף וועלכן כ׳האָב באַדאַרפֿט אַכטונג געבן, האָט זיך אַרויסגערוקט און איז אינגאַנצן פֿאַרלאָשן געוואָרן. איך בין אַרומגעלאָפֿן איבער דער קיך, באַמיענדיק זיך צו פֿאַררייבן די שפּורן פֿון מיין פֿאַרברעכן. כ׳האָב אַריינגערוקט דאָס בוך אין אַ לאָך אונטערן אויוון און אָנגעהויבן פֿאַרריכטן דאָס לעמפּל. פֿון די צימערן איז אַרויסגעשפּרונגען די ניאַניע.

— ביסט טויב? מען קלינגט דאָך!

כ׳בין געלאָפֿן עפֿענען די טיר.

— ביסט געפּגרט? — האָט שטרענג געפֿרעגט דער באַלעבאָס; זיין ווייב האָט זיך שווער אויפֿגעהויבן אויף די טרעפּ און האָט זיך געקלאָגט, אַז איך האָב זי פֿאַרקילט, די אַלטע האָט זיך געזידלט. אין קיך האָט זי תּיכּף באַמערקט דאָס אָנגעצונדענע ליכט און מיך אָנגעהויבן אויספֿרעגן, וואָס כ׳האָב געטון.

כ׳האָב געשוויגן, ווי כ׳וואָלט אַראָפּגעפֿאַלן פֿון הימל, אינגאַנצן אַ צעבראָכענער, אין איין שרעק, אַז זי וועט געפֿינען דאָס בוך, און זי האָט געשריגן, אַז איך וועל אונטערצינדן דאָס הויז. דער באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע זענען אַריין עסן אָוונטברויט, די אַלטע האָט מיך פֿאַרמסרט פֿאַר זיי:

— אָט זעט, ער האָט דאָס גאַנצע ליכט אויסגעברענט און וועט נאָך דאָס הויז אויך פֿאַרברענען...

ביים עסן האָבן זיי אַלע פיר מיך געזעגט מיט זייערע צינגער, דערמאָנענדיק מיר אַלע חטאים מיינע, דראָענדיק, אַז איך וועל אומקומען, כ׳האָב אָבער געוווּסט, אַז זיי רעדן דאָס נישט פון גוטסקייט און נישט פון שלעכטסקייט, נאָר פשוט פון לאַנגווייליקייט. און עפּעס מאָדנע איז געווען צו זען, ווי פּוסט און לעכערלעך זיי זענען אין פאַרגלייך מיט די מענטשן פון בוך.

אָט האָבן זיי אָפּגעגעסן, אָפּגעלאָזן פון זאַטקייט און מידע זיך פונאַנדערגעגאַנגען שלאָפן; די אַלטע האָט נאָך מיט אירע טענות אַ ביסל באַאומרויקט דעם רבונו של עולם, נאָכדעם איז זי אַרויפגעקראָכן אויפן אויוון און אַנטשוויגן געוואָרן. דאַן בין איך אויפגעשטאַנען, אַרויסגענומען דאָס בוך, צוגעגאַנגען צום פענסטער; די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, די לבנה האָט אַריינגעשיינט גלייך אין פענסטער, נאָר שריפט איז געווען צו קליין פאַרן אויג. און לייענען האָט זיך מוראדיק געוואָלט. כ׳האָב אַראָפּגענומען פון פּאָליצע אַ קופּערנע פאַן, די שיין פון דער לבנה זאָל שטאַרקער אָפּשלאָגן אויפן בוך — אָבער ס׳איז נאָך ערגער געוואָרן, טונקעלער. דאַן בין איך אַרויפגעקראָכן אויף דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל ביי די הייליקע בילדער, און, שטייענדיק, אָנגעהויבן צו לייענען ביי דער שיין פון דעם נר-תמיד און בין אַ מידער איינגעשלאָפן, אַראָפּלאָזנדיק זיך אויף דער באַנק. אויפגעכאַפּט האָב איך זיך פון דער אַלטערס געשרייען און שטורכן. האַלטנדיק דאָס בוך אין האַנט, אַ באָרוועסע, אין איין העמד, אַ רויטע פון כעס, האָט זי מיטן בוך געהאַקט איבער מיין רוקן און צאָרנדיק געטרייסלט מיט איר געלן קאָפּ. וויקטאָר האָט פון דער הענג-בעט אַראָפּ געיאָמערט:

— מאַמע, גוואַלדעוועט נישט אַזוי! עס איז דאָך נישט אויסצוהאַלטן...

„אַן עק מיט מיין בוך, זיי וועלן עס צערייסן״ — האָב איך געטראַכט.

אינדעדפרי, ביים טיי, האָט מען מיך געמשפּט. דער באַ-

לעבאָס האָט שטרענג געפרעגט:

— ווו האָסטו גענומען דאָס בוך?

די ווייבער האָבן געשריגן, איבערהאַקנדיק איינע די אַנ-דערע. וויקטאָר האָט מיט חשד געשמעקט די זייטלעך און געזאָגט:

— עס שמעקט מיט פּאַרפומע, אויף מיין ערן וואָרט...

ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז דאָס בוך געהערט דעם גלח, האָבן זיי עס אַלע נאָך אַמאָל אַרומגעקוקט, פאַרווּנדערט און בייז, וואָס אַ גלח לייענט ראָמאַנען, פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך אַ ביסל באַרויקט, הגם דער באַלעבאָס האָט נאָך לאַנג אין מיר אַריינגערעדט, אַז לייענען איז שעדלעך און געפערלעך.

— אָט האָסטו, די לעזער דיינע, זיי האָבן דאָך אויפגע-ריסן די באַן-שינעס און געוואָלט מענטשן דערהרגענען.

די באַלעבאָסטע האָט מיט שרעק און כּעס אָנגעשריגן אויפן מאַן:

— דו ביסט משוגע געוואָרן! וואָס דערציילסטו פאַר אַ מעשׂות?

כ'האָב אָוועקגעטראָגן מאָנטעפּענען צו אַ סאָלדאַט און האָב אים דערציילט די גאַנצע מעשׂה, — סידאָראָוו האָט גענומען דאָס בוך, האָט שווייגעדיק געעפנט זיין קליין קופערטל, אַרויס-גענומען אַ ריין האַנטטוך, איינגעוויקלט דאָס בוך, באַהאַלטן אין קעסטל און געזאָגט צו מיר:

— הער זיי נישט — קום צו מיר לייענען, כ'וועל קיינעם נישט דערציילן! טאָמער קומסטו — און כ'בין נישטאָ, הענגט דער שליסל הינטערן הייליקן בילד, עפן דאָס קעסטל און לייען...

זעענדיק ווי די באַלעבאַטים באַציִען זיך צו אַ בוך, איז עס, פאַרקערט, אין מיינע אויגן שטאַרק דערהויבן געוואָרן ביז צו אַ גוואַלדיקער און וויכטיקער געהיימניס. דאָס, וואָס עמעץ פון „די לעזער" האָט דאָרט אויפגעריסן די באַן-שינעס, כּדי צו דערהרגענען עמעצן, האָט מיך בכלל נישט פאַראינטערעסירט, כ'האָב זיך אָבער דאַן דערמאָנט דעם גלחס פראַגע ביים וידוי, דעם גימנאַזיסט מיטן בוך אין קעלער, די רייד פון סמורייען,

וועגן „רעכטע ביכער" און אויך דעם זיידנס רייד וועגן די כשופמאַכער-מאַסאָנען.

— און אין די צייטן פון דעם געבענטשטן קייזער אַלעק-סאַנדער פּאַװלאָװיטש, פאַרפירט דורך כשוף און פריימויערײ, האָבן די פּריצימלעך באַשלאָסן איבערצוגעבן דאָס גאַנצע רוסי-שע פאָלק אין די הענט פון דעם רוימישן פּויפּסט, די יעזואיטן; אָבער דאָ האָט זיי דער גענעראַל אַרבאַטשעיעװ אַלעמען געכאַפּט ביי דער האַנט, און, נישט קוקנדיק אויף קיין ראַנג און טיטול, פאַרשיקט אין סיביר, אויף קאַטאָרגע, ווו עס איז פון זיי גע-וואָרן אַ תל...

(ס'איז מיר אַרויף אויפן זינען) „אומבראַקול, דער פּאַר-פּוצטער מיט שטערנדלעך", „גערוואַסי" און די פייערלעכע, אָפּ-שפּאָטנדיקע ווערטער:

„איר פּראָסטאַקעס, וואָס זענען נייגיריק צו וויסן אונזערע קיינמאָל וועלן אייערע קורצזיכטיקע אויגן נישט דער-זען זיי".

כ'האָב געפילט, אַז איך שטיי ביים שוועל פון גרויסע געהיימניסן און בין געוועזן ווי משוגע. ס'האָט זיך געוואָלט ענ-דיקן לייענען דאָס בוך, מורא געהאַט עס זאָל נישט פאַרפאַלן ווערן ביים סאָלדאַט, אָדער ער זאָל עס, חלילה, נישט צעשע-דיקן. וואָס וועל איך דאַן זאָגן דער צושניידערין?

און די אַלטע האָט מיך געגריזשעט און נאָכגעקוקט מיט צען אויגן, כ'זאָל נישט לויפן צום אָפיצער-דינער.

— קענער מיינער! אָט, די ביכער-מענטשן דערפירן אַלע-מען צו אויסגעלאַסנקייט, קוק נאָר אויף איר, די ביכער-לעזערין, זי קאָן דאָך אפילו אַליין אויפן מאַרק נישט צוגיין, נאָר מיט אָפיצערן אַרומדרייען זיך—דאָ יאָ, בייטאָג נעמט זי זיי אויף, כ'ווייס!

מיר האָט זיך געוואָלט אויסשרייען:

— ס'איז נישט אמת! זי דרייט זיך נישט...

כ'האָב אָבער מורא געהאַט צו פאַרטיידיקן די צושניידערין

— די אַלטע קאָן זיך נאָך כאַפּן, אַז ס'איז איר בוך?

עטלעכע טעג האָט זיך מיר געלעבט גוואַלדיק שלעכט;

כ׳בין געוואָרן צעשטרייט, אומעטיק, פלעג נישט קאָנען איינ־שלאָפן, מורא האָבנדיק פאַרן גורל פון בוך, און פלוצלינג, איינמאָל, האָט מיר די צושניידערין אָפגעשטעלט אויפן הויף און געזאָגט:

— טראָג אָפּ דאָס בוך!

כ׳האָב אויסגעקליבן אַ צייט נאָך מיטאָג, ווען די באַלע־באַטים לייגן זיך אָפּרוען, און בין אַריין צו דער צושניידערין אַ פאַרשעמטער, אַ באַדריקטער.

כ׳האָב זי געטראָפן, ווי צום ערשטן מאָל, נאָר אַנדערש אָנגעטון: אין אַ גרויען קליידל, אין אַ שוואַרצער, סאַמעטענער בלוזע מיט אַ טירקיס־צלם אויפן אָפענעם האַלז. זי האָט אויס־געזען ווי די „זי״ פון דעם קלויסטער־גלחל.

ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז איך האָב נאָך נישט באַ־וויזן איבערצולייענען דאָס בוך, ווייל די באַלעבאַטים פאַרבאָטן מיר צו לייענען, זענען בשעת מעשה, פון פאַרדרוס און פון שמחה, וואָס איך זע זי ווידער, מיינע אויגן פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן.

— פּ־פע, סאַראַ נאַרישע מענטשן! — האָט זי געזאָגט, פאַרציענדיק אירע שמאָלע ברעמען. — און דיין באַלעבאָס האָט נאָך אַזאַ אינטערעסאַנט פּנים! דו וואַרט, עס זיך נאָך נישט אָפּ דאָס האַרץ, כ׳וועל באַקלערן, כ׳וועל אים אָנשרייבן!

דאָס האָט מיך איבערגעשראָקן, כ׳האָב איר דערקלערט, אַז איך האָב אָפּגענאַרט די באַלעבאַטים און געזאָגט, אַז דאָס בוך האָב איך גענומען נישט בײַ איר, נאָר בײַם גלח.

— שרייבט נישט, מ׳דאַרף נישט — האָב איך איר גע־בעטן — זיי וועלן זיך אויסלאַכן פון אייך און וועלן אייך זי־דלען. אויפן הויף לאַכן דאָך אַלע אָפּ פון אייך, מ׳זאָגט, איר זענט אַ נאַרישעוואַטע און ס׳פעלט אייך אַ ריפּ...

און אויסשיסנדיק אַלץ מיטאַמאָל, האָב איך תיכף פאַר־שטאַנען, אַז כ׳האָב צופיל אָנגערעדט, וואָס עס קאָן זי באַליי־דיקן — זי האָט פאַרביסן די אויבערשטע ליפּ, האָט זיך אַ פּאַטש געטון איבער דעם אויבערשענקל, ווי זי וואָלט געריטן

אויף אַ פערד. כ׳האָב זיך פאַרשעמט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, כאָטש נעם און באַגראָב זיך אויפן אָרט, נאָר די צושניי־דערין האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף אַ שטול, האָט זיך פריי־לעך צעלאַכט און געזאָגט:

— אוי, ווי נאַריש... ווי נאַריש! אָבער וואָס טוט מען! — האָט זי זיך אַליין אַ פרעג געטון, געקוקט אויף מיר, אַ זיפץ געטון און געזאָגט:

— דו ביסט אַ מאָדנער יינגל, זייער אַ מאָדנער...

אַ בליק טוענדיק אין שפּיגל נעבן איר, האָב איך דער־זען אַ ברייטקנאָכיק פּנים מיט אַ ברייטער נאָז, מיט אַ בלויען בייל אויפן שטערן, די פאַרלאָזענע האָר זענען אַרויסגעקראָכן אין אַלע זייטן, אין פאַסמעס — אָט דאָס הייסט „זייער אַ מאָד־נע יינגל״?.., דער מאָדנער יינגל איז גישט ענלעך אויף דעם קליינעם פאָרצעלייענעם פיגורל...

— דו האָסט דעמאָלסט נישט צוגענומען דאָס גרעשעלע, וואָס כ׳האָב דיר געגעבן, פאַרוואָס?

— כ׳דאַרף נישט.

זי האָט אַ זיפץ געטון.

— נו, וואָס זאָל מען טון! אויב מ׳וועט דיר דערלויבן צו לייענען, קום צו גיין, וועל איך דיר געבן ביכער...

אויפן שפּיגל־טישל זענען געלעגן דריי ביכער; יענץ, וואָס איך האָב אָפּגעבראַכט איז געווען דאָס דיקסטע. כ׳האָב מיט צער געקוקט אויף אים. די צושניידערין האָט מיר דערלאַנגט איר קליין ראָז הענטל.

— נו, אַדיע!

איך האָב זיך פאָרזיכטיק צוגערירט צו איר האַנט און בין שנעל אַוועק.

און אפשר איז טאַקע אמת, וואָס מ׳זאָגט אויף איר, אַז זי פאַרשטייט גאָרנישט, — אָט האָט זי די צוואַנציק קאָפּיקענע מטבע, אָנגערופן גרעשעלע,*) ווי אַ קינד.

מיר איז דאָס אָבער געפעלן געווען...

---

*) אין רוסישן „דענעשקע״, אַ נאָמען פון אַ קליינער מטבע, די איבערז.

IX

ס׳ווערט מיר טרויעריק און לעכערלעך, ווען איך דערמאַן זיך, וויפיל שווערע בזיונות, חרפות און זאָרג ס׳האָט מיר גורם געווען מיין אויפגעפלאַמטע תשוקה צום לייענען!

דער צושניידערינס ביכער זענען מיר פאָרגעקומען צו טייער, און, מורא האָבנדיק, אַז די אַלטע באַלעבאָסטע קאָן זיי פאַרברענען אין אויוון, האָב איך גאָרנישט געוואָלט קלערן וועגן זיי און האָב אָנגעהויבן נעמען קליינע בונטע ביכלעך אין קראָם, וווּ כ׳פלעג איינדערפרי איינקויפן ברויט צום טיי.

דער קרעמער איז געווען זייער אַן אומסימפּאַטישער בחור — מיט גראָבע ליפּן, אַ פאַרשוויצטער, מיט אַ ווייס פאַרוויאַנעט פנים, וואָס איז געווען אינגאַנצן באַדעקט מיט שקראָפּעלעזע צייכנס און פלעקן, מיט ווייסע אויגן און מיט קורצע אומגעלומפּערטע פינגער אויף זיינע פולע הענט. צו אים אין געוועלב פלעגן זיך אין אָוונט צונויפקלייבן יינגלעך און צעלאָזענע מיידלעך פון גאַס; מיין באַלעבאָס ברודער פלעגט אויך כמעט יעדן אָוונט גיין אַהין, טרינקען ביר און שפּילן אין קאָרטן. אָפט פלעגט מען מיך אַהין שיקן רופן אים צום אָוונטברויט און, נישט איינמאָל, האָב איך געטראָפן, ווי אין קליינעם ענגן קעמערל, וואָס הינטערן געוועלב, זיצט דעם קרעמערס נאַרישעוואַטע, רויטע ווייב אויף די קני ביי וויקטאָרושקען, אָדער ביי אַן אַנדער בחור, קענטיק, אַז דאָס פלעגט דעם קרעמער נישט באַליידיקן; ער פלעגט זיך אויך נישט באַליידיקן, ווען די סאָלדאַטן, משוררים, און ווער עס האָט חשק געהאַט, פלעגן פעסט אַרומנעמען זיין שוועסטער, וואָס האָט אים געהאָלפן ביים פאַרקויפן. סחורה איז געווען ווייניק אין געוועלב, ער פלעגט דאָס דערקלערן דערמיט, וואָס עס איז נאָך אַ ניי געשעפט, — ער האָט נאָך נישט באַוויזן ווי געהעריק עס איינצואָרדנען, כאָטש דאָס געוועלב איז שוין געווען

אָפּן פון הערבסט אָן. ער פלעגט באַווייזן זיינע קונים-געסט פּאָרנאָגראַפישע בילדלעך און פלעגט לאָזן אָפּשרייבן די אומ-פּאַרשעמטע פערזן.

איך האָב געלייענט מישע יעווסטיגנעוס פוסטע ביכ-לעך, צאָלנדיק אַ קאָפּיקע פאַר איבערלייענען. דאָס איז געווען צו טייער, און כ׳האָב פון זיי קיין שום הנאה נישט געהאַט. „גואַק, אָדער די אומבאַזיגטע טרייהייט״, „פראַנצייל ווענעציאַן״, „די מלחמה צווישן די רוסישע מיט די קאַבאַרדינער אָדער די שיינע מאַכמעדאַנערין, וואָס שטאַרבט אויף איר מאַנס קבר״ און די גאַנצע ליטעראַטור פון דעם מין, האָט מיך נישט צופרידן געשטעלט, אָפט אַרויסרופנדיק נאָר פאַרדרוס. מיר פלעגט זיך דאַכטן, אַז דאָס ביכל לאַכט נאָר אָפּ פון מיר, ווי פון אַ נאַר, דערציילנדיק מעשות, וואָס זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן.

„די שיסער״, „יורי מילאָסלאַווסקי״, דער „געהיימניספולער מאנאך״, „יאַפּאַנטשע, דער טאָטערשער רייטער״, און נאָך אַנ-דערע אַזוינע ביכער, פלעגן מיר שוין מער יאָ געפעלן — פון זיי פלעגט עפּעס בלייבן; נאָר מיט אַ נאָך גרעסערער ליידנ-שאַפט פלעג איך לייענען וועגן דעם פון די הייליקע, — דאָ פלעגט שוין זיין עפּעס ערנסטעס, און וואָס עס האָט זיך גע-גלויבט און וואָס ס׳פלעגט צייטנווייז טיף אויפרודערן. די אַלע קדושים פלעגן מיר עפּעס דערמאָנען אין „די גוטע מעשים״, די הייליקע ווייבער — אין דער באָבען, און די הייליקע מע-נער — אין דעם זיידן אין זיינע גוטע שעהן.

געלייענט האָב איך אין שייער, ווי איך פלעג האַקן האָלץ, אָדער אויפן בוידעם. אין דיביידע ערטער פלעגט זיין זייער אומבאַקוועם, קאַלט. צייטנווייז, ווען דאָס בוך פלעגט מיר זייער געפעלן און ס׳פלעגט זיך וועלן וואָס גיכער פאַר-ענדיקן, פלעג איך אויפשטיין אין מיטן נאַכט, און אָנצינדן אַ ליכט, די אַלטע באַלעבאָסטע אָבער, באַמערקנדיק, אַז די ליכט ווערן דורך נאַכט קלענער, האָט זיי אָנגעהויבן אָפּמעסטן מיט אַ שפּענדל און די מאָסן באַהאַלטן. אויב ס׳פלעגט אינדערפרי

פעלן פון דעם ליכט אויף אַ ווערשאָק, אָדער ווען איך פלעג נישט אָפּברעכן פון שפּענדל, פונקט וויפל דאָס ליכט האָט אויסגעברענט, פלעגן זיך אָנהויבן אין קיך ווילדע קולות, און איינמאָל האָט וויקטאָרושקע פון זיין הענג-בעט זיך צעשריגן אין צאָרן:

— הערט שוין אויף, מאַמע, זיך צו שילטן! ס׳איז דאָך נישט אויסצוהאַלטן: געוויס ברענט ער ליכט, ווייל ער לייענט ביכער, ער נעמט ביים קרעמער, כ׳וויס! דערלאַנגט נאָר אַ קוק ביי אים אויפן בוידעם...

די אַלטע איז אַרויפגעקראָכן אויפן בוידעם, האָט געפונען דאָס ביכל און צעריסן אויף פּיצלעך.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן, נאָר דער חשק צום לייענען האָט זיך אין מיר נאָך מער פאַרשטאַרקט. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ווען צו אונז אין שטוב זאָל קומען אַ הייליקער, — וואָלטן מיינע באַלעבאַטים אים אָנגעהויבן צו לערנען, איבערמאַכן אויף זייער שטייגער; זיי וועלן דאָס טון פון לאַנגווייליקייט. ווען זיי זאָלן אויפהערן צו באַרעדן די מענטשן, שרייען, איזדעקעווען זיך איבער זיי — וועלן זיי פאַרגעסן רעדן, וועלן שטום ווערן, זיי וועלן זיך אַליין נישט דערקענען. כדי אַ מענטש זאָל זיך אַליין פילן, דאַרף ער האָבן כאָטש עפּעס אַ באַציונג צו מענטשן. מיינע באַלעבאַטים האָבן זיך אַנדערש נישט געקאָנט באַציען צו מענטשן, ווי נאָר מיט חוזק, משפּטנדיק זיי, און ווען מ׳זאָל אפילו אָנהויבן לעבן ווי זיי, קלערן און פילן אַזוי ווי זיי — אַלץ איינס. זיי וואָלטן אפילו דאָס אויך באַרעדט. אַזוינע מענטשן זענען דאָס.

איך פלעג קליגן אויף אַלע אופנים, איך זאָל קאָנען לייענען, די אַלטע האָט עטלעכע מאָל פאַרניכטעט די ביכער, אַזוי, אַז כ׳בין געוואָרן דעם קרעמער אַ בעל חוב אין גאַנצע זיבן און פערציק קאָפּיקעס! ער האָט געדראָט, אַז ער וועט מיר אָפּרעכענען פון זייער געלט, ווען כ׳קום פאַר זיי איינקויפן.

— וואָס וועט דאַן זיין? — פלעגט ער מיך פרעגן מיט חוזק.

כ׳האָב אים נישט געקאָנט פאַרליידן, און ער האָט דאָס, קענטיק, געפילט און פלעגט מיט אַ באַזונדער הנאה מיך מאַטערן מיט זיינע דראָונגען: ווי נאָר כ׳פלעג אַריין אין קראָם, פלעגט זיך זיין פלעקיק פנים פונאַנדערשווימען און ער פלעגט פריינטלעך אַ פרעג טון:

— דעם חוב האָסטו געבראַכט?

— ניין.

דאָס פלעגט אים שרעקן און ער פלעגט זיך אָנברוגזן.

— וואָס זשע טוט מען? סיידן אָנגעבן אויף דיר אין געריכט, האַ? מ׳זאָל אָפּשרייבן אויף דיר די זאַכן און — אין אַ קאָלאָניע?

קיין געלט האָב איך נישט געהאַט, ווו צו נעמען — מיינע שׂכירות פלעגט מען צאָלן דעם זיידן, כ׳האָב זיך געפילט אומגליקלעך, נישט געוווּסט — וואָס הויבט מען דאָ אָן צו טון? אויף מיין בקשה, ער זאָל נאָך אָפּוואַרטן מיטן חוב, האָט דער קרעמער צו מיר אויסגעשטרעקט זיין האַנט, אַ פעטע און ווייכע, ווי אַ לאַטקע און האָט געזאָגט:

— גיב אַ קוש — וועל איך וואַרטן!

נאָר, אַז איך האָב אַ כאַפּ געטון פון פּולט אַ געוויכט און האָב אויפגעהויבן אויף אים — האָט ער זיך אָפּגעזעצט און אַ געשריי געטון:

— וואָס, וואָס טוסטו — איך לאַך דאָך דאָס!

פאַרשטייענדיק גאַנץ גוט, אַז ער לאַכט טאַקע נישט, האָב איך באַשלאָסן אַרויסצוגנבענען געלט, כדי פּטור צו ווערן פון דעם חוב. אינדערפרי, בשעת כ׳פלעג פוצן דעם באַלעבאָס זאַכן, פלעגן אין די הויזן-קעשענעס קלינגען מטבעות, צייטנווייז פלעגן זיי אַרויספאַלן און זיך אַוועקקייקלען איבער דער פּאָדלאָגע; איינמאָל האָט זיך איינע פאַרקייקלט אין אַ שפּאַלט הינטערן טרעפּ און אַריינגעפאַלן אין האָלץ-קעמערל; כ׳האָב פאַרגעסן צו זאָגן וועגן דעם און האָב זיך דערמאַנט ערשט אין עטלעכע טעג אַרום, ווען כ׳האָב צווישן די האָלץ געפונען אַ צוואַנציק-קאָפּיקע-מטבע. ווען כ׳האָב עס אָפּגעגעבן דעם באַלעבאָס,

האָט זיין ווייב געזאָגט:

— זעסטו? מ׳דאַרף איבערציילן געלט, אַז מ׳לאָזט אין קעשענע.

נאָר דער באַלעבאָס האָט מיר געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— ער וועט נישט גנבענען — כוויס!

איצט, ווען כ׳האָב באַשלאָסן צו גנבענען, האָב איך זיך דערמאָנט די ווערטער און זיין צוטרוילעכן שמייכל און האָב דערשפּירט, ווי שווער מיר וועט זיין צו גנבענען. כ׳האָב עטלעכע מאָל אַרויסגענומען פון קעשענע זילבער־געלט, געציילט און האָב זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן. אַ טאָג דריי האָב איך זיך געפּייניקט מיט דעם, און פּלוצלינג איז אַלץ געלייזט געוואָרן פּשוט און שנעל; אומפּאַרהאָפט האָט מיר דער באַלעבאָס אַ פרעג געטון:

— וואָס איז מיט דיר פּעשקאָוו, וואָס דו ביסט אַזוי אומעטיק, ביסט עפּעס קראַנק?

כ׳האָב אים אָפן אויסגעזאָגט וועגן מיינע צרות; ער האָט זיך אָנגעכמורעט.

— אָט זעסטו, וואָס עס קומט אַרויס פון די ביכלעך! פון זיי — אַזוי צי אַזוי — מוז קומען צו אַ צרה...

ער האָט מיר געגעבן אַ האַלבן רובל און שטרענג אָנגעזאָגט:

— געדענק, רייד זיך נישט אויס פאַר מיין ווייב, אָדער פאַר דער מאַמען — ס׳וועט ווערן אַ טומל!

דערנאָך האָט ער מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל געזאָגט:

— דער טייוול זאָל דיך נעמען, ווי איינגעשפּאַרט דו ביסט! נישקשה, דאָס איז גוט. פונדעסטוועגן — די ביכער וואַרף אַוועק! פון ניי־יאָר וועל איך אויסשרייבן אַ נייע צייטונג, אָט דעמאָלסט וועסטו קאָנען לייענען...

און אָט איז געקומען די צייט. אין די אָוונטן, צווישן טיי און אָוונטברויט, לייען איך הויך פאַר מיינע באַלעבאַטים דעם „מאָסקאָווסקי ליסטאָק" — ראָמאַנען פון וואַשקאָוו, ראָקשאַנין, רודניקאָווסקין, אַלץ פון דעם מין ליטעראַטור צו פאַר־

לייכטערן די פאַרדייאונג ביי מענטשן, וואָס שטאַרבן פון לאַנג־ווייליקייט.

איך האָב נישט ליב צו לייענען אויפן קול, דאָס שטערט מיר צו פאַרשטיין, וואָס איך לייען; מיינע באַלעבאַטים הערן זיך אָבער אויפמערקזאַם צו מיט עפּעס אַן ערפאָרכטיקער גי־ריקייט, אָבן, באַוווּנדערן די רשעות פון די העלדן, און רעדן מיט שטאָלץ איינע צו די אַנדערע:

— און מיר, גאָט צו דאַנקען, לעבן זיך שטיל, רויק און ווייסן פון גאָרנישט!

זיי פלאָנטערן צונויף די געשעענישן, די מעשים פון דעם באַרימטן גזלן טשורקין הענגען זיי אָן דעם קוטשער פּאָמאַ קרוטשיניאַ, פּלאָנטערן די נעמען; איך פאַרריכט די טעותן פון מיינע צוהערער, — דאָס וווּנדערט זיי שטאַרק.

— נו, אַ זכרון האָט ער!

אָפטמאָל טרעפן זיך אין „מאָסקאָווסקי ליסטאָק" לעאָניד גראַוועס לידער, זיי געפעלן מיר זייער, און איך שרייב אייניקע פון זיי איבער, נאָר די באַלעבאַטים זאָגן וועגן דעם דיכטער:

— ער איז דאָך שוין אַלט און שרייבט לידער.

— אַ שיכּור, אַ חסר-דעה, איז אים שוין אַלץ איינס.

ס'געפעלן מיר די לידער פון סטרוזשקין, גראַף מעמענטאָמאָרי, נאָר די ווייבער, די אַלטע, ווי די יונגע פאַרזיכערן, אַז לידער — איז אַ פּורים-שפּיל.

— נאָר קאָמענדיאַנטן און אַקטיאָרן רעדן אין גראַמען.

שווער איז מיר געווען אין די ווינטערדיקע אָוונטן אין דעם קליינעם ענגן צימערל, ביי די באַלעבאַטים אויף די אויגן. הינטערן פענסטער איז אַ טויטע נאַכט, עס קנאַקט דער פראָסט, אַלע זיצן ביים טיש און שווייגן, ווי פאַרפרוירענע פיש. אָדער — דער ווינט דראַפּעט אין די שויבן, איבער די ווענט, עס הוזשעט אין די קוימענס, די קוימען-דעקלעך קלאַפּן; אין קינדער־צימער וויינען די פיצלעך-קינדער — ס'ווילט זיך פאַרקריכן אין אַ פינסטערן ווינקל און וואָיען, ווי אַ וואָלף.

בײַ אײן עק טיש זיצן די װײַבער, נײען אָדער שטריקן זאָקן; בײַם צװײטן — זיצט װיקטאָרושקא אײַנגעבױגן דעם רוקן קאַפּירט אָן חשק די צײכנונגען און פון צײַט צו צײַט שרײַט ער:

— טרײסלט נישט דעם טיש! נישט אױסצוהאַלטן, פּלאָקן־קאָזיר, הינט מיט מײַז!*)

אָן אַ זײַט, בײַ אַ גרױסער נײַ־ראַם, זיצט דער באַלעבאָס, און נײט אױס אױף אַ לײַװנט מיט קרײַץ־שטעך אַ טישטוך; אונטער זײַנע פינגער װאַקסן אױס רױטע ראַקעס, בלױע פיש, געלע שמעטערלינגען און געלע הערבסטיקע בלעטער. ער אַלײן האָט אָנגעצײכנט דעם מוסטער צום אױסנײען און שױן דעם דריטן װינטער, װי ער זיצט בײַ דער אַרבעט, — זי איז אים זײער נמאס געװאָרן און אָפט, בײַ טאָג, װען כ׳בין פרײַ, זאָגט ער צו מיר:

— נו, פּעשקאָװ, זעץ זיך צו צום טישטוך, אַרבעט!

איך זעץ זיך און אַרבעט מיט דער גראָבער נאָדל, — מיר װילט זיך שטענדיק װי װײַט מעגלעך אים העלפן. מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז אײנמאָל װעט ער מיטאַמאָל אױפהערן צײכענען, אױסנײען, שפּילן אין קאָרטן, און װעט זיך נעמען צו עפּעס אַנדערש, אינטערעסאַנטעס, מכּוח װאָס ער קלערט אָפט, בעת ער לײגט אַװעק פלוצלינג זײַן אַרבעט און קוקט עס אָן מיט אומבאַװעגלעכע, פאַרװוּנדערטע אױגן, װי עפּעס אומבאַקאַנטעס; זײַנע האָר הענגען בײַ אים אַראָפּ איבערן שטערן און איבער די באַקן, ער זעט אױס, װי אַ קלױסטער־ברודער אין מאָנאַסטיר.

— װעגן װאָס קלערסטו? — פרעגט אים דאָס װײַב.

— אַזױ זיך, — זאָגט ער, און נעמט זיך צו דער אַרבעט.

איך שװײַג און װוּנדער זיך: קאָן מען דען פרעגן אַ מענטשן, װעגן װאָס ער טראַכט? און מ׳קאָן גאָרנישט ענטפערן אױף דער פראַגע, — אָפט קלערט זיך װעגן אַ סך זאַכן מיטאַמאָל; װעגן אַלץ, װאָס ס׳איז פאַר די אױגן און װעגן דעם,

*) האַרט־שפּיל, לאָזט זיך נישט איבערזעצן (די איבערז.)

וואָס דו האָסט געזען נעכטן, פאַראַיאָרן; ס'איז אַלץ צונויפ־געפלאָנטערט, נישט תופס צו זיין, אַלץ באַוועגט זיך, ענ־דערט זיך.

די פעליעטאָנען פון „מאסקאָווסקי ליסטאָק" האָבן נישט געקלעקט אויף אַ גאַנצן אָוונט, כ'האָב פאָרגעלייגט צו לייענען די זשורנאַלן, וואָס ליגן אין שלאָפצימער אונטערן בעט; די יונגע באַלעבאָסטע האָט מיט אומצוטרוי געזאָגט:

— וואָס איז דאָרט פאַראַן צו לייענען? דאָרטן זענען בלויז בילדלעך...

אונטערן בעט האָט זיך אָבער אויסער דער „זשיוואָפּיס־נאָיע אָבאָזרעניע" געפונען אויך דער „אָגאָניאָק". און אָט לייע־נען מיר „גראַף טיאַטין באַלטיסקי" פון סאַליאַס. דעם באַלע־באָס געפעלט זייער דער נאַרישעוואַטער העלד פון דער ערציי־לונג, ער קייכט אָן רחמנות פון געלעכטער איבער דעם פּריצס טרויעריקע פּאַסירונגען און שרייט:

— ניין, דאָס איז באמת אַ לוסטיקע געשיכטע!

— ווייס איך, אַן אויסגעטראַכטע מעשה — זאָגט אַרויס די באַלעבאָסטע, כדי אַרויסצוווייזן איר די זעלבסטשטענדיקייט פון איר אייגענעם שכל.

די ליטעראַטור פון אונטערן בעט האָט מיר גוט צוגע־דינט: כ'האָב זיך אויסגעקעמפט דאָס רעכט צו נעמען די זשור־נאַלן צו זיך אין קיך און האָב באַקומען די מעגלעכקייט צו לייענען ביינאַכט.

צום גליק איז די אַלטע אַריבער שלאָפן אין קינדער־צימער — די ניאַנקע האָט אָנגעהויבן מוראדיק שיכורן. וויקטאָ־רושקאַ האָט מיר נישט געשטערט. ווען אַלע פלעגן איינשלאָפן, פלעגט ער זיך שטילערהייט אָנטון און ערגעץ נעלם ווערן ביז פאַרטאָג. פייער פלעגט מען מיר נישט געבן, ווייל מען פלעגט אַריינגעמען די ליכט אין צימער, און קויפן ליכט, האָב איך נישט געהאַט קיין געלט. האָב איך אָנגעהויבן שטילערהייט צו־נויפקלויבן דאָס חלב פון די לייכטער, פלעג דאָס צוזאַמענלייגן אין אַ קעסטל פון סאַרדינקעס, צוגיסן ברענאייל, געמאַכט אַ

קנויט פון פּאָדים און ביינאַכט פלעג איך אָנצינדן אויפן אויוון אַ רויכיקן פייער.

און קוים פלעג איך נאָר איבערקערן אַ זייטל פון דעם גראָבן בוך, פלעגט דאָס רויטע צינגל פון קנויט אַזוי ציטעריק זיך טרייסלען, אַז ס'פלעגט זיך דאַכטן: אָט אָט ווערט עס פאַרלאָשן; דאָס קנייטל פלעגט זיך אַלע ווײַלע טרינקען אין דער צעגאַנגענער שמעקעדיקער פליסיקייט, דער רויך האָט געפרעסן די אויגן, נאָר דאָס אַלץ איז געווען גאָרנישט אין פאַרגלייך מיטן תענוג, וואָס איך פלעג געניסן ביים אָנקוקן די אילוסטראַציעס און ביים לייענען די דערקלערונגען דערצו.

די דאָזיקע אילוסטראַציעס האָבן אויסגעברייט פאַר מיר די וועלט אַלץ ברייטער און ברייטער, זיי האָבן זי באַצירט מיט לעגענדאַרע שטעט, אויסגעמאָלט פאַר מיינע אויגן הויכע בערג און פּרעכטיקע ברעגן פון ים. דאָס לעבן האָט זיך וווּנדערלעך פונאַנדערגעוואַקסן, די ערד איז געוואָרן פאַרלאָקנדיקער, רייכער אין מענטשן, רייכער אין שטעט און פאַרשידנאַרטיקער. איצט וואַרפנדיק אַ ווייטן, ווייטן קוק הינטער דער וואָלגע, פלעג איך שוין וויסן, אַז דאָרט איז נישט פּוסט, פריער, אַז דו פלעגסט אַ קוק טון אויף דער וואָלגע, פלעגט דיר ווערן זייער לאַנגווײַליק: די לאָנקעס ליגן פלאַך אויסגעשפּרייט צווישן די שוואַרצע לאַטעס פון די קוסטעס, און הינטער די לאָנקעס די שוואַרצע וואַנט פון וואַלד, איבער די לאָנקעס — אַ מוטנע קאַלטע בלויקייט. פּוסט איז אויף דער ערד, איינזאַם. און דאָס האַרץ ווערט אויך פּוסט. אַ שטילער טרויער נאָגט עס, עס פאַרשווינדן אַלע פאַרלאַנגען, נישטאָ וועגן וואָס צו טראַכטן, ס'ווילט זיך פאַרמאַכן די אויגן. די טרויעריקע פּוסטקייט זאָגט גאָרנישט צו, זי זויגט אויס פון האַרצן אַלץ, וואָס דאָרט איז דאָ.

געוויינלעך פלעגן די דערקלערונגען צו די אילוסטראַציעס דערציילן וועגן אַנדערע לענדער, אַנדערע מענטשן, פלעגן דערציילן וועגן פאַרשידענע געשעענישן פון דער פאַרגאַנגענהייט און פון היינט; אַ סך זאַכן קאָן איך נישט פאַרשטיין, און דאָס

פייניקט מיך. אַמאָל קריצן זיך איין אין מוח עפּעס מאָדנע ווערטער: „מעטאַפיזיקע", „כיליאַזם", „טשאַרטיסט", זיי באַומרויקן מיך שרעקלעך, וואַקסן מוראדיק אויס, פאַרשטעלן אַלץ, און מיר דאַכט זיך, אַז כ'וועל שוין קיינמאָל גאָרנישט פאַרשטיין. אויב איך וועל נישט דערגיין דעם פירוש פון די דאָזיקע ווערטער, — זיי טאַקע שטייען דאָס, ווי וועכטער, אויפן שוועל פון אַלע געהיימנישן. אָפט בלייבן גאַנצע פראַזן שטעקן אין מוח, ווי אַ סטראָן אין אַ פינגער, און לאָזן נישט קלערן וועגן עפּעס אַנדערש.

איך געדענק, כ'האָב איבערגעלייענט עפּעס אַזעלכע אויסטערלישע פערזן:

געשמידט אין שטאָל אין פוסטן מדבר
שטום און חושכדיק, ווי אַ קבר
פאַרט דער קייזער פון די הונען.

און נאָך אים, ווי אַ שוואַרצע כמאַרע, גייען זיינע מחנות און שרייען:

— ווו איז רוים, דאָס מעכטיקע רוים?

רוים — איז אַ שטאָט, דאָס האָב איך שוין געוווּסט, ווער זענען אָבער אַזוינע די הונען? דאָס מוז מען וויסן.

איינמאָל אין אַ גוטער מינוט, האָב איך אַ פרעג געטון דעם באַלעבאָס:

— הונען? — חזרט ער איבער פאַרוווּנדערט. — דער טייוול ווייסט, וואָס דאָס איז, אַ שטות, מסתמא...

און שאָקלט אומצופרידן מיטן קאָפּ.

— נאַרישקייטן קריכן דיר אין קאָפּ, ס'איז נישט גוט, פּעשקאָוו!

גוט צי שלעכט, אָבער איך וויל וויסן.

מיר דאַכט זיך, אַז דער מיליטער-גלח סאָלאָוויאָוו דאַרף וויסן, ווער עס זענען די הונען און, טרעפנדיק אים אויפן הויף, פרעג איך.

אַ בלאַסער, אַ קרענקלעכער און תמיד אַ בייזער, מיט רויטע אויגן אָן ברעמען, און אַ געל בערדל, זאָגט ער צ

מיר, האַקנדיק מיט זיין שוואַרצן שטעקן אין דער ערד:

— אין וואָס גייט עס דיר, אייגנטלעך, אָן, האַ?

דער פּאָרוטשניק נעסטאָראָוו, האָט מיר אויף מיין פראַגע, מלא רציחה געזאָגט:

— וואָ־אָס?

דאַן האָב איך באַשלאָסן, אַז וועגן די הונען דאַרף מען אַ פרעג טון אין אַפּטייק ביים פּראָוויזאָר; ער קוקט אויף מיר אַלע מאָל פריינטלעך, ער האָט אַ קלוג פּנים און טראָגט גאָלדענע ברילן.

— די הונען, — האָט מיר דערקלערט דער פּראָוויזאָר פּייוול גאָלדבערג, — זענען געווען אַ וואַנדער־פאָלק, אַזוי ווי די קירגיזן. דאָס דאָזיקע פאָלק עקזיסטירט שוין נישט, עס איז אויסגעשטאָרבן.

מיר איז געוואָרן אומעטיק און ס'האָט מיך פאַרדראָסן — נישט ווייל די הונען זענען אויסגעשטאָרבן, נאָר ווייל דער טייטש פון וואָרט, וואָס האָט מיך אַזוי לאַנג געמאַטערט, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזאַ פּשוטן און האָט מיר גאָרנישט געגעבן.

כ'בין אָבער זייער דאַנקבאַר די הונען, מחמת נאָכדעם האָבן מיך די ווערטער שוין ווייניקער באַאומרויקט און, אַ דאַנק דעם קיסר פון די הונען, האָב איך זיך באַקענט מיטן פּראָוויזאָר גאָלדבערג.

דער דאָזיקער מענטש האָט געוווּסט דעם פּשוטן פּירוש פון אַלע שכלדיקע ווערטער, ער האָט געהאַט שליסלען צו אַלע געהיימניסן. מיט צוויי פינגער פלעגט ער צורעכט מאַכן זיינע ברילן, קוקן דורך די גראָבע גלעזער מיר גלייך אין די אויגן אַריין און רעדן, ווי ער וואָלט מיר אַריינגעקלאַפּט אין שטערן קליינע נעגעלעך.

— ווערטער, מיין פריינט, — זענען, ווי בלעטער אויף אַ בוים, און, כדי צו פאַרשטיין, פאַרוואָס איז דער בלאַט אַזאַ, און נישט אַנדערש, דאַרף מען וויסן, ווי עס וואַקסט דער בוים, דאַרף מען זיך לערנען! אַ בוך, מיין פריינט, איז ווי

אַ גוטער סאָד, ווו ס׳איז אַלץ פֿאַראַן: אי דאָס נוצלעכע, אי דאָס אַנגענעמע...

כ׳פֿלעג אָפֿט אַריינלויפֿן צו אים אין אַפּטייק נאָך סאָדע און מאַגנעזיע פֿאַר די גרויסע, וואָס פֿלעגן שטענדיק ליידן פֿון „ברענעניש״, און אויך נאָך לאָרבער־זאַלב און אָפּפּיר־מיט־לען פֿאַר די קינדער. די קורצע אויפֿקלערונגען פֿון פּראָוויזאָר האָבן נאָך ערנסטער געמאַכט מיין באַציונג צו ביכער, אומבאַ־מערקטערהייט זענען זיי געוואָרן אַ נויטווענדיקייט פֿאַר מיר, ווי בראָנפֿן פֿאַר אַ שיכּור.

זיי פֿלעגן מיר ווייזן אַן אַנדער לעבן — אַ לעבן פֿון גרויסע געפֿילן און פֿאַרלאַנגען, וואָס ברענגען די מענטשן צו העלדישע מעשים און פֿאַרברעכנס. כ׳האָב געזען, אַז די מענטשן, וואָס רינגלען מיך אַרום, זענען נישט פֿעיק אויף העלדישע מעשים און פֿאַרברעכנס, זיי לעבן ערגעץ אָן אַ זייט פֿון דעם אַלעם, פֿון וואָס עס שרייבן די ביכער. און שווער איז צו פֿאַרשטיין, — וואָס איז פֿאַראַן אינטערעסאַנטעס אין זייער לעבן. כ׳וויל נישט לעבן אַזאַ לעבן. — דאָס איז פֿאַר מיר קלאָר, — כ׳וויל נישט...

פֿון די בילדער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין פּראָג, אין לאָנדאָן, אין פּאַריז, זענען אינמיטן שטאָט נישטאָ קיין גריבער און שמוציקע קופּעס מיסט, דאָרט זענען גלייכע, ברייטע גאַסן, גאַנץ אַנדערע הייזער, גאַנץ אַנדערע קלויסטערס. דאָרט איז נישטאָ קיין זעקס חדשימדיקער ווינטער, וואָס פֿאַר־שפּאַרט די מענטשן אין די הייזער, נישטאָ קיין גרויסער תּענית, ווען מ׳מעג עסן בלויז זויער־ברויט, געזאַלצענע שוועמלעך, ברייַ און קאַרטאָפֿל מיט עקלהאַפֿטן אייל. בעת דעם גרויסן תּענית טאָר מען נישט לייענען קיין ביכער, — מ׳האָט ביי מיר צוגע־נומען דאָס „זשיוואָפּיסנאָיע אָבאָזרעניע״ און ווידער האָט מיך אַרומגענומען דאָס פּוסטע, פֿאַרעווע לעבן. און איצט, ווען איך קאָן שוין פֿאַרגלייכן מיין לעבן מיט דעם, וואָס איך האָב גע־וווּסט פֿון די ביכער, איז עס מיר פֿאָרגעקומען נאָך אָרימער און מיאוסער. בשעת איך האָב געלייענט, האָב איך זיך געפֿילט

געזונטער און שטאַרקער, האָב געאַרבעט פלינק און געהאַט מזל-ברכה, כ'האָב געהאַט פאַר זיך אַ ציל: וואָס גיכער כ'וועל ענ-דיקן, אַלץ מער צייט וועט מיר בלייבן צום לייענען. נישט האָבנדיק קיין ביכער, בין איך געוואָרן אָפּגעלאָזן, פויל. עס האָט מיך גובר געווען עפּעס אַ קרענקלעכע שכחה, וואָס איז מיר ביז איצט גאַנץ פרעמד געווען.

איך דערמאָן מיך, אַז גראָד דאַן, אין יענע פוסטע טעג, האָט פּאַסירט עפּעס אַ געהיימניספולע זאַך: איינמאָל אין אָוונט, ווען אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפן, האָט זיך פּלוצלינג דער-הערט אַ הילכיקער קלאַנג פון דעם קאַטעדראַלע-גלאָק, ער האָט אַלעמען תיכף אויפגערודערט אין שטוב, האַלב נאַקעטע איז מען צוגעלאָפן צו די פענסטער, פרעגנדיק איינער דעם אַנדערן:

— שרפה? מ'קלינגט?

ס'האָט זיך געהערט, ווי אויך אין די אַנדערע דירות לויפט מען אַרום פאַרשמאַיעט, מ'קלאַפּט מיט די טירן; עמעץ איז אַרומגעלאָפן איבערן הויף מיט פערד און וואָגן: די אַלטע באַלעבאָסטע האָט געשריען, אַז מ'האָט באַגנבעט די קאַטעדראַלע, דער באַלעבעס האָט איר אָפּגעהאַקט:

— לאָזט צורו, מאַמע, איר הערט דאָך, אַז דאָס איז נישט דער קלויסטער-גלאָק.

— נו, מסתמא, איז דער אַרכיריי געשטאָרבן...

וויקטאָרושקע איז אַראָפּגעקראָכן פון באַנק, האָט זיך גע-נומען אָנטון און געמורמלט:

— און איך ווייס, וואָס ס'איז געשען, כ'ווייס!

דער באַלעבאָס האָט מיך אַרויפגעשיקט אויפן בוידעם אַ קוק טון, צי עס זעט זיך נישט קיין שרפה-שיין אויפן הימל, כ'בין אַרויפגעלאָפן און דורכגעקראָכן דורכן בוידעם-פענסטערל אויפן דאַך, — ס'איז קיין זאַך נישט געווען קענטיק; דער גלאָק האָט געלאַסן געבוכצעט אין דער שטילער פראָסטיקער לופט; די שטאָט איז שלעפעריק געלעגן אויסגעשפּרייט אויף דער ערד; אומגעזעענע מענטשן זענען געלאָפן אין דער פינסטער-ניש, סקריפּנדיק מיטן שניי, ס'האָבן געקוויטשעט די שליטנס,

און דער גלאָק האָט אַלץ אָן אויפהער אימהדיק געקרעכצט.
איך בין צוריק אַריין אין צימער.

— דער הימל איז נישט רויט.

— פוי, רבונו של עולם, האָט געזאָגט דער באַלעבאָס אַן אָנגעטוענער אין מאַנטל און היטל, האָט אָנגעשטעלט דעם קראַגן און אומאַנטשלאָסן גענומען אָנטון די קאַלאָשן. די באַלעבאָסטע האָט זיך געבעטן ביי אים:

— גיי נישט! זע, גיי נישט...

— נאַרישקייטן!

וויקטאָרושקע, וועלכער איז אויך געשטאַנען אָן אָנגעטוענער, האָט זיך געריי‍צט מיט אים:

— און איך וויס...

ווען די ברידער זענען אַרויס אויפן גאַס, האָבן די ווייבער מיר געהייסן שטעלן דעם סאַמאָוואַר, און אַליין האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטון צום פענסטער, אָבער אין דער זעלבער רגע האָט דער באַלעבאָס אָנגעקלונגען פון גאַס, שווייגעדיק אַרויפגעלאָפן אויף די טרעפּ און, עפענענדיק די טיר אין פאָדער־צימער, אַ זאָג געטון מיט אַ גראָבער שטים:

— מ׳האָט דערהרגעט דעם קיסר!

— טאַקע דערהרגעט! — האָט אַ געשריי געטון די אַלטע.

— דערהרגעט, אַן אָפיצער האָט מיר געזאָגט... וואָס וועט איצט זיין?

וויקטאָרושקע האָט אָנגעקלונגען, און, אויסטוענדיק זיך אָן חשק, געזאָגט מיט כעס:

— און איך האָב געמיינט — ס׳איז אַ מלחמה!

דערנאָך האָבן זיך אַלע געזעצט טרינקען טיי און רויק געשמועסט, נאָר שטילערהייט און אָפּגעהיט. אויפן גאַס איז געוואָרן שטיל, ס׳האָט זיך שוין מער נישט געהערט קיין קלינגעריי פון די גלאָקן. צוויי טעג האָבן זיי זיך געהיימניספול געסודעט, זענען געגאַנגען ערגעץ ווו, געסט זענען צו זיי געקומען און אויספירלעך וועגן עפּעס דערציילט. כ׳האָב זיך שטאַרק באַמיט צו פאַרשטיין — וואָס דאָ איז געשען? אָבער

די באַלעבאַטים פלעגן באַהאַלטן פון מיר די צייטונג, און ווען איך האָב געפרעגט ביי סידאָראָוון — פאַרוואָס מ'האָט דערהרגעט דעם קיסר, האָט ער שטיל געענטפערט:

— וועגן דעם טאָר מען נישט רעדן...

אין די טאָג־טעגלעכע קלייניקייטן איז דאָס שנעל פאַרגעסן געוואָרן, נאָר אינגיכן האָב איך איבערגעלעבט זייער אַן אומאַנגענעמע געשיכטע.

איינמאָל אין אַ זונטיק, ווען די באַלעבאַטים זענען אינדערפרי אַוועק אין קלויסטער, האָב איך אָנגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר און בין אַוועק אויפראַמען די הייזער — דאָס עלטערע קינד האָט זיך פאַרקליבן אין קיך, האָט אַרויסגעשלעפט דעם קראַן פון סאַמאָוואַר און זיך אַוועקגעזעצט אונטערן טיש שפּילן מיט דעם. קוילן זענען אין סאַמאָוואַר געווען אַ סך, און אַז דאָס וואַסער האָט אויסגערונען, איז דער סאַמאָוואַר צעשמאָלצן געוואָרן. נאָך פון צימער האָב איך דערהערט, אַז דער סאַמאָוואַר הודזשעט אויסערגעוויינלעך בייז, און ווען איך בין אַריין אין קיך, האָב איך דערזען, אַז ער איז אינגאַנצן בלויגעוואָרן און טרייסלט זיך, ווי ער וואָלט וועלן אויפשפּרינגען פון פּאָדלאָגע, דער צאַפּן פון צעגאַנגענעם קראַן, האָט זיך אומעטיק אַראָפּגעבויגן, דאָס דעקל האָט זיך אַראָפּגערוקט אָן אַ זייט, פון אונטער די הענטלעך האָבן געקאַפּעט טראָפּנס בליי, דער לילע־בלויער סאַמאָוואַר האָט אויסגעזען, ווי טויט־שיכור. כ'האָב אים אָפּגעגאָסן מיט וואַסער, ער האָט אָנגעהויבן הוזשען און איז טרויעריק פונאַנדערגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע.

מ'האָט אָנגעקלונגען אין פאַראַדנעם גאַנג, כ'האָב געעפנט די טיר און אויף דער אַלטערס פראַגע, צי עס איז פאַרטיק דער סאַמאָוואַר, האָב איך קורץ געענטפערט:

— פאַרטיק.

דאָס דאָזיקע וואָרט, וואָס איך האָב, מסתמא, אַרויסגערעדט פון פאַרלעגנהייט און בושה, איז אָנגענומען געוואָרן ווי אַ חוזק און האָט נאָך פאַרגרעסערט מיין שטראָף. מ'האָט מיך אָנגעשלאָגן. די אַלטע האָט געאַרבעט מיט אַ בינטל סאָסנאָווע

קינדלעך, ס'האָט נישט שטאַרק ווי געטון, אָבער איבערגעלאָזן אונטער דער הויט פון רוקן אַ סך טיפּע האָלץ־שטעכלעך. ביז אין אָוונט איז די פּלייצע אָנגעשוואָלן געוואָרן, ווי אַ קישעלע, און צומאָרגנס, אַרום מיטאָג צייט, האָט מיך דער באַלעבאָס גע־מוזט אָפּפירן אין שפּיטאָל.

ווען דער דאָקטאָר, אַ קאָמיש לאַנגער און דאַרער, האָט מיך באַקוקט, האָט ער געזאָגט מיט אַ רויקער באַס־שטימע:

— דאָ מוז מען צוזאַמענשטעלן אַ פּראָטאָקאָל וועגן פּייניקן.

דער באַלעבאָס איז רויט געוואָרן, האָט אָנגעהויבן שאַרן מיט די פיס און שטיל עפּעס רעדן מיטן דאָקטאָר, נאָר דער לעצטער האָט קורץ געענטפערט:

— כ'קאָן נישט, אוממעגלעך.

דערנאָך האָט ער מיר אַ פרעג געטון:

— ווילסט זיך קלאָגן?

ס'האָט מיר ווי געטון, נאָר כ'האָב געזאָגט:

— כ'וויל נישט, היילט גיכער...

מ'האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ צווייטן צימער, אַרויפ־געלייגט אויפן טיש, דער דאָקטאָר האָט אַרויסגעשלעפּט די האָלץ־שטעכלעך מיט אַנגענעם קאַלטע צווייגלעך און געפּלוידערט:

— מ'האָט דיר, מיין פריינט, גאָר פיין באַאַרבעט די פעל, איצט ביסטו אויף אייביק געשיצט פון דורכנעצונג...

ווען ער האָט פאַרענדיקט די אַרבעט, וואָס האָט מיך שרעקלעך געקיצלט, האָט ער געזאָגט:

— צוויי און פערציק שטעכלעך האָט מען ביי דיר אַרויס־געצויגן, מיין פריינט, געדענק, קאָנסט זיך גרויס האַלטן! מאָרגן אין דער צייט קום איבערלייגן דעם באַנדאַזש. שלאָגט מען דיך עפּעס אָפט?

כ'האָב אַ קלער געטון און געענטפערט:

— פריער — פלעגט מען אָפטער שלאָגן...

דער דאָקטאָר האָט זיך צעלאַכט מיט זיין באַס־שטים:

— וואָס ווייטער, מיין פריינט, גייט אַלץ צו בעסער, אַלץ!

ווען ער האָט מיך אַרויסגעפירט צום באַלעבאָס, האָט ער צו אים געזאָגט:

— אָט האָט איר אים, שוין פאַרריכט! שיקט אים מאָרגן צו, וועלן מיר איבערבינדן. צום גליק, איז ער ביי אייך אַ קאָמיק...

זיצנדיק אויף דער דראָזשקע, האָט דער באַלעבאָס צו מיר געזאָגט:

— מיך, פּעשקאָוו, האָט מען אויך געשלאָגן — וואָס זאָל מען טון? געשלאָגן, ברודער! אויף דיר האָב איך כאָטש רחמנות, און אויף מיר איז נישט געווען, ווער ס'זאָל רחמנות האָבן, נישט געווען! מענטשן זענען אומעטום — אַ ים, און ווער עס זאָל רחמנות האָבן — איז קיין הונט נישטאָ! עך, שדים...

דעם גאַנצן וועג האָט ער זיך געזידלט, ס'איז מיר געווען אַ רחמנות אויף אים, און כ'בין אים געווען זייער דאַנקבאַר, וואָס ער רעדט מיט מיר, ווי מיט אַ מענטשן.

אין דער היים, האָט מען מיך מקבל־פּנים געווען, ווי „אַ אימיענינק". די ווייבער האָבן נישט אַנדערש געוואָלט, כ'זאָל זיי דערציילן, ווי דער דאָקטאָר האָט מיך געהיילט, וואָס ער האָט געזאָגט, — זיי האָבן געהערט, געזיפצט, זיס צוגעטשמאָקעט מיט די ליפּן, קרימענדיק זיך דערביי. ס'האָט מיך געחידושט זייער געשפּאַנטער אינטערעס צו קראַנקהייטן, צו ווייטיקן און צו אַלץ, וואָס איז אומאַנגענעם!

כ'האָב געזען, ווי צופרידן זיי זענען מיט מיר, דערפאַר, וואָס איך האָב זיך אַנטזאָגט זיי אָנצוקלאָגן. איך האָב זיך באַנוצט מיט דעם, בעטנדיק ביי זיי, זיי זאָלן מיר דערלויבן צו נעמען ביכער ביי דער צושניידערין. זיי האָבן נישט געוואַגט מיר אָפּצוזאָגן, נאָר די אַלטע האָט כּאַרוונדערט אויסגעשריען:

— נו, איז דאָס אַ שד!

אין אַ טאָג אַרום בין איך געשטאַנען ביי דער צושניידערין, און זי האָט פריינטלעך געזאָגט:

— און מיר האָט מען געזאָגט, אַז דו ביסט קראַנק און מ'האָט דיך אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל, — זעסט, ווי מ'זאָגט אמת!

כ׳האָב פאַרשוויגן. ס׳איז געווען מיאוס צו זאָגן דעם אמת — צו וואָס זאָל זי וויסן אַזוינע גראָבע, טרויעריקע זאַכן? ס׳איז גוט אַזוי, וואָס זי איז נישט ענלעך צו די אַנדערע מענטשן.

איך לייען שוין ווידער גראָבע ביכער פון דיומא־דעם פאָטער, פאָנסאָן דע טערייל, מאָנטעפּען, זאַקאָננע, גאַבריאָ, עמאַר, בואַגאבע, — שנעל שלינג איך די ביכער איינע נאָך די אַנדערע, און מיר איז פריילעך. איך פיל זיך, ווי אַן אַנטייל־נעמער און אַן אויסערגעוויינלעכן לעבן, וואָס רודערט אויף אַנגענעם און מונטערט אויף, פון־דאָס־ניי רויכערט מיין אייגנ־הענטיק געמאַכט לעמפּעלע, און איך לייען דורך גאַנצע נעכט, ביז אינדערפרי, און ביסלעכווייז ווערן קראַנק מיינע אויגן, די אַלטע באַלעבאָסטע זאָגט צו מיר פריינטלעך:

— וואַרט, ביכער־פרעסער, ס׳וועלן פּלאַצן דיינע ווייסלען, ווערסט בלינד ווערן!

פונדעסטוועגן האָב איך אינגיכן פאַרשטאַנען, אַז אין די אַלע אינטערעסאַנט־פאַרפּלאָנטערטע ביכער, נישט קוקנדיק אויף דער פאַרשידנקייט פון די פּאַסירונגען, אויף דעם אונטערשיד אין די לענדער און שטעט, ווערט גערעדט וועגן איינס: גוטע מענטשן — זענען אומגליקלעך און ווערן גערודפט פון די שלעכטע, די שלעכטע — האָבן שטענדיק מער הצלחה, זענען קלוגער, ווי די גוטע, נאָר סוף־כל־סוף — איז עפּעס אַ געהיי־מער כוח גובר די שלעכטע, און די גוטע גייען אַרויס מיט נצחון. ס׳האָט דערעסן די „ליבע״, וועגן וועלכער די מענער און פרויען רעדן מיט די זעלבע ווערטער. די איינטאָניקייט איז געוואָרן נישט נאָר לאַנגווייליק, נאָר פלעגט אויך אַרויס־רופן אַן אומרויקן חשד.

ס׳פלעגט טרעפן, אַז שוין פון די ערשטע זייטלעך פלעג איך שוין אָנהויבן משער זיין, ווער דאָ וועט מנצח זיין און ווער ס׳וועט זיך מוזן אונטערגעבן, און ווי נאָר עס פלעגט מיר קלאָר ווערן דער פּלאָנטער פון די געשעענישן, פלעג איך שוין דאָס ווייטערדיקע פונאַנדערוויקלען מיט מיין אייגענער

פֿאַנטאַזיע. וועגן אַן איבערגעלייענטן בוך פֿלעגט זיך קלערן, ווי וועגן אַן אַריטמעטישער אויפֿגאַבע און, גאַנץ אָפֿט, פֿלעגט מיר געלינגען צו אַנטשיידן, ווער ס׳וועט באַלוינט ווערן מיט אַלדאָס גוטס, און ווער עס וועט ליגן צען איילן אין דער אדמה.

נאָר הינטער דעם אַלעם שיינט אויף פֿאַר מיר אַ פֿונק פֿון אַ לעבעדיקן, וויכטיקן אמת, איך זע די שטריכן פֿון אַן אַנדער לעבן, אַנדערע באַציונגען. פֿאַר מיר איז קלאָר, אַז אין פֿאַריז זענען די קוטשערס, אַרבעטער, סאָלדאַטן און דער גאַנ־צער „המון" נישט אַזאַ, ווי אין ניזשני, ווי אין קאַזאַן, אין פּערם, — ער רעדט דרייסטער מיט די באַלעבאַטים, האַלט זיך מיט זיי פּשוטער און זעלבסטשטענדיקער. אָט אַ סאָלדאַט, אַ שטייגער, ער איז לגמרי נישט ענלעך צו קיינעם פֿון די, וואָס איך קען, נישט צו סידאָראָוון, נישט צום וויאַטקער פֿון דאַמ־פּער, און נאָך ווייניקער צו יערמאָכינען; יענער — איז מער מענטש פֿאַר זיי אַלעמען, יענער האָט עפּעס געמיינזאַמעס מיט סמורייען, נאָר נישט אַזוי חיהדיק און גראָב. אָט דער קרע־מער, למשל — אויך ער איז אַ סך בעסער פֿון די, וואָס איך קען, און די גלחים און די ביכער זענען אויך נישט אַזעלכע, ווי די, וואָס איך קען, — האַרציקער און מיט מער מיטגעפֿיל באַציען זיי זיך צו מענטשן. בכלל, איז דאָס גאַנצע לעבן אין אויסלאַנד, לויט ווי די ביכער דערציילן, אינטערעסאַנטער, לייכ־טער און בעסער, ווי דאָס לעבן, וואָס איך קען; דאָרט שלאָגט מען זיך נישט אַזוי אָפֿט און חיהש, מען איזדזעקעוועט זיך נישט אַזוי פֿיל איבערן מענטשן, ווי מ׳האָט זיך איזדזעקעוועט איבערן וויאַטקער סאָלדאַט, מ׳איז נישט מתפּלל צו גאָט אַזוי רציחהדיק, ווי אונזער אַלטע באַלעבאָסטע.

איבערהויפּט איז קענטיק, אַז ווען עס דערציילט זיך וועגן רשעים, וועגן גיריקע און פֿאַרדאָרבענע מענטשן, ווייזן די ביכער נישט אַרויס אין זיי יענע אומדערקלערלעכע אכזריות, יענע תשוקה חוזק צו מאַכן פֿון אַ מענטשן, וואָס מיר איז אַזוי באַקאַנט און וואָס איך האָב אַזוי אָפֿט באַמערקט. דער ביכער־רשע איז נוצלעך אכזריותדיק; כמעט שטענדיק קאָן מען זען,

צוליב וואָס ער איז אַן אכזר, איך אָבער זע אכזריות, וואָס האָט קיין ציל און קיין זינען נישט: זי איז פאַרן מענטשן בלויז אַ שפּיל, אַן שום נוצן פאַר אים.

מיט יעדן נייעם בוך ווערט מיר אַלץ קלערער, ווי אַנ־דערש דאָס רוסישע לעבן איז פונם לעבן פון די אַנדערע לענ-דער, און דאָס רופט ביי מיר אַרויס אַן אומקלאָרן פאַרדרוס, און איך הויב אָן צו ספקן אין דער ריכטיקייט פון דעם, וואָס עס דערציילן מיר די געלע, אָפּגענוצטע בלעטער מיט די פאַר־שמאָלצענע ראַנדן.

און פּלוצלינג איז מיר אַריינגעפאַלן אין די הענט אַ ראָ־מאַן פון גאָנקור: „די ברידער זעמגאַנאָ", כ׳האָב עס דורכגע־לייענט מיט איינמאָל איבער נאַכט, און אַ פאַרוווּנדערטער פון עפּעס אַזוינס, וואָס כ׳האָב נאָך ביז איצט נישט איבערגעלעבט, האָב איך ווידער אָנגעהויבן לייענען די פּשוטע און טרויעריקע געשיכטע. אויסערלעך איז די געשיכטע גאָרנישט געווען אַזוי אינטערעסאַנט, נישט איבעריק פאַרוויקלט, פון די ערשטע זייט-לעך איז זי מיר פאָרגעקומען ערנסט און טרוקן, ווי די לעבנס־געשיכטעס פון הייליקע. די שפּראַך אַ גענויע, אָן מליצות, האָט מיך פון אָנהויב שטאַרק פאַרוווּנדערט, אָבער די קאַרגע און פעסט-געבויטע פראַזן האָבן זיך גוט געלייגט אויפן האַרצן, מיט אַזאַ קראַפט איבערגעגעבן די דראַמע פון די ברידער־קונצנ־מאַכער, אַז איך האָב מיט ציטערנדיקע הענט פון הנאה גע־לייענט דאָס בוך. איך האָב געוויינט אויפן קול, לייענדיק, ווי דער אומגליקלעכער אַרטיסט קריכט מיט צעבראָכענע פיס אויפן בוידעם, וווּ זיין ברודער פאַרנעמט זיך געהיים מיט זיין באַליב-טער קונסט.

ווען כ׳האָב אָפּגעגעבן דער צושניידערין דעם טייערן בוך, האָב איך זי געבעטן, זי זאָל מיר ווידער געבן נאָך אַזאַ בוך.

— ווי איז דאָס עפּעס נאָך אַזאַ? — האָט זי געפרעגט איראָניש שמייכלענדיק.

די איראָניע האָט מיך צעטומלט, און כ׳האָב נישט גע־קאָנט דערקלערן, וואָס מיר ווילט זיך, נאָר זי האָט געזאָגט:

— דאָס איז אַ טרויעריק בוך; אָט וואַרט, וועל איך דיר ברענגען אַן אינטערעסאַנטערן...

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זי מיר געגעבן גרינוואודס „אַן אמתע מעשה וועגן אַ קליינעם בעטלער"; דער טיטול פון בוך האָט מיר אַביסל אַ שטאָך געטון, נאָר דאָס ערשטע זייטל האָט שוין אַרויסגערופן ביי מיר אַ שמייכל פון אַנטציקונג — און מיט דעם דאָזיקן שמייכל האָב איך ביזן סוף געלייענט דאָס בוך, אַנדערע זייטלעך איבערלייענדיק צו צוויי און צו דריי מאָל.

אָט ווי שווער עס לעבן ציטנוויוויז יינגלעך אין אויסלאַנד! נו, מיר איז גאָרנישט אַזוי שלעכט, הייסט עס, מ'דאַרף נישט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ!

אַ סך האָט מיך גרינווד אויפגעמונטערט, און באַלד נאָך אים איז מיר שוין אַריינגעפאַלן דאָס „ריכטיקע" בוך — „יעווגעניאַ גראַנדע".

דער אַלטער גראַנדע האָט מיר דייטלעך דערמאָנט מיין זיידן, ס'איז געווען אַ פאַרדרוס, וואָס דאָס ביכל איז אַזוי קליין און ט'האָט מיך געוווּנדערט, וויפיל אמת עס ליגט אין אים. דעם דאָזיקן אמת, וואָס איז מיר אַזוי גוט באַקאַנט געווען און האָט מיר שוין דערעסן אין לעבן, האָט דאָס בוך באַוויזן אין אַ גאַנץ אַנדערער, נייער באַלויכטונג — אַ רויקער און נישט פיינדלעכער. אין אַלע ביכער, וואָס איך האָב שוין דורכגעלייענט, אויסער גאָנקורס, פלעגט מען די מענטשן משפטן פונקט אַזוי שרייענדיק, ווי מיינע באַלעבאַטים, וואָס עס פלעגט אָפט אַרויסרופן אַ סימפּאַטיע צום זינדיקן און אַ צאָרן קעגן די צדיקים. כ'האָב שטענדיק געהאַט צער צוצוזען, ווי דער מענטש פטרט אַוועק אומגעהויער פיל שכל און ווילן, און קאָן דאָך נישט דערגרייכן צו דעם, וואָס זיין האַרץ באַגערט, — די געריכטיקע שטייען פאַר אים פונם ערשטן ביזן לעצטן זייטל פעסט איינגעפונדעוועט, ווי געמויערטע סלופּעס, הגם ס'ווערן צוגעקלאַפּט אָן די דאָזיקע סלופּעס אַלע בייזע כוונות פון דעם רשע, פונדעסטוועגן רופן די שטיינערנע סלופּעס נישט אַרויס

קיין סימפאַטיע צו זיך. מחמת, ווי שיין און פעסט עס זאָל נישט זיין די וואַנט, נאָר ווען די ווילסט אָפּרייסן אַן עפּל פונם בוים, וואָס וואַקסט הינטער דער וואַנט, האָסטו קיין נחת נישט פון דער וואַנט. און מיר פלעגט זיך שוין דאַכטן, אַז דאָס טייערסטע און דאָס לעבעדיקסטע איז באַהאַלטן ערגעץ ווו הינטער דער צדקות...

ביי גאָנקורן, גרינוואודן, באַלזאַקן — זענען נישט געווען קיין רשעים און קיין צדיקים, עס זענען פּראָסט געווען מענטשן וואונדערלעך לעבעדיקע; זיי פלעגן נישט דערלאָזן קיין שום ספק, אַז אַלץ, וואָס זיי האָבן געזאָגט אָדער געטון, איז טאַקע געזאָגט און געטון געוואָרן אַזוי און האָט נישט געקאָנט זיין אַנדערש.

אויף אַזאַ אופן האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ גרויסער יום-טוב ס׳איז „אַ גוט און ריכטיק” בוך. ווי קריגט מען עס אָבער? די צושניידערין האָט מיר דערין נישט געקאָנט העלפן.

— אָט דאָס איז אַ גוט בוך, — פלעגט זי זאָגן פאַרלייענדיק מיר ארסען גוסעס, „די הענט, וואָס זענען פול מיט רויזן, גאָלד און בלוט”. ראָמאַנען פון בעלא, פאָל דע קאָק, פאָל פעוואַל, כ׳פלעג זיי שוין אָבער לייענען מיט אָנשטרענגונג.

איר זענען געפעלן געווען די ראָמאַנען פון מאַריעט, ווערנער, מיר אָבער האָבן זיי אויסגעוויזן צו זיין לאַנגווייליק. אויך שפּילהאַגען האָט ביי מיר נישט אויסגענומען, אָבער שטאַרק געפעלן זענען מיר געווען אויערבאַכס דערציילונגען. סיו און הוגאָ פלעגן מיך אויך נישט איבעריק צוציען, אַ סך חשובער איז ביי מיר געווען וואַלטער סקאָט. איך האָב געהאַט אַ פאַרלאַנג נאָך ביכער, וואָס זאָלן מיך אויפרעגן און פרייען, ווי דער וואונדערלעכער באַלזאַק. די פאַרצעלייענע פרוי איז מיר אויך אַלץ ווייניקער געפעלן געווען.

פאַר מיין וויזיט ביי איר, פלעג איך אָנטון אַ ריין העמד, זיך צוקעמען, און פלעג זיך באַמיען צו אויסזען אָנשטענדיק — כ׳בין מסופק, צי דאָס פלעגט זיך מיר איינגעבן, כ׳האָב אָבער

אַלץ געוואָרט, אַז זי וועט אַמאָל באַמערקן מיין אָנזעעוודיקייט, וועט אָנהויבן רעדן מיט מיר פשוט און פריינטלעך, אָן יענץ פיש־שמייכעלע אויף איר תמיד ריינלעכן און יום־טובדיקן פנים. נאָר זי פלעגט שמייכלענדיק אַ פרעג טון מיט אַ מאַט און זיס קול:

— איבערגעלייענט? געפעלן?

— ניין.

אויפהויבנדיק קוים, קוים אירע ברעמען, פלעגט זי קוקן אויף מיר און זיפצנדיק זאָגן אונטערן נאָז:

— פאַרוואָס עפּעס?

— כ'האָב שוין געלייענט וועגן דעם.

— וועגן וואָס?

— וועגן ליבע...

פאַרזשמורנדיק די אויגן, פלעגט שמייכלען מיט אַ צוקער־זיס שמייכעלע:

— אָך, אָבער אין אַלע ביכער שרייבט מען דאָך וועגן ליבע!

זיצנדיק אין גרויסן פאָטעל, באַמבלט זי מיט אירע קליי־נע פיסלעך אין די פוטערנע טופלעס, געגעצט, קוטעט זיך איין אין איר הימל־בלויען כאַלאַט און קלאַפּט מיט אירע ראָזע פינגער איבערן איינבונד פון בוך, וואָס ליגט ביי איר אויף די קני.

עס ווילט זיך מיר פרעגן:

— פאַרוואָס זשע קלויבט איר זיך נישט אַרויס פון דער דירה? די אָפיצערן שרייבן דאָך אויך כסדר בריוולעך און לאַכן פון אייך...

איך וואַג דאָס צו־ער נישט צו זאָגן, און איך גיי אַרויס, אַוועקטראָגנדיק דעם גראָבן בוך וועגן „ליבע", מיט אַ טרויערי־קער אַנטוישונג אין האַרצן.

אויפן הויף רעדט מען וועגן דער דאָזיקער פרוי, וואָס ווייטער אַלץ ערגער, בייזער און מ'חוזקט נאָכמער פון איר. איך פיל מיך באַליידיקט, ווען איך הער די דאָזיקע פּליאָטקעס: שמוציקע און, מסתמא, פאַלשע. אונטער די אויגן האָב איך אויף

איר רחמנות, עס שרעקט מיך פאַר איר. ווען כ׳קום אָבער צו איר און זע אירע שפּיציקע אויגלעך, איר קליין, שלאַנק קע־ציש קערפּערל און איר שטענדיק יום־טובדיק פּנים, — פאַר־שווינדן דאַן, ווי אַ רויך, מיין רחמנות און זאָרג וועגן איר.

אין פרילינג איז זי פּלוצלינג ערגעץ־וווהין אַוועקגעפאָרן, און אין עטלעכע טעג אַרום האָט אויך איר מאַן פאַרלאָזן די דירה.

ווען די צימערן זענען געשטאַנען ליידיקע און געוואַרט אויף נייע שכנים, בין איך אַריין אָנקוקן די נאַקעטע, פון נעגל צעשעדיקטע ווענט, מיט די פּירקאַנטיקע פלעקן אויף די ער־טער, וווּ עס זענען פריער געהאָנגען בילדער, אויף דער גע־פאַרבטער פאָדלאָגע זענען אומעטום געווען פונאַנדערגעוואָרפן קאָלירטע שמאַטקעס, שטיקלעך פּאַפּיר, צעבראָכענע אַפּטייק־שאַכטעלעך, פלעשלעך פון פאַרפומע, און ס׳האָט געבלישטשעט אַ גרויסע מעשענע שפּילקע.

ס׳איז מיר טרויעריק אויפן האַרצן, ס׳האָט זיך פאַרוואָלט נאָך אַמאָל דערזען די צושניידערין, — איר זאָגן, ווי דאַנקבאַר איך בין איר...

X

נאָך איידער די צושניידערין האָט זיך אַרויסגעקליבן, האָט זיך אין דער דירה, וואָס אונטער אונז, אַריינגעקליבן אַ יונגע דאַמע מיט שוואַרצע אויגן, מיט אַ מיידעלע און אַ מו־טער, אַ גרויענקע זקנה, וואָס האָט אָן אויפהער געריכערט פּאַ־פּיראָסן פון אַ בורשטינענעם ציגאַר־שפּיצל. די דאַמע איז געווען זייער אַ שיינע; אַ הערשערישע, אַ שטאָלצע, זי פלעגט רעדן מיט אַ געדיכט, אָנגענעם קול, האָט אויף אַלעמען געקוקט מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, פאַרזשמורנדיק עטוואָס די אויגן, ווי די מענטשן וואָלטן געווען זייער ווייט פון איר, און זי זעט זיי שלעכט. כמעט יעדן טאָג פלעגט דער שוואַרצער סאָלדאַט

טיופּאַיעוו צופירן צום גאַניק פון איר וווינונג אַ געל פערד מיט שלאַנקע פיס, די דאַמע פלעגט אַרויסגיין אויפן גאַניק אין אַ לאַנג סאַמעטען קלייד פון שטאָל־פאַרב, אין ווייסע הענטשקעס מיט פאַרקאַטשעטע ראַנדן און אין געלע שיך. האַלטנדיק אין איין האַנט די שלעפּע און דאָס בייטש־שטעקל מיט אַ לילן שטיין אין הענטל, האָט זי מיט איר צווייטער קליינער האַנט געגלעט דעם פערדס אויסגעשטשירעטע מאָרדע, — ער האָט מיט אַ פייערדיק אויג זי אָנגעקוקט קרום, האָט אינגאַנצן גע־ציטערט און שטיל געהאַקט מיט דער קאָפּיטע אין דער איינ־געטראָטענער ערד.

— ראָבער, ראָ־אָבער. — פלעגט זי רעדן נישט־הויך און פּאַטשן דעם פערד איבער זיין שיין אויסגעבויגטן האַלז.

דערנאָך, אַרויפשטעלנדיק דעם פוס אויף טיופּיאַיעווס קני, פלעגט די דאַמע פלינק אַרויפשפּרינגען אויפן זאָטל, און, טאַנצנדיק שטאָלץ, פלעגט דאָס פערד אַוועק איבערן דאַמבע־וועג. זי איז געזעסן אין זאָטל אַזוי געשיקט, ווי זי וואָלט גע־וועזן צו אים צוגעוואַקסן.

זי האָט פאַרמאָגט יענע זעלטענע שיינקייט, וואָס ווייזט אויס שטענדיק ניי, נאָך נישט געזען, און פילט אָן דאָס האַרץ מיט אַ שיכּרות־פרייד. קוקנדיק אויף איר, פלעג איך טראַכטן, אַז פּונקט אַזעלכע זענען געווען דיאַנאַ פּואַטיע, די קיסרין מאַרגאָ, דאָס מיידל לאַ־וואַליער און אַנדערע שיינהייטן, די העלדינס פון די היסטאָרישע ראָמאַנען.

שטענדיק פלעגן זיך אַרום איר אַרומדרייען די דיוויזיע־אָפיצערן, וואָס האָבן זיך געפונען אין שטאָט, אין אָוונט פלעגט מען ביי איר שפּילן אויפן קלאַוויר, אויף פידלען און גיטאַרעס, מ׳פלעגט זינגען און טאַנצן. עפּעטער פאַר אַלעמען האָט זיך אַרום איר אַרומגעדרייט אויף זיינע קורצע פיסלעך דער מאַיאָר אַלע־סאָוו, אַ דיקער, אַ גרויער מיט אַ רויט פעט פּנים, ווי אַ מאַ־שיניסט פון אַ דאַמפער. ער האָט גוט געשפּילט אויף אַ גיטאַ־רע און האָט זיך געהאַלטן, ווי דער דאַמעס אַ טרייער, איבער־געגעבענער דינער.

פונקט אַזוי מזלדיק־שיין, ווי די מאַמע, איז געווען אויך איר פינף יעריק מיידעלע, אַ דיקינקע מיט געקרויזטע האָר. אירע גרויסע בלויע אויגן האָבן געקוקט ערנסט מיט אַ רויק וואַרטנדיקן בליק, און עפּעס נישט־קינדיש ערנסטעס האָט אין זיך פאַרמאָגט דאָס דאָזיקע מיידעלע.

די באָבע איז פון פרי ביז נאַכט פאַרנומען מיט דער באַלעבאַטישקייט צוזאַמען מיט דעם אומעטיק שווייגעדיקן טיר־פּיאַיעוון און דער דיקער קאַסאָקער דינסט־מיידל. קיין ניאַנקע האָט דאָס קינד נישט געהאַט. זי איז כּמעט געוואַקסן אָן השגחה, שפּילנדיק זיך גאַנצע טעג אויפן גאַניק, אָדער אויף די קלעצער, וואָס אַנטקעגן דעם גאַניק. איך פלעג אָפט אין אָוונט אַרויסגיין שפּילן מיט איר און האָב זי שטאַרק ליב געקראָגן, זי האָט זיך גיך צוגעוויינט צו מיר און פלעגט איינשלאָפן ביי מיר אויף די הענט, ווען כ׳פלעג איר דערציילן אַ מעשה. זי פלעגט איינ־שלאָפן, און איך פלעג זי אַוועקטראָגן אין בעטל. אינגיכן איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז, ווען זי פלעגט גיין שלאָפן, פלעגט זי פאַרלאַנגען איך זאָל, נישט אַנדערש, קומען זעגענען זיך מיט איר. כ׳פלעג קומען, זי פלעגט מיר וויכטיק דערלאַנ־גען איר דיק הענטל און זאָגן:

— אַדיע ביז מאָרגן! באָבע, ווי דאַרף מען זאָגן?

— היט דיך גאָט. — פלעגט זאָגן די באָבע, אַרויסלאָזנדיק פון מויל און פון דער שפּיציקער נאָז אַ גרויען רויך.

— זאָל דיך גאָט היטן ביז מאָרגן, און איך וועל שוין שלאָפן. — פלעגט דאָס מיידעלע פאַרזאָרגן, איינטולענדיק זיך אין דער דעק, וואָס איז געווען אַרומגענייט מיט שפּיצן.

די באָבע פלעגט איר לערנען:

— מ׳זאָגט נישט: ביז מאָרגן, נאָר שטענדיק!

— איז דען מאָרגן נישט שטענדיק?

זי האָט ליב געהאַט דאָס וואָרט: „מאָרגן״, און אַלץ וואָס עס פלעגט איר געפעלן, פלעגט זי אָפּלייגן אין דער צוקונפט; זי שטעקט אָן אין דער ערד אָפּגעריסענע בלומען, אָדער אָפּ־געבראָכענע צווייגן און זאָגט:

— מאָרגן וועט עס זיין אַ סאָד...

— כ'וועי מיר אַמאָי מאָרגן אויך קויפן אַ פערדעי און וועי פאָרן רייטנדיק, ווי די מאַמע.

זי איז געווען אַ קלוגינקע, נאָר זייער נישט קיין פריי־לעכע, — אָפט אין רעכטן מיטן פריילעכן שפיל פאַרקלערט זי זיך און פרעגט פלוצלינג:

— פאַרוואָס זענען ביי די גאַיאָחים די האָר יאַנגע, ווי ביי ווייבער?

זי האָט זיך אָפגעברענט מיט קראָפּיווע און דראָענדיק מיט אַ פינגערל געזאָגט;

— געדענק, כ'וועי בעטן גאָט, ער זאָי דיך באַשטראָפן, גאָט קאָן אַיעמען באַשטראָפן — אַפילו די מאַמען קאָן ער באַ־שטראָפן...

צייטנווייז פלעגט אויף איר אָנפאַלן אַ שטילער, ערנסטער צער; זי פלעגט זיך צוטוליען צו מיר, קוקן מיט אירע בלויע, וואַרטנדיקע אויגן צום הימל און זאָגן:

— די באָבע איז אָפט בייז, און די מאַמע קיינמאָי נישט, זי יאַכט נאָר, איע האָבן זי האָיט, וויי זי האָט קיינמאָי קיין צייט נישט. רק עס קומען געסט און קוקן אויף איר, וויי זי איז אַ שיינע. זי איז אַייבע, די מאַמע. און אָיעסאָוו זאָגט אויך: אַייבע מאַמע!

איך פלעג שטאַרק הנאה האָבן אויסצוהערן אירע רייד — זי פלעגט מיר דערציילן וועגן אַ וועלט, וואָס איז מיר געווען גאַנץ אומבאַקאַנט. וועגן דער מאַמען פלעגט זי שטענדיק אַ סך רעדן און זייער גערן. עס פלעגט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקן אַ ביי לעבן, כ'פלעג זיך ווידער דערמאָנען ן דער קיסרין מאַר־גאָ. דאָס האָט נאָכמער אין מיר פאַרשטאַרקט דעם צוטרוי צו די ביכער, ווי אויך דעם אינטערעס צום לעבן.

איינמאָל אין אָוונט, בעת כ'בין געזעסן אויפן גאַניק און געוואַרט אויף די באַלעבאַטים, וואָס זענען אַוועק שפּאַצירן אויפן אָטקאָס, און דאָס מיידעלע האָט געדרימלט ביי מיר אויף די הענט, איז רייטנדיק צוגעפאָרן איר מאַמע, פלינק אַראָפּגע־

שפרונגען און, פאַררייסנדיק דעם קאָפּ, אַ פרעג געטון:
— וואָס איז — זי שלאָפט?
— יאָ.
— גאָר אַזוי...
ס'איז אַרויסגעשפּרונגען טיופּיאַיעוו, צוגענומען דאָס פערד, די דאַמע האָט אַריינגערוקט דאָס בייטש־שטעקל הינטערן גורט און, אויסציענדיק די הענט, געזאָגט:
— גיב מיר זי!
— כ'וועל זי אַליין אַוועקטראָגן!
— נו! — האָט זי אַ געשריי געטון אויף מיר, ווי אויף אַ פערד, און אַ טופּע געטון מיטן פוס איבער דער שוועל פון גאַניק.
דאָס מיידעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט און, פינטלענדיק מיט די אויגן, אָנגעקוקט די מאַמען און אויסגעצויגן צו איר די הענט. זיי זענען אַוועק.
כ'בין געווויינט געווען, מ'זאָל אויף מיר שרייען, נאָר עס איז געווען אומאַנגענעם, וואָס די דאַמע שרייט אויך — איר וועט יעדערער פאָלגן. ווען זי וועט אַפילו שטיל באַפעלן.
אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מיר די קאָסאָקע דינסט־מיידל אַריינגערופן — דאָס מיידעלע מאַכט קאַפּריזן און וויל נישט גיין שלאָפן, נישט האָבנדיק אָפּגעזעגנט מיט מיר.
מיט אַ באַהאַלטענער גאווה קעגן איר מוטער בין איך אַריין אין זאַל. דאָס מיידעלע איז געזעסן אויף די קני ביי איר מאַמען. זי האָט מיט געשיקטע הענט אויסגעטון דאָס קינד.
— נו, אָט איז ער געקומען, דאָס פאַרזעעניש. — האָט זי געזאָגט.
— דאָס איז נישט קיין פאַרזעעניש, נאָר מיין אינגעלע...
— אַזוי גאָר? זייער גוט. לאָמיר עפּעס שענקען דיין יינגעלע, ווילסט?
— יאָ, כ'וויל!
— זייער גוט, כ'וועל שוין דאָס אַליין טון און דו גיי שלאָפן.
— אַדיע ביז מאָרגן, האָט מיר געזאָגט דאָס מיידעלע,

אויסציענדיק איר הענטל, — שיק דיך גאָט ביז מאָרגן...

די דאַמע האָט פאַרוואונדערט אויסגעשריען:

— ווער האָט דאָס דיר אויסגעלערנט — די באָבע?

— יאָ...

ווען זי איז אַוועק, האָט די דאַמע צו מיר אַ ווונק געטון מיטן פינגער.

— וואָס שענקט מען דיר עפּעס?

כ׳האָב געזאָגט, אַז מען דאַרף מיר גאָרנישט שענקען, נאָר אפשר קאָן זי מיר געבן אַ ביכל?

מיט איר הייסע, שמעקעדיקע פינגער, האָט זי מיך אָנגענומען פאַרן מאָרדע און מיט אַ ליבן שמייכל געפרעגט:

— אַזוי גאָר, האָסט האָלט צו לייענען, יאָ? וואָס פאַראַ ביכער האָסטו געלייענט?

שמייכלענדיק, האָט זי אויסגעזען נאָך שענער; איך האָב איר שעמעוודיק אָנגערופן עטלעכע ראָמאַנען.

— וואָס זשע געפעלט דיר דאָרט? — האָט זי געפרעגט, אַוועקלייגנדיק די הענט אויפן טיש און רירנדיק שטיל מיט די פינגער.

עס האָט זיך געטראָגן פון איר אַ זיסער, שאַרפער ריח פון אומבאַקאַנטע בלומען, וואָס האָט זיך מאָדנע אויסגעמישט מיט אַ ריח פון פערדעשן שווייס. דורך אירע לאַנגע ברעמען האָט זי געקוקט אויף מיר ערנסט-פאַרטראַכט, — ביז איצט האָט מיך נאָך קיינער נישט אָנגעקוקט אַזוי.

פון די צופיל ווייכע און שיינע מעבל איז אין צימער געווען ענג, ווי אין אַ פויגל-נעסט; די פענסטער זענען געווען געדיכט פאַרשטעלט מיט בלומען, אין דער טונקלקייט האָבן געבלאַנקט די שניי-ווייסע קאַכלען פון אויוון, נעבן דעם האָט געגלאַנצט דער שוואַרצער קלאַוויר, און פון די ווענט האָבן אין טונקל-באַגאַלטע ראַמען אַרויסגעקוקט עפּעס אַלטע טונקעלע דיפּלאָמען, קרום אָנגעפּיקעוועט מיט גרויסע סלאַוויאַנישע אותיות, און אונטער יעדן דיפּלאָם איז אויף אַ שנור געהאָנגען אַ טונ־

קעלע, גרויסע חתימה. אַלע זאַכן האָבן געקוקט אויף דער פּרוי, פּונקט אַזוי הכנעהדיק און שעמעוודיק, ווי איך.

כ׳האָב איר דערקלערט, ווי איך האָב געקאָנט, אַז דאָס לעבן איז זייער שווער און לאַנגווייליק, נאָר לייענענדיק פאַרגעסט מען וועגן דעם.

— יאָ־אָ, אַזוי גאָר. — האָט זי געזאָגט און האָט זיך אויפגעהויבן. — ס׳איז נישט שלעכט און, אפשר, אויך ריכטיק... נו, גוט? כ׳וועל דיר געבן ביכער, אָבער איצט האָב איך נישט... איבעריקנס, נעם אָט דאָס...

זי האָט גענומען פון סאָפע אַ צעריסן ביכל אין אַ געלן איינבונד.

— וועסט איבערלייענען — וועל איך דיר געבן דעם צווייטן טייל, ס׳זענען דאָ פיר...

כ׳בין אַוועק, מיטנעמענדיק מיט זיך: די „סודות פון פעטערבורג״ פון פירשט מעשטשערסקי, און האָב אָנגעהויבן לייענען דאָס בוך מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, נאָר גלייך פון די ערשטע זייטלעך האָב איך שוין באַמערקט, אַז די פּעטערבורגער „סודות״ זענען אַ סך לאַנגווייליקער, ווי די מאַדרידער, לאָנדאָנער און פאַריזער. אַמוזאַנט איז מיר נאָר געווען די פאַבל פון דער „פרייהייט״ מיטן „שטעקן״.

— „כ׳בין העכער פאַר דיר — האָט געזאָגט די פרייהייט — ווייל איך בין קליגער״. אָבער דער שטעקן האָט געענטפערט:

— „ניין, כ׳בין העכער פאַר דיר, ווייל — איך בין שטאַרקער״.

אַרומגעקריגט זיך אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז מ׳האָט זיך צעשלאָגן; דער שטעקן האָט צעמזיק די פרייהייט און די פרייהייט — דאַכט זיך — איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל פון די קלעפּ.

אין בוך האָט זיך גערעדט וועגן אַ ניהיליסט. לויט דעם פירשט מעשטשערסקין, ווי איך געדענק, איז אַ ניהיליסט אַזאַ גיפטיקער מענטש, אַז פון זיין קוק אַליין פגרן הינער. דאָס וואָרט ניהיליסט איז מיר פאָרגעקומען עפעס פאַר אַ מיאוס און

באַליידיקנד וואָרט, נאָר מער האָב איך קיין זאַך נישט פֿאַר־שטאַנען און געוואָרן אָפּהענטיק: כ׳קאָן, ווי עס ווייזט אויס, נישט פֿאַרשטיין קיין גוטע ביכער! און, אַז דאָס איז אַ גוט בוך, בין איך געווען זיכער: אַזאַ שיינע, אָנגעזעענע דאַמע וועט דאָך נישט לייענען קיין שלעכטע!

— נו, וואָס, געפֿעלן געוואָרן? — האָט זי געפֿרעגט, ווען כ׳האָב איר צוריקגעבראַכט מעשטשערסקיס געלן ראָמאַן.

מיר איז זייער שווער געווען צו ענטפֿערן איר — ניין, כ׳האָב מורא געהאַט, זי וועט בייז ווערן.

זי האָט זיך אָבער בלויז פֿונאַנדערגעלאַכט, אַריינגייענדיק הינטער דעם פֿאָרטיער, וואָס איז געווען איר שלאָפֿצימער, האָט אַרויסגעטראָגן אַ קליין ביכל אין אַ בלויען, לעדערנעם אײַנבונד.

— דאָס וועט דיר געפֿעלן ווערן, נאָר פֿאַרשמוץ נישט!

דאָס זענען געווען פּושקינס פּאָעמען. כ׳האָב זיי דורכגע־לייענט אַלע אויף אַמאָל, מיט אַ געפֿיל פֿון גיריקייט, ווי איי־נער, וואָס פֿאַלט אַריין אין אַ זעלטן שיין אָרט, און וויל אויף איין מאָל אַרומכאַפּן אַלץ מיטן אויג. אַזוי טרעפֿט, ווען דו בלאָנקעסט לאַנג אַרום איבער די מאָכיקע בערגלעך אין אַ בלאָ־טיקן וואַלד און אומדערוואַרט דערזעסטו פֿאַר זיך אַ טרוקענע לאָנקע אײַנגעצן באַגאָסן מיט זון און באַזייט מיט בלומען. אַ רגע שטייסטו אַ באַצויבערטער און דאַן לויפֿסטו אַדורך אַ באַגליקטער די גאַנצע לאָנקע און דו פֿרייסט זיך שטיל ביי יעדער באַרירונג פֿון דיין פֿוס אין דער ווייכער גראָז פֿון דער פֿרוכטבאַרער ערד.

פּושקין האָט מיך אַזוי פֿאַרוווּנדערט מיט דער פּשוטקייט און מיט דער מוזיק פֿון זיין פֿערז, אַז אַ לאַנגע צייט נאָכדעם איז מיר די פּראָזע פֿאָרגעקומען אומנאַטירלעך, און כ׳פֿלעג עס נישט גערן לייענען. דער פּראָלאָג צו „רוסלאַן״ האָט מיר דער־מאָנט אָן דער באָבעס בעסטע מעשיות, פֿלאַדיק צוזאַמענגעגאָסן אין איינער, און אַנדערע שורות האָבן מיך אַריינגעבראַכט אין חידושים מיט זייער בולטן אמת:

דאָרט, אויף פאַרוואָרפענע סטעזשקעס
שפּורן פון זעלטענע חיות —

האָב איך געחזרט פאַר זיך די וואונדערלעכע שורות און האָב געזען די גוט באַקאַנטע, קוים קענטיקע שטעגלעך, כ׳האָב געזען די געהיימע טריט־שפּורן אויף דער צעדריקטער גראָז, וואָס האָט נאָך נישט אָפּגעטרייסלט פון זיך די שווערע, בלייענע טראָפּנס טוי. לייכט פלעגן זיך פאַרגעדענקען די זאָפטיק־קלינגענדיקע פערזן, באַפּוצנדיק מיט אַ יום־טובדיקן קלייד אַלץ, וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט; דאָס האָט מיך געמאַכט גליקלעך, מיין לעבן — לייכט און אָנגענעם, די לידער האָבן געקלונגען, ווי אַ בשורה טובה אויף אַ ניי לעבן, וואָס פאַראַ גליק דאָס איז — צו קאָנען לייענען און שרייבן!

פּושקינס פּראַכטפולע מעשות זענען מיר נענטער און פאַרשטענדלעכער געווען ווי אַלץ; נאָך עטלעכע מאָל איבערלייענען האָב איך זיי שוין געקאָנט אויף אויסנווייניק; איך לייג זיך שלאָפן, מאַך די אויגן צו און מורמל אַזוי לאַנג די לידער, ביז כ׳שלאָף איין. אָפטמאָל פלעג איך איבערדערציילן די מעשות פאַר די אָפּיצער־דינערס, זיי הערן אויס, לאַכן און זידלען זיך פריינטלעך. סידאָראָוו גלעט מיך איבערן קאָפּ און זאָגט שטילערהייט:

— איי גוט, האַ! נו, גאָט אין הימל!...

מיין צערודערונג האָבן באַמערקט די באַלעבאַטים, און די אַלטע האָט זיך געזידלט:

— האָט זיך פאַרלייענט, דער טייוול זאָל אים נעמען, און דער סאַמאָוואַר איז שוין דער פערטער טאָג נישט געפּוצט! כ׳וועל אָקאָרשט נעמען אַ שייט האָלץ...

— וואָס — אַ שייט האָלץ? איך האָב זיך געשיצט מיט מיינע פערזן:

בייז־ליבנדיק מיט שוואַרצער נשמה
האָט די אַלטע מכשפה...

די דאַמע איז נאָך מער אויסגעוואַקסן אין מיינע אויגן, —

אָט װעלכע ביכער זי לייענט! דאָס איז שוין נישט די פּאָר־צעלייענע צושניידערין...

װען כ׳האָב איר מיט צער אָפּגעבראַכט דאָס בוך, האָט זי איבערצייגט געזאָגט:

— דאָס בוך געפעלט דיר? האָסטו געהערט װעגן פּושקינען?

איך האָב שוין יאָ עפּעס געלייענט װעגן דעם פּאָעט, נאָר אַזוי, װי מיר האָט זיך געװאָלט, אַז זי זאָל מיר אַליין דערציילן װעגן אים, האָב איך געזאָגט, אַז כ׳האָב נישט געהערט.

נאָכדעם װי זי האָט מיר אין קורצן דערציילט װעגן פּושקינס לעבן און װעגן זיין טויט, האָט זי שמייכלענדיק, װי אַ פרילינג טאָג, געפרעגט:

— זעסט, װי געפערלעך ס׳איז צו ליב האָבן פרויען?

פון אַלע מיינע דורכגעלייענטע ביכער האָב איך געװוּסט, אַז ס׳איז גוט נאָר געפערלעך. כ׳האָב געזאָגט:

— ס׳איז געפערלעך, פונדעסטװעגן האָבן אַלע ליב. די פרויען אַליין פּייניקן זיך אויך פון דעם...

זי האָט מיך אָנגעקוקט, װי אַלץ, דורך די װויעס און ערנסט געזאָגט:

— אַזוי גאָר? דו פאַרשטייסט דאָס? װי באַלד אַזוי װינטש איך דיך — דו זאָלסט עס נישט פאַרגעסן!

און האָט מיך אָנגעהויבן אויספרעגן, װעלכע לידער ס׳זע־נען מיר געפעלן.

כ׳האָב אָנגעהויבן עפּעס צו רעדן, לייענענדיק אויסװייניק און מאַכנדיק דערביי מיט די הענט. ערנסט און שװייגעדיק האָט זי מיך אויסגעהערט, דערנאָך איז זי אויפגעשטאַנען, דורכ־געגאַנגען איבערן צימער און פאַרטראַכטערהייט געזאָגט:

— דו, מיין ליב חיהלע, האָסט זיך געדאַרפט לערנען! כ׳װעל אַ קלער טון מכּוח דעם... דיינע באַלעבאַטים — זענען דיינע קרובים?

און װען איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, האָט זי אויס־געשריגן: „אָ!“ װי זי װאָלט מיך באַשולדיקט אין עפּעס.

זי האָט מיר געגעבן „לידער פון בעראַנזשע", אַן אויס־געצייכנטע אויסגאַבע, מיט גראַווירן, אין אַ גאָלדענעם שניט און אַ רויטן לעדערנעם איינבונד. די דאָזיקע לידער האָבן מיך אינגאַנצן משוגע געמאַכט מיט דער מאָדנע־ענגער פאַרקניפּונג פון ביטערסטן צער מיט ווילדער פרייד.

מיט אַ קעלט אין האַרצן האָב איך געלייענט די ביטערע ווערטער פון דעם „אַלטן בעטלער":

— שעדלעך, ווי וואָרים — שטער איך אייער רו?
צו וואָס נאָך מיטלייד? קוועטשט וואָס גיכער צו!
טרעט צו מיט פיס די מיאוסקייט — און אויס.
פאַרוואָס האָט איר מיך לערנען נישט געגעבן,
אַן אויסוועג פאַר מיין ווילדער קראַפט אין לעבן?
אפשר וואָלט פון וואָרים — אַ מוראַשקע אַרויס!
געשטאָרבן וואָלט איך בענטשנדיק אָן האַס.
איצט שטאַרב איך, ווי אַ שלעפּער אויף דער גאַס —
און בעט אויף מענטשן אַ נקמה אויס!

און גלייך נאָכדעם האָב איך זיך געקייכט פון געלעכ־טער, לייענענדיק דעם „וויינענדיקן מאַן" און באַזונדערס זענען מיר פאַרבליבן אין זכרון בעראַנזשעס ווערטער:

— די חכמה פון אַ פריילעך לעבן
איז דאָך נישט שווער פאַרן המון!..

בעראַנזשע האָט אויפגעוועקט אין מיר אַ קוואַל פון פרייד, אַ פאַרלאַנג צו זיין פאַרשייט, העזהדיק אַריינצוזאָגן די מענטשן שאַרפע ווערטער, און אין גאָר אַ קורצער צייט האָב איך געהאַט אַ גרויסע פעולה אין דעם. זיינע פערזן האָב איך אויך אויסגע־לערנט אויף אויסווייניק און מיט גרויס התפעלות זיי פאָרגע־לייענט פאַר די אָפיצער־דינערס, אַריינכאַפּנדיק זיך אויף עט־לעכע מינוט צו זיי אין די קיכן.

גאָר אינגיכן האָב איך זיך געמוזט אָפּזאָגן דערפון, ווייל דער פערז:

פאַר אַ מיידל פון זיבעצן יאָר —
וואָסער היטל פּאַסט נישט צו?

האָט אַרויסגערופֿן אַ שמועס פֿול מיט ניבול־פּה וועגן מיידלעך, — דאָס האָט מיך אַזוי שטאַרק אויפֿגעבראַכט, אַז כ׳האָב דערלאַנגט יערמאָלינען מיט אַ פֿאַן איבערן קאָפּ. סידאָראָוו און די איבעריקע אָפּיצער־דינערס האָבן מיך אַרויסגעריסן פֿון זיינע אומגעלומפּערטע הענט, אָבער פֿון דאַמאָלס אָן האָב איך שוין מער נישט געוואַגט אַרומצולויפֿן איבער די אָפּיצערסקע קיכן.

מען פֿלעגט מיך נישט אַרויסלאָזן שפּאַצירן אין גאַס, אגב, איז טאַקע קיין צייט נישט געווען צו שפּאַצירן, — אַרבעט פֿלעגט כּסדר צוקומען; אַ חוץ די שטענדיקע אַרבעט פֿון זײַ שטוב־מיידל, אַ סטרוזש און „לויף ייִנגל״, פֿלעג איך נאָך מוזן יעדן טאָג אָנשלאָגן מיט נעגל אויף ברייטע ברעטער קאָלענקאָר, אַרויפֿקלעפּן דערויף די פּלאַנען, איבערשרייבן די חשבונות פֿון דעם באַלעבאָס בוי־אַרבעטן, קאָנטראָלירן די חשבונות פֿון די אונטערנעמער — דער באַלעבאָס האָט געאַרבעט, ווי אַ מאַשין, פֿון פֿרי ביז נאַכט.

אין יענע יאָרן זענען די מלוכהשע געביידעס אויף די מערק אַריבער אין פּריוואַטן אייגנטום פֿון די קרעמער; די מאַרק־קראָמען האָבן זיך אייליק איבערגעבויט; מיין באַלעבאָס פֿלעגט אָננעמען „פּאָדראַדן״ אויף רעמאָנטירן און בויען נייע קראָמען: פֿלעגט מאַכן פּלאַנען „צו איבערמאַכן די געוועלבונגען און אויסהאַקן בוידעם־פֿענסטערלעך״ א. אַ. וו. די דאָזיקע פּלאַנען פֿלעג איך אין אַ קאָנווערט צוזאַמען מיט אַ פֿינפֿאונצוואַנציקער אַוועקטראָגן צו אַן אַלטינקן אַרכיטעקטאָר, — ער פֿלעגט צונעמען דאָס געלט און אונטערשרייבן:

„דער פּלאַן לויט דעם פּלאַץ איז ריכטיק און די אויפֿזיכט אויף דער אַרבעט האָט איבערגענומען אימיאַרעק״. ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז דעם פּלאַץ און די געביידע האָט ער נישט געזען און די השגחה איבער דער אַרבעט האָט ער נישט געקאָנט איבערנעמען, ווייל צוליב זיין קראַנקהייט האָט ער בכלל נישט געקאָנט גאָר אַרויסגיין פֿון שטוב.

כ׳פֿלעג טראָגן כּאַבאַר אויך צום אויפֿזעער פֿון מאַרק און נאָך עפּעס צו נויטיקע לייט, באַקומענדיק פֿון זיי „ערלויבנישן

אויף אַלערליי טריפֿה זאַכן", ווי דער באַלעבאָס פֿלעגט אָנרופֿן די דאָזיקע דאָקומענטן. פֿאַר דעם אַלעם האָט מען מיר דערלויבט אָפּצוואַרטן אויפֿן גאַניק די באַלעבאַטים, ווען זיי פֿלעגן אין אָוונט אַוועקגיין צו גאַסט. דאָס פֿלעגט טרעפֿן נישט אָפֿט, נאָר אַהיים פֿלעגן זיי קומען נאָך האַלבע נאַכט, און עטלעכע שעה פֿלעג איך אָפּזיצן אויפֿן גאַניק אָדער אַנטקעגן גאַניק אויף אַ קופּע קלעצער, אַריינקוקנדיק דורך די פֿענסטער אין דער דירה פֿון מיין דאַמע און צוהערנדיק גיריק פֿון וויטן דעם פֿריילעכן שמועס און די מוזיק.

די פֿענסטער זענען פֿונאַנדערגעעפֿנט. דורך די פֿאָרהאַנגען אין דער נעץ פֿון בלומען האָב איך געזען, ווי עס באַוועגן זיך אין די צימערן די שלאַנקע פֿיגורן פֿון אָפֿיצערן, עס קאָלערט זיך דער קיילעכדיקער מאַיאָר, און זי שווימט אַרום, אָנגעטאָן וווּנדערלעך, פּשוט און שיין.

פֿאַר זיך האָב איך זי אַ נאָמען געגעבן — קיסרין מאַרגאָ.

„אָט דאָס איז טאַקע יענץ פֿריילעכע לעבן, וועגן וועלכן עס שרייבן די פֿראַנצויזישע ביכער", האָב איך געטראַכט אַריינקוקנדיק דורך די פֿענסטער. און שטענדיק איז מיך געווען אַ ביסל אומעטיקלעך: אין מיין קינדערשער אייפֿערזוכט האָב איך מיט פֿאַרדרוס צוגעקוקט אויף די מענער אַרום דער קיסרין מאַרגאָ, — זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום איר, ווי בינען אַרום אַ בלום.

זעלטענער פֿאַר אַלעמען פֿלעגט קומען צו איר איינער אַ הויכער, אומעטיקער אָפֿיצער, מיט אַ צעהאַקטן שטערן און טיף איינגעגראָבענע אויגן; ער פֿלעגט שטענדיק מיטברענגען מיט זיך אַ פֿידל און האָט זעלטן־שיין געשפּילט, — ער פֿלעגט אַזוי שפּילן, אַז מ'פֿלעגט זיך אָפּשטעלן אונטער די פֿענסטער, אַן עולם פֿון דער גאַנצער גאַס פֿלעגט זיך צונויפֿזאַמלען אויף די קלעצער, אַפֿילו מיינע באַלעבאַטים — ווען זיי זענען געווען אין דערהיים — פֿלעגן עפֿענען די פֿענסטער, זיך צוהערן און לויבן דעם שפּילער. איך געדענק נישט, אַז זיי זאָלן האָבן נאָך עמעצן געלויבט, אַחוץ דעם הויפּט־גלח, און איך ווייס אויף

זיכער, אַז אַ פּלאָדן געפּולט מיט פיש האָט ביי זיי פּאָרט מער אויסגענומען, ווי די מוזיק.

אָפטמאָל האָט דער אָפּיצער געזונגען און געלייענט לי־דער, מיט אַ פּאַרשטיקט קול, סאָפּענדיק מאָדנע, צודריקנדיק די האַנט צום שטערן. איינמאָל, ווען כ'האָב זיך געשפּילט מיטן מיידעלע הינטערן פענסטער, האָב איך געהערט, ווי די קיסרין מאַרגאָ האָט זיך געבעטן, ער זאָל זינגען, ער האָט זיך גע־לאָזט בעטן, דערנאָך האָט ער דייטלעך געזאָגט:

— בלויז דאָס ליד נויטיקט זיך אין שיינקייט,

די שיינקייט אָבער — דאַרף קיין לידער...

מיר זענען זייער געפעלן געוואָרן די דאָזיקע פערזן, און עפּעס איז מיר געווען אַ רחמנות אויפן אָפּיצער.

מיר איז געווען אָנגענעמער אָנצוקוקן די דאַמע, ווען זי איז געזעסן אַליין אין צימער ביים קלאַוויר. די מוזיק האָט מיך פאַרשיכּורט, כ'האָב דאַן גאָרנישט געזען אַחוץ דעם פענ־סטער און וואָס הינטער אים, אין דער געלער שיין פון ז'עם לאָמפּ, די שלאַנקע פרויען־פיגור, איר שטאָלצן פּראָפיל און אירע ווייסע הענט, וואָס זענען, ווי פויגלען געפלויגן איבער די קלאַווישן.

כ'האָב געקוקט אויף איר, זיך צוגעהערט צו איר טרויע־ריקער מוזיק און האָב פאַנטאַזירט: ווען איך וועל געפינען אַן אוצר, וועל איך אים אינגאַנצן אַוועקגעבן איר — זאָל זי זיין רייך! ווען איך וואָלט געווען סקאָבעלעוו, וואָלט איך פאַרפירט אַ נייע מלחמה מיט די טערקן, וואָלט גענומען אויסקויף־געלט און וואָלט אויפן אָטקאָס — דעם בעסטן פּלאַץ פון שטאָט — אויסגעבויט אַ הויז, אַ מתּנה פאַר איר, — זאָל זי נאָר אַרויס־פאָרן פון דער גאַס, פון דעם הויף, וווּ אַלע רעדן וועגן איר באַליידיקנד און מיאוס.

די שכנים, אַלע משרתים פון הויף, — דערהויפּט מיינע באַלעבאַטים — האָבן וועגן דער קיסרין מאַרגאָ גערעדט פּונקט אַזוי שלעכט און עקלדיק, ווי וועגן דער צושניידערין, נאָר אַביסל איינגעהאַלטענער, שטילער, אַרומקוקנדיק זיך.

און מורא האָט מען געהאַט פאַר איר, אפשר צוליב דעם, וואָס זי איז געווען אַן אלמנה פון זייער אַן אָנגעזעענעם מענטשן — די דיפּלאָמען און שריפטן, וואָס זענען געהאָנגען אויף די ווענט פון אירע צימערן, האָבן די אור־אור עלטערן פון איר מאַן באַקומען אַ מתנה פון די אַלטע, רוסישע מלכים: פון גאָדונאָוון, אַלעקסעיעוון און פּיאָטער דעם גרויסן, — דאָס האָט מיר דערציילט דער סאָלדאַט טיטאַיעוו, אַ יודע־ספר, וואָס פלעגט תמיד לייענען די יעוואַנגעליע. און אפשר האָבן די מענטשן מורא געהאַט, אַז זי קאָן זיי נאָך צעקאַטעווען מיטן בייטש־שטעקל, וואָס האָט אַ לילן שטיין אין הענטל, — דער־ציילט האָט מען, אַז זי האָט שוין אַמאָל אַריינגעקאַטעוועט איינעם אַן אָנגעזעענעם באַאַמטן.

נאָר די שטילע ווערטער זענען נישט בעסער געווען, ווי די הויך אַרויסגעזאָגטע. איבער מיין דאַמע איז געהאָנגען אַ גע־דיכטער וואָלקן פון שנאה, וועלכע איך האָב נישט געקאָנט באַ־גרייפן און וואָס האָט מיך זייער געפייניקט. וויקטאָרושקאַ האָט אַמאָל דערציילט, אַז ער האָט איינמאָל שפּעט נאָך האַלבע נאַכט אַריינגעקוקט דורכן פענסטער אין שלאָפצימער פון דער קיניגין מאַרגאָ, און ער האָט דערזען, ווי זי איז אין איין העמד גע־זעסן אויף דער קושעטקע, און דער מאַיאָר האָט, שטייענדיק אויף די קני, איר געשוירן די נעגל פון די פיס און אָפּגע־ווישט זיי מיט אַ שוואָם.

די אַלטע האָט זיך געזידלט, געשפּיגן, די יונגע איז רויט געוואָרן און געקוויטשעט:

— פע, וויקטאָר, דו אומפאַרשעמטער! אוי, וואָס פאַראַ פּאַסקודניקעס די מענער זענען!

דער באַלעבאָס האָט געשוויגן און געשמייכלט, — כ׳בין אים אַזוי דאַנקבאַר געווען פאַר זיין שווייגן, נאָר מיט שרעק געוואַרט, אַז אָט, אָט וועט ער זיך אויך אַריינמישן אין דעם געפּילדער. אָכצענדיק און קוויטשנדיק האָבן די ווייבער געגוי־פונאַנדערגעפרעגט וויקטאָרושקען, ווי זי איז געזעסן, ווי דער מאַיאָר איז געשטאַנען אויף די קני — וויקטאָר האָט צוגעגעבן אַלץ מער פּרטים:

— זיין פנים איז געווען רויט, די צונג אַרויסגעשטעלט...

איך האָב גאָרנישט געזען קיין חרפה דערין, וואָס דער מאַיאָר שערט דער דאַמע די נעגל, נאָר איך האָב נישט געגלויבט, אַז ער האָט אַרויסגעשטעלט די צונג, דאָס, האָט זיך מיר געדאַכט, איז אַ מיאוסער ליגן, און איך האָב געזאָגט צו וויקטאָרושקען:

— אויב דאָס איז נישט שיין, צו וואָס האָט איר געקוקט אין פענסטער? איר זענט דאָך נישט קיין קליינינקער...

מ׳האָט מיך, ווי געוויינלעך, אויסגעזידלט, אָבער דאָס האָט מיך נישט באַליידיקט, נאָר איינס האָב איך געוואָלט — אַראָפלויפן אונטן, שטעלן זיך פאַר דער דאַמע אויף די קני, ווי דער מאַיאָר, און בעטן זיך:

— פאָרט, איך בעט אייך, אַרויס פון דעם הויף?

איצט, נאָכדעם ווי כ׳האָב געוווּסט, אַז ס׳איז פאַראַן אַן אַנדער לעבן, אַנדערע מענטשן, געפילן, געדאַנקען, האָט דאָס הויז מיט אַלע זיינע שכנים דערוועקט אין מיר אַלץ אַ גרעסערן עקל. עס איז געווען אין גאַנצן איינגעטונקט אין אַ בלאָטע פון מיאוסע רכילותן, ס׳איז נישט געווען קיין איין מענטש, וועמען זיי זאָלן נישט באַרעדן, דער עלנדער, קראַנקער מיליטערישער גלח האָט ביי זיי באַקומען אַ שם פאַר אַ שיכור און אַן אויסגעלאַסענעם; די אָפיצערן און זייערע ווייבער האָבן, לויט זייערע רייד, אַן אויסגעלאַסן, שמוציק לעבן; עס זענען מיר דערווידער געווען די אייניאָניקע שמועסן פון די סאָלדאַטן וועגן פרויען, און מער פאַר אַלעמען זענען מיר נמאס געוואָרן מיינע באַלעבאַטים; כ׳האָב זייער גוט געוווּסט דעם אמתן ווערט פון זייערע באַליבטע, אומברחמנותדיקע אורטיילן איבער די מענטשן. נאָכקוקן אויף פרעמדע חטאים — איז דער איינציקער פאַרגניגן, וואָס מען באַקומט אומזיסט. מיינע באַלעבאַטים האָבן געהאַט איין הנאה, צו טרייבערן מיט ווערטער זייערע נאָנטע מענטשן, ווי זיי וואָלטן זיך נוקם געווען אין אַלעמען פאַר זייער גאָטספאָרכטיק, שווער, און נודנע לעבן.

ווען מ׳פלעגט די קיסרין מאַרגאָ מיאוס באַרעדן, פלעגט

מיך דורכנעמען אַ שוידער פון ספּאַזמאַטישע, נישט־קינדערשע געפילן. דאָס האַרץ פלעגט פּלאַצן פון שנאה צו די רכילות־טרייבער און עס פלעגט מיך אָנכאַפּן אַ פאַרלאַנג, צו טון אַלע־מען צו להכעיס, פרעך זיין, און צייטנווייז — אַ הייס רחמנות צו זיך און צו אַלעמען, — דאָס דאָזיקע שטומע רחמנות־געפיל איז געווען נאָך שווערער און פיינלעכער, ווי די שנאה.

כ׳האָב געוווּסט וועגן דער קעניגין מאַרגאָ אַ סך מער פאַר זיי און האָב מורא געהאַט, אַז זיי זאָלן זיך נישט דער־וויסן פון דעם, וואָס איך ווייס.

אין די חגאות, ווען מיינע באַלעבאַטים גייען אַוועק אין קלויסטער, פלעג איך אינדערפרי אַריין צו איר; פלעגט מיך אַריינרופן צו זיך אין שלאָפצימער, כ׳זעץ זיך אויף אַ קליין שטולבעלע, וואָס איז באַשלאָגן מיט גאָלדפאַרביקן זייד, דאָס מיידעלע קריכט אַרויף צו מיר אויף די קני, און איך הויב אָן צו דערציילן פאַר דער מאַמען וועגן די איבערגעלייענטע בי־כער. זי ליגט אויף אַ ברייט בעט, אונטערשפּאַרנדיק איר באַק מיט אירע קליינע, צונויפגעלייגטע הענטלעך, איר קערפּער איז באַהאַלטן אונטער אַ דעק, אויך אַ גאָלדפאַרביקע, ווי אַלץ אין צימער, אירע טונקעלע האָר, פאַרפלאָכטן אין אַ צאָפּ, זענען פאַרוואָרפן איבער אירע ברוינע אַקסלען און ליגן פון פאָרנט, אַראָפּהענגענדיק אָפּט פון בעט ביז צו דער פאָדלאָגע.

אויסהערנדיק מיך, קוקט זי מיך ווייך אָן, שמייכלט קוים און זאָגט:

— אַזוי גאָר?

אַפילו איר גוטמוטיקער שמייכל איז אין מיינע אויגן גע־ווען אַ חסד־שמייכל פון אַ קעניגין. זי פלעגט רעדן מיט אַ שטיל גלעטנדיק קול און שטענדיק, דאַכט זיך, עפּעס דאָס זעלבע:

— כ׳ווייס, אַז כ׳בין נישט אין ערך ריינער און בעסער פאַר אַלע מענטשן און כ׳דאַרף זיי קיינעם נישט.

איך טרעף זי צומאָל ביים שפּיגל, — זי זיצט אויף אַ נידעריקן שטול און קעמט אירע האָר; די עקן ליגן אויף אירע קני, אויף די אָנלען־הענטלעך פון שטול, אַראָפּפאַלנדיק

דורך דעם אָנלען כמעט ביז צו דער ערד, — אירע האָר זענען געדיכט און לאַנג, ווי ביי דער באָבען. דורכן שפּיגל זע איך איר ברוינע, פעסטע ברוסט, פאַר מיר אין די אויגן טוט זי אָן דאָס לייבל, די זאָקן, נאָר איר ריינע נאַקעטקייט האָט ביי מיר נישט אַרויסגערופן קיין געפילן פון חרפּה, נאָר אַ פריידיק געפיל פון גאוה פאַר איר. עס טראָגט זיך פון איר תמיד אַ ריח פון בלומען, וואָס שיצט זי פון שלעכטע מחשבות וועגן איר.

כ'בין געווען געזונט און שטאַרק, און גוט געוווסט די באַהאַלטענע באַציונגען צווישן דעם מאַנסביל און דער פרוי, אָבער די מענטשן האָבן פאַר מיר אין די אויגן גערעדט וועגן דעם מיט אַזאַ האַרטער רשעות, אַזוי אכזריותדיק און שמוציק, אַז איך האָב די דאָזיקע פרוי בשום אופן זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן אין די אָרעמס פון אַ מאַנסביל, מיר איז גאָר שווער געווען צו טראַכטן, אַז עמעץ קאָן זי אָנרירן פאַרשייט און אומפאַרשעמט, קאָן זיך פילן ווי אַ באַלעבאָס איבער איר קערפּער. כ'בין געווען זיכער, אַז דער קעניגין מאַרגאָ איז פרעמד די ליבע פון די קיכן און פון די פינסטערע קאַמערן, זי ווייסט פון אַנדערע, העכערע פריידן, פון אַן אַנדער ליבע.

נאָר איינמאָל פאַרנאַכט, ווען כ'בין אַריין אין זאַל, האָב איך פון הינטערן פאָרטיער פון שלאָפצימער דערהערט מיין דאַמעס הילכיקן געלעכטער און אַ מאַנסבילשע שטימע, וואָס האָט זיך געבעטן:

— וואַרט זשע... אָ גאָט! כ'גלויב נישט.

כ'האָב געפילט — כ'דאַרף אַוועקגיין, און האָב נישט געקאָנט...

— ווער איז דאָרט? — האָט זי געפרעגט. — דו? קום אַריין...

די לופט אין שלאָפצימער איז געווען פאַרשטיקט פון די בלומען; טונקל, די פענסטער זענען געווען פאַרהאָנגען... די קעניגין מאַרגאָ איז געלעגן אין בעט פאַרדעקט ביז צום האַלז מיט דער דעק, און נעבן איר, ביים וואַנט, איז געזעסן אין איין העמד מיט אַן אָפענער ברוסט דער אָפיצער, דער

שפילער, — אויפן האַרצן האָט ער אויך געהאַט אַ העפט, וואָס האָט זיך געצויגן, ווי אַ רויטער פּאַס, פון רעכטן אַקסל ביז צו זיין ברוסט־וואַרצל, און געווען איז דער העפט אַזוי רויט, אַז אַפילו ביינאַכט איז ער געווען שטאַרק קענטיק. דעם אַפּיצערס האָר זענען געווען לעכערלעך צעשויבערט, און צום ערשטן מאָל האָב איך באַמערקט אַ שמייכל אויף זיין אומעטיק, צעהאַקט פּנים, — געשמייכלט האָט ער עפּעס אויסטערליש. און זיינע גרויסע, ווייבערשע אויגן האָבן אַזוי אָנגעקוקט די קעניגין, ווי ער וואָלט ערשט צום ערשטן מאָל דערזען איר שיינהייט.

— דאָס איז מיין פריינט. — האָט געזאָגט די קעניגין מאַרגאָ, כ'ווייס נישט צו וועמען, — צו מיר, צי צו אים.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? — האָב איך דער־הערט, ווי פונוויטנס איר שטים. — קום אַהער...

ווען כ'בין צוגעגאַנגען צו איר, האָט זי מיט איר נאַקעטן, הייסן אָרעם אַרומגענומען מיין האַלז און האָט געזאָגט:

— וועסטו אויסוואַקסן — וועסטו אויך זיין גליקלעך... גיי!

כ'האָב אַוועקגעלייגט דאָס בוך אויפן פּאָליצע, גענומען אַ צווייטס, און בין אַוועק.

עס האָט זיך מיר עפּעס, ווי אָפּגעריסן אין האַרצן. געוויס, כ'האָב קיין איין רגע נישט געקלערט, אַז מיין קעניגין ליבט, ווי אַלע פרויען, אגב, האָט אויך דער אָפיצער נישט דערלאָזט צו אַזאַ מין געדאַנק. כ'האָב געזען פאַר זיך זיין שמייכל, — געשמייכלט האָט ער פריידיק, ווי עס שמייכלט אַ קינד, אומגעריכט־פאַרחידושט, זיין טרויעריק פּנים האָט זיך וואונדערלעך באַנייט. קענטיק, ער האָט זי ליב געהאַט — ווי קאָן מען דען זי נישט ליב האָבן? ער האָט אויך כשר פאַרדינט, זי זאָל אים שענקען איר ליבע — ער האָט אַזוי וואונדערשיין גע־שפּילט און אַזוי האַרציק דעקלאַמירט...

נאָר גראָד דאָס, וואָס כ'האָב געמוזט זוכן אַזעלכע נחמות, איז געווען קלאָר, אַז נישט אַלץ איז גוט און ריכטיק אין מיין באַציונג צו דעם, וואָס כ'האָב געזען, און אויך צו דער קעניגין

מאַרגאָ אַליין. כ׳האָב געפּילט, ווי איך וואָלט עפּעס פאַרלוירן און האָב דורכגעלעבט עטלעכע טעג אין טיפן צער.

איינמאָל האָב איך עפּעס זייער ווילד און חוצפּהדיק אַ שטיף געטון, און, אַז כ׳בין געקומען צו דער דאַמע נאָך אַ בוך, האָט זי צו מיר געזאָגט זייער שטרענג:

— דו ביסט, האָב איך געהערט, אַ מוראַדיקער שטיפער, כ׳האָב זיך גאָרנישט געריכט אויף דיר...

כ׳האָב נישט געקאָנט אויסהאַלטן און האָב אָנגעהויבן דער־ציילן, ווי אומעטיק מיר איז צו לעבן און ווי שווער מיר איז צו פאַרטראָגן, ווען מ׳רעדט שלעכטס וועגן איר. שטייענדיק אַנטקעגן מיר און אַוועקלייגנדיק איר האַנט אויף מיין פּלייצע, האָט זי צוערשט זיך צוגעהערט צו מיינע רייד אויפמערקזאַם און ערנסט, נאָר דערנאָך האָט זי זיך פונאַנדערגעלאַכט און האָט מיך שטיל אָפּגעשטויסן פון זיך.

— גענוג, כ׳ווייס דאָס אַלץ, פאַרשטייסט? כ׳ווייס!

דערנאָך האָט זי מיך אָנגענומען פאַר ביידע הענט און געזאָגט גאָר פריינדלעך:

— וואָס ווייניקער דו וועסט זיך צוקוקן צו די אַלע העסלעכקייטן, איז אַלץ בעסער פאַר דיר... נאָר די הענט וואַשסטו שלעכט...

נו, דאָס האָט זי נישט געדאַרפט זאָגן; כ׳מיין, אַז ווען זי וואָלט געפּוצט קופּער, געשייערט פּאָדלאָגעס, געוואַשן ווינד־לעך, וואָלטן אירע הענט נישט געווען ריינער פאַר מיינע.

— אויב אַ מענטש ווייסט ווי צו לעבן — איז מען אויף אים בייז, מ׳איז אים מקנא; ווייסט ער נישט ווי צו לעבן — האַסט מען אים. — האָט זי גערעדט, פאַרטראַכטערהייט. זי האָט מיך אויפגעהויבן, צוגעצויגן צו זיך און מיט אַ שמייכל צריינ־געקוקט אין מיינע אויגן, — דו האָסט מיך ליב?

— יאָ.

— זייער?

— יאָ.

— אָבער — ווי?

— כ׳ווייס נישט.

— אַ דאַנק. דו ביסט אַ ווילער! כ׳האָב ליב, אַז מען ליבט מיך...

זי האָט אַ שמייכל געטון, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר אָפּ־זיפּצנדיק זיך, לאַנג געשוויגן, נישט אַרויסלאָזנדיק מיך פון אירע הענט.

— קום וואָס עפּטער צו מיר אַריין, ווען דו קאָנסט נאָר, קום...

כ׳האָב דאָס אויסגענוצט און האָב אַ סך גוטס פון איר געהאַט. נאָך מיטאָג פלעגן זיך מיינע בעלעבאַטים צולייגן שלאָפן. פלעג איך אַרונטערלויפן אונטן, און אויב זי איז געווען אין דערהיים, פלעג איך זיצן ביי איר אַ שעה און נאָכמער.

— לייענען דאַרף מען רוסישע ביכער, מ׳דאַרף קענען דאָס אייגענע, דאָס רוסישע לעבן, — פלעגט זי מיך לערנען, אַריינשטעקנדיק מיט די פלינקע ראָזע פינגער שפּילקעס אין אירע שמעקעדיקע האָר.

און אויסרעכענענדיק נעמען פון רוסישע שרייבער האָט זי געפרעגט:

— דו וועסט עס געדענקען?

און אָפט האָט זי גערעדט פאַרקלערט און עטוואָס פאַר־דראָסיק:

— דו דאַרפסט זיך לערנען, לערנען, און איך פאַרגעס אַלץ וועגן דעם! אַך, גאָט מיינער...

אָפּגעזעסן אַ ווײַלע, בין איך, ווי אַן אויסגעוואַשענער פון אינעווייניק, אַראָפּגעלאָפן מיטן נייעם בוך צו זיך.

כ׳האָב שוין דורכגעלייענט אַקסאַקאָווס: „פאַמיליען־כראָ־ניק״, אַ פיינע, רוסישע פּאָעמע — „אין די וועלדער״, די ווונ־דערלעכע „שריפטן פון אַ יעגער״, עטלעכע בענדלעך פון גרע־ביאָנקין און סאָלאָגובן; לידער פון ווענעוויטינאָוו, אָדאָיעווסקי, טיושעוו. אָט די אַלע ביכער האָבן אויסגעוואַשן מיין נשמה, אָפּגערייניקט זי פון דעם שאָלעכץ פון אָלע אָרעמע, ביטערע איינדרוקן פון דער געגנוואַרט; כ׳האָב דערפילט, וואָס עס

הייסט אַ גוט בוך, און פאַרשטאַנען, ווי נויטיק דאָס איז פאַר מיר. פון די ביכער האָב איך אין האַרצן דערפילט אַ פעסטע איבערצייגונג, אַז איך בין נישט עלנט אויף דער וועלט — כ׳וועל נישט פאַרלוירן ווערן!

אַז די באָבע פלעגט קומען, פלעג איך איר מיט התפעלות דערציילן וועגן דער קעניגין מאַרגאָ, — צוטראָגנדיק מיט הנאה אַ שמעק טאַבאַק צו דער נאָז, האָט די באָבע איבערצייגט געזאָגט:

— נו, נו, איז טאַקע גוט! פאַראַן גענוג גוטע מענטשן, זוך נאָר, — ועסטו געפינען!

און איינמאָל האָט זי מיר פאָרגעלייגט:

— כ׳זאָל אפשר אַריינגיין צו איר און אָפּדאַנקען פאַר דיר?

— ניין, מ׳דאַרף נישט...

— נו, נישט, איז נישט... רבונו של עולם, ווי גוט עס איז אויף דיין וועלט! כ׳בין גרייט — אייביק צו לעבן!

דער קעניגין איז נישט געלונגען צו באַזאָרגן, איך זאָל זיך לערנען, — אויף שבועות האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ מיאוסע געשיכטע, וואָס האָט מיך שיר אינגאַנצן נישט אומגעבראַכט.

האַרט פאַר יום־טוב זענען ביי מיר שטאַרק אָנגעשוואָלן געוואָרן די וויעס, און די אויגן האָבן זיך אינגאַנצן פאַרמאַכט. די באַלעבאַטים האָבן זיך דערשראָקן, אַז כ׳וועל בלינד ווערן, און איך אַליין האָב זיך אויך דערשראָקן. מ׳האָט מיך אַוועקגעפירט צו אַ באַקאַנטן אַקושער דאָקטאָר היינריך ראַדזעוויטש, ער האָט מיר פון אינעווייניק דורכגעשניטן די וויעס, עטלעכע טעג בין איך געלעגן מיט אַ באַנדאַזש אויף די אויגן און אַ פייניגנדן, פינסטערן אומעט. ערב „טראָיצע" האָט מען דעם באַנדאַזש אַראָפּגענומען, כ׳האָב זיך ווידער געשטעלט אויף די פיס, ווי כ׳וואָלט אַרויסגעקראָכן פון אַ קבר, ווו מ׳האָט מיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט. ס׳קאָן גאָרנישט זיין ערגער, ווי פאַרלירן די ראיה, דאָס איז אַזאַ באַליידיגונג, וואָס נעמט ביים מענטשן אָפּ ניין צענטל פון דער וועלט.

אין דעם פריילעכן טאָג „טראָיצע" האָט מען מיך, אַלס

חולה, באַפרייט פון אַלע מיינע פליכטן, און כ׳בין אַרומגעגאַנ־
גען איבער די קיכן מיט אַ וויזיט ביי די אָפיצער־דינערס. אוי־
סער דעם שטרענגן טיופּאַיעוון, זענען אַלע געווען שיכור, פאַר־
נאַכט האָט יערמאָכין דערלאַנגט סידאָראָוון מיט אַ שייט האָלץ
איבערן קאָפּ, סידאָראָוו איז אַ געהלשטער אַנידערגעפאַלן אין
הויז, יערמאָכין איז אַנטלאָפן אין טאָל.

איבערן הויף איז שנעל אַוועק אַ קלאַנג, אַ מ׳האָט דער־
הרגעט סידאָראָוון. אין קיך האָט זיך צונויפגעקליבן אַן עולם,
וואָס האָט געקוקט אויפן סאָלדאַט, וואָס איז אומבאַוועגלעך גע־
לעגן אויסגעצויגן אויפן שוועל פון קיך מיטן קאָפּ אין פיר־
הויז, מ׳האָט זיך געשושקעט, אַז מ׳דאַרף רופן פּאָליציי: אָבער
קיינער האָט נישט גערופן און נישט געוואַגט זיך צורירן צום
סאָלדאַט.

ס׳איז געקומען די וועשין נאַטאַליע קאָזלאָווסקע, אין אַ
נייעם לילען קלייד, מיט אַ ווייס טיכל אויף די פּלייצעס, זי
האָט מיט כעס פונאַנדערגעשטופּט די מענטשן, אַריין אין הויז,
האָט זיך צוגעזעצט אויף די שפּיץ פינגער און האָט גע־
זאָגט הויך:

— שוטים — ער לעבט! וואַסער אַהער!...

מ׳האָט איר אָנגעהויבן איינרעדן: — זי זאָל זיך נישט
מישן אין פרעמדע עסקים!

— וואַסער, זאָג איך! — האָט זי אויסגעשריען, ווי אויף
אַ שרפה; האָט פאַרקאַטשעט איר נײ קלייד ביז איבער די קני,
אַראָפּגעצויגן דעם אונטעררָאָק און אַוועקגעלייגט דעם צעבלו־
טיקטן קאָפּ אויף די קני.

דער עולם איז אומצופרידן און צעשראָקן זיך פונאַנדער־
געגאַנגען, אין דעם האַלב טונקעלן פירהויז האָב איך באַמערקט,
ווי עס גלאַנצן פאַרטרערטע אויגן אויף דער וועשינס ווייסן
רונדן פנים. כ׳האָב געבראַכט אַן עמער וואַסער, זי האָט מיר
געהייסן גיסן אויף סידאָראָווס קאָפּ, אויף דער ברוסט און האָט
מיך געוואָרנט:

— מיך פאַרגיס נישט, — איך דאַרף צו גאַסט גיין...

דער סאָלדאַט האָט זיך אויפגעכאַפּט, אויפגעעפנט זיינע טעמפּע אויגן און האָט געקרעכצט.

— הויב אויף. — האָט געזאָגט נאַטאַליע, אָננעמענדיק אים אונטער די אָרעמס און האַלטנדיק אים אין דערלופט אויף די אויסגעשטרעקטע הענט, כדי נישט איינצושמוצן דאָס קלייד. מיר האָבן דעם סאָלדאַט אַריינגעטראָגן אין קיך, אַוועקגעלייגט אויפן בעטל, זי האָט אָפּגעווישט זיין פּנים מיט אַ נאַסער טוך און אַליין איז זי אַוועק, זאָגנדיק:

— נעץ איין דאָס טיכל אין וואַסער און לייג צו צום קאָפּ, איך וועל גיין אַ זוך טון יענעם נאַר, טייוואָלים, זיי וועלן זיך דערשיכורן ביז צו קאַטאָרגע.

זי האָט אַראָפּגעלאָזן איבער די פּיס אויפן פּאָדלאָגע איר שמוציק אונטערקלייד, האָט עס אַ וואָרף געטון אין אַ ווינקל און איז אַוועק, אויסגלייכנדיק אַקוראַט דאָס צעקנייטשטע, רוישנדי-קע קלייד.

אַן אויסגעצויגענער איז סידאָראָוו געלעגן, געקרעכצט און געשלוכצט, פון זיין קאָפּ האָבן אויף מיינע פּיס אַרונטערגע-טריפט שווערע וואַרעמע טראָפּנס בלוט, — דאָס איז געווען נישט אָנגענעם, נאָר פון שרעק האָב איך זיך נישט דערוועגט אָפּצו-רוקן דעם פוס פון אונטער די טראָפּנס.

ס׳איז געווען ביטער; אין דרויסן שיינט דער יום־טובדי-קער טאָג; דער גאַניק, דער טויער פון הויז זענען באַפּוצט מיט יונגע בעריאָזקעס; צו יעדן סלופּיקל זענען צוגעבונדן פריש אָפּגעהאַקטע קלען־צווייגן; די גאַנצע גאַס איז פריידיק איינגעטונקט אין גרינס, אַלץ איז אַזוי יונג, ניי, פון אינדער-פרי האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער פרילינג יום־טוב איז גע-קומען אויף לאַנג, און פון היינט אָן וועט דאָס לעבן ווערן ריינער, ליכטיקער, פריילעכער.

דעם סאָלדאַט איז נישט גוט געוואָרן, אַ דומפּער ריח פון וואַרעמען בראָנפן און גרינע ציבעלע האָט אָנגעפולט די קיך, צו די שויבן קלעפּן זיך אַלע ווילע צו ברייטע צורות מיט צעפליאַשקעטע נעזער, די צוגעלייגטע הענט צו די באַקן, מאַכן

די דאָזיקע צורות עפּעס העסלעך, מיט משונהדיקע אויערן.

דער סאָלדאַט האָט געמורמלט, דערמאַנענדיק זיך:

— וואָס איז דאָס מיט מיר געשען? געפאַלן? ירמאָכין! אַ פיינער חבר...

דערנאָך האָט ער זיך פונאַנדערגעהוסט, געוויינט מיט שיכּורע טרערן און גענומען זאָרגן:

— שוועסטערל מיינע... שוועסטערל.

ער האָט זיך געשטעלט אויף די פיס אַ גליטשיקער, אַ נאַסער און שטינקעדיקער, האָט זיך אַ וואַקל געטון און אַראָפּ־לאָזנדיק זיך אויפן בעטל, געזאָגט, דרייענדיק שווידערלעך מיט די אויגן:

— אין גאַנצן דערהרגעט.

כ׳האָב אָנגעהויבן לאַכן:

— ווער, צום טייוול, לאַכט דאָ? — האָט געפרעגט דער סאָלדאַט, וואַרפנדיק אויף מיר אַ טעמפּן קוק. — ווי אַזוי לאַכסטו? מיך האָט מען אויף אייביק דערהרגעט...

מיט ביידע הענט האָט ער מיך אָנגעהויבן אָפּשטויסן און האָט געמורמלט:

— דער ערשטער קומט — אליהו הנביא, דער צווייטער — יעגאָרי אויפן פערד, דער דריטער — גיי אין דר׳ערד! טראָג זיך אָפּ, וואָלף...

כ׳האָב געזאָגט:

— פּלוידער נישט!

ער איז אַריין משוגענערהייט אין צאָרן, האָט זיך צע־שריען און האָט געשאַרט מיט די פיס.

— מיך האָט מען דערהרגעט, און דו...

און מיט אַ שווערער, פּוילער, שמוציקער האַנט האָט ער מיר אַ זעץ געטון איבער די אויגן — כ׳האָב אַ קוויטש געטון אַ פאַרבלענדטער און ווי עס איז אַרויסגעשפּרונגען אויפן הויף, גלייך נאַטאַליען אַנטקעגן; זי האָט געפירט פאַרן האַנט יער־מאָכינען און האָט אים צוגעטריבן:

— גיי, פערד! וואָס איז מיט דיר? — האָט זי מיך אָנ־געכאַפּט און געפרעגט:

— ער שלאָגט זיך.

— ער שלאָגט זיך? — האָט זי פאַרחידושט אַ פרעג געטון, האָט אַ ציפּ געטון יערמאָלכינען און געזאָגט צו אים...

— נו, טייוול — מעגסט דאַנקען גאָט!

כ׳האָב אויסגעוואַשן מיט וואַסער די אויגן און, אַריינקוקנדיק אין פירהויז דורך דער טיר, האָב איך געזען, ווי די פּאָלדאַטן האָבן שלום געמאַכט, וויינענדיק און אַרומנעמענדיק איינע די אַנדערע, דערנאָך האָבן ביידע אַרומגענומען נאַטאַליען, נאָר זי האָט זיי געפּאַטשט איבער די הענט און געשריען:

— אַוועק, הינט איינע, מיט אייערע לאַפּעס! וואָס בין איך אייך — אַן אַרומלויפערין פון אייערע מיידלעך? גייט פּאָפּן, כל־זמן אייערע באַלעבאַטים זענען נישטאָ אין דערהיים — נו, גיכער! אַ נישט וועט איר זיך נאָך אָנרייסן!

זי האָט זיי איינגעלייגט, ווי קליינע קינדער, איינעם — אויפן פּאָדלאָגע, דעם צווייטן — אויפן שלאָפבאַנק, און ווען זיי האָבן אָנגעהויבן כראָפּען, איז זי אַרויס און פירהויז.

— נו, אויסגעשמירט האָב איך זיך — געוואָלט דאָס צו גאַסט גיין! ער האָט דיר אַ קלאַפּ געטון?... אָט איז אַ נאַר! אָט דאָס מאַכט אָן די משקה. זאָלסט נישט טרינקען, בחורל, קיינמאָל נישט...

דערנאָך בין איך געזעסן מיט איר נעבן טויער אויף אַ בענקל און האָב זי געפרעגט, ווי אַזוי האָט זי דאָס קיין מורא נישט פאַר שיכּורים.

— כ׳שרעק זיך אַפילו פאַר ניכטערע אויך נישט, כ׳האָב זיי — אָט ווו! זי האָט באַוויזן אַ רויטן, פעסט צוגעמאַכטן קו־לאַק. — מיין מאַן, וואָס איז געשטאָרבן, איז אויך געווען אַ גרויסער טרינקער, פלעג איך אים אַ שיכּורן בינדן די הענט מיט די פיס, און אַז ער פלעגט זיך דורכשלאָפן — פלעג איך אים אַראָפּציען די הויזן און גוט אַריינגעקאַטעוועט מיט געזונטע ריטער; חאָסטו חתונה געהאַט — טרינק נישט, שיכּור נישט — זאָל דיין

ווייב זיין דיין פרייד און נישט דער בראָנפן! אַזוי איז דאָס, כ'פלעג אַריינשמייסן, וויפיל איך האָב כּוח געהאַט, און דאַן פלעגט ער ביי מיר ווערן ווייך, ווי פּוטער...

— איר זענט אַ שטאַרקע — האָב איך געזאָגט, דערמאָנענדיק זיך אָן חוהן, וואָס האָט אַפילו גאָט אָפּגענאַרט.

נאַטאַליע האָט געזאָגט מיט אַ זיפץ:

— די פרוי דאַרף האָבן מער כּוחות פאַרן פויער, זי דאַרף האָבן כּוח פאַר צווייען און גאָט האָט איר פאַרטיילט! דער פויער — איז נישט קיין גלייכער מענטש.

זי האָט גערעדט רויק, אָן כּעס, געזעסן, צונויפגעלייגט די הענט אויפן גרויסן בוזים, אָנגעשפּאַרט מיטן פלייצע צום פּאַרקן, קוקנדיק אומעטיק אויף דער דאַמבע, וואָס איז געווען באַדעקט מיט מיסט און קליינע שטיינדלעך. איך בין געווען אַריינגעטון אין די קלוגע רייד און האָב פאַרגעסן אינגאַנצן די צייט. און פּלוצלינג האָב איך דערזען פון וויטן אויף דער דאַמבע, ווי דער באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע גייען געאָרעמט; געגאַנגען זענען זיי וויכטיק געלאַסן, ווי אַן אינדיק מיט אַן אינדעטשקע, שאַרף קוקנדיק אויף אונז און רעדנדיק עפּעס צווישן זיך.

כ'בין אַוועקגעלאָפן עפענען די טיר פון פאַראַדנעם אַריינגאַנג, געעפנט; אַרויסגייענדיק אויף די טרעפּ האָט די באַלעבאָסטע מיט אַ שטאָך געזאָגט צו מיר:

— פאַרברענגסט מיט וועשינס? האָסט זיך אויסגעלערנט פיינע זיטן ביי דער אונטערשטער דאַמע?

ס'איז געווען אַזוי נאַריש, אַז ס'האָט מיך גאָרנישט באַליידיקט; ס'האָט מיך מער באַליידיקט, ווען דער באַלעבאָס האָט מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— וואָס דען — שוין צייט!...

צומאָרגנס אינדערפרי, ווען כ'בין אַראָפּ אין שייער נאָך האָלץ, האָב איך געפונען ביי דעם פירקאַנטיקן פענסטערל פון טיר, וואָס איז געווען אויסגעשניטן פאַר קעץ, אַ ליידיק געלד-

ביטעלע; כ׳האָב עס צענדליקע מאָל געזען ביי סידאָראָוון אין די הענט און האָב עס תיכף אים אָוועקגעטראָגן.

— און דאָס געלט, ווו איז? — האָט ער געפרעגט, טאַפּנ-דיק מיט די פינגער דאָס ביטעלע פון אינעווייניק. — אַ רובל מיט דרייסיק. גיב אַהער!

זיין קאָפּ איז געווען פאַרבונדן מיט אַ האַנטטוך; אַ גע-לער, אַן אָפּגעמאָגערטער, האָט ער ביי ז געפינטלט מיט זיינע אָנגעשוואָלענע אויגן, און נישט געגלויבט, אַז כ׳האָב געפונען דאָס ביטעלע אַ ליידיקס.

ס׳איז געקומען יערמאָכין, אים אָנגעהויבן איינצורעדן, ווייזנדיק אויף מיר:

— דאָס האָט ער געגנבעט, ער, פיר אים צו די באַלע-באַטים! אַ סאָלדאַט ביי אַ סאָלדאַט וועט נישט נעמען!

די דאָזיקע ווערטער זענען פאַר מיר געווען אַ סימן, אַז טאָקע ער האָט עס געגנבעט און אונטערגעוואָרפן דאָס ביטעלע צו מיר אין שייער, — כ׳האָב אים תיכף אַ געשריי געטון אין פּנים אַריין:

— ס׳איז אַ ליגן, דו האָסט געגנבעט!

און האָב זיך לחלוטין איבערצייגט אין מיין השערה — זיין דעמבאָווע געזיכט האָט זיך אויסגעקרימט פון שרעק און צאָרן. ער האָט זיך אָנגעהויבן דרייען און קוויטשען:

— דערוויז!...

מיט וואָס וואָלט איך געקאָנט דערוויזן? יערמאָכין האָט מיך אַרויסגעשלעפּט מיט קולות אויפן הויף, פון הינטן איז גע-גאַנגען סידאָראָוו און האָט אויך עפּעס געשריען. פון די פענ-סטער האָבן אַרויסגעקוקט פאַרשידענע פּנימער; רויק רויכערנ-דיק, האָט געקוקט די מוטער פון דער קעניגין מאַרגאָ. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז איך האָב פאַרשפּילט ביי מיין דאַמע, און בין — משוגע געוואָרן.

איך געדענק — די סאָלדאַטן האָבן מיך געהאַלטן פאַר די הענט, און די באַלעבאַטים שטייען אַנטקעגן זיי און צובאָמקענ-

דיק מיט מיטגעפיל איינע די אַנדערע, הערן זיי אויס טענות, און די באַלעבאָסטע זאָגט זיכער:

— אוודאי איז דאָס זיין אַרבעט! אָט פאַרוואָס ער האָט נעכטן פאַרבראַכט מיט דער וועשין ביים טויער: מסתמא, האָט ער געהאַט געלט, אָן געלט וועסטו ביי איר גאָרנישט קריגן...

— אוודאי אַזוי! — האָט געשריען יערמאָכין.

די פּאָדלאָגע האָט זיך מיר גענומען דרייען אונטער די פיס, ס׳האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ ווילדער צאָרן, כ׳האָב אָנגעהויבן שרייען אויף דער באַלעבאָסטע, און מ׳האָט מיך שטאַרק צעשלאָגן.

געפּייניקט האָבן מיך נישט אַזוי די קלעפּ, ווי דער גע־דאַנק, וואָס קלערט איצט וועגן מיר די קעניגין מאַרגאָ. ווי וועל איך זיך פאַרטיידיקן פאַר איר? ס׳איז מיר געווען ביטער ביז גאָר.

צום גליק, האָבן די סאָלדאַטן פונאַנדערגעטראָגן די מעשה איבערן גאַנצן הויף און איבער דער גאַנצער גאַס, און אין אָוונט, ווען איך בין געלעגן אויפן בוידעם, האָב איך דערהערט אונטן נאַטאַליע קאָזלאָווסקעס קולות:

— ניין, פאַרוואָס זאָל איך שווייגן, ניין, טייערינקער, גיי, גיי! כ׳זאָג — גיי! אַ נישט גיי איך צום באַלעבאָס, ער וועט דיך צווינגען...

כ׳האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז דער טומל האָט אַ שייכות צו מיר. געשריען האָט זי נעבן אונזער גאַניק. איר קול האָט געקלונגען נצחונדיק.

— וויפיל האָסטו מיר נעכטן געוויזן געלט? ווו האָסטו עס גענומען — זאָג!

שטיקנדיק זיך פון פרייד, האָב איך געהערט, ווי סידאָ־ראָוו האָט געצויגן:

— אַי, אַי יערמאָכין...

— און דעם יינגל האָט מען פאַרשעמט, געשלאָגן?

מיר האָט זיך געוואָלט אַראָפּלויפן אויפן הויף, טאַנצן פון שמחה, קושן פון דאַנקבאַרקייט די וועשין, נאָר בשעת מעשה,

האָט, קענטיק, פון פענסטער, — אָנגעהויבן שרייען מיין ב ל לעבאָסטע:

— דעם יינגל האָט מען געשלאָגן, דערפאַר, וואָס ער זידלט זיך, און אַז ער איז אַ גנב, האָט קיינער נישט געקלערט אַ חוץ דיר — גרויסער מויל!

— זייט מוחל, איר האָט אַליין אַ גרויס מויל, אַ בהמה זענט איר; אָט וואָס.

די זידלעריי האָט מיר געקלונגען אין די אויערן, ווי מוזיק, אין האַרצן האָבן מיר געברענט הייסע טרערן פון באַליידיקונג און דאַנקבאַרקייט צו נאַטאַליען, מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג האָב איך זיך איינגעהאַלטן נישט צו וויינען.

דערנאָך איז אויפן בוידעם פּאַמעלעך אַרויפגעקראָכן דער באַלעבאָס, האָט זיך צוגעזעצט אויף די באַלקנס נעבן מיר, און, צורעכטמאַכנדיק די האָר, געזאָגט:

— נו, ברודער פּעשקאָוו, עס גייט דיר נישט?

אַ שווייגעדיקער האָב איך זיך אָפּגעקערט פון אים.

— אָבער זידלען, זידלסטו זיך גאָר מיאוס — האָט ער גערעדט ווייטער, נאָר כ'האָב אים שטיל געזאָגט:

— ווען איך וועל אויפשטיין — וועל איך אַוועקגיין פון אייך...

ער איז געזעסן אַ ווײַלע, האָט געשוויגן, דרייענדיק פּאַפּיראָס, און דערנאָך שטילערהייט געזאָגט:

— וואָס דען? ביסט שוין נישט קיין קליינינקער, טו, וואָס פאַר דיר איז גלייכער...

און ער איז אַוועק, ווי תּמיד — האָב איך אויף אים רחמנות געהאַט.

אויפן פערטן טאָג נאָך דעם — בין איך אַוועק פון שטוב. איך האָב שטאַרק חשק געהאַט צו זעגענען זיך מיט דער קעניגין מאַרגאָ, כ'האָב אָבער נישט געוואַגט אַריינצוגיין צו איר און, דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך געוואָרט, זי זאָל מיך אַליין אַ רוף טון.

זעגענדיק זיך מיטן מיידעלע, האָב איך זי געבעטן:

— גיב איבער דער מאַמען, אַז איך דאַנק איר זייער! וועסט זאָגן?

— כ'וועל זאָגן, — האָט זי צוגעזאָגט, שמייכלענדיק פריינטלעך און צערטלעך — אַדיע, ביז מאָרגן, יאָ?

געטראָפן האָב איך זי אין צוואַנציק יאָר אַרום, פאַרהייראַט פאַר אַ זשאַנדאַרם־אָפיצער...

XI

כ'אַרבעט ווידער אַלס קיך־געהילף אויפן דאַמפּער „פּערם", אַ ווייסער, ווי אַ שוואַן, אַ גרוימער און פלינקער. איצט בין איך „אַ שוואַרצער געשיר־וואַשער" אָדער „אַ קיך־פויער", איך באַקום זיבן רובל אַ חודש, מיין אַרבעט איז — צו העלפן די קוכערס.

דער בופעטשיק, אַ רונדער, שטאָלץ־אָנגעבלאָזענער, מיט אַ פליכאַווטן קאָפּ, ווי אַ פּילקע; די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, גייט ער שווער אַרום איבערן אויבערדעק, ווי אַ חזיר, וואָס זוכט זיך אין אַ הייסן טאָג אַ שטענדיקן ווינקל. פון בופעט קוקט אַרויס זיין פרוי, אַ דאַמע פון אַ יאָר פערציק, אַ שיינע, נאָר אַן אָפגענוצטע און אַזוי שטאַרק אָנגעפודערט, אַז עס שיט זיך פון אירע באַקן אויף איר העלן קלייד די ווייסע, קלעפיקע פודרע.

אין קיך באַלעבאַטעוועט אַ טייערער קוכער, איוואַן איוואַנאָוויטש, מיטן צונאָמען יונגער בער, אַ קליינער, אַ דיקער מיט אַ שפּאַרבער־נאַז און חוזקדיקע אויגן. ער איז אַ פראַנט, טראָגט אָנגעקראָכמאַלעטע קראַגנס, גאָלט זיך יעדן טאָג, די בעקלעך זיינע זענען בלוי, די טונקעלע וואָנצעס זענען פאַרדרייט; אין דער פרייער צייט באַשעפטיקט ער זיך מיט זיי אָן אויפהער, צורעכטמאַכנדיק מיט זיינע פאַרבאַקטע רויטע פינגער, און קוקט רק אַריין אין אַ קיילעכדיק האַנטשפּיגעלע.

דער אינטערעסאַנסטער מענטש אויפן דאַמפּער איז דער אויוון־הייצער יאַקאָוו שומאָוו, אַ ברייט-ברוסטיקער, פירקאַנטי-

קער פויער. זיין פּנים מיט דער פּאַרריסענער נאָז איז פלאַך, ווי אַ לאָפּעטע, די בערישע אויגלעך באַהאַלטן זיך אונטער געדיכטע ברעמען, די באַקן — באַדעקט מיט קיילעכדיקע רינגלעך האָר, וואָס זעען אויס, ווי בלאָטיקער מאָך, אויפן קאָפּ זענען די האָר פעסט צוזאַמענגעלייגט, ווי אַ היטל, קוים וואָס ער רוקט אין זיי אַריין זיינע קרומע פינגער.

ער האָט זייער געשיקט געשפּילט אין קאָרטן אויף געלט און האָט אַלעמען פאַרוואונדערט מיט זיין פּרעס-אַפּעטיט. ווי אַ הונגעריקער הונט, האָט ער זיך שטענדיק אַרומגעדרייט אַרום קיך, אויסבעטלענדיק שטיקלעך פלייש, ביינער, און אין אָוונט געטרונקען טיי צוזאַמען מיטן יונגן בער און דערציילט וועגן זיך מערקווירדיקע געשיכטעס.

אין דער יוגנט איז ער געווען אַ געהילף ביי אַ שטאָטישן פּאַסטוך אין קאַזאַן, שפּעטער האָט אים אַ מאָנאַך אַ דורכגייער פאַרפירט אין אַ מאָנאַסטיר, דאָרט איז ער פיר יאָר געווען אַ קלויסטער-ברודער.

— נישט באַשערט מיר פון גאָט צו זיין אַ מאָנאַך, — האָט ער גיך געפּלוידערט — איז געקומען צו אונז אין מקום קדוש אַ פּילגערין פון פּענזע — אַ לוסטיקע אַזאַ און האָט מיך פון וועג אַראָפּגעפירט: דו, אַזאַ שיינער, אַזאַ גברן, און איך, זאָגט זי, בין אַן אָרנטלעכע אלמנה, אַן עלנטע, וואָלסטו אפשר געגאַנגען צו מיר פאַר אַ סטרוזש, כ׳האָב, זאָגט זי, אַן אייגן הייזל און האַנדל מיט פעדערן און פויגל-פוך...

— גאַנץ שיין, זי נעמט מיך פאַר אַ סטרוזש, און איך ווער איר געליבטער און מער ווי דריי יאָר געגעסן איר וואַרעמען ברויט...

— דרייסט זאָגסטו ליגן, — האַקט אים איבער דער יונגער בער, אָנקוקנדיק באַזאָרגט די פרישטשיקלעך אויף זיין נאָז. — מען וואָלט געצאָלט געלט פאַר ליגנס, וואָלסטו געגאַנגען אין גאָלד.

יאַקאָוו קייט, איבער זיין בלינדן פּנים באַוועגן זיך די גרויע רינגלעך האָר, — ס׳רירן זיך די האָריקע אויערן; אויס-

הערנדיק דעם קוכערס באַמערקונג, רעדט ער ווייטער מיט מאָס און גיך:

— געווען איז זי עלטער פאַר מיר, איז מיר געוואָרן לאַנגווייליק מיט איר. נודנע, האָב איך זיך פאַרדרייט מיט איי־ רער אַ שוועסטער־קינד, האָט זי זיך אָבער דערוווּסט דערפון און האָט מיר געגעבן אין קאַרק...

— דו האָסט עס כשר פאַרדינט — מ׳דאַרף גאָרנישט בעס־ סער. — זאָגט דער קוכער, פונקט אַזוי לייכט און פיין ווי יאַקאָוו.

און דער הייצער רוקט אַריין אין באַק אַ שטיק צוקער און רעדט ווייטער:

— אַ געוויסע צייט האָב איך זיך אַרומגעדרייט סתם און שפּעטער זיך געטראָפן מיט אַ וולאַדימירער אַלטיטשקן, אַ פעד־ לער, און מיר זענען ביידע אַוועק איבער דער גאָרער וועלט: צו די באַלקאַן־בערג זענען מיר דערגאַנגען, צו די סאַמע טערקן, צו די רומענער, צו די גריכן, צו אַלערליי עסטריי־ כער — ביי אַלע פעלקער אויסגעווען, ביי איינעם — געקויפט, דעם צווייטן — פאַרקויפט...

— און געגנבעט? — פרעגט ערנסט דער קוכער.

— דער אַלטינקער? — חס וחלילה! אויך מיר האָט ער געזאָגט: אין אַ פרעמדן לאַנד, פיר זיך אויף אָרנטלעך, דאָ, זאָגט ער, איז אַזאַ מנהג, פאַר אַ נאַרישקייט נעמט מען דיר דעם קאָפּ אַראָפּ. כ׳האָב אַפילו פּרובירט גנבענען — נאָר ס׳האָט זיך מיר מיאוס נישט איינגעגעבן: ס׳איז מיר איינגעפאַלן צו לקחענען ביי אַ סוחר אַ פערד, נו, — איז נישט געלונגען, מ׳האָט מיך געכאַפּט. ווי דער שטייגער האָט מען גענומען שלאָגן, געשלאָגן, געשלאָגן — און אַוועקגעשלעפּט אין פּאָליציע. געווען זענען מיר זאַלבע צווייט, איינער אַן עלטער, אַ פערד־ גנב פון פּראָפעסיע, און איך, סתם אַזוי, פון ביי־גיריקייט וועגן. און ביי יענעם סוחר האָב איך געאַרבעט, געשטעלט אַן אויוון אין דער בייער באָד, מאַכט זיך, אַז דער סוחר האָט אָנגע־ הויבן צו קרענקען, און איך האָב זיך אים עפּעס געחלומט צו

שלעכֿטן, האָט ער מורא באַקומען און האָט אָנגעהויבן בעטן ביי פֿאָליציע: לאָזט אים אָפּ, — מיך, מיינט ער, ווייל ער קומט מיר צו חלום — וועסטו אים נישט מוחל זיין, זאָגט ער, וועסטו נישט ווערן געזונט, ער איז, מסתּמא אַ מכשף, — איך, מיינט ער, בין אַ מכשף! נ-נו, אַ סוחר איז ער אַן אָנגעזעענער, האָט מען מיך אָפּגעלאָזן...

— נישט אָפּלאָזן האָט מען דיך געדאַרפֿט, נאָר אין וואַסער אַראָפּלאָזן אויף אַ טאָג דריי, — דיין שגעון זאָל זיך אויסווייקן. — האָט אַריינגעזאָגט דער קוכֿער.

יאַקאָוו האָט גלייך אונטערגעכאַפּט זיינע ווערטער:

— ריכטיק, שגעון האָב איך גענוג, פּשוט געררעדט — ס'קאָן קלעקן פֿאַר אַ גאַנצן דאָרף...

דער קוכֿער רוקט אַריין דעם פֿינגער הינטערן ענגן קראַגן, ציט אים מיט כּעס אויס, מאַכט בשעת מעשה מיטן קאָפּ און רעדט פֿאַרדראָסיק:

— אָט אַ פֿלוידעריי! לעבט אויף דער וועלט אַזאַ אַרעסטאַנט, פֿרעסט, טרינקט, שלעפֿט זיך אַרום, און צו וואָס? נו, זאָג צו וואָס לעבסטו?

טשאַמקענדיק ענטפֿערט דער הייצער:

— דאָס ווייס איך נישט. איך לעב מיר און לעב. איינער — ליגט, אַ צווייטער — גייט; דער באַאַמטער זיצט צוגעשמידט, אָבער עסן — מוז איטלעכער.

דער קוכער ווערט נאָך מער אין כּעס:

— סאַר אַ חזיר דו ביסט, — ס'איז גאָרנישט אַרויסצוזאָגן! פּשוט — אַ מאַכל פֿאַר חזירים...

— וואָס זידלסטו זיך? — וווּנדערט זיך יאַקאָוו. — אַלע פּויערים זענען עפּעלעך פֿון איין בוים. דו — זידל זיך נישט — איך וועל פֿון דעם בעסער נישט ווערן...

דער דאָזיקער מענטש האָט מיך תּיכּף פֿעסט צוגעבונדן צו זיך; כ'האָב אים אָנגעקוקט מיט פֿאַרוווּנדערונג און צו זיינע רייד זיך צוגעהערט מיט אַן אָפֿענעם מויל. ער האָט פֿאַרמאָגט, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, זיינע אַן אייגענע

פעסטע קענטניש פון לעבן. צו אַלעמען האָט ער געזאָגט „דו", דורך זיינע געדיכטע ברעמען האָט ער געקוקט אויף אַלעמען גלייך, אומאָפּהענגיק אין אַלעמען — דעם קאַפּיטאַן, דעם בופּע-טשיק, די אָנגעזעענע פּאַסאַזשירן פון ערשטן קלאַס, — אַלעמען אַוועקגעשטעלט אויף איין ברעטל מיט זיך, מיט די מאַטראָסן, מיט דער דינערשאַפט פון בופעט און מיט די פּאַסאַזשירן פון אויבערדעק.

עס טרעפט, ער שטייט אַנטקעגן פאַרן קאַפּיטאַן אָדער מאַשיניסט. די לאַנגע מאַלפּישע הענט פאַרלייגט אויף הינטן, און הערט אויס שווייגעדיק, ווי מען זידלט אים פאַר זיין פוילקייט, אָדער דערפאַר, וואָס ער האָט אַזוי קאַלטבלוטיק אַרויסגעשלעפּט ביי איינעם דאָס גאַנצע געלט אין קאָרטן, ער שטייט, — און קענטיק, אַז די אַלע זידלערייען גייען אים ווייניק אָן, די דראָהונגען, ביים ערשטן האַפן אַראָפּצוזעצן אים פון שיף, שרעקן אים גאָרנישט אָפּ.

ער פאַרמאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַלעמען פרעמד — ווי ס'איז געווען אין „גוטן געשעפט", ער איז, קענטיק, אַליין זיכער אין זיין אויסטערלישקייט און אין דעם, אַז די מענטשן קאָנען אים נישט פאַרשטיין.

כ'האָב קיינמאָל נישט געזען, ער זאָל זיין באַליידיקט, פאַרטראַכט, איך געדענק נישט, ער זאָל קאָנען לאַנג שווייגן — פון זיין האָריק-באַוואַקסענעם מויל פלעגן שטענדיק און, דאַכט זיך, אַפילו קעגן זיין ווילן, פליסן די רייד, ווי אַ שטראָם. ווען מען זידלט אים, אָדער ער הערט אויס עמעצנס אַ מעשה, מאַכט ער מיט די ליפּן, פּונקט ווי ער וואָלט איבערחזרן פאַר זיך דאָס זעלבע, וואָס ער הערט, אָדער רעדט דאָס זייניקע ווייטער. יעדן טאָג, נאָך דער וואַך, פלעגט ער אַרויסקריכן פון זיין הייץ-לאָך, אַ באָרוועסער, אַ פאַרשוויצטער, איינגעשמירט אין קוילן, אין אַ נאַס העמד אָן אַ פּאַסיק, מיט אַן אָפענער, געדיכט באַ-וואַקסענער ברוסט, און גלייך צעלאָזט זיך איבערן גאַנצן אויבערדעק זיין איינטאָניק הייזעריק קול, און זיינע ווערטער שיטן זיך, ווי טראָפּנס רעגן.

— אַ גוט מאָרגן, מאַמינקע! ווּהין פאָרסטו? אין שיסטאַ־פּאַל, כ׳וויס, כ׳בין דאָרט געווען, ביי אַ רייכן טאַטער געדינט. גערופן האָט מען דעם טאַטער אוסאַן גובאַידולין, דריי ווייבער האָט ער געהאַט, דער אַלטער, אַ יאַדערדיקער, אַזאַ מיט אַ רויטער מאָרדע. איינע איז געווען אַ יונגינקע, אַ לוסטיקע טאַ־טערין, כ׳האָב מיט איר אַביסל געזינדיקט...

אומעטום איז ער געווען, מיט אַלע פרויען האָט ער אויף זיין וועג געזינדיקט; דערציילט האָט ער וועגן אַלץ גוטמוטיק, רויק, ווי ער וואָלט קיינמאָל אין לעבן קיין עוולה נישט גע־האַט. און אין אַ ווײַלע אַרום קלינגט שוין זיין שטים פון אַ צווייטן עק שיף.

— די קאָרטן-שפּילער זענען ווּילע לייט! אין סטוקאָל־קע, אין דריי בלעטער־שפּיל, אין רעמיז, עי, אַ קאָרט — איז אַ פיינער ענין, זיצנדיק מאַכט מען די מטבע, אַ סוחרישער עסק...

כ׳האָב באַמערקט, אַז ער נוצט זעלטן די ווערטער: גוט, שלעכט, פּאַסקודנע, אָבער כמעט שטענדיק: לוסטיק, אַ מחיה, אינטערעסאַנט. אַ שיינע פרויענצימער איז פאַר אים — אַ לוס־טיק זומערפויגעלע, אַ שיינער זוניקער טאָג — אַ מחיהדיקער טאָג. און עפּטער ווי אַלץ פלעגט ער זאָגן:

— ס׳איז ווערט אַ שפּיי!

אַלע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ פוילן, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז זיין שווערע אַרבעט פון הייצן די אויוונס, אין דער שטינקעדיקער הייסער גיהינום־לופט, האָט ער געמאַכט אָרנטלעך נישט ערגער פאַר אַנדערע, נאָר איך געדענק נישט, אַז ער זאָל זיך ווען קלאָגן אויף מידקייט, ווי די איבעריקע הייצער.

איינמאָל האָט ביי אַן אַלטיטשקער פּאַסאַזשירין עמעץ אַרויסגעגנבעט אַ בייטעלע מיט געלט, ס׳איז געווען אין אַ ליכ־טיקן, שטילן אָוונט, אַלע האָבן געלעבט צווישן זיך פרידלעך און רויק. דער קאַפּיטאַן האָט געגעבן דער אַלטער פינף רובל, אַביסל האָבן צוזאַמענגעקליבן די פּאַסאַזשירן צווישן זיך; ווען ער האָט איבערגעגעבן דער אַלטער דאָס געלט, האָט זי צלמענדיק זיך און דאַנקענדיק געזאָגט:

— טייערינקע מיינע, דאָ איז מיט דריי רובל און צען קאָפּיקעס מער, ווי איך האָב געהאַט!

עמעצער האָט אַ געשריי געטון פריילעך:

— נעם אינגאַנצן, באָבינקע, צו וואָס די אומזיסטע רייד? אַ דרייערל איז קיינמאָל נישט איבעריק...

עמעצער האָט שולדיק אַריינגעזאָגט:

— געלט — איז נישט קיין מענטש, עס איז קיינמאָל נישט איבעריק...

יאַקאָוו איז צוגעגאַנגען צו דער אַלטער און האָט איר ערנסט פאָרגעלייגט:

— גיב מיר אַוועק דאָס איבעריקע, כ'וועל שפּילן אין קאָרטן.

דער עולם האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, מיינענדיק אַז ער מאַכט אַ שפּאַס, נאָר ער איז שטאַרק צוגעשטאַנען צו דער פאַרשעמטער אַלטער.

— גיב אַהער, באָבינקע! צו וואָס דאַרפסטו דאָס געלט? פאַר דיר איז שוין סיי־ווי צייט אויפן בית־חיים...

מ'האָט אים אָנגעזידלט און אַוועקגעטריבן; אַ פאַרוווּנדערטער האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ און גערעדט:

— מאָדנע מענטשן! צו וואָס מישן זיי זיך נישט אין זייער זאַך? זי האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז דאָס געלט איז איר איבעריק! און מיר וואָלט עס געבראַכט אַ שטיקל נחמה...

קענטיק, אַז אַפילו אויסערלעך האָט ער פון געלט גע־האַט די גרעסטע הנאה — בשעתן רעדן האָט ער האָלט געהאַט צו האַלטן אַ מטבע אין האַנט און רייבן זי אָן די הויזן אַזוי לאַנג, ביז עס פלעגט אָנהויבן צו בלישטשען, און באַוועגנדיק מיט די ברעמען פלעגט ער זי באַקוקן, האַלטנדיק צווישן די קרומע פינגער אַנטקעגן זיין פּנים מיט דער פאַרריסענער נאָז. ער איז אָבער נישט געווען להוט נאָך געלט.

איינמאָל האָט ער מיר פאָרגעלייגט שפּילן אין סטוקאַלקע. כ'האָב נישט געקענט.

— קענסט נישט? — האָט ער זיך פאַרוווּנדערט. — ווי

קומט דאָס? אויך מיר אַ געלערנטער! מ׳דאַרף דיך אויסלערנען. קום, לאָמיר שפּילן אויף צו פּלייסן, אין צוקער...

ער האָט ביי מיר אויסגעשפּילט אַ האַלבן פונט האַרטן צוקער, און פלעגט עס כסדר אַרײַנרוקן הינטער זיין האָריקער באַק, דערנאָך, ווען ער האָט דערזען, אַז איך קען שוין שפּילן, האָט ער פאָרגעלייגט:

— איצט לאָמיר שפּילן אויף אַן אמת, אין געלט! האָסט געלט?

— כ׳האָב פינף רובל.

— און איך עפּעס מער ווי צוויי.

ס׳פאַרשטייט זיך, כ׳האָב גאָר גיך פאַרשפּילט. וועלנדיק געווינען, האָב איך געשטעלט אין קאָן מיין מאַרינאַרקע אויף פינף רובל און — פאַרשפּילט, געשטעלט אַ נייע פּאָר שטיוול אויף דריי רובל — און פאַרשפּילט. דאַן האָט מיר יאַקאָוו גע־זאָגט אַן אומצופרידענער, כמעט מיט צאָרן:

— ניין, דו קענסט נישט שפּילן, ביסט אַ צו־היציקער — תיכף די מאַרינאַרקע אַראָפּ און די שטיוול! דאָס דאַרף איך נישט. נאַ — נעם צוריק די זאַכן און פיר רובל, און איין רובל מיר — פאַרן אויסלערנען... גוט?

כ׳בין אים זייער דאַנקבאַר געווען.

— ס׳איז אַלץ אַ שפּיי ווערט. — האָט ער געזאָגט, אַלס ענטפער אויף מיין דאַנקען. — אַ שפּיל, איז — אַ שפּיל, אַ פאַר־געניגן, הייסט עס, און ביי דיר איז דאָס גאָר אַ געשלעג. הי־ציק זיין דאַרף מען אַפילו אין אַ געשלעג אויך נישט — שלאָג, נאָר מיט אויסרעכענונג! צו וואָס דאָס קאָכן זיך? ביסט יונג — דאַרפסטו זיך האַלטן פעסט. איינמאָל — נישט געלונגען, פינף מאָל — נישט געלונגען, צום זיבעטן — גיב אַ שפּיי! גיי אַוועק. ווערסטו אָפּגעקילט — האַק ווייטער! אָט דאָס — איז אַ שפּיל!

וואָס ווייטער איז ער מיר אַלץ מער יאָ געפעלן געווען און נישט געפעלן געווען. צייטנווייז האָבן זיינע מעשיות מיר דערמאָנט אָן דער באָבען. ער האָט געהאַט אין זיך אַ סך אַזוינס, וואָס האָט מיך צוגעצויגן צו אים, ס׳האָט מיך אָבער

גוואַלדיק אָפּגעשטויסן פון אים זיין אָפּגעשטאַנענע, ווי אויפן גאַנצן לעבן פאַרגליווערטע, גלייכגילטיקייט צו מענטשן.

איינמאָל, ביי זון-אונטערגאַנג, איז אַ שיכורער פּאַסאַזשיר פון צווייטן קלאַס, אַ געזונטער פּערמער סוחר, אַראָפּגעפאַלן פון באָרט און צאַפּלענדיק אַוועקגעשווומען איבער דעם רויט-גאָל-דענעם וואַסער-וועג. די מאַשין האָט מען תיכף געהאַמעוועט, דער דאַמפּער איז שטיין געבליבן, אַרויסלאָזנדיק פון אונטער די רעדער אַ וואָלקן מיט שוים, וועלכן די רויטע זון-שטראַלן האָבן בלוטיק באַפאַרבט. אין דאָזיקן קאָכעדיקן בלוט האָט זיך ווייט פון שיף געבוליטשקעט אַ טונקעלער קערפּער, און עס האָט זיך געטראָגן איבערן טייך אַ ווילדער האַרץ-רייסנדיקער געשריי. די פּאַסאַזשירן האָבן אויך געקוויטשעט, שטופּנדיק זיך אַלע צום באָרט. אַ חבר פון דעם דערטרונקענעם — אויך אַ שיכורער, אַ געלער און אַ פליכעוואַטער — האָט געשלאָגן אַלעמען מיט די קולאַקעס, זיך געשטופּט צום באָרט און געשריען:

— גייט אַוועק, כ׳וועל אים באַלד כאַפּן...

צוויי מאַטראָסן האָבן זיך שוין אַריינגעוואָרפן אין וואַסער און האָבן געשווומען צום טרינקענדיקן, פון הינטערשטן טייל פון שיף האָט מען אַראָפּגעלאָזן אַ רעטונגס-לאָדקע, צווישן גע-שריי פון קאָמאַנדע, קוויטשעריי פון די פרויען האָט זיך ווי אַ רויקער שטראָם צעגאָסן יאַקאָווס איינטאָניק, הייזעריק קול:

— ער וועט דערטרונקען ווערן, סיי-ווי וועט ער דער-טרונקען ווערן, ווייל ער איז אין ווינטער-מאַנטל! אין אַ לאַנגן בגד — מוז מען זיך דערטרינקען. אָט די ווייבער — למשל, פאַרוואָס דערטרינקען זיי זיך גיכער, ווי די פויערים? צוליב די קליידער. אַ פרויענצימער, ווי נאָר זי פאַלט אַריין אין וואַ-סער, לאָזט זי זיך גלייך אַראָפּ צום גרונט, ווי אַ שווערע משא... קוקט נאָר — ער איז דערטרונקען געוואָרן. איך וועל נישט רעדן סתם אַזוי...

דער סוחר האָט זיך טאַקע דערטרונקען, אַ פּאָר שעה האָט מען אים אַרומגעזוכט און נישט געפונען. זיין חבר האָט זיך

אויסגעניכטערט, געזעסן אין הינטערשטן טייל פון שיף און, בלאָזנדיק פון זיך, טרויעריק געטענהט:

— נו, אָט זענען מיר שוין דערפאָרן! וואָס טוט מען איצט, האַ? וואָס זאָגט מען די קרובים, האַ? ער האָט קרובים...

יאַקאָוו האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן אים, פאַרלייגט די הענט אויף הינטן און אָנגעהויבן טרייסטן:

— ס'איז גאָרנישט, סוחר, קיינער ווייסט דאָך נישט, ווי ס'איז אים באַשערט צו שטאַרבן. איינער עסט אָפּ שוועמלעך — און נישטאָ אים, געשטאָרבן. טויזנטער מענטשן עסן שוועמלעך און לעבן געזונטערהייט. און אַן אַנדערער — בלייבט טויט. זענען די שוועמלעך שולדיק?

ער איז געשטאַנען אַ ברייטער, אַ געזונטער, ווי אַ מיל־שטיין, פאַרן סוחר, און געשאָטן אויף אים מיט רייד, ווי קלייען. פון אָנהויב האָט דער סוחר שטיל געוויינט, אָפּווישנ־דיק מיט זיינע ברייטע הענט די טרערן פון באָרד, נאָר, ווען ער האָט זיך צוגעהערט, האָט ער גענומען שרייען:

— טייוול! וואָס ציסטו מיר די נשמה אַרויס? קריסטן, נעמט אים צו — אַ נישט בין איך נישט ערב פאַר זיך.

יאַקאָוו איז רויק אָפּגעטראָטן און געזאָגט:

— אַן אויסטערליש פאָלק! דו קומסט צו אים מיט גוטן, ענטפערט ער דיר — מיט אַ שטעקן...

אָפּטמאָל האָב איך דעם הייצער געהאַלטן פאַר אַ תם, נאָר נאָך עפּטער האָב איך געטראַכט, אַז ער מאַכט זיך אור־מישנע פאַר אַ נאַר. איך האָב געהאַט גרויס חשק פונאַנדער־פרעגן אים, ווי ער איז געגאַנגען איבער דער וועלט, וואָס ער האָט געזען, נאָר דאָס פלעגט זיך מיר נישט איינגעבן. פאַר־רייסנדיק דעם קאָפּ אַרויף, עפענענדיק קוים די טונקעלע בער־רישע אויגן, האָט ער געגלעט מיט די הענט זיין פליישיק פנים און, דערמאָנענדיק זיך, גערעדט:

— מענטשן, ברודערל, זענען אומעטום, ווי מוראַשקעס! אַ פאָלק דאָרט, אַ פאָלק דאָ — אַ פוסטע האַוועניש, זאָג איך דיר! מער ווי אַלע, פאַרשטענדלעך, פויערים — די וועלט איז

בזייט מיטן פויער, אָט אַ שטייגער, ווי מיט הערבסט־בלעטער. בלגאַרן? געזען בולגאַרן און גריכן און סערבן, רומענער און אַלערליי ציגיינער — אַ סך איז דאָ פון דעם מין! וואָס פאַראַ פאָלק? אין די שטעט — אַ שטאָטיש, אין די דערפער אַ דאָר־פיש, אַזוי ווי ביי אונז. שטאַרק ענלעך. אַנדערע רעדן אַפילו אויף אונזער לשון מער, נאָר שלעכט, ווי די טאָטערן, למשל, אָדער די מאָרדווינען. די גריכן קענען נישט רעדן אויף אונ־זער לשון, זיי האַלדערן, ווי ס'גייט. רעדן, דאַכט זיך, ווערטער, אָבער וואָס, ווען — איז נישט צו פאַרשטיין. מיט זיי מוז מען זיך אויפרעדן אויף די פינגער, דער אַלטינקער מיינער, פלעגט זיך מאַכן, אַז ער פאַרשטייט זיי און פלעגט מורמלען — קאַראַ־מאַראַ, קאַלימאַראַ. אַ כיטרער זקן געווען, האָט זיי גוט גענאַרט! וואָס, פרעגסט — וועלכע? נאַר איינער, נו, וועלכע זאָלן זיין מענטשן? געוויינלעך, שוואַרצע, און די רומענער זענען אויך שוואַרצע, איין גלויבן ביי זיי. די בולגאַרן — אויך שוואַרצע, זייער אמונה — איז שוין אויף אונזער שטייגער. און די גריכן — כמעט ווי די טערקן.

מיר האָט זיך געדאַכט, ער זאָגט נישט אויס אַלץ, וואָס ער ווייסט, ער האָט נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס ער וויל נישט אויסזאָגן.

פון די בילדער אין די זשורנאַלן האָב איך געוווסט, אַז די הויפּט-שטאָט פון גריכנלאַנד איז אַטען — זייער אַן אַלטע און שיינע שטאָט, אָבער יאַקאָוו האָט, שאָקלנדיק צווייפלהאַפט מיטן קאָפּ, דאָס אָפּגעלייקנט.

— דאָס האָט מען דיך, ברודערלעבן, אָפּגענאַרט, נישט אַטען, נאָר אַטאָן, נאָר דאָס איז נישט קיין שטאָט, נאָר אַ באַרג — און אויף אים אַ מאָנאַסטיר. מער גאָרנישט. ס'רופט זיך: דער הייליקער באַרג אַטאָן, געמאָלטע בילדלעך אַזעלכע זענען פאַראַן, דער אַלטער האָט געהאַנדלט מיט זיי. ס'איז דאָ אַ שטאָט בעלגראַד, וואָס שטייט אויפן טייך דונאַי, אַזוי ווי יאַראָסלאַוו, אָדער ניזשני. זייערע שטעט זענען נישט קיין מיאוסע, נאָר די דערפער — גאַנץ אַנדערש. די פרויען אויך

פאַר זייערע פרויען קאָן מען ממש אויסגיין, צוליב ווייבער בין איך שיר דאָרט נישט פאַרבליבן — וואַרט, ווי האָט זי געהייסן?

ער רייבט מיטן האַנט זיין בלינד פּנים, די האַרטע האָר זיינע קנאַקן שטיל, ערגעץ טיף אין האַלז ביי אים קלינגט אַ געלעכטער, וואָס דערמאָנט דעם קלאַנג פון אַ צעבראָכן גלעקל.

— ווי אַלץ פאַרגעסט זיך אַזוי לייכט! און איך האָב דאָך מיט איר... ביים געזעגענען זיך, האָט זי געוויינט, און איך אַפילו האָב אויך געוויינט, זאָל איך אַזוי לעבן...

מיט אַ רויקער אומפאַרשעמטקייט האָט ער מיר אָנגעהויבן צו לערנען, ווי מ׳דאַרף זיך באַגיין מיט פרויען:

מיר זיצן אויפן הינטערטייל פון שיף. די וואַרעמע לבנה-נאַכט שווימט אונז אַנטקעגן, הינטערן זילבערנעם וואַסער זעט זיך קוים די ברעג-לאַנקע, פון בערגיקן ברעג — פינקלען געלע פייערלעך, עפּעס שטערנדלעך, געפאַנגענע פון דער ערד. אַלץ אַרום באַוועגט זיך, פלאַטערט וואַכעדיק, וועבט שטיל, נאָר עקשנותדיק זיין לעבן. אין דער ליבער, אומעטיקער שטילקייט רייסן זיך אַריין די הייזעריקע ווערטער.

און זי פלעגט פאַרוואַרפן אירע הענט, פלעגט זיך אויס-שטרעקן...

יאַקאָווס געשיכטע איז אומפאַרשעמט, אָבער נישט דער-ווידער, נישטאָ אין איר קיין באַרימעריי, קיין אַכזריות, זי קלינגט עפּעס אָפנהאַרציק-פּשוט און עטוואָס טרויעריק. אויך די לבנה אין הימל איז אומפאַרשעמט נאַקעט און רעגט אונז אויך אויף, אַרויסרופנדיק עפּעס אַ געפיל פון בענקשאַפט. עס קומט אַרויף אויפן זכּרון נאָר דאָס גוטע, דאָס בעסטע — די קעניגין מאַרגאָ און די אומפאַרגעסלעכע ריכטיקע פערזן:

נאָר דאָס ליד דאַרף האָבן שיינקייט,
די שיינקייט — דאַרף קיין לידער נישט...

ווי אַ לייכטן דרימל טרייסל איך אָפּ פון זיך די פאַנ-טאַסטישע שטימונג און שטיי ווידער צו צו אים, ער זאָל מיר דערציילן וועגן זיין לעבן.

— מאָדנער מענטש דו, — זאָגט ער, — וואָס זאָל איך דיר דערציילן? כ'האָב אַלץ געזען. פרעג: מאַנאַסטירן געזען? געזען. און טראַקטירן? אויך געזען. געזען דאָס פּריצישע לעבן, דאָס פּויערשע, געלעבט זאַט, געהונגערט אויך...

פּאַמעלעך, ווי ער וואָלט דורכגעגאַנגען אַ טיפן טייך איבער אַ שוואַכער, געפּערלעכער בריק, דערמאָנט ער זיך:

— נו, אָט זיץ איך, למשל, אין צירקל, פאַר אַ פערד־גנבה — וועסט כאַפּן סיביר, טראַכט איך! דער קאָמיסאַר — זידלט זיך, עס רויכערן ביי אים אין נייעם הויז די אויוונס. זאָג איך: דאָס קאָן איך, וואַשעבלאַגאָראָדיע פאַרריכטן. פאַלט ער אויף מיר אַרויף: שווייג! דאָ, זאָגט ער, האָט אַפילו דער בעסטער מייסטער גאָרנישט געקאָנט מאַכן... ענטפער איך: ס'טרעפט, אַז אַ פּאַסטוך איז קליגער פון אַ גענעראַל — כ'בין דעמאָלט צו אַלץ דרייסטער געוואָרן, אַלץ איינס — סיביר! זאָגט ער: נו, געמאַכט זאָל ווערן, אָבער אויב ס'וועט ווערן ערגער — וועל איך דיר די ביינער צוברעכן. אין אַ פּאָר מעת־לעת האָב איך אים די זאַך פאַרטיק געמאַכט — וווּנדערט זיך דער אָפיצער, שרייט: אַך, דו גולם, דו טפש איינער! ביסט דאָך — אַ מייסטער און דו פאַרנעמסט זיך גאָר מיט פערד גנבענען. ס'טייטש? זאָג איך אים: דאָס איז, וואַשעבלאַגאָראָדיע, פּשוט אַ נאַרישקייט. יאָ, זאָגט ער, טאַקע אַ נאַרישקייט, אָבער אַ רחמנות איז אויף דיר! יאָ, אַ רחמנות. האָסט געזען? אַ פּאָליציי־מענטש, וואָס ווייסט פון קיין רחמנות נישט, האָט פונדעסטוועגן רחמנות געהאַט...

— נו, וואָס ווייטער? — פרעג איך.

— גאָרנישט. ער האָט רחמנות געהאַט. וואָס נאָך דען?

— צו וואָס זאָל מען אויף דיר רחמנות האָבן. דו ביסט דאָך ווי אַ שטיין!

יאַקאָוו לאַכט גוטמוטיק.

— מענטש איינער! אַ שטיין, זאָגסטו, האַ? מ'דאַרף קאָבען אַפילו אויף אַ שטיין רחמנות האָבן, פון אַ שטיין האָט מען אויך נוצן. מיט שטיינער ברוקירט מען די גאַסן. אויף יעדער

זאַך דאַרף מען רחמנות האָבן, קיין זאַך איז נישט אומזיסט באַשאַפן געוואָרן. וואָס פאַר אַ ווערט האָט זאַמד? און דאָך וואַקסן פון אים אויך אַרויס גרעזלעך...

ווען דער הייצער רעדט אַזוי, ווערט מיר קלאָר, אַז ער ווייסט עפּעס אַזוינס, וואָס איז פאַר מיר אומפאַרשטענדלעך.

— וואָס קלערסטו — פרעג איך — וועגן קוכער?

— וועגן דעם יונגן בער! — פרעגט יאַקאָוו גלייכגילטיק. — וואָס קאָן מען וועגן אים קלערן? דאָ איז גאָר נישטאָ וואָס צו קלערן.

דאָס איז ריכטיק. איוואַן איוואַניטש איז אַזאַ שטרענג־פּינקטלעכער און אַזאַ גלאַטער, אַז דער געדאַנק האָט נישט אָן וואָס צו פאַרטשעפּען זיך ביי אים. אינטערעסאַנט איז אין אים איינס: ער קאָן נישט ליידן יאַקאָוון, זידלט אים שטענדיק און פאַרבעט אים שטענדיק אויף טיי.

איינמאָל האָט ער געזאָגט צו אים:

— ווען איצט וואָלט נאָך געווען די צייט פון לייב־אייגנטום, און איך וואָלט געווען דיין פּריץ — וואָלט איך דיך, פוסטע־פּאַסניק זיבן מאָל אַ וואָך געשמיסן!

יאַקאָוו האָט ערנסט באַמערקט.

— זיבן מאָל — איז אַביסעלע צופיל!

זידלענדיק דעם אויוון־הייצער, שטאָפּט אים פונדעסטוועגן דער קוכער מיט אַלערליי מאכלים. ער רוקט אים אונטער אַ שטיק און זאָגט:

— פרעס!

יאַקאָוו קייט נישט־געאיילט און זאָגט:

— היפּש כּוחות וועל איך אָנקלויבן אַ דאַנק דיר, איוואַן איוואַניטש!

— און צו וואָס דאַרפסטו, פוילער, דיינע כּוחות?

— וואָס הייסט עס, אויף וואָס? איך וועל לעבן לאַנג...

— און צו וואָס טויג דיר, טייוול, דאָס לעבן!

— אַ שד לעבט אויך. וועסט אפשר זאָגן, אַז ס׳איז נישט

אינטערעסאַנט צו לעבן? לעבן, איוואַן איוואַניטש, איז אַ גרויס נחת...

— אַט אַ עדיאָט!

— פאַרוואָס עפּעס?

— ע—די—אָט.

— אָט האָסטו דיר גאָר אַ וואָרט — ווונדערט זיך יאַ־קאָוו, און דער יונגער-בער זאָגט צו מיר:

— אָט, גיב נאָר אַ קלער: דאָ אין דער גיהנום היץ, ביי דער פּליטע גיסט זיך אונזער בלוט, טרינקט אויס אונזער מאַרך, און ער — גייט זיך אַרום און קייט, ווי אַ חזיר!

— יעדער האָט זיך זיין גורל, זאָגט דער הייצער אַ מעלה־גרהנדיק.

איך ווייס, אַז ביים איוואַן איז אַ סך שווערער און היי־סער צו אַרבעטן, ווי ביי דער פּליטע, כ'האָב עטלעכע מאָל אין דער נאַכט פּרובירט „שאַרן" צוזאַמען מיט יאַקאָווען, און מיך וווּנדערט, פאַרוואָס ער וויל עפּעס נישט אָנווייזן דעם קוכער אויף דער שווערקייט פון זיין אַרבעט. ניין, דער מענטש ווייסט עפּעס אויסערגעוויינלעכעס...

אים האָבן אַלע געזידלט — דער קאַפּיטאַן, דער מאַשי־ניסט, דער באַצמאַן, — יעדערער, ווער ס'איז נאָר נישט פויל, און ס'איז געווען מערקווירדיק: פאַרוואָס אַנטזאָגט מען אים נישט? די הייצערס האָבן זיך אָפּן באַצויגן צו אים בעסער ווי אַנדערע, כאָטש זיי פּלעגן אים אויסלאַכן פאַר זיינע פּלוידערייען און פאַר זיין שפּילן אין קאָרטן. כ'פּלעג זיי פרעגן:

— יאַקאָוו — איז אַ ווילער מענטש?

— אַ, יאַקאָוו? נישקשה. ער איז אַ מענטש אַ באַשיידע־נער, מיט אים קאָן מען מאַכן, וואָס מ'וויל, כאָטש לייג אים הייסע קוילן אין בוזעם...

לויט זיין שווערער אַרבעט ביי די קעסלען און ביי זיין פערדישן אַפּעטיט, האָט ער געשלאָפן זייער ווייניק — גייט אַראָפּ פון דער וואַך און נישט־אויסגעטועטערהייט, אַ פאַרשוויצ־טער, אַ שמוציקער, שטייט ער אַ גאַנצע נאַכט אויפן הינטער־

טייל פון שיף, שמועסנדיק מיט די פּאַסאַזשירן אָדער שפּילנדיק אין קאָרטן.

ער איז פאַר מיר געווען, ווי אַ פאַרמאַכטער קאַסטן, אין וועלכן, כ׳האָב געפילט, איז באַהאַלטן עפּעס אַזוינס, וואָס איז פאַר מיר זייער נויטיק, און מיט עקשנות האָב איך געוואָלט דעם שליסל, וואָס זאָל אים עפענען.

— וואָס דו ווילסט פון מיר דערגיין, ברודערל, פאַרשטיי איך נישט? — פלעגט ער מיך פרעגן און אָנקוקן מיט זיינע אויגן פון אונטער די ברעמען. נו, אמת טאַקע, כ׳האָב דורכגעוואַנדערט אַ וועלט, נו, איז וואָס נאָך? דו. נאַ־אַרעלע דו! כ׳וועל דיר בעסער דערציילן אַ מעשה, וואָס האָט זיך אַמאָל מיט מיר פאַרלאָפן.

און דערציילט: אין אַ קרייז־שטאָט האָט אַמאָל געוווינט אַ יונגער לונגען-קראַנקער ריכטער, און אַ ווייב האָט ער געהאַט אַ דייטשקע, אַ געזונטע, אַן עקרה. האָט זיך די דייטשקע פאַרליבט אין אַ סוחר; דער סוחר אַ באַווייבטער, — אַ ווייב אַ שיינע מיט דריי קינדערלעך. האָט דער סוחר באַמערקט, אַז די דייטשקע איז פאַרליבט אין אים און האָט באַשלאָסן צו טרייבן מיט איר שפּאַס: האָט ער זי פאַרבעטן אויף ביינאַכט צו זיך אין גאָרטן, און אויך אַ פאָר גוטע פריינט זיינע, וועלכע ער האָט באַהאַלטן אין די קוסטעס.

— הכלל גוט. נו, איז געקומען די דייטשקע, אַהער, אַהין — אָט איז זי מיט האַק און פּאַק! זאָגט דער סוחר צו איר: כ׳קאָן דיך, הארינטע, נישט ליבן, איך — בין אַ באַווייבטער, האָב איך פאַר דיר צוגעגרייט מיינע אַ פאָר גוטע פריינט, — איינער אַן אלמן, דער אַנדערער אַ בחור. די דייטשקע — אָך! און דערלאַנגט אים אַ פראַסק אין מאָרדע, — אַז ער האָט זיך איבערגעקוליעט איבערן באַנק, און זי אַרבעט ווייטער מיטן שוך און מיט אָפּצאַס! און איך בין דעמאָלט געווען איר באַגלייטער — געדינט אַלס סטרוזש ביים ריכטער. כ׳גיב אַ קוק דורך דער שפּאַרע פון פאַרקאַן און זע — עס פאַרקאָכט זיך אַ קאַשע. עס זענען צרויסגעשפּרונגען די חברים צו איר —

און האָבן זי געכאַפּט פאַר די צעפּ. האָב איך אַ שפּרונג איבערגעטון איבערן פאַרקאַן און האָב זיי אָפּגעשטויסן, אַזוי, זאָג איך, טאָר מען נישט, סוחרים, די האַרינטע האָט זיך אים אָפּגעגעבן מיטן גאַנצן האַרצן, און ער האָט זי מיאוס אָפּגענאַרט. כ׳האָב זי אַוועקגעפירט, האָבן זיי מיר מיט אַ ציגל געפּלעט דעם קאָפּ... הקיצור, זי איז געוואָרן מרה־שחורהדיק, גייט אַרום איבערן הויף אויס מענטש און זאָגט צו מיר: יאַקאָוו, גלייך ווי מיין מאַן וועט שטאַרבן, וועל איך אַוועקפאָרן צו מיינע אייגענע, צו די דייטשן. און איך זאָג: אוודאי דאַרף מען אַוועקפאָרן. דער ריכטער איז געשטאָרבן און זי איז אַוועקגעפאָרן. זי איז געווען אַזאַ פריינטלעכע, אַזאַ קלוגע, און דער ריכטער איז אויך געווען אַ פריינטלעכער, אַ ליכטיקן גן עדן זאָל ער האָבן...

איך קוק תמעוואַטע, נישט פאַרשטייענדיק די גאַנצע געשיכטע, און שווייג. כ׳פיל דערין עפּעס אַזוינס, וואָס איז באַקאַנט, אומברחמנותדיק, ווילד־נאַריש, נאָר וואָס זאָל איך זאָגן?

— אַ פיינע געשיכטע? — פרעגט יאַקאָוו.

כ׳זאָג עפּעס, זידל זיך מלא חימה, דערקלערט ער מיר רויק:

— זאַטע מענטשן זענען מיט אַלץ צופרידן; ווילט זיך זיי אַמאָל אַ שפּאַס מאַכן, קומט ביי זיי נישט אַרויס, ווי זיי וואָלטן נישט געקאָנט. געוויס, ערנסטע סוחרישע מענטשן. דער מסחר פאָדערט נישט ווייניק שכל, און לעבן מיטן שכל איז, אָפּט, לאַנגווייליק. נו, ווילט זיך אַ ביסל אַ שטיף טון.

נאָכן הינטערטייל פון שיף לויפט נאָך מיט אימפּעט דער שוימיקער טייך, ס׳הערט זיך ווי עס קאָכט דאָס לויפנדיקע וואַסער. דער שוואַרצער ברעג באַגלייט עס לאַנגזאַם. אויפן אויבערדעק כראָפּען די פּאַסאַזשירן — צווישן די בענק — צווישן שלאָפעדיקע קערפּערס באַוועגט זיך שטיל און דערנענטערט זיך צו אונז, אַ הויכע, טרוקענע פרוי אין אַ שוואַרצן קלייד מיט אַן אָפּגעדעקטן גרויען קאָפּ, — יאַקאָוו זאָגט שטיל, אַ שטויס טוענדיק מיך מיט דער פּלייצע.

— זע — זי בענקט...

און מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט נחת פון יענעמס בענק-שאַפט.

דערציילן פלעגט ער זייער פיל, און איך פלעג אים גיריק אויסהערן. איך געדענק אַלע זיינע געשיכטעס, אָבער צווישן זיי איז קיין איינע קיין פריילעכע נישטאָ. דערציילט האָט ער רויקער, ווי די ביכער, — אין די ביכער האָב איך אָפט געפילט דעם מחברס געפיל, זיין צאָרן, זיין פרייד, זיין טרויער, זיין שפּאָט. דער הייצער האָט נישט געלאַכט, נישט באַשולדיקט, קיין זאַך האָט אים, קענטיק, נישט באַליידיקט, נישט געפרייט, ער האָט גערעדט, ווי אַ גלייכגילטיקער עדות פאַר אַ ריכטער, ווי אַ מענטש, וועמען עס זענען גלייך פרעמד אי די באַשולדיקטע, אי די באַשולדיקער, אי די שופטים... די דאָזיקע גלייכגילטיקייט האָט אַלץ מער דערוועקט אין מיר אַ בייזע באַנגיקייט און אַ געפיל פון אומפריינטשאַפט צו יאַקאָוון.

דאָס לעבן האָט געברענט פאַר זיינע אויגן, ווי אַ פייער אין אויוון אונטער די קעסלען, ער איז געשטאַנען אַנטקעגן אויוון מיט אַ הילצערנעם האַמער אין זיין גראָבער בערישער לאַפּע און שטיל געהאַקט איבערן הענטל פון רעגולאַטאָר, צוגעבנדיק אָדער אַראָפּנעמענדיק ברענמאַטעריאַל.

— פלעגט מען דיך באַליידיקן?

— ווער וועט מיך באַליידיקן? כ׳בין דאָך שטאַרק, כ׳וואָלט יענעם דערלאַנגט אַ פּאָר...!

— איך רעד נישט פון קלעפּ, איך מיין, דיין נשמה באַליידיקט?

— די נשמה קאָן מען נישט באַליידיקן, אַ נשמה נעמט נישט צו קיין באַליידיקונגען, — זאָגט ער — דעם מענטשנס נשמה קאָן קיינער און מיט קיין זאַך נישט אָנרירן.

די דעק-פּאַסאַזשירן, די מאַטראָסן, אַלע מענטשן האָבן גערעדט וועגן דער נשמה אַזוי פיל און אַזוי אָפט, ווי וועגן דער ערד, וועגן אַרבעט, וועגן ברויט, וועגן פרויען. נשמה — איז אַן אָפּגעריבן וואָרט, וואָס דער המון באַנוצט ביי יעדן צענטן וואָרט. מיר געפעלט נישט, וואָס דאָס וואָרט גליטשט זיך אַזוי

לייכט ביי מענטשן אויף די צינגער, און ווען די פויערים זיד-לען אין דער מאַמען אַריין, בייז אָדער ווייך, פאַרמיאוסנדיק די נשמה, שניידט דאָס מיך איבערן האַרצן.

כ׳געדענק זייער גוט, ווי אָפּגעהיט די באָבע האָט גערעדט וועגן דער נשמה, וואָס איז דער געהיימער נעסט פון ליבע, שיינקייט און פרייד: כ׳האָב געגלויבט, אַז ווען אַ גוטער מענטש שטאַרבט, טראָגן ווייסע מלאכים אַרויף זיין נשמה אין הימל, צום גוטן גאָט פון מיין באָבען, און ער נעמט זי איבער פריינטלעך:

— נו, וואָס, מיין טייערע, וואָס מיין ריינע, — האָסט זיך אָנגעמאַטערט, אָנגעליטן?

און ער גיט דער נשמה זעקס פליגלען — זעקס ווייסע שרפים פליגלען.

יאַקאָוו שומאָוו רעדט וועגן דער נשמה אַזוי אָפּגעהיט, קאַרג און נישט גערן, ווי עס האָט גערעדט וועגן איר מיין באָבע. בשעת ער האָט זיך געזידלט, האָט ער קיינמאָל נישט דערמאָנט די נשמה, און בשעת אַנדערע פלעגן זיך חקרענען וועגן איר, פלעגט ער, אָנבויגנדיק זיין רויטן, אָקסענעם האַלז, שווייגן, ווען איך פרעג אים, וואָס דאָס איז אַזוינס נשמה, — ענטפערט ער:

— אַ גייסט, גאָטס אָטעם...

מיר איז דאָס צו ווייניק, און איך פרעג עפּעס ווייטער,— בויגט ער אָן דעם קאָפּ און זאָגט:

— וועגן דער נשמה, ברודערל, פאַרשטייען אפילו די גלחים ווינציק, דאָס איז אַ זאַך אַ פאַרהוילענע...

איך האַלט כסדר אין איין טראַכטן וועגן אים און שטרענג מיך אַן עקשנותדיק אים צו פאַרשטיין, נאָר אומזיסט איז מיין אָנשטרענגונג. אַחוץ דעם זע איך גאָר נישט, ער פאַרשטעלט מיר אַלץ מיט זיין ברייטער געשטאַלט.

מיט אַ פאַרדעכטיקער פריינטלעכקייט באַציט זיך צו מיר די באַלעבאָסטע פון בופעט. אינדערפרי דאַרף איך איר דער-לאַנגען וואַסער צום איינוואַשן זיך, כאָטש דאָס געהערט, אייגנט-

לעך, גאָר צו לושען, דאָס דינסט-מיידל פון צווייטן קלאַס, אַ זוי־בער און לוסטיק מיידל. בשעת איך שטיי אין דער ענגער קאַיו־טע נעבן דער האַלב-נאַקעטער באַלעבאָסטע און זע איר געלן קערפּער, וואָס איז לויז, ווי אַ צעיוירטער טייג, דערמאָן איך מיך אָן דעם געגאָסענעם, ברוינעם קערפּער פון דער קעניגין מאַרגאָ און — עס איז מיר דערווידער. דעם בופעטשיקס ווייב רעדט כסדר וועגן עפּעס, אַ ווײַלע טענהט זי און מורמלט ברוגז, אָדער זי רעדט בייז און מיט חוזק.

דער זין פון אירע רייד דערגרייכט צו מיר נישט, כאָטש מיר דאַכט זיך, אַז איך כאַפּ יאָ עפּעס פונווייטנס — דאָס איז עפּעס אַ נעבעכדיקער, געפּאַלענער מאוסער זין, נאָר מיך אַרט עס נישט; איך לעב ווייט פון דער באַלעבאָסטע און פון אַלץ, וואָס עס טוט זיך אויפן דאַמפּער. איך — בין הינטערן גרויטן, האריקן שטיין, ער פאַרשטעלט פון מיר די דאָזיקע גאַנצע וועלט, וואָס שווימט ערגעץ וווהין טאָג און נאַכט

— אונזער גאַווורילאָוונא איז גאַנץ פאַרליבט אין דיר, — הער איך ווי דורכן שלאָף לושעס קאַטאָוועס—געגעץ נישט, כאַפּ אַריין דיין גליק...

נישט נאָר זי אַליין לאַכט מיך אויס, די גאַנצע דינערשאַפט פון בופעט ווייסט וועגן דער באַלעבאָסטעס שוואַכקייט, און דער קוכער זאָגט מיט אַ האַוואַיע:

— די פרוי האָט שוין פון אַלץ פאַרזוכט — האָט זיך פאַר־גלוסט עפּעס צום פאַרבייסן, אַ נאַשעריי. נו, אַ פאַלק... גיב אַכט פעשקאָוו מיטביידע אויגן...

און יאַקאָוו וואָרנט מיך אויך אין אַ פאָטערלעכן טאָן:

— געוויינלעך, ווען דו וואָלסט געווען אויף אַ פאָר יאָר עלטער, נו, וואָלט איך דיר עפּעס אַנדערש געזאָגט, אין דיינע יאָרן — איז בעסער נישט אונטערצוגעבן זיך! און ווייטער — ווי דו ווילסט...

— לאָז געמאַך, זאָג איך, מיט דיינע שמוציקע מעשיות...

— אוודאי...

און גלייך נאָכדעם, אַרייַנרוקנדיק די פינגער אין זיינע

צעפּאַטלטע האָר, הויבט ער אָן שיטן זיינע קיילעכדיקע רייד־לעך:

— נו, מ׳דאַרף איר ענין אויך פאַרשטיין — ס׳איז אַ נע־בעכדיקער, ווינטערדיקער ענין... אַ הונט האָט אויך האָלט, אַז מען גלעט אים, בפרט אַ מענטש! אַ פּרוי לעבט מיט צערטלעכ־קייט, ווי אַ שוואָם מיט פייכטקייט, ס׳איז איר אַליין אַ בושה, אָבער וואָס טוט מען? דער קערפּער פאָדערט צערטלעכקייט — און גאָר...

אָנגעשטרענגט קוק איך אַריין אין זיינע אויגן און פרעג אים:

— האָסט רחמנות אויף איר?

— איך? אַ מאַמע איז זי מיינע, וואָס? אויף מאַמעס האָט מען קיין רחמנות נישט, א דו... באַרעלע דו!

ער לאַכט נישט־הויך, ווי אַ צעבראָכן גלעקל.

צייטנווייז קוק איך אויף אים און מיר דאַכט זיך, אַז איך פאַל אַריין אין אַ שטומער פוסטקייט, אין אַ טונקעלער, טיפער גרוב.

— אָט אַלע האָבן חתונה און פאַרוואָס האָסטו, יאַקאָוו, קיין חתונה נישט?

— צו וואָס? אַ פּרויענצימער קריג איך מיר, גאָט צו דאַנקען, אַזוי אויך צו יעדער צייט, דאָס לאָזט זיך גאַנץ לייכט... אַ חתונה־געהאַטער מוז לעבן אויף איין אָרט, פירן אַ באַלעבאַ־טישקייט, און מיין שטיקל ערד איז אַ מאָגערס, דערצו ווייניק, און דאָס אפילו האָט אויך ביי מיר אַ פעטער צוגענומען. אַ ברודער מיינער איז געקומען פון מיליטער־דינסט, האָט ער פאַר־פירט אַ מחלוקת מיטן פעטער, זיך אָנגעהויבן משפטן — און צום סוף מיט אַ פלאָקן איבערן קאָפּ. פאַרגאָסן בלוט. איז ער אָפּגעזעסן אָנדערהאַלבן יאָר אין טורמע, און פון טורמע איז דאָ איין וועג, — ווידער אין טורמע. און זיין יונג ווייבל איז אַ לוסטיקע... וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן! האָסטו חתונה געהאַט — זיץ, הייסט עס, ווי אַ באַלעבאָס ביי דיין קאַנורע, אַ סאָל־דאַט אָבער איז נישט קיין באַלעבאָס איבער זיך.

— דו ביסט מתפלל צו גאָט?

— נאַרעלע איינער! אוודאי בין איך מתפלל...

— און ווי אַזוי?

— פאַרשידן.

— וועלכע תפלות זאָגסטו?

— קיין תפלות קען איך נישט. איך, ברודערקע, זאָג פּראָסט: אָ גאָט, יעזוס, האָב רחמנות אויפן לעבעדיקן, גיב רו דעם טויטן, היט אויס, גאָט, פון קראַנקייטן... נו, און נאָך עפּעס דאָרט...

— וואָס?

— אַזוי! אים — וואָס דו זאָלסט נישט זאָגן, — וויל ער אַלץ נאָכמער דערגיין!

ער באַציט זיך צו מיר פריינטלעך מיט נייגיריקייט, ווי צו נישט קיין נאַריש קעצל, וואָס קאָן מאַכן פריילעכע שטיק. ס'טרעפט, דו זיצסט מיט אים ביינאַכט און עס הערט זיך פון אים אַ ריח פון קוילן, סמאַלעניש און ציבעלע, — ער האָט האָלט געהאַט ציבעלע און האָט געגריזשעט רויטע ציבעלעס, אַזוי ווי עפּל, — און פלוצלינג הויבט ער אָן בעטן:

— נו, אַליאָשע, קאַפּאָשע, זאָג עפּעס אַ לידל!

כ'קען אַ סך געדיכטן אויף אויסווייניק, אַ חוץ דעם האָב איך אַ דיק העפט, וווּ עס זענען פאַרשריבן מיינע באַליבסטע. איך לייען אים פאָר „רוסלאן”, ער זיצט און האָרכט אומבאַוועג־לעך, אַ בלינדער, אַ שטומער, איינהאַלטנדיק דעם פייפנדיקן אָטעם, דערנאָך זאָגט ער שטילערהייט:

— אַ גאַנץ פיין און פריילעך מעשהלע! האָסט עס אפשר אַליין אויסגעקלערט? פּושקין? ס'איז דאָ אַזאַ פּריץ מוכין־פּושקין, כ'האָב אים געזען...

— ס'איז נישט דער, יענעם האָט מען שוין לאַנג דער־הרגעט!

— פאַרוואָס?

כ'דערצייל אים אין קורצן, ווי ס'האָט מיר דערציילט די קעניגין מאַרגאָ. יאַקאָוו הערט און זאָגט דאַן רויק:

— אַ היפּשע צאָל מענטשן גייען פון דער וועלט צוליב ווייבער...

אָפּט דערצייל איך אים געשיכטעס, וועלכע איך האָב געלייענט אין די ביכער; זיי האָבן זיך אַלע צונויפגעפלאָנטערט, צונויפגעשמאָלצן אין איין לאַנגער געשיכטע פון אַן אומרויקן שיינעם לעבן, אָנגעזעטיקט מיט פייערדיקע תאוות, פול מיט ווילדע העלדישקייטן, מיט ריטערלעכער איידלקייט, פלאַדיקע נצחונות, דועלן און טויטן, דערהויבענע ווערטער און שענדלעכע מעשים.

ראָקאַמבאָל האָט ביי מיר אָנגענומען דעם ריטערלעכן אָנבליק פון ליאַ מאָלן, פון אַניבאַל קאקאנא; לודוויק דער XI — דעם אָנבליק פונם פאָטער גראַנדע; דער קארנעט אָטלעטאַיעוו מישט זיך צונויף מיט היינריך דעם IV. די דאָזיקע געשיכטע, וווּ איך האָב מיט מיין רוח-הקודש פאַרביטן די כאַראַקטערן פון מענטשן, פאַרדרייט די געשעענישן, איז פאַר מיר געווען אַ וועלט, וווּ איך בין געווען פריי, ווי דער גאָט פון מיין זיידן, — ער שפּילט זיך אויך מיט אַלץ, ווי אים געפעלט. דער דאָזיקער מיש-מאַש פון די ביכער האָט מיר נישט געשטערט צו זען די ווירקלעכקייט אַזוי ווי זי איז, האָט נישט אָפּגעקילט מיין באַגער צו פאַרשטיין די לעבעדיקע מענטשן, נאָר ער האָט מיך פאַרשטעלט מיט אַ דורכלויכטנדיקן, נאָר נישט דורכדרינגלעכן וואָלקן פון אַ סך קלעפּיקן שמוץ, פון די גיפטיקע סמען פון לעבן.

די ביכער האָבן אַ סך זאַכן געמאַכט פאַר מיר אומגעפערלעך: ווייסנדיק ווי מען ליבט און ליידט, קאָן מען שוין נישט גיין אין קיין שאַנד-הויז. די גראָשענע אויסגעלאַסנקייט האָט אין מיר דערוועקט אַן עקל און אַ רחמנות צו די מענטשן, וועלכע האָבן זיך מיט איר געקוויקט. ראקאמבאָל האָט מיך געלערנט צו זיין פעסט ביי זיך, נישט אונטערצוגעבן זיך אונטער דעם דרוק פון אומשטענדן, דיומאַס העלדן האָבן געוועקט אין מיר דעם באַגער אָפּצוגעבן זיך צו עפּעס אַ וויכטיקער, דערהויבענער טאַט. מיין באַליבטער העלד איז געווען דער לוסטיקער

קעניג היינריך דער פערטער, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז טאַקע וועגן אים רעדט זיך אין דעם פיינעם ליד פון בעראַנזשע:

ער האָט דעם פויער פיל פרייהייטן געגעבן
און אַליין אויך ליב געהאַט אַ כוסה.
יאָ — ווען דאָס פאָלק לעבט אַ גליקלעך לעבן,
פאַרוואָס זאָל נישט טרינקען דער קייסער?

די ראָמאַנען האָבן געשילדערט היינריך דעם פערטן אַלס אַ גוטן מענטשן, וואָס שטייט נאָענט צום פאָלק; זיין ליכטיקע, זוניקע געשטאַלט האָט געשאַפן אין מיר די איבערצייגונג, אַז פראַנקרייך איז דאָס הערלעכסטע לאַנד אין דער וועלט, אַ לאַנד פון ריטער, וואָס איז פונקט אַזוי פיין אין פויערשן העמדל, ווי אין קייסערלעכן מאַנטל, אַנזשפּיטו איז פונקט אַזאַ ריטער, ווי דאַרטאַניאַן. ווען מ'האָט געהרגעט היינריכן, האָב איך זיך ביטער צעוויינט און געקריצט מיט די ציין פון שנאה צו ראַוואַליאַקן. דער דאָזיקער קעניג איז געווען כמעט דער שטענדיקער הויפּטהעלד פון מיינע געשיכטעס, וואָס איך האָב דערציילט פאַר דעם הייצער, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז יאַקאָוו האָט אויך ליב געקראָגן פראַנקרייך און „כענריקן".

— אַ ווילער מענטש געווען דער קעניג־כענריק — מיט אים האָט מען אַלץ געקאָנט מאַכן כאָטש פיש כאַפּן. — פלעגט זאָגן יאַקאָוו.

אָן התפעלות, אָן שום פראַגן האָט זיך יאַקאָוו צוגעהערט צו מיינע מעשיות, אַ שווייגעדיקער מיט אַראָפּגעלאָזטע ברעמען, מיט אַן אומבאַוועגלעך פנים — פונקט ווי אַן אַלטער פאַרשימלטער שטיין. האָב איך אָבער צוליב עפּעס איבערגעריסן, פלעגט ער תיכף אַ פרעג טון:

— שוין דער סוף?
— נאָך נישט.
— רייס נישט איבער אין מיטן!

וועגן די פראַנצויזן פלעגט ער זאָגן מיט אַ זיפץ

— זיי פירן אַ קיל לעבן...
— וואָס באַטייט עס?

— אָט איך מיט דיר, למשל, לעבן אין קאָלעניש, אין אַרבעט, און זיי — האָבן זיך אַ קיל לעבן. האָבן נישט קיין געשעפטן, נאָר זיי טרינקען און פאַרברענגען — אַ פריילעך לעבן.

— זיי אַרבעטן אויך.

— פון דיינע מעשיות איז דאָס נישט צו זען. — האָט דילטיק באַמערקט דער הייצער, און פלוצלינג איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דער גרעסטער טייל פון די דורכגעלייענטע ביכער דערציילט כמעט גאָר נישט, ווי אַזוי עס לעבן און אַרבעטן די איידעלע העלדן.

— נו־ו, כ׳וועל כאַפּן אַ ווײַלע אַ דרימל. — האָט געזאָגט יאַקאָוו, אויסציִענדיק זיך אויפן רוקן, אויפן זעלבן אָרט, ווו ער זיצט, און אין אַ ווײַלע אַרום פלעגט ער שוין פייפן מיט דער נאָז.

אין הערבסט, ווען די ברעגן פון דער קאמע זענען געלבלעך געוואָרן, די בוימער גאָלדיק, און די קרומע שטראַלן פון דער זון אויסגעבלייכט, — איז יאַקאָוו אומגעריכט אַוועק פון דאַמפער. נאָך מיט אַ טאָג פריער האָט ער מיר געזאָגט:

— איבערמאָרגן, יעראַכע־קאפּאָכע, קומען מיר אָן מיט דיר קיין פּערם, מיר וועלן זיך אַראָפּכאַפּן אין באָד, אויספּאַרען אויף וואָס די וועלט שטייט, און פון דאָרטן — אין אַ טראַקטיר מיט מוזיק. — ס׳איז פריילעך! כ׳האָב ליב צו זען, ווי די מאַשין שפּילט.

נאָר אין סאַראַפּול איז אויפן דאַמפער אַרויף אַ דיקער מאַנסביל מיט אַ צעקראָכן, ווייבעריש פּנים, אָן אַ באָרד און אָן וואָנצעס, דער וואַרעמער, לאַנגער יאַק און דאָס היטל מיט די אויערן פון פוקסן־פעלץ האָבן נאָך שטאַרקער געמאַכט זיין ענלעכקייט צו אַ פרוי. ער האָט באַלד פאַרנומען אַ טיש נעבן קיך, ווו ס׳איז געווען וואַרעמער, האָט זיך באַשטעלט טיי גע־שיר, און נישט פונאַנדערשפּילענדיק דעם יאַק, נישט אַראָפּנע־מענדיק דאָס היטל, אָנגעהויבן טרינקען דאָס געלע וואַסער, שטאַרק שוויצנדיק דערביי.

פון די הערבסטיקע וואָלקנס האָט אומאויפהערלעך געזיפּט

מיט אַ הערבסט-רעגנדל, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ווען דער דאָזיקער מענטש ווישט אָפּ מיטן געקעסטלטן טיכל דעם שווייס פון פּנים, ווערט אויך דער רעגן קלענער, הויבט ער ווידער אָן צו שוויצן — שטאַרקט זיך אויך דער רעגן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז נעבן אים שוין געשטאַנען יאַקאָוו, און ביידע האָבן עפּעס אַרײַנגעקוקט אין קאַלענדאַר-מאַפּע — דער פּאַסאַזשיר האָט געטײַטלט אויף מיר מיטן פינגער, און דער הייצער האָט רויק גערעדט:

— נו, מילא! גאָר נישט. אַ שפּיי איז דאָס ביי מיר ווערט...

— איז אוודאי גוט, האָט געזאָגט דער פּאַסאַזשיר מיט אַ דין שטימעלע, אַרײַנרוקנדיק דעם קאַלענדאַר אין אָפענעם לע-דערנעם זעקל, וואָס איז געלעגן ביי זיינע פיס. רעדנדיק שטי-לערהייט צווישן זיך, האָבן זיי אָנגעהויבן טרינקען טיי.

איידער יאַקאָוו איז אַוועק אויף דער וואַך, האָב איך אים געפרעגט, וואָס דאָס איז פאַר אַ מענטש. ער האָט געענטפערט שמייכלענדיק:

— זעט אויס, ווי אַ טויב, אַ סקאָפּעץ, קענטיק פון ווייטן סיביר! אַן אינטערעסאַנטער.

ער איז אַוועק פון מיר, טרעטנדיק איבערן אויבערדעק, מיט זיינע שוואַרצע, האַרטע פּיאַטקעס, ווי קאָפּיטעס, נאָר האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט, קראַצנדיק אין אַ זייט.

— כ׳האָב זיך ביי אים אָנגעדונגען אַלס אַרבעטער; ווען מיר וועלן אָנקומען קיין פּערם, וועל איך אַראָפּגיין פון שיף און זיי געזונט יעראָכע-קאַפּאָכע! מ׳פאָרט מיט דער באַן, דער-נאָך — איבערן טייך, און צולעצט מיטן אָקס; כמעט פינף וואָכן וועט אויסקומען צו פאָרן, אָט וווּהין אַ מענטש האָט זיך פאַר-קליבן...

— דו קענסט אים? — האָב איך געפרעגט, פאַרוווּנדערט פון יאַקאָווס פּלוצלינגן אַנטשלוס.

— פונוואַנען? כ׳האָב אים אין לעבן נישט געזען און אין זיינע מקומות קיינמאָל נישט געווען.

אינדערפרי איז יאַקאָוו געשטאַנען אָנגעטון אין אַ פאַר-

שמאַלצענעם, האַלב־קורצן פּוטער, מיט כּאָדאַקעס אויף די באָר־וועסע פּיס, אין אַ צעבראָכענעם, שטרויענעם הוט אָן ראַנדן, וואָס האָט געהערט צו דעם „יונגן בער", געדריקט מיין האַנט מיט זיינע טשוגונענע פינגער און געזאָגט:

— פאָרן מיר צוזאַמען, האַ? ער וועט דיך אויך נעמען, די טויב מיין איך, אויב מ׳וועט אים זאָגן; ווילסט — וועל איך אים זאָגן? מ׳וועט ביי דיר אָפּשניידן אַן איבעריק שטיקל, מ׳וועט באַצאָלן. ביי זיי — איז דאָס אַ יום־טוב, צו קאַליעטשען אַ מענטשן, זיי ווען דערפאַר באַפרידיקן...

דער סקאָפּעץ איז געשטאַנען ביים ראַנד פון שיף מיט אַ ווייס פּעקל אונטערן אָרעם, עקשנותדיק געקוקט אויף יאַקאָוון מיט זיינע טויטע אויגן, אַ שווערער, אַן אָנגעדראָלענער, ווי אַ דערטרונקענער. כ׳האָב אים שטילערהייט אויסגעזידלט, יאַקאָוו האָט מיר אַ צווייט מאָל געדריקט די האַנט.

— לאָז אים געמאַך, שפּיי אויף אים! יעדער בעט צו זיין גאָט, וואָס אַרט עס אונז? נו, זיי געזונט! לעב גליקלעך!

און קאָלערנדיק זיך, ווי אַ בער, איז יאַקאָוו שומאָוו אַוועק, איבערלאָזנדיק אין מיין האַרצן עפּעס אַ שווער, געמישט געפיל, — ס׳איז מיר אַ שאָד געוועזן דער הייצער, און עס האָט מיך פאַר־דראָסן אויף אים, כ׳האָב אים, געדענק איך, אַ ביסל מקנא גע־ווען און מיט זאָרג געטראַכט: צוליב וואָס גייט אַוועק אַ מענטש, ווער ווייסט וווהין?

און וואָס פאַר אַ מענטש איז יאַקאָוו שומאָוו?

XII

שפּעט אין הערבסט, ווען דער דאַמפער האָט אויפגעהערט צו קורסירן, בין איך אָנגעקומען אַלס לערן ייִנגל אין אַ וואַר־שטאַט פאַר הייליקע בילדער־מאַלעריי, נאָר אין אַ טאָג אַרום האָט מיין באַלעבאָסטע, אַ ווייכע און שיכּורלעכע אַלטיטשקע, מיר מודיע געווען אויף וולאַדימירשן דיאַלעקט:

— די טעג זענען איצט קורצינקע, די נעכט לאַנגע, ועסטו

אינדערפרי שטיין אין קראָם ביים פּאַרקויף, און אין די אָוונטן — ווּעסטו זיך לערנען!

און זי האָט מיך אָפּגעגעבן אין רשות פון אַ קליינעם פלינק-פּיסיקן געזעל, אַ יונגן בחור, מיט אַ שיין זיסלעך פּנים. אינדערפרי גיי איך מיט אים אין דעם קאַלטן באַגינען דורך דער גאַנצער שטאָט, איבער דער שלאָפעדיקער האַנדל-גאַס אי-לינקע צום ניזשני-מאַרק; דאָרט, אויפן צווייטן שטאָק פון גאָס-טינעם הויף, געפינט זיך די קראָם. איבערגעמאַכט איז זי גע-ווען פון אַ שפּייכלער, אַ פינסטערע מיט אַן אייזערנער טיר און מיט איין קליין פענסטערל, וואָס קוקט אַרויס אויף אַ ווערענדע מיט אַן אייזערנעם דאַך, די קראָם איז געווען אָנגעפּאַקט מיט הייליקע בילדער פון פאַרשידענע פאָרמאַטן, מיט הייליקע ארונות, גלאַטע און מיט „ווייַנטרויבן", מיט ביכער פון סלאַוויאַנישן קלויסטער-דרוק אין געלע לעדערנע איינבונדן. גלייך נעבן אונ-זער קראָם איז געווען נאָך אַ צווייטע, דאָרט האָט אויך גע-האַנדלט מיט הייליקע בילדער און מיט ביכער אַ סוחר מיט אַ שוואַרצער באָרד, אַ קראָם פון אַ באַוווסטן אַלטגלויביקן זאָגער אין קלויסטער, וואָס איז באַקאַנט הינטער דער וואָלגע אין די קערזשענער קאַנטן; דער סוחר האָט געהאַט אַ זון, אַ ייִנגל אין מיינע יאָרן — אַ מאָגערער, אַ פלינקער מיט אַ קליין פּנימל פון אַ זקן, מיט אומרויִקע מייזישע אויגלעך.

גלייך ווי מ'האָט געעפנט די קראָם, האָב איך געדאַרפט צולויפן אין טראַקטיר נאָך הייסן וואַסער; נאָכן טיי טרינקען — אויפרוימען די קראָם, אָפּווישן דעם שטויב פון דער סחורה און דערנאָך — סטאַרטשען אויפן טעראַסע, מיט אַ שאַרף אויג אַכטונג געבן, אַז די קונים זאָלן נישט אַריין צום שכן אין קראָם.

— אַ קונה איז אַ נאַר, פלעגט מיט זיכערקייט זאָגן דער געזעלן — אים איז אַלץ איינס, ווו צו קויפן, נאָר ביליק, אָבער אויף סחורה פאַרשטייט ער זיך נישט!

קלאַפּנדיק פלינק מיט די ברעטעלעך פון די בילדער, אי-בערנעמענדיק זיך מיט זיין פיינער קענטעניש אין געשעפט, פלעגט ער מיך לערנען:

— אַרבעט פון אַ ווערקשטאַט — אַ ביליקע סחורה, דריי וואַרשאַק אויף פיר — קאָסט זיך... זעקס וואַרשאַק אויף זיבן — קאָסט זיך... די הייליקע קענסטו? געדענק: וואַניפאַטי — צו שפרות; די מאַרטירערין וואַרוואַרע — צו ציין־ווייטאָק, געבן פלוצלינגן טויט; דער גליקזעליקער וואַסיל — צו קדחת, היץ... די בילדער פון גאָטס מוטער קענסטו? קוק: די טרויערנדיקע, די דרייהענדיקע, די אַבאַלאַצקער מופת, דו נישט באַקלאָג מיך מוטער, די שטיל אַיין מיין צער, די קאַזאַנער, די דאָקראָווער, די סעמיסטרעלנער...

די פרייזן פון די איקאָנעס לויט זייער גרויס און אַרבעט האָב איך גיך אַריינגענומען אין זכרון, אויך דעם אונטערשיד צווישן די בילדער פון גאָטס מוטער, אָבער פאַרגעדענקען די באַדייטונג פון יעדן הייליקן איז געווען נישט לייכט.

אָפט, שטייענדיק פאַרטראַכט ביי דער טיר פון קראָם, פלעגט דער געזעלן אומגעריכט אָנהויבן מיך צו עקזאַמענירן.

— ווער איז — צו אַ לייכטן קימפעט?..

אויב איך האָב אַ טעות, פרעגט ער מיט בטול:

— צו וואָס האָסטו אַ קאָפּ?

נאָך שווערער איז געווען אַריינצוציען אַ קונה; די מיאוס געמאָלטע איקאָנעס זענען מיר נישט געפעלן געווען און עס איז געווען נישט ניחא זיי צו פאַרקויפן. לויט דער באָבעס מעשיות האָב איך זיך פאָרגעשטעלט גאָטס מוטער יונג, שיין און גוט; אַזאַ איז זי טאַקע געווען אויף די בילדער פון די זשורנאַלן, די איקאָנעס האָבן זי אָבער פאָרגעשטעלט אַלט, שטרענג, מיט אַ לאַנגער קרומער נאָז און מיט הילצערנע הענטלעך.

אין די מאַרק־טעג, מיטוואָך און פרייטיק, פלעגט מען לייזן גאַנץ פיין, אויף דער טעראַסע פלעגן אַלע ווײַלע אַרויפגיין פויערים און אַלטע פויערטעס, אָפט גאַנצע משפחות, אַלץ — אַלטגלויביקע פון הינטער דער וואָלגע, אַן אומצוטרוילעך און אָנגעברוגזט וואַלד־פאָלק. פאַמעלעך שפרייזט ער אַרום איבער דער גאַלעריע, דער שווערער מענטש, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַראָפּצופאַלן, אָנגעפעלצט אין אַ שעפּסענעם פעלץ און פון

אויבן אַ מאַנטל פון גראָבן היימישן טוך, — ס'ווערט עפּעס אומ-
אָנגענעם און נישט שיין פאַר אים. מיט גרויס מי פאַרשטעלסטו
אים דעם וועג, פּלאָנטערסט זיך אונטער זיינע פיס אין די פו-
דיקע שטיוול און זינגסט ווי אַ קאָמאַר:

— וואָס דאַרפט איר, געערטער? תהלימלעך, געני דורכ-
געזעענע און מיט אַ פירוש, ביכער פון עפרעם סירין, קירילאָווס
דינים, געבעט-ביכער — ביטע, קוקט נאָר אָן! אַלערליי הייליקע
בילדער, צו יעדן פרייז, פון דער בעסטער אַרבעט, אין טונקע-
לע פאַרבן! מיר מאָלן אויף באַשטעלונג ווען איר ווילט, אַלע
הייליקע און בילדער פון גאָטס מוטער! אפשר ווילט איר באַ-
שטעלן אַ נאָמען בילד, אַ פאַמיליען בילד? דער בעסטער ווערק-
שטאַט אין רוסלאַנד! דאָס ערשטע געשעפט אין שטאָט

דער אומדורכדרינגלעכער, אומפאַרשטענדלעכער קונה שווייגט
לאַנג, קוקנדיק אויף מיר, ווי אויף אַ הונט, און פּלוצלינג שטויסט
ער מיך אָפּ אין אַ זייט מיט זיין הילצערנער האַנט און גייט
אַוועק צו דער שכנישער קראָם, און דער געזעלן רייבט זיינע
גרויסע אויערן און בורטשעט בייז:

— אַרויסגעלאָזן, סוחר דו...

אין שכנס קראָם היזשעט אַ ווייכע, זיסע שטים, עס פליסט
אַ פאַרשיכורנדיקע רעדע:

— מיר, האַרציקער, האַנדלען נישט מיט פעלצלעך, נישט
מיט שטיוול, נאָר מיט געטלעכער ברכה, וואָס איז טייערער פאַר
גאָלד און זילבער און איז נישט אָפּצושאַצן...

— טיי—וול! — שעפּטשעט מיין געזעלן מיט קנאה און
התפעלות. — אָט דאָס הייסט פאַרבלענדן די אויגן. לערן זיך!
לערן זיך!

איך האָב זיך ערלעך געלערנט, — זיך אָנגענומען —
דאַרף מען אַלץ מאַכן גוט. נאָר איך האָב געהאַט ווייניק
הצלחה אי אין אַריינציען קונים אי אין געשעפט גופא; — די
דאָזיקע אָנגעברוגזטע פויערים, קאַרגע אויף אַ וואָרט, די אַלטע
פויערטעס, וואָס זעען אויס ווי שטשורעס, שטענדיק עפּעס אי-
בערגעשראָקענע, נכנעדיקע, האָבן ביי מיר געוועקט רחמנות צו

זיך, ס׳האָט זיך געוואָלט אויסזאָגן שטילערהייט דעם קונה דעם אמתן פּרייז פון דער איקאָנע, נישט איבערבעטן קיין איבעריקן גילדן. זיי אַלע האָבן מיר אויסגעזעען אָרעם, הונגעריק, און ס׳איז עפּעס געווען מאָדנע צוצוקוקן, ווי די דאָזיקע מענטשן צאָלן אָפּ די דריי מיט אַ האַלב רובל פאַר אַ תהלים — אַ בוך, וואָס זיי פלעגן קויפן עפּטער, ווי אַנדערע.

זיי פלעגן מיך פאַרחידושן מיט זייער קענטעניש פון בי־כער און מיט זייער מבינות אין דער מאָלערײַ פון די הייליקע בילדער, און איינמאָל האָט מיר אַ גרייז־גרויער אַלטיטשקער, וועלכן כ׳האָב אַרײַנגעשלעפּט אין קראָם, גוטמוטיק געזאָגט:

— ס׳איז נישט אמת, קליינער, אַז אייער ווערקשטאַט איז פון די בעסטע אין רוסלאַנד, דער בעסטער איז ראָגאָזשינס אין מאָסקווע!

אַ פאַרשעמטער האָב איך זיך אָפּגערוקט, און ער איז שטיל אַוועק ווייטער, נישט אַרײַנגייענדיק אויך אין דער שכנישער קראָם.

— ביסט אַרײַנגעפאַלן? — האָט בייסיק געפרעגט דער געזעלן.

— איר האָט מיר נישט געזאָגט וועגן ראָגאָזשינס ווערק־שטאַט...

ער האָט זיך אָנגעהויבן זידלען.

— שלעפּן זיך אַרום אַזוינע קנורן און וויסן אַלץ, טיי־וואָלים, אַלץ פאַרשטייען זיי, די אַלטע הינט...

אַ שיינינקער, אַ זאַטער און אַ צופרידענער מיט זיך, האָט ער נישט געקאָנט ליידן די פּויערים און אין אַ פרייער מינוט פלעגט ער זיך קלאָגן פאַר מיר:

— איך — אַ קלוגער, האָב ליב ריינקייט, פיינע פּערפומען — ווײַרויך, אָדעקאָלאָן, און דאָך מוז איך, ביי אַלע מיינע מעלות, זיך דרייען אין דראַנג פאַרן פאַרשטונקענעם פּויער, צוליב דער באַלעבאָסטעס אַ צענערל ריוח! איז מיר דאָס גוט? וואָס איז אַזוינס דער פּויער? אַ שמוציקע פעל, אַ לויז, און פונדעסטוועגן...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן מיט פאַרדרוס.

מיר זענען די פויערים זייער געפעלן געווען, אין יעדערן פון זיי האָט זיך געפילט עפּעס געהיימעס, ווי אין יאַקאָוון.

אָט קריכט אַריין אין קראָם עפּעס אַ שווערע פיגור, אָנגעטון אין אַ יאַק איבערן קורצן פּעלצל, נעמט אַרונטער זיין פּעלצן היטל, צלמט זיך איבער מיט צוויי פינגער, קוקנדיק בשעת מעשה צום ווינקל, ווו עס ברענט דער נר תמיד, אָפּהיטנדיק זיך נישט צו באַרירן מיט די אויגן די נאָך נישט געהייליקטע בילדער, דערנאָך טאַפּט ער שטומערהייט מיט אַ בליק אַרום זיך און זאָגט:

— גיב נאָר אַהער אַ תהילים מיט פירושים!

ער פאַרקאַטשעט די אַרבל און לייענט אַ צייט דאָס פּאָדערבלאַט, שאָקלענדיק מיט די ערדיקע, ביז בלוט צעשפּאָלטענע ליפּן.

— נישטאָ קיין עלטערער תהלים?

— די אַלטע תהלימס קאָסטן טויזנטער רובל, ווי איר ווייסט.

— מיר ווייסן.

ער נעצט איין דעם פינגער און קערט איבער דאָס בלאַט, — אויפן אָרט, וואָס ער רירט אָן, בלייבט אַ טונקעלער אָפּדרוק פון פינגער. דער געזעלן וואַרפט פון הינטן אַ בייזן קוק אויפן קונה און זאָגט:

— די הייליקע שריפטן זענען אַלע פון איין עלטער, גאָט האָט זיינע ווערטער נישט געביטן...

— מיר ווייסן, מיר האָבן געהערט! גאָט האָט נישט געביטן, אָבער ניקאָן האָט געביטן.

און צומאַכנדיק דאָס בוך, גייט דער קונה שווייגנדיק אַוועק.

אָפטמאָל פלעגן די דאָזיקע וואַלד-מענטשן זיך שפּאַרן מיט דעם געזעלן, און מיר איז געווען קלאָר, אַז זיי קענען די הייליקע שריפט בעסער פאַר אים.

— קויטיקע געצנדינער — האָט געבורטשעט דער פּריקאַזטשיק.

כ'האָב אויך געזען, אַז כאָטש אַ נײַ בוך איז דעם פּויער ביִשט צום האַרצן, קוקט ער דערויף מיט אַכטונג, רירט עס אָן פּאַרזיכטיק, ווי דאָס בוך וואָלט געקאָנט אַרויספליען פון זײַן האַנט, ווי אַ פויגל. דאָס איז געווען זייער אָנגענעם צו זען, וואָרום אויך פאַר מיר איז אַ בוך — אַ וווּנדער; אין אים איז באַהאַלטן דעם שרײַבערס נשמה; אַז איך עפן דאָס בוך, באַ־פרײַ איך די נשמה, און זי רעדט מיט מיר סודותדיק.

גאַנץ אָפט האָבן די זקנים און זקנות געבראַכט צום פאַר־קויפן אַלט־געדרוקטע ביכער פון פאַר ניקאָנס צײַטן אָדער קאָ־פּיעס פון אַזעלכע ביכער, זייער שיין געמאַכט דורך איינזאַמע, אַלט גלויביקע באַוווינערינס פון אירגיז און קערזשענעץ; קאָ־פּיעס פון קלויסטער־סדורים פון דימיטרי ראָסטאָווסקיס נוסח; איקאָנעס פון פּאַרצײַטיקער מאָלערײַ, עמאַלירטע שיידלעך פאַר הייליקע בילדער, גוס־אַרבעט פון מעבר לים, זילבערנע קריג־לעך, וואָס די מאָסקווער פירשטן פלעגן שענקען זייערע שענ־קערס; דאָס אַלץ פלעגט פאָרגעלייגט ווערן געהיימניספול, אַרומ־קוקנדיק זיך, פון אונטער דער פאָלע.

אי מײַן געזעלן, אי מײַן שכן פלעגן שאַרף אָפּהיטן אַזעל־כע פאַרקויפער, באַמיענדיק אַרויסצוכאַפּן זיי איינער בײַם צווייטן; זיי פלעגן קויפן די אַנטיקן פאַר רובלס און צענדליקער רובלס און פלעגן עס פאַרקויפן אויף די ירידן צו די רײַכע אַלטגלוי־ביקע פאַר הונדערטער רובלס.

דער געזעלן פלעגט מיך לערנען:

— קוק מיט צען אויגן אויף די דאָזיקע וואַלד־שדים און מכשפות. זיי ברענגען גליק מיט זיך.

ווען עס קומט אַזאַ פאַרקויפער, דאַן שיקט מיך דער גע־זעלן נאָך פּיאָטר־וואַסיליעוויטשן, דעם מבין אויף אַלטע גע־דרוקטע ביכער, איקאָנעס און אַלערליי אַלטע אַנטיק־זאַכן.

דאָס איז געווען אַ הויכער זקן מיט אַ לאַנגער באָרד, ווי בײַ וואַסילי דעם גליקזעליקן, מיט אַן אָנגענעם פּנים און קלוגע אויגן. פון איין פוס איז בײַ אים געווען אָפּגעהאַקט דער פוס־טריט, ער איז געגאַנגען הינקענדיק, מיט אַ לאַנגן שטעקן

אין האַנט, ווינטער און זומער אין אַ לייַלטן דינעם אויבעררעק, וואָס האָט אויסגעזען ווי דער מאַנטל פון אַ גלח, אין אַ סאַמעטן אויסטערליש היטל, ענלעך צו אַ פאַן. געווען איז ער אַ מונטערער, אַ גלייכער, נאָר אַרייַנקומענדיק אין קראָם, פלעגט ער אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ, אָנבויגן דעם רוקן, פלעגט זיפצן שטיל, אָפט צלמען זיך מיט צוויי פינגער, און די גאַנצע צייט כסדר געמורמלט תפילות און געזאָגט תהלים. דאָס דאָזיקע יראת שמים און די גרייזע שוואַכקייט האָבן ביים פאַרקויפער תיכף אַרויסגערופן צוטרוי צו דעם אַנטיקן־קענער.

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס ביי אייך? — פלעגט דער אַלטער אַ פרעג טון.

— אָט אַן איקאָנע, האָט מען געבראַכט צו פאַרקויפן, ער זאָגט—זי איז אַ סטראָגאַנאָווער.

— וואָס?

— אַ סטראָגאַנאָווער

— אַהאַ... כ'הער שלעכט, גאָט האָט מיר פאַרשטאָפּט מייַנע אויערן, כ'זאָל נישט הערן דאָס פּאַסקודנע ניקאָניאַנער גערייד...

ער נעמט אַראָפּ דעם הוט און האַלט די איקאָנע האָריזאָנטאַל, קוקט לענג־אויס אויף דער מאָלעריי, פון דער זייט, גלייך, קוקט אויפן לייסטל פון ברעט, זשמורענדיק די אויגן און בורטשעט:

— די כופרים, די ניקאָניאַנער, באַמערקנדיק אונזער ליבע צו פאַרצייטיקער פּראַכט, האָבן מיט דער הילף פון נישט גוטע זיך אויסגעלערנט אַלערליי פאַלשקייטן — און היינט מאַכן זיי אפילו נאָך די הייליקע בילדער, איז מאַכן זיי קונציק נאָך! פון אויסן זעט טאַקע אויס דאָס בילד, פונקט ווי אַ סטראָגאַנאָווער, אוסטיוזשער מאָלעריי אָדער גאָר — סוזדאַלער, אָבער ווי מ'קוקט גוט נאָר אַריין אין תוך — דורך און דורך פאַלש!

און ווען ער זאָגט „פאַלש”, באַטייט עס, אַז די איקאָנע איז אַ זעלטענער אַנטיק. דורך אָפּגעמאַכטע סימנים גיט ער דעם צו פאַרשטיין, וויפל מ'קאָן געבן פאַר דער איקאָנע, פאַרן בוך;

כ׳ווייס, אַז די ווערטער „צער און טרויער״ באַדייטן — צען רובל „דער טיגער-ניקאָן״ — פינף און צוואָנציק. איך שעם מיך צוצוקוקן, ווי מען נאַרט אָפּ דעם פאַרקויפער, נאָר דאָס פלינקע שפיל פון דעם קענער פאַרכאַפּט מיך.

— די ניקאָניאַנער, די שוואַרצע קינדער פון ניקאָן-טיגער קאָנען מיט דער הילף פון טייוול אַלץ מאַכן — אָט, דאַכט זיך, דער לעווקאס (מאָלער-קיט) איז אויך דער ריכטיקער, די באַקליידונג ביז צו דער צורה איז אויך פון איין האַנט געמאָלט— אָבער די צורה אַליין, זע נאָר — שוין גאָר נישט דאָס, אָ גאַנץ אַנדער מאָלעריי! די אַלטע מייסטערס, ווי סימאָן אושאַקאָוו — הגם ער איז געווען אַ כופר — האָט אַליין דאָס גאַנצע בילד געמאָלט, אי די באַקליידונג, אי די צורה, אַליין געהובלעוועט, אַליין מיט לעווקאס דעם גרונט געמאַכט, און אין היינטיקע צייטן קאָנען דאָס די גאָט-פאַרשטויסענע מענטשלעך נישט. אַמאָל איז די מאָלעריי פון איקאָנעס געווען אַ הייליקע אַרבעט, אָבער היינט — נישט מער ווי אַ מאָלעכץ אַזאַ, אַזוי איז דאָס, שמירער!

ענדלעך לייגט ער פּאָרזיכטיק אַוועק די איקאָנע אויפן פּולט און, אָנטוענדיק דאָס היטל, זאָגט ער:

— אַ זינד.

דאָס באַטייט — קויף

אַ צעגאַנגענער אין דעם ים זיסע ריידעלעך, איבערראַשט פון דעם אַלטנס מבינות, פרעגט ער דעם פאַרקויפער מיט אַכטונג:

— נו, וואָס איז, חשובער, מיט דער איקאָנע?

— די איקאָנע — איז ניקאָניאַנער אַרבעט.

— דאָס קאָן נישט זיין! צו איר האָבן תפלה געטון די זיידעס און עלטער זיידעס...

— ניקאָן האָט געלעבט נאָך פאַר דיין עלטער זיידן.

דער אַלטער טראָגט צו די איקאָנע צום פאַרקויפערס פּנים און רעדט אין אים שטרענג איין:

— נו, זאָג, אָט דאָס איז אַ איקאָנע? קוק נאָר אָן, ווי

פרייליך זי זעט אויס? דאָס — איז אַ געמעל, אַ בלינד מאָלעכץ, אַ ניקאָניאַנער שפּילכל — אין דער דאָזיקער זאַך פעלט די נשמה! קאָן איך דיר זאָגן אַ ליגן? איך בין אַן אַלטער מאַן, וואָס ליידט פאַרן אמת, איך שטיי שוין מיט איין פוס אויף יענער וועלט, פאַלש זאָגן — לוינט זיך שוין מיר נישט!

ער גייט אַרויס פון קראָם אויף דער טעראַסע קוים אַ לעבעדיקער פון שוואַכקייט און אַ באַליידיקטער פון דעם אומצוטרוי צו זיין אָפּשאַצונג. דער געזעלן באַצאָלט פאַר דער איקאָנע עטלעכע רובל, און דער פאַרקויפער פאַרנייגט זיך טיף פאַר פיאָטר וואַסיליעוויטשן און גייט אַוועק; מיך שיקט מען אַרויס אין טראַקטיר נאָך הייס וואַסער אויף טיי; ווען איך קער זיך אום צוריק, געפין איך דעם אַנטיקקענער אַ מונטערן, אַ פרייליכן; ער באַקוקט מיט ליבע די קניה און לערנט דעם געזעלן:

— זע; אַן ערנסטע איז זי — די איקאָנע, פיין געמאָלט, מיט יראת שמים, נישטאָ קיין מענטשלעכעס אין איר...

— און וועמענס מאָלעריי איז דאָס? — פרעגט דער געזעלן, אונטערטאַנצנדיק פון שמחה.

— דאָס איז פאַר דיר צו פרי צו וויסן.

— און וויפל וועלן געבן מבינים?

— דאָס ווייס איך נישט. גיב, כ׳וועל איינעם באַווייזן.

— אָך, פיאָטר וואַסילאיטש..

— און אויב איך וועל פאַרקויפן — קריגסטו אַ האַלבע מאה, וואָס מער — איז מיינס!

— אָך...

— און דו קרעכץ אָקאָרשט נישט.

זיי טרינקען טיי, דינגען זיך אָן בושה, קוקן איינער אויפן צווייטן מיט שולערשע אויגן. ס׳איז קלאָר: דער געזעלן איז אינגאַנצן ביים אַלטן אין די הענט; און ווי נאָר דער אַלטער וועט אַוועקגיין, וועט ער מיר זאָגן:

— זע נאָר, פלוידער נישט אויס פאַר דער באַלעבאָסטע וועגן דער קניה!

נאָכדעם ווי עס קומט צו אַן אָפּמאַך וועגן דעם פאַרקויף פון דער איקאנע, פרעגט דער גנזעלן:

— נו, וואָס הערט זיך, פּיאָטער וואַסיליטש, עפּעס נייעס אין שטאָט?

דער אַלטער צענעמט מיט זיין געלער האַנט די באָרד, אָפּזיפצנדיק דערביי די פעטע ליפּן, און הויבט אָן דערציילן וועגן לעבן פון די רייכע סוחרים: וועגן גליקלעכע מסחרים, הוליאַנקעס, חלאת'ן, חתונות, וועגן פאַרראַט פון מענער און פרויען. ער באַקט זיי, די פעטע מעשיות זיינע, שנעל און פלינק, ווי אַ קעכין אַ בריה לאַטקעס, און באַגיסט זיי מיט אַ קוויטשיקן געלעכטער. דאָס רונד פנימל פון גנזעלן ווערט ברוינלעך פון קנאה און אַנטציקונג, זיינע אויגן זענען טרוימעריש פאַרצויגן מיט אַ רויכל, אָפּזיפצנדיק רעדט ער אַרויס

— מענטשן וויסן פון אַ לעבן! נאָר איך, אָט...

— יעדער האָט זיך זיין מזל, — זאָגט דער אַנטיקן-קענער מיט אַ באַסל — פאַר איינעם שמידן די מלאכים דעם מזל מיט זילבערנע העמערלעך, און פאַרן צווייטן — דער טייוול מיט דער טעמפּער זייט פון אַ האַק...

אָט דער פעסטער אָדערדיקער זקן ווייסט אַלץ — דאָס גאַנצע לעבן פון שטאָט, אַלע סודות פון די סוחרים, באַאַמטן, גלחים און באַלעבאַטים. ער איז שאַרף-אויגיק, ווי אַ רויב-פויגל, פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַ געמיש פון וואָלף און פוקס, תמיד ווילט זיך מיר אים דערצאָרענען, נאָר ער קוקט אויף מיר פונווייטנס, ווי דורך אַ נעפּל. מיר דאַכט זיך, אַז ער איז אַרומגערינגלט מיט אַן אָפּגרונטיקער פוסטקייט, קום דערנענטערסטו זיך צו אים — פאַלסטו אַהין אַריין. און איך פיל, ווי צווישן אים און דעם הייצער שומאָוון איז דאָ עטוואָס עפּעס אַ קרובה-שאַפט.

כאָטש דער גנזעלן באַגייסטערט זיך פאַר זיין שכל אין די אויגן און אונטער די אויגן, פונדעסטוועגן טרעפן זיך אַזעלכע מינוטן, ווען אים ווילט זיך אויך, פונקט ווי מיר, אַריינברענגען דעם אַלטן אין כעס און באַליידיקן אים.

— דו ביסט אָבער אַ רעכטער שולער. — זאָגט ער אומ־דערוואַרט און קוקט דעם אַלטן מיט עזות אין פּנים אַריין.

שמייכלענדיק פּויל רופט זיך דער אַלטער אָפּ:

— נאָר גאָט אַליין איז אָן שקר, אָבער מיר — לעבן צווישן נאַראָנים; אַז מ'זאָל אַ נאַר נישט אָנטערכען — איז וואָס פאַרא נוץ האָט מען פון אים?

דער געזעלן קאָכט זיך:

— נישט אַלע פּויערים — זענען דאָך נאַראָנים, די סוחרים שטאַמען דאָך אויך פון די פּויערים!

— מיר שמועסן נישט וועגן סוחרים. נאַראָנים לעבן נישט ווי שווינדלער. אַ נאַר — איז היילִיק, זיין מאַרך שלאָפט...

דער אַלטער רעדט אַלץ פּוילער, און דאָס רעגט אַזוי אויף. עס קומט מיר פאָר, ווי ער שטייט אויף אַ באַרג, און אַרום איר איז אַן אָפּגרונט. דערצערענען אים קאָן מען נישט, ער לאָזט צו זיך נישט צו קיין כּעס אָדער ער קאָן אים טיף באַהאַלטן.

נאָר אָפט טרעפט, אַז ער הויבט אַליין אָן מיט מיר צו טשעפּען — גייט צו האַרט צו מיר און דערלאַנגט אַ פרעג, שמייכלענדיק אין באָרד:

— ווי רופסטו אָן דעם פראַנצויזישן מחבר — פּאָנאָס*)

מיך רעגט מוראדיק אויף די מיאוסע טבע פון צעדרייען נעמען, נאָר איך האַלט זיך איין ביז אַ צייט און ענטפער:

— פּאָנסאָן — דע—טעראַל.

— ווו פאַרלירט ער?**)

— מאַכט זיך נישט נאַריש. איר זענט נישט קיין קליי־נינקער.

— ריכטיק, נישט קיין קליינינקער. וואָס לייענסטו?

— עפּרעם סירינס ביכער.

*) אַ וואָרט־שפּיל: פּאָנאָס — שלשול.

**) אַ וואָרט־שפּיל: טעראַל — טיעריאַיעט — פאַרלירט.

— און ווער שרייבט בעסער: דיינע בירגערלעכע, אָדער דער?

איך שווייג.

— וועגן וואָס שרייבן מייסטנס די בירגערלעכע? — שטייט ער צו.

— וועגן אַלץ, וואָס עס פּאַסירט אין לעבן.

— דאָס הייסט אַלזאָ, וועגן הינט, פערד — זיי פּאָרען זיך דאָס.

דער געזעלן קייכט פון געלעכטער, און איך ווער אויפגעקאָכט. מיר איז זייער שווער און אומאָנגענעם, נאָר, אַז איך פּרוביר אַוועקגיין, האַלט מיך דער געזעלן אָפּ:

— וווהין?

און דער אַלטער מאַטערט מיך:

— נו, למדן, טרעף מיר אַזאַ רעטעניש: עס שטייען פאַר דיר טויזנט נאַקעטע מענטשן, פינפהונדערט ווייבער, פינפהונדערט מאַנסבילן, און צווישן זיי אדם און חוה, — ווי וועסטו דערקענען אדמען און חוהן?

לאַנג פרעגט ער מיך אויס און, צום סוף, רופט ער אויס מיט נצחון:

— נאַרעלע, זיי זענען דאָך נישט געבוירן געוואָרן, מען האָט דאָך זיי באַשאַפן, האָבן זיי, הייסט עס, קיין נאָפּלען נישט!

דער אַלטער קען אַ מאַסע אַזעלכע „רעטענישן", ער קאָן פאַרמאַטערן אַ מענטשן מיט זיי.

די ערשטע צייט ביי די דעזשורן אין קראָם האָב איך דעם געזעלן דערציילט דעם אינהאַלט פון עטלעכע דורכגעלייענטע ביכער, און איצט האָב איך זיך פאַרשאַפט דורך דעם בלויז פאַרדרוס: דער געזעלן פלעגט זיי פאַלש איבערדערציילן פּיאַטער וואַסילעוויטשן, פלעגט פאַרדרייען מיט אַ כּיוון און שמוציק צעקאַליעטשען. דער אַלטער פלעגט אים מיט אַלערליי אומפאַרשעמטע שאלות קונציק העלפן דערביי; זייערע גליטשיקע

צינגער פלעגן פאַרוואַרפן מיט מיאוסע ווערטער די נעמען פון יעווגעני גראַנדע, לידמולען, היינריך דעם IV.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי טוען דאָס נישט פון שלעכטסקייט, נאָר פון לאַנגווייליקייט, מיר איז אָבער דערפון נישט לייכטער געווען. זיי האָבן אָנגעמאַכט אַ בלאָטע אַרום און האָבן זיך געריעט אין איר, כרוקנדיק, ווי חזירים פון הנאה צו פאַרשמוצן און פאַרחזירן דאָס שיינע — אַזוינס, וואָס איז פאַר זיי געווען פרעמד, אומפאַרשטענדלעך און לעכערלעך.

דער גאַנצער „גאָסטיני דוואָר", זיין גאַנצע באַפעלקערונג, די סוחרים און די געזעלנס, האָבן געלעבט עפּעס אַן אויסטער-ליש לעבן, פאַרטרייבנדיק די צייט אין נאַרישע קינדערשע, נאָר תּמיד בייזע, קאַטאָוועסן. פרעגט, למשל, אַ פרעמדער פויער, ווי מ׳קומט ערגעץ־ווו דורך אַ נעענטערן וועג, ווייזט מען אים שטענדיק גראָד אָן אַן אַנדער ריכטונג — דאָס איז ביי אַלעמען געוואָרן אַזאַ רגילות, פון וועלכער די ליגנער האָבן שוין אפילו קיין הנאה אויך נישט געהאַט. אָדער מ׳כאַפּט אַ פּאָר מייז, מ׳בינדט זיי צו איינע צו דער אַנדערער פאַר די עקן און מען לאָזט זיי לויפן, אָנקוקנדיק, ווי זיי רייסן זיך אין אַלע זייטן, בייסן איינע די אַנדערע און אָפטמאָל באַגיסט מען אַ מויז מיט נאַפט און מען פאַרברענט זי. מ׳בינדט צו אַן איי-זערנעם עמער אַ הונט צום עק. דער הונט טראָגט זיך אַוועק ערגעץ־ווּהין אין ווילדן שרעק מיט אַ קוויטשעריי און טראַס-קעריי, און די מענטשן קוקן און לאַכן אויפן קול.

אַ סך אַזעלכע פאַרוויילונגען האָבן זיי געהאַט, ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע מענטשן — דערהויפּט די דאָרפישע — זענען באַשאַפן אויסשליסלעך, כדי צו זיין אַ שפּילכל פאַר דעם „גאָס-טיני דוואָר". אין דער באַציונג צו מענטשן האָט זיך געפילט אַ שטענדיקער פאַרלאַנג אָפּצוחוזקן פון אים, מאַכן ווי טון אים, מאַכן אים נישט גוט. און עס איז מיר געווען אַ חידוש, פאַרוואָס אין אַלע ביכער, וועלכע איך האָב דורכגעלייענט, ווערט פאַרשוויגן וועגן דער דאָזיקער אָנגעשטרענגטער מענטש-לעכער תשוקה צו מאַכן חוזק איינער פון צווייטן.

איינע פון דעם מין קאַטאָוועסן האָט מיך באַזונדערס באַליידיקט און אָפּגעשטויסן.

אונטן, אונטער אונזער קראָם, ביי אַ סוחר, וואָס האַנדלט מיט וואָל און מיט וואָליקעס, איז געווען אַ געזעלן, וואָס איז געווען אַ זולל וסובא אויף חידושים. זיין באַלעבאָס האָט זיך באַרימט מיט דער דאָזיקער פעיקייט פון זיין אַרבעטער, ווי איינער, וואָס באַרימט זיך מיט דער בייזקייט פון זיין הונט אָדער מיטן כּוח פון זיין פערד.

אָפט פלעגט ער אַרויסרופן זיינע שכנים, די קרעמער, אויף אַ געוועט:

— ווער וועט זיך אין צען רובל, אַז מישקע וועט אין משך פון צוויי שעה אויפפרעסן צען פונט חזיר!

נאָר אַלע האָבן געוווסט, אַז מישקע איז פעיק דערצו און האָבן געזאָגט:

— וועטן וועלן מיר זיך נישט וועטן, אָבער חזיר קאָן מען קויפן, זאָל ער פרעסן, וועלן מיר דעמאָלט זען.

— אָבער נאָר ווייך פלייש, אָןביינער!

מען ווערטלט זיך דורך אַ ביסל רויק, און דאָ קריכט אַרויס פון טונקעלן שפּייכלער אַ דאַרער בחור, אָן אַ באָרד, מיט אויסגעשטאַרטשעטע באַקן־ביינער אין אַ לאַנגן דראַפּעגעם מאַנטל, אונטערגעגאַרטלט מיט אַ רויטן גורט, איינגאַנצן איינגעטונקט אין פאַסמעס וואָל. אַראָפּנעמענדיק מיט דרך ארץ דאָס היטל פון זיין קליינעם קאָפּ, קוקט ער שווייגנדיק מיט אַ טריבן בליק פון זיינע טיף איינגעגראָבענע אויגן אין רונדן פּנים פון זיין באַלעבאָס, וואָס איז אָנגעגאָסן מיט בלוט און באַוואַקסן מיט געדיכטע, האַרטע האָר.

— באַרטאַן, אַ זייטל חזיר וועסטו פרעסן?

— אין וויפיל צייט? — פרעגט מישקע געשעפטלעך און מיט אַ דין קול.

— אין צוויי שעה.

— שווערלעך.

— וואָס איז אַזוי שווערלעך?

— זאָל מען שטעלן אַ פּאָר פּלעשלעך ביר!

— אַרבעט! — זאָגט דערבאַלעבאָס און נעמט זיך אי־בער. — מיינט, חלילה, נישט, אַז ער איז אויפן ניכטערן האַרצן, ניין, אינדערפרי האָט ער שוין אַריינגעריבן אַ פּאָר פונט בול־קע, און צוועלף אַ זייגער געגעסן מיטאָג, ווי עס באַדאַרף צו זיין...

מען ברענגט דאָס חזיר־פליש, עס קלויבט זיך צונויף דער עולם צושויער, אַלץ מגושמדיקע סוחרים, פעטע איינגעקר־טעטע אין שווערע פעלצן, ענלעכע אויף שווערע געוויכטן, מענטשן מיט גרויסע בייכער, אויגן זענען ביי אַלעמען קליינינ־קע, פאַרשוואָלן פון פעטקייט און פאַרצויגן מיט אַ שלעפעריק רויכל פון מוראדיקער לאַנגווייליקייט.

אין אַן ענג רעדל, די הענט פאַררוקט אין די אַרבל, רינגלען זיי אַרום דעם אכלן, וואָס איז באַוואָפנט מיט אַ מע־סער און מיט אַ רייפטל קאָרן־ברויט; ער צלמט זיך מיושבדיק, זעצט זיך אויף אַ פּאַק וואָל, לייגט אַוועק דאָס זייטל חזיר נעבן זיך אויף אַ קאַסטן און מעסט עס אָפּ מיט פוסטע אויגן.

אָפּשניידנדיק אַ דינעם פענעץ ברויט און אַ גראָב שטיק פליש, לייגט עס דער עסער אַקוראַט צוזאַמען, און טראָגט צו מיט ביידע הענט צום מויל, די ליפּן זיינע ציטערן, ער לעקט זיי אָפּ מיט אַ לאַנגער, הינטישער צונג, ס׳קוקן אַרויס קליינע, שאַרפע ציין, — מיט אַ הינטישער תנועה בויגט ער צו די מאָרדע צום פליש.

— אָנגעהויבן!

— קוק אויפן זייגער.

אַלעמענס בליקן זענען ערנסט געווענדט צום פּנים פון עסער, אויף זיין אונטערשטער יאַסלע, אויף די רונדע גילן אונטער די אויערן, זיי קוקן, ווי גלייכמעסיק די שפּיציקע מאָרדע הויבט זיך און לאָזט זיך אַראָפּ, טיילן זיך שלעפעריק מיט זייערע געדאַנקען.

— נישקשהדיק רייבט דער בער!

— און דו האָסט געזען ווי אַ בער עסט?

— איך לעב דען אין וואַלד? דאָס רעדט זיך אַזוי — פרעסט, ווי אַ בער.

— מ׳זאָגט, ווי אַ חזיר..

— אַ חזיר עסט קיין חזיר נישט...

מען לאַכט אָן חשק, און איינער אַ קענער בעסערט אויס תיכף:

— אַ חזיר פרעסט אַלץ — אַי זיינע חזירימלעך אי זיין אייגענע שוועסטער.

דעם עסערס פנים ווערט ביסלעכווייז ברוין, די אויערן ווערן בלוי, די איינגעפאַלענע אויגן קריכן אַרויס פון די ביי־ניערדיקע לעכער, ער אָטעמט שווער, אָבער זיין מאָרדע באַ־וועגט זיך אַלץ אַזוי גלייכמעסיק.

— מיט כוח, מיכיילאָ, שוין צייט! — מונטערט מען אים אויף. ער מעסט אומרויק אָפּ מיט די אויגן די רעשטלעך פלייש, טרינקט ביר און שטאַמקעט ווייטער. דער עולם ווערט לעבע־דיקער, קוקנדיק אַלץ עפּטער אויפן זייגער, וואָס מישקינס באַ־לעבאָס האַלט אין די הענט. זיי וואָרענען איינער דאָם צווייטן:

— ער זאָל נישט רוקן דעם זייגער — נעמט ביי אים צו!

— אויף מישקען גיט אַכטונג, ער זאָל נישט אַראָפּלאָזן קיין שטיקלעך אין די אַרבל.

— ער וועט נישט אויפפרעסן צו דער צייט!

— וועט זיך אין אַ פינף און צוואַנציקער! מישקע, פאַרפיר נאָר נישט!

דער עולם רייצט אויף דעם באַלעבאָס, נאָר קיינער גייט נישט אין געוועט.

און מישקע קייט און קייט, זיין פנים איז ענלעך גע־וואָרן צו אַ שטיק חזיר, די שפּיציקע, כראָמסקע נאָז פייפט טרויעריק. ס׳איז אַ שרעק אויף אים אַ קוק צו טון, מיר דאַכט זיך, אַז ער וועט באַלד אָנהויבן וויינען, שרייען:

— האָט רחמנות...

אָדער — ער וועט זיך אָנהויבן ווערגן מיטן פלייש אין האַלז, וועט אַ פאַל טון מיטן קאָפּ צו די פיס פון די

צושויער און אַוועקשטאַרבן.

ענדלעך, האָט ער אַלץ אויפגעגעסן, אַרויסגעגלאָצט אַ פּאָר שכּורע אויגן און געכראָפּעט שווער

— גיט אַ טרונק טון...

און דער באַלעבאָס זייגער בורטשעט, קוקט צו אויפן זייגער:

— היינט פּאַרשפּעטיקט, דער מנוול אויף פיר מינוט... דער עולם רייצט זיך מיט אים.

— אַ שאָד, וואָס מיר האָבן זיך נישט געוועט מיט דיר. דו וואָלסט פאַרשפּילט!

— און פונדעסטוועגן איז דאָס אַ חיה אַ בחורעץ!

— נו. יאָ, פּאַסט זיך פאַר אַ צירק.

— אָט וואָס פאַר אַ פּאַרזעעניש גאָט קאָן דאָס מאַכן דעם מענטשן, האַ?

— גייען מיר, אפשר, גאָר טיי טרינקען, וואָס?

און מ׳שווימט אַוועק, ווי די בערלינקעס, אין שענק אַריין.

כ׳וויל פאַרשטיין, וואָס האָט דאָ צוזאַמענגעקליבן אָט די שווערע, טשוהונענע מענטשן אַרום דעם אומגליקלעכן בחור, און מיט וואָס זיין קרענקלעכע פּרעסריי ווילט זיי?

טונקל און אומעטיק איז אין דער שמאָלער גאַלעריע, וואָס איז פול אָנגעפּאַקט מיט וואָל, פעלכלעך, פּענקע, שטריק, מיט וואָליקעס און רימער־סחורה. פון טראָטואַר איז די גאַלעריע אָפּגעטיילט מיט אומגעלומפּערט־גראָבע קאָלאָנעס פון ציגל, צעפּרע־עסענע פון דער צייט, באַשפּריצטע מיט גאַסן־קויט. אַלע ציגל און די שפּאַלטן צווישן זיי זענען אין געדאַנק, געוויס, טויזנטער מאָל איבערגעציילט געוואָרן און זענען אויף שטענדיק פּאַרבליבן אין זכרון מיט דער שווערער נעץ פון זייערע מי־אוסע אוזאָרן. איבער דעם טראָטואַר גייען זיך געלאַסן יונגע פוסגייער, איבער דער גאַס ציען פּאַמעלעך די דראָזשקעס, שליטנס מיט סחורה, הינטער דער גאַס, צווישן אַ רויטן, ציגל־נעם קוואַדראַט פון צוויי גאָרנדיקע קראָמען — געפינט זיך אַ פּלאַץ, וואָס איז פּאַרלייגט מיט קאַסטנס שטרוי, מיט צעריסענעם

פּאַק־פּאַפּיר און איז באַדעקט מיט שמוציקן, צעטראָטענעם שניי.

אָט דאָס אַלץ, אינאיינעם מיט די מענטשן און פערד, נישט קוקנדיק אויף דער באַוועגונג, זעט אויס ווי אומבאַוועגלעך, דרייס זיך פויל אויף איין אָרט, ווי צוגעשמידט צו אים מיט אומבאַמערקטע קייטן. פּלוצלינג דערפילסטו, אַז דאָס דאָזיקע לעבן איז כּמעט אָן קלאַנג, ביז שטומקייט אָרעם אין קלאַנגען. עס סקריפּען די שליטנס, ס׳קלאַפּן די טירן פון די קראָמען, עס שרייען די הענדלער מיט פּיראָגעס, מיט סביטען (אַזאַ מין געטראַנק), אָבער די שטימען פון די מענטשן קלינגען נישט פריילעך, אָן חשק, זיי זענען איינטאָניק, מ׳ווערט שנעל צוגעוווינט צו זיי און מ׳הערט זיי אויף צו באַמערקן.

ווי צו אַ לוויה קלינגען די קלויסטער־גלאָקן, — דער דאָזיקער טרויעריקער קלאַנג בלייבט שטענדיק אין אויער. ס׳דאַכט זיך, ווי ער טראָגט זיך אומאויפהערלעך אין דער לופט, איבערן מאַרק, פון פרי ביז נאַכט לייגט ער זיך שיכט אויף שיכט אויף די געדאַנקען, געפילן, און בלייבט ווי אַ דריקנדיקער אָפּזאַץ פון קופּער איבער אַלע איינדרוקן.

אַ קאַלטער און נודנער אָוונט אָטעמט אַרויס פון אומעטום פון דער ערד, וואָס איז באַדעקט מיט שמוציקן שניי, פון די גרויע שניי־קופּעס אויף די דעכער, פון די פליישיקע ציגל פון די געביידעס; דער אומעט הויבט זיך אויף אין דער הויך אין אַ גרויען רויך פון די קוימענס און קריכט צום גרוילעכן, נידעריקן, פּוסטן הימל. אַ רויך פון אומעט לאָזן אַרויס פון זיך די פערד, די מענטשן אָטעמען מיט אומעט. ער האָט זיין אייגענעם גערוך—אַ שווערן, טעמפּן גערוך פון שווייס, פעטס, קאַנאָפּלע־בוימל, זויערטייג־פּיראָגעס און רויך; דער דאָזיקער ריח דריקט אויפן קאָפּ, ווי אַ וואַרעם ענג היטל, און אַריינקריכנדיק אין האַרצן, רופט ער אַרויס אַ מאָדנע פאַרשיכּורונג, אַ טונקעלן פאַרלאַנג צו פאַרמאַכן די אויגן, צעשרייען זיך פאַרצווייפלט, און ערגעץ ווו לויפן און, לויפנדיק אין אימפּעט, אַ זעץ טון זיך מיטן קאָפּ אָן אַ וואַנט.

איך קוק זיך צו צו די אָפּגעפרעסענע פּניםער פון די

סוחרים, שטייף אָנגעגאָסענע מיט געדיכט פעט בלוט, אָנגע-פרוירענע פון פראָסט און אומבאַוועגלעכע, ווי אין שלאָף. די מענטשן גענעצן אָפט, צעעפענענדיק די מיילער, ווי פיש, ארויס־געשליידערטע אויפן טרוקענעם זאמד.

ווינטער איז דער פדיון שוואַכער, און אין די אויגן פון די הענדלער איז נישטאָ יענער אָנגעשפיצטער, רויבערישער גלאַנץ, וואָס מאַכט זיי זומער אַביסל שענער און לעבעדיקער. די שווערע פעלצן וואָס מאַכן זיי שווער אין דער באַוועגונג, בויגן צו די מענטשן צו דער ערד; פויל רעדן די סוחרים, און בשעת זיי קומען אַריין אין כעס — קריגן זיי זיך; מיר קומט פאָר, אַז זיי טוען דאָס בכיוון, בלויז כדי צו ווייזן איי־נער דעם צווייטן — מיר לעבן.

פאַר מיר איז קלאָר, אַז די לאַנגווייליקייט דריקט זיי, דערשלאָגט זיי, און נאָר דער ערפאָלגלאָזער קאַמף קעגן איר אומגעהויערער קראַפט קאָן מיר דערקלערן די אכזריותדיקע, נאַרישע שפּילערייען פון די מענטשן.

צייטנווייז שמועס איך וועגן דעם מיט פּיאָטר וואַסילע־וויטשן. כאָטש ער באַציט זיך צו מיר מיט שפּאָט און חוזק, נאָר ס'געפעלט אים מיין תשוקה צו ביכער, און אָפטמאָל דער־לויבט ער זיך צו רעדן מיט מיר באַלערעוודיק, ערנסט.

— עס געפעלט מיר נישט, — זאָג איך — ווי ס'לעבן די סוחרים.

אָנדרייענדיק אויף זיין לאַנגן פינגער אַ פּאַסמע האָר פון באָרד, פרעגט ער:

—און פון וואַנען ווייסטו, ווי זיי לעבן? קומסטו אפשר צו זיי אָפט אַריין אין געסט? דאָ, בחור, איז אַ גאַס און אויף דער גאַס לעבן נישט די מענטשן, אויף דער גאַס האַנדלען זיי. אָדער — ער לויפט דורך גיך דורך איר און — איז ווידער אין דערהיים! אויף דער גאַס גייען אַרויס די מענטשן אָנגעטוענע, און אונטער די בגדים קאָן מען נישט וויסן, ווי זיי זענען באמת. אָפן לעבט דער מענטש ביי זיך אין דערהיים, צווישן זיינע פיר ווענט, און ווי ער לעבט דאָרט—איז דיר אומבאַקאַנט!

— אָבער די געדאַנקען זייערע זענען דאָך די אייגענע, צי דאָ, צי אין דערהיים?

— און ווער קאָן דאָס וויסן, וואָס פאַר אַ געדאַנקען דער שכן האָט? — זאָגט דער אַלטער, שטרענג פאַררונדענדיק די אויגן, מיט אַ וואָגיק באַסל. — געדאַנקען זענען, ווי לייז, נישט איבערצוציילן, — זאָגן די אַלטע לייט. אפשר, קומענדיק אַהיים, וועט דער מענטש אַ פאַל טון אויף די קני, וועט זיך פונאַנ־דערוויינען מיט תחנונים, בעטנדיק פאַר גאָט: זיי מיר מוחל, גאָט, כ'האָב געזינדיקט אין דיין הייליקן טאָג! אפשר איז די שטוב פאַר אים — אַ מאָנאַסטיר, און ער לעבט דאָרט נאָר אַליין מיט זיין גאָט? אַזוי איז דאָס! יעדעס שפינעלע דאַרף קענען זייןווינקעלע, שפין דיין שפינוועבס און לערן זיך קע־נען דיין אייגענע וואָג, כדי עס זאָל דיך קאָנען אויסהאַלטן...

ווען ער רעדט ערנסט, ווערט זיין שטים נאָך נידעריקער, באַסאָוועד, ווי ער וואָלט מגלה זיין ווילטיקע סודות.

— אָט דו חקרנסט זיך, און חקרענען איז פאַר דיר — נאָך צופרי, אין דיינע יאָרן לעבט מען נישט מיטן שכל, נאָר מיט די יאָרן! הייסט עס, קוק, געדענק, און שווייג. דער שכל — איז נויטיק צו מעשים, און פאַר דער נשמה — דאָס גלויבן! דאָס, וואָס דו לייענסט ביכער, איז גאַנץ גוט, נאָר אַלץ דאַרף זיין מיט אַ מאָס: אַנדערע פאַרפירט דאָס לייענען אין משוגעת אַריין, אָדער צו אפיקורסות...

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אומשטערבלעך, — ס'איז געווען שווער פאָרצושטעלן זיך, אַז ער קאָן עלטער ווערן, אַז ער קאָן זיך ענדערן. ער האָט הנאה געהאַט צו דער־ציילן געשיכטעס וועגן סוחרים, וועגן גזלנים, געלט־פעלשער, וואָס זענען געוואָרן באַרימטע מענטשן; כ'האָב שוין אַ סך אַזוי־נע געשיכטעס זיך אָנגעהערט פון זיידן, אָבער דער זיידע האָט דערציילט בעסער פאַר דעם אַנטיקן־קענער, נאָר דער זין פון די געשיכטעס איז געווען דער זעלביקער: צו רייכקייט דער־שלאָגט מען זיך דורך זינד קעגן גאָט און לייט. פיאָטר וואַ־סיליעוויטש האָט קיין רחמנות נישט געהאַט אויף מענטשן, אָבער

וועגן גאָט האָט ער גערעדט מיט אַ וואַרעם געפיל, זיפצנדיק און באַהאַלטנדיק די אויגן.

— אָט אַזוי נאַרט מען דאָ אָפּ גאָט, און ער, דער טאַטע יעזוס, זעט אַלץ און וויינט: מענטשן, מענטשן מיינע, אָרעמע מענטשן, דער גיהנום איז פאַר אייך צוגעגרייט!

איינמאָל האָב איך זיך דערוועגט אים צו דערמאָנען:

— איר נאַרט דאָך אויך אָפּ די פּויערים...

ער האָט זיך דערפון נישט באַליידיקט.

— אַ שפּאַס וואָס פאַר אַ געשעפטן איך מאַך! — האָט ער געזאָגט. — איך לעק אָפּ אַ דרייערל אָדער אַ פינפערל — אָט דאָס איז דער גאַנצער חטא.

אָנטרעפנדיק מיך ביים לייענען, פלעגט ער אַרויסנעמען דעם בוך פון מיינע הענט, נישט אָפּלאָזנדיק, פונאַנדערגעפרעגט, וועגן וואָס איך האָב געלייענט, און פלעגט אַ פאַרוווּנדערטער מיט אומצוטרוי זאָגן צום געזעלן:

— זע נאָר, — ער פאַרשטייט דאָך, דער שעלמע, אַ בוך!

און פלעגט שכלדיק, צום געדענקען, באַלערנען:

— הער זיך צו צו מיינע רייד, ס׳וועט דיר צונוץ קומען! קירילן זענען געווען צוויי: ביידע — יעפּיסקופּען; איינער — דער אַלעקסאַנדרינער, דער צווייטער — דער ירושלימער. דער ערשטער האָט געקעמפט קעגן דעם פאַרפלוכטן אפּיקורס נעסטאָרי, וואָס האָט מגושמדיק געלערנט, אַז די הייליקע מוטער — איז אַ בשר־ודם, און דעריבער — האָט זי נישט געקאָנט געבוירן אַ מענטשן מיטן נאָמען און מיט די מעשים פון יעזוסן — דעם גואל פון דער וועלט; בכן, דאַרף מען זי רופן נישט גאָטס מוטער, נאָר יעזוס מוטער — פאַרשטאַנען? אָט דאָס האָט געהייסן כפירה, דער ירושלימער קיריל האָט געקעמפט קעגן דעם כופר אַרי...

כ׳בין נתפעל געווען פון זיין בקיאות אין דער געשיכטע פון קלויסטער, און ער, גלעטנדיק די באָרד מיט זיין ווייכער, אויסגעאיידלטער, פּאַפּישער האַנט, האָט זיך גערימט:

— אויף דעם געביט בין איך אַן ערשטער בר־סמכא;

אויף פפינגסטן, בין איך געפאָרן אויף אַ וויכוח מיט די גיפּטי־קע למדנים, די ניקאַניאַנער, מיט גלחים און מיט וועלטלעכע; איך, ווי דו זעסט מיך, האָב געפירט וויכוחים אפילו מיט פּראָ־פעסאָרן, יאָ! איינעם, אַ גלח, האָב איך אַזוי ווייט דערנומען מיט מיין שאַרפער צונג, אַז בלוט האָט ביי אים אַ שפּאַר געטון פון נאָז — אָט ווי!

די באַקן האָבן זיך ביי אים פאַררויטלט און די אויגן צעבליט.

דעם בלוט־גוס פון נאָז ביי זיין קעגנער האָט ער, קענ־טיק, גערעכנט פאַר דעם העכסטן פונקט פון זיין נצחון, פאַר דעם שענסטן און טייערסטן שטיין אין דער גאָלדענער קרוין פון זיין רום און האָט דערציילט וועגן דעם מיט ליידנשאַפט:

— אַ פאַרשויך, אַ גלח, אַ געזונטער! ער שטייט פאַרן עמוד און פון דער נאָז קאַפּעט אַראָפּ, קאַפּ, קאַפּ! און באַ־מערקט נישט זיין חרפּה. גרויזאַם איז ער געווען, דער פּאָפּ, ווי אַ לייב פון מדבר, אַ שטים — אַ גלאָק! און איך מיט מיי־נע ווערטער, שטילינקערהייט, דערגיי איך אים די נשמה. דער־לאַנג אין די ריפּן... און ער — ממש ווי אין אַ גליענדיקן אויוון, ברענט אין אים דער צאָרן פון כפירה... עך, געווען אַמאָל עסקים!

נישט זעלטן זענען אַריינגעקומען נאָך אַנדערע קענער פון אַלטערטימלעכקייטן: פּאַלאָמי, אַ מענטש מיט א גרויסן בויך, און אַ פאַרשמאָלצענעם ראָק, מיט אַ קרום אויג, אַ צעיווירטער און אַ כרוקענדיקער; לוקיאַן, אַ קליינער אַלטיטשקער, אַ גלאַטער ווי אַ מויז, אַ פריינטלעכער און אַ לעבעדיקער, און מיט אים צוזאַמען איינער אַ גרויסער אַ מרה־שחורהדיקער, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ פורמאַן, אַ שוואַרץ־בערדיקער, מיט אַ טויט, אומאַנגענעם, נאָר שיין פּנים, מיט אומבאַוועגלעכע אויגן.

כמעט שטענדיק פלעגן זיי ברענגען צו פאַרקויפן פאַרציי־טיקע ביכער, איקאָנעס, ווי וויירעך־כלים, עפּעס אַזעלכע בע־כערס; אַמאָל האָבן זיי אויך געבראַכט קונים — אַן אַלטן אָדער אַן אַלטע פון הינטער דער וואָלגע.

פאַרענדיקט די עסקים, האָט מען זיך צוגעזעצט צום פולט, ווי קראָעס אויף אַ מעזשע, געטרונקען טיי מיט קוילישט און מיט פאַסט־צוקער און איינער דעם אַנדערן האָט דערציילט וועגן די רדיפות מצד דעם ניקאָניאַנער קלויסטער: דאָרט האָט מען געמאַכט אַ רעוויזיע און צוגענומען די געבעט־ביכער; דאָ האָט די פּאָליציי פאַרמאַכט אַ געבעט־הויז און אָנגעקלאָגט די באַלעבאַטים לויטן פּאַראַגראַף 103. דער פּאַראַגראַף 103 איז געווען עפּטער די טעמע פון זייערע געשפּרעכן, זיי האָבן אָבער גערעדט וועגן דעם רויק, ווי וועגן עפּעס אומפאַרמיידלעכס. ווי, למשל, ווינטער וועגן פרעסט.

די ווערטער — פּאָליציע, רעוויזיע, טורמע, געריכט, סיביר, — ווערטער, וואָס האָבן זיך שטענדיק געהערט אין זייערע שמועסן וועגן רדיפות פאַר דער אמונה, זענען ווי הייסע קוילן געפאַלן אויף מיין נשמה, צעפלאַקערנדיק מיין סימפּאַטיע און מיטגעפיל צו די דאָזיקע זקנים; די דורכגעלייענטע ביכער האָבן מיך אויסגעלערנט צו אַכטן די מענטשן, וואָס גייען מיט עקשנות צו זייער ציל, צו שעצן די גייסטיקע פעסטקייט.

כ׳האָב פאַרגעסן דאָס שלעכטע, וואָס כ׳האָב געזען ביי די דאָזיקע לערער פון לעבן, כ׳האָב געפילט נאָר זייער רויקע עקשנות, הינטער וועלכער מיר האָט זיך געדאַכט — עס איז באַהאַלטן אַן אומדערשיטערלעכער גלויבן פון לערער אין זייער אמת, אַ גרייטקייט צו גיין אויף קדוש־השם פאַר דעם דאָזיקן אמת.

שפּעטער, ווען מיר איז אויסגעקומען צו טרעפן אַ סך אַזוינע היטער פון אַלטן גלויבן, אין פאָלק און צווישן דער אינטעליגענץ, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די דאזיקע עקשנות איז אַ פּאַסיוויטעט פון מענטשן, וואָס האָבן נישט וווהין צוגיין פון דעם אָרט, וווּ זיי שטייען, און זיי ווילן אויך אין ערגעץ נישט גיין, מחמת זיי זענען פעסט געבונדן מיט די קייטן פון אַלטע ווערטער, אָפּגעלעבטע השגות און פאַרשטיינערט אויף די דאָזיקע ווערטער און השגות, זייער ווילן איז אומבאַוועגלעך, ער איז אומפעיק זיך צו אַנטוויקלען אין דער ריכטונג פון דער צוקונפט, און ווען אַ שטויס פון דרויסן וואַרפט זיי אַראָפּ פון

זייער איינגעזעסן אָרט, קאָלערן זיי זיך מעכאַניש אַרונטער, ווי אַ שטיין פון אַ באַרג. זיי שטייען אויף זייער וואַך ביים בית־עולם פון די אָפּגעלעבטע אמתן, מיטן טויטן כוח פון די ערינערונגען וועגן עבר און מיט זייער קרענקלעכער ליבע צו יסורים, רדיפות, נאָר ווי מען נעמט ביי זיי אָפּ די מעגלעכקייט צו ליידן, ווערן זיי אויסגעליידיקט און פאַרשווונדן, ווי וואָלקנס אין אַ פרישן ווינטיקן טאָג.

דאָס גלויבן, פאַר וועלכן זיי זענען גרייט צו ליידן מיט שמחה אין גרויס זעלבסטהנאה, איז אָן שום ספק אַ פעסטער גלויבן, נאָר עס איז געגליכן צו אַן אַלטן אָפּגענוצטן בגד, וואָס איז אַזוי שטאַרק פאַרשמאָלצן פון כלערליי שמוץ, אַז נאָר צוליב דעם האָט די צעשטערנדיקע האַנט פון דער צייט אַ שוואַכע שליטה איבער אים. דער געדאַנק און דאָס געפיל זענען צוגעוויינט געוואָרן צו דער ענגער, שווערער הויט פון פאָראורטיילן און דאָגמעס, און הגם זיי זענען מיט אונטערגעהאַקטע פליגלען, פאַרקריפּלטע, לעבן זיי פונדעסטוועגן גאַנץ געמיטלעך און באַקוועם...

אָט דאָס גלויבן פון רגילות איז איינע פון די טרויעריקסטע און שעדלעכסטע דערשיינונגען פון אונזער לעבן; און דער קרייז פון אַזאַ מין גלויבן, ווי אין שאָטן פון אַ שטיינערנער וואַנט, וואַקסט אַלץ, וואָס ניי איז, פאַמעלעך, פאַרדאָרבן, דאַר און קוואַר. אין דעם דאָזיקן טונקעלן גלויבן איז צו ווייניק שטראַלן פון ליבע, צופיל באַליידיקונג, פאַרביטערונג און קנאה, וואָס גייט תמיד האַנט ביי האַנט מיט שנאה. דאָס פייער פון דעם דאָזיקן גלויבן איז אַ פאָספאָר־בליאַסק פון פוילעניש.

נאָר כדי צו איבערצייגן זיך דערין, איז מיר אויסגעקומען דורכצולעבן פיל שווערע יאָרן, אַ סך צעברעכן אין דער אייגענער נשמה און אַרויסוואַרפן פון זכרון. נאָר אין יענער צייט, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל באַגעגנט די לערער פון לעבן אין דער אומעטיקער, געוויסנלאָזערווירקלעכקייט, זענען זיי מיר פאָרגעקומען ווי מענטשן מיט אַ גרויסער, גייסטיקער קראַפט, אַלס די בעסטע מענטשן פון דער וועלט. כמעט יעדער

פון זיי האָט זיך געמשפּט, געזעסן אין טורמע, אַרויסגעשיקט געוואָרן פון פאַרשידענע שטעט, געוואַלגערט זיך מיט אַרעס־טאַנטן איבער עטאַפּן; אַלע האָבן זיי געלעבט פּאַרטיזאַטיק, אַלע באַהאַלטענערהייט.

פונדעסטוועגן האָב איך געזען, אַז קלאָגנדיק זיך אויף די „גייסטיקע רדיפות" פון די ניקאָניאַנער, האָבן די אַלטע אַליין זייער גערן, אפילו מיט הנאה, געדריקט איינער דעם צווייטן.

דער בלינדער פּאַכאָמי האָט נאָך אַ טרונק בראָנפן ליב געהאַט זיך איבערצונעמען מיט זיין באמת וווּנדערלעכן זכרון — מאַנכע ביכער האָט ער געקאָנט „אויפן פינגער", ווי אַ יידישער ישיבה־בחור קאָן תלמוד; גיט אַ טייטל מיטן פינגער אויף וואַ־סער נישט איז זייטל, און פון דעם וואָרט, ווו ער שטעלט אַוועק דעם פינגער, הויבט פּאַכאָמי אָן צו לייענען ווייטער אויסנווייניק מיט אַ ווייכינק פּאָנפעוואַטע שטימעלע. ער קוקט תמיד צו דער פּאָדלאָגע צו, און זיין איינציק אויג בלאָנדזעט איבער איר אַזוי צעטראָגן, ווי ער וואָלט זוכן עפּעס אַ פאַרלוירענע טייערע זאַך. עפּטער ווי אַלץ פלעגט ער באַ־ווייזן דעם דאָזיקן קונץ אין מושעצקעס בוך: „דער רוסי־שער וויינשטאָק", באַזונדערס גוט האָט ער געקענט „די פיל לייידנדיקע, גבורותדיקע יסורים פון די וווּנדערלעכע און מוטי־קע קדושים", און פּיאָטר וואַסיליעוו האָט כסדר געזוכט צו כאַפּן אים ביי אַ גרייז.

— דו זאָגסט ליגן! דאָס איז נישט געשען מיטן הייליקן תם קיפּריאַן, נאָר מיט דעניס דעם צנוע.

— וואָס פאַר אַ דעניס עפּעס? מ'זאָגט דיאָניסי...

— און דו טשעפּע זיך נישט צו אַ וואָרט!

— און דו לערן מיך נישט!

אין אַ ווײַלע אַרום, אָנקוקנדיק זיך מ'לאחמה איינער דעם אַנדערן, זאָגן זיי:

— זולל וסובא דו, אומפאַרשעמטע צורה, האָט אויסגע־שטאָפּט אַ פּעמפּיק...

פֿאַכאָמי ענטפֿערט, פּונקט ווי ער וואָלט גערעכנט אויף אַ רעכן-מאַשין:

— און דו ביסט אַ בעל־תאווה, אַ באָק, אַ ווייבערניק.

דער געזעלן פֿאַררוקט די הענט אין די אַרבל, שמייכלט בייסיק און העצט אונטער די היטער פֿון דער אַלטער גאָטס-פּאָרכטיקייט, פּונקט ווי קליינע ייִנגלעך:

— גוט, גוט אַזוי! דערלאַנג אים נאָך אַביסל!

איינמאָל האָבן זיך די זקנים צעשלאָגן. מיט אַן אומגע־ריכטער פֿלינקייט האָט ג׳יאָטר וואַסיליעוו אַראָפּגעלאָזן זיין חבר אַ פּאַטש. און ווען יענער האָט געמאַכט פּיס, האָט ער, ווישנ־דיק דעם שווייס פֿון פּנים, נאָכגעשריגן דעם אַנטלאָפֿענעם:

— געדענק, די זינד וועט פֿאַלן אויף דיין קאָפּ! דו פֿאַרפֿלוכטער, האָסט געבראַכט מיין האַנט צו אַן עבֿירה, טפֿו אויף דיר!

ער האָט באַזונדערס זייער ליב געהאַט אויפֿצוּוואַרפֿן זיי־נע חבֿרים, אַז זיי זענען נישט געווג פֿעסט אין זייער גלויבן, און פֿאַלן אַריין אין אַ „פֿאַרניינונג”.

— דאָס פֿאַרדרייט אייך אַלץ אַלעקסאַשע דעם קאָפּ—אָט וואָס פֿאַר אַ האָן דאָ קרייט!

די פֿאַרניינונג האָט אים אויפֿגערעגט און, קענטיק, גע־שראָקן, אָבער אויף דער פֿראַגע: וואָס איז דער מהות פֿון יע־נער לערע? האָט ער נישט גאָר פֿאַרשטענדלעך געענטפֿערט:

— די פֿאַרניינונג—דאָס איז די ערגסטע כּפֿירה, דאָ איז אַלץ נאָר מיטן שׂכל, און קיין גאָט איז נישטאָ! אָט, ביי די קאָזאַקן, הערסטו, זיי אַכטן שוין קיין זאַך נישט, אַחוץ די ביבל, און די ביבל איז פֿון די סאַראַטאָווער דייטשן, פֿון ליו־טערן, וועגן וועלכן ס׳ווערט געזאָגט: „זיין נאָמען פּאַסט צו אים”—אמת ויציב—ווייל ליוטער קומט פֿון וואָרט ליוט, וואָס דער טייטש איז: אַכזרותדיק, שלעכט. די פֿאַרניינער (ניעטאָוו־צעס) רופֿן זיך אויך אָן דול-קעפּ, שטונדיסטן און דאָס אַלץ קומט פֿון מערבֿ, פֿון די דאָרטיקע אַפּיקורסים.

צוטופנדיק מיט זיין קאַליקן פוס האָט ער גערעדט קאַלט און וואָגיק:

— אָט ווען דער ניי־גלויביקער קלויסטער דאַרף רודפן, אומברענגען און בראָטן! אָבער נישט אונז, מיר—דאָס איז אור־רוסלאַנד, אונזער אמונה איז די אמתע, פון מזרח, די עכט רו-סישע, און דאָס אַלץ—איז פון מערב. פאַרדאָרבענע פריידענ-קעריי! פון די דייטשן, פון די פראַנצויזן—וואָס קאָן דאָ זיין פאַר אַ גוטס? אָט האָבן זיי אין צוועלפטן יאָר...

פון התפעלות פלעגט ער פאַרגעסן, אַז ער רעדט צו אַ יינגל, מיט אַ פעסטער האַנט פלעגט ער מיך אָננעמען ביים גורט, דאָ צוציענדיק, דאָ אָפּשטויסנדיק פון זיך, גערעדט שוין צעהיצט, מיט התלהבות און יונג:

— עס בלאָנדזעט דעם מענטשנס שכל אין די לאַבירינטן פון זיינע אייגענע פאַנטאַזיעס, בלאָנדזעט, פונקט ווי דער בייזער וואָלף, אַ פאַרקויפטער דעם טייוול, פייניקנדיק דעם מענטשנס נשמה, גאָטס מתנה! וואָס האָבן נישט אויסגעקלערט די טייוולאָ-נישע קלויסטער־ברידער. די באַגאָמילן, דורך וועלכע די גאַנצע כפירה האָט זיך פאַרשפרייט, האָבן געלערנט: דער שטן איז גאָטס זון, דער עלטערער ברודער פון יעזוס קריסטוס, אָט צו וואָס זיי זענען דערגאַנגען! און נאָך האָבן זיי געלערנט: די רעגירונג נישט פאָלגן, נישט אַרבעטן, ווייבער און קינדער אַוועקוואַרפן; דער מענטש דאַרף קיין זאַך נישט, אויס מיט דער אָרדנונג, און זאָל דער מענטש לעבן, ווי ער וויל, גיין וווהין דער טייוול פירט אים. אָט האָט זיך ווידער באַוויזן דער דאָזיקער אַלעקסאַשקע, אָ, איר ווערים...

עס פלעגט טרעפן, אַז גראָד דעמאָלט האָט מיר דער גע-זעלן געהייסן עפּעס טון, איך פלעג אַוועקגיין פון אַלטן, נאָר ער, בלייבנדיק אַליין אויף דער גאַלעריע, האָט ווייטער גערעדט צו דער פוסטקייט, וואָס אַרום אים:

— אָ, איר נשמות אָן פליגלען, אָ, איר בלינד־געבליבע־נע קעץ, ווער קאָן אַנטלויפן פון אייך?

און דערנאָך, פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ אויף הינטן,

אָנשפּאַרנדיק די הענט אָן די קני, האָט ער לאַנג געשוויגן, אַריינ־קוקנדיק בשעת מעשה שאַרף און אומבאַוועגלעך אין גרויען ווינטערדיקן הימל.

ער האָט זיך אָנגעהויבן באַציען צו מיר מיט מער אויפ־מערקזאַמקייט און פריינטלעכער, טרעפנדיק מיך ביי אַ בוך, האָט ער מיך געגלעט איבערן פּלייצע און געזאָגט:

— לייען, קליינער, לייען. ס'וועט צונוץ קומען! שכל, ווייזט אויס, האָסטו; אַ שאָד, וואָס דו האָסט קיין אָפּשיי נישט פאַר עלטערע, מיט יעדן ביסטו „אַ צאָן פאַר אַ צאָן", דו מיינסט, די דאָזיקע חוצפּה וועט דיך ווייט פאַרפירן? זי וועט דיך, קליינער, דערפירן נישט ערגעץ אַנדערש, ווי צו דער אַרעסטאַנטן־ראָטע. ביכער מעגסטו לייענען, אָבער געדענק—אַ בוך איז אַ בוך, אָבער מיטן אייגענעם מוח מוזסטו אַרבעטן! אָט איז ביי די כליסטן געווען אַ לערער דאַנילאָ, איז ער גע־קומען צום געדאַנק, אַז אי די אַלטע, אי די נייע ביכער זע־נען נישט נויטיק, האָט ער זיי צוזאַמענגענומען, אין אַ פּאַק און אַריינגעשליידערט אין וואַסער! יאָ... דאָס, פאַרשטייט זיך, איז אויך אַ נאַרישקייט. און אַלעקסאַשקע, דער הינטישער קאָפּ, פאַרדרייט דאָ אויך דעם מוח.

ער פלעגט אַלץ אָפטער דערמאָנען דעם דאָזיקן אַלעק־סאַשקע, און איינמאָל אַריינקומענדיק אין קראָם אַ פאַרזאָרגטער, אַ האַרבער, האָט ער מודיע געווען:

— אַלעקסאַנדער וואַסיליעוו איז דאָ אין שטאָט, ער איז געכטן אָנגעקומען! געזוכט, געזוכט אים—און נישט געפונען. ער באַהאַלט זיך! כ'וועל זיצן אַביסל, אפשר וועט ער זיך אַריינכאַפּן אַהער...

דער געזעלן האָט זיך אומפריינטלעך אָפּגערופן:

— כ'ווייס קיין זאַך נישט, כ'קען קיינעם נישט!

דער אַלטער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— אַזוי דאַרף זיין, פאַר דיר זענען אַלע מענטשן קוי־פער און פאַרקויפער, קיין אַנדערע זענען נישטאָ! זיי מכבד מיט אַ ביסל טיי...

ווען איך האָב געבראַכט די גרויסע, קופּערנע קאַן טיי, האָב איך אין קראָם געטראָפן געסט: דעם פריילעך שמייכלענדיקן אַלטיטשקן לוקיאַן, און הינטערן טיר, אין אַ פינסטערן ווינקל, איז געזעסן עפּעס אַ נייער מענטש, אָנגעטון אין אַ וואַרעמען מאַנטל און אין הויכע וואַליקעס, אונטערגעגאַרטלט מיט אַ גרינעם גאַרטל, און אַ היטל, אומבאַקוועם אַראָפּגערוקט איבער די ברעמען, ער האָט געהאַט אַ גאַנץ געוויינלעך פּנים, האָט אויסגעזען אַ שטילער, אַ באַשיידענער, ענלעך צו אַ געזעלן, וואָס האָט אָקאָרשט פאַרלוירן זיין פּאָסטן און איז זייער צעטראָגן פון דעם.

פּיאָטר וואַסיליעוו האָט, נישט קוקנדיק אין זיין זייט, שטרענג און וואָגיק ווענן עפּעס גערעדט, און ער האָט מיט אַ ציטערנדיקער באַוועגונג פון זיין רעכטער האַנט אַלץ אַרויפגערוקט דאָס היטל. ער הויבט אויף די האַנט, ווי ער וואָלט געהאַט בדעה זיך איבערצוצלמען, און גיט אַ רוק דאָס היטל אַרויף, דערנאָך—ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל, און נאָכדעם, ווי ער האָט עס שוין אַרויפגערוקט ביז צום סאַמע שפּיץ פון קאָפּ, ציט ער עס ווידער אַרונטער פעסט און אומגעלומפּערט ביז צו די ברעמען. דער דאָזיקער קאָנוואַלסיווער זשעסט האָט מיך דערמאָנט אָן דעם תּמעוואַטן איגאָשן „דער טויט אין קעשענע".

— אין אונזער טריבן טייכל שווימען אַלערליי קוואַפּן און מאַכן אַלץ מוטנער דאָס וואַסער. — האָט געזאָגט פּיאָטר וואַסיליעוו.

דער מענטש, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ געזעלן, האָט שטיל און רויק געפרעגט:

— דו מיינסט עס מיך, מסתּמא?

— נו, אַז אפילו דיך?...

דאַן האָט דער מענטש ווידער אַ פרעג געטון נישט הויך, אָבער זייער האַרציק:

— נו, און וועגן זיך וואָס זאָגסטו, מענטש?

— וועגן זיך וועל איך פאַר דעם רבונו של עולם זאָגן.— דאָס איז מיין זאַך...

— ניין, מענטש, ס׳איז מיין זאַך אויך,—האָט דער בייער געזאָגט פייערלעך און פעסט — קער נישט אָפּ דיין פּנים פון אמת, פאַרבלענד זיך נישט מיט אַ כּיוון, דאָס איז אַ גרויסע עבירה קעגן גאָט און לייט!

מיר איז געפעלן געוועו, וואָס ער רופט פּיאָטר וואַסיליעוו „מענטש", און ס׳האָט מיך אויפגערודערט זיין שטילע, פייערלעכע שטים, ער האָט גערעדט אַזוי, ווי גוטע פּאָפּעס לייענען: „גאָט, דו האַר איבער מיין לעבן", און האָט זיך כּסדר אָנגעבויגן פאָרויס, אַראָפּרוקנדיק זיך פון שטול, פאָכנדיק מיט דער האַנט קעגן זיין פּנים.

—משפּט מיך נישט, איך בין נישט געפאַלענער פאַר דיר אין מיינע זינד...

— דער סאַמאָוואַר האָט אויפגעקאָכט, ער בלאָזט שוין פון זיך. — האָט מיט ביטול געזאָגט דער אַלטער ביבל-קענער, יענער אָבער האָט ווייטער גערעדט, נישט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר זיינע ווערטער:

— נאָר גאָט אַליין ווייסט, ווער עס מאַכט שמוציק די קוואַלן פון הייליקן גייסט, אפשר איז דאָס אייער זינד; די זינד פון ביכער-מענטשן—פאַפּירענע מענטשן, איך בין נישט קיין בוך-מענטש, קיין פאַפּירענער מענטש, איך בין אַ פּראָסטער, לעבעדיקער מענטש...

— כ׳קען דיין פּראָסטקייט, כ׳האָב געהערט גענוג!

— דאָס פאַרפּירט איר די מענטשן, איר פאַרדרייט יעדן גלייכן געדאַנק, איר ביכער-מענטשן און פּרושים... איך—וואָס אָבער זאָג איך, האַ?

— אפּיקורסות! — האָט געזאָגט פּיאָטר וואַסיליעוו, און דער מענטש, פירנדיק מיט דער אָפענער האַנט פאַרביי זיין פּנים, ווי ער וואָלט לייענען פון איר עפּעס אָנגעשריבנס, האָט גערעדט מיט היץ:

— איר מיינט, אַרויסטרייבנדיק דעם מענטשן פון איין שטאָל אין דעם אַנדערן, מאַכט איר זיי שוין בעסער? און איך זאָג—ניין! איך זאָג—מענטש, באַפריי דיך! צו וואָס נוצט דיין

הויז, דיין ווייב און דיין גאַנץ פאַרמעגן פאַר גאָט? באַפריי זיך מענטש פון אַלץ, צוליב וואָס מענטשן הרגענען און שחטן איינער דעם אַנדערן, — פון גאָלד, פון זילבער, פון יעדער האָב און גוטס, דאָס איז דאָך אַלץ הבל הבלים! נישט אויף די פעלדער פון דער ערד קומט די אויסלייזונג פון דער נשמה, נאָר אין די טאָלן פון גן עדן! רייסט זיך אָפּ פון אַלץ, זאָג איך, צעררייסט אַלע בענדער, שטריק, צעשטערט די נעץ פון דער וועלט—דאָס איז די אַנטיכריסטישע נעץ... איך גיי מיטן גלייכן וועג, איך קרום נישט מיט דער נשמה, די פינסטערע וועלט נעם איך נישט אָן...

— אָבער ברויט, וואַסער, אַ בגד—נעמסטו יאָ אָן? דאָס, זיי מוחל, געהערט אויך צו די וועלטלעכע זאַכן. — האָט בייסיק געזאָגט דער אַלטער.

אָבער די דאָזיקע ווערטער האָבן אויך נישט אָנגערירט אַלעקסאַנדערן, ער האָט גערעדט אַלץ מער מיט האַרץ, און כאָטש זיין שטים האָט געקלונגען נישט הויך, האָט זיך געדאַכט, ווי ער טרומייטערט אין אַ מעשענעם טרומייט.

— וואָס איז דיר טייער, מענטש? נאָר דער איינציקער גאָט איז דיר טייער; טאָ שטיי זשע אויף פאַר אים, אַ געררייניקטער פון אַלץ, רייס אַרונטער די ערדישע פעדעם פון דיין נשמה, און גאָט וועט דערזען: דו ביסט אַליין, ער איז אַליין! אַזוי וועסטו זיך דערנענטערן צו גאָט, דאָס איז דער איינציקער וועג צו אים! אָט ווי אַזוי ס'איז אָנגעוויזן די אויסלייזונג — פאַרלאָז פאָטער און מוטער, אַלץ, ווערט געזאָגט, פאַרלאָז, און אפילו דאָס אויג, וואָס פאַרפירט דיך—רייס אַרויס! פון גאָטס וועגן פאַרניכט זיך און דיינע חפצים און פאַרהיט זיך אין גייסט, און דיין נשמה וועט אויפפלאַקערן לעולם ועד.

— נו, קרעציקע הינט זאָלן מיט דיר האַנדלען, — האָט געזאָגט פיאָטר וואַסיליעוו, אויפשטייענדיק — איך האָב צוערשט געמיינט, אַז דו ביסט פון פאַראַיאָרן ביז היינט קליגער געוואָרן, ערשט ביסטו נאָר ערגער געוואָרן...

וויגנדיק זיך, איז דער אַלטער אַרויס פון קראָם אויף

דער טעראַסע; דאָס האָט אַלעקסאַנדערן באַמרויקט און ער האָט פאַרווונדערט און גיך אַ פרעג געטון:

— גייסט אַוועק? און ווי זשע?..

אָבער דער פריינטלעכער לוקאַין, האָט באַרויקנדיק אַ פינטל געטון מיט די אויגן און געזאָגט:

— גאָרנישט... גאָרנישט...

דאַן האָט זיך אַלעקסאַנדער אַרויפגעוואָרפן אויף אים.

— אַט, אויך דו, פאַרשמייעטער עולם־הזהניק, זייסט שטויביקע ווערטער, און — וואָס קומט דערפון אַרויס? נו — אַ דרייפאַכיקער הלויה, נו — אַ צווייפאַכיקער...

לוקאַין האָט צו אים אַ שמייכל געטון און איז אויך אַרויס אויף דער טעראַסע, און ער, ווענדנדיק זיך צום געזעלן, האָט אַרויסגעזאָגט זיכער:

— זיי קאָנען מיין גייסט נישט פאַרטראָגן, זיי קאָנען נישט! פאַרשווינדן, ווי אַ רויך פאַרן פייער...

דער געזעלן האָט אים בייז אָנגעקוקט און טרוקן באַמערקט:

— איך פאַרשטיי מיך אין די ענינים נישט.

דער מענטש האָט זיך אַזוי ווי פאַרשעמט, האָט אַרויפגערוקט דאָס היטל, און אַרויסגעמורמלט:

— ווי אַזוי קאָן מען דאָס נישט פאַרשטיין? דאָס זענען אַזוינע ענינים... זיי פאָדערן, מ'זאָל זיי פאַרשטיין...

ער איז געזעסן אַ ווײַלע שווייגעדיק, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ; דערנאָך האָבן אים אַ רוף געטון די אַלטע, און אַלע דריי זענען, נישט געזעגענענדיק זיך, אַוועק.

דער דאָזיקער מענטש, האָט אויפגעפלאַמט פאַר מיר, ווי אַ פלאַקער פייער אין דער נאַכט, האָט זיך העל צעברענט און אויסגעלאָשן, צווינגענדיק מיך צו דערפילן עפּעס אַן אמת אין זיין פאַרלייקענונג פונם לעבן.

אין אָוונט, אין אַ פאַסיקער מינוט, האָב איך מיט התלהבות דערציילט וועגן אים דעם עלטערן מייסטער פון דער איקאָנע־מאָלעריי, דעם שטילן און פריינטלעכן איוואַן לאַריאָניטשן;

ער האָט מיך אויסגעהערט און דערקלערט:

— אַ בעגון (אַ לויפער), קענטיק, עס זענען דאָ אַזעלכע סעקטאַנטן—זיי האַלטן גאָרנישט...

— ווי אַזוי זשע לעבן זיי?

— זיי לעבן אַרומלויפנדיק, וואָגלען כסדר איבער דער וועלט, דערפאַר רופט מען זיי טאַקע לויפער. די ערד און אַלץ, וואָס אויף איר, איז אונז פרעמד, זאָגן זיי, און די פּאָליציי האַלט זיי פאַר שעדלעך, און כאַפּט זיי...

הגם מיר האָט זיך ביטער געלעבט, האָב איך פונדעסט־וועגן נישט פאַרשטאַנען, ווי קאָן מען דאָס אַנטלויפן פון אַלץ? אין דעם אַרומיקן לעבן איז פאַר מיר דעמאָלט געווען זייער פיל, וואָס איז מיר געווען אינטערעסאַנט און טייער, און אַלעק־סאַנדער וואַסיליעוו איז אינגיכן אויסגעמעקט געוואָרן פון מיין זכרון.

נאָר פון צייט צו צייט, אין ביטערע מינוטן פלעגט ער זיך באַווייזן פאַר מיר: ער גייט איבערן פעלד, מיטן גרויען וועג, צום וואַלד צו, שטופּט דעם שטעקן מיט אַ ציטערנדיקער באַוועגונג פון זיין ווייסער, איידעלער האַנט און ברומט:

— איך גיי מיטן ריכטיקן וועג, איך נעם קיין זאַך נישט אָן! די בענדער צערייס...

נעבן אים פלעגט זיך מיר דערמאָנען דער טאַטע, ווי די באָבע האָט אים געזען אין חלום: מיט אַ ניס־שטעקעלע אין האַנט, און נאָך אים לויפט אַ בונטער הונט, טרייסלט מיט דער צונג...

XIII

דער ווערקשטאַט פון דער בילדער מאַלעריי האָט זיך געפונען אין צוויי צימערן פון גרויסן האַלב־געמויערטן הויז; איין צימער איז מיט דריי פענסטער אַרויס אין הויף און מיט צוויי—אין גאָרטן; דאָס צווייטע צימער—איין פענסטער אין גאָרטן און איינס אין גאַס. די פענסטער קליינינקע, פּירקאַנטיקע,

די שויבן, רעגנבויגנדיקע פון אַלטקייט, לאָזן נישט גערן דורך אין ווערקשטאַט דאָס אָרעם שיטער ליכט פון די ווינטערדיקע טעג.

ביידע צימערן זענען ענג אָנגעשטעלט מיט טישן, ביי איטלעכן טיש זיצט איינגעבויגענערהייט אַ בילדער־מאָלער, ביי אַנדערע — צו צוויי. פון באַלקן הענגען אַרונטער אויף שטריק גלעזערנע קוילן; אָנגעגאָסענע מיט וואַסער, קלויבן זיי אין זיך אויף דאָס ליכט פון לאָמפּ, אָפּגלאַנצנדיק אויף דער פּיר־קאַנטיקער ברעט פון דער איקאָנע מיט ווייסע, קאַלטע שטראַלן.

אין ווערקשטאַט איז הייס און דושנע, עס אַרבעטן ביי א צוואַנציק מאַן, מאָלער פון הייליקע בילדער פון פּאַלעך, כאָלוי, מסטערע; אַלע זיצן אין ציצענע העמדלעך מיט פונאַנדערגעשפּיליעטע קראַגנס, אין לייוונטענע הויזן, באָרוועסע, אָדער אין כאָדאַקעס. איבער די קעפּ פון די קינסטלער שטייט אַ גרויער שלייער פון אויסגערויכערטער מאַכאָרקע, הערט זיך אַ שטאַרקער ריח פון קיט, לאַק און טוכלע אייער. לאַנגזאַם ווי פּעך פליסט דאָס אומעטיקע וולאַדימירער ליד:

ווי אויסגעלאָסן איז דאָס פאָלק אין היינטיקער צייט—
אַ ייִנגל האָט פאַרפירט אַ מיידל אָפּן פאַר דער וועלט...

מען זינגט אויך אַנדערע לידער, אויך נישט קיין פריילעכע, אָבער דאָס דאָזיקע ליד — עפּטער ווי אַלע. זיין צעצויגענער ניגון שטערט נישט צו טרייסטן, שטערט נישט צו פירן מיטן דינעם פּענדל פון וויזעל־האָר איבער דער צייכנונג פון דער איקאָנע, באַמאָלנדיק די פאַלדן פון דער באַקליידונג, און צוגעבנדיק צו די ביינערנענע פּנימער פון די הייליקע דייבע קנייטשעלעך פון יסורים... הינטער די פענסטער קלאַפּט מיטן העמערל דער ציזילירער גאָנגאָלעוו — א שיכורער זקן מיט אַ גרויסער, בלויער נאָז; אין דעם פוילן שטראָם פונם ליד רייסט זיך אומאויפהערלעך אַריין דער טרוקענער קלאַפּ פונם העמערל — ווי אַ וואָרים, וואָס נאָגט אין אַ בוים.

די איקאָנע־מאָלעריי פאַרכאַפּט קיינעם נישט; עפּעס אַ בייזער חכם האָט צעבראָקלט די אַרבעט אין אַ סך קליינע

פונקציעס, אָן שום פיינקייט, וואָס זענען אומפּעיק צו דער־וועקן ליבע און אינטערעס צו דער אַרבעט. דער קאַסאָקער סטאָליער פּאַנפיל, אַ שלעכטער און בייסיקער, ברענגט אָפּגע־הובליעוועטע, צונויפגעקלעפּטע ציפּאַריסענע און ליפּאָווע ברע־טלעך פון פאַרשידענער גרייס; דער בעריקער בחור דאַווידאָוויץ זיי איבער מיט דער ערשטער פאַרב; זיין חבר סאָראָקין באַלייגט מיט לעווקאַס; מילישין נעמט אַראָפּ מיט אַ בלייפע־דער די צייכנונג פון אָריגינאַל; דער אַלטער גאַגאַלעוו באַגילט און מאַכט אוזאָרן אויפן גאָלד. די קליידער־מאַלער מאָלן דעם פּייזאַזש און די באַקליידונג פון דער איקאָנע, און נאָכדעם בלייבט זי שטיין אָן אַ צורה און אָן הענט, שטייט ביי דער וואַנט, וואַרטנדיק אויף דער אַרבעט פון די צורה־מאַלער.

ס'איז זייער אומאָנגענעם אָנצוקוקן די גרויסע איקאָנעס פאַר די קלויסטער ארונות און פאַר די טירן פון די אַלטאַרן, ווען זיי שטייעןביים וואַנט אָן אַ צורה, אָן הענט און אָן פיס בלויז די גלחישע טראַכט, קליידער און קורצע העמדלעך פון שרים־מלאכים. פון די דאָזיקע בונט געמאַלעוועטע ברעטלעך ווייט אַ טויטקייט; ס'פעלט דאָס, וואָס עס דאַרף זיי אויפלעבן, נאָר ס'דאַכט זיך, אַז יענץ איז שוין געווען און איז בדרך נס פאַרשוווּנדן, איבערלאָזנדיק בלויז די שווערע גלחישע קליידער.

ווען דאָס „קערפּערל" איז שוין אויסגעמאָלט, גיט מען איבער די איקאָנע צום מייסטער, וועלכער עמאַלירט דעם אויס-געקריצטן אוזאָר; די אויפשריפטן שרייבט אויך אַ באַזונדערער מייסטער און מיט לאַק לאַקירט דער פאַרוואַלטער פונם ווערק־שטאַט אַליין, איוואַן לאַריאַניטש, אַ שטילער מענטש.

דאָס פנים זיינס איז גרוי, אויך זיין בערדל איז גרוי, פון דינע, זיידענע האָר, די גרויע אויגן זענען עפּעס מאָדנע טיף און אומעטיק. ער האָט אַ גוטן שמייכל, נאָר שמייכלען צו אים לאָזט זיך עפּעס נישט, ס'איז נישט אָנגענעם. ער איז ענ־לעך צו דער איקאָנע פון שמעון סטאָלפּניק, אויך אַזאַ טרוקע־נער און מאָגערער, ווי ער, און זיינע אומבאַוועגלעכע אויגן

קוקן אויך אַזוי, אָפּגעטון פון אַלץ, ערגעץ ווו אין דער ווייט־קייט אַריין, דורך מענטשן און ווענט.

אין עטלעכע טעג אַרום, נאָכדעם ווי איך בין אָנגעקומען אין ווערקשטאַט, איז דער מייסטער פון די קלויסטער־פּאַנעס, דער דאָנער קאָזאַק קאַפּענדיוכין, אַ פּאַרשוין, אַ גבר, אַריין אַ שיכורער און, פאַרשטעמענדיק פעסט די ציין, פאַרזשמורענדיק די זיסע, ווייבערשע אויגן, אָנגעהויבן שלאָגן אַלעמען מיט איי־זערנע פויסטן. ער איז געווען נישט קיין הויכער, אַ שלאַנקער, ער האָט זיך געוואָרפן איבערן ווערקשטאַט, ווי אַ קאָטער אין קעלער צווישן קעץ. די צעשראָקענע מענטשן האָבן זיך באַ־האַלטן אין די ווינקלען און האָבן פון דאָרטן געשריגן איינער צום אַנדערן:

— שלאָגט אים!

דעם געזיכט־מאַלער יעווגעני סיטאַנאָוו האָט זיך איינגע־געבן צו באַטויבן דעם צעיושעטן שיכור דורך אַ זעץ מיט אַ טאַבורעטקע איבערן קאָפּ. דער קאָזאַק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּאָדלאָגע. תּיכּף האָט מען אים איבערגעקערט און געבונדן מיט האַנטיכער, ער האָט זיי אָנגעהויבן רייסן און גרי־זשען מיט חיהשע ציינער. דאָ איז יעווגעני אויפגעקאָכט גע־וואָרן, אַ שפּרונג געטון אויפן טיש און, צודריקנדיק די עלנ־בויגנס צו די זייטן, איז ער געווען גרייט אַרויפצושפּרינגען אויפן קאָזאַק; ער איז געווען אַ הויכער, אַ קרעפטיקער און ער וואָלט מיט זיין שפּרונג זיכער צעקוועטשט קאַפּענדיוכינס ברוסט־קאַסטן, נאָר אין דער זעלבער רגע האָט זיך באַוויזן נעבן אים לאַריאָנאָוויטש, אין הוט און מאַנטל, האָט אַ דראָ געטון מיטן פינ־גער צו סיטאַנאָוון און געזאָגט צו די אַרבעטער שטיל און זאַכלעך:

— טראָגט אים אַרויס אין פירהויז, זאָל ער זיך אויס־ניכטערן...

דעם קאָזאַק האָט מען אַרויסגעשלעפּט פון ווערקשטאַט, צוריקגעשטעלט די טישן און שטולן און זיך געזעצט ווידער צו דער אַרבעט, דורכוואַרפנדיק מיט קורצע באַמערקונגען וועגן דעם

חברס גבורה, נביאות־זאָגנדיק, אַז מ'וועט אים נאָך אַמאָל דער־הרגענען ביי אַ גראַנגל.

— דערהרגענען אים איז שווער. — האָט געזאָגט סיטאַ־באוו זייער רויק, ווי מ'רעדט וועגן אַ זאַך, וואָס איז גוט באַ־קאַנט.

כ'האָב געקוקט אויף לאַריאָניטשן פאַרחידושט און גע־טראַכט: פאַרוואָס גיבן זיך אים אַזוי לייכט אונטער די דאָזיקע געזונטע הברה-לייט?

ער האָט אַלעמען געוויזן, ווי מ'דאַרף אַרבעטן, אפילו די בעסערע אַרבעטער האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע עצות, קאַפּע־דיוכינען האָט ער געלערנט און מער אין אים אַריינגערעדט, ווי צו אַנדערע.

— דיך קאַפּעדיוכין רופט מען זשיוואָפּיסעץ (מאָלער) ד. ה. אַז דו דאַרפסט זשיוואָ (לעבעדיק) מאָלן, אויפן איטאַליענישן מאַניער. אַ מאָלער מיט איילפאַרבן מוז פאַרמאָגן די איינהייט פון וואַרעמע פאַרבן, און דו האָסט באַנוצט צופיל ווייסע פאַרב, און דעריבער זענען אַרויסגעקומען ביי דער גאָטס־מוטער די אייגלעך קאַלטע, ווינטערדיקע. די בעקלעך זענען אויסגעמאָלט רויט, ווי עפּעלעך, און די אויגלעך זענען ווי פרעמדע. אגב, שטייען זיי נישט ריכטיק—איינס איז צו נאָענט צום נאָז־זאָטל, דאָס צווייטע איז אָפּגערוקט צום שלייף, און עס איז אַרויסגע־קומען נישט קיין הייליק-ריין פּנימל, נאָר אַ כיטרע און ער־דיש. דו פאַרטראַכסט זיך ווייניק וועגן דער אַרבעט קאַפּענ־דיוכין.

דער קאָזאַק הערט אויס, קרימט דאָס פּנים, דערנאָך, שמייכלענדיק אומפאַרשעמט מיט זיינע ווייבערשע אויגן, רעדט ער מיט אַן אָנגענעמער שטים, וואָס איז הייזעריקלעך פון שיכּרות.

— עך, איוואַן לאַריאָניטש, פאָטער, דאָס איז נישט פאַר מיר קיין אַרבעט, כ'בין געבוירן אַ מוזיקאַנט, און דאָ האָט מען מיך געמאַכט פאַר אַ מאָנאַך!

— מיט פלייס קאָן מען אַלץ גובר זיין.

— ניין, ווער בין איך? כ׳האָב געדאַרפט זיין אַ קוטשער, מיט „אַ טראָיקי״ פלינקע פערדלעך...

און אויסבויגנדיק דעם קאָפּ פון גאָרגל צעזינגט ער זיך מיט התלהבות:

עי, כ׳וועל איינשפּאַנען מיין דריילינג פלינקע
טונקל גרויע פערדלעך פיינע
און וועל זיך לאָזן אין דער נאַכט דער קאַלטער
גלייך — אוי, גלייך צו דער ליבינקער צו מיינער!

שמייכלענדיק, הכנעהדיק, פאַרריכט איוואַן לאַריאָנאָוויטש די ברילן אויף זיין גרויער, אומעטיקער נאָז און טראָגט זיך אָפּ, און אַ צענדליק קולות כאַפּן אונטער אַלע צוזאַמען דאָס ליד, צונויפגיסנדיק זיך אין אַ מעכטיקן שטראָם און, ווי אויפהויבנדיק דעם גאַנצן ווערקשטאַט אין דער לופט, וויגט ער אים אין גלייכמעסיקע שטויסן.

פון רגילות — ווייסן שוין די פערדלעך,
וווּ די דאָרט וווינט...

דער לערניינגל פּאַשקאַ אָדינצאָוו הערט אויף אויסצוגיסן די געלכלעך פון די אייער, האַלטנדיק איןביידע הענט צו אייער-שאָלעכץ, כאַפּט ער אונטער מיט אַן אויסגעצייכנטן דיסקאַנט.

פאַרשיכורט פון די טענער, האָבן זיך אַלע פאַרגעסן, אַלע אָטעמען מיט איין ברוסט, לעבן מיט איין געפיל, אַכט געבנדיק פון דער זייט אויפן קאָזאַק. בעת זיין זינגען, האָט אים דער גאַנצער ווערקשטאַט געהאַלטן פאַר זייער הערשער; אַלע האָבן זיך געצויגן צו אים, אַכטגעבנדיק אויף די ברייטע באַוועגונגען פון זיינע הענט, — ער האָט געפאָכעט מיט די הענט, ווי ער וואָלט זיך קלויבן אַוועקצופליען. איך בין זיכער, אַז ווען ער וואָלט פּלוצלינג, איבעררייסנדיק דאָס ליד, אַ געשריי געטון: „צעהאַק, אַ תּל מאַך פון אַלץ.״ — וואָלטן אַלע, אפילו די סאַמע געלאַסענע מייסטערס, אין איין ווײלע צעשמעטערט דעם גאַנצן ווערקשטאַט אויף שפּענדלעך.

געזונגען האָט ער זעלטן, נאָר די מאַכט פון זיינע רוישנ-

דיקע לידער האָט שטענדיק געוועלטיקט איבער אַלעמען. די שטימונג פון די מענטשן האָט געמענט זיין ווי געפאַלן און גע־דריקט — האָט ער זיי אויפגעמונטערט און אָנגעצונדן, אַלע האָבן זיך אָנגעשטרענגט, צונויפגיסנדיק זיך אין דער הייסער אחדות פון די כוחות אין אַ מעכטיקן אָרגאַן.

ביי מיר האָבן די דאָזיקע לידער אַרויסגערופן צום זינ־גער אַ ברענענדיק געפיל פון קנאה צו זיין שייגער הערשאַפט איבער די מענטשן; עפּעס אַזוינס אימהדיקס האָט אויפגערו־דערט דאָס האַרץ, ברייט געמאַכט ביז ווייטיק, ס'האָט זיך גע־וואָלט וויינען און שרייען צו די זינגענדיקע מענטשן.

— איך ליב אייך!

דער דעריקער געלער דאַווידאָוו אינגאַנצן אין פּאַסמעס האָר פלעגט אויך עפענען דעם מויל, באַקומענדיק אַן אויס־טערליש אויסזען פון אַ קליינעם וואַלד־ראַב, וואָס האָט זיך ערשט אויסגעפיקעט פון איי.

די פריילעכע, רוישיקע לידער פלעגט מען נאָר דעמאָלט זינגען. דער קאָזאַק פלעגט אויפזינגען, אָפטער אָבער פלעגט מען זינגען אומעטיקע, איינטאָניקע לידער וועגן „געוויסנלאָזן פאָלק", „ווי פון אונטערן וואַלד־דאָס וועלדעלע", וועגן טויט פון אַלעקסאַנדער דעם I: „ווי אונזער אַלעקסאַנדער איז אַוועק־געפאָרן באַקוקן זיין אַרמיי."

אָפטמאָל פלעגט מען, לויטן פאָרשלאַג פון אונזערן בעסטן צורה־מאָלער זשיכאַרעוו פּרובירן זינגען קלויסטער־לידער, נאָר דאָס פלעגט זיך זעלטן איינגעבן. זשיכאַרעוו האָט שטענ־דיק געפאָדערט עפּעס אַ גאַנץ באַזונדערע האַרמאָנישקייט אין זינגען, אַזאַ, וואָס איז אים אַליין נאָר געווען פאַרשטענדלעך, און האָט אַלעמען געשטערט אין זינגען.

דאָס איז געווען אַ מענטש פון אַ יאָר פינף און פערציק, אַ טרוקענער, פּליכעוואַטער מיט אַן אונטערשטן קראַנץ פון שוואַרץ געקרייזטע ציגיינערשע האָר, און מיט גרויסע, ווי וואָנסעס, שוואַרצע ברעמען. דאָס שפּיציקע, געדיכטע בערדל האָט זייער פאַרפיינערט זיין איידל שוואַרץ־חנעוודיק נישט־רוסיש

פנים, נאָר אונטער דער וו קער־נאָז האָבן געסטאַרטשעט האַרטע וואָנסעס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אײַנגעזױקע צוליב זײַנע ברע־מען. זײַנע בלויע אויגן זענען געווען פאַרשידענע: דאָס לינ־קע — היפּש גרעסער פאַרן רעכטן.

— פּאַשקע! — האָט ער געשריגן מיט אַ טענאָר צו מײַן חבר, אַ לערנײַנגל, — נו הויב אָן: „לויבט!" עולם, הערט!

אָפּווישנדיק די הענט מיטן פאַרטוך, האָט פּאַשקע אָנגעהויבן:

— לוי — — בט...

— גאָטס נאָמען, — האָבן אונטערגעכאַפּט עטלעכע שטי־מען, אָבער זשיכאַרעוו האָט באַאומרויקט געשריגן:

— יעווגעני — נידעריקער! לאָז אַרונטער די שטים ביז צום גרונט פון דער נשמה...

דומף, ווי מ׳זיצט אין אַ פאַס, רופט אויס סיטאַנאָוו:

— גאָטס קנע־עכט...

— נישט אַזוי. דאָ דאַרף מען אַזוי אַ נעם טון, אַז די ערד זאָל אַ ציטער טון און טיר און פענסטער זאָלן אויפפּראַלן פון זיך אַליין!

זשיכאַרעוו האָט זיך אינגאַנצן געצוקט פון אומפאַרשטענ־דלעכער אויפרעגונג. זײַנע וווּנדערלעכע ברעמען גייען אַרום אי־בערן שטערן אַרויף און אַראָפּ, זײַן שטים ציטערט, און די פינ־גער צימבלען איבער אַן אומגעזעענעם צימבל.

— גאָטס קנעכט — פאַרשטייסט? — זאָגט ער מיט אַ טי־פער כוונה. — דאָס דאַרף מען דערפילן ביז צום סאַמע קערן, דורך דעם שאָלעכץ. קנע—עכט, לויבט גאָט! ווי אַזוי זשע פאַר־שטייט איר דאָס נישט, איר לעבעדיקע מענטשן?

— דאָס קומט בײַ אונז קיינמאָל נישט אַרויס, ווי איר ווייסט. — זאָגט מיט דרך ארץ סיטאַנאָוו.

— נו, לאָזן מיר דאָס!

זשיכאַרעוו נעמט זיך אַ באַליידיקטער צו דער אַרבעט. ער איז דער בעסטער מייסטער, ער קאָן מאָלן פּנימער ביזאַנ־טעיש, פראַנזשיש און „מאַלעריש" אויפן איטאַליענישן שטייגער.

וען לאריאניטש נעמט אָן באַשטעלונגען אויף איקאָנע־ארונות, עצהט ער זיך מיט אים, ער איז אַ פיינער קענער פון די אָריגינאַלן פון די הייליקע בילדער. אַלע טייערע קאָפּיעס פון די מופתדיקע איקאָנעס—די פעאָדאָראָווער, סמאָלענסקער, קאַזאַנער און אַנדערע—גייען דורך דורך זיינע הענט. אָבער ריידנדיק זיך אין די אָריגינאַלן, בורטשעט ער אויפן קול:

— געבונדן האָבן אונז אָט די אָריגינאַלעכלעך... ממש געזאָגט, געבונדן!...

נישט קוקנדיק אויף זיין אָנגעזעענקייט אין ווערקשטאַט, איז ער וויניקער גאווהדיק פאַר אַנדערע, באַצייט זיך פריינטלעך צו די לערניינגלעך—צו מיר און פּאַוועלן; וויל אונז אויסלערנען די מלאכה. דערמיט פאַרנעמט זיך קיינער נישט, אַ חוץ אים.

שווער איז אים צו פאַרשטיין, בכלל איז ער נישט קיין פריילעכער מענטש, ער אַרבעט אַמאָל אָפּ אַ גאַנצע וואָך שווייגנדיק, ווי אַ שטומער; קוקט אויף אַלעמען פאַרוווּנדערט און פרעמד, גלייך ער וואָלט דאָס ערשטע מאָל דערזען די באַקאַנטע מענטשן. און הגם ער האָט זייער ליב געזאַנג, זינגט ער אין די דאָזיקע טעג נישט און, דאַכט זיך, אַז ער הערט גאָר אפילו די לידער נישט. אַלע קוקן אים נאָך, ווינקנדיק איינער צום אַנדערן. ער איז אָנגעבויגן איבער אַ קווער געשטעלטן, הייליקן בילד, זיין ברעטל שטייט ביי אים אויף די קני, די מיט אָנגעשפּאַרט אויף אַ ברעג פון טיש, זיין דינער פּענדזל מאָלט אויס מיט אַלע תיגין דאָס טונקעלע, פאַרפרעמדטע פּנים. אַליין איז ער אויך פינסטער און אָפּגעפרעמדט.

פלוצלינג זאָגט ער דייטלעך און באַליידיקט:

— וואָס איז אַזוינס אַ שליח? שליח איז דער טייטש שיקן, שליח—אַ פאָרגאַנגער, אָבער נישט עפּעס אַנדערש...

אין ווערקשטאַט ווערט שטיל. אַלע קוקן שמייכלענדיק קרום אין זשיכאַרעווס זייט, אין דער שטילקייט קלינגען מאָדנע ווערטער:

—מען דאַרף אים מאָלן נישט אין אַ פעלץ נאָר מיט פליגלען...
— מיט וועמען רעדסטו? — פרעגט מען אים.

ער שווייגט, הערט נישט די פראַגע, אָדער וויל נישט ענטפערן, שפּעטער — פאַלן ווידער אין דער וואַרטנדיקער שטיל־קייט זיינע ווערטער:

— דאָס לעבן פון די הייליקע מוז מען קענען, אָבער ווער קען זיי? וואָס ווייסן מיר? מיר לעבן אָן פליגלען... אַוווּ איז די נשמה?.. די נשמה — ווו איז? אָריגינאַלעכלעך... יאָ— דאָס איז דאָ, און דאָס האַרץ — פעלט...

די דאָזיקע געדאַנקען אויפן קול רופן אַרויס ביי אַלע־מען, אויסער סיטאַנאָוו, חוזקדיקע שמייכלען; כמעט שטענדיק שעפּטשעט עמעצער מיט אַ פרייד פון נקמה:

— שבת — וועט ער זיך אָנשיכּורן...

דער לאַנגער, אָדערדיקער סיטאַנאָוו, אַ בחור פון אַ יאָר צוויי און צוואַנציק, מיט אַ רונד פּנים אָן וואָנסעס און אָן ברע־מען, קוקט טרויעריק און ערנסט צום ווינקל.

איך געדענק, פאַרענדיקנדיק די קאָפּיע פון דער פיעאָ־דאָראָווער גאָטס-מוטער, מיר שיינט, פאַר קונגור, האָט זשיכאַ־רעוו אַוועקגעלייגט די איקאָנע אויפן טיש און געזאָגט הויך אויפגערעגט:

— נו, געענדיקט מוטער! ווי אַ בעכער ביסטו, — אַ בע־כער אָן אַ דנאָ, וועהין עס וועלן זיך ערשט אָנהויבן צו גיסן ביטערע, האַרציקע טרערן פון דער גאַנצער וועלט...

און, אַרויפוואַרפנדיק אויף זיך עמעצנס אַ מאַנטל, איז ער אַוועק — אין שענק. די יונגעלייט האָבן אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער, ס'איז אַוועק אַ פייפעריי. עלטערע מענטשן האָבן מיט קנאה אים נאָכגעשיקט אַ זיפץ, און סיטאַנאָוו איז צוגע־גאַנגען צו דער אַרבעט, האָט זי אויפמערקזאַם באַקוקט און דערקלערט:

— אוודאי, ער וועט זיך אָנשיכּורן... מחמת עס איז אים אַ שאָד אַרויסצוגעבן די אַרבעט. דאָס דאָזיקע געפיל פילט נישט יעדער...

זשיכּארעווס שיכּרות האָט זיך תּמיד אָנגעהויבן פון שבת. דאָס איז נישט געווען אפשר קיין געוויינלעכע קראַנקהייט פון אַן אַרבעטער אַן אַלקאָהאָליקער; אָנהויבן פלעגט זיך עס אַזוי: אינדערפרי פלעגט ער שרייבן אַ צעטעלע און אָפּשיקן עס ער־געץ ווו דורך פּאַוועלן, און פאַר מיטאָג פלעגט ער זאָגן צו לאַריאַניטשן:

— כ׳גיי היינט אין באָד.

— אויף לאַנג?

— נו. גאָט מיינער.

— אָבער, כ׳בעט אייך, נישט לענגער ווי ביז דינסטיק! זשיכּארעוו האָט מסכּים געווען צושאָקלענדיק מיטן נאַ־קעטן שיידל, זיינע ברעמען האָבן געציטערט.

קומענדיק פון באָד פלעגט ער זיך אויספּוצן מעשה פּראַנט, אָנטון אַ מאַנישקע, אַ זיידן שאַלעכל אויפן האַלז, פלעגט אַרויס־לאָזן איבער דער אַטלעסענער וועסט זיין לאַנגע, זילבערנע קייט און שווייגנדיק אַוועקפאָרן, אָנזאָגנדיק מיר און פּאַוועלן:

— צו אָוונט צו אויפרוימען דעם ווערקשטאָט וואָס ריי־נער; דעם גרויסן טיש אָפּוואַשן, אָפּקראַצן!

אַלע האָבן זיך דערפילט יום־טובדיק, אויסגעצויגן די ביי־נער, אַרומגעפּוצט זיך, געלאָפן אין באָד, אייַלנדיק געגעסן אָוונט־ברויט; נאָכן אָוונט־ברויט פלעגט זיך אַראָפּלאָזן זשיכּאַ־רעוו מיט קלימיקלעך צובייסעכצן, מיט ביר און ווייַן, און נאָך אים אַ פרוי, וואָס האָט אין איר גרייס איבערגעשטיגן אַלע מאָסן, כּמעט אַ פאַרזעעניש. איר הויך איז געווען אַן ערך צוויי אַרשין מיט צוועלף ווערשקעס. אַלע אונזערע שטולן און טאַבו־רעטקעס האָבן אויסגעזען קעגן איר ווי שפּילעכלעך, אפילו דער לאַנגער סיטאַנאוו איז געווען אַ יינגל אין פאַרגלייך מיט איר. זי איז זייער שלאַנק, נאָר איר ברוסט איז ווי אַ בערגל אויפ־געהויבן ביז צו דער מאָרדע, די באַוועגונגען געלאַסענע, אומ־געלומפּערטע. זי איז איבער פערציק, נאָר איר רונד, אומבאַ־וועגלעך פּנים, מיט די גרויסע, פערדישע אויגן, איז פריש און

גלאַט, דער קליינער מויל זעט אויס ווי אָנגעמאָלט, ווי ביי אַ ביליקער ליאַלקע. די פרוי האָט געשמייכלט, אַריינגערוקט איט־לעכן אַ ברייטע, וואַרעמע האַנט און גערעדט אומגויטיקע ווערטער:

— אַ גוטן אָוונט. אַ פראָסט היינט. ס׳אַראַ שטאַרקער ריח עס הערט זיך ביי אייך. פּאַרב, אַפּנים. אַ גוטן אָוונט אייך.

ס׳איז אָנגענעם צו קוקן אויף איר, זי איז רויק און שטאַרק, ווי אַ גרויסער, פולער טייך, גאָר אין אירע רייד איז עפּעס שלעפעריקס, זיי זענען אַלע איבעריק און פאַרמאַטערן. איידער זי האָט אויסגערעדט אַ וואָרט, האָט זי זיך אָנגעבלאָזן, נאָך רונדער מאַכנדיק דערביי אירע רויטע באַקן.

די יונגעלייט שעפּטשען, שמייכלענדיק.

— אָט איז אַ מאַשין

— אַ טורעם!

צונויפגעצויגן די ליפּן, ווי אַ שלייפל, די הענט אונטער די ברוסט, זעצט זי זיך ביים געגרייטן טיש צום סאַמאָוואַר, און קוקט אויף אַלעמען כסדר מיט אַ גוטן בליק פון פערדישע אויגן.

אַלע באַציען זיך צו איר מיט דרך ארץ, די יונגעלייט האָבן אפילו אַביסל מורא פאַר איר, — עס דערלאַנגט אַ קוק אַ בחור אויף דעם דאָזיקן גרויסן קערפּער מיט גיריקע אויגן, נאָר ווען זיין בליק טרעפט זיך מיט איר פעסט אַרומנעמענדיקן בליק, לאָזט דער בחור פאַרשעמט אַראָפּ זיינע אויגן. זשיכאַרעוו איז אויך העפלעך מיט זיין גאַסט, ער איז מיט איר אויף „איר״ רופט זי טויפמוטער; בשעת ער איז זי מכבד, פאַרבייגט ער זיך נידעריק.

— באַאומרויקט זיך נישט, — ציט זי מיט אַ זיסער שטים— ס׳איז אַן אומרויקער איר זענט, באמת!

אַליין לעבט זי נישט איילנדיק, אירע הענט באַוועגן זיך נאָר פון די עלנבויגנס ביז צו די פינגער, און די עלנבויגנס זענען פעסט צוגעדריקט צו די זייטן, עס הערט זיך פון איר אַ ספּירט־ריח פון הייסן ברויט.

דער זקן גאָגאָלעוו, פאַרהיקנדיק זיך פון התפעלות, לויבט די שיינהייט פון דער פרוי, ער לייענט, ווי אַ שמש די קלויז-סטער-תּפילות, זי הערט זיך צו, שמייכלענדיק גנעדיק, אָבער, ווען ער פאַרפּלאָנטערט זיך אין די רייד, זאָגט זי וועגן זיך:

— אין די מיידלשע יאָרן זענען מיר גאָרנישט אַזוי שיין געווען, דאָס איז אונז אַלץ צוגעקומען פון פרויען-לעבן. צו דרייסיק יאָר זענען מיר געוואָרן אַזוי אָנזעעוודיק, אַז פּריצים אפילו האָבן זיך אינטערעסירט. איינער, אַן אָנפירער פון אויעזד האָט צוגעזאָגט אַ קאַרעטע מיט אַ פּאָר פערד...

קאַפּעדיוכין, אָנגעשיכּורט, צעפּודלט, קוקט אויף איר מיט אַ בליק פול שנאה און פרעגט גראָב:

— פאַרוואָס אייגנטלעך האָט ער דאָס צוגעזאָגט?

— פאַר אונזער ליבע, פאַרשטענדלעך. — דערקלערט דער גאַסט.

— ליבע, — מורמלט קאַפּעדיוכין, פאַרשעמט — וואָס איז דאָרט פאַראַ ליבע?

— איר זענט אַזאַ שיינער יונג, ווייסט איר זייער גוט וועגן ליבע — זאָגט די פרוי פּשוט.

דער ווערקשטאַט טרייסלט זיך פון געלעכטער, און סי-טאַנאָוו וואָרטשעט צו צו קאַפּעדיוכינען.

—אַ נאַר, אויב נישט ערגער! אַזוי קאָן מען ליבן נאָר פון גרויס אומעט, ווי ס'איז אַלעמען באַוווּסט..

ער ווערט בלאַס פונם ווייַן, אויף זיינע שלייפן טרעט אַרויס דער שווייס, ווי פּערל, די קלוגע אויגן ברענען אומרויק. און דער אַלטער גאָגאָלעוו, דרייענדיק מיט דער העסלעכער נאָז, ווישט מיט די פינגער די טרערן פון די אויגן און פרעגט:

— וויפל קינדער האָסטו געהאַט?

— מיר האָבן געהאַט איין קינד...

איבערן טיש הענגט אַ לאָמפּ, הינטערן ווינקל פון אויוון— אַ צווייטער. זיי לייכטן קאַרג, אין די ווינקלען פון ווערקשטאַט האָבן זיך געלייגט פינסטערע שאָטנס, פונוואַנען עס קוקן אַרויס די נישט דערמאָלטע פיגורן, אָן קעפּ. די פלאַכע, גראָע פלעקן

אויפן אָרט פון די הענט און קעפּ האָבן אין זיך עפּעס אימה־דיקס, נאָכמער ווי שטענדיק, דאַכט זיך, אַז פונם קעלער זע־נען די קערפּערס פון די הייליקע געהיימניספול פאַרשוווּנדן פון די פאַרביקע בגדים. די גלעזערנע קוילן זענען אויפגעהויבן ביז צום באַלקן, זיי הענגען דאָרט, אין אַ וואָלקענדל פון רויך, אויף האקנדלעך, און גלאַנצן בלוילעך.

זשיכאַרעוו גייט אַרום אומרויִק אַרום דעם טיש און איז אַלעמען מכבד, זיין פליכעוואַטער שאַרבן בויגט זיך אָן אַלע ווײַלע צו איינעם, צום אַנדערן, די דינע פינגער שפּילן כסדר. ער איז אויסגעמאָגערט, זיין רויבערישע נאָז איז געוואָרן נאָך שפּיציקער. ווען ער שטייט מיט דער זייט צום פייער, פאַלט אויף זיין באַק אַ שוואַרצער שאָטן פון דער נאָז.

— עסט, טרינקט, פריינט מיינע. — זאָגט ער מיט אַ הילכיקן טענאָר.

און די פרוי זאָגט ווי אַ באַלעבאָסטע:

— וואָס באַאומרויִקט איר זיך, מיין פריינט? יעדער האָט זיין אייגענע האַנט, זיין אייגענעם אַפּעטיט; מער, ווי ס׳ווילט זיך, קאָן קיינער נישט אויפעסן!

— רוט אייך אויס, עולם! — שרייט זשיכאַרעוו אויפגע־רעגט. — מיינע פריינט, אַלע זענען מיר גאָטס קנעכט, טאָ לאָמיר זשע אויפזינגען „לויבט דעם נאָמען״...

דאָס געזאַנג גיט זיך נישט איין, אַלע זענען שוין צעקראָכן, שיכּור פון עסן און פון בראָנפן. קאַפּעדיוכין האַלט אין די הענט אַ האַרמאָניקע מיט דאָפּלטע קלאַווישן. דער יונ־גער וויקטאָר סאַלאַטין, אַ פינסטערער און ערנסטער, ווי אַ יונ־גע קראָ, האָט גענומען דאָס פייקל, פירט מיטן פינגער איבער דער אָנגעצויגענער פעל, די פעל הילכט דומף, עזותדיק קלינ־גען די גלעקלעך.

— אַ רוסיש טענצל, — קאָמאַנדירט זשיכאַרעוו — זייט מוחל, מוטערל!

— אַך, — זיפצט די פרוי, אויפשטייענדיק — ווי איר באַאומרויִקט זיך!

זי גייט אַרויס אויף אַ כּרייען פּלאַץ און שטעלט זיך אַוועק פעסט ווי אַ טורעם. זי טראָגט אַ ברייטע, ברוינע קלייד, אַ געלע באַטיסטענע קאַפּאָטע און אַ רויט טיכל אויפן קאָפּ.

עזותדיק רימפּלט די האַרמאָניקע, עס קלינגען די גלעקלעך, די פּעל פון פּייקל גיט אַרויס אַ טויבן זיפּצעדיקן קלאַנג. דאָס איז נישט אָנגענעם צוצוהערן: ווי איינער, וואָס איז אַראָפּ פון זינען, האַקט זיך, קרעכצנדיק און יאָמערנדיק, מיטן שטערן אין וואַנט.

זשיכאַרעוו קאָן נישט טאַנצן, ער דרייט בלויז מיט די פּיס, צוטופּנדיק מיט די אָפּצאַסן פון זיינע בלאַנק אָפּגעפּוצטע שיך, שפּרינגט, ווי אַ באָק, אָבער אַלץ נישט נאָכן טאַקט פון דער צעגומענער מוזיק. די פּיס זענען ביי אים, ווי פרעמדע, דער קערפּער שלענגלט זיך נישט שיין, ער וואַרפט זיך, ווי אַן אָסע אין שפּינוועבס, אָדער ווי אַ פיש אין נעץ, דאָס איז נישט פריילעך. אָבער אַלע, אפילו די שיכּורע, קוקן אויפמערקזאַם און שווייגנדיק אויף זיינע קאָנוווּלסן, אויף זיין פּנים און הענט. זשיכאַרעווס פּנים בייט זיך ווּנדערלעך, באַלד ווערט ער פריינטלעך און שעמעוודיק, און באַלד פלוצלינג שטאָלץ און האַרב אָנגעברוגזט; אָט האָט ער זיך פון עפּעס פאַרוווּנדערט, אַ קרעכץ געטון, פאַרמאַכט אויף אַ רגע די אויגן, און עפּענענדיק—געוואָרן אומעטיק. פעסט צונויפדריקנדיק די קולאַקעס, גנבעט ער זיך אונטער צו דער פרוי, און פלוצלינג, אַ טופּ געבנדיק מיטן פוס, פאַלט ער פאַר איר אויף די קני, שפּרייט ברייט אויס די הענט, הויבט אויף די ברעמען און שמייכלט האַרציק. זי קוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל און וואָרנט רויק:

— וועסט מיד ווערן, פּאָטערל!

זי באַמיט זיך צו פאַרמאַכן ליבלעך די אויגן, אָבער די דאָזיקע אויגן, גרויס ווי אַ דרייקאָפּיקענע מטבע, מאַכן זיך נישט צו, און איר געזיכט, איינגעקנייטשט, באַקומט אַן אומאַנגענעמען אויסדרוק.

זי קאָן אויך נישט טאַנצן, נאָר פּאַמעלעך צעוויגט זי איר מגושמדיקן קערפּער און באַוועגט אים אָן גערויש פון אָרט

צו אָרט. אין דער לינקער האַנט האַלט זי אַ טיכל און פּאַכעט פויל מיט אים. די רעכטע האַנט האַלט זי אָנגעשפּאַרט אין אַ זייט. דאָס מאַכט זי ענלעך צו אַ ריזיקן קרוג.

און זשיכאַרעוו דרייט זיך אַרום דער דאָזיקער שטיינער־נער ווייב, בייטנדיק דאָס געזיכט אין ווידערשפּרוך, ס׳דאַכט זיך, אַז ער טאַנצט נישט איינער, נאָר אַ צענדליק, אַלץ פאַר־שידענע מענטשן: איינער—אַ שטילער, הכנעהדיקער, אַ צווייטער—אַ בייזער, אימהדיקער; דער דריטער—האָט אַליין פאַר עפּעס מורא, און, זיצנדיק שטיל, וויל ער אומבאַמערקטערהייט זיך אַרויסדרייען פון דער גרויסער, אומאַנגענעמער פרוי. און אָט האָט זיך באַוויזן איינער, האָט אויסגעשטעלט די ציין, בויגט זיך קראַמפּהאַפט, ווי אַ פאַרווונדעטער הונט. דער דאָזי־קער לאַנגווייליקער, מיאוסער טאַנץ רופט אַרויס ביי מיר אַ שווערן אומעט, וועקט אויף נישט גוטע זכרונות וועגן סאָלדאַטן, וועשינס, קעכינס, וועגן הינטישע חתונות.

ס׳קומען אַרויף אויפן זכרון סיטאַנאָווס שטילע ווערטער:

— אין דער זאַך ליגן אַלע, אַזאַ ענין איז דאָס שוין— ס׳איז אַלעמען אַ חרפה, קיינער האָט קיינעם נישט ליב, נאָר פּשוט צעלאָזנקייט...

כ׳וויל נישט גלויבן, אַז „אַלע ליגן אין דער זאַך", ווי־באַלד אַזוי, איז וואָס איז מיט דער קעניגין מאַרגאָ? און זשי־כאַרעוו לייגט זיכער. כ׳ווייס, אַז סיטאַנאָוו האָט זיך פאַרליבט אין אַ צעלאָזן מיידל, און זי האָט אים אָנגעשטעקט מיט אַ מיאוסער קראַנקהייט, אָבער ער שלאָגט זי נישט דערפאַר, ווי עס עצהן אים זיינע חברים, נאָר האָט געדונגען פאַר איר אַ צימער, היילט זי און רעדט וועגן איר שטענדיק עפּעס מאָדנע פריינטלעך, פאַרשעמט.

די גרויסע פרוי וויגט זיך כסדר, שמייכלט טויט, פּאַכנ־דיק מיטן טיכל; זשיכאַרעוו טאַנצט קראַמפּנדיק אַרום איר, איך קוק און קלער: איז דען חוה, וואָס האָט אָפּגענאַרט גאָט, אויך געווען אַזאַ פערד? עס דערוועקט זיך אין מיר אַ געפיל פון שנאה צו איר.

די איקאנעס אָן פּנימער קוקן אַראָפּ פון די פּינסטערע ווענט, צו די שויבן פון די פענסטער האָט זיך צוגעטוליעט די פינסטערע נאַכט, די לאָמפּן ברענען טונקל אין דער פאַרשטיק־טער לופט פון ווערקשטאַט. דו הערסט זיך צו, און — צווישן שווערן טופּען, אין טומל פון אַלערליי קולות, הערט זיך ווי עס קאַפּען איילנדיק די טראָפּנס וואַסער פון דער מעשענער האַנטפאַס אין שמוציקן קיבל אַריין.

ווי אַנדערש דאָס איז אַלץ פונם לעבן, וועגן וועלכן איך האָב געלייענט אין די ביכער; אימהדיק אַנדערש. אָט איז ענדלעך אַלעמען געוואָרן אומעטיק. קאַפּעדיוכין רוקט דעם האַרמאָניק סאַלאַאוטינען אין די הענט און שרייט:

— אַרבעט! — אַ רויק זאָל גיין!

ער טאַנצט, ווי וואַנקע ציהאן, — פונקט ווי ער וואָלט פליען אין דער לופט, נאָכדעם טאַנצט עזותדיק און פלינק פּאַוועל אָדינצאָוו, סאָראָקין; דער דעריקער דאַווידאָוו שלעפּט אויך די פיס איבער דער פּאָדלאָגע און הוסט פון שטויב, רויך, פון שטאַרקן ריח פון בראָנפן און געדויכערטע וורשט, וואָס האָט שטענדיק אַ גערוך פון געברענטן לעדער.

מ׳טאַנצט, מ׳זינגט, מ׳שרייט, אָבער יעדער האָט אין זינען, אַז ער, — פרייט זיך, און אַלע, — ווי זיי וואָלטן אָפּגעגעבן עקזאַמען איינער פאַרן אַנדערן — אַן עקזאַמען אין פלינקייט און אומדערמידלעכקייט.

דער באַזויפענער סיטאַנאָוו פרעגט דאָ ביי איינעם, דאָ ביים צווייטן:

— קאָן מען דען ליבן אַזאַ פרויענצימער, האַ?

ס׳דאַכט זיך, אַז ער וועט זיך באַלד פונאַנדערוויינען.

אויפהויבנדיק די שפּיציקע, ביינערדיקע אַקסלען, ענטפערט אים לאַריאָניטש:

— אַ פרויענצימער, ווי אַלע פרויענצימער, וואָס ווילסטו נאָך?

יענע, וועגן וועמען מען רעדט, זענען אומבאַמערקט פאַר־שוווּנדן. זשיכאַרעוו וועט זיך באַווייזן אין ווערקשטאַט אין אַ

טאָג צוויי דריי אַרום, וועט אַוועק אין באָד און נאָכדעם וועט ער אַרבעטן אַ פּאָר וואָכן אין זיין ווינקל אַ שווייגעדיקער, אַ סאָלידער.

— זיי זענען אַוועק? — פרעגט סיטאַנאָוו ביי זיך אַליין, באַקוקנדיק דעם ווערקשטאַט מיט אומעטיקע בלוילעך-גרויע אויגן, זיין פּנים איז נישט שיין, אַלטלעך עפּעס, אָבער די אויגן — ליכטיקע, גוטע.

סיטאַנאָוו באַציט זיך צו מיר פריינטלעך — דאָס האָב איך צו פאַרדאַנקען דעם העפט מיט פאַרשריבענע געדיכטן. ער גלויבט נישט אין גאָט, ס'איז אָבער שווער צו פאַרשטיין — ווער דאָ אין דעם ווערקשטאַט, אויסער לאַריאָניטשן, האָט ליב גאָט און גלויבט אין אים: אַלע רעדן וועגן אים לייכט-זיניק, מיט שפּאָט, פּונקט ווי מ'האָט ליב צו רעדן וועגן אַ באַלעבאָסטע. און דאָך. ביי מיטאָג און אָוונטברויט — צלמט מען זיך, פאַרן שלאָף — בעט מען צו גאָט, אין חגאות גייט מען אין קלויסטער.

סיטאַנאָוו טוט דאָס אַלץ נישט, און מען האַלט אים פאַר אַן אפּיקורס.

— ס'איז נישטאָ קיין גאָט. — זאָגט ער.

— טאָ פונוואַנען נעמט זיך אַלץ?

— כ'ווייס נישט...

אַז איך האָב אים געפרעגט: וואָס הייסט: קיין גאָט איז נישטאָ? — האָט ער דערקלערט.

— פאַרשטייסט: גאָט — איז די הויכקייט.

און האָט אויפגעהויבן די לאַנגע האַנט איבערן קאָפּ, דערנאָך אַרונטערגעלאָזן ביז אויף אַן אַרשין פון דער פּאָדלאָגע און געזאָגט:

— דער מענטש — איז נידעריקייט! ריכטיק? און עס שטייט ווי דו ווייסט: „דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס פאָרם און געשטאַלט”. און צו וועמען איז ענלעך גאָגאָלעוו?

דאָס איז פאַר מיר אַ גוואַלדיקער קלאַפּ: דער שמוציקער און שיכורער זקן גאָגאָלעוו, נישט קוקנדיק אויף זיינע יאָרן,

באַגייט די זינד פון אונז; איך דערמאָן מיך אָן דעם וויאַטקער סאָלדאַטל יערמאַכין, אָן באַבעס שוועסטער, — מיט וואָס זענען זיי ענלעך צו גאָט?

— מענטשן — זענען חזרים, ווי עס איז באַקאַנט.—זאָגט סיטאַנאָוו און הויבט מיך גלייך אָן צו טרייסטן.

— ס'מאַכט נישט אויס מאַקסימיטש, ס'זענען דאָ אויך גוטע, פאַראַן!

מיט אים איז געווען לייכט, פשוט. ווען ער האָט עפּעס נישט געוווּסט, האָט ער געזאָגט אָפן:

— כ'ווייס נישט, וועגן דעם האָב איך נישט געטראַכט!

אָט דאָס — אויך אומגעוויינלעך: ביז אים האָב איך געזען נאָר מענטשן, וואָס האָבן אַלץ געוווּסט און וועגן אַלץ גערעדט.

מיר איז עפּעס מאָדנע געווען צו זען אין זיין העפט צוזאַמען מיט גוטע, רירנדיקע געדיכטן אויך פיל שמוציקע לידער, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ געפיל פון חרפה. ווען איך האָב אים געזאָגט וועגן פּושקינען, האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף „גאַווריליאַדע", וואָס ער האָט אַראָפּגעשריבן אין זיין העפט...

— פּושקין — וואָס? פּשוט — אַלץ, זעסטו בענעדיקטאָוו, דער איז, מאַקסימיטש, ווערט מ'זאָל זיך מיט אים אינטערעסירן.

און, צומאַכנדיק די אויגן, האָט ער שטיל געלייענט:

קוק: אָט איז די צויבערפולע ברוסט
פון דער פּרעכטיקער פרוי...

אין דריי שורות האָט ער צוליב עפּעס באַזונדערס אויסגעמאָלט און מיט שטאָלצער שמחה געלייענט:

נאָר אויב דער שאַרפער בליק פון אָדלער
וועט דורך די דאָזיקע פעסטע לאָדן
נישט דורכדרינגען ביז צום האַרצן...

— פאַרשטייסט?

כ'האָב מיך זייער געשעמט מודה צו זיין, אַז איך פאַרשטיי נישט, מיט וואָס ער פרייט זיך אַזוי.

XIX

מיין פליכט אין ווערקשטאַט איז געווען אַ גאַנץ איינפאַ־כע: אינדערפרי, ווען אַלע שלאָפן נאָך, האָב איך געדאַרפט צוגרייטן פאַר די אַרבעטער דעם סאַמאָוואַר, און בעת זיי פלעגן אין קיך טרינקען טיי, פלעג איך מיט פאַווען אויפרוי־מען דעם ווערקשטאַט, אָפּטיילן די געלכלעך פון די ווייסלעך פאַר די פאַרבן, און נאָכדעם פלעג איך אַוועקגיין אין קראָם. אין אָוונט האָט מען מיר געהייסן רייבן פאַרבן און „צוקוקן זיך" צו דער אַרבעט. פון אָנפאַנג האָב איך זיך „צוגעקוקט" מיט גרויס אינטערעס, נאָר באַלד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אַלע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דער דאָזיקער צעבראָקלטער אַר־בעט, האָבן זי נישט ליב און לאַנגווייליקן זיך שטאַרק.

אין די אָוונטן בין איך געווען פריי, כ'האָב דערציילט די מענטשן וועגן לעבן אויפן דאַמפער, דערציילט פאַרשידענע געשיכטעס פון ביכער, און, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, האָב איך אין ווערקשטאַט איבערגענומען עפּעס אַ באַזונדער ראָל פון אַ דערציילער און פאָרלעזער.

גאָר גיך האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די אַלע מענטשן האָבן געזען און וויסן ווייניקער פאַר מיר; כמעט יעדער פון זיי איז פון קינדווייז אָן אַוועקגעזעצט געוואָרן, ווי אין אַ שטייג ביי דער אַרבעט און זיצט פון דאַן אָן ביי איר. פון דעם גאַנצן ווערקשטאַט איז בלויז זשיכאַרעוו אַליין געווען אין מאָסקווע, וועגן וועלכער ער האָט גערעדט איינדרינגלעך און אומעטיק.

— מאָסקווע גלויבט נישט אין קיין טרערן, דאָרטן מוזסטו קוקן מיט זיבן אויגן!

אַלע איבעריקע זענען געווען נאָר אין שויע, אין וולאַ־דימיר; ווען עס איז געקומען צו רייד וועגן קאַזאַן, האָט מען מיך געפרעגט:

— זענען דאָרט דאָ אַ סך רוסישע? און קלויסטערס זע־נען פאַראַן?

פערם איז בײ זײ געװען אין סיביר; זײ האָבן נישט געגלויבט, אַז סיביר — געפינט זיך הינטערן אוראַל.

— די אוראַלער סאָנדעקעס און סטער־פיש ברענגט מען אָך פון דאָרטן, פון קאַספּישן ים? הייסט עס — דער אוראַל איז בײם ים!

איך פלעג צומאָל מיינען, אַז זײ לאַכן פון מיר, באַהויפּטנדיק, אַז ענגלאַנד — געפינט זיך הינטערן אָקעאַן, און אַז באָנאַפּאַרט שטאַמט פון די קאַלוגער פּריצים. װען איך פלעג זײ דערציילן פון דעם, װאָס איך האָב אַליין געזען, פלעגן זײ מיר װייניק גלויבן, נאָר אַלע האָבן זײ ליב געהאַט שרעקלעכע מעשיות, פאַרפּלאָנטערטע געשיכטעס; אפילו עלטערע מענטשן האָבן געערנער געהאַט צו הערן אַן אויסגעטראַכטע מעשה, — װי אַן אמת; כ׳האָב דייטלעך געזען, אַז װאָס אומגלויבלעכער עס זענען די געשיכטעס, װאָס מער פאַנטאַזיע אין דער געשיכטע, אַלץ אויפמערקזאַמער הערן מיך די מענטשן אויס. בכלל האָט זײ די װירקלעכקייט װייניק אינטערעסירט, און אַלע האָבן טרוימעריש אַריינגעקוקט אין דער צוקונפט, נישט װעלנדיק זען די אָרעמקייט און העסלעכקייט פון דער געגנוואַרט.

דאָס האָט מיך נאָך מער פאַרוואונדערט, װאָרום איך האָב שוין גענוג שאַרף געפילט דעם װידערשפּרוך צװישן לעבן און בוך; אָט זע איך פאַר זיך לעבעדיקע מענטשן, און אין די ביכער זענען אַזעלכע נישטאָ. נישטאָ קיין סמוריי, קיין הייצער יאַקאָװ, קיין בעגין אַלעקסאַנדער גאַסיליעװ, זשיכאַרעװ, קיין װעשין נאַטאַליע...

אין דאַװידאָװס קופערט האָבן זיך געפונען גאַליצינסקיס צעשמאַטעטע דערציילונגען, בולגאַרינס „װיװאַן װייזשיגין״, אַ באַנד פון באַראָן בראַמבעאוס; כ׳האָב דאָס אַלץ איבערגעלייענט אויפן קול, אַלעמען איז געפעלן געװאָרן, נאָר לאַריאָניטש האָט געזאָגט:

— דאָס לייענען ציט אָפּ פון מחלוקתן און פון טומל — דאָס איז גוט!

כ׳האָב אָנגעהויבן פלייסיק זוכן ביכער, פלעג זײ אויס־

געפינען און יעדן אָוונט פאַרגעלייענט. דאָס זענען געווען גוטע אָוונטן; אין װערקשטאַט איז שטיל, ווי אין דער נאַכט; איבער די טישן הענגען גלעזערנע קוילן—קאַלטע, ווייטע שטערן, זייערע שטראַלן באַלייכטן די צעקודלטע, פליכעוואַטע קעפּ, אָנגעבויגענע צום טיש, איך זע רויקע, פאַרטראַכטע פּנימער, אַמאָל רייסט זיך אַרויס אַ וואָרט פון לויב פאַר דעם מחבר פון בוך אָדער פאַר זיין העלד. די מענטשן זענען אויפמערקזאַם און מילד, גאַרנישט ענלעך אויף זיך; כ'האָב זיי זייער ליב אין די דאָזיקע שעהן, און זיי באַציִען זיך אויך צו מיר גוט; כ'האָב זיך געפילט אויפן אָרט.

— מיט די ביכער איז ביי אונז געוואָרן, ווי אין פרילינג, בעת מ'נעמט אַרויס די טאָפּלט־ראַמען און מען עפנט דאָס ערשטע מאָל אויף די פענסטער. — האָט איינמאָל געזאָגט סיטאַנאָוו.

ס'איז געווען שווער צו קריגן ביכער; פאַרשרייבן זיך אין אַ ביבליאָטעק איז נישט איינגעפאַלן, נאָר פונדעסטוועגן פלעג איך זיך קליגן צו קריגן ביכער, אויסבעטנדיק זיי אומעטום, ווי אַ נדבה. איינמאָל האָט מיר דער פייערלעשער בראַנדמייסטער געגעבן אַ באַנד פון לערמאַנטאָוו, און דאָ האָב איך דערפילט די קראַפט פון פּאָעזיע, איר מעכטיקע השפּעה אויף די מענטשן.

איך געדענק, אַז גלייך ביי די ערשטע שורות פון „דעמאָן" האָט סיטאַנאָוו אַריינגעקוקט אין בוך, דערנאָך—מיר אין פּנים אַריין, האָט אַוועקגעלייגט דעם פּענדל אויפן טיש און, אַריינרוקנדיק די לאַנגע הענט צווישן די קני, האָט ער זיך גענומען שאָקלען שמייכלענדיק. דער שטול האָט אָנגעהויבן סקריפּען אונטער אים.

— שטילער, ברודער. — האָט געזאָגט לאַריאָניטש און, וואַרפנדיק אויך די אַרבעט, איז ער צוגעגאַנגען צו סיטאַנאָווס טיש, ביי וועלכן איך האָב געלייענט. די פּאָעמע האָט מיך פיינלעך און זיס אויפגערעגט, מיין שטים האָט געציטערט, כ'האָב קוים געזען די שורות פון די לידער, טרערן האָבן זיך

מיר געשטעלט אין די אויגן. נאָכמער אָבער האָט מיך אויפֿגערעגט די טויבע, פּאָרזיכטיקע באַוועגונג אין ווערקשטאַט, עס האָט זיך שווער געררודערט אין אים, און פּונקט ווי אַ מאַגנעט וואָלט צוגעצויגן די מענטשן צו מיר. ווען כ׳האָב געענדיקט דעם ערשטן טייל, זענען כמעט אַלע געשטאַנען אַרום טיש, ענג אָנגעשפּאַרט איינער אויפֿן אַנדערן, אַרומגענומענע, רונצלענדיק מיט די שטערנס און שמייכלענדיק.

— לייען, לייען. — האָט געזאָגט זשיכאַרעוו, אַראָפּבויגנדיק מיין קאָפּ צום בוך.

כ׳האָב געענדיקט לייענען, ער האָט גענומען דעם בוך, האָט אַ קוק געטון זיין טיטול, און אַרונטעררוקנדיק אונטער דער פּאַכווע, דערקלערט:

— דאָס דאַרף מען נאָכאַמאָל דורכלייענען! מאָרגן וועסטו נאָכאַמאָל דורכלייענען. דעם בוך וועל איך באַהאַלטן.

ער איז אָפּגעטראָטן, האָט פֿאַרשלאָסן לערמאָנטאָוון אין שופֿלאָד און האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. אין ווערקשטאַט איז געווען שטיל, די מענטשן זענען זיך פּאָרזיכטיק פֿונאַנדערגעגאַנגען צו זייערע טישן; סיטאַנאָוו איז צו צום פֿענסטער, צוגעלייגט דעם שטערן צום שויב און איז פֿאַרגליווערט געוואָרן, און זשיכאַרעוו האָט ווידער אָפּגעלייגט דעם פּענדל אין אַ זייט און געזאָגט מיט אַ שטרענג קול:

— אָט דאָס איז אַ געשיכטע, גאָטס קנעכט... יאָ!

ער האָט אויפֿגעהויבן די אַקסלען, אַריינגערוקט דעם קאָפּ און געזאָגט ווייטער:

— דעם דעמאָן קאָן איך אַפֿילו אויסמאָלן: זיין קערפּער איז שוואַרץ און האָריק, די פֿליגלען פֿייערדיק-רויטע — ווי מעניג-פֿאַרב, און דער פּרצוף, די הענטלעך און די פֿיסלעך — ווייס-בלוי, אַ שטייגער, ווי דער שניי אין אַ לבֿנה נאַכט.

ביז צום סאַמע אָוונטברויט האָט ער זיך אומרויִק און גאָרנישט לויט זיין טבֿע געדרייט אויפֿן בענקל, געשפּילט מיט די פֿינגער און גערעדט אומפֿאַרשטענדלעך וועגן דעמאָן, וועגן פֿרויען און חווהן, וועגן גן-עדן און מכּוח דעם, ווי די הייליקע האָבן געזינדיקט.

— דאָס איז אַלץ אמת! -- האָט ער געטענהט — אויב הייליקע זינדיקן מיט זינדיקע פרויען, מעג דער דעמאָן האָבן אַ תשוקה צו אַ ריינער נשמה...

אַלע האָבן אים אויסגעהערט שווייגעדיק; אפנים, קיינעם האָט זיך, פונקט ווי מיר, נישט געוואָלט רעדן. מ׳האָט געאַר־בעט אָן חשק, קוקנדיק אויפן זייגער, און אַז דער זייגער האָט געשלאָגן ניין, האָבן אַלע גלייך אָוועקגעוואָרפן די אַרבעט.

סיטאַנאָוו און זשיכאַרעוו זענען אַרויס אויפן הויף, כ׳בין אַוועק מיט זיי. קוקנדיק דאָרט אויף די שטערן, האָט סיטאַנאָוו געזאָגט:

וואַנדערנדיקע קאַראַוואַנעס
אין רוים פון געוואָרפענע ליכטער...

— אַזוינס וועסטו נישט אויסטראַכטן!

—איך געדענק קיין שום ווערטער נישט, — האָט באַמערקט זשיכארעוו, שוידערנדיק פון דער שאַרפער קעלט. — איך גע־דענק גאָרנישט, נאָר אים זע איך! ס׳איז וווּנדערלעך — אַ מענטש האָט געצוווּנגען, מ׳זאָל רחמנות האָבן אויפן טייוול? איז דען נישט אַ רחמנות אויף אים, האַ?

— ס׳איז אַ רחמנות. — האָט סיטאַנאָוו מסכים געווען.

— אָט וואָס עס הייסט אַ מענטש! — האָט צום געדענקען אויסגעשריגן זשיכאַרעוו.

אין הויז האָט ער מיך מתרה געווען:

— דו, מאַקסימיטש, זאָג קיינעם נישט אין קראָם וועגן דעם בוך: ס׳איז זיכער אַ פאַרבאָטן בוך.

כ׳האָב מיך דערפרייט: אָט וועגן וועלכע ביכער דער גלח האָט ביי מיר נאָכגעפרעגט ביים ווידוי!

דאָס אָוונטברויט האָט מען געגעסן פאַמעלעך, פויל, אָן דעם געוויינלעכן טומל און געפּילדער, גלייך ס׳וואָלט מיט אַלע־מען געשען עפּעס אַזוינס וויכטיקס, מכּוח וואָס מ׳דאַרף שטאַרק אַ קלער טון. און נאָך אָוונטברויט, ווען אַלע האָבן זיך גע־לייגט שלאָפן, האָט מיר געזאָגט זשיכאַרעוו, אַרויסנעמענדיק דעם בוך:

— נו, לייען דורך נאָך אַמאָל. געלאַסן, נישט געאײַלט...

עטלעכע מאָן זענען שווייגעדיק אויפגעשטאַנען פון די בעטן, צוגעגאַנגען צום טיש און אויסגעטוענערהייט זיך אַרומגעזעצט, האַלטנדיק די פיס אונטער זיך.

און נאָכדעם, ווי איך האָב ווידער געענדיקט, האָט סיטאַנאָוו געזאָגט, צוקלאַפנדיק מיט די פינגער אין טיש:

— אָט דאָס איז אַ געשיכטע פון אַ לעבן! אַך, דעמאָן, דעמאָן... אָט ווי, ברודערל, האַ?

סיטאַנאָוו האָט זיך אַ בויג געטון איבער מיין פּלייצע, האָט עפּעס דורכגעלייענט און האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, זאָגנדיק:

— כ'וועל עס אָפּשרייבן צו זיך אין העפט...

זשיכאַרעוו האָט זיך אויפגעהויבן און האָט אַוועקגעטראָגן דאָס בוך צו זיין טישל, נאָר ער האָט זיך פאַרהאַלטן און מיטאַמאָל אָנגעהויבן רעדן פאַרדראָסיק, מיט אַ ציטערנדיק קול:

— מיר לעבן, ווי בלינדע הינטלעך, צוליב וואָס, צוליב וועמען — ווייסן מיר נישט, נישט צו גאָט, נישט צום טייוול! וואָס פאַר גאָטס קנעכט זענען מיר? איוב — איז אַ קנעכט, און גאָט אַליין האָט מיט אים גערעדט! מיט משהן אויך! משהן האָט ער אפילו אַ נאָמען געגעבן: מאַי סעי,*) דאָס הייסט, גאָטס אַ מענטש. אָבער מיר, וועמענס זענען מיר?..

האָט פאַרמאַכט דאָס בוך און זיך אָנגעהויבן אָנטון, פרעגנדיק ביי סיטאַנאָוון:

— גייסט אין שענק?

— איך גיי צו מיינער.—האָט שטיל געענטפערט סיטאַנאָוו.

ווען זיי זענען אַוועק, האָב איך זיך געלייגט ביי דער טיר אויפן פּאָדלאָגע, נעבן פּאַוועל אָדינצאָוון. ער האָט זיך לאַנג געפּאָרעט, געסאָפּעט און זיך פּלוצלינג צעוויינט.

---

*) אַ וואָרט־שפּיל. משה הייסט אויף רוסיש מאַי סעי, און מאַי סעי איז דער טייטש: דער איז מיינער.

— וואָס איז מיט דיר?

— ס'איז מיר אַ שרעקלעכער רחמנות אויף אַלעמען, — האָט ער געזאָגט — ס'איז דאָך שוין דאָס פערטע יאָר, ווי איך לעב מיט זיי, כ'קען זיי אַלעמען...

ס'איז מיר אויך אַ רחמנות געווען אויף די דאָזיקע מענטשן; אַ לאַנגע צייט האָבן מיר נישט איינגעשלאָפן, סודנדיק זיך וועגן זיי און געפינענדיק אין איטלעכן גוטע מידות און ביי אַלעמען עפּעס אַזוינס, וואָס עס האָט נאָכמער פאַרטיפט אונזער קינדיש רחמנות-געפיל.

כ'האָב זייער גוט געלעבט מיט פאַוועל אָדינצאָוון; שפּעטער איז פון אים אַרויס אַ גוטער מייסטער, אָבער נישט אויף לאַנג. צו דרייסיק יאָר האָט ער זיך אַריינגעלאָזן אין טרינקען, דערנאָך האָב איך אים געטראָפן אין מאָסקווע אויפן כיטראָוומאַרק „אַ באָסיאַק" און דאָ נישט לאַנג האָב איך געהערט, אַז ער איז געשטאָרבן פון אַ טיפוס. ס'איז אימהדיק אַ טראַכט צו טון, וויפל גוטע מענטשן זענען אין מיין לעבן אומגעקומען אָן אַ טאָלק! אַלע מענטשן ווערן אָפּגעלעבט, גייען אונטער, דאָס איז נאַטירלעך; אָבער אין ערגעץ ווערן די מענטשן נישט אַזוי שרעקלעך גיך און זינלאָז אָפּגעלעבט, ווי ביי אונז אין רוסלאַנד...

דעמאָלט איז ער געווען אַ ייִנגל מיט אַ רונדן קאָפּ, מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פאַר מיר; אַ לעבעדיקער, קלוגינקער און ערלעכער, ער איז געווען באַגאַבט, האָט גוט געצייכנט פייגעלעך, קעץ, הינט און וווּנדערלעך פלינק געמאַכט קאַריקאַטורן פון די מייסטערס, אויסמאָלנדיק זיי אַלע מאָל אין דער געשטאַלט פון עופות. סיטאַנאָוון—אַלס אַן אומעטיקען שנעפּע-פויגל אויף איין פוס, זשיכאַרעוון—ווי אַ האָן מיט אַן אָפּגעריסענעם קאַם, אָן פעדערן אויפן קאָפּ, דעם קראַנקן דאַווידאָוון—אין דער געשטאַלט פון אַן אימהדיקן קיביץ-פויגל. בעסער פאַר אַלעמען האָט זיך אים איינגעגעבן דער אַלטער קריצער גאָגאָלעוו, אין דער געשטאַלט פון אַ פליענדיקער פלעדערמויז מיט לאַנגע אויערן, מיט אַן איראָנישער נאָז און קליינע פיסלעך מיט זעקס נעגל אויף יעדן.

פונם רונדן, טונקעלן פנים האָבן אַרויסגעקוקט די ווייסע קי־לעך פון די אויגן, די פּופּילן האָבן אויסגעזען, ווי לינדזן, און זענען געשטאַנען קווער אין די אויגן, —דאָס האָט צוגעגעבן דעם פּנים אַ לעבעדיקן און אַ נבזהדיקן אויסדרוק.

די אַרבעטער פלעגן זיך נישט באַליידיקן, ווען ער פלעגט זיי באַווייזן די קאַריקאַטורן, אָבער גאָגאָלעווס קאַריקאַטור האָט געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק, און מ׳האָט שטרענג געעצהט דעם קינסטלער:

— דו צערייס בעסער, אַנישט וועט דער אַלטער דערזען און וועט דיך ממיתן!

דער קויטיקער און פוילער, אייביק שיכורער זקן איז געווען גוזמאדיק פרום, כסדר בייז, און האָט געטריבן רכילות אויפן גאַנצן ווערקשטאַט פאַרן געזעלן, וועלכן די באַלעבאָסטע האָט געהאַט בדעה חתונה צו מאַכן מיט איר אַ שוועסטערן־קינד און וועלכער האָט זיך שוין צוליב דעם געפילט מעשה באַלעבאָס פון גאַנצן הויז און פון אַלע מענטשן. דער גאַנצער ווערקשטאַט האָט אים פיינט געהאַט, נאָר אויך מורא געהאַט פאַר אים. צוליב דעם האָט מען אויך מורא געהאַט פאַר גאָ־גאָלעוון.

פּאַוועל האָט מיט אַ ווילדן חשק אַלץ געטון, כדי אַרויס־צופירן דעם קריצער פון געדולד, פונקט ווי ער וואָלט גע־שטעלט פאַר אַ ציל נישט צו לאָזן אים קיין מינוט רו. כ׳האָב אים אויך געהאָלפן דערין, ווי ווייט כ׳האָב נאָר געקאָנט, דער ווערקשטאַט פלעגט אָנקוועלן פון אונזערע גראָבע, כמעט שטענ־דיק אומברחמנותדיקע שפיצלעך, נאָר פלעגט אונז וואָרענען:

— אַי, וועט איר כאַפּן, קינדער! קוזקא־זשוטשאָק וועט אייך אַרויסוואָרפן!

קוזקא־זשוטשאָק—דאָס איז דער צונאָמען, וואָס דער ווערקשטאַט האָט געגעבן דעם געזעלן.

די וואָרענונגען האָבן אונז נישט אָפּגעשראָקן. מיר האָבן דעם שלאָפעדיקן קריצער באַפאַרבט דאָס פּנים; איינמאָל, ווען ער איז אַ שיכורער געשלאָפן, האָבן מיר אים באַגילט די נאָז.

אַ דריי מעת לעת האָט ער נישט געקאָנט אַרויסברענגען דאָס גאָלד פון די רונצעלן פון זיין ווייסער נאָז. אָבער יעדעס מאָל, ווען אונז פלעגט זיך איינגעבן אַריינצוברענגען דעם אַלטן אין צאָרן, פלעג איך זיך דערמאָנען אָן דעם דאַמפער און אין דעם קליינעם וויאַטקער סאָלדאַטל, און אויפן האַרצן פלעגט מיר ווערן קאַלעמוטנע. נישט קוקנדיק אויף זיינע יאָרן, איז גאָגאָלעוו נאָך געווען זייער שטאַרק, און כּאַפּנדיק אונז אומגעריכט, פלעגט ער אונז גוט אָנבויקערן די ביינער און נאָך פאַרמסרן פאַר דער באַלעבאָסטע.

די באַלעבאָסטע, וועלכע איז אויך געווען אַלע טאָג שיכּורלעך און דעריבער אַ גוטע און אַ פריילעכע, האָט זיך באַמיט אונז איבערצושרעקן, געזעצט מיט די געשוואָלענע הענט איבערן טיש און געשריגן:

— איר הויבט שוין ווידער אָן מיט אייער חוצפּה, שדים איינע? ער איז אַן אַלטינקער, דאַרף מען פאַר אים דרך-ארץ האָבן! ווער האָט דאָס אים אַריינגעגאָסן אין גלעזל אַנשטאָט וויין—פּאָטאָגען?

— דאָס האָבן נאַר...

די באַלעבאָסטע האָט זיך געוווּנדערט:

— נו, טאַטעלעך, זיי זענען זיך נאָך מודה! איר פאַרשאָלטענע... פאַר אַן אַלטן דאַרף מען דרך-ארץ האָבן!

זי האָט אונז אַרויסגעטריבן און אין אָוונט האָט זי זיך געלאָזט פאַרן געזעלן, און יענער האָט צו מיר געזאָגט בייז:

— ווי קומט דאָס עפּעס צו דיר, לייענסט ביכער און נאָך די הייליקע שריפטן דערצו און ביסט אַזאַ חצוף, האַ? געדענק, ברודער!

די באַלעבאָסטע איז געווען איינזאַם און רחמנותדיקעלנט. אָפּטמאָל טרינקט זי זיך אָן מיט זיסע „נאַליווקעס", זעצט זיך ביים פענסטער און הויבט אָן צו זינגען:

קיינער האָט אויף מיר קיין מיטלייד,
קיינער קאָן מיין צער נישט וויסן,

מיין האַרץ איז פול מיט שווערן קומער,
פאַר וועמען זאָל איך אים אויסגיסן?
און כליפּענדיק ציט זי מיט אַ ציטעריק קול:
— או—או—או...

איינמאָל האָב איך געזען, ווי זי האָט גענומען אַ טעפּל געקאָכטע מילך און איז צו צו די שטיגן, אָבער פּלוצלינג האָבן זיך אירע פיס אונטערגעהאַקט, זי האָט זיך אָוועקגעזעצט און איז אַרונטערגעפאָרן, קאַלערנדיק זיך שווער פון איין טרעפּ צום צווייטן און נישט אַרויסלאָזנדיק דעם טעפּל פון האַנט. די מילך האָט זיך אויסגעפּלושקעט אויף איר קלייד און זי, אויס־ציענדיק די הענט, האָט בייז געשריגן צום טעפּל:

— וואָס איז מיט דיר, טייוול? וווהין טראָגט דיך?

זי איז געווען נישט קיין דיקע, נאָר אַ ווייכע און אַ צעקראָכענע, ענלעך צו אַן אַלטער קאַץ, וואָס קאָן שוין נישט כאַפּן קיין מייז, נאָר אַן איבערגעלעבטע פון זאַטקייט ליגט זי ב׳ויז און קנורט, דערמאָנענדיק זיס אירע אַמאָליקע נצחונות און תּענוגים.

— אָט, — האָט געזאָגט סיטאַנאָוו, כמורענדיק פאַרטראַכט דאָס פּנים — ס׳איז געווען אַ גרויס געשעפט, אַ פיינער ווערק־שטאַט, אַ קלוגער מענטש האָט אויף דעם געהאָרעוועט, און איצט ווערט פון אַלץ אַ תּל, אַלץ איז אַריין צום שלימזל אין די הענט! געאַרבעט־געאַרבעט און אַלץ פאַר אַ פרעמדן שוואַרץ־יאָר! גיסט אַ קלער וועגן דעם, און פּלוצלינג פּלאַצט ביי דיר אין מוח עפּעס אַ שפּרענזשינקע — ס׳ווילט זיך גאָרנישט, נאָר אַ שפּיי טון אויף דער גאַנצער אַרבעט, לייגן זיך אויפן דאַך און קוקן אַזוי אַ גאַנצן זומער אין הימל אַריין.

פּאַוועל אָדינצאָוו האָט זיך אויך אָנגעשטעקט מיט סיטאַ־נאָווס רעיונות און, רויכערנדיק אַ פּאַפּיראָסל מעשׂה גרויסער, האָט ער פילאָזאָפירט וועגן גאָט, וועגן שיכּרות, מכּוח פרויען און מכּוח דעם, אַז יעדע אַרבעט גייט לאיבוד, אַ טייל טוט עפּעס, און די אַנדערע מאַכן חרוב דאָס געשאַפענע, נישט אָפּ־שאַצנדיק און נישט פאַרשטייענדיק עס.

אין אַזוינע מינוטן פלעגט זיין שאַרף, ליב פּנים זיך איינ־קנייטשן, עלטער ווערן, ער פלעגט זיך זעצן אויף אַ טוך אויף דער פּאַדלאָגע, פלעגט אַרומנעמען די קני און לאַנג קוקן אין די בלויע פּירקאַנטן פון די פענסטער, אויפן דאַך פונם שייער, וואָס ליגט צוגעדריקט אונטער די קופּעס שניי, אויף די שטערן פון ווינטערדיקן הימל.

די מייסטערס כראָפּען, רעווען פון שלאָף, עמעץ רעדט פון שלאָף, פאַרשלינגענדיק זיך מיט די ווערטער, אויפן הענג־בעט הוסט אויס דאַווידאָוו זיין לעצט ביסל לעבן. אין ווינקל, אַ קערפּער צו אַ קערפּער, וואַלגערן זיך אין האַרטן שלאָף און שיכּורע „גאָטס קנעכט" קאַפּעדיוכין, סאָראָקין, פּערשין, פון די ווענט קוקן אַראָפּ די איקאָנעס אָן צורות און הענט און אָן פיס. עס שטיקט אַ שטאַרקער ריח פון פאַרב, פון טוכלע איי־ער און פון שמוץ, וואָס זייערט אין די שפּאַלטן פון דער פּאַדלאָגע.

— אַך, ס'אַרא רחמנות מיר איז אויף אַלעמען, — שעפּ־טשעט פּאַוועל — רבונו של עולם.

דאָס דאָזיקע רחמנות-געפיל צו די מענטשן לאָזט מיך אויך אַלץ מער נישט רוען. אין אונזערע ביידנס אויגן, ווי איך האָב שוין געזאָגט, זענען אַלע מייסטערס געווען גוטע מענטשן, און דאָס לעבן איז געווען שלעכט, אונטער זייער ווערדע, נישט אויסצוהאַלטן נודנע. אין די ווינטערדיקע זאַווע־רוכעס, ווען אַלץ אויף דער ערד — הייזער, בוימער האָבן זיך געטרייסלט, געוואָיעט, געקלאָגט, און די קלויסטער־גלאָקן האָבן טרויעריק געקלונגען, ווי אין גרויסן תּענית, פלעגט דער אומעט, ווי אַ כוואַליע אַריינפליסן אין ווערקשטאַט און אַ שווערע ווי בליי, געדריקט אויף די מענטשן, אָפּטויטנדיק אין זיי יעדעס לעבעדיק געפיל, פאַרשלעפנדיק זיי אין שענק, צו פרויען, וואָס זענען געווען פונקט אַזוי ווי בראָנפן, אַ מיטל צו פאַרגעסן זיך.

אין אַזוינע אָוונטן האָבן די ביכער נישט געהאָלפן, און דאַן פלעג איך מיט פּאַוועלן זיך באַמיען צו צעשטרייען די

מענטשן מיט אונזערע אייגענע מיטלען: מיר פלעגן זיך אויס־שמירן די פנימער מיט סאַזשע, מיט פאַרב, גרימירן מיט פלאַקס, שפּילן פאַרשידענע קאָמעדיעס, וואָס מיר האָבן אַליין מחבר געווען, העלדיש געראַנגלט זיך מיט דער לאַנגווייליקייט, ברענ־גענדיק די מענטשן צום לאַכן. דערמאָנענדיק זיך „די געשיכ־טע, ווי אַזוי אַ סאָלדאַט האָט געראַטעוועט פּיאָטער דעם גרויסן", האָב איך איבערגעאַרבעט דאָס ביכל אין אַ דיאַלאָג, מיר זענען אַרויפגעקראָכן צו דאַווידאָוון אין הענג-בעטל און האָבן אָנגע־הויבן פאַרשטעלן, פריילעך אַראָפּהאַקנדיק די קעפּ פון די אויס־געדיכטעטע שוועדן; דער עולם האָט געקייכט פון געלעכטער.

שטאַרק געפעלן געווען איז אים די לעגענדע וועגן כי־נעזישן שד צינג-יו-טאָנג; פּאַשקע האָט פאָרגעשטעלט דעם אומ־גליקלעכן טייוול, וועמען ס'איז איינגעפאַלן צו פאַרנעמען זיך מיט מעשים טובים, און איך — דאָס איבעריקע: די מענטשן פוןביידע געשלעכטער, זאַכן, דעם גוטן גייסט און אפילו אַ שטיין, אויף וועלכן ס'האָט אין טרויער גערוט דער כינעזישער טייוול, נאָך יעדער אומגעלונגענער פּראָבע צו טון גוטס אויף דער וועלט.

דער עולם האָט געקייכט, און איך האָב זיך געוווּנדערט, ווי לייכט מ'ברענגט אים צום לאַכן, — די דאָזיקע לייכטקייט האָט מיר עפּעס פאַרדראָסיק געאַרט.

— אוי, קאָמעדיאַנטן. — האָט מען געשריגן צו אונז.

— אוי, בייזע שונאים!

נאָר וואָס ווייטער אַלץ מער האָט זיך אין מיר איינגע־געסן דער געדאַנק, אַז דער קומער איז די דאָזיקע מענטשן נענטער צום האַרצן, ווי די פרייד.

די פריילעכקייט לעבט קיינמאָל נישט צווישן אונז און ווערט נישט אָפּגעשאַצט, ווי אַ ווערט פאַר זיך, נאָר מ'שלעפּט זי אומישנע אַרויס פון אונטערן שפּינט, ווי אַ מיטל צו איינ־האַלטן דעם רוסישן, שלעפעריקן אומעט. פאַרדעכטיק איז דער אינערלעכער כּוח פון פרייד, וואָס לעבט נישט פאַר זיך אַליין,

מחמת ער וויל לעבן, נאָר ווייל די טרויעריקע טעג רופן אים אַרויס.

און שוין צו אָפט גייט די רוסישע פרייד, אומדערוואַרט און אומבאַמערקט אַריבער אין אַ גרויזאַמער דראַמע. אָט שטייט אַ מענטש און טאַנצט, פונקט ווי ער וואָלט רייסן די שטריק, וואָס האָבן אים געבונדן, און פלוצלינג באַפרייט זיך אין אים די חיה און ער וואַרפט זיך מיט חיהשן קומער אויף אַלעמען און אויף אַלץ, גריזשעט און מאַכט אָן וחרבונות...

די אָנגעשטרענגטע פריילעכקייט, וואָס האָט אויפגעוואַכט דורך אַ שטויס פון דרויסן, האָט מיך צערייצט, און ווערנדיק גוואַלטיק אויפגערעגט, פלעג איך אָנהויבן דערציילן און פאַר־שטעלן פאַרשידענע פלוצלינג געשאַפענע פאַנטאַזיעס. ס׳האָט זיך מיר גרייליך געוואָלט אַרויסרופן ביי די מענטשן אַן עכ־טע, פרייע און לייכטע פרייד! עפּעס פלעג איך יאָ דערגרייכן, מ׳האָט מיך געלויבט, באַוואונדערט, דער אומעט, וועלכן מיר פלעגט זיך כלומרשט איינגעבן אויפצוטרייסלען אַביסל, פלעגט פּאַמעלעך ווידער ווערן געדיכטער און פעסטער, צודריקנדיק די מענטשן.

דער גרויער לאַריאָנישט האָט פריינטלעך געזאָגט:

— נו, ביסטו אַ לץ, גאָט איז מיט דיר!

— אַ טרייסטער, — האָט אים זשיכאַרעוו אונטערגעהאַלטן — דו גיי אַוועק אין צירק אָדער אין טעאַטער, פון דיר קאָן אַרויסקומען אַ גוטער קאָמעדיאַנט!

פון גאַנצן ווערקשטאַט זענען אין דער קריסט-וואָך און אין דער פאַסט-נאַכט געגאַנגען אין טעאַטער בלויז צוויי — קאַ־פּעדיוכין און סיטאַנאָוו; די עלטערע מייסטערס האָבן זיי ערנסט געעצהט צו אָפּוואַשן די דאָזיקע זינד זייערע אין דער אייז-לאָך אויפן ירדן, בעת דער חגא פון די דריי קעניגן. סי־טאַנאָוו פלעגט מיר באַזונדערס אָפט איינרעדן:

— וואַרף אַלץ אַוועק און לערן זיך פאַר אַן אַרטיסט.

און פלעגט אַן אויפגערעגטער דערציילן וועגן דעם טרוי־עריקן לעבן פון אַרטיסט יאַקאָוולעוו.

— אַט וואָס ס'קאָן זיין!

ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן וועגן דער קעניגין מאַריִע סטיואַרט, אָנרופנדיק זי „שעלמע", אָבער באַזונדערס איז ער אַנטציקט געווען פון דעם „שפּאַנישן פּריץ".

— דאָן סעזאַר־דע־באַזאַן, דאָס איז מאַקסימיטש, דער איידלסטער מענטש! אַ וואונדערלעכער!

ער האָט אַליין אויך עפּעס פאַרמאָגט פון „שפּאַנישן פּריץ". איינמאָל האָבן זיך אויפן פּלאַץ ביים וואַקזאַל דריי פייערלעשער פריילעך געמאַכט און געשלאָגן אַ פויער. אַ רעדל פון אַ מאַן פערציק האָט זיך צוגעקוקט צו דער שלעגעריי און געלויבט די סאָלדאַטן. סיטאַנאָוו האָט זיך אַ וואָרף געטון צו די שלעגער און מיט עטלעכע דיקע קלעפּ פון זיינע לאַנגע הענט אַוועקגעשליידערט די פייערלעשער, אויפגעהויבן דעם פויער און אַ שטופּ געטון צו די מענטשן, אויסשרייענדיק דערביי:

— פירט אים אַוועק!

און אַליין איז ער איבערגעבליבן איינער קעגן דריי; דער הויף פון די פייערלעשער איז געווען אַ צען טריט פון דאָרט, די סאָלדאַטן האָבן געקאָנט רופן צו הילף, און מען וואָלט סיטאַנאָוון צעמזיקט, נאָר צו זיין גליק, האָבן זיך די פייערלעשער דערשראָקן און זענען אַנטלאָפן אין הויף אַריין.

— הינט! — האָט ער זיי נאָכגעשריגן.

יעדן זונטיק פלעגט זיך די יוגנט לאָזן אויף אַ פויסט־געשלעג צו די האָלץ־הויפן הינטער דעם פּיעטראָפּאַוולאָווער בית־עולם, וווהין אַלע פלעגן זיך צונויפקומען שלאָגן מיט די אַרבעטער־אַסעניזאַטאָרן און מיט די פויערן פון די אַרומיקע דערפער. די אַסעניזאַטאָרן פלעגן אַרויסשטעלן קעגן דער שטאָט אַ באַוווסטן שלעגער אַ מאָרדווין, אַ ריז מיט אַ קליינעם קאָפּ און קראַנקע, תמיד פאַרטרערטע אויגן.

ווישנדיק די טרערן מיטן שמוציקן אַרבל פון זיין קורצן קאַפּטן, איז ער געשטאַנען פון פאָרנט, ברייט פונאַנדערגע־שטעלט די פיס און גוטמוטיק אַרויסגערופן:

— נו, גייט אַרויס, ס'איז קאַלט.

פון אונזער זייט פלעגט אַרויסטרעטן קעגן אים קאַפּע־דיוכין, און שטענדיק האָט אים דער מאַרדווינער געשלאָגן, נאָר דער קאָזאַק פלעגט אַ צעבלוטיקטער און אַ פאַרסאָפּעטער טענהן:

— מיר אַ טויט—אָבער דעם מאַרדווין וועל איך ביי־קומען.

און סוף כּל סוף איז דאָס געוואָרן דער ציל פון זיין לעבן, ער האָט זיך אפילו אָפּגעזאָגט פון טרינקען בראָנפן, פאַרן שלאָף איינגעריבן דעם קערפּער מיט שניי, געגעסן אַ סך פלייש, און כּדי צו אַנטוויקלען זיינע מוסקולן, האָט ער זיך יעדן אָוונט פיל מאָל געצלמט מיט אַ צוויי פודיקן געוויכט אין האַנט. נאָר דאָס האָט אים אויך נישט געהאָלפן, דאַן האָט ער איינ־גענייט אין די אַרבל שטיקלעך בליי און האָט זיך איבערגענו־מען פאַר סיטאַנאָוון:

— איצט וועט שוין קומען דעם מאָרדווינס סוף!

סיטאַנאָוו האָט אים שטרענג געוואָרנט:

— הער אויף, אַנישט וועל איך דיך אַרויסגעבן פאַרן געשלעג!

קאַפּעדיוכין האָט אים נישט געגלויבט, נאָר ווען מ'איז זיך צונויפגעקומען צום געשלעג, האָט סיטאַנאָוו פלוצלינג גע־זאָגט צום מאַרדווין:

— טרעט אָפּ, וואַסילי איוואַניטש, צוערשט וועל איך מיך אַ פּרווו טון מיט קאַפּעדיוכינען.

דער קאָזאַק איז רויט געוואָרן און האָט זיך צעשריגן:

— מיט דיר וויל איך נישט, גיי אַוועק!

— וועסט יאָ, — האָט געזאָגט סיטאַנאָוו און האָט זיך אַ רוק געטון אויף אים, אַריינקוקנדיק אין קאָזאַקס פּנים מיט אַ פאַרניכטנדיקן בליק. קאַפּעדיוכין האָט זיך אָנגעהויבן דרייען אויף איין אָרט, האָט אַראָפּגעריסן די הענטשקעס פון די הענט, האָט זיי אַרונטערגערוקט אונטער דער פּאַזוכע, און שנעל אָפּגעטראָטן פון געשלעג.

ביידע צדדים, אי אונזער צד, אי פון קעגנערס צד, זע־נען געווען אומאַנגענעם פאַרוואונדערט. עפּעס איינער אַ חשובער הער האָט בייז געזאָגט צו סיטאַנאָוון:

— דאָס איז, ברודערלעבן, גאָרנישט קיין געזעץ, אַז שטאַרקע ענינים זאָלן אַנטשיידן ווערן אין אַן אָפענעם גע־שלעג.

אויף סיטאַנאָוון איז מען אָנגעפאַלן פון אַלע זייטן, זיד־לענדיק אים, ער האָט אַ צייט געשוויגן, נאָר ענדלעך געזאָגט צום חשובן הערן:

— און ווי איז, אויב איך האָב פאַרהיטן פון אַ רציחה?

דער חשובער הער האָט גלייך תּופס געווען און אפילו אַראָפּגענומען דעם הוט און געזאָגט:

— וויבאַלד אַזוי קומט דיר אַ דאַנק פון אונזער זייט.

— נאָר, דו פעטער, קלינג נישט מיט ווערטער.

— פאַרוואָס? קאַפּעדיוכין — איז אַ זעלטענער קעמפער, אָבער מיר פאַרשטייען, אַז די מפּלות רייצן אויף אַ מענטשן. און זיינע הענטשיקלעך וועלן מיר פון איצט אָן באַקוקן פאַרן געשלעג.

— אייער עסק!

ווען דער חשובער מאַן איז אָפּגעטראָטן, האָט אונזער צד אָנגעהויבן צו זידלען סיטאַנאָוון.

— ס'האָט דיר, אָנגעדרייט, דו גלאָמפּ איינער! דער קאָ־זאַק וואָלט אים אָנגעבויקערט די ביינער, און איצט וועלן מיר אַרומגיין געשלאָגענע.

מ'האָט לאַנג געזידלט, מיט הנאה, אָנלייגנדיק זיך אויף אים.

סיטאַנאָוו האָט זיך אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

— אָ, איר, „שאַנטראַפּעס"...

און אומדערוואַרט פאַר אַלעמען האָט ער אַרויסגערופן דעם מאָרדווין אויף קולאַקעס, דער לעצטער האָט זיך אַוועק־געשטעלט אויף זיין פּאָזיצע, מאַכנדיק פרייַלעך מיט די קולאַ־קעס און ווערטלענדיק זיך:

— מיר ווילן זיך דורכקלאַפּן, דערוואַרעמען...

עטלעכע מענטשן, נעמענדיק זיך פאַר די הענט, האָבן זיך אַ שטויס געטון מיט די רוקנס אויף די, וואָס זענען געשטאַנען פון הינטן, — ס'האָט זיך געבילדעט אַ ברייטער, גערוימער קרייז:

די קעמפער האָבן זיך שאַרף אָנגעקוקט, האָבן זיך פאַרמאָסטן, די רעכטע הענט פאָרויס, די לינקע — ביי די ברוסט. דערפאַרענע מענטשן האָבן גלייך באַמערקט, אַז ביי סיטאַנאָוון איז די האַנט לענגער, ווי ביים מאָרדווין. ס'איז שטיל געוואָרן, דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס פון די קעמפער. עמעץ האָט נישט אויסגעהאַלטן די אָנשטרענגונג און טרויעריק און גיריק אַרויסגעמורמלט:

— איר וואָלט שוין אַמאָל אָנגעהויבן!..

סיטאַנאָוו האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דער רעכטער האַנט, דער מאָרדווין האָט צום שוץ אויפגעהויבן די לינקע האַנט און האָט באַקומען פון סיטאַנאָווס לינקער האַנט אַ גלייכן זעץ אונטערן לעפעלע. ער האָט אַ קרעכץ געטון, אָפּגעטראָטן און מיט הנאה געזאָגט:

— אַ יונגער, אָבער נישט קיין נאַר!

זיי האָבן אָנגעהויבן שפּרינגען איינער אויפן אַנדערן, בולצענדיק מיט די שווערע קולאַקעס איינער דעם צווייטן אין האַרצן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן אייגענע און פרעמדע אויפגערעגט געשריגן:

— פלינקער, דו איקאָנע־מאָלער! שמיר אים אַריין, האַק!

דער מאָרדווין איז געווען אַ סך שטאַרקער פאַר סיטאַנאָוון, אָבער היפּש שווערער און האָט נישט געקאָנט שלאָגן אַזוי שנעל, באַקומענדיק פאַר יעדן קלאַפּ צוויי און דריי קלעפּ. אָבער דעם מאָרדווינס געשלאָגענער קערפּער האָט קענטיק וויניק געליטן, ער האָט כסדר געשריגן „און", געשפּאַסט און פּלוצלינג האָט ער מיט אַ שטאַרקן זעץ אונטער סיטאַנאָווס פּאַכווע אים אויסגעלינקען דעם רעכטן אָרעם פונם אַקסל.

— פונאַנדערנעמען — קוויט. — האָבן אויסגעשריגן עטלעכע

קולות אינאײנעם און, צעשטערנדיק דעם קרײַז, האָט מען פונ־אַנדערגעריסן די קריגער.

דער מאָרדװין האָט גוטמוטיק גע־עדט:

— נישט אַזױ גװאַלטיק שטאַרק, װי פלינק! ער װעט זײַן אַ גוטער שלעגער, דאָס זאָג איך אָפן פאַרן גאַנצן עולם.

די יונגע ײנגלעך האָבן אָנגעהױבן אַן אַלגעמײנעם גע־שלעג, און איך האָב אָפּגעפירט סיטאַנאָװן צום פעלדשער, דעם געלענק־רעכטעװער; זײַן האַנדלונג האָט אים נאָכמער דערהױבן אין מײַנע אױגן און פאַרשטאַרקט מײַן סימפּאַטיע און אַכטונג צו אים.

בכלל איז ער געװען אַ מענטש מיט יושר און זײַער אָרנטלעך און האָט עס געהאַלטן, װי אַ חוב פאַר זיך, אָבער קאַפּעדיולכין מיטן ברײטן האַרץ האָט פון אים געטריבן לצנות:

— אױ זשעניאַ, דו שטעלסט זיך אַרױס! האָסט אױסגע־פוצט די נשמה, װי אַ סאַמאָװאַר פאַר יום טוב, און נעמסט זיך איבער — אָט װי עס בלאַנקט! אָבער דײַן נשמה — איז אַ מע־שענע און ס'איז זײַער לאַנגװײַליק מיט דיר...

סיטאַנאָװ האָט רויק געשװיגן, ארבעטנדיק פלײַסיק, אָדער אַראָפּשרײַבנדיק אין העפט לערמאָנטאָװס לידער; אויף דעם דאָ־זיקן שרײַבן האָט ער אָפּגעגעבן זײַן גאַנצע פרײַע צײַט, און װען איך האָב אים פאָרגעלײגט:

— איר האָט דאָך געלט, קאָנט איר דאָך קויפן דאָס בוך!

האָט ער געענטפערט:

— נײן, גלײַכער איבערשרײַבן מיט דער אײגענער האַנט!

אָנשרײַבנדיק אַ זײַטל מיט אַ שײנעם, קלײנעם כתב און מיט געציקטע און געצאַצקעטע אותיות, אָפּװאַרטנדיק ביז עס װעט זיך אָפּטריקענען דער טינט, האָט ער שטיל געלײענט:

װעסט אָן אָנטײל און אָן מיטלײד
שיקן צו דער ערד דײַן בליק,
װו די שײנקײט איז נישט אײביק
און ס'איז נישטאָ קײן עכטער גליק..

און פאַרזשמורענדיק די אויגן האָט ער געזאָגט:

— אָט דאָס איז ריכטיק! אַי, קען ער גוט דעם אמת!

מיך האָבן שטאַרק געחידושט די באַציונגען צווישן סיטאַ־נאָוון און קאַפּעדיוכינען—אין שיכּורן צושטאַנד פּלעגט דער קאָזאַק קריכן שלאָגן זיך צו מיין חבר, סיטאַנאָוו פלעגט אים לאַנג איינרעדן:

— טרעט אָפּ! קריך נישט...

אָבער דערנאָך פלעגט ער אָנהויבן שלאָגן דעם שיכּור מיט אַזאַ רציחה, אַז די מייסטערס, וואָס האָבן געקוקט אויף די היימישע געשלעגן, ווי אויף אַ ספּעקטאַקל, פלעגן זיך אַריינ־מישן אין דעם געשלעג און פונאַנדערנעמען די פריינט.

— ווען מ׳זאָל יעוגעניען נישט אָפּהאַלטן אין דער צייט, קאָן ער צעהרגענען אויף טויט און אויך אויף זיך קיין רחמנות נישט האָבן. — פלעגן זיי זאָגן.

אין ניכטערן צושטאַנד האָט קאַפּעדיוכין אויך אָן אויפ־הער געחוזקט פון סיטאַנאָוון, אויסלאַכנדיק זיין תשוקה צו לי־דער און זיין אומגליקלעכן ראָמאַן, שמוציק, נאָר אָן ערפּאָלג, רייצנדיק זיין אייפערזוכט. סיטאַנאָוו האָט שווייגנדיק, אָן פאַר־דרוס, זיך צוגעהערט צום קאָזאַקס חוזק און צייטנווייז אפילו געלאַכט צוזאַמען מיט קאַפּעדיוכינען.

געשלאָפן זענען זיי איינער נעבן דעם צווייטן און ביי־נאַכט לאַנג געסודעט זיך וועגן עפּעס.

די דאָזיקע שמועסן האָבן מיך נישט געלאָזט רוען. ס׳האָט זיך געוואָלט וויסן מכּוח וואָס עס רעדן מענטשן, וואָס זענען אַזוי נישט ענלעך איינער צום צווייטן. קוים פלעג איך אָבער צוגיין, האָט דער קאָזאַק געבורטשעט:

— וואָס ווילסטו דאָ?

און סיטאַנאָוו האָט זיך געמאַכט, ווי ער זעט מיך נישט.

נאָר איינמאָל האָבן זיי מיך צוגערופן, און דער קאָזאַק האָט געפרעגט:

— מאַקסימיטש, ווען דו וואָלסט געווען רייך, וואָס וואָלסטו געטון?

— כ׳וואָלט געקויפט ביכער.

— און וואָס נאָך?
— כ׳ווייס נישט.
— ע. — האָט זיך קאַפּעדיוכין אָפּגעקערט פון מיר מיט פּאַרדרוס, און סיטאַנאָוו האָט רויק געזאָגט:
— זעסט, קיינער ווייסט נישט, נישט דער אַלטער, נישט דער יונגער! כ׳זאָג, דאָס עשירות אַליין טויג אויך אויף גאָר־נישט! אַלץ פאָדערט אַ וועלכע נישט איז פאַרוועדונג...
כ׳האָב געפרעגט:
— וועגן וואָס רעדט איר?
— שלאָפן ווילט זיך נישט, אָט רעדט מען. — האָט גע־ענטפערט דער קאָזאַק.
שפּעטער, צוהערנדיק זיך צו זייערע שמועסן, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זיי רעדן ביינאַכט אויך וועגן דאָס אייגענע, וועגן וואָס מענטשן האָבן ליב צו רעדן בייטאָג: וועגן גאָט, וועגן אמת, גליק, וועגן טפּשות און כיטרעקייט פון פרויען, וועגן דער גיריקייט פון די רייכע, און מכוח דעם, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז פאַרפּלאָנטערט, אומפאַרשטענדלעך.
איך האָב זיך תּמיד צוגעהערט גיריק צו די דאָזיקע שמועסן, זיי האָבן מיך צערודערט, מיר איז געפעלן געווען, וואָס כמעט אַלע מענטשן רעדן דאָס אייגענע: דאָס לעבן איז שלעכט, מ׳דאַרף לעבן בעסער! נאָר אין דער זעלביקער צייט האָב איך געזען, אַז דער פאַרלאַנג צו לעבן בעסער לייגט אויף זיי קיין שום חוב נישט אַרויף, עס ענדערט גאָרנישט אין לעבן פון ווערקשטאַט און אין דער באַציונג צווישן די מייסטערס צווישן זיך. אָט די אַלע שמועסן, וואָס האָבן באַ־לויכטן פאַר מיר דאָס לעבן, האָבן צוגלייך אויפגעדעקט הינטער אים עפּעס אַ מין טרויעריקע פּוסטקייט, און אין דער דאָזיקער פּוסטקייט שווימען צעטומלט און אויפגערעגט אַרום מענטשן, פּונקט ווי די זעמדעלעך אין אַ קוואַל בעת אַ ווינט, די אייגע־נע מענטשן, וואָס זאָגן, אַז די דאָזיקע האָוועניש איז אומזיניק און באַליידיקט זיי.
בעת די אָפטע און גערן געפירטע שמועסן, האָט מען

תמיד עמעצן פֿאַרטיילט, חרטה געהאַט, אויסגעפּיינט זיך, אַרויס־רופֿנדיק בייזע מחלוקתן צוליב קלייניקייטן און באַליידיקנדיק שטאַרק איינער דעם אַנדערן. מ׳האָט זיך פּרובירט טרעפֿן, וואָס ס׳וועט מיט זיי זיין נאָכן טויט, און ביי דער שוועל פֿון ווערקשטאַט, וווּ ס׳איז געשטאַנען דער שמוציקער קיבל, איז געווען דורכגעפּוילט אַ ברעט, פֿון דער דאָזיקער נאַסער, פֿוילער לאָך, האָט געצויגן אַ קעלט און אַ ריח פֿון דורכגעזייערטער ערד, פֿון דעם האָבן געפּרווירן די פֿיס; איך מיט פּאַוולען האָבן פֿאַרשטעקט די לאָך מיט היי און מיט שמאַטעס. מ׳האָט אָפֿט גערעדט וועגן דעם, אַז מען דאַרף פֿאַרריכטן די פּאָדלאָגע, און די לאָך איז געוואָרן אַלץ ברייטער, אין טאָג פֿון זאַוויערוכעס האָט פֿון איר געטראָגן, ווי פֿון אַ קוימען, די מענטשן פֿלעגן זיך פֿאַרקילן, הוסטן. דער בלעכענער ווענטילאַטאָר פֿון פֿאָרטקע האָט דערווידער געקוויטשעט, מ׳האָט אים מיט גראָבע זלזולים געזידלט, און אַז איך האָב אים אויסגעשמירט מיט בוימל, האָט זשיכאַרעוו זיך צוהערנדיק געזאָגט:

— די פֿאָרטקע פּישטשעט נישט, איז טאַקע געוואָרן אומעטיקער!

קומענדיק פֿון באָד, פֿלעגט מען זיך לייגן שלאָפֿן אין די שמוציקע בעטן—שמוץ און שלעכטע ריחות האָבן בכלל קיינעם נישט געאַרט. ס׳זענען געווען אַ סך נישטיקע קלייניקייטן, וואָס האָבן געשטערט צו לעבן, ס׳איז לייכט געווען פֿון זיי פּטור צו ווערן, נאָר קיינער האָט עס נישט געטון.

אָפֿט האָט מען געזאָגט:

— אויף מענטשן האָט קיינער קיין רחמנות נישט, נישט גאָט, נישט מענטשן אויף זיך אַליין...

ווען איך האָב איינמאָל מיט פּאַוולען אַרומגעוואַשן דעם גוססדיקן דאַווידאָוון, וואָס איז צעפֿרעסן פֿון שמוץ און אומפֿלייט, האָט מען פֿון אונדז געמאַכט אַ געלעכטער, מ׳האָט אויסגעטון פֿון זיך די העמדער און פֿאָרגעלייגט מיר זאָלן עס באַקוקן, מ׳האָט אונדז גערופֿן בעדער און בכלל אַזוי צו שפּאָט

געמאַכט, ווי מיר וואָלטן אָפּגעטון עפּעס אַ שענדלעכע און זייער לעכערלעכע זאַך.

פון די ווינטערדיקע חגאות ביז פאַר דער פאַסט־וואָך פאַר פּסחא, איז דאַווידאָוו אָפּגעלעגן אויפן הענג־בעט. זיך פאַרגייענדיק פון הוסט, פלעגט ער שפּייען פון אויבן אַראָפּ מיט שמאַטקעס שמעקעדיקע בלוט, נישט טרעפנדיק אין שמוציקן קיבל אַריין, און דאָס בלוט פלעגט פאַלן אויף דער פּאָדלאָגע; אין דער נאַכט פלעגט ער שרייען פון שלאָף און וועקן די מענטשן.

כמעט איטלעכן טאָג פלעגט מען זאָגן:

— מ׳האָט אים געדאַרפט אַוועקפירן אין אַ שפּיטאָל!

נאָר צוערשט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיין פּאַס איז אַן אויסגעגאַנגענער, דערנאָך איז אים געוואָרן בעסער, און צולעצט האָט מען באַשלאָסן:

— אַליץ איינס, וועט ער אינגיכן שטאַרבן!

ער האָט אַליין אויך צוגעזאָגט:

— שוין נישט לאַנג!

ער איז געווען אַ שטילער וויצלינג און האָט זיך אויך תמיד באַמיט צו פאַרטרייבן דעם ביטערן אומעט פון ווערקשטאַט מיט גלייכווערטלעך, — לאָזט אַרונטער זיין פּינסטער, אויסגעמאָגערט פּנים און רופט אויס מיט אַ פּייפנדיק קול:

— הער צו, פאָלק, צום קול פון דעם דערהויבענעם אויפן הענג־בעט.

און פלעגט גאַנץ גלאַט זאָגן עפּעס אַ נאַריש און טרויעריק פּערזל:

אונטערן באַלקן וווּ, איך
כאַפּ מיך אויף באַגינען,
אין שלאָף און אויף דער וואָר
פרעסן מיך די שפּינען...

— ער פאַלט נישט אַראָפּ ביי זיך, — האָט זיך אַנטציקט דער עולם.

טײלמאָל פֿלעג איך מיט פֿאַװועלן אַרױפֿקריכן צו אים — און ער פֿלעגט זיך אָנגעשטרענגט װערטלען:

— מיט װאָס איז מען מכבד די טײערע געסט? אפֿשר אַ שפּינעלע אַ פּרישינקס?

ער האָט געגוסטט לאַנגזאַם, און דאָס האָט אים שטאַרק דערעסן, ער פֿלעגט זאָגן מיט אַן אױפֿריכטיקן פֿאַרדרוס:

— כ'קאָן בשום אופֿן נישט שטאַרבן, פּשוט אַן אומגליק.

זײַן נישט מורא האָבן פֿאַרן טױט האָט זײער געשראָקן פֿאַװועלן, בײַנאַכט פֿלעגט ער מיך װעקן און שעפּטשען:

— מאַקסימיטש, ער איז, דאַכט זיך, געשטאָרבן... ער װעט אַװעקשטאַרבן אין דער נאַכט, און מיר װעלן דאָ ליגן אונטער אים, אױ גאָט, איך האָב מורא פֿאַר מתים...

אָדער ער פֿלעגט זאָגן:

— נו, געלעבט, צוליב װאָס? נאָך קײן צװאַנציק יאָר נישט אַלט, און שטאַרבט שױן אָפּ...

אײנמאָל אין אַ לבֿנה־נאַכט, האָט ער מיך אױפֿגעװעקט און געזאָגט, קוקנדיק מיט צעשראָקענע, אױסגעגלאָצטע אױגן:

— הער!

אױף זײַן הענג־בעט האָט געכריפּעט דאַװידאָװ, רעדנדיק גיך און דײַטלעך:

— גי—יב אַהער, גי—יב...

דערנאָך האָט ער אָנגעהױבן שלוקעכצן.

— ער שטאַרבט, באמונות, אָט װעסטו זען! — האָט זיך פֿאַװועל אױפֿגערעגט.

כ'האָב אַ גאַנצן טאָג געשלעפּט אױף זיך שנײ פֿון הױף און פֿעלד, בין געװען זײער פֿאַרמאַטערט, מיר האָט זיך געװאָלט שלאָפֿן, אָבער פֿאַװועל האָט זיך געבעטן בײַ מיר:

— שלאָף נישט, איך בעט דיך, װי גאָט איז דיר ליב, נישט שלאָף!

און פּלוצלינג, אױפֿשפּרינגענדיק אױף די קני, האָט ער װילד אױסגעשריגן:

— שטײט אױף, דאַװידאָװ איז געשטאָרבן!

אייניקע האָבן זיך אויפגעכאַפּט. פון די בעטן האָבן זיך אויפגעהויבן עטלעכע געשטאַלטן, צאָרנדיקע קולות האָבן עפּעס געפרעגט.

קאַפּעדיוכין איז אַרויפגעקראָכן אין דער הויך צו דאַווי־דאָווס הענג־בעט און מיט חידוש געזאָגט.

— טאַקע, דאַכט זיך, געשטאָרבן... הגם כאָטש — ער איז אַ וואַרעמינקער...

ס׳איז שטיל געוואָרן. זשיכאַרעוו האָט זיך איבערגעצלמט און, איינגעוויקלענדיק זיך אין דער דעקע, געזאָגט:

— נו, זאָל ער האָבן אַ ליכטיקן גן עדן!

עמעץ האָט פאָרגעלייגט:

— מ׳האָט אים געדאַרפט אַרויסטראָגן אין פּירהויז...

קאַפּעדיוכין איז אַראָפּגעקראָכן פון געלעגער און אַרויס־געקוקט דורכן פענסטער:

— זאָל ער ליגן ביז אינדערפרי, ער האָט אויך לעבע־דיקערהייט קיינעם נישט געשטערט...

פּאַוועל האָט אַריינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און גע־קלאָגט.

און סיטאַנאָוו האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט.

XV

דער שניי איז צעגאַנגען אין פעלד, די ווינטערדיקע וואָלקנס זענען צעגאַנגען אין הימל, פאַלנדיק אויף דער ערד מיט אַ נאַסן שניי און רעגן; אַלץ פּאַמעלעכער האָט די זון דורכגעמאַכט איר טעגלעכן וועג, די לופט איז געוואָרן וואַרע־מער, ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז שוין געקומען די פריי־לינג־פרייד, וואָס באַהאַלט זיך אויף קאָטאָוועס ערגעץ הינטערן שטאָט אויף די פעלדער און וועט זיך באַלד אַ לאָז טון אין שטאָט. אויף די גאַסן — שטייט אַ געלע בלאָטע, נעבן די טראָ־טואַרן פליסן טייכלעך, אויפן צעגאַנגענעם שניי פון אַרעסטאַנטן־פּלאַץ שפּרינגען פריילעך אַרום וואָראָבייטשיקלעך. אויך ביי די

מענטשן איז צו באַמערקן אַ האָוועניש פון וואָראָבייטשיקלעך. איבער דעם פרילינג־געראוש פליסט כמעט אומאויפהערלעך פון פרי ביז אָוונט דער גלאָקן־קלאַנג פון די גרויסע פאַסט־טעג, וועלכע הוידען דאָס האַרץ מיט ווייכע שטויסן, — אין דעם דאָזיקן געקלאַנג, ווי אין די רייד פון אַ זקן, באַהאַלט זיך עפּעס, וואָס באַליידיקט. ס׳דאַכט זיך, ווי די גלאָקן רעדן וועגן אַלץ מיט אַ קאַלטן גרייער:

— ס׳א־איז גע־וועזן, דאָס איז גע־וועזן...

צו מיין געבורטסטאָג האָט דער ווערקשטאַט מיר געשאָנקען אַ קליין, שיין אויסגעמאָלט בילד פון אַלעקסייען, דעם געטלעכן מאַן, און זשיכאַרעוו האָט געהאַלטן אַ לאַנגע חשובע דרשה, וואָס איז מיר פאַרבליבן אין זכרון.

— ווער ביסטו? — האָט ער גערעדט, שפּילנדיק מיט די פינגער, מיט אויפגעהויבענע ברעמען. — נישט מער, ווי אַ יינגל, אַ יתום פון דרייצן יאָר, און איך — כמעט פיר מאָל אַזוי אַלט ווי דו, לויב דיך, בין מסכים דערצו, וואָס דו שטייסט צו אַלץ נישט מיט דער זייט, נאָר מיטן פּנים! אַזוי זאָלסטו שטיין שטענדיק, דאָס איז גוט!

ער האָט גערעדט וועגן גאָטס קנעכט און וועגן זיינע מענטשן, אָבער דער חילוק צווישן מענטשן און קנעכט איז פאַר מיר געבליבן אומפאַרשטענדלעך, און פאַר אים אַליין, ווייזט אויס, איז דאָס אויך געווען נישט קלאָר. ער האָט גע־רעדט לאַנגווייליק. דער ווערקשטאַט האָט אָפּגעלאַכט פון אים, איך בין געשטאַנען מיט דער איקאָנע אין האַנט זייער גערירט און פאַרשעמט, נישט וויסנדיק וואָס צו טון. ענדלעך האָט קאַ־פּעדיושין פאַרדראָסיק אַ געשריי געטון צום רעדנער:

— הער שוין אויף אים מספּיד צו זיין, קוק אָן, די אויערן זענען ביי אים אַזש בלוי געוואָרן.

דערנאָך האָט ער מיר אַ פּאַטש געטון איבערן פּלייצע און אויך געלויבט:

— דאָס גוטע אין דיר איז דאָס, וואָס דו ביסט פאַר אַלעמען אַן אייגענער מענטש — אָט וואָס גוט איז! און ס׳איז

דיך שווער נישט נאָר צו שלאָגן, נאָר אויך אויסזידלען, ווען ס׳איז אפילו דאָ פאַרוואָס!

אַלע האָבן געקוקט אויף מיר מיט גוטע אויגן. פריינט־לעך אויסגעלאַכט מיין פאַרלעגנהייט, נאָך אַ מינוט — און איך וואָלט זיך זיכער פונאַנדערגעקלאָגט פון אומדערוואַרטער פרייד צו פילן זיך, אַז איך בין נויטיק פאַר די דאָזיקע מענטשן. און גראָד היינט אינדערפרי האָט דער געזעלן אין קראָם אַ ווונק געטון אויף מיר מיטן קאָפּ צו פיאָטר וואַסיליעוון.

— אַן אומאָנגענעמער יינגל און טויג צו גאָרנישט.

ווי תמיד בין איך אינדערפרי אַוועק אין קראָם, און נאָך האַלבן טאָג האָט דער געזעלן צו מיר געזאָגט:

— גיי אַהיים, וואַרף אַרונטער דעם שניי פון דאַך פון שייער און שטאָפּ אָן דעם קעלער...

וועגן דעם, אַז היינט איז מיין געבורטס־טאָג, האָט ער נישט געוווּסט; כ׳בין געווען זיכער, אַז קיינער ווייסט נישט וועגן דעם. ווען ס׳האָט זיך געענדיקט אין ווערקשטאַט די צע־רעמאָניע פון באַגריסונגען, האָב איך זיך איבערגעטון, אַרויס־געלאָפן אין דרויסן און בין אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך פון שיי־ער, כדי אַרונטערצוואַרפן דעם האַרטן, שווערן שניי, וואָס איז דעם ווינטער זייער פיל אָנגעפאַלן. נאָר זייענדיק אויפגע־רעגט, האָב איך פאַרגעסן אויפצועפענען די טיר פון קעלער און זי באַשאָטן מיט שניי. ווען כ׳בין אַראָפּגעשפרונגען אויף דער ערד און באַמערקט מיין פעלער, האָב איך תיכף אָנגעהויבן אָפּרוימען דעם שניי פון טיר; דער נאַסער שניי האָט זיך פעסט איינגעלייגט, מיט דער הילצערנער לאָפּאַטע איז שווער געווען אָנצונעמען דעם שניי, און קיין אייזערנע איז נישט גע־ווען, האָב איך צעבראָכן די לאָפּאַטע און גראָד אין דעם מאָ־מענט, ווען אין פאָרטקע האָט זיך באַוויזן דער געזעלן; ס׳איז מקוים געוואָרן דאָס רוסישע שפריכוואָרט: „דער טרויער גייט נאָך דער שמחה״.

— אַ—ז—וי גאָר, — האָט שפּאָטיש געזאָגט דער געזעלן, צוגייענדיק צו מיר — אַי, ביסטו אַן אַרבעטער, דער רוח זאָל

דיך געמען! כ'וועל דיר באַלד דערלאַנגען איבער דיין נאַרישן שיידל.

ער האָט זיך פאַרמאָסטן אויף מיר מיטן שטעקן פון דער לאָפּאַטע, כ'האָב זיך אָפּגערוקט און געזאָגט מיט צאָרן:

— כ'האָב מיך נישט פאַרדונגען ביי אייך פאַר קיין סטרוזש...

ער האָט אַ שליידער געטון דעם שטעקן מיר אין די פיס, כ'האָב אַ כאַפּ געטון אַ שטיק שניי און אַ שמיץ געטון אים אין פנים אַריין, ער האָט אָפּגעבלאָזן פון זיך און איז אַנטלאָפן, און איך האָב געוואָרפן די אַרבעט און בין אַוועק אין ווערק־שטאַט. אין עטלעכע מינוט אַרום איז פון אויבן אַרונטערגע־לאָפן זיין כלה, אַ רירעוודיק מיידל מיט פּרישטשעס אויפן פנים:

— מאַקסימיטש זאָל אַרויפגיין!

— כ'וועל נישט גיין. — האָב איך געזאָגט.

לאַריאָניטש האָט שטיל און פאַרוווּנדערט געפרעגט:

— וואָס הייסט — דו וועסט נישט גיין?

כ'האָב אים דערקלערט די מעשה; פאַרזאָרגטערהייט האָט ער זיך געלאָזט גיין אַרויף, זאָגנדיק צו מיר שטילערהייט:

— דו ביסט, ברודערל, אַ היפּשער חוצפּהניק...

דער ווערקשטאַט האָט זיך געטומלט, מ'האָט געזידלט דעם געזעלן; קאַפּעדיוכין האָט געזאָגט:

— נו, איצט וועט מען דיך אַרויסוואַרפן!

דאָס האָט מיך נישט געשראָקן. די באַציונגען מיינע צום געזעלן זענען שוין פון לאַנג געוואָרן נישט אויסצוהאַלטן, — ער האָט מיך עקשנותדיק פיינט געהאַט, און וואָס ווייטער, איז די שנאה אַלץ שאַרפער געוואָרן, איך האָב אים אויך נישט גע־קאָנט ליידן, מיר האָט זיך אָבער געוואָלט פאַרשטיין, פאַרוואָס ער באַציט זיך אַזוי שלעכט צו מיר

ער פלעגט פונאַנדערוואַרפן אין קראָם אויפן פאָדלאָגע מטבעות; קערנדיק, פלעג איך זיי געפינען און צוזאַמענלייגן אויפן פולט אין אַ קריגל, ווו ס'זענען געלעגן גראָשנס און

קאָפּיקעס פאַר אָרעמע לייט. ווען כ׳האָב תּופס געווען, וואָס עס באַדייטן די אָפּטע מציאות, האָב איך געזאָגט דעם גע־זעלן:

— אומזיסט וואַרפסט איר מיר אונטער געלט!

ער האָט זיך אָנגעצונדן און אומפּאָרזיכטיק אויסגעשריגן:

— דו זאָלסט זיך נישט דערוועגן מיך צו לערנען, כ׳ווייס אַליין, וואָס איך טו!

נאָר ער האָט זיך גלייך פאַרכאַפּט:

— וואָס הייסט איך וואַרף דיר אומזיסט אונטער? זיי פאַלן אַליין אַרונטער.

ער האָט מיר פאַרווערט צו לייענען אין קראָם ביכער, זאָגנדיק:

— דאָס איז נישט פאַר דיין שכל! וואָס, אפשר קלויב־סטו זיך ווערן אַ זינגער אין קלויסטער, דו, פּוסטעפּאַסטניק?

ער האָט נישט אויפגעהערט אַריינצוברענגען מיך אין נסיון אַריין דורך אונטערגעוואָרפענע צוואַנציק־קאָפּיקענע מטבעות, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אויב איך זאָל, בשעת איך קער די פּאָדלאָגע, פאַרשאַרן די מטבע אין אַ שפּאַלט, וועט ער זי־כער זיין, אַז כ׳האָב עס געגנבעט. האָב איך אים ווידער אַמאָל פאַרגעלייגט אויפצוהערן דאָס שפּיל, אָבער אין דעם זעלבן טאָג, צוריקקומענדיק פון שענק מיט טיי, האָב איך דער־הערט, ווי ער רעדט איין דעם שכנס געזעלן, וואָס איז נישט לאַנג אָנגעקומען אויפן פּאָסטן:

— לערן אים אויס צו גנבענען אַ תּהילמל — מיר וועלן באַלד דערהאַלטן דריי קאָסטנס...

כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ס׳רעדט זיך וועגן מיר. ווען איך בין אַריין אין קראָם, זענען זיי ביידע צעמישט געוואָרן, נאָר אויסער דעם דאָזיקן סימן האָב איך געהאַט אַ גרונט זיי חושד צו זיין אין אַ נאַרישער פאַרשווערונג קעגן מיר.

דעם שכנס געזעלן האָט שוין נישט צום ערשטן מאָל געדינט ביי אים; ער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ בריהשן קרע־מער, נאָר ער איז געווען אַ שיכּור; ווען ער פלעגט אָנהויבן

צו שיכּורן, פֿלעגט אים דער באַלעבאָס אויף דער צייט אַרויסטרייבן און נאָכדעם פֿלעגט ער ווידער צונעמען דעם דאָזיקן אויסגעדאַרטן, שוואַכן מענטשן מיט די כיטרע אויגן. ער איז געווען אויסערלעך אַ מילדער, נכנעדיק געפֿאָלגט אויף יעדן ווינק פֿון זיין באַלעבאָס און שטענדיק געשמייכלט אין בערדל מיט אַ קלוג שמייכעלע, ער האָט ליב געהאַט אַריינצוזאָגן אַ שאַרף ווערטל, און פֿון אים פֿלעגט זיך הערן יענער שלעכטער גערוך, וואָס הערט זיך פֿון אַ מענטשן מיט פֿאַרפֿוילטע ציינער, הגם זיינע ציינער זענען געווען ווייס און שטאַרק.

איינמאָל האָט ער מיך זייער פֿאַרוווּנדערט. ער איז צוגעגאַנגען צו מיר מיט אַ פֿריינטלעכן שמייכל, נאָר פּלוצלינג האָט ער מיר אַראָפּגעשמיסן דאָס היטל פֿון קאָפּ און אָנגעכאַפּט פֿאַר די האָר. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן שלאָגן, פֿון דער טעראַסע האָט ער מיך אַריינגעשטויסן אין קראָם און האָט זיך אָנגעשטרענגט אַרויפֿצושטויסן מיך אויף די קאַסטן־איקאָנעס, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער פּאָדלאָגע, ווען דאָס וואָלט זיך אים איינגעגעבן, וואָלט איך אויסגעהאַקט די שויבן, צעבראָכן די געזימסן און וואָלט זיכער צעקראַצט די טייערע איקאָנעס, ער איז אָבער געווען זייער שוואַך, און מיר איז געלונגען אים בייצוקומען, דאַן אָבער, צו מיין גרויסער פֿאַרוווּנדערונג, האָט זיך דער גרויסער מאַנסביל מיט דער באָרד פֿונאַנדערגעוויינט, און זיצנדיק אויף דער פּאָדלאָגע, געווישט די צעקלאַפּטע נאָז.

צומאָרגנס אינדערפֿרי, ווען אונזערע באַלעבאַטים זענען ערגעץ ווו אַוועק און מיר זענען געבליבן אַליין, האָט ער, רייבנדיק דעם בלויען בייל אויפֿן נאָז און אונטערן אויג, פֿריינטלעך געזאָגט צו מיר:

— דו מיינסט, פֿון אייגענעם ווילן האָב איך זיך געוואָרפֿן אויף דיר? כ׳בין דאָך נישט קיין נאַר און האָב געוווּסט, אַז דו וועסט מיך צעמזיקן, כ׳בין אַ מענטש אַ שוואַכער, אַ שיכּור. דאָס האָט מיר דער באַלעבאָס געהייסן: גיב אים, זאָגט ער, אַ חלק און באַמי זיך, אַז ער זאָל ביי זיך אין קראָם בעטן געשלעג, וואָס מער שאָדן אָנטון, זאָלן זיי האָבן היזק! איך

אַליין — וואָלט זיך נישט אָנגעהויבן, אָט ווי דו האָסט מיר אויס־געמאַלעוועט דעם פּרצוף...

כ'האָב אים געגלויבט און כ'האָב אויף אים רחמנות גע־האַט, כ'האָב געוווּסט, אַז ער לעבט האַלב הונגעריק מיט אַ פרוי, וואָס שלאָגט אים. פונדעסטוועגן האָב איך אים אַ פרעג געטון:

— און ווען מ'זאָל דיך צווינגען צו פאַרסמען אַ מענטשן — וועסטו פאַרסמען?

— ער קאָן נויטן, — האָט שטיל געזאָגט דער געזעלן, מיט אַ נעבעכדיק שמייכעלע — ער קאָן...

באַלד נאָכדעם האָט ער מיך אַ פרעג געטון:

— הער, כ'האָב קיין גראָשן נישט, אין דער היים איז נישטאָ וואָס צו פרעסן, דאָס ווייב שילט, שלעפּ אַרויס, ברו־דערל, פון שפּייכלער אַן איקאָנע, און איך וועל זי פאַרקויפן, האַ? וועסט אַרויסשלעפּן? אַנישט, אפשר אַ תהלימל?

כ'האָב זיך דערמאָנט אין דעם שוך־געשעפט, דעם קלוי־סטער־וועכטער, און מיר געטראַכט: דער מענטש וועט מיך אַרויסגעבן! ס'איז מיר אָבער שווער געווען אים אָפּצוזאָגן, און כ'האָב אים געגעבן אַן איקאָנע, נאָר אַרויסגעגנבעט אַ תהלים, וואָס קאָסט עטלעכע רובל, האָב איך נישט געוואַגט, דאָס איז מיר פאַרגעקומען, ווי אַ גרויסע זינד. וואָס זאָל מען טון? אין דער מאָראַל איז שטענדיק באַהאַלטן אַריטמעטיק. די הייליקע תמימות פון „דעם געזעץ־בוך פאַר קרימינעלע שטראָפן" גיט זייער דייטלעך אַרויס דעם דאָזיקן קליינעם סוד, אונטער וועלכן עס באַהאַלט זיך דער גרויסער ליגן פון אייגנטום.

ווען איך האָב דערהערט, ווי מיין געזעלן רעדט אָן דעם דאָזיקן נעבעכדיקן מענטשן, ער זאָל מיך אויסלערנען צו גנבענען אַ תהלים, האָב איך זיך דערשראָקן. ס'איז קלאָר געווען, אַז מיין געזעלן ווייסט, ווי גוט איך בין אויף זיין חשבון, און אַז דעם שכנס געזעלן האָט אים דערציילט וועגן דער איקאָנע.

די מיאוסקייט צו זיין אַ גוטער אויף יענעמס חשבון און דאָס נאַרישע כאַפּ־שטייגל, וואָס מ'האָט פאַר מיר אָנגעשטעלט —

צלך אינאיינעם האָט אַרויסגערופן ביי מיר אַ געפיל פון צאָרן און עקל צו זיך און צו אַלעמען. כ'האָב מיך עטלעכע טעג ביי־טער געפייניקט, וואַרטנדיק, ווען ס'וועלן אָנקומען די קאַסטנס מיט די ביכער; ענדלעך זענען זיי אָנגעקומען, איך פּאַק זיי פונאַנדער אין שפּייכלער, גייט צו צו מיר דעם שכנס געזעלן און בעט, כ'זאָל אים געבן אַ תהלים.

פרעג איך אים:

— דו האָסט געזאָגט מיינעם וועגן דער איקאָנע?

— כ'האָב געזאָגט, — האָט ער געענטפערט מיט אַן אומע־טיק קול — איך קאָן, ברודערל, נישט האַלטן קיין סוד...

דאָס האָט מיך צעטומלט, כ'האָב זיך אַנידערגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע, אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר אויגן, און ער האָט אָנגעהויבן שנעל מורמלען אַ פאַרשעמטער און שרעקלעך נעבעכדיק:

— זעסטו — דיינער האָט זיך אַליין געכאַפּט, כ'מיין מיין באַלעבאָס האָט עס פאַרשטאַנען און האָט דיינעם אויסגעזאָגט...

מיר האָט זיך געדאַכט, כ'בין אַ פאַרלוירענער. — די דאָ־זיקע מענטשן האָבן מיר אונטערגעשטעלט אַ פיסל, און איצט איז פאַר מיר גרייט אַן אָרט אין אַ קאָלאָניע פאַר מינדעריע־ריקע פאַרברעכער! אויב אַזוי—איז שוין אַלץ איינס! אויב טרינ־קען זיך, איז כאָטש אין אַ טיפן אָרט. כ'האָב אים אַריינגע־רוקט דעם תהלים אין די הענט, ער האָט אים באַהאַלטן אונ־טערן מאַנטל און איז אַוועק, נאָר האָט זיך תיכף אומגעקערט און—דער תהלים איז אַראָפּגעפאַלן צו מיינע פיס, און אַליין האָט ער אַוועקגעשפּרייזט, זאָגנדיק.

—כ'נעם נישט, דו וועסט צו גרונט גיין צוזאַמען מיט דיר...

כ'האָב נישט פאַרשטאַנען די ווערטער, — וואָס הייסט דאָס, דו וועסט צו גרונט גיין צוזאַמען מיט דיר? כ'בין אָבער זייער צופרידן געווען, וואָס ער האָט נישט גענומען דאָס בוך. באַכדעם האָט מיין קליינער געזעלן אָנגעהויבן קוקן אויף מיר מיט מער צאָרן און חשד.

וועגן דעם אַלעם האָב איך מיך דערמאַנט, ווען לאַריאָניטש

איז אַרויף אויבן; ער האָט זיך דאָרט נישט לאַנג געזאַמט, און קומענדיק צוריק, איז ער געווען נאָך מער געפאַלן ביי זיך און שטילער ווי תמיד. און צו אָוונט־ברויט, זייענדיק מיט מיר אויג אויף אויג, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— כ׳האָב מיך משתדל געווען, מ׳זאָל דיך באַפרייען פון קראָם און אָפּגעבן צום ווערקשטאַט. ס׳איז גאָרנישט אַרויס! קוזמא וויל נישט. ביסט אים זייער נישט צום האַרצן...

אין שטוב האָב איך אויך געהאַט אַ שונא, דעם געזעלנס כלה, אַ צו פּיפּיק מיידל; די גאַנצע יוגנט פון ווערקשטאַט האָט זיך געשפּילט מיט איר, מ׳האָט זי אָפּגעוואַרט אין פּירהויז און אַרומגענומען; זי פלעגט קיין פאַריבל נישט האָבן אויף דעם, נאָר פלעגט שטיל אַ קוויטש טון ווי אַ קליין הינטל. פון פרי ביז נאַכט פלעגט זי קייען, אירע קעשענעס זענען תמיד געווען אָנגעשטאָפּט מיט לעקעכלעך, קיכעלעך, די יאַסלעס האָבן זיך כסדר באַוועגט. ס׳איז געווען אומאַנגענעם צו קוקן אויף איר פּוסט פּנים מיט די אומרויקע, גרויע אויגלעך, מיך און פאַוועלן פלעגט זי פרעגן שטענדיק רעטענישן אַזעלכע מיט גראָבע אָנצוהערענישן און פלעגט שנעל־צינגלענדיק אונז אַריינזאָגן עפּעס אַ מיאוס וואָרט.

איינמאָל האָט איינער פון די עלטערע מייסטערס צו איר געזאָגט:

— אַי, ביסטו אַ חצופה, מיידל!

זי האָט געענטפערט לעבעדיק און פריילעך מיט די ווערטער פון אַ פאַרשייט לידל:

אויב אַ מיידל וועט זיך שעמען,
וועט קיין בחור זי נישט נעמען...

דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען אַזאַ מיידל, זי איז מיר געווען דערווידער און האָט מיך געשראָקן מיט איר גראָבער קאָקעטעריע, און זעענדיק, אַז איר קאָקעטירן איז מיר נישט צום האַרצן, איז זי געוואָרן נאָך חוצפּהדיקער.

איינמאָל, ווען איך מיט פאַוועלן האָבן איר געהאָלפן

אויספאַרען פּעסלעך פון קוואַס מיט אוגערקעס, האָט זי אונז פאַרגעלייגט:

— יינגלעך, איר ווילט, וועל איך אייך אויסלערנען קושן זיך.

— כ׳קאָן בעסער פאַר דיר. — האָט איר שמייכלענדיק געענטפערט פאַוועל, און איך האָב איר געזאָגט, אַז זי זאָל זיך גיין קושן צו איר חתן, און געזאָגט האָב איך דאָס נישט זייער פריינטלעך, זי איז בייז געוואָרן.

— אוי, איז דאָס אַ גראָבער ביין! אַ פריילין וויל פאַרברענגען מיט אים, דרייט ער מיט דער נאָז; ווי געפעלט אייך אַ פּוריץ!

און דראָענדיק מיטן פינגער, האָט זי צוגעגעבן:

— נו, וואַרט, כ׳וועל דיר צודינען!

פאַוועל האָט מיך אויך אונטערגעהאַלטן און האָט געזאָגט:

— וועסט קריגן פון דיין חתן, ווען ער וועט זיך דערוויסן וועגן דיין חוצפּה.

זי האָט מיט פאַראַכטונג אויפגעקנייטשט איר פּרישטשעוואַטן פּנים.

— כ׳האָב פאַר אים קיין מורא נישט! מיט מיין נדן קאָן איך קריגן אַ צענדליק בעסערע פאַר אים. אַ מיידל קאָן בלויז ביז דער חתונה שטיפן.

און זי האָט אָנגעהויבן שטיפן מיט פאַוועלן, און פון דעמאָלט אָן האָט זי אויף מיר שטענדיק רכילות געטריבן.

אין קראָם איז געוואָרן אַלץ שווערער, כ׳האָב דורכגעלייענט אַלע קלויסטער־ביכער, עס פלעגן מיך שוין מער נישט אַמוזירן די מחלוקתן און די שמועסן פון די קלויסטער־זינגער און אַנטיקן־קענער. זיי האָבן כסדר גערעדט וועגן דאָס זעלבע. בלויז פּיאָטר וואַסיליעוו האָט מיך נאָך אַלץ ווי פריער צוגעצויגן מיט זיין קענטעניש פון דעם מענטשנס פאַרהוילענעם לעבן און מיט זיין אינטערעסאַנט, התלהבותדיק רעדן. אָפטמאָל פלעג איך טראַכטן, אַז פּונקט אַזוי איז אַרומגעגאַנגען איבער דער וועלט

דער נביא אלישע, אַן איינזאַמער און פול מיט נקמה־צאָרן.

אָבער שטענדיק, ווען כ׳האָב גערעדט מיטן אַלטן אָפּנ־האַרציק מכּוח מענטשן, וועגן מיינע רעיונות, פלעגט ער מיך אויסהערן גוטהאַרציק און עס איבערדערציילן דעם געזעלן, און יענער פלעגט מיך באַליידיקן, אָדער אויסלאַכן און בייז אויס־זידלען.

איינמאָל האָב איך געזאָגט דעם אַלטן, אַז איך פאַרצייכן זיינע רייד אין אַ העפט, ווו עס זענען שוין פאַרשריבן פאַר־שידענע לידער און גלייכווערטלעך פון ביכער; דאָס האָט אים זייער איבערגעשראָקן. ער האָט זיך צוגעבויגן צו מיר און פאַרזאָרגט אַ פרעג געטון:

— צוליב וואָס טוסטו דאָס? דאָס טויג נישט, קליינער! צום געדענקען? ניין, וואַרף דאָס אַוועק! אוי, דו איינער, גיב, זיי מוחל, דיינע פאַרצייכענונגען, האַ?

ער האָט מיך לאַנג צושטייענדיק איבערצייגט, אַז כ׳זאָל אים אָפּגעבן דאָס העפט, אָדער פאַרברענען, און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן סודען זיך בייז מיטן געזעלן.

ווען מיר זענען געגאַנגען אַהיים, האָט דער געזעלן גע־זאָגט צו מיר שטרענג:

— דו מאַכסט עפּעס דאָרט נאָטיצן, מער זאָל אַזוינס נישט זיין! האָסטו געהערט? מיט אַזעלכע זאַכן פאַרנעמען זיך נאָר שפּיאָנעס...

כ׳האָב פאַרזיכטיק געפרעגט:

— און פאַרוואָס מעג סיטאַנאָוו? ער פאַרשרייבט אויך.

— אויך? אַ נאַר אַ לאַנגער...

שווייגנדיק אַ לענגערע צייט, האָט ער אומגעווײנלעך ווייך פאָרגעלייגט:

— הער נאָר, ווייז מיר דיין העפט און סיטאַנאָווס אויך, קריגסט ביי מיר אַ האַלבן רובל! נאָר מאַך דאָס אַזוי, אַז סי־טאַנאָוו זאָל נישט וויסן, שטילערהייט...

ער איז, אַפּנים, געווען זיכער, אַז איך וועל אים פאָלגן,

און נישט זאָגנדיק מער קיין וואָרט, איז ער אויף זיינע קורצע פיסלעך אַוועקגעלאָפן פאָרויס.

אין דערהיים האָב איך דערציילט סיטואַציע וועגן דעם געזעלנס פאָרשלאַג. יעוועגני האָט זיך אָנגעכמורעט.

— אומזיסט האָסטו זיך אויסגעפּלוידערט... איצט וועט ער עמעצן אָנלערנען אַרויסצוגנבענען די העפטן ביי מיר און ביי דיר. גיב מיר דיינס, כ׳וועל באַהאַלטן... און דיך וועט ער אינגיכן אַרויסטרייבן, געדענק!

כ׳בין געווען זיכער אין דעם און האָב באַשלאָסן אַוועק־צוגיין, ווי נאָר די באָבע וועט זיך צוריקקערן אין שטאָט, זי האָט אַ גאַנצן ווינטער געוווינט אין באַלאַכנע, וווּ זי איז פון עמעצן איינגעלאַדן געוואָרן אויסצולערנען די מיידלעך שטריקן שפּיצן. דער זיידע האָט ווידער געוווינט אין קונאַווין, כ׳בין נישט געגאַנגען צו אים, און ער, זייענדיק אין שטאָט, פלעגט מיך אויך נישט באַזוכן. איינמאָל האָבן מיר זיך אָנגע־טראָפן אין גאַס; ער איז געגאַנגען אין אַ שווערן בערענעם פּעלץ, געלאַסן און חשובדיק, ווי אַ פּאָפּ. כ׳האָב זיך באַגריסט מיט אים; ער האָט אויף מיר אַ קוק געטון פון אונטער דער דלאָניע און פאַרטראַכטערהייט געזאָגט:

— אַ, דאָס ביסטו... ביסט איצט אַ מאָלער פון הייליקע בילדער, יאָ, יאָ... נו, גיי, גיי!

האָט מיר אָפּגערוקט פון וועג און איז, פּונקט ווי פריער, געלאַסן און חשובדיק אַוועק ווייטער.

די באָבע פלעג איך זעלטן זען; זי האָט געאַרבעט אָן אויפהער, אונטערהאַלטנדיק דעם זיידן, וואָס איז שוין געווען עובר־בטל פון עלטער, האָט זיך פאַרנומען מיט דעם פעטערס קינדער. באַזונדערס פיל האָט זי געליטן פון סאַשען, מיכאַילס זון, אַ שיינער בחור, אַ פאַנטאַזיאָר און אַ ליבהאָבער פון ביכער. ער האָט געאַרבעט אין פאַרשידענע פאַרבערייען, איבערגייענדיק פון איין באַלעבאָס צום צווייטן, און אין די הפסקות פלעגט ער זיצן ביי דער באָבען אויפן קאַרק, וואַרטנדיק רויק ביז זי וועט פאַר אים אויסגעפינען אַ נייעם פּלאַץ. אויף איר קאַרק

איז אויך געזעסן סאַשעס שוועסטער, וואָס האָט זייער נישט מזלדיק חתונה געהאַט פאַר אַ האַנטווערקער, אַ שיכּור, וועלכער פלעגט זי שלאָגן און טרייבן פון שטוב.

טרעפנדיק זיך מיט דער באָבען, פלעג איך וואָס ווייטער אַלץ באַוווסטזיניקער נתפּעל ווערן פאַר איר נשמה, נאָר כ׳האָב שוין געפילט, אַז אָט די זעלטענע נשמה איז פאַרבלענדט פון די מעשיות, זי איז נישט פעיק צו זען, זי קאָן נישט פאַר־שטיין די דערשיינונגען פון דער ביטערער ווירקלעכקייט, און מיינע דאגות, מיינע רעגונגען זענען איר פרעמד.

— מ׳מוז ליידן, אַליאָשע.

דאָס איז אַלץ, וואָס זי האָט מיר געענטפערט אויף אַלע מיינע געשיכטעס וועגן די נבלות פון לעבן, וועגן די ליידן פון מענטשן, וועגן אומעט און וועגן אַלץ, וואָס האָט מיך אויפגעבראַכט.

כ׳בין געווען זייער ווייניק מסוגל צו ליידן און, ווען איך פלעג שוין אַמאָל יאָ אַרויסווייזן די דאָזיקע פיינע מידה פון אַ בהמה, פון אַ האָלץ, אַ שטיין, האָב איך עס אַרויסגעוויזן, כּדי אויסצופּרובירן זיך אַליין, כּדי צו וויסן דעם רעזערוו פון די אייגענע כּוחות, די קראַפט פון מיין שטאַנדהאַפטיקייט אויף דער ערד. אָפטמאָל קומט פאָר, אַז יונגוואַרג צוליב נאַרישער בריהשקייט אָדער פון קנאה צום כּוח פון דערוואַקסענע נעמען זיך אונטער אויפצוהייבן און הויבן טאַקע אויף צו שווערע משׂאות פאַר זייערע מוסקולן און ביינער, פּרובירן באַרימעריש, ווי דערוואַקסענע גבורים, צו צלמען זיך מיט צוויי פודיקע געוויכטן.

כ׳האָב דאָס אויך אַלץ געטון אין דער ווירקלעכקייט, און אַביסל בדרך מליצה, פיזיש און גייסטיק, און נאָר אַ דאַנק עפּעס אַ צופעליקייט האָב איך זיך נישט אונטערגעריסן צום טויט, נישט צעקאַלעטשעט זיך אויפן גאַנצן לעבן, מחמת קיין זאַך צעקאַלעטשעט נישט אַזוי דעם מענטשן, ווי געדולד און הכנעה צו דער מאַכט פון די אויסערלעכע באַדינגונגען.

און, אויב איך וועל זיך, סוף כּל סוף, פאַרט לייגן אין

דער ערד אַ צעשעדיקטער, דאַן וועל איך מיט אַ הויך פּנ
גאווה קאָנען זאָגן אין מיינע לעצטע מינוטן, אַז גוטע מענטשן
האָבן זיך אין משך פון פערציק יאָר ערנסט באַמיט צו פאַר־
דאַרבן מיין נשמה, אָבער זייער עקשנותדיקע מי איז נישט
אינגאַנצן געלונגען.

עס פלעגט מיך אַלץ עפטער אָנכאפּן אַ ווילדער פאַרלאַנג
צו וואָיעווען, לוסטיק און לאַכנדיק מאַכן די מענטשן. מיר
פלעגט זיך דאָס איינגעבן, כ׳האָב געקאָנט דערציילן וועגן די
סוחרים פון ניזשנער באַזאַר, כ׳האָב זיי פאָרגעשטעלט, כ׳האָב
אויך פאָרגעשטעלט, ווי די פויערים און ווייבער קויפן און פאַר־
קויפן איקאָנעס, ווי פלינק דער געזעלן נאַרט זיי אָפּ, ווי עס
קריגן זיך די אַנטיקן־קענער.

דער ווערקשטאַט האָט זיך געקייכט פון געלעכטער, נישט
זעלטן פלעגן די מייסטערס אַוועקוואַרפן די אַרבעט, קוקנדיק,
ווי איך שטעל פאָר, נאָר שטענדיק נאָך דעם האָט מיר לאַר־
יאָניטש געעצהט:

— וואָלסט בעסער פאָרגעשטעלט נאָכן אָוונטברויט, אַנ־
דערש שטערסטו אין דער אַרבעט..

נאָך דער „פאָרשטעלונג" פלעג איך זיך פילן לייכט, ווי
כ׳וואָלט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַ שווערע, דריקנדע משא; אויף
אַ האַלבע שעה, אַ שעה פלעגט אין קאָפּ ווידער ווערן אָנגענעם
פוסט, און שפּעטער האָט זיך ווידער געדאַכט, אַז דער קאָפּ
איז פול מיט שפּיציקע, קליינע נעגל, זיי רירן זיך דאָרט און
וואַרעמען זיך אָן.

אַרום מיר האָט זיך אָנגעקאָכט עפּעס אַ שמוציקע ברײַ,
און כ׳האָב געפילט, אַז שטילערהייט ווער איך אַליין צעקאָכט
אין איר.

ס׳האָט זיך געטראַכט:

„צי דען איז דאָס גאַנצע לעבן אַזאַ? און איך וועל אויך
לעבן אַזאַ לעבן, ווי די דאָזיקע מענטשן, נישט אָנזען און נישט
געפינען קיין בעסערס?"

— דו ווערסט, מאַקסימיטש, עפּעס אַלץ בייזער. — האָט

געזאָגט זשיכאַרעוו, אויפמערקזאַם צוקוקנדיק זיך צו מיר.
סיטאַנאָוו האָט מיך אָפּט געפרעגט — וואָס איז מיט דיר?
כ'האָב נישט געקאָנט ענטפערן.
איינגעעקשנט און גראָב האָט דאָס לעבן אָפּגעמעקט פון מיין נשמה זיינע אייגענע אויפשריפטן, פאַלש פאַרבייטנדיק זיי מיט עפּעס אַן אומנוצלעכן שונד, כ'האָב מיך צאַרנדיק און פעסט געווערט קעגן זיין פאַרגוואַלטיקונג, כ'בין געשווומען איבער דעם זעלבן טייך, ווי אַלע, נאָר פאַר מיר איז דאָס וואַסער געווען קעלטער, און עס האָט מיך נישט אַזוי לייכט געטראָגן, ווי די אַנדערע, — צייטנווייז האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך זינק אַראָפּ ערגעץ אין אַן אָפּגרונט.
מענטשן האָבן זיך באַצויגן צו מיר אַלץ בעסער, אויף מיר האָט מען נישט געשריגן, ווי אויף פּאַוועלן, מיך האָט מען נישט געיאָגט, מיך האָט מען גערופן אויפן פאָטערס נאָמען, כדי צו באַטאָנען זייער אַכטונג צו מיר. דאָס איז גוט, נאָר עס איז געווען ביטער צוצוזען, וויפל די לייט טרינקען בראָנפן, ווי דערווידער זיי זענען שיכורערהייט און ווי קרענקלעך זייער באַציונג איז צו דער פרוי, כאָטש כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז בראָנפן און די פרוי זענען די איינציקע תּענוגים אין זייער לעבן.
אָפט פלעג איך מיט צער דערמאָנען, אַז אפילו די דריי־סטע, קלוגע נאַטאַליע קאָזלאָווסקאַ האָט אויך אָנגענומען די פרוי פאַר אַ שפּילכל.
נאָר ווי זשע איז דאַן מיט דער באָבען? און די קעניגין מאַרגאָ?
וועגן דער קעניגין פלעג איך מיך דערמאָנען כמעט מיט אַ געפיל פון שרעק, — זי איז דאָ געווען אַזוי פרעמד צו אַלץ, ווי איך וואָלט זי געזען אין חלום.
איך האָב צופיל אָנגעהויבן צו טראַכטן מכּוח פרויען און האָב שוין געהאַלטן ביי לייזן די פראַגע: צי זאָל איך אפשר, אין דעם נאָנטן יום טוב גיין אַהין, וווהין אַלע גייען? דאָס איז נישט געווען קיין פיזישער באַגער, — כ'בין געווען גע־זונט און כ'האָב זיך געמיאוסט, נאָר צייטנווייז האָט זיך ביז

שגעון געגלוסט אַרומצוגעמען עמעצן אַ האַרציקן, אַ קלוגן און אָפנהאַרציק לאַנג, אָן אַ סוף רעדן, ווי צו אַ מאַמען, וועגן דער אומרו פון דער נשמה.

כ'האָב מקנא געווען פּאַוועלן, ווען ער האָט מיר ביינאַכט דערציילט וועגן זיין ראָמאַן מיט דעם שטוב-מיידל פון שכנישן הויף.

— אָט אַ שפּאַס, ברודער־לעבן: מיט אַ חודש צוריק האָב איך זי פאַרוואָרפן מיט שניי, זי איז מיר נישט געפעלן געווען, און איצט זיץ איך מיט איר אויפן באַנק, טוליע זיך צו איר, און קיינער איז מיר נישט טייערער אויף דער וועלט פאַר איר!

— וועגן וואָס רעדט איר?

— וועגן אַלץ, געוויינלעך. זי מיר — וועגן זיך, און איך איר — אויך וועגן זיך. נו, און מיר קושן זיך... זי איז אָבער אַן אָרנטלעכע... אַ שרעק, ברודער, סאַראַ ווילע זי איז!.. אוי, דו רויכערסט, ווי אַן אַלטער סאָלדאַט!

גערויכערט האָב איך אַ סך; דער טאַבאַק האָט פאַרשיכורנדיק אָפּגעטעמפּט מיינע צערודערטע רעיונות און אומרויקע געפילן. דער בראָנפן איז מיר, צום גליק, געווען דערווידער מיט זיין גערוך און מיט זיין טעם, פּאַוועל אָבער האָט געטרונקען גערן, און, אָנטרינקענדיק זיך, ביטער געוויינט:

— אַהיים וויל איך, אַהיים! לאָזט מיך אָפּ אַהיים...

ער איז, ווי איך געדענק, געווען אַ יתום; זיינע עלטערן זענען שוין לאַנג געשטאָרבן, קיין ברידער און קיין שוועסטער האָט ער נישט געהאַט, פון אַ יאָר אַכט האָט ער געלעבט ביי פרעמדע מענטשן.

אין דער דאָזיקער שטימונג פון אומרויקער אומבאַפרידיקונג און נאָכמער צערייצט דורך דעם רוף פון פרילינג, האָב איך באַשלאָסן ווידער אָנצודינגען זיך אויף אַ דאַמפער און, קומענדיק קיין אַסטראַכאַן, פון דאָרט אַנטלויפן קיין פערסיע.

איך געדענק נישט, פאַרוואָס עפּעס גראָד קיין פערסיע. מעגלעך, אַז נאָר צוליב דעם, מחמת מיר זענען שטאַרק געפעלן

געוועז די פערסישע סוחרים אויף דעם ניזשעגאראדער מאַרק: זיצן זיך עפּעס אַזעלכע שטיינערנע געצן, אויסגעשטעלט אויף דער זון די געפּאַרבטע בערד, רויכערנדיק רויק די נאַרגילע, און די אויגן זייערע זענען גרויסע, טונקעלע, אַלצוווייסנדיקע.

איך וואָלט, מסתמא, געוויס אַנטלאָפן ערגעץ וווהין, נאָר אין דער וואָך פון פסח, ווען אַ טייל פון די מייסטערס זענען אַוועקגעפאָרן אַהיים אין זייערע דערפער און די איבערגעבלי־בענע האָבן געשיכורט, האָב איך, שפּאַצירנדיק אין אַ זוניקן טאָג איבערן פעלד ביי דער אָקע, באַגעגנט מיין באַלעבאָס, דער באָבעס פלימעניק.

ער האָט געקראָגן אַ לייכטן, גרויען מאַנטל, די הענט אין די הויזן־קעשענעס, אַ פּאַפּיראָס אין מויל, דער הוט פאַר־רוקט אויפן קאָפּ; זיין אָנגענעם פּנים האָט פריינטלעך גע־שמייכלט צו מיר. ער האָט געהאַט אַן אָנגענעם אויסזען פון אַ פרייען, פרייליכן מענטשן, און אַ חוץ אונז ביידן איז אין פעלד קיינער נישט געווען.

— אַ, פּעשקאָוו, „קריסטוס איז אויפגעשטאַנען”!

מיר האָבן זיך צעקושט. ער האָט מיך געפרעגט, ווי מיר לעבט זיך, און איך האָב אים אָפנהאַרציק דערציילט, אַז דער וועסקשטאָט, די שטאָט און בכלל אַלץ—איז מיר דערעסן גע־וואָרן, און כ׳האָב באַשלאָסן צו פאָרן קיין פּערסיע.

— לאָז געמאַך, — האָט ער געזאָגט ערנסט — צו וואָסער שוואַרץ יאָר דאַרפסטו פּערסיע? כ׳ווייס ברודער, אין דיינע יאָרן האָט זיך מיר אויך געוואָלט לויפן צו אַלדי רוחות!...

מיר איז געפעלן געווען, ווי ער וואַרפט זיך אַזוי העל־דיש מיט רוחות; אין אים האָט געשפּילט עפּעס אַזוינס פיינס, פריליגנדיקס, אינגאַנצן איז ער געווען וווילעריש.

— רויכערסט? — האָט ער געפרעגט און האָט מיר דער־לאַנגט אַ זילבערנעם פּאָרטסיגאַר מיט דיקע פּאַפּיראָסן.

נו, דערמיט האָט ער מיך שוין אינגאַנצן בייגעקומען.

— אָט וואָס, פּעשקאָוו, קום ווידער צו מיר! — האָט ער מיר פאָרגעלייגט. — כ׳האָב, ברודער־לעבן, היינטיקס יאָר אָנגענ-

בומען אויפֿן יאָר־יריד אויף אַ פּופּציק טויזנט „פּאָדראָדן", פֿאַר־שטייסט? אָט װעל איך דיך איינאָרדענען אויפֿן יריד; װעסט בײַ מיר זײַן אַ מין אױפֿזעער, װעסט איבערנעמען אַלערלײ מאַ־טעריאַלן, אַכטונג געבן, אַלץ זאָל זײַן אױף אַן אָרט און צו דער צײַט, און אַז די אַרבעטער זאָלן נישט גנבֿענען. געמאַכט? שׂכירות — אַ פֿינפֿער רובלדיקע אַ חודש און אַ פֿינפֿער אויף מי־טאָג! מיט די װײַבער האָסטו קײן עסק נישט, אינדערפֿרי גייסטו אַװעק און אין אָװנט קומסטו צוריק; די װײַבער קוק־סטו נישט אָן! נאָר זאָג זײ נישט, אַז מיר האָבן זיך געזען, קום פּשוט זונטיק און אַן עק!

מיר האָבן זיך צעשײדט, װי גוטע פֿרײַנט, בײַם געזעגענען האָט ער מיר געדריקט די האַנט, און, אַװעקגײענדיק, אפֿילו פֿונװײַטן געפֿאָכעט מיטן הוט.

װען כ'האָב אָנגעזאָגט אין װערקשטאַט, אַז איך גײ אַװעק, האָט עס דער גרעסטער טייל באַדױערט, װאָס מיר איז געװען גאַנץ אָנגענעם, באַזונדערס האָט זיך אױפֿגערעגט פֿאַװעל.

— נו, באַקלער זיך נאָר, — האָט פֿאַװעל גערעדט מיט פֿאָרװורף — װי אַזױ װעסטו נאָך אונז דאָרט לעבן מיט אַלער־לײ פֿויערן?... אוי, דו! אָט דאָס הײסט — פֿון אַ חזן װערן אַ *שמש*...

זשיכאַרעװ האָט געבורטשעט.

— אַ פֿיש זוכט — װוּ טיפֿער, אַ יונגאַטש, אַ בחור, װוּ ערגערס...

דער אָפּשײד פֿון װערקשטאַט, װאָס מ'האָט פֿאַר מיר גע־מאַכט, איז אַריבער אומעטיק און לאַנגװײליק.

— אוודאי דאַרף מען אױספּרובירן אי דאָס אי יענץ, — האָט געזאָגט זשיכאַרעװ, אַ געלער פֿון אױסניכטערן — נאָר בע־סער איז אױף אַמאָל און פֿעסט אַ נעם טון זיך פֿאַר אײן זאַך עפּעס...

— און שױן אױפֿן גאַנצן לעבן. — האָט שטיל צוגעגעבן לאַריאָניטש.

נאָר איך האָב געפֿילט, אַז זײ רעדן אָנגעשטרענגטע

און עפּעס נאָר פון יוצא וועגן, דער פּאָדים, וואָס האָט אונז צוזאַמענגעבונדן, איז עפּעס מיטאַמאָל דורכגעפוילט געוואָרן און האָט זיך איבערגעריסן.

דער שיכורער גאָגאָלעוו האָט זיך געדרייט אויף זיין באַלקן-געלעגער און הייזעריק געוועדט:

— אַז איכל ווע—לן, וועלן ביי מיר אַלע אין תפיסה זיצן! איך—ווייס אַ טוד! ווער גלויבט דאָ אין גאָט? אַהאַ—א...

ווי תמיד זענען ביי די ווענט געווען אָנגעשפּאַרט נישט קיין פאַרענדיקטע בילדער אָן צורות, צום באַלקן האָבן זיך צוגעקלעפּט די גלעזערנע קוילן, מיט פייער האָט מען שוין לאַנג נישט געאַרבעט, מיט די קוילן האָט מען זיך נישט באַנוצט, זיי זענען באַדעקט געווען מיט אַ גרויען שיכט סאַזשע און שטויב. אַלץ אַרום האָט זיך אַזוי פעסט איינגעקריצט אין מיין זכרון, אַז מיט פאַרמאַכטע אויגן זע איך דעם גאַנצן קעלער, אָט די אַלע טישן, די סלוּיקלעך מיט פאַרב אויף די פענסטער-ברעטלעך, די בינטלעך פּעדלען מיט די הענטלעך; די איקאָנעס, דער שמוציקער עמער אין ווינקל, אונטער דעם מעשענעם האַנטפאַס, וואָס זעט אויס, ווי דער העלם פון אַ פייערלעשער און גאָגאָלעווס באַקעטער פוס, וואָס הענגט אַראָפּ פון באַלקן-בעט און איז בלוי ווי דער פוס פון אַ דערטרונקענעם.

ס'האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אַוועקגיין, נאָר אין רוסלאַנד האָט מען ליב צו פאַרלענגערן די אומעטיקע מינוטן; די שטימונג ביים געזעגענען איז ווי ביי אַ הזכרה.

זשיכאַרעוו האָט מיט אַראָפּגערוקטע ברעמען צו מיר געזאָגט:

— און דעם בוך „דעמאָן" קאָן איך דיר נישט אָפּגעבן — ווילסט פאַר אים צוויי גילדן?

דאָס בוך איז געווען מיינס אַן אייגנטום, דער אַלטער פייערלעשער האָט מיר עס געשאָנקען, ס'איז געווען אַ שאָד אָפּצוגעבן לערמאַנטאָוון. ווען איך האָב זיך אָבער אַביסל אַ באַליידיקטער אָפּגעזאָגט פון געלט, האָט זשיכאַרעוו רויק אַריינגעלייגט דאס געלט אין קעשענע און פעסט דערקלערט:

— ווי דו ווילסט זיך, נאָר דאָס בוך וועל איך נישט אָפּגעבן! דאָס בוך איז נישט פאַר דיר, אַזאַ בוך קאָן גיך דערפירן צו זינד...

— מען פאַרקויפט עס דאָך אין בוך-געשעפט, כ׳האָב געזען!

נאָר ער האָט מיר געענטפערט מיט אַ פאַרשטאַרקטער זיכערקייט:

— דאָס מאַכט גאָרנישט אויס. פּיסטוילן פאַרקויפט מען אויך אין די געשעפטן...

און האָט מיר טאַקע לערמאָנטאָוון נישט אָפּגעגעבן.

אַרויפגייענדיק אויבן זעגענען זיך מיט דער באַלעבאָסטע, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אין פירהויז אויף איר שוועסטערן-קינד, זי האָט געפרעגט:

— דו גייסט אַוועק, זאָגט מען.

— כ׳גיי אַוועק.

— ווען דו וואָלסט נישט אַוועקגעגאַנגען, וואָלט מען דיך אַרויסגעיאָגט. — האָט זי מיר מודיע געווען נישט זייער פריינט-לעך און גאַנץ ערנסט.

און די בגילופנדיקע באַלעבאָסטע האָט געזאָגט:

— אַדיע, גאָט זאָל דיך היטן. דו ביסט נישט קיין גוטער יינגל, ביסט אַ חצוף. כאָטש איך האָב קיין שלעכטס נישט געזען פון דיר, נאָר אַלע זאָגן, אַז דו ביסט נישט קיין גוטער.

און האָט זיך פּלוצלינג צעוויינט, רעדנדיק דורך טרערן.

— ווען מיין מאַן וואָלט געלעבט, מיין זיסער מאַן, די טייערע נשמה, וואָלט ער דיר געגעבן אַ חלק, אָנגעבויקערט די ביינער, אָבער אַרויסטרייבן וואָלט ער דיך נישט! היינט אָבער איז אַלץ אַנדערש; ווי נאָר עפּעס נישט אַזוי—איז טראָג זיך אַרויס! אוי, און ווו וועסטו דיך, קינד, אַהינטון? צו וואָס וועסטו זיך צושלאָגן?

XVI

איך פאָר אַרום מיטן באַלעבאָס אין אַ שיפל איבער די גאַסן פון יאַרמאַרק, צווישן די געמויערטע געוועלבער, וואָס זענען ביז צום צווייטן שטאָק פאַרגאָסן פון פרילינג־וואַסער. איך ביים רודער, דער באַלעבאָס, זיצנדיק ביים הינטערטייל פון שיפל, קערעוועט נישט געניט, אַרונטערלאָזנדיק טיף דעם הינטערשטן רודער אין וואַסער, אומגעלומפּערט דרייט זיך דאָס שיפל הין און הער, פון איין גאַס אין דער צווייטער, איבערן שטילן, טריב־פאַרטראַכטן וואַסער.

— אוי, ווי הויך ס'איז היינט, צום טייוול, דאָס וואַסער! עס וועט פאַרהאַלטן די אַרבעט. — בורטשעט דער באַלעבאָס, רויכערנדיק אַ ציגאַר; דער רויך שטינקט, ווי אַ פאַרסמאַלעט טוך.

— רויקער! — שרייט ער דערשראָקן. — מיר פאָרן אַרויף אויף אַ לאַמטערנע.

ער האַלט איין דאָס שיפל און זידלט זיך:

— נו, אַ שיפל האָבן זיי געגעבן, די פאַרכעס!

ער באַווייזט מיר די ערטער, ווו נאָכן אָפּפאַלן פון וואַסער, וועלן זיך אָנהויבן די אַרבעט ביי די קראָמען. בלוי־אָפּגעגאָלט מיט אָפּגעשווירענע וואָנצעס און מיט אַ ציגאַר אין מויל, איז ער גאָרנישט ענלעך אויף אַן אונטערנעמער. ער טראָגט אַ לעדערנע קורטקע, הויכע שטיוול ביז די קני, איבערן פלייצע אַ יאַגד־טאַש, ביי די פיס סטאַרטשעט לעבעלס דאָפּלט פלינטיקער ביקס. ער האַלט אין איין דרייען אומרויִק זיין לעדערן היטל — רוקט עס אַרויף אויף די אויגן, בלאָזט אָן די ליפּן און קוקט פאַרזאָרגט אַרום; רוקט אַראָפּ דאָס היטל אויף דער פּאַטילניצע, ווערט יינגער און שמייכלט זיך אין די וואָנצעס, קלערנדיק וועגן עפּעס אַן אָנגענומער זאַך, — און ס'גלויבט זיך נישט, אַז ער האָט אַ סך אַרבעט, אַז עס באַאומרויִקט אים דאָס, וואָס דאָס וואַסער פאַלט אַזוי פּאַמעלעך אַרונטער, — אין

קאָפּ שפּילט ביי אים, קענטיק, אַ כוואַליע פון עפּעס אומבאַ־
ווּסטע רעיונות.

עס דריקט מיך אַ געפיל פון שטילער פאַרווּנדערונג:
ס'איז אַזוי מאָדנע אָנצוקוקן די דאָזיקע טויטע שטאָט, די גליי־
כע צאָלן געביידעס מיט די צוגעמאַכטע פענסטער, — אַ שטאָט,
וואָס איז אינגאַנצן פאַרגאָסן מיט וואַסער, פונקט ווי זי שווימט
פאַרביי אונזער שיפל.

דער הימל איז גרויס. די זון איז פאַרפלאָנטערט אין די
וואָלקן, דורכלייכטנדיק זעלטן דורך דער געדיכטעניש, ווי אַ
גרויסער, זילבערנער ווינטער־פלעק.

דאָס וואַסער איז אויך גרוי און קאַלט; מ'זעט גאָרנישט,
ווי עס פליסט. עס דאַכט זיך, אַז עס איז פאַרגליווערט, איינ־
געשלאָפן צוזאַמען מיט די פוסטע הייזער, מיט די ציילן קראָ־
מען, וואָס זענען אָפּגעפאַרבט אין אַ שמוציק־געלער פאַרב. ווען
עס קוקט אַרויס דורך די וואָלקנס די בלאַסע זון, ווערט אַלץ
אַרום אַביסל ליכטיקער, דאָס וואַסער שפּיגלט אָפּ דאָס גרויע
געוועב פון הימל, — אונזער שיפל הענגט אין דער לופטן
צווישן צוויי הימלען; אויך די שטיינערנע געביידעס הויבן זיך
אויף און שווימען קוים מערקלעך צו דער וואָלגע, אקע. אַרום
דעם שיפל הוידען זיך צעבראָכענע פעסלעך, קעסטלעך, קערב,
שפּענער, שטרוי, טיילמאָל שווימט דורך, ווי אַ טויטע שלאַנג,
אַ שטאַנג אָדער אַ קלאָץ.

ווו ניסט ווו זענען פונאַנדערגעעפנט פענסטער, אויף די
דעכער פון די צייל־גאַלערייעס טריקנט זיך וועש, עס סטאַר־
טשען אַרויס וואָליקעס; דורך אַ פענסטער קוקט אויפן גרויען
וואַסער אַרויס אַ פרוי... צום שפּיץ פון אַ טשוגונענעם זיילכל
פון דער גאַלעריע איז צוגעבונדן אַ שיפל, אירע רויטע זייטן
שפּיגלען זיך אָפּ אין וואַסער פעט און פליישיק.

צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ אויף די דאָזיקע סימנים פון
לעבן, דערקלערט מיר דער באַלעבאָס:

— דאָס לעבט דער וועכטער פון יאַרמאַרק. ער קריכט
אַרויס דורכן פענסטער אויפן דאַך, זעצט זיך אַריין אין שיפל

און פאָרט, קוקט — צי זענען ערגעץ דאָ גנבים? זענען נישטאָ קיין גנבים — גנבעט ער אַליין...

ער רעדט פויל, רויק, טראַכטנדיק וועגן עפּעס אַנדערש. אַרום איז שטיל, פּוסט און אומגלויבלעך, ווי אין חלום. די וואָלגע און די אַקע האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין גרויסער אָזערע; פון ווייטן אויף אַ ווייכן בערגל שיינט בונט אַרויס די שטאָט, איינגעגנצן אין סעדער, וואָס זענען נאָך טונקל, אָבער די קנאָספּן פון די ביימער זענען שוין אָנגעקוואָלן, און די סעדער טוען אָן די הייזער און קלויסטערס אין אַ גרינעם וואַרעמען פוטער. איבערן וואַסער שפּרייט זיך אויס אַ געדיכטער פּסחדיקער געקלאַנג, ס'הערט זיך ווי עס רוישט די שטאָט, און דאָ — איז, ווי אויף אַ פאַרלאָזענעם בית־עולם.

אונזער שיפל דרייט זיך אַרום צווישן צוויי שורות שוואַרצע ביימער, מיר פאָרן מיט דער הויפּט־ליניע צום אַלטן סאָבאָר, די ציגאַר שטערט דעם באַלעבאָס, פאַרשטעלנדיק זיינע אויגן מיט אַ בייסנדיקן רויך, דאָס שיפל שטויסט זיך אָן אַלע ווײַלע דאָ מיטן כּבֿיץ, דאָ מיטן באָרט אָן די שטאַמען פון די ביימער, דער באַלעבאָס וווּנדערט זיך אויפגערעגט:

— אָט איז אַ פאַסקודנע שיפל!

— אָבער איר קערעוועט דאָך נישט.

— ווי איז דאָס מעגלעך? — בורטשעט ער. — ווען אין שיפל געפינען זיך צוויי, איז שטענדיק רודערט איינער און דער צווייטער קערעוועט. אָט, זע, דאָ זענען די כינעזישע ציילן.

כ'קען שוין דעם יאַרמאַרק לאַנג דורך און דורך; כ'קען אויך די דאָזיקע לעכערלעכע קראָמען־ציילן מיט די אומגעלומפּערטע דעכער; ביי די ווינקלען פון די דעכער זיצן מיט פאַרלייגטע פיס די גיפּסענע פיגורן פון די כינעזער; אַמאָל האָב איך מיט די חברים געוואָרפן אין זיי שטיינער, און ביי אייניקע כינעזער האָב איך טאַקע אַליין אָפּגעהאַקט קעפּ און הענט, אָבער איך שטאָלציר שוין נישט מיט דעם...

— נישטיקע אַרבעט, — זאָגט דער באַלעבאָס, אָנווייזנדיק אויף די ציילן קראָמען — ווען מען גיט עס מיר צו בויען...

ער פּייפט און רוקט אַרונטער דאָס היטל אויף דער פּאָטעליניצע.

און איך מיין, אַז ער וואָלט אָט די געמויערטע שטאָט אויך פּונקט אַזוי לאַנגווייליק אויסגעבויעט, אויף דעם זעלביקן בידעריקן אָרט, וואָס ווערט יאָר־יערלעך פאַרפלייצט פון די ביידע טייכן, און די כינעזישע געוועלבער־ציילן וואָלט ער אויך אויסגעטראַכט...

ער האָט דערטרונקען דעם ציגאַר פון יענער זייט ראַנד, האָט אים באַגלייט מיט אַ שפּיי פון עקל און געזאָגט:

— אומעטיק, פּעשקאָוו! אומעטיק. קיין געבילדעטע מענטשן זענען נישטאָ, נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. ס'ווילט זיך אַמאָל אויספּיינען — נאָר פאַר וועמען? נישטאָ קיין מענטשן. אַלץ טעסלערס, שטיינהאַקער, פּויערים, שולערס...

ער קוקט רעכטס אויפן ווייסן מעטשעט, וואָס דערהויבט זיך אַזוי שיין אויפן בערגל פון וואַסער אַרויס, און רעדט ווייטער, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט וועגן עפּעס פאַרגעסנס.

— כ'האָב אָנגעהויבן טרינקען ביר, רויכערן ציגאַרן, לעבן ווי אַ דייטש. די דייטשן, ברודער, זענען אַ פּראַקטיש פאָלק, אַזעלכע חיות־הינער! ביר איז אַן אָנגענעמע באַשעפטיקונג, נאָר צו ציגאַרן בין איך נישט געוווינט! רויכערסט זיך אָן, בורטשעט דאָס ווייב: וואָס שטינקט עס עפּעס פון דיר, ווי פון אַ רימער?.. יאָ, ברודער, מ'לעבט, מ'קליגט זיך... נו, קערע־זוע אַליין...

אַוועקלייגנדיק דעם רודער אויפן אָרט, נעמט ער דעם ביקס און שיסט צום כינעזער אויפן דאַך, — דעם כינעזער האָט נישט געשאַדט, די שרויט האָבן באַזייט דעם דאַך און די וואַנט, אויפהויבנדיק אין דער הויך רויכלעך פון שטויב.

— נישט געטראָפן. — איז זיך אין עגמת נפש מודה דער שיסער און לייגט אַריין נאָך אַ קויל אין ביקס.

— און וואָס איז מכוח מיידלעך — האַלטסט שוין נאָכן תענית? ניין? און איך האָב זיך שוין צו דרייצן יאָר פאַר־ליבט...

ער דערציילט, ווי אַ חלום, די געשיכטע פון זיין ערשטער ליבע מיט דעם שטוב־מיידל פון אַרכיטעקטאָר, ביי וועלכן ער האָט געוווינט, אַלס לערניינגל, שטיל פּליעשקעט זיך דאָס גרויע וואַסער, אָפּוואַשנדיק די קאַנטן פון די געביידעס, הינטערן סאָ־באָר בלאַנקט טונקל די וואַסער־וויסטעניש, ווו נישט ווו דער־הויבן זיך איבער איר די שוואַרצע צווייגן פון אַ ווערבע.

אין דעם מאָלעריי־ווערקשטאַט פון די איקאָנעס, פלעגט מען אָפט זינגען אַ סעמינאַריסטיש לידל:

בלויער ים,

רוישיקער ים...

געפערלעך לאַנגווייליק מוז זיין דער דאָזיקער בלויער ים...

— כ׳פלעג קיין נעכט נישט שלאָפן, — זאָגט דער באַלע־באָס — כ׳פלעג אויפשטיין פון בעט, אַוועקשטעלן זיך הינטער איר טיר, ציטערן, ווי אַ הינטל, די שטוב איז געווען אַ קאַל־טע, ביינאַכט פלעגט זי באַזוכן דער באַלעבאָס. ער האָט מיך געקאָנט אָנטרעפן, און איך האָב נישט מורא געהאַט, יאָ...

ער רעדט פאַרחלומט, ווי ער וואָלט באַטראַכט אַן אַלטן אָפּגענוצטן בגד — צי קאָן מען אים נאָך אָנטון אָדער נישט.

— האָט זי מיך באַמערקט, אויף מיר רחמנות געהאַט, פונאַנדערגעעפנט די טיר און רופט: קום, נאַרעלע...

כ׳האָב זיך אָנגעהערט אַ סך אַזעלכע געשיכטעס, זיי זע־נען מיר דערעסן געוואָרן, כאָטש זיי האָבן אין זיך געהאַט אַ שיינעם שטריך. וועגן דער ערשטער „ליבע” האָבן כמעט אַלע גערעדט אָן באַרימעריי, אָן גבול־פּה, נאָר אָפט אַזוי פריינטלעך און אומעטיק, אַז כ׳האָב פאַרשטאַנען: דאָס איז געווען דאָס בעסטע אין לעבן פון דעם דערציילער. ביי אַ סך איז, דאַכט זיך, נאָר דאָס איינציקע געווען גוט.

לאַכנדיק און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, רופט דער באַלעבאָס פאַרוווּנדערט אויס:

— נאָר דעם ווייב זאָלסטו עס נישט דערציילן, קיין וואָרט נישט! נו, און וואָס איז דאָ טאַקע אַזוינס? וועסטו נישט דער־ציילן! אָט אַ געשיכטע...

ער דערציילט נישט מיר, נאָר זיך אַליין. וואָלט ער גע־שוויגן, וואָלט איך געהערט, — אין דער דאָזיקער שטילקייט און פוסטקייט מוז מען רעדן, זינגען, שפּילן אויף אַ האַרמאָניק, אַנישט קאָנסטו איינשלאָפן אויף אייביק מיט אַ שווערן שלאָף צווישן דער טויטער שטאָט, וואָס איז פאַרטרונקען אין גרויען, קאַלטן וואַסער.

— קודם כל, האָב נישט יונג חתונה! — לערנט ער מיך, — דאָס חתונה האָבן, ברודער, איז זייער אַ וויכטיקער ענין! קאָנסט לעבן ווי דו ווילסט און ווי דו ווילסט, ס'איז דיין גוטער ווילן. קאָנסט לעבן אין פּערסיע ווי אַ מאַכמעדאַנער; אין מאָסקווע זיין אַ פּאָליציאַנט, לייד, גנבע — אַלץ קאָן מען פאַרריכטן! אַ ווייב צָבער — דאָס איז, ברודער, ווי אַ וועטער, דאָס לאָזט זיך נישט פאַרריכטן... ניין! דאָס איז, ברודער, נישט קיין שוך — אויסגעטון און אַוועקגעוואָרפן...

זיין פּנים האָט זיך געביטן, מיט אָנגעברוגזטע ברעמען האָט ער געקוקט אויפן גרויען וואַסער, געריבן מיטן פינגער די הויקערדיקע נאָז און געברומט: — נ־יאָ, ברודער... גיב אַכ־טונג! לאָמיר זאָגן — דו בויגסט זיך אין אַלע זייטן און שטייסט אַלץ גלייך... נו, און צוריקגעשמועסט — פאַר יעדערן איז צו־געגרייט זיין נעץ...

מיר פאָרן אַריין אין די קוסטעס פון מעשטשערסקער אָזערע, זי האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער וואָלגע.

— רודער שטילער. — שעפּטשעט דער באַלעבאָס צילע־וועענדיק זיך מיטן ביקס אין די קוסטעס.

נאָכדעם, ווי ער האָט דערשאָסן עטלעכע מאָגערע זומפּ־פויגלעך גיט ער אַרויס אַ באַפעל:

— לאָמיר פאָרן קיין קונאַווינע! כ'וועל דאָרטן בלייבן ביז אין אָוונט, און דו וועסט זאָגן אין דער היים, אַז כ'האָב זיך פאַרהאַלטן מיט די פּאָדריאַדטשיקעס.

אַראָפּלאָזנדיק אים אויף איינער פון די פאָרשטאָט־גאַסן, וואָס איז אויך געווען איינגאַנצן פאַרטרונקען פון פרילינג־וואַ־סער, קער איך מיך אום מיטן יאַרמאַרק־וועג אויף דער סטרעלקע,

פאַרהאַלט די לאָדקע, און זיצנדיק אין איר, קוק איך אויף דעם צוזאַמענגוס פון ביידע טייכן, אויף דער שטאָט, אויף די דאַמ־פערס, אויפן הימל. דער הימל, ווי אַ פּרעכטיקער פליגל פון אַ ריזיקן פויגל, אינגאַנצן אין ווייסע פעדערן פון וואָלקנס. אין די בלויע אָפּגרונטן, צווישן די וואָלקנס, באַווייזט זיך די גאָל־דענע זון און מיט איין בליק אויף די ערד ענדערט זי אַלץ אויף איר. אַלץ אַרום באַוועגט זיך מונטער און האָפערדיק. דער שנעלער וואַסער־שטראָם פון טייך טראָגט לייכט די אומציילי־קע רינגען פון פּליטן; אויף די פּליטן שטייען פעסט בערדיקע פויערן, רודערן מיט די לאַנגע רודערס און שרייען איינער צום אַנדערן, אַנטקעגן דעם אָנקומענדיקן דאַמפער. דער קליי־נער דאַמפער שלעפּט אַנטקעגן דעם שטראָם אַ פּוסטע בערלינ־קע, דער טייך טראָגט אים אַראָפּ, שליידערט אים, ער דרייט מיט דער נאָז, ווי אַ העכט, און סאָפּעט, עקשנותדיק איינשפּאַרנ־דיק זיך מיט די רעדער אין וואַסער, וואָס פליסט אים האַסטיק אַנטקעגן. אויף דער בערלינקע זיצן מיט אַראָפּגעהאָנגענע פיס האַרט איינער נעבן אַנדערן פיר פויערן — איינער אין אַ רויט העמד, און מ׳זינגט אַ ליד; די ווערטער הערט מען נישט, נאָר איך ווייס עס.

מיר דאַכט זיך, אַז דאָ אויף דעם לעבעדיקן טייך, ווייס איך אַלץ, אַלץ איז מיר נאָענט, און איך קאָן אַלץ פאַרשטיין. און די שטאָט, וואָס ליגט אַ פאַרטרונקענע הינטער מיר, איז אַ בייזער חלום, דעם באַלעבאָס אַן המצאה, וואָס איז פּונקט אַזוי אומפאַרשטענדלעך, ווי ער אַליין.

נאָכדעם, ווי כ׳האָב זיך צו זאַט אָנגעקוקט אויף אַלץ, קער איך זיך אום אַהיים, פילנדיק זיך אַ דערוואַקסענער מענטש, וואָס איז פעיק צו יעדער אַרבעט. אונטערוועגס קוק איך פון קרעמלער באַרג אויף דער וואָלגע, פונווייטן, פון באַרג, זעט די ערד אויס גוואַלטיק גרויס און זאָגט צו צו געבן, וואָס דיין האַרץ וועט גלוסטן.

אין דערהיים האָב איך ביכער; אין דער דירה, ווו ס׳האָט געוווינט די קעניגין מאַרגאָ, וווינט איצט אַ גרויסע פאַ־

מיליע: פינף פרייליגס, איינע שענער פאַר דער אַנדערער, און צוויי גימנאַזיסטן, זיי גיבן מיר ביכער. איך לייען גיריק טורגענעוון און באַוווּנדער, ווי אַלץ איז ביי אים פאַרשטענדלעך פשוט און האַרבסטיק דורכזיכטיק, ווי ריין עס זענען זיינע מענטשן און ווי גוט ס׳איז אַלץ וועגן וואָס ער דערציילט קורץ.

איך לייען פּאָמיאַלעווסקיס „בורסאַ" און בין ווידער פאַרווונדערט: דאָס איז מאָדנע ענלעך צום לעבן פון דער איקאָנע־ווערקשטאַט; ס׳איז מיר אַזוי גוט באַקאַנט דער יאוש פון לאַנגווייל, וואָס קאָכט זיך איבער אין גרויזאַמער חוצפה.

ס׳איז גוט געווען צו לייענען רוסישע ביכער. אין זיי האָב איך שטענדיק געפילט עפּעס באַקאַנטס און טרויעריקס, גלייך ווי צווישן די זייטלעך וואָלט זיך פאַרטאַיעט אַ קלאַנג פון די גרויסע פאַסט־טעג, קוים עפנסטו דאָס בוך, קלינגט עס שוין שטילינקערהייט.

די „טויטע נפשות" האָב איך נישט גערן דורכגעלייענט; פּונקט אַזוי — די „שריפטן פון טויטן הויז"; „טויטע נפשות", „דאָס טויטע הויז", „דער טויט", „דריי טויטן", „לעבעדיקע רעליקוויע" — אָט די דאָזיקע איינטאָניקייט פון די ביכער־נעמען, האָט עפּעס נישט ווילנדיק געאַרט, דערוועקנדיק אַ טונקעלע אומליבע צו אַזעלכע ביכער. „די צייכן פון דער צייט", „אַ שריט נאָך אַ שריט", „וואָס טוט מען?" „די כראָניק פון דעם דאָרף סמורין" — זענען מיר אויך נישט געפעלן, ווי אַלע אַנדערע ביכער פון דעם מין.

יאָ, געפעלן זענען מיר זייער דיקענס און וואַלטער סקאָט; די דאָזיקע אויטאָרן האָב איך געלייענט מיטן גרעסטן תענוג, איינמאָל, צוויי מאָל און דריי מאָל דאָס זעלביקע בוך. וואַלטער סקאָטס ביכער האָבן דערמאָנט אַ יום־טובדיקע מיטאָג־תפילה אין אַ רייכן קלויסטער, עטוואָס צו לאַנג און לאַנגווייליק, אָבער שטענדיק פייערלעך; דיקענס איז פאַר מיר געבליבן אַ שרייבער פאַר וועלכן איך פאַרנויג זיך מיט דרך־ארץ,

דער דאָזיקער מענטש האָט ווונדערלעך תּופס געווען די שווער־סטע קונסט פון ליבע צו מענטשן.

אין די אָוונטן פלעגט זיך אויפן גאַניק צוזאַמענקלויבן אַ גאַנצע חברה: די ברידער ק., זייערע שוועסטער, האַלב־דער־וואַקסענע; דער גימנאַזיסט מיט דער פאַרריסענער נאָז, וויאַ־טשעסלאַוו סעמיאַשקאַ, טיילמאָל פלעגט קומען אַ פריילין פּטי־צינאַ, אַ טאָכטער פון עפּעס אַן אָנגעזעענעם באַאַמטן. מ׳האָט גערעדט וועגן ביכער, וועגן לידער, דאָס איז מיר אויך געווען נאָענט און פאַרשטענדלעך; כ׳האָב געלייענט מער פאַר זיי אַלע־מען. נאָר אָפטער פלעגן זיי זיך דערציילן וועגן גימנאַזיע, פלעגן זיך באַקלאָגן אויף די לערער; הערנדיק זייערע גע־שיכטעס, האָב איך זיך געפילט פרייער פאַר זיי, האָב שטאַרק באַוווּנדערט זייער געדולד, נאָר פונדעסטוועגן האָב איך זיי מקנא געווען — זיי לערנען זיך.

מיינע חברים זענען געווען עלטער פאַר מיר, נאָר מיר אַליין האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין עלטער, רייפער און ער־פאַרענע־ פאַר זיי, דאָס האָט מיך אַביסל אַריינגעבראַכט אין פאַרלעגנהייט, מיר האָט זיך געוואָלט פילן נאָענטער צו זיי. כ׳פלעג קומען אַהיים שפּעט אין אָוונט, אין שטויב און אין שמוץ, אָנגעזעטיקט מיט איינדרוקן פון אַ גאַנץ אַנדער מין, ווי זייערע, וואָס זענען אין פלוג געווען גאַנץ איינטאָניק. זיי האָבן פיל גערעדט וועגן פריילינס, זיך פאַרליבט דאָ אין דער, דאָ אין יענער, פּרובירט שרייבן לידער; נישט זעלטן פלעגט דער־ביי בויטיק זיין מיין הילף. כ׳האָב מיך גערן געאיבט אין שרייבן לידער, האָב לייכט צוגעפּאַסט גראַמען, נאָר כ׳ווייס עפּעס נישט, ווי אַזוי מיינע לידער פלעגן תּמיד אַרויסקומען הומאָריסטישע, און דאָס פריילין פּטיצינאַ, וועמען ס׳זענען אָפּ־טער ווי אַלעמען געווידמעט געווען די לידער, פלעג איך פאַר־גלייכן מיט אויבס — מיט ציבעלע.

סעמאַשקאַ פלעגט מיר זאָגן:

— וואָס זענען דאָס פאַראַ לידער? דאָס זענען דאָך גאָר שוסטערשע טשוועקעס.

נישט וועלנדיק אָפּשטיין אין קיין זאַך פון זיי, האָב איך זיך אויך פאַרליבט אין פריילין פּטיצינא. איך געדענק נישט, אין וואָס דאָס האָט זיך ביי מיר אויסגעדריקט, נאָר ס'האָט זיך געענדיקט מיט אַ ביטערן סוף: איבערן פאַרשימלטן, גרינעם וואַסער פון זוועזדינס סאַזשעלקע איז געשווומען אַ ברעט, כ'האָב איר פאָרגעלייגט דורכצושיפן זיך אויף דעם ברעט. זי האָט מסכּים געווען, און איך האָב צוגעפירט דאָס ברעט צום ברעג און האָב זיך געשטעלט אויף אים, מיך אַליין האָט עס גע-האַלטן גאַנץ פעסט. נאָר ווען דאָס פריילין, וואָס איז געווען אויסגעפּוצט אין שפּיצן און בענדער, האָט זיך גראַציעז אַוועק-געשטעלט אויפן צווייטן עק פונם ברעט, און איך האָב עס שטאָלץ אָפּגעשטויסן מיט אַ שטעקן פון דער ערד, האָט זיך דאָס פאַרפלוכטע ברעט אַ וואַקל געטון און דאָס פריילין איז אַריינגעפאַלן אין סאַזשעלקע. כ'האָב זיך גלייך געוואָרפן צו איר מעשה־ריטער און האָב זי שנעל אַרויסגעשלעפּט אויפן ברעג — די שרעק און די גרינע הויט פון דער סאַזשעלקע האָבן אינגאַנצן פאַרדאָרבן די שיינקייט פון מיין דאַמע.

זי האָט מיר געדראָט מיטן נאַסן פויסטל און געשריגן:

— דאָס האָסטו מיך אומישנע דערטרונקען! זי האָט נישט געגלויבט אין מיין אויפריכטיקער פאַרענטפערונג, און האָט זיך אָנגעהויבן פון דאַן אָן באַציען צו מיר פיינטלעך.

בכלל האָט זיך אין שטאָט געלעבט נישט זייער אינטע-רעסאַנט; די אַלטע באַלעבאָסטע האָט זיך באַצויגן צו מיר שלעכט, ווי פריער; די יונגע האָט געקוקט אויף מיר מיט חשד, וויקטאָרושקע, וואָס איז פון די זומערשפּרענקלעך נאָך געלער געוואָרן, האָט עפּעס אייביק אַן אָנגעדראָלטער, געבור-טשעט אויף אַלעמען.

צייכנערישע אַרבעט האָט דער באַלעבאָס געהאַט זייער פיל; נישט זייענדיק בכּוח אויסצופירן אַלץ צוזאַמען מיטן ברו-דער, האָט ער איינגעלאַדן צו זיך אַלס מיטהעלפער מיין שטיפטאַטן.

איינמאָל בין איך געקומען אַזייגער פינף פון יאַרמאַרק,

און אַריינגייענדיק אין עס־צימער האָב איך דערזען, ווי ביים טיי־טיש נעבן באַלעבאָס זיצט דער מענטש, וועלכן כ׳האָב שוין געהאַט פאַרגעסן.

ער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט.

— שלום עליכם...

כ׳בין מבולבל געוואָרן פון אומגעריכטקייט, די פאַרגאַנגענהייט האָט פלוצלינג אויפגעפלאַקערט, האָט אַ ברען געטון דאָס האַרץ.

— האָט זיך אַוש דערשראָקן. — האָט אַ געשריי געטון דער באַלעבאָס.

דער שטיפּטאַטע האָט אויף מיר געקוקט מיט אַ שמייכל אויף זיין שרעקלעך בלאַסן פּנים; זיינע טונקעלע אויגן זענען נאָך גרעסער געוואָרן. אינגאַנצן איז ער געווען אַן אָפּגעניצטער, אַ צעקוועטשטער. כ׳האָב אַריינגערוקט די האַנט אין זיינע דינע, הייסע פינגער.

—נו, אָט האָבן מיר זיך ווידער געטראָפן. — האָט ער געזאָגט, אונטערהוסטנדיק.

כ׳בין אַוועק, אַן אָפּגעשוואַכטער, ווי מ׳וואָלט מיך צעמזיקט.

צווישן אונז האָבן זיך איינגעשטעלט עפּעס מאָדנע פאַרזיכטיקע, אומבאַשטימטע באַציונגען. ער פלעגט מיך רופן מיטן צוגאָב פון טאַטנס נאָמען, גערעדט מיט מיר, ווי מיט זיינס אַ גלייכן.

— ווען איר וועט גיין אין קראָם, קויפט מיר, איך בעט אייך, אַ פערטל פונט טאַבאַק לאַפּערם, אַ מאה וויקטאָרסאָנס גילזן און אַ פונט געקאָכטע וורשט...

דאָס געלט, וואָס ער פלעגט מיר געבן, איז שטענדיק געווען אָנגעוואַרעמט פון זיין הייסער האַנט. ס׳איז געווען קלאָר, אַז ער איז אַ דעריקער און וועט נישט לאַנג ציען. ער האָט געוווסט וועגן דעם און גערעדט מיט אַ רויק באַס־שטימעלע, פאַרדרייענדיק דאָס שפּיציקע, שוואַרצע בערדל.

— מיין קרענק איז כמעט אומהיילבאַר, און אפשר, אויב

מ׳זאָל עסן אַ סך פלייש, קאָן מען נאָך געזונט ווערן. ס׳קאָן זיין כ׳זאָל נאָך געזונט ווערן.

געגעסן האָט ער אומגלויבלעך פיל, געגעסן און גערוי־כערט פּאַפּיראָסן, אַרויסלאָזנדיק דעם פּאַפּיראָס פון מויל בלויז אין דער צייט פון עסן. יעדן טאָג פלעג איך אים קויפן ווורשט, שינקע, סאַרדינען, אָבער דער באָבעס שוועסטער פלעגט עפּעס מיט זיכערקייט און נקמה־פרייד זאָגן:

— דעם טויט וועסטו נישט פאַרשטאָפּן מיט עסעניק, וועסט אים נישט אָפּנאַרן, ניין!

די באַלעבאַטים האָבן זיך באַצויגן צום שטיפטאַטן מיט אַ באַליידיקנדיקער אויפמערקזאַמקייט, כסדר געעצהט פּרובירן די אָדער יענע רפואה, אָבער אונטער די אויגן האָבן זיי אים אויסגעלאַכט.

— שטאַמט פון אַדל! די ברעקלעך, זאָגט ער, דאַרף מען אַראָפּשאַרן פון טיש, די פליגן מערן זיך פון די ברעק־לעך. — פלעגט די יונגע באַלעבאָסטע דערציילן, און די אַלטע פלעגט איר נאָכרעדן.

— מ׳זעט נישט, אַז ער שטאַמט פון אַדל! דער ראָק אינגאַנצן אַן אויסגעריבענער, אַ פאַרשמאָלצענער, און רייבט אים נאָך כסדר מיטן באַרשט. אַ פּריץ, אַ שטויבעלע זאָל, חלילה, אויף אים נישט פאַלן!

און דער באַלעבאָס פלעגט זיי כלומרשט טרייסטן:

— וואַרט חיות־הינער, ער וועט אינגיכן שטאַרבן!...

די אומזיניקע פיינטלעכע באַציונג פון די באַלעבאַטישע מענטשן צום פּריץ, האָט מיך נישט ווילנדיק דערנענטערט צום שטיפטאַטן. דער פליגן־שוואָם איז אויך אַ גיפטיק שוועמל, איז ער לפחות שיין!

מיין שטיפטאַטע, וואָס האָט זיך געשטיקט צווישן די דאָ־זיקע מענטשן, איז געווען, ווי אַ פיש, וואָס איז צופעליק אַריינ־געפאַלן אין אַ הינערישן שטייג, אַן אומגעלומפּערטע פאַרגלייכונג, ווי אומגעלומפּערט ס׳איז געווען דאָס דאָזיקע גאַנצע לעבן.

כ׳האָב אָנגעהויבן געפינען אין אים שטריכן פון דעם

„גוטן ענין", אַ מענטשן, וועלכן כ'האָב נישט געקאָנט פאַר־געסן; אים און די קעניגין מאַרגאָ האָב איך באַצירט מיט אַלדאָס בעסטע, וואָס עס האָבן מיר געגעבן די ביכער, זיי האָב איך אַוועקגעגעבן דאָס ריינסטע, וואָס איך האָב פאַרמאָגט, אַלע פאַנטאַזיעס, וואָס דאָס לעבן האָט אין מיר אויפגעוועקט. דער שטיפטאַטע איז אויך אַזאַ פרעמדער און אומבאַליבטער מענטש, ווי „דער גוטער ענין". ער האָט זיך געהאַלטן גלייך מיט אַלעמען אין שטוב, האָט קיינמאָל נישט אָנגעהויבן רעדן דער ערשטער, פלעגט ענטפערן אויף די פראַגן עפּעס מאָדנע העפלעך און קורץ. מיר איז זייער געפעלן געווען, ווען ער האָט געלערנט דעם באַלעבאָס: שטייט ביים טיש, איינגעבויגן אין צווייען, און קלאַפנדיק מיט אַ טרוקענעם נאָגל איבער גראָבן פּאַפּיר רעדט ער רויק אַריין:

— דאָ דאַרף מען די דאַך־לאַטעס פאַרבינדן מיט אַ שליסל. דאָס וועט אָפּשוואַכן דעם דרוק אויף די ווענט, אַנ־דערש וועלן די לאַטעס פונאַנדערשפּאַרן די ווענט.

— ריכטיק, צום טייוול! — האָט געברומט דער באַלע־באָס, און דאָס ווייב פלעגט זאָגן, ווען דער שטיפטאַטע פלעגט אַוועקגיין:

— ס'וווּנדערט מיך ממש, ווי אַזוי דערלאָזסטו ער זאָל דיך לערנען?

זי האָט זיך עפּעס באַזונדערס שטאַרק אויפגערעגט, ווען דער שטיפטאַטע פלעגט נאָך אָוונט־ברויט שטענדיק פּוצן די ציין און אויסשווענקען דאָס מויל, אויסבויגנדיק דעם שפּיציקן גאָרגל.

— לויט מיין מיינונג, — זאָגט זי מיט אַ זויערער שטים— איז פאַר אייך, יעווגעני וואַסיליטש, שעדלעך אַזוי אויסצובויגן דעם קאָפּ!

שמייכלענדיק העפלעך פלעגט ער פרעגן:

— פאַרוואָס עפּעס?

— יאָ, סתּם אַזוי...

מיט אַ בּיינערן שטעקעלע פּלעגט ער אָנהויבן רייניקן זיינע בלויע נעגל.

— וואָס זאָגט איר נישט צו אים, ער רייניקט נאָך די נעגל! — האָט זיך אויפגערעגט די באַלעבאָסטע. — שטאַרבט—און אפילו אַהין...

— עכע—כע! — האָט געזיפצט דער באַלעבאָס. — וויפל באַרישקייט ס'איז אויף אייך אָנגעוואַקסן, חיות-הינער...

— וואָס רעדסטו דאָרט אַזוינס? — איז די פרוי אויפגעבראַכט.

און די אַלטע באַלעבאָסטע פלעגט אין די נעכט זיך קלאָגן מיט האַרץ פאַר גאָט:

— גאָטעניו, אָט האָט מען מיר אַרויפגעזעצט אויפן קאַרק אָט דעם פאַרפּוילטן, און וויקטאַרושקען האָלט מען ווי־דער פונוויטן...

וויקטאָרושקע האָט אָנגעהויבן נאָכמאַכן מיין שטיפטאַטנס מאַניערן; זיין געלאַסענעם גאַנג, די זיכערע באַוועגונגען פון די פּריצישע הענט; זיין קענטעניש באַזונדערס פיין אויסצו־רייבן דעם קראַוואַט, און פלינק, נישט טשמאָקענדיק, עסן.

ער פלעגט אַלע ווײַלע עפּעס גראָב אַ פרעג טון:

— מאַקסימאָוו, ווי איז אויף פראַנצויזיש אַ קני?

— מען רופט מיך יעווגעני וואַסיליעוויטש. — פלעגט אים דער שטיפטאַטע רויק דערמאָנען.

— נו, גוט! און אַ ברוסט?

ביים אָוונט-ברויט פלעגט וויקטאָרושקע קאָמאַנדעווען מיט דער מאַמען:

— מאַ מער, דאָנע מואַ אַנקאָר אַ שטיקל חזיר.

— אוי, דו פראַנצויזל אייגער. — האָט געקוואָלן די אַלטע.

דער שטיפטאַטע האָט ווי אַ טויב־שטומער געקייט דאָס פלייש, נישט קוקנדיק אויף קיינעם.

איינמאָל האָט דער עלטערער ברודער געזאָגט צום יינגערן:

— איצט, וויקטאָר, אַז דו האָסט זיך שוין אויסגעלערנט רעדן פראַנצויזיש, דאַרפסטו זיך שוין אויך פאַרשאַפן אַ געליבטע...

דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, ווי איך געדענק, אַז דער שטיפטאַטע האָט שווייגנדיק אַ שמייכל געטון.

און די באַלעבאָסטע האָט אַן אויפגעבראַכטע אַ וואָרף געטון דעם לעפל אויפן טיש און אַ געשריי געטון אויפן מאַן:

— ווי שעמסטו זיך נישט פאַר מיר אין די אויגן צו רעדן אַזוינע מיאוסע רייד.

אָפטמאָל פלעגט דער שטיפטאַטע אַריינקומען צו מיר אין דעם הינטערשטן פירהויז. דאָרט אונטער די בוידעם־טרעפ פלעג איך שלאָפן; אויף די טרעפן, אַנטקעגן פענסטער, האָב איך געלייענט ביכער.

— איר לייענט? — פלעגט ער פרעגן, אַרויסאָטעמענדיק דעם רויך; אין האַרצן ביי אים האָבן געסיקעט האָלאָוועשקעס.— וואָס איז דאָס?

כ׳האָב אים באַוויזן דעם בוך.

— אַך, — האָט ער געזאָגט אַ קוק געבנדיק אויף דעם פּאָדערבלאַט — דאָס האָב איך, דאַכט זיך געלייענט! איר ווילט רויכערן?

מ׳האָט געראויכערט, אַרויסקוקנדיק אין פענסטער אויפן שמוציקן הויף; ער האָט געזאָגט:

— זייער אַ שאָד, וואָס איר קאָנט זיך נישט לערנען, איר האָט, דאַכט זיך, פעיקייטן.

— אָט לערן איך זיך, כ׳לייען...

— דאָס איז ווייניק, מ׳דאַרף האָבן אַ שול, אַ סיסטעם...

ס׳האָט זיך געוואָלט זאָגן צו אים:

— איר, מיין הער, האָט שוין געהאַט אַ שול און אַ סיסטעם, און וואָס איז דערפון אַרויסגעקומען?

נאָר ער, פונקט ווי ער וואָלט געטראָפן מיינע געדאַנקען, האָט צוגעגעבן:

— אַ מענטשן מיט כאַראַקטער גיט די שול אַ גוטע

דערציונג, שטויסן דאָס לעבן פאָרויס קאָנען נאָר מענטשן, וואָס האָבן אַ סך געלערנט...

נאָר איינמאָל האָט ער מיר געראָטן:

— פאַר אייך וואָלט גלייכער געווען איר זאָלט אינגאַנצן אַוועק פונדאַנען, איך זע דאָ פאַר אייך קיין זינען און קיין נוצן נישט...

— מיר געפעלן די אַרבעטער.

— אַ... אָבער מיט וואָס?

— ס׳איז מיט זיי אינטערעסאַנט.

— ס׳קאָן זיין...

און איינמאָל האָט ער געזאָגט:

— ס׳אַראַ פּאַסקודניאַקעס ס׳זענען, אייגנטלעך, אונזערע באַלעבאַטים, פּאַסקודניאַקעס.

דערמאָנענדיק זיך, ווי און ווען ס׳האָט באַנוצט דאָס זעל־ביקע וואָרט מיין מאַמע, האָב איך מיך נישט ווילנדיק אָפּגע־רוקט פון אים. ער האָט געפרעגט, שמייכלענדיק:

— ווי מיינט איר, נישט אַזוי?

— אַזוי.

— נו, יאָ... כ׳זע דאָס.

— פונדעסטוועגן געפעלט מיר דער באַלעבאָס...

— יאָ, מעגלעך, ער איז אַ גוטער פויער... נאָר אַ קאָ־מישער.

מיר האָט זיך געוואָלט רעדן מיט אים וועגן ביכער, נאָר ער האָט, קענטיק, נישט ליב געהאַט קיין ביכער און נישט איינמאָל האָט ער מיך געראָטן:

— לאָזט זיך נישט אַריין אין די ביכער, אין די ביכער איז אַלץ שטאַרק צוגעפּוצט, אויף אַזאַ אָדער אויף אַן אַנדער אופן אַביסל פאַרדרייט, מייסטנס זענען די מחברים, אַזוי ווי אונזער באַלעבאָס—קליינע מענטשלעך.

אַזעלכע געדאַנקען זענען מיר פאָרגעקומען דרייסט און האָבן מיך אונטערגעקויפט.

איינמאָל האָט ער מיך געפרעגט:

— איר האָט געלייענט גאָנטשאַראָוון ?

— „פרעגאַט פּאַלאַדאַ״.

— „פּאַלאַדאַ״ איז זייער אַ לאַנגווײַליקע זאַך. נאָר בכלל איז גאָנטשאַראָוו דער קלוגסטער שרייבער אין רוסלאַנד. איך ראָט אייך איבערצולייענען זיין ראָמאַן „אָבלאָמאָוו״, דאָס איז דאָס אויפריכטיקסטע און דרייסטסטע בוך זיינס און בכלל אין דער רוסישער ליטעראַטור—דאָס בעסטע בוך.

וועגן דיקענסן האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז פּלוידעריי, איך פאַרזיכער אייך... נאָר אָט דריקט זיך אין דער ביילאַגע צו דער צייטונג „די נייע צייט״ אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע זאַך, „דער נסיון פון הייליקן אַנטאָני״—לייענט דאָס איבער! איר האָט, שיינט מיר, ליב דעם קלויסטער און אַלץ, וואָס איז שייך צום קלויסטער. „דער נסיון״ וועט אייך נוצלעך זיין...

ער האָט מיר אַליין געבראַכט אַ פּעקל ביילאַגעס, כ׳האָב איבערגעלייענט פלאָבערנס שכלדיקע אַרבעט, דאָס בוך האָט מיך דערמאָנט די פאַרשידענע לעבנס-באַשרייבונגען פון די הייליקע, אַביסל אויך פון די געשיכטעס, וואָס דער אַלטער אַנטיקן-קענער, דער קלויסטער-זינגער פלעגט דערציילן, נאָר קיין שטאַרקן איינדרוק האָט עס אויף מיר נישט געמאַכט; אַ סך מער זענען מיר געפעלן געוואָרן „די ערינערונגען פון אופיליאַ פאַימאַלי, דעם דרעסירער פון די חיות״, וואָס זענען געדרוקט געווען אין דער זעלביקער ביילאַגע.

ווען כ׳האָב מיך מודה געווען אין דעם פאַרן שטיפּטאַטן, האָט ער רויק באַמערקט:

— דאָס הייסט, אַז פאַר אייך איז נאָך צו פרי צו לייענען אַזוינע זאַכן, פאַרגעסט אָבער נישט וועגן דעם בוך...

טײלמאָל פלעגט ער לאַנג זיצן מיט מיר, נישט רעדנדיק קיין וואָרט, אונטערהוסטנדיק און אָן אויפהער געלאָזט פון זיך רויך, זיינע שיינע אויגן האָבן אימהדיק געברענט. כ׳האָב שטיל געקוקט אויף אים און האָב פאַרגעסן, אַז דער דאָזיקער מענטש, וואָס שטאַרבט אַזוי ערלעך און פשוט, אָן טענות, איז

אַמאָל געווען נאָענט צו מיין מוטער און פלעגט זי באַליידיקן, כ'האָב געוווסט, אַז ער לעבט מיט עפּעס אַ שניידערקע, און האָב געטראַכט וועגן איר מיט ספק און רחמנות; ווי איז איר נישט דערווידער אַרומצונעמען די דאָזיקע לאַנגע ביינער, קושן דעם דאָזיקן מויל, פון וועלכן עס פילט זיך אַזאַ שווערער גערוך פון פוילקייט? פונקט ווי אין דעם „גוטן ענין" פלעגט דער שטיפטאַטע אומגעריכט אָנהויבן צו רעדן מיט זיינע אָריגינעל־אייגענע ווערטער:

— כ'האָב ליב די יאַגד־הינט, זיי זענען נאַרישע, נאָר איך האָב זיי ליב. זיי זענען זייער שיינע. שיינע פרויען זענען אָפט נאַריש...

כ'האָב מיט שטאָלץ געטראַכט:

„ווען דו וואָלסט געקענט די „קעניגין מאַרגאָ!"

— ביי אַלע מענטשן, וואָס לעבן לאַנג אין איין הויז, ווערן די פנימער ענלעך. — האָט ער איינמאָל געזאָגט; כ'האָב עס פאַרשריבן אין מיין העפט.

כ'האָב געוואַרט אויף די דאָזיקע ווערטלעך, ווי אויף אַ געשאַנק פון אויבן, ס'איז אָנגענעם געווען צו הערן אומגעוויינלעכע רייד אין אַ שטוב, ווו אַלע האָבן גערעדט מיט אַן אָפּגענוצטער שפּראַך, וואָס איז פאַרקוואַרט געוואָרן אין אירע אָפּגעריבענע, איינטאָניקע פאָרמען.

דער שטיפטאַטע האָט מיר קיינמאָל נישט גערעדט וועגן דער מוטער, אפילו איר נאָמען, דאַכט מיר, קיינמאָל נישט דערמאָנט; דאָס איז מיר זייער געפעלן געווען, דערוועקנדיק אין מיר כמעט אַ געפיל פון אַכטונג צו אים.

איינמאָל האָב איך אים עפּעס אַ פרעג געטון וועגן גאָט, איך געדענק נישט גראָד וואָס; ער האָט אויף מיר אַ קוק געטון און גאַנץ רויק געזאָגט:

— כ'ווייס נישט, איך גלויב נישט אין גאָט.

כ'האָב זיך דערמאָנט וועגן סיטאַנאָוון און האָב דערציילט וועגן אים, און אויסהערנדיק מיך אויפמערקזאַם, האָט דער שטיפטאַטע רויק ווי פריער באַמערקט:

— ער חקרנט זיך, און דער, וואָס חקרנט זיך, גלויבט דאָך אין עפּעס. איך גלויב פּשוט נישט!

— ווי קאָן מען דאָס?

— פאַרוואָס זאָל מען נישט קאָנען? אָט זעט איר דאָך — איך גלויב נישט...

כ׳האָב נאָר איינס געזען — ער שטאַרבט. איך ווייס נישט, צי האָב איך אויף אים רחמנות געהאַט, נאָר דאָס ערשטע מאָל האָב איך דערפילט אַ שאַרפן, נאַטירלעכן אינטערעס צום טויט פון אַ נאָענטן מענטשן, צום סוד פון טויט.

אָט זיצט אַ מענטש, רירט מיך אָן מיט זיין קני, אַ הייסער, אַ דענקנדיקער; טיילט פונאַנדער מיט בטיחות די מענטשן לויט זיין באַציונג צו זיי; רעדט וועגן אַלץ, ווי איינער, וואָס האָט די מאַכט צו משפּטן און צו דערלויבן — ער פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס איז מיר נויטיק, אָדער אַזוינס, וואָס שטרייכט אונטער דאָס, וואָס איז פאַר מיר אומנויטיק. דאָס איז אַן אומבאַגרייפלעך־קאָמפּליצירטער מענטש, וואָס באַהאַלט אין זיך אַן אומענדלעכן וויכער פון געדאַנקען; ווי איך זאָל זיך נישט באַציִען צו אים, פיל איך, אַז ער איז אַ טייל פון מיר אַליין, לעבט ערגעץ אין מיר, איך קלער וועגן אים, און דער שאָטן פון זיין נשמה ליגט אויף מיין נשמה, מאָרגן וועט ער אינגאַנצן פאַרשווינדן, אינגאַנצן מיט דעם אַלעם, וואָס איז פאַרבאָרגן אין זיין קאָפּ, אין האַרצן, וואָס איך, דאַכט זיך, קאָן אַרויסלייענען פון זיינע שיינע אויגן. ווען ער וועט נישט ווערן, וועט זיך איבעררייסן איינס פון די לעבעדיקע פעדים, וואָס בינדן מיך צוזאַמען מיט דער וועלט, ס׳וועט איבערבלייבן אַן ערינערונג, נאָר זי איז אינגאַנצן אין מיר, אויף אייביק באַגרענעצט, אומפאַרענדערט. און דאָס לעבעדיקע, פאַרענדערלעכע וועט אַוועק...

אָבער דאָס זענען רעיונות און הינטער זיי ליגט דאָס, וואָס ס׳לאָזט זיך נישט אויסדריקן מיט ווערטער. וואָס געבוירט און דערנערט זיי, דאָס, וואָס צווינגט מיט גוואַלט זיך צוצו־

קוקן צו די דערשיינונגען פון לעבן, פאָדערט פון יעדערן פון זיי אַן ענטפער—צו וואָס?

— איר ווייסט, דאַכט זיך, כ'וועל זיך איינגיכן אַוועק־לייגן, — האָט דער שטיפטאַטע געזאָגט איינמאָל אין אַ רעגנ-דיקן טאָג — אַזאַ נאַרישע שוואַכקייט! און ס'ווילט זיך גאָר־נישט...

אויף צומאָרגנס אין אָוונט ביים טיי האָט ער באַזונדערס פּינקטלעך אַראָפּגעשאַרט די ברעקלעך פון טיש, פון זיינע קני, אָפּווענדנדיק פון זיך עפּעס אומזעעוודיקס, און אָנקוקנדיק אים קרום, האָט די אַלטע באַלעבאָסטע שטילערהייט געזאָגט דער שנור:

— קוק, ער פּוצט זיך אַרום, רייניקט זיך...

אין משך פון אַ פּאָר טעג איז ער נישט געקומען אַר-בעטן, און דערנאָך האָט מיר די אַלטע באַלעבאָסטע אַריינגע־רוקט אַ גרויסן קאָנווערט און געזאָגט:

— נאַ, נעכטן אַרום האַלבן טאָג האָט עס אַ ווייבל גע־בראַכט, כ'האָב פאַרגעסן אָפּצוגעבן. אַ ליבינקע ווייבעלע, און וואָס פאַראַ קרובה זי איז דיינע, ווייס איך באמת נישט!

אין קאָנווערט איז אויף אַ בויגעלע פּאַפּיר מיטן שטעמפּל פון שפּיטאָל געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות:

„ווען איר וועט האָבן צייט, קומט געוויזיר ווערן, איך געפין זיך אין מאַרטינעווער שפּיטאָל. ע. מ."

צומאָרגנס אינדערפרי בין איך געזעסן אין שפּיטאָל אויף דעם שטיפטאַטנס בעטל; ער איז געווען לענגער פון זיין בעט און די פיס זיינע, אין גרויע אַראָפּגערוקטע סקאַרפּעטקעס, זע־נען אַרויסגעשטאַרטשעט דורך די שטאַכעטלעך פון ווענטל. זיי־נע שיינע אויגן האָבן טריב געבלאָנדזעט איבער די געלע ווענט. אָפּשטעלנדיק זיך אויף מיין פּנים און אויף די קליינע הענט פונם מיידל, וואָס איז געזעסן אויף אַ בענקל ביי אים צוקאָפּנס. אירע הענט האָט זי אַוועקגעלייגט אויפן קישן און דער שטיפטאַטע האָט עפענענדיק דעם מויל, זיך געריבן מיט אַ באַק אָן אירע הענט. דאָס מיידל איז געווען אַ פּולינקע, אין

אַ גלאַטן, שוואַרצן קלייד; איבער איר לענגלעכן פּנים זענען פּאַמעלעך אַרונטערגערונען די טרערן; די פּייכטע בלויע אויגן האָבן, נישט עפּענענדיק זיך, געקוקט אויפן שטיפּטאַטנס פּנים, אויף די שפּיציקע קנאָכן, גרויסער, פאַרשפּיצטער נאָז און אויף דעם טונקעלן מויל.

— מ׳וואָלט געדאַרפט רופן דעם גלח, — האָט זי גע־שעפּטשעט — און ער הייסט נישט... פאַרשטייט גאָרנישט...

און אַראָפּנעמענדיק די הענט פון קישן, האָט זי זיי צו־געדריקט צום האַרצן, ווי זי וואָלט מתפּלל געווען.

אויף אַ ווײַלע איז דער שטיפּטאַטע געקומען צו זיך, האָט אַרויפגעקוקט צום באַלקן, ערנסט אָנגעכמורעט, ווי ער וואָלט זיך וועגן עפּעס דערמאָנט, דערנאָך האָט ער צוגערוקט צו מיר זײַן מאָגערע האַנט.

— איר? אַ דאַנק. אָט איר זעט... כ׳פיל זיך זייער נאַ־ריש...

דאָס האָט אים מיד געמאַכט, ער האָט צוגעמאַכט די אויגן. כ׳האָב אַ גלעט געטון זײַנע לאַנגע, קאַלטע פינגער מיט די בלויע נעגל, דאָס מיידל האָט שטיל אַ בעט געטון:

— יעווגעני וואַסיליעוויטש, איך בעט אײַך, זײַט מסכּים!

— אָט, זײַט באַקאַנט, — האָט ער אַרויסגערעדט, ווײַזנ־דיק אויף איר מיט די אויגן — אַ ליבער מענטש...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַלץ ברייטער פונאַנדערעפּע־נענדיק דעם מויל, און פּלוצלינג האָט ער אַ געשריי געטון הייזעריק, ווי אַ קראָ; האָט זיך אָנגעהויבן פּאָרען אויפן גע־לעגער, אַראָפּוואַרפנדיק די דעק און שאַרנדיק מיט די נאַקעטע הענט אַרום זיך, דאָס מיידל האָט אויך אָנגעהויבן שרייען, אַרײַנרוקנדיק דעם קאָפּ אין דעם צעקנייטשטן קישן.

געשטאָרבן איז דער שטיפּטאַטע שנעל; געשטאָרבן און באַלד שענער געוואָרן.

איך בין אַרויס פון שפּיטאָל מיטן מיידל געאָרעמט. זי האָט זיך געוואַקלט ווי אַ קראַנקע און געוויינט. זי האָט גע־האַלטן אַ טיכל, פעסט צונויפגעקנוילט אין האַנט, און צולייגנדיק

עס אָפּוועקסלענדיק צו די אויגן, האָט זי עס צוזאַמענגעדריקט אַלץ פעסטער און געקוקט דערויף, ווי דאָס וואָלט געווען דאָס לעצטע און טייערסטע אין איר לעבן.

פּלוצלינג איז זי שטיין געבליבן, צוטוליענדיק זיך צו מיר און מיט אַ פאָרוווּרף געזאָגט:

— אפילו ביז ווינטער נישט דערלעבט... אוי, גאָט, גאָט, וואָס איז דאָס עפּעס אַזוינס?

דערנאָך האָט זי מיר דערלאַנגט איר האַנט, וואָס איז געווען דורכגענעצט פון טרערן.

— זייט געזונט, ער האָט אייך זייער געליבט. צו דער קבורה—מאָרגן.

— באַגלייטן אייך אַהיים?

זי האָט זיך אַרומגעקוקט.

— צו וואָס? איצט איז טאָג, נישט נאַכט.

פון ראָג געסל האָב איך נאָכגעקוקט נאָך איר. זי איז געגאַנגען שטיל, ווי אַ מענטש, וואָס האָט זיך נישט וווהין צו איילן.

ס'איז געווען אויגוסט, די בלעטער זענען שוין געפאַלן פון די בוימער.

כ'האָב נישט געהאַט קיין צייט צו גיין צום שטיפטאַטנס לוויה, און כ'האָב קיינמאָל נישט געזען מער דאָס דאָזיקע מיידל...

XVII

יעדן טאָג זעקס אַ זייגער אינדערפרי פלעג איך אַוועקגיין אויפן יאַרמאַרק צו דער אַרבעט. דאָרט האָבן מיך באַגעגנט אינטערעסאַנטע מענטשן: דער גרויזינקער טשעסלער אָסיפ, וואָס האָט אויסגעזען ווי גאָטס קנעכט, ניקאָלאַי, אַ פלינקער אַרבעטער און אַ ווייצלינג; דער האָרבאַטער דאַכדעקער יעפימושקע; דער גאָטספאָרכטיקער שטיין־האַקער פיאָטער, אַ פאַרקלערטער מענטש, וואָס האָט אויך אויסגעזען ווי אַ הייליי־

קער, דער טינק-אַרבעטער גריגאָרי שישלין אַ בלאָנד בערדי-
קער און בלוי אויגיקער שיינער פּאַרשוין, וועלכער האָט גע-
לויכטן מיט שטילער גוטסקייט.

כ'האָב געקענט די מענטשן אין מיין צווייטן פּעריאָד
ביים צייכנער; יעדן זונטיק פלעגן זיי זיך אַריינלאָזן אין קיך,
סטאַטנע, חשובע, מיט אַ בנעימותדיקער שפּראַך, מיט נייע פּאַר
מיר באַטעמטע ווערטער. און די אַלע סאָלידע פויערן זענען
מיר דאַן פאָרגעקומען דורך און דורך פיינע; איטלעכער איז געווען
אויף זיין שטיינער אינטערעסאַנט, אַלע האָבן זיך צו גוטן אונ-
טערגעשיידט פון די שלעכטע גנבהשע און שיכורע באַלעבאַטים
פון קונאַווינער פאָרשטאָט.

מער פון אַלעמען איז מיר דעמאָלט געפעלן געוואָרן
דער טינק-אַרבעטער שישלין, כ'האָב מיך אפילו געבעטן צו
אים אין אַרטיעל, אָבער ער האָט, קראַצנדיק מיטן ווייסן פינגער
זיין גאָלדענע ברעם, מיר ווייך אָפּגעזאָגט.

— צו פרי פאַר דיר, אונזער אַרבעט איז נישט קיין
לייכטע, וואַרט אַ יאָר, צוויי...

און אויפטרייסלענדיק דערנאָך זיין קאָפּ האָט ער גע-
פרעגט:

— ס'לעבט זיך אפשר נישט גוט? נו, ס'מאַכט נישט
אויס, פאַרלייד, גיי אַריין טיפער אין זיך, וועסטו אויסהאַלטן!

כ'ווייס נישט, וואָס די דאָזיקע גוטע עצה האָט מיר גע-
געבן, נאָר כ'האָב זי מיט דאַנק באַהאַלטן אין זכרון.

זיי פלעגן איצט אויך קומען צו מיין באַלעבאָס יעדן
זונטיק אינדערפרי, פלעגן זיך פונאַנדערזעצן אויף די בענק
אַרום דעם קיך-טיש, און וואַרטנדיק אויפן באַלעבאָס, געפירט
אינטערעסאַנטע שמועסן. דער באַלעבאָס פלעגט טומלדיק און
פרייליך זיך באַגריסן מיט זיי, דריקן די שטאַרקע הענט און
פלעגט זיך אַוועקזעצן אין פאָדערשטן ווינקל. מען פלעגט אויס-
לייגן די רעכענונגען, אַ פּעקל געלט, די פויערן פלעגן פונאַנ-
דערלייגן אויפן טיש זייערע חשבונות, צעקנייטשטע נאָטיץ-ביכ-
לעך, ס'פלעגט זיך אָנהויבן די וואָך-אָפּרעכענונג.

מיט שפּאַסלעך און גלייכווערטלעך פלעגט דער באַלעבאָס זיך באַמיען זיי צו באַשווינדלען, און זיי—אים; טיילמאָל פלעגט מען זיך פעסט קריגן, אָבער אָפטער פריינטלעך גע־לאַכט.

— אוי, ליבער מענטש, ביסט אַ געבוירענער מאַרעווילער, — פלעגן זאָגן די פויערן צום באַלעבאָס.

ער פלעגט ענטפערן, שמייכלענדיק פאַרשעמטערהייט:

— נו, איר זענט אויך, חיות-היגער, נישט קיין קליינע רמאים!

— נו, ווי קאָן מען אַנדערש, מיין פריינט? — פלעגט זיך מודה זיין יעפימושקע, און דער ערנסטער פּיאָטער פלעגט זאָגן:

— מ׳לעבט דערמיט, וואָס מען גנבעט, און וואָס מען אַרבעט אויס, גייט אַוועק פאַר גאָט און פאַרן קיסר...

— אָט האָב איך חשק אייך אָפּצווואַשן! — האָט גע-שמייכלט דער באַלעבאָס.

זיי פלעגן אים גוטמוטיק אונטערהאַלטן:

— אַריינגנאַרן אין זאַק, הייסט עס?

— אָפּנאַרן?

צודריקנדיק מיט די הענט צום האַרצן זיין שיינע באָרד, האָט גריגאָרי שישלין זינגענדיק געבעטן:

— ברודער, נו, לאָמיר מאַכן אונזערע עסקים אָן גנבה? וואָרום לעבן ערלעך איז דאָך אַזוי גוט, אַזוי רויק, האַ? ברי־דער-לעבן, ווי?

זיינע בלויע אויגן פלעגן ווערן טונקעלער, פייכט; אין אַזוינע מינוטן איז ער געווען ווונדערלעך שיין; זיין בקשה פלעגט אַלעמען אַביסל צעטומלען, אַלע פלעגן זיך פאַרשעמט אָפּקערן פון אים.

— אַ פויער וועט אויף קיין סך נישט אָפּנאַרן. — האָט זיפצנדיק געבורטשעט דער סאָלידער אָסיפּ, גלייך ווי ער וואָלט רחמנות געהאַט אויפן פויער.

דער טונקעלער שטיין-האַקער, אָנבויגנדיק זיין קרומען

רוקן איבערן טיש, האָט מיט אַ געדיכטער שטים געזאָגט:

— אַן עברה איז ווי אַ בלאָטע, — וואָס טיפער—אַלץ זומפּיקער.

און דער באַלעבאָס ברומט זיי פּונקט נאָך אין זעלבן טאָן:

— איך ווייס דען? ווי מ׳שרייט צו מיר, אַזוי רוף איך זיך אָפּ...

נאָכדעם, ווי מ׳האָט אָפּגעפּילאָזאָפירט, באַמיט מען זיך ווידער צו באַשווינדלען איינער דעם אַנדערן. און נאָכן אָפּרעכענען זיך, גייט מען פאַרשוויצטע און מידע פון אָנשטרענגונג אַוועק אין טראַקטיר טרינקען טיי, פאַרבעטנדיק אויך דעם באַלעבאָס.

אויפן יאָרמאַרק האָב איך געדאַרפט אַכטונג געבן, אַז די לייט זאָלן נישט גנבענען קיין נעגל, קיין ציגל, קיין געהובלטע ברעטער; איטלעכער פון זיי האָט אויסער דער אַרבעט ביי מיין באַלעבאָס געהאַט זיינע אייגענע אונטערנעמונגען, און יעדער פלעגט זיך באַמיען פון אונטער מיין נאָז אַרויסצוגנבענען עפּעס פאַר זיין אייגענעם עסק.

זיי האָבן מיך פריינטלעך באַגעגנט, און שישלין האָט געזאָגט:

— געדענקסט, דו האָסט זיך געבעטן צו מיר אין אַרטיעל? און איצט—אָט ווי דערהויבן דו ביסט געוואָרן, דו וועסט זיין אַן אויפזעער איבער מיר, האַ?

— נו, נו, — האָט זיך געוועדלט אָסיפּ — קוק, היט, און גאָט זאָל דיר העלפן!

פּיאָטר האָט צוגעגעבן אומפריינטלעך:

— מ׳האָט איבערגעגעבן אַ יונגן באַטשאַן די ממשלה איבער אַלטע מייז...

מיינע פליכטן האָבן מיך אַריינגעבראַכט אין גרויזאַמער פאַרלעגנהייט; ס׳איז מיר געווען אַ חרפּה פאַר די דאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן, ווי עס שיינט, געוווסט עפּעס אַזוינס גוטס, וואָס קיינער חוץ זיי האָט עס נישט געוווסט, און איך

האָבֿ געמוזט קוקן אויף זיי, ווי אויף גנבֿים און שווינדלער. די ערשטע טעג איז מיר שווער געווען מיט זיי, נאָר אָסיפּ האָט עס תּיכּף באַמערקט און איינמאָל, ווען מיר זענען געווען אונטער פיר אויגן, האָט ער מיר געזאָגט:

— אָט וואָס, בחורל, דו זיי נישט אָנגעבלאָזן, דאָס וועט דיר גאָרנישט העלפֿן, פֿאַרשטייסט?

כ׳האָבֿ געווײנלעך גאָרנישט פֿאַרשטאַנען, נאָר כ׳האָבֿ דערפֿילט, אַז דער אַלטער פֿילט מיר מיט מיין גאַרישע לאַגע, און ס׳האָבן זיך צווישן אונדז באַלד איינגעשטעלט אָפֿנהאַרציקע באַציונגען.

ערגעץ ווו אין אַ ווינקעלע פֿלעגט ער מיך לערנען:

— צווישן אונדז, אויבֿ דו ווילסט וויסן, איז דער הויפּט-גנבֿ דער שטיין־האַקער פּעטרוכע; ער איז אַ מטופּל מיט קינדער, אַ גיריקער. אויף אים גיבֿ אַכֿטונג מיט זיבן אויגן, ביי־אים איז אַלץ אַ זאַך. אַלץ קומט אים צונוץ: אַ פֿונט טשוועקעס, אַ צענדליק ציגל, אַ זעקל קאַלך, אַלץ אַהער! אַ מענטש איז ער אַ גוטער, אַ פֿרומער, מיט שטרענגע געדאַנקען, אַ יודע ספֿר, נו, אָבער לקחנען האָט ער ליבֿ. יעפֿימושקע איז פֿאַרקאָכֿט אין ווייבער, ער איז אַ רויקער, פֿאַר דיר איז ער נישט שעדלעך. ער איז אויך אַ קלוגער, די הויקערס זענען אַלע נישט קיין נאַראָנים! אָט איז גריגאָרי שישלין, יענער איז גאָר אַ לעמעשקע, נישט נאָר ער נעמט נישט יענעמס, נאָר גיט אפֿילו זיינס אַוועק! ער אַרבעט גאָר אויף אַ פּוסטער וועלט, אים קאָן יעדער אָפּנאַרן. אָבער ער קאָן נישט! לעבט אָן שׂכל...

— ער איז אַ גוטער?

אָסיפּ האָט מיך אָנגעקוקט פֿון וויטן און געזאָגט אומפֿאַרגעסלעכע ווערטער:

— אוודאי אַ גוטער! דעם פֿוילן איז לייכֿט צו זיין גוט; גוטסקייט, בחורל, פֿאָדערט נישט קיין שׂכל...

— נו, און דו אַליין? — האָבֿ איך אַ פֿרעג געטון אָסיפּן. ער האָט אַ שמייכֿל געטון און געזאָגט:

— איך בין ווי אַ מיידל, אַז איך וועל ווערן אַ באָבע, וועל איך וועגן זיך רעדן; דערווייל וואַרט! אָדער דערטאַפּ

מיך מיטן שכל, ווי איך בין, גיב נאָר אַ זוך, אָט וואָס!

ער האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין אַלע מיינע פאָרשטעלונגען וועגן אים און וועגן זיינע פריינט. מיר איז שווער געווען צו ספקן אין דער ריכטיקייט פון זיינע מיינונגען. כ׳האָב געזען, אַז יעפימושקע, פיאָטר, גריגאָרי האַלטן דעם אָנגעזעענעם אַלטן פאַר קליגער און באַהאַוונטער אין אַלע וועלטלעכע ענינים פאַר זיי. מיט אים האָבן זיי זיך אין אַלץ אַן עצה געהאַלטן, האָבן אויפמערקזאַם אויסגעהערט זיינע עצות און אָפט אַרויסגעוויזן אים זייער אַכטונג.

— טו אַ טובה, גיב אונז אַן עצה. — האָבן זיי אים געבעטן, נאָר איינמאָל, נאָך אַזאַ בקשה, ווען אָסיפּ איז אָפּגעטראָטן, האָט דער שטיין־האַקער געזאָגט צו גריגאָרין:

— אַן אפיקורס.

און גריגאָרי האָט שמייכלענדיק צוגעגעבן.

— אַ קאָמעדיאַנט.

דער טינק-אַרבעטער האָט מיך פריינטלעך געוואָרנט:

— גיב אַכט, מאַקסימיטש, מיטן אַלטן דאַרף מען לעבן פאָרזיכטיק, ער קאָן דיך אין איין מינוט אַרומדרייען אַרום פינגער! פון אַזוינע בייסיקע אַלטע זאָל גאָט שומר און מציל זיין!

כ׳האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער ערלעכסטער און פרומסטער מענטש איז פיאָטר דער שטיין־האַקער; וועגן אַלץ האָט ער גערעדט קורץ און מיט ווירקונג. זיין מוח איז אָפטער פאַרנומען מיטן געדאַנק וועגן גאָט, גיהנום און טויט.

— אוי, קינדערלעך—ברידערלעך, ווי איר זאָלט זיך נישט דרייען, אויף וואָס איר זאָל נישט בויען, פון קבר און פון בית חיים וועט זיך קיינער נישט אַרויסדרייען!

ער האָט תמיד געליטן פון בויך־ווייטיק, און ס׳פלעגן טרעפן טעג, ווען ער האָט לגמרי גאָרנישט געקאָנט עסן, אפילו אַ קליין שטיקל ברויט פלעגט ביי אים אַרויסרופן קראַמף־ווייטיקן און אַ שרעקלעכע נישט-גוטקייט.

דער הויקערדיקער יעפימושקע האָט אויך אויסגעזען צו־
זיין אַ גאַנץ גוטער און אָרנטלעכער, נאָר שטענדיק אַ קאָמי־
שער, צייטנווייז — אַ הייליקער תּם, אפילו חסר־דעה, ווי אַ שטי־
לער אידיאָטל. ער פלעגט זיך שטענדיק איינליבן אין פאַרשי־
דענע פרויען און וועגן אַלע גערעדט מיט די זעלבע ווער־
טער:

— כ'וועל אייך קורץ זאָגן: נישט קיין פרוי, נאָר אַ בלי־
מעלע אין סמעטענע, בנאמנות!

ווען די לעבעדיקע, פרייליכע קונאַווינער ווייבלעך פלעגן
קומען וואַשן די פאַדלאָגעס אין די געוועלבער, פלעגט יעפי־
מושקע אַרונטערקריכן פון דאַך, פלעגט זיך אַוועקשטעלן ער־
געץ ווו אין אַ ווינקעלע און בורטשען, פאַרזשמורענדיק זיינע
גרויע, לעבעדיקע אויגן און פונאַנדערעפּענענדיק זיין ברייטן
מויל ביז צו די אויערן.

— אָט אַ פרישינקע זומער־פויגעלע האָט מיר גאָט צוגע־
שיקט; באַשערט איז מיר אַזאַ שמחה; נו. דאָס איז אַ בלימע־
לע אין סמעטענע, נו, ווי זאָל איך נישט דאַנקען גאָט פאַר
אַזאַ מין מתּנה? איך וועל פון אַזאַ שיינקייט לעבעדיקערהייט
פאַרברענט ווערן!

פון אָנהויב האָבן די ווייבער געלאַכט און געשריגן איי־
נע צו די אַנדערע:

— אוי, טאַטעלעך, קוקט נאָר אָן ווי דער הויקער צע־
גייט!

די שפּאַסן האָבן דעם דאַכדעקער ווייניק אָנגערירט. זיין
קנאָכיק פּנים פלעגט שלעפעריק ווערן, ער האָט גערעדט ווי
פון חלום, די זיסע רייד זענען געפלאָסן, ווי אַ שיכּורער קוואַל
און קענטיק פאַרשיכּורט די פרויען.

לסוף פלעגט עמעצער פון די עלטערע זאָגן פאַרוווּנדערט
צו אירע חברטעס:

— הערט זיך איין ווי דער פויער מאַטערט זיך, ממש
אַן עכטער יונגערמאַן!

— זינגט ווי אַ פויגל...

— אָדער ווי אַ בעטלער ביים קלויסטער. — האָט זיך בּישט אונטערגעגעבן אַ פּאַרעקשנטע.

יעפימושקע אָבער האָט גאָרנישט אויסגעזען ווי אַ בעט־לער, ער איז געשטאַנען פעסט, ווי אַ געזונטער שטאַם, זיין שטים האָט געלאָקט צו זיך, זיינע ווערטער זענען געוואָרן אַלץ יצר-הרעדיקער, די פרויען האָבן זיך שווייגנדיק צוגעהערט צו זיי. ער איז באמת ווי צעגאַנגען פון די פריינטלעכע פאַר־שיכּורנדיקע רייד.

ענדיקן פלעגט זיך עס דערמיט, וואָס בעתן אָוונט-ברויט אָדער נאָכן אָפּרו, פלעגט ער שאָקלענדיק מיט זיין שווערן, קאַנטיקן קאָפּ, זאָגן פאַרוווּנדערט צו זיינע חברים:

— נו, וואָס פאַרא זיס און ליב זומערפויגעלע! צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך אָנגעריירט אַזאַ!

דערציילנדיק וועגן זיינע נצחונות, האָט זיך יעפימושקע בּישט אויסגעפּיינט, נישט אָפּגעלאָזט פון דער בייגעקומענער, ווי ס׳האָבן דאָס אַלע מאָל געטון די אַנדערע, ער האָט נאָר צופרידן און דאַנקבאַר געקוואָלן, און זיינע גרויע אויגן האָבן זיך פאַרוווּנדערט אויסגעדרייט.

אָסיפּ האָט שאָקלענדיק מיטן קאָפּ אויסגערופן:

— אוי, דו נישט מיד ווערנדיקער מאַנסביל! ביים וויפלסטן יאָר האַלסטו שוין?

— כ׳האַלט שוין ביי די פיר און פערציק. נאָר דאָס איז גאָרנישט! כ׳בין היינט אויף אַ יאָר פינף יונגער געוואָרן, ווי אין טייך, אין אַ פריש וואַסער זיך אָפּגעבאָדן, געזונטער גע־וואָרן, אויפן האַרצן איז רויק! אַך, וואָס פאַראַ פרויען ס׳זע־נען דאָ אויף דער וועלט, ווי?

דער שטיין־האַקער האָט אים האַרט געזאָגט:

— אַז דו וועסט אַריבערשפּרייזן דעם פינפטן צענדליק, געדענק—ס׳וועלן זיך דיר ביטער און געזאַלצן אָפּרופן דיינע אויסגעלאַסענע רגילותן!

— יעפימושקע ביסט אַן אומפאַרשעמטער. — האָט געזיפצט גריגאָרי שישלין.

און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער שיינער פּאַרשוין איז מקנא דעם הויקערס גליק.

אָסיפּ האָט געקוקט אויף אַלעמען פון אונטער די זיל-בערנע, גלאָט פאַרדרייטע ברעמען און האָט זיך געוווּנדערט:

— איטלעכס מיידל — האָט אין קאָפּ איר דריידל, איינע האָט ליב טעפּלעך און פענדלעך, די אַנדערע — אוירינגלעך און בענדלעך, און אַלע מיידלעך וועלן ווערן באָבעס...

שישלין איז געווען אַ באַווייבטער, נאָר זיין ווייב איז געבליבן אין דאָרף, ער פלעגט זיך אויך פאַרקוקן אויף די פּאָדלאָגע-וועשערינס. זיי פלעגן זיך אַלע לייכט געבן, איטלעכע פון זיי פלעגט מוזן „פאַרדינען אין אַ זייט" און צו דעם מין פאַרדינסט האָט מען זיך באַצויגן אין דער הונגעריקער פאָרשטאָט אַזוי פשוט, פּונקט ווי צו יעדער אַנדער אַרבעט. נאָר דער שיינער פאַרשוין, דער פויער, האָט נישט געטשעפּעט די ווייבער, ער האָט בלויז מיט אַ מאָדנעם קוק זיי אָנגעקוקט פון וווייטן, ווי רחמנות האָבנדיק אויף עמעצן, אויף זיך אָדער אויף זיי. און ווען זיי פלעגן אַליין זיך אָנהויבן שפּילן מיט אים, פאַרלאָזנדיק אים, פלעגט ער, פאַרשעמט שמייכלענדיק זיך אָפּטראָגן...

— צום טייוול אייך...

— וואָס איז מיט דיר, נאַרעלע איינער? — האָט זיך גע-וווּנדערט יעפּימושקע. — ווער לאָזט דאָס אַרויס פון האַנט אַזאַ צופאַל?

— איך בין אַ באַווייבטער. — פלעגט דערמאָנען גריגאָרי.

— דיין ווייב וועט זיך דאָ דערוויסן?

— אַ ווייב וועט זיך שטענדיק דערוויסן, ווען דו זאָלסט זיך נישט ערלעך אויפפירן, איר, וועסטו, ברודער, נישט אָפּנאַרן!

— ווי אַזוי וועט זי זיך דערוויסן?

— דאָס ווייס איך נישט, זי מוז זיך אָבער דערוויסן, אויב זי לעבט אַליין אָרנטלעך. און ווען איך לעב אָרנטלעך, און זי זאָל זיך לאָזן פאַרפירן, וועל איך זיך וועגן איר דערוויסן.

— ווי אַזוי? — שרייט יעפימושקע, אָבער גריגאָרי חזרט רויק איבער:

— דאָס ווייס איך נישט.

דער דאַכדעקער מאַכט אויפגערעגט מיט די הענט.

—אָט נאַ דיר! ערלעך, כ׳ווייס נישט... אוי, דו, קעפעלע!

די באַציונג פון שישלינס אַרבעטער צו אים איז געווען אַ פשוטע, ס׳האָט זיך נישט געפילט, אַז ער איז זייער באַלע־באָס, און הינטער די אויגן האָבן זיי אים גערופן קאַלב. ווען ער פלעגט קומען צו דער אַרבעט און זען, אַז זיי פוילן זיך, פלעגט ער נעמען דאָס האַנט־ברעט, די לאָפּאַטע און מעשה אַרטיסט זיך נעמען אַליין צו דער אַרבעט, פריינטלעך אויפ־מונטערנדיק:

— לעבעדיק, קינדער, לעבעדיק!

איינמאָל בשעת כ׳האָב דערפילט אַ בייזן באַפעל פון מיין באַלעבאָס, האָב איך געזאָגט צו גריגאָרין:

— שוואַכע אַרבעטער האָסטו...

ער האָט זיך אַזוי ווי פאַרוווּנדערט:

— נו איז וואָס?

— די אַרבעט האָט מען נאָך געדאַרפט פאַרענדיקן נעכטן ביז מיטאָגצייט, און זיי וועלן דאָס אפילו נאָך היינט נישט באַווייזן.

— ריכטיק, זיי וועלן נישט באַווייזן. — האָט ער מסכים געווען, אַ ווײַלע געשוויגן און דאַן געזאָגט פאַרזיכטיק:

— איך זע טאַקע, אָבער כ׳האָב נישט קיין האַרץ זיי צו טרייבן — דאָס זענען דאָך אַלץ אייגענע מענטשן, פון זעלבן דאָרף מיט מיר. נו, און גיב נאָר אָט וואָס אַ טראַכט: גאָט האָט געזאָגט — מיטן שווייס פון דיין פנים זאָלסטו עסן ברויט, הייסט עס — פאַר אַלעמען האָט ער געזאָגט, פאַר דיר און פאַר מיר. און מיר ביידע האָרעווען ווייניקער פאַר זיי, נו, איז עפעס נישט ניחא, איך זאָל זיי טרייבן...

געלעבט האָט ער פאַרחלומט; גייט זיך איבער די פוס־טע גאַסן פון יאַרמאַרק און פלוצלינג בלייבט ער שטיין ביי אַ

בריק פון דעם אָבוואָדנעם קאַנאַל, שטייט לאַנג ביי די פּאַ־רענטשן און קוקט אין וואַסער אַריין, צום הימל, ווייט הינטער דער אָקע יאָגסט אים אָן און גיסט אַ פרעג:

— וואָס שטייסטו דאָ?

— אַ? — כאַפּט ער זיך אויף און שמייכלט פאַרשעמט. — אָט, אַזוי זיך... זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט אַביסל...

— פיין, ברודער, איז ביי גאָט אַלץ איינגעאָרדנט, — פלעגט ער נישט זעלטן זאָגן — דאָס הימעלע, די ערד. טייכן פליסן, דאַמפערס לויפן. זעצסט זיך אויף אַ דאַמפער און פאָרסט, וווהין דיין האַרץ גלוסט: קיין ריאַזיאַן, אָדער קיין ריבינסק, קיין פערם, ביז אסטראכאַן! אין ריאַזיאַן בין איך געווען, — אַ נישקשהדיק שטעטל, נאָר אַ לאַנגווייליקס; לאַנגווייליקער פאַר ניזשני, אונזער ניזשני—איז אַ לעבעדיקס, אַ פריילעכס! אסטראַ־כאַן איז אויך לאַנגווייליקער. אין אַסטראַכאַן זענען דערהויפּט אַ סך קאַלמיקעס, און איך האָב עס נישט ליב. כ'האָב נישט ליב קיין שום מאָרדווינער, אָט די קאַלמיקעס, די פּערסיאַנער, די דייטשן און די אַלערליי פעלקערלעך.

ער רעדט געלאַסן, ער טאַפּט אָן מיט זיינע ווערטער דעם מענטשן, וואָס דענקט פונקט ווי ער, און געפינט אים שטענדיק אין דעם שטיין-האַקער פיאָטר. — דאָס זענען נישט קיין פעלקערלעך, נאָר אומגלויביקע, — זאָגט פיאָטר מיט צאָרן און זיכערקייט — זיי זענען געבוירן אין אַ זייט פון קריסטוסן און גייען אַריבער פאַרביי אים*)

גריגאָרי לעבט אויף און שיינט:

— אַזוי צי נישט אַזוי, נאָר איך, ברודער, האָב ליב אַ ריין פאָלק, דאָס רוסישע פאָלק, וואָס קוקט גלייך אין די אויגן! יידן האָב איך אויך נישט ליב, כ'הויב אפילו נישט אָן פאַרשטיין, צו וואָס דאַרף גאָט די פעלקער? גוואַלדיק שכל־דיק איז אַלץ געמאַכט...

---

*) אַ וואָרט שפּיל פון „נאַראָדצי" און „מימאָראָדצי", ד. ה. נישט קיין פעל־קערלעך, נאָר אַזעלכע, וואָס זענען געבוירן אין אַ זייט פון קריסטוסן.

דער שטיין־האַקער זאָגט ברוגז:

— גוואַלדיק שכלדיק, אַ היפּש ביסל, דאַכט זיך, איז איבעריק!

אָסיפּ הערט זיך צו צו די שמועסן און רעדט אויסלאַכנ־דיק, בייסיק:

— יאָ, ס׳איז טאַקע איבעריק, אָט די רייד אייערע זע־נען לחלוטין איבעריק. אַי, סעקטע! שמייסן דאַרף מען אייך אַלעמען.

אָסיפּ האָט זיך זיין אייגענע מיינונג, נאָר מ׳קאָן נישט פאַרשטיין, מיט וואָס ער איז יאָ מסכּים און צו וואָס ער וועט נישט מסכּים זיין. טיילמאָל, דאַכט זיך, אַז ער איז גלייכגיל־טיק־איינשטימיק מיט אַלע מענטשן, מיט אַלע זייערע געדאַנ־קען, נאָר עפּטער זעט מען, אַז זיי אַלע האָבן אים דערעסן, אַז ער קוקט אויף די מענטשן, ווי אויף חסר־דעהס, און זאָגט צו פּיאָטרן, צו גריגאָרין און צו יעפימושקען:

— אוי, איר חזרימלעך...

זיי שמייכלען צו נישט גאַנץ פריילעך און נישט גאָר גערן און שמייכלען פונדעסטוועגן.

דער באַלעבאָס פלעגט מיר אַרויסגעבן פינף קאָפּיקעס אַ טאָג אויף ברויט; דאָס איז געווען צו ווייניק, כ׳פלעג ביס־לעכווייז אונטערהונגערן; זעענדיק דאָס, פלעגן די אַרבעטער מיך איינלאַדן צו פרישטיק און אָוונטברויט, און אַמאָל פלעגן מיך די אונטערנעמער רופן אין טראַקטיר טרינקען טיי. איך פלעג גערן איינשטימען, מיר פלעגט געפעלן זיין צו זיצן צווישן זיי און צוהערן זיך צו זייערע געלאַסענע רייד, צו די מערקווירדיקע געשיכטעס. זיי האָבן געקליבן נחת פון מיין באַ־לעזנקייט אין די קלויסטערלעכע ביכער. — דו האָסט זיך אָנ־געפּיקעט צו זאַט מיט ביכלעך, האָסט אָנגעשטאָפּט די וואָליע.— האָט אָסיפּ געזאָגט און אויפמערקזאַם מיך אָנגעקוקט מיט זיינע קאָרן־בלומיקע אויגן; ס׳איז שווער צו כאַפּן דעם אויסדרוק זייערן, — עס דאַכט זיך, אַז זיינע שוואַרצאַפּלען שמעלצן זיך, צעגייען.

— דו היט דאָס, קלויב אָן אין זיך, ס'וועט צונויף קומען; וועסט אויסוואַקסן — ווער אַ מאָנאַך און גיי טרייסט דאָס פאָלק מיט ווערטער; אָדער — ווער אַ מיליאָנער...

— אַ מיסיאָנער. — פאַרריכט דער שטיין-האַקער עפּעס מיט אַ באַליידיקטן טאָן.

— וואָס ? — פרעגט אָסיפ.

— מיסיאָנער זאָגט מען, דו ווייסט, ביסט נישט טויב !..

— נו, גוט, אַ מיסיאָנער, וועסט פירן וויכּוחים מיט די אַפּיקורסים. אָדער ווער אַליין אַן אַפּיקורס, פון דעם קאָן מען אויך האָבן ברויט ! מיט שׂכל קאָן מען פון די אַפּיקורסות אויך מאַכן אַ לעבן...

גריגאָרי לאַכט פאַרשעמט, און פיאָטר רעדט פאַר זיך :

— נישט שלעכט לעבן אויך די כּישוף-מאַכערס, אַלערליי כּופרים...

— דער מכשף לעבט נישט פון לומדות, לומדות איז ביי אים אַן איבעריקע זאַך...

און ער דערציילט מיר :

— אָט זע און האָרך : געלעבט האָט ביי אונז אין דאָרף אַן אָרעמער פויער, וואָס האָט געהייסן טושקע, אַ גאָרנישט אַ פּוירל, אַ פּוסטער קאָפּ ; געלעבט ווי אַ פעדער, אַהין-אַהער, וווהין דער ווינט בלאָזט, און, נישט קיין אַרבעטער, נישט קיין פּוסטעפּאַסניק ! איז ער איינמאָל אַזוי, פון ליידיק גיין, אַוועק גאָט דינען, תּפילה טון, אַרומגעשלעפּט זיך אַ פּאָר יאָר און פּלוצ-לינג האָט ער זיך באַוויזן אין אַן אַנדער געשטאַלט : די האָר, ביז די אַקסלען, אויפן קאָפּ אַ יאַרמולקע, אויפן קערפּער אַ געלבלעכע, גלחשע קאַפּאָטע פון טייוולשער פעל ; קוקט אויף אַלעמען ווי אַ פיש און פּאָדערט עקשנותדיק : טוט תּשובה, פאַרשאָלטענע ! און פאַרוואָס זאָל מען קיין תּשובה נישט טון ? און דערהויפּט— ווייבער ? און ס'איז אַוועק אַ גאַנג : טושקע איז זאַט, טושקע איז שיכּור, טושקע איז צופרידן, אָן אַ ברעג צופרידן מיט די ווייבער...

דער שטיין-האַקער רייסט איבער מיט צאָרן :

— איז דען דער עיקר, וואָס ער איז זאַט און שיכּור?

— און וואָס דען אַנדערש?

— דער עיקר אין דעם וואָרט!

— נו, צו זיינע ווערטער האָב איך מיך נישט צוגעהערט, ווערטער פעלן מיר אַליין אויך נישט.

— מיר קענען טושניקאָוון, דימיטרי וואַסיליטשן, זייער גוט, — זאָגט פּיאָטר באַליידיקט, און גריגאָרי האָט שווייגנדיק אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און געקוקט אין גלאָז אַריין.

— איך שפּאַר זיך נישט, — זאָגט אָסיפּ אין אַ טאָן פון שלום — דאָס רעד איך אַלץ צו מאַקסימיטשן מכּוח אַלערליי מיטלען און וועגן צו אַ שטיקל...

— דורך אַנדערע וועגן פאַלט מען אין תפיסה אַריין...

— יאָ, נישט זעלטן, — איז אָסיפּ מסכּים — נישט יעדער שטעג פירט צו אַ ברעג, מ׳דאַרף וויסן ווו צו פאַרקערעווען...

ער רייצט זיך שטענדיק אַביסל מיט די פרומע לייט, מיטן טינק-אַרבעטער און מיטן שטיין-האַקער; ס׳קאָן זיין, אַז ער האָט זיי נישט גערן. ער באַהאַלט עס אָבער קונציק. זיין באַציונג צו מענטשן איז בכלל נישט תופס צו זיין.

אויף יעפימושקען קוקט ער עפּעס ווייכער, בעסער. דער דאַכדעקער פירט נישט קיין וויכּוחים מכּוח גאָט, אמת, סעק־טעס, וועגן דעם ביטערן מענטשלעכן לעבן, וואָס זענען די באַליבטע שמועסן פון זיינע פריינט. אוועקגעשטעלט דעם שטול מיט אַ זייט צום טיש, דאָס וועגטל פון שטול זאָל נישט שטערן דעם הויקער, טרינקט ער רויק טיי, איין גלאָז נאָכן אַנדערן, אָבער פלוצלינג שפּיצט ער אָן די אויערן, באַקוקט דעם אָנגע־רויכערטן צימער, הערכט זיך צו צום געפּילדער פון די קולות, שפּרינגט אויף און ווערט שנעל פאַרשוווּנדן. דאָס האָט געהייסן, אַז אין טראַקטיר איז אַריין עמעצער, וועמען יעפימושקע איז שולדיק געלט, און קרעדיטאָרן האָט ער אַ היפּש ביסל, און וויל אַנדערע פון זיי שלאָגן אים, מאַכט ער פליטה.

— זענען בייז, די פראַים. — וווּנדערט ער זיך, — ווען כ׳האָב געלט, וואָלט איך דען נישט אָפּגעגעבן?

— אַי, דו אָפּגעדאַרטער צווייג, ביטערער... — זאָגט אים נאָך אָסיפּ.

טיילמאָל זיצט יעפימושקע לאַנג פאַרטראַכטערהייט, ער הערט גאָרנישט, זעט קיין זאַך נישט; זיין קנאָכיק פּנים ווערט ווייכער, די גוטע אויגן קוקן בעסער.

— וועגן וואָס קלערסטו, פריינט! — פרעגט מען ביי אים.

— איך קלער, ווען איך וואָלט געווען רייך, ע, וואָלט איך מיר חתונה געהאַט מיט אַן אמתער פּריצטע, בנאמנות, מיט אַ פּאָלקאָווניקס אַ טאָכטער, למשל, אוי גאָט, וואָלט איך זי ליב געהאַט, כ'וואָלט לעבעדיקערהייט פאַרברענט געוואָרן נעבן איר... מחמת איינמאָל, ברידער-לעבן, האָב איך געדעקט אַ דאַך, ביים פּאָלקאָווניק אויף אַ זומער־וווינונג...

— און געהאַט האָט ער אַ טאָכטער אַן אלמנה, מיר האָבן דאָס שוין געהערט! — רייסט אים פּיאָטר אומפריינטלעך איבער.

נאָר יעפימושקע שאָקלט זיך, רייבנדיק די קני מיט די דלאָניעס, און, בויערנדיק מיטן הויקער די לופט, רעדט ער ווייטער:

— אָט גייט זי אַמאָל אַרויס אין סאָד, אַ ווייסע, אַ רחבות־דיקע, איך קוק אויף איר פון דאַך אַראָפּ, און וואָס איז מיר די זון, און צו וואָס דאַרף איך די ווייסע וועלט? אַרונטערגעפלויגן וואָלט איך, ווי אַ טייבעלע צו אירע פיס! ממש אַ בלוי בלימעלע אין סמעטענע! אָט, מיט אַזאַ פּריצטע מעג כאָטש דאָס גאַנצע לעבן זיין נאַכט!

— און פרעסן, וואָס וואָלט איר? — פרעגט טרוקן פּיאָטר, נאָר יעפימושקע ווערט נישט צעטומלט.

— אָ, גאָט! — שרייט ער אויס. — וויפל דאַרפן מיר דען? אגב, איז זי רייך...

אָסיפּ לאַכט.

— און ווען וועסטו, יעפימושקע, שוין אויפהערן צו פּטרן דייגע כוחות אין די דאָזיקע זאַכן?

אַ חוץ וועגן פרויען רעדט יעפימושקע וועגן גאָרנישט,

און אַן אַרבעטער איז ער אויך נישט קיין אויסגעהאַלטענער, אַמאָל אַרבעט ער אויסגעצייכנט, גיך, און אַמאָל גיט זיך אים קיין זאַך נישט איין, קלאַפּט פויל און אָפּגעלאָזן אויפן דאַך, איבערלאָזנדיק לעכער. פון אים הערט זיך תּמיד אַ ריח פון טראַן און אייל, נאָר ער האָט אויך זיין אייגענעם ריח, אַ געזונטן און אָנגענעמען; ווי דער ריח פון אַ פריש אָפּגעהאַקטן בוים.

מיטן טשעסלער איז אינטערעסאַנט צו רעדן מכּוח אַלץ; אינטערעסאַנט, נאָר נישט גאָר אָנגענעם, די ווערטער זיינע באַאומרויִקן שטענדיק דאָס האַרץ, און ס׳איז שווע צו פאַרשטיין, ווען ער רעדט ערנסט און ווען ער שפּאַסט.

מיט גריגאָרין איז דאָס בעסטע צו רעדן וועגן גאָט, ער איז אין דעם פעסט און האָט עס גערן.

— גרישע ווייסט, — פרעג איך — ס׳זענען דאָ מענטשן, וואָס גלויבן נישט אין גאָט?

ער שמייכלט רויִק.

— ווי אַזוי דען?

— זיי זאָגן: נישטאָ קיין גאָט.

— אַ! אַזוי גאָר! דאָס ווייס איך.

און באַוועגנדיק מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט אָפּטרייסלען אַ פליג, זאָגט ער:

— געדענקסט, דוד המלך האָט נאָך געזאָגט: דער רשע האָט געזאָגט אין זיין האַרצן: נישטאָ קיין גאָט. אָט ווען די שוטים האָבן נאָך אַזוי גערעדט! אָן גאָט קאָן מען בשום אופן נישט אויסקומען.

אָסיפּ איז, דאַכט זיך, ווי מסכּים מיט אים.

— פּרוביר אָקאָרשט ביי פּעטרוכען אָפּנעמען גאָט, וועסטו ביי אים דערזען דעם זיבעטן הימל!

שישלינס שיין פּנים ווערט שטרענג. ער נעמט פונאַנדער די באָרד מיט די פינגער, מיטן פאַרטרוקנטן קאַלך אויף די נעגל, און רעדט סודותדיק:

— גאָט לעבט אין יעדן חומר, דאָס געוויסן און דער

גאַנצער אינעווייניקסטער קערן—איז פון גאָט!

— און די זינד?

— די זינד קומען פון חומר, פון שטן! די זינד זענען פון אויסן, ווי פּאָקן, נישט מער! מער פאַר אַלעמען זינדיקט דער, וועלכער קלערט אַ סך וועגן דעם; קלער נישט וועגן זינד—וועסטו נישט זינדיקן! צו זינדיקע מחשבות ברענגט דער שטן, וואָס איז דער האַר איבערן חומר...

דער שטיין־האַקער ספּקט זיך:

— ס'איז עפּעס נישט אַזוי...

— אַזוי איז דאָס! גאָט איז אָן זינד, און דער מענטש איז באַשאַפן אין זיין פּאָרעם און געשטאַלט. זינדיקן, זינדיקט די פורעם, דער גוף; די געשטאַלט אָבער קאָן נישט זינדיקן, זי איז אַ געשטאַלט, אַ גייסט...

ער שמייכלט מיט נצחון, נאָר פּיאָטר בורטשעט:

— דאָס איז עפּעס נישט אַזוי...

— און נאָך דערנאָך, — פרעגט אָסיפּ דעם שטיין־האַקער — האָסטו נישט געזינדיקט, וועסטו נישט תשובה טון, וועסטו נישט תשובה טון—וועסטו נישט ניצול ווערן?

— אַזוי איז עפּעס פעסטער! קערסטו זיך אָפּ פון שטן—פאַרלירסטו גאָט פון האַרצן. — פלעגן זאָגן די אַלטע לייט...

שישלין איז נישט קיין טרינקער, ער ווערט שיכּור פון צוויי גלעזלעך; דעמאָלט ווערט זיין פּנים ראָז, די אויגן קינדעריש, די שטים זינגעדיק.

— ברידערלעך, ווי גוט דאָס איז אַלץ! אָט, מיר לעבן, אַרבעטן אַביסל, מ'איז זאַט, דאַנקען גאָט, אוי, ווי גוט!

ער האָט געוויינט; די טרערן זענען אַראָפּגערונען אויף זיין באָרד און האָבן זיך געלויכטן אין די זיידענע האָר, ווי גלעזערנע פּאַטשערקעס.

זיינע אָפטע לויב־געזאַנגען צום לעבן און די גלעזערנע טרערן זענען מיר געווען אומאָנגענעם, די באָבע האָט געלויבט דעם לעבן זיכערער, פּשוטער, נישט אַזוי צודרינגלעך.

די אַלע געשפּרעכן האָבן מיך געהאַלטן אין שטענדיקער אָנשטרענגונג, וועקנדיק אין מיר אַ טונקעלע אומרו. כ'האָב שוין איבערגעלייענט זייער פיל דערציילונגען וועגן פויערים און האָב געזען, ווי ווייט ס'איז דער פויער אינם בוך פון דעם לע־בעדיקן פויער. אין די ביכער זענען אַלע פויערים אומגליק־לעך; די גוטע און די שלעכטע, זיי זענען אַלע אָרעמער פון די לעבעדיקע אין זייערע רייד און אין די געדאַנקען. דער פויער פון בוך רעדט ווייניקער וועגן גאָט, וועגן סעקטעס, וועגן קלויסטער, — און מער וועגן „נאַטשאַלסטוואָ", וועגן ערד, וועגן אמת און וועגן שווערקייט פון לעבן. מכּוח פרויען רעדט ער אויך ווייניקער, נישט אַזוי גראָב, פריינטלעכער. פאַרן לע־בעדיקן פויער איז אַ ווייב — אַ שפּילכל, נאָר אַ געפערלעך שפּילכל, מיט אַ ווייב דאַרף מען שטענדיק קליגן זיך, אַנישט וועט זי דיך גובר זיין און פאַרפּלאָנטערן אויפן גאַנצן לעבן. דער פויער פון בוך איז אָדער גוט, אָדער שלעכט, ער איז שטענדיק אינגאַנצן ווי ער איז אין בוך, אָבער די לעבעדיקע פויערים זענען נישט גוט, נישט שלעכט, זיי זענען מערקוויר־דיק אינטערעסאַנט. אַ לעבעדיקער פויער, וויפל ער זאָל פאַר דיר נישט אויספּלוידערן, וועסטו שטענדיק פילן, אַז ס'איז נאָך ביי אים עפּעס פאַרבליבן, נאָר אָט דעם רעשטל האַלט ער בלויז פאַר זיך, און עס קאָן זיין, אַז גראָד דאָס נישט אַרויס־געזאָגטע, דאָס פאַרבאָרגענע איז דער עיקר.

פון אַלע באַשריבענע פויערים, איז מיר מער פאַר אַלע־מען געפעלן געוועזן פּיאָטר פון דעם „טשעסלער ארטיעל". עס האָט זיך מיר פאַרוואָלט איבערלייענען די דערציילונג פאַר מיינע פריינט, און כ'האָב מיטגעבראַכט דאָס בוך אויפן יאַר־מאַרק. מיר פלעגט אָפט אויסקומען צו נעכטיקן אין דעם אָדער אין יענעם אַרטיעל, טיילמאָל צוליב דעם, ווייל איך בין פאַרן טאָג זייער מיד געוואָרן און נישט געהאַט קיין כּוח צו גיין אַהיים.

ווען כ'האָב געזאָגט, אַז איך האָב ביי זיך אַ בוך וועגן טשעסלער, האָט דאָס אַלעמען זייער פאַראינטערעסירט, און

באַזונדערס — אָסיפּן. ער האָט גענומען דאָס בוך פון זיין האַנט און אומצוטרויליך געשאָקלט מיט זיין איקאָנע-מאָלערישן קאָפּ.

— אין דער אמתן, פונקט ווי וועגן אונז אָנגעשריבן!

אַי, שעלמעס! ווער האָט אָנגעשריבן — אַ פּריץ? נו, כ'האָב גלייך געטראַכט: פּריצים און באַאַמטן זענען צו אַלץ בריות! וואָס גאָט אַליין וועט נישט איינפאַלן, וועט זיך דער באַאַמטער דערטראַכטן; דערצו לעבן זיי...

— אָן פאָרזיכט רעדסטו, אָסיפּ, וועגן גאָט. — האָט באַמערקט פּיאָטר.

— נישקשה! מיינס אַ וואָרט איז פאַר גאָט — ווייניקער, ווי פאַר מיין פליך אַ שנייעלע, אָדער אַ רעגן־טראָפּן. דו האָב קיין מורא נישט, מיר וועלן גאָט נישט פאַרטשעפּען...

ער האָט זיך פלוצלינג אומרויק צעשפּילט, שיטנדיק מיט שאַרפע ווערטלעך, ווי פונקען, וואָס האָבן ווי מיט אַ שער אָפּגע־שניטן אַלץ, וואָס איז געווען אין סתירה צו אים. עטלעכע מאָל אַ טאָג האָט ער אַלץ געפרעגט:

— לייענען מיר, מאַקסימיטש? נו, ס'איז אַן ענין, אַן ענין, ס'איז פיין צוגעטראַכט.

אָפּגערוט זיך, איז מען אַוועק עסן אָוונט-ברויט אין זיין אַרטיעל, און נאָכן אָוונט־ברויט זענען געקומען פּיאָטר מיט זיין אַרבעטער אַרדאַליאָן און שישלין מיטן יונגן בחור פאָמע. אין שייער, ווו דער אַרטיעל האָט געשלאָפן, האָט מען אָנגע־צונדן אַ לאָמפּ, און איך האָב אָנגעהויבן לייענען, מ'האָט גע־האָרכט שווייגנדיק, נישט רירנדיק זיך, נאָר אינגיכן האָט אַר־דאַליאָן געזאָגט בייז:

— נו, פאַר מיר איז גענוג.

און איז אַוועק. דער ערשטער איז איינגעשלאָפן גריגאָרי־פאַרחידושט עפענענדיק דעם מויל; נאָך אים זענען איינגע־שלאָפן די טשעסלער. נאָר פּיאָטר, אָסיפּ און פאָמע האָבן זיך צוגערוקט צו מיר און אָנגעשטרענגט צוגעהערט.

ווען כ'האָב געענדיקט לייענען, האָט אָסיפּ תיכף פאַרלאָשן

די לאָמפּ. — נאָך די שטערן איז קענטיק געווען, אַז ס'איז שוין אַרום האַלבע נאַכט.

פּיאָטר האָט אין דער פינסטער אַ פרעג געטון:

— צו וואָס איז דאָס אָנגעשריבן? אַנטקעגן וועמען?

— איצט — שלאָפן! — האָט געזאָגט אָסיפּ אויסטועגדיק די שיך.

פּאָמע האָט זיך שווייגנדיק אָפּגערוקט אין אַ זייט.

פּיאָטר האָט איבערגעחזרט זיין טענה:

— כ'זאָג — אַנטקעגן וועמען איז דאָס אָנגעשריבן?

— זיי ווייסן שוין? — האָט אָס"פּ אויסגערעדט, גרייט מאַכנדיק זיין געלעגער צום שלאָפן.

— אויב אַנטקעגן די שטיפמאַמעס. איז דאָס אַ פּוסטער ענין; זיי וועלן דערפון בעסער נישט ווערן, — האָט זיכער געזאָגט דער שטיין-האַקער.—און אַנטקעגן פּיאָטערן, איז אויך אומזיסט: ער האָט געזינדיקט וועט ער באַשטראָפט ווערן. פאַר אַ רציחה קריגט מען סיביר, און אַן עק מיט אַלץ! דאָס ביכל איז גאָר אַן איבעריקע זאַך ביי אַזאַ זינד... גאָר אַן איבעריקע, וואָס?

אָסיפּ האָט געשוויגן. דער שטיין-האַקער האָט צוגעגעבן:

— זיי האָבן נישט וואָס צו טון, מישן זיי זיך אַריין אין פרעמדע עסקים. ווי ווייבער אויף די גאַנקעס. אַ גוטע נאַכט, שוין צייט צו שלאָפן...

ער איז אַ ווײַלע שטיין געבליבן ביי דעם בלויען קוואַדראַט פון דער אָפענער טיר און געפרעגט:

— אָסיפּ, ווי מיינסטו?

— האַ? — האָט זיך דער טשעסלער שלעפעריק אָפּגערופן.

— נו, גוט, שלאָף...

שישלין איז אַנידערגעפאַלן אויף אַ זייט און איינגעשלאָפן, דאָרט ווו ער איז געזעסן. פּאָמע האָט זיך אַוועקגעלייגט נעבן מיר אויף דעם צעריבענעם שטרוי. די פּאַרשטאָט האָט געשלאָפן. פון ווייטן האָט זיך געהערט דאָס פייפן פון די לאָקאָמאָטיוון, דער שווערער געהילך פון די טשוגונענע רעדער, דער קלאַנג פון די בופערס. אין שייער האָט מען געכראָפּעט אויף אַלערליי

טענער. ס׳איז מיר עפּעס נישט ניחא געווען, — כ׳האָב דערוואַרט מ׳זאָל אָנהויבן שמועסן, — און גאָרנישט.

נאָר מיטאַמאָל האָט אָסיפּ אָנגעהויבן רעדן שטיל און דייטלעך.

— איר, קינדער, גלויבט אין דעם אַלעם נישט, איר — זענט יונג, האָט נאָך לאַנג צו לעבן, קלויבט אָן אייער אייגע-נעם שכל! איין אייגענער — איז מער ווערט ווי צוויי פרעמדע! פּאָמע, דו שלאָפסט?

— ניין, האָט זיך געהערט אָפּגערופן פּאָמע.

— אַזוי! איר זענט דאָך ביידע געלערנטע, טאָ לייענט, נאָר גלויבן זאָלט איר אין קיין זאַך נישט. זיי קאָנען אַלץ אָפּ-דרוקן, דער עסק — איז אין זייערע הענט!

ער האָט אַראָפּגעלאָזן די פיס פון די ברעטער, האָט זיך איינגעשפּאַרט מיט די הענט אָן ברעג פון אַ ברעט און, אָנ-בויגנדיק זיך צו אונז, גערעדט ווייטער:

— דאָס בוך — ווי דאַרף מען עס פאַרשטיין? ווי אַ מסירה אויף די מענטשן! דאָס הייסט קוקט, זייט מוחל, ווי עס זעט אויס אַ טשעסלער אַ מענטש, אָדער עמעצער אַ צווייטער, און אָט — אַ פּריץ — איז שוין גאָר אַן אַנדער מין מענטש! אַ ביכל — ווערט נישט געשריבן סתם אַזוי, נאָר עמעצן צו פאַרטיידיקן...

פּאָמע האָט גראָב געזאָגט:

— פּיאָטר האָט מיט רעכט דערהרגעט דעם אונטערנעמער.

— נו, דאָס איז — גלאַט גערעדט. הרגענען אַ מענטשן איז קיינמאָל נישט רעכט, כ׳ווייס, דו האָסט גריגאָריען נישט האָלט, אָבער וואַרף אַוועק די דאָזיקע רעיונות. מיר זענען אַלע נישט קיין רייכע מענטשן, הייַנט בין איך אַ באַלעבאָס, מאָרגן — ווי-דער אַן אַרבעטער...

— איך רעד נישט וועגן דעם פעטער אָסיפּ...

— דאָס איז אַלץ איינס...

— דו — ביסט אַן ערלעכער.

— וואַרט, כ׳וועל דיר זאָגן, צו וואָס דאָס איז פאַרפאַסט— האָט אָסיפּ איבערגעהאַקט. פּאָמעס צאָרנדיקע ווערטער, — דאָס

איז זייער אַ שׂכלדיקער חיבור! אָט אַזוי זעט אויס זע פּריץ אָן דעם פּויער, און — אָט איז אַ פּויער אָן דעם פּריץ! ערשט קוק: אי דעם פּריץ איז שלעכט, אי דעם פּויער איז אויך נישט גוט. דער פּריץ איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, פֿאַרנאַרישט. דער פּויער איז געוואָרן אַ באַרימער, דער קראַנקער שיכּור איז געוואָרן אַ באַעוולטער — אָט וואָס! און אין קנעכטשאַפֿט ביי די פּריצים איז כּלומרשט געווען בעסער: דער פּריץ האָט זיך געטוליעט הינטערן פּויער, דער פּויער — הינטערן פּריץ, און ביידע האָבן זיך געדרייט זאַטע און רויִקע... איך שפּאַר זיך נישט, ס׳איז ריכטיק, אַז פֿאַר די פּריצים איז געווען רויִקער צו לעבן — פֿאַרן פּריץ איז נישט נוצלעך, אַז דער פּויער איז אָרעם; זיי איז גוט, ווען ער איז רייך, נאָר אָן שׂכל, אָט דאָס איז פֿאַר זיי ווי געווונשן, איך ווייס דאָס, איך אַליין האָב דאָך אָפּגעלעבט אין קנעכטשאַפֿט כּמעט פֿופֿציק יאָר, אויף מיין פּעל איז פֿיל אָנגעשריבן.

כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז פּונקט אַזוי האָט גערעדט וועגן די פּריצים דער פּורמאַן פּיאָטר, וואָס האָט זיך געקוילעט, און מיר איז געווען שטאַרק נישט צום האַרצן, וואָס אָסיפּ געדאַנקען טרעפֿן זיך צונויף מיט די געדאַנקען פֿון דעם שלעכטן אַלטן.

אָסיפּ האָט אָנגערירט מיט דער האַנט מיין פּוס און ווייטער געזאָגט:

— ביכער און אַלערליי פֿאַרפֿאַסונגען דאַרף מען פֿאַרשטיין. סתּם אַזוי טוט קיינער גאָרנישט, דאָס דוכט זיך נאָר, אַז ס׳ווערט סתּם געמאַכט. און די ביכלעך שרייבט מען אויך נישט סתּם אַזוי, — נאָר, כּדי דעם קאָפּ צו פֿאַרדולן. אַלץ ווערט געשאַפֿן מיט שׂכל. אָן שׂכל וועט איר אפֿילו אַ האַק נישט אויפֿהויבן, אַ לאַפּעטש נישט מאַכן.

ער האָט גערעדט לאַנג, זיך געלייגט און ווידער אויפֿגעשפּרונגען, צעוואַרפֿנדיק אין דער פֿינסטער און אין דער שטילקייט זיינע גלאַטיקע גלייכווערטלעך.

מ׳זאָגט די פּריצים און די פּויערים זענען פֿרעמדע מענטשן.

נאָר דאָס איז נישט ריכטיק. מיר זענען די זעלבע אדונים, נאָר אָן תחתונים. דער פריץ לערנט און איך לערן, ער — פון די ביכער, און איך — פון די שטערן, נאָר ביים פריץ איז ווייסער דער הינטער חלק — דאָס איז דער גאַנצער חילוק. ניין, יונגע לייט, שוין צייט אָנהויבן אַנדערש צו לעבן, די פאַרפאַסונגען דאַרף מען אָפּלייגן אין אַ זייט, אַוועקוואַרפן. זאָל זיך יעדער איינער אַליין אַ פרעג טון: ווער בין איך? אַ מענטש, און ער ווער איז? אויך אַ מענטש. וואָס איצט: צי דען פאַר־לאַנגט פון אים גאָט מער אויף יום טוב? ניין, וואָס שייך שטייערן, זענען מיר ביידע גלייך פאַר גאָט...

ענדלעך צו באַגינען, ווען די מאָרגן־שיין האָט אויסגע־לאָשן אַלע שטערן, האָט מיר אָסיפּ געזאָגט:

— האָט איר געזען, ווי איך קאָן פאַרפאַסן? אָט האָב איך אָנגערעדט אַזוינס, וואָס כ'האָב קיינמאָל נישט געטראַכט, איר, חברה, גלויבט מיר נישט, דאָס רעד איך מער צוליב מיין שלאָפלאָזיקייט, ווי פון ערנסט. ליגסט־ליגסט און קלערסט זיך עפּעס אויס, מיט וואָס די צייט צו פאַרטרייבן: געלעבט האָט אַ קראָ פאַרצייטן, אַהין־אַהער אין אַלע זייטן; אַז זי איז גע־קומען אין די יאָרן, האָט איר געטראָפן גאָטס צאָרן: די קראָ איז געפּגרט און פאַרדאַרט געוואָרן! וואָס פאַרא זין, פאַר אַ זינען האָט די געשיכטע — נישטאָ דאָ קיין זין. נו, שוין צייט אַביסל אַ דרעמל טון: מ'דאַרף שוין באַלד אויפשטיין.

XVIII

פונקט ווי אַמאָל דער אויוון-הייצער יאַקאָוו אין זיין צייט, איז אָסיפּ איצט אויסגעוואַקסן אין מיינע אויגן און פאַר־שטעלט פאַר מיר אַלע מענטשן. ער האָט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס איז זייער נאָענט געווען צו דעם אויוון־הייצער, נאָר אין דער זעלבער צייט האָט ער מיר דערמאָנט דעם זיידן, דעם קלויסטער־זינגער און אַנטיקקענער פּיאָטר וואַסיליעוו, דעם קוכער סמיריי און, דערמאַנענדיק מיט זיין געשטאַלט די אַלע

מענטשן, וואָס האָבן זיך פעסט איינגעקלאַמערט אין מיין זכרון, האָט ער דאָרט איבערגעלאָזט זיין טיפן צייכן, איינגעגעסן זיך אין אים, ווי ראָסט אינם מעש פון אַ גלאָק. ס'איז קענטיק גע־ ווען, אַז ער האָט צוויי מינים רעיונות. בייטאָג, ביי דער אַר־ בעט, צווישן מענטשן, זענען זיינע לעבעדיקע פשוטע געדאַנ־ קען זאַכלעך און אַ סך מער פאַרשטענדלעך, ווי די, וואָס קו־ מען אים אַרויף ביים רוען, אין די אָוונטן, ווען ער גייט מיט מיר אין שטאָט צו זיין קרובה, וואָס האַנדלט מיט פלאָדן, און ביינאַכט, ווען עס שלאָפט זיך אים נישט. ער האָט באַזונדערע נאַכט־רעיונות, וואָס זענען אַזוי פילזייטיק, ווי דאָס פייער אין אַ לאַמטערן. זיי לייכטן העל, אָבער ווו איז זייער עכט פנים, וועלכע זייט פון דעם אָדער יענעם געדאַנק איז אָסיפן נענטער און טייערער?

איך האָב אים געהאַלטן פאַר דעם קליגסטן פון אַלע מענטשן, וועלכע מיר איז אויסגעקומען ווען עס איז צו טרעפן, איך בין אַרומגעגאַנגען אַרום אים, ווי אַרום דעם אויוון־הייצער יאַקאָוון, — ס'ווילט זיך דערקענען, פאַרשטיין דעם מענטשן, און ער גליטשט זיך און דרייט זיך אַרויס פון דיר, און — און לאָזט נישט כאַפּן. אין וואָס איז באַהאַלטן זיין אמת? אין וואָס פון אים גלויבן.

איך דערמאָן זיך, ווי ער האָט מיר געזאָגט:

— זוך מיך אַליין, ווו איך בין באַהאַלטן, דערטאַפּ מיך, אָט וואָס!

— מ'האָט פוגע געווען מיין עגאָיזם, נאָר דאָ גייט נישט אַזוי אין מיין עגאָיזם, — איך מוז נויטיק, ווי לעבן, פאַרשטיין דעם אַלטן.

ביי דער גאַנצער אומבאַגרייפלעכקייט זיינער איז ער פעסט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער זאָל דורכלעבן נאָך אַ הונדערט יאָר, וואָלט ער אַלץ בלייבן דער אייגענער, וועט זיך עקשנותדיק־פעסט דערהאַלטן צווישן די מוראדיק וואַקלדיקע מענטשן. דער אַנטיקן־קענער האָט אויף מיר אויך געמאַכט אַן איינדרוק פון אויסגעהאַלטנקייט, אָבער זי איז פאַר מיר געווען

נישט גאָר קיין אָנגענעמע; אָסיפּס אויסגעהאַלטנקייט איז אַן אַנדערע. זי איז אַ פּיל אָנגענעמערע.

די וואַקלעניש פון די מענטשן וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן, זייער קונציקער שפּרונגען פון איין לאַגע אין דער צווייטער האָבן צעמישט מיינע געדאַנקען, כ׳בין שוין פאַרמאַטערט געוואָרן צו באַוואונדערן די דאָזיקע אומפאַרשטענדלעכע שפּרונגען, און זיי האָבן ביסלעכווייז געלאָשן מיין לעבעדיקן אינטערעס צו מענטשן און מיין ליבע צו זיי פאַרווירט.

איינמאָל, אין אָנהויב יולי, איז צו דעם אָרט, וווּ מיר האָבן געאַרבעט, האַסטיק צוגעפאָרן אַ צעשרויפט וועגעלע, אויף דער קעלניע איז געזעסן, מרה־שחורהדיק שלוקערצנדיק, אַ שיכּורער פורמאַן, אַ בערדיקער, אָן אַ היטל און מיט אַ צעהאַקטער ליפּ; אין וועגעלע איז געזעסן מיט צעוואָרפענע אברים, בגילופינדיק, גריגאָרי שישלין, אים האָט געהאַלטן אונטערן אָרעם אַ מיידל מיט רויטע באַקן, אין אַ שטרויען היטעלע, מיט אַ רויטן באַנד און גלעזערנע קאַרשן, מיט אַ שירם אין האַנט און קאַלאָשן אויף די באָרוועסע פיס.

— יאָ, טייוואָלים! דער יריד איז נאָך נישט אָפּן, נישטאָ קיין יריד, און זיי שלעפּן מיך אופן יריד.

גריגאָרי איז אַראָפּגעקראָכן אַ צעקוועטשטער, אַ צעבראָכענער פון וועגעלע, האָט זיך געזעצט אויף דער ערד און מיט טרערן מודיע געווען אונז, צושויער:

— אוי־ף די קני שטיי איך — כ׳האָב זייער אַ סך געזינדיקט! געגומען און געזינדיקט — אָט! יעפּומושקע זאָגט: גרישע! גרישע — זאָגט ער... ריכטיק זאָגט ער, און איר — זייט מיר מוחל! איך קאָן אייך אַלעמען מכבד זיין. ער זאָגט ריכטיק; איין מאָל לעבט מען... מער ווי איין מאָל — קאָן מען נישט...

קייכנדיק פון געלעכטער, האָט דאָס מיידל געטופּעט מיט די פיס, פאַרלוירן די קאַלאָשן, און דער פורמאַן האָט ברוגז געשריגן:

— לאָמיר גיכער פאָרן ווייטער! לאָמיר פאָרן, דער פערד שטייט נישט.

דער פערד, אַן אַלטע אויסגעמוטשעטע קליאַטשע, איינגאַנצן באַדעקט מיט שוים, איז געשטאַנען, ווי אַן איינגעגראָבענע, און אַלץ צוזאַמען איז געווען גוואַלטיק קאָמיש. גריגאָריס אַרבעטער האָבן געקייכט, קוקנדיק אויפן באַלעבאָס, אויף זיין פאַרפוצטער דאַמע און אויפן צערייצטן פורמאַן.

בלויז פאָמע האָט נישט געלאַכט, געשטאַנען אין טיר פון געוועלב נעבן מיר און געמורמלט:

— זיך צעיושעט, דער חזיר... און אינדערהיים האָט ער אַ ווייב, אַ שיינהייט!

דער פורמאַן האָט כסדר געאיילט פאָרן, דאָס מיידל איז אַרונטער פון פורל, אויפגעהויבן גריגאָרין, אַוועקגעלייגט אים צו אירע פיס און, אַ מאַך טוענדיק מיטן שירם, אויסגעשריגן:

— געפאָרן זאָל ווערן!

אויסלאַכנדיק גוטמוטיק דעם באַלעבאָס, מקנא זייענדיק אים, האָבן די מענטשן זיך גענומען צו דער אַרבעט אויף פאָמעס באַפעל. קענטיק, עס איז אים נישט ניחא געווען צוצוקוקן ווי גריגאָרי איז לעכערלעך:

— אויך מיר אַ באַלעבאָס! — האָט ער געברומט. מיר האָבן נאָך ווייניקער ווי אַ חודש צו אַרבעטן, מיר וועלן אַוועקפאָרן אין דאָרף... האָט נישט אויסגעהאַלטן...

מיר האָט פאַרדראָסן אויף גריגאָרין — דאָס מיידל מיט די קאַרשן איז געווען אַזוי מיאוס לעפיש נעבן אים.

כ'האָב אָפט געטראַכט: פאַרוואָס איז גריגאָרי שישלין אַ באַלעבאָס, און פאָמע טושקאַוו — אַן אַרבעטער?

דער קרעפטיקער, ווייסער בחור פאָמע, מיט די געקרויזטע האָר, מיט דער שפּאַרבערישער נאָז און די גרויע קלוגע אויגן אין רונדן פנים, איז נישט ענלעך געווען אויף אַ פּויער. ווען ער וואָלט זיך פיין אויסגעקליידט, וואָלט מען אים אָנגענומען פאַר אַ סוחרישן זון פון אַ שיינער פאַמיליע. ער איז געווען אַ מענטש אַ מרה־שחורהדיקער, האָט גערעדט ווייניק,

זאַכלעך. ווייל ער האָט געקאָנט לייענען און שרייבן, האָט ער געפירט דעם באַלעבאָס חשבונות, צוזאַמענגעשטעלט רעכנונגען, האָט געקאָנט צווינגען די חברים זיי זאָלן בעסער אַרבעטן, אָבער ער אַליין האָט געאַרבעט נישט גערן.

— די גאַנצע אַרבעט וועסטו אין לעבן נישט מאַכן, — פלעגט ער רויק זאָגן. מכוח ביכער פלעגט ער רעדן מיט ביטול: — אָפּדרוקן קאָן מען אַלץ, כ'קאָן דיר אויסקלערן, וואָס דו ווילסט, דאָס זענען נאַרישקייטן...

ער האָט זיך אָבער צו אַלץ אויפמערקזאַם צוגעהערט, און אויב ס'פלעגט אים עפּעס אינטערעסירן, פלעגט ער שטאַרק און געניי פונאַנדערפרעגן, תמיד קלערנדיק וועגן עפּעס זיינס, מעסטנדיק אַלץ מיט זיין מאָס.

איינמאָל האָב איך געזאָגט פאָמען, אַז פאַר אים וואָלט געפּאַסט צו זיין אַן אונטערנעמער, ער האָט זיך פויל אָפּגע־רופן:

— ווען מ'זאָל קאָנען גלייך קערעווען מיט טויזנטער—נו, איז נאָך עפּעס כדאי... אָבער צוליב גראָשנס עסקן זיך מיטן המון, איז אַ ברכה לבטלה. ניין, איך וועל מיר צוקוקן, צוקוקן, און אַוועקגיין אין מאָנאַסטיר, אין אָראַנקע. איך בין אַ שיינער, אַ קרעפטיקער, אפשר וועל איך געפעלן ווערן איינער אַ סוחר־טע אַן אלמנה! עס טרעפט זיך אַזוינס. איינער אַ סערגאַצקער יונגערמאַן האָט אין אַ פּאָר יאָר געמאַכט אַ גליקלעך לעבן, און האָט אפילו חתונה געהאַט מיט אַ מיידל, אַ היגע, אַ שטאָטישע; מ'האָט געטראָגן די איקאָנע איבער די הייזער, האָט זי אויף אים געוואָרפן אַן אויג...

דאָס אַלץ איז ביי אים געווען שוין פון פריער אויסגע־טראַכט. ער האָט געוווּסט אַ סך מעשיות וועגן דעם, ווי אַזוי דער דינסט ביי די מאָנאַכן אין מאָנאַסטיר, פירט אַרויס די מענטשן אויף אַ גליקלעכן וועג. מיר זענען זיינע דערציילונגען נישט געפעלן געווען, ווי אויך דער אופן פון זיין דענקען, כ'בין אָבער געווען זיכער, אַז ער וועט אַוועקגיין אין מאָנאַסטיר.

ס'האָט זיך געעפנט דער יריד, און פאָמע איז אומגע־

ריכט פאַר אַלעמען אָנגעקומען פאַר אַ באַדינער אין אַ שענק. כ׳קאָן נישט זאָגן, אַז דאָס האָט שטאַרק פאַרווונדערט זיינע חברים, נאָר זיי האָבן אַלע אָנגעהויבן באַציען זיך צו אים מיט חוזק; אין די חגאות, ווען מ׳האָט זיך צוזאַמענגעקליבן טרינ-קען טיי, האָבן זיי שמייכלענדיק געזאָגט איינער צום אַנדערן:

— היידאַ, גייען מיר צו אונזער זעקסטן!

און קומענדיק אין טראַקטיר, האָבן זיי מעשה-באַלעבאַטים געשריגן:

— הע׳, קעלנערל געקרייזלטער, קום נאָר אַהער!

ער פלעגט צוגיין מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און פרעגן:

— וואָס פאַרלאַנגט איר?

— האָסט נישט דערקענט דיינע באַקאַנטע?

— נישטאָ קיין צייט צו דערקענען...

ער האָט געפילט, אַז זיינע חברים האָסן אים, ווילן פון אים שפּאַס טרייבן, און האָט געקוקט אויף זיי מיט אומעטיק וואַרטנדיקע אויגן; זיין פּנים פלעגט ווערן האַלציק און, דאַכט זיך, געגרעדט:

— נו, גיכער, ס׳אַכט שוין...

— ווילסט דאָך, מסתמא, „אויף טיי", האַ? — פלעגן זיי אים פרעגן; בכיוון לאַנג אַרומזוכן אין די קעשענעס און קיין גראָשן נישט געגעבן.

כ׳האָב געפרעגט פּאָמען: — ווי איז דאָס עפּעס, געקליבן זיך ווערן אַ מאָנאַך, און געוואָרן אַ קעלנער?

— קיין מאָנאַך ווערן האָב איך זיך נישט געקליבן, — האָט ער געענטפערט — און פאַראַ קעלנער בין איך נישט אויף לאַנג אָנגעקומען.

אין אַ יאָר פיר אַרום האָב איך אים געטראָפן אין צאַ-ריצין, נאָך אַלץ אַלס אַ קעלנער אין אַ שענק; און שפּעטער איבערגעלייענט אין אַ צייטונג, אַז פּאָמע טוטשקאָוו איז אַרעס-טירט פאַר ווען באַגיין אַ גנבה דורך אויפרייסן אַ טיר.

מער ווי אַלץ האָט מיך איבערראַשט די געשיכטע מיט

דעם שטיין־האַקער אַרדאַליאָן, דעם עלטסטן און בעסטן אַרבעטער פון פּיאָטרס אַרטיעל. אויף דעם דאָזיקן פריילעכן פערציקיעריקן פּויער, מיט דער שוואַרצער באָרד, האָט זיך נישט ווילנדיק אויך געשטעלט די קשיא: פאַרוואָס איז נישט ער דער באַלעבאָס, נאָר פּיאָטר? בראָנפן האָט ער געטרונקען זעלטן און איז זעלטן שטאַרק שיכור געווען; זיין אַרבעט האָט ער געקענט אויסגעצייכנט, האָט געאַרבעט גערן. די ציגל זענען געפלויגן אין זיינע הענט, ווי רויטע טויבן. אין פאַרגלייך מיט אים האָט דער קראַנקער און פאַרעווער פּיאָטר אויסגעזען אינגאַנצן אַן איבעריקער אין אַרטיעל; וועגן דער אַרבעט פלעגט ער זאָגן:

— איך בוי פאַר מענטשן מויערן, כדי צו פאַרדינען אויף אַ הילצערנעם ארון...

אַרדאַליאָן האָט מיט אַ פריילעכן גרימצאָרן געלייגט די ציגל און געשריגן:

— העי, ברודער, אַרבעט אין גאָטס נאָמען!

און דערציילט האָט ער אַלעמען, אַז דעם קומענדיקן פרילינג וועט ער אַוועקפאָרן קיין טאָמסק, וווּ דער איידעם זיינער האָט אָנגענומען אַ גרויסן עסק, בויען אַ קלויסטער, און רופט אים צו זיך פאַר אַן אויפזעער.

— דאָס איז שוין ביי מיר אַ באַשלאָסענע זאַך. בויען קלויסטערס, דאָס האָב איך האָלט! — האָט ער געזאָגט און מיר פאָרגעלייגט: — היידאַ מיט מיר! אין סיביר, ברודער, גייט אַ „גראַמאַטנעם" זייער גלאַט, דאָרט איז קענטעניש — אַ קאָזיר!

כ'האָב מסכים געווען, און אַרדאַליאָן האָט נצחונדיק געשריגן:

— נו, אָט! דאָס איז אַן עסק, נישט קיין שפּאַס.

צו פּיאָטרן און גריגאָרין האָט ער זיך באַצויגן מיט אַ גוטמוטיקן חוזק־שמייכל, ווי אַ דערוואַקסענער צו קינדער, און פלעגט זאָגן צו אָסיפּן:

— באַרימער נעמען זיך איבער איינער פאַרן אַנדערן

מיט זייער שׂכל, ווי ביים קאָרטן־שפּיל, איינער זאָגט, אָט, וואָס פאַראַ קאָליר איך האָב, דער אַנדערער—און ביי מיר זע־בען די קאָזירן!

אָסיפּ באַמערקט אומבאַשטימט:

— און ווי דען אַנדערש? דאָס באַרימערייַ איז אַ מענטש־לעכע זאַך, אַלע מיידלעך גייען אויסגעשטעלט מיטן בוזעם...

— יאָ, מ'קרעכצט, מ'לאָזט גאָט פון מויל נישט אַרויס און— מ'קלויבט די מטבע! — האָט זיך נישט באַרויקט אַרדאַליאָן.

— נו, גרישע וועט נישט אָנקלויבן...

— איך רעד מיינס. כ'וואָלט זיך אַוועקגעלאָזט אין וואַלד, אין מדבר... אוי, מיר האָט שוין דאָ דערעסן, אין פרילינג לאָז איך זיך אַוועק קיין סיביר.

די אַרבעטער האָבן געזאָגט מיט קנאה צו אַרדאַליאָנען:

— ווען מיר וואָלטן דאָרט אויך געהאַט עפּעס אַזאַ צו־טשעפּעניש ווי אַן איידעם, וואָלטן מיר אויך קיין מורא נישט געהאַט פאַר סיביר...

און פּלוצלינג איז אַרדאַליאָן פאַרפאַלן געוואָרן. זונטיק איז ער אַוועק פון אַרטיעל און אַ טאָג דריי האָט קיינער נישט געוווּסט, ווו ער איז.

מ'האָט זיך פּרובירט אומרויק טרעפן:

— אפשר האָט אים ווער דערהרגעט?

— אפשר האָט ער זיך געבאָדן און איז דערטרונקען גע־וואָרן?

נאָר דאָ איז געקומען יעפימושקע און האָט מודיע גע־ווען: — ער האָט זיך פאַרהוליעט, אַרדאַליאָן:

— זאָגסט ליגן? — האָט פּיאָטר אַ געשריי געטון מיט אומצוטרוי.

— האָט זיך פאַרהוליעט, פאַרשיכורט. האָט זיך ממש אָנ־געצונדן ווי אַ שייער פון רעכטן מיטן, ווי זיין ליבע ווייב וואָלט ביי אים געשטאָרבן...

— ער איז אַן אַלמן! ווו איז ער?

פּיאָטר איז אַ בייזער אַוועק ראַטעווען אַרדאַליאָנען, נאָר ער האָט פון אים באַקומען קלעפּ.

דאַן האָט אָסיפּ, פאַרבייסנדיק שטייף די ליפּן, טיף פאַר־רוקט די הענט אין די קעשענעס און געזאָגט:

— כ׳וועל אָקאָרשט גיין אַ קוק טון, וואָס איז דאָרט גע־שען אַזוינס? אַ פייער פויער...

כ׳האָב זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אים.

— אָט דאָס איז דער מענטש, — האָט אָסיפּ געזאָגט אויפן וועג — לעבט, לעבט, כלומרשט אַלץ גוט און פּלוצלינג פאַרדרייט ער דעם ווײַדל און צעלאָזט זיך ווי אַ מטורף. קוק, מאַקסימיטש, לערן זיך.

מיר זענען געקומען אין איינעם פון די וואָלוועלע הייז־לעך פון „דעם לוסטיקן קונאַווינער דאָרף". באַגעגנט האָט אונז אַ גנבהשע אַלטיטשקע. אָסיפּ האָט זיך מיט איר איבערגעשוש־קעט און מ׳האָט אונז אַריינגעפירט אין אַ פוסטער קליינער קאַ־מער, אַ פינסטערע און אַ שמוציקע, ווי אַ שטאַל. אויף אַ גע־לעגער איז געשלאָפן פונאַנדערגעוואָרפן אַ גרויסע דיקע פרוי; די אַלטע האָט איר אַ שטאָרך געטון מיטן קולאַק אין זייט און געזאָגט:

— גיי אַרויס, שטיק פליי, גיי אַרויס!

די פרוי איז אַ דערשראָקענע אויפגעשפּרונגען; רייבנדיק די אויגן מיט די הענט, האָט זי געפרעגט:

— אָ, גאָט, ווער איז דאָס, וואָס איז דאָס?

די פרוי איז פאַרשוווּנדן, און ער האָט אַ שפּיי געטון נאָך איר און מיר דערקלערט:

— פאַר שפּיאָנעס האָבן זיי מורא מער, ווי פאַר שדים...

אַראָפּנעמענדיק פון וואַנט אַ קליין שפּיגעלע, האָט די אַלטע אויפגעהויבן אַ שמיקל פון טאַפּעט.

אָסיפּ האָט זיך איינגעקוקט אין דער שפּאַרע פונם ברע־טער־ווענטל.

— דאָס איז ער! טרייב אַרויס פון דאָרט דאָס מיידל...

כ׳האָב אויך אַריינגעקוקט אין דער שפּאַרע: פונקט אין

אַזאַ קאַנורע ווי די, ווו מיר זענען געווען, איז אויפן פּענ־סטער־ברעט, וואָס איז געווען פעסט פאַרמאַכט מיט לאָדנס, האָט געברענט אַ בלעכן לעמפּל. נעבן לעמפּל איז געשטאַנען אַ נאַ־קעטע טאָטערקע, אַ קרום-אויגיקע און האָט פאַרנייט אַ העמד. הינטער איר האָט זיך אויף צוויי קישנס דערהויבן אַרדאַליאָנס אָנגעדראָלן פּנים, געסטאַרטשעט זיין שווארצע צעפּאטלטע באָרד. די טאָטערקע האָט אַ ציטער געטון, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ העמד, אַוועק פאַרביי דעם בעט און איז אַריין צו אונז אין צימער.

אָסיפּ האָט אַ קוק געטון אויף איר און ווידער אויס־געשפּיגן:

— אוי, דו חצופה איינע!

— דו אַליין אַן אַלטער נאַר. — האָט זי געענטפערט, לאַכנדיק.

און אָסיפּ האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט דראָענדיק איר מיטן פינגער.

מיר זענען אַריין אין דער קאַנורע צו דער טאָטערקע. דער אַלטער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַרדאַליאָנען צופוסן, האָט אים אַ צייט אומזיסט געוועקט, און יענער האָט געמורמלט:

— נו גוט... וואַרט, מיר וועלן גיין.

ענדלעך האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, האָט ווילד אָנגעקוקט אָסיפּן, מיך, און, צומאַכנדיק די אויגן, אַ ברום געטון:

— נו, נו...

— וואָס איז מיט דיר? — האָט געזאָגט אָסיפּ געלאַסן, אָן פאָרוואורף, נאָר נישט פריילעך.

— זיך דערפרייט. — האָט דערקלערט אַרדאַליאָן, כראָ־פּענדיק און הוסטנדיק.

— וואָס איז מיט דיר די שמחה?

— אָט אַזוי סתם...

— ס'איז עפּעס נישט גוט.

— נישטאָ קיין גוטס...

אַרדאַליאָן האָט גענומען פון טיש אַן אָנגעהויבענע פלאַש

בראָנפּן און אָנגעהויבן טרינקען פון העלזל, דערנאָך האָט ער פאַרגעלייגט אָסיפּן:

— ווילסט? דאָ דאַרף אויך זיין עפּעס צום צובייסן...

דער אַלטער האָט זיך אַריינגעגאָסן אַביסל משקה אין מויל, אַראָפּגעשלונגען, זיך אַ קרום געטון און גענומען מיט כּונה קייען אַ שטיקל ברויט, און דער אומעטיקער אַרדאַליאָן האָט פלעגמאַטיש געזאָגט:

— אָט האָב איך זיך פאַרדרייט מיט אַ טאָטערקע, און דעם איז אַלץ שולדיק יעפימושקע, די טאָטערקע, זאָגט ער, איז אַ יונגע, אַ יתומה פון קאַסימאָוו, האָט זיך געקליבן פאָרן אויפן יאַרמאַרק.

פון הינטערן וואַנט האָט עמעץ פריילעך געזאָגט אין אַ געבראָכענער שפּראַך:

— אַ טאָטערקע — בעסער! ווי אַ יונגער האָן. טרייב עס אַוועק, דאָס איז דיין טאַטע נישט...

— אָט דאָס איז זי, — האָט געברומט אַרדאַליאָן, קוקנדיק טעמפּ אין וואַנט אַריין.

— כ'האָב געזען. — האָט געזאָגט אָסיפּ.

אַרדאַליאָן האָט זיך געווענדט צו מיר:

— אָט ווי איך האָב, ברודער...

כ'האָב געוואַרט, אַז אָסיפּ וועט אָנהויבן אַרדאַליאָנען מוסר זאָגן, און יענער וועט פאַרשעמט חרטה האָבן. נאָר ס'הויבט זיך גאָרנישט אָן,—זיי זענען געזעסן צוגערוקט איינער צום צווייטן און גערעדט רויק מיט קורצע ווערטער. ס'איז זייער טרויעריק געווען זיי אָנצוקוקן אין דער דאָזיקער פינסטערער ברודיקער לאָך. די טאָטערקע האָט דורך דער שפּאַרע פון וואַנט אַריינגערעדט קאָמישע ווערטער. נאָר זיי האָבן זיי געהערט. אָסיפּ האָט גענומען פון טיש אַ שטיק וווּרשט, האָט עס אָנגע-קלאַפּט אָן שטיוול און אָנגעהויבן פינקטלעך אַראָפּשיילן די הויט, פרעגנדיק:

— פאַרטאַכלעוועט דאָס גאַנצע געלט?

— ביי פּעטרוכן האָב איך.

— זע, אפשר, וועסטו צו זיך קומען? וואָלסט געדאַרפֿט איצט פֿאָרן קיין טאָמסק...

— וואָס האָב איך דאָרט אין טאָמסק?..

— האָסט חרטה?

— ווען פֿרעמדע וואָלטן גערופֿן.

— נו איז וואָס?

— אָבער — אַ שוועסטער, אַ שוואָגער...

— נו?

— ס'איז נישט קיין תּענוג צו האָבן אויף זיך אייגענע פּאָר בעלי־בתּים.

— די בעלי־בתּים זענען אומעטום גלייך.

— פֿונדעסטוועגן...

זיי האָבן גערעדט אַזוי פֿריינטלעך, ערנסט, אַז די טאָ־טערקע האָט זיי אויפֿגעהערט צו רייצן, זי איז אַריין אין צי־מער, האָט שווייגעדיק אַראָפּגענומען פֿון וואַנט דאָס קלייד און איז נעלם געוואָרן.

— אַ יונגע. — האָט געזאָגט אָסיפּ.

אַרדאַליאָן האָט אים אָנגעקוקט און אָן כּעס געזאָגט:

— אַלץ — יעפֿימושקע, דער העצער. אויסער ווייבער ווייסט ער גאָרנישט. און די טאָטערקע—אַ פֿריילעכע. פֿאַרדרייט אַלץ דעם קאָפּ... — זע, דו וועסט זיך נישט אַרויסדרייען. — האָט אים מתרה געווען אָסיפּ, האָט געענדיקט קייען דעם וווּרשטל און האָט זיך אָנגעהויבן זעגענען.

צוריקוועגס האָב איך געפֿרעגט ביי אָסיפּן:

— צו וואָס ביסטו געגאַנגען צו אים?

— אַ קוק טון. אַ באַקאַנטער מענטש. כ'האָב אַ סך געזען אַזוינע פֿאַלן, — לעבט — לעבט אַ מענטש, און פּלוצלינג, ווי ער וואָלט זיך פֿון אַ תּפֿיסה אַרויסגעריסן, — האָט ער ווידער איבערגעחזרט דאָס, וואָס ער האָט פֿריער געזאָגט — פֿאַרן בראָנפֿן דאַרף מען זיך היטן!

נאָר אין אַ מינוט אַרום האָט ער געזאָגט:

— אָבער אָן דיר — איז אומעטיק!

— אַן בראָנפן?

— נו, יאָ! ווען דו טרינקסט זיך אָן — ביסטו גאָר אויף אַן אַנדער וועלט...

אַרדאַליאָן האָט זיך נישט אַרויסגעדרייט. אין עטלעכע טאָג אַרום איז ער געקומען צו דער אַרבעט. גאָר אין גיכן איז ער ווידער פאַרשוונדן, און אין פרילינג האָב איך אים געטראָפן צווישן די באָסיאַקעס, — ער האָט אַרומגעהאַקט דאָס אייז אַרום די בערלינקעס, וואָס זענען געלעגן אין דער בוכטע. מיר האָבן זיך פריינטלעך באַגעגנט און זענען אַוועק טרינקען טיי, און ביים טיי טרינקען האָט ער זיך באַרימט:

— געדענקסט, וואָס פאַר אַן אַרבעטער איך בין געווען, האַ? ממש — אַ כימיקער אין מיין פאַך! הונדערטער האָב איך געקאָנט פאַרדינען...

— פונדעסטוועגן — נישט פאַרדינט.

— אוודאי האָב איך נישט פאַרדינט! — האָט ער מיט גאווה אויסגעשריען. — איך שפיי אויף דער אַרבעט!

ער האָט זיך געהאַלטן ווילדעריש-ברייט, די מענטשן אין שענק האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו זיינע עזותדיקע רייד:

— געדענקסט, וואָס דער שטילער גנב פעטרוכע האָט געזאָגט וועגן דער אַרבעט? פאַר לייטן — אַ מויער, פאַר זיך — אַ הילצערנעם ארון. אָט דאָס איז די גאַנצע אַרבעט!

כ׳האָב געזאָגט:

— פעטרוכע איז אַ קראַנקער, ער האָט מורא פאַרן טויט.

אָבער אַרדאַליאָן האָט אַ געשריי געטון:

— כ׳בין אויך אַ קראַנקער, ביי מיר איז, אפשר, די נשמה נישט אויף אַן אָרט!

אין די חגאות פלעג איך זיך אָפט אַוועקלאָזן אין שטאָט אויף דער מיליאָנען-גאַס, ווו עס האָבן געוווינט די באָסיאַקעס, און כ׳האָב געזען, ווי גיך אַרדיליאָן ווערט דאָרט אַן אייגע־נער מענטש אין דער „גאָלדענער ראטע״. ערשט נ ט אַ יאָר צוריק—אַ פריילעכער און ערנסטער, איז ער איצט עפעס געוואָרן

אַ שרייעדיקער, האָט געקראָגן עפּעס אַ מאָדנעם צעפּאָרענעם הלוך, געקוקט אויף די מענטשן עזותדיק, ווי ער וואָלט גרייט געווען מיט אַלעמען צו קריגן זיך און שלאָגן, און האָט כסדר זיך אויסגעפּיינט:

— דו, קוק, ווי די מענטשן נעמען מיך צו, איך בין דאָ, ווי אַ מין אַטאַמאַן!

ער האָט נישט געזשאַלעוועט דאָס פּאַרדינטע געלט, פלעגט מכבד זיין די באָסיאַקעס, פלעגט זיך אָננעמען בעת אַ געשלעג פאַרן שוואַכערן און אָפט אויסרופן:

— יאַטן, ס׳איז נישט יושרדיק! מען דאַרף האַנדלען מיט יושר!

מ׳האָט אים טאַקע אַזוי אַ נאָמען געגעבן — דער יושר־דיקער, דאָס איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן.

כ׳האָב זיך פלייסיק צוגעקוקט צו די מענטשן, וואָס זע־נען געווען אָנגעפּראָפּט אין דעם אַלטן שמוציקן געמויערטן זאַק פון דער גאַס. דאָס זענען אַלץ געווען מענטשן, אָפּגעז־ברעקלטע פון לעבן, אָבער ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן געשאַפן זייער אייגן פריילעך לעבן אומאָפּהענגיק פון די באַ־לעבאַטים. זאָרגלאָזע, געוואַגטע האָבן זיי מיר דערמאָנט דעם זיידנס מעשות וועגן די בורלאַקעס, וואָס פלעגן לייכט ווערן גזלנים און נזירים. ווען עס פלעגט נישט זיין קיין אַרבעט, פלעגן זיי זיך נישט מיאוסן מיט אַ קליינער גנבה פון די בער־לינקעס און דאַמפּערס, נאָר דאָס האָט מיר גאָרנישט געקימערט — כ׳האָב געזען, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז דורכגענומען מיט גנבה, ווי אַן אַלטער קאַפטאַן מיט גרויע פאָדים, און גלייכצייטיק האָב איך געזען, אַז די דאָזיקע מענטשן אַרבעטן צייטנווייז מיט גרויס חשק, נישט שאַנעווענדיק קיין קרעפטן, ווי עס פלעגן טרעפן ביי אייליקע אַרבעטן, ביי שרפות אָדער ביים אייז־גאַנג. דערהויפּט האָבן זיי געלעבט יומטובדיקער, ווי אַלע אַנדערע מענטשן.

אָבער אָסיפּ, וואָס האָט באַמערקט מיין פריינטשאַפט מיט אַרדאַליאָנען, האָט מיר, ווי אַן אייגענער טאַטע, מתרה געווען.

— אַט וואָס, מיין לעבן, וואָס פריינטלסטו זיך אַזוי מיט דעם מיליאָנער? זע עס זאָל דיר נישט שאַטן...

כ׳האָב אים געזאָגט, ווי איך קאָן, אַז מיר געפעלן די מענטשן, זיי לעבן פריילעך, אָן אַרבעט.

— ווי פויגעלעך אונטערן הימל, — איז ער מיר שמייכלענדיק אַריינגעפאַלן אין די רייד — זיי זענען אַזעלכע, ווייל זיי זענען פויליאַקעס, פּוסטיאַקעס, ביי זיי איז אַרבעט — אַ צרה!

— וואָס האָט מען פון דער אַרבעט? די וועלט זאָגט: פון ערלעכער אַרבעט, לעבט מען נישט אָן קיין מויערן!

מיר איז לייכט געווען דאָס צו זאָגן. איך האָב צו אָפט געהערט דעם דאָזיקן שפּרוכוואָרט און געפילט, ווי ריכטיק ער איז. אָבער אָסיפּ איז אויף מיר בייז געוואָרן און אויסגעשריגן:

— ווער זאָגט דאָס? נאַראָנים און פוילער. און דו, יונגהינטל, האָסט זיך נישט געדאַרפט צוהערן צו דעם! אַזעלכע נאַרישקייטן זאָגן נאָר נישט־פאַרגינער, שלימזלס, און דו מענטשל זיך אויס פריער — נאָכדעם וועסטו קריכן אין הימל. און וועגן דיין פריינטשאַפט וועל איך פאַרמסרן דעם באַלעבאָס — זיי מיר מוחל!

און—האָט פאַרמסרט. דער באַלעבאָס האָט פאַר אים אין די אויגן געזאָגט צו מיר:

— דו, פּעשקאָוו, הער אויף מיט דער מיליאָנער! דאָרט זענען גנבים, פּראָסטיטוטקעס, און פון דאָרטן פירט דער וועג אין טורמע, אין שפּיטאָל. וואַרף אַוועק!

כ׳האָב אָנגעהויבן אויסבאַהאַלטן מיינע וויזיטן אויף דער מיליאָנער, נאָר אינגיכן האָב איך זיך געמוזט אַנטזאָגן דערפון.

איינמאָל בין איך אַזוי געזעסן מיט אַרדאַליאָנען און מיט זיינעם אַ חבר ראָבענאָק אויף אַ דאַך פון אַ שייער אין הויף פון אונזער נאַכט־לעגער; ראָבענאָק האָט אונז זייער שפּאַסיק דערציילט, ווי ער איז אַמאָל דורכגעגאַנגען צופוס פון ראָסטאָוו אויפן דאָן ביז מאָסקווע. דאָס איז געווען אַ

סאַפּיר־סאָלדאַט, אַ געאָרגיעווער קאַוואַליער, אַ הינקעדיקער, — אין דעם טערקישן קריג האָט מען אים צעבראָכן אַ קני. אַ בידעריקער, אַ שטאַמיקער האָט ער פאַרמאָגט אַ גוואַלדיקן כּוח אין די הענט, אַ כּוח, וואָס איז פאַר אים געווען אומנוצלעך, מחמת צוליב זיין הינקעדיקייט האָט ער נישט געקאָנט אַרבעטן. פון עפּעס אַ קרענק זענען ביי אים אויסגעקראָכן די האָר פון קאָפּ, זיין קאָפּ האָט באמת אויסגעזען, ווי דער קאָפּ פון אַ קימפּעט־קינד.

ער האָט גערעדט, בלישטשענדיק מיט די געלע אויגן:

— נו, אָט: סערפּוכאָוו; זיצט אַ פּאָפּ אין גערטעלע; פּאָטערל, זאָג איך. שענקט אַ טערקישן העלד...

אַרדאַליאָן זאָגט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ:

— נו, ליגן, לייג...

— וואָס לייג איך? — פרעגט ראַבענאָק נישט באַליידיקט, און מיין פריינט בורטשעט פויל און מוסרנדיק:

— ביסט נישט קיין געזעצטער מענטש! דו האָסט גע־דאַרפט ערגעץ אָנקומען פאַר אַ סטרוזש, הינקעדיקע ווערן שטענדיק סטרוזשעס, און דו שלעפּסט זיך אַלץ אַרום אומזיסט און טראַכסט אויס ליגנס...

— איך טו דאָס נאָר — כּדי אַ לאַך צו טון, איך — לייג פון פריילעכקייט וועגן...

— דו דאַרפסט פון זיך אַליין לאַכן...

אויפן הויף, וואָס איז געווען ברודיק און פינסטער, כאָטש דאָס וועטער אין דרויסן איז געווען טרוקן און זוניק, האָט זיך באַוויזן אַ פרוי און אויסגעשריגן, פאָכענדיק מיט עפּעס אַ שמאַטע:

— ווער קויפט אַ קלייד? העי, חברטעס...

פון די שפּאַלטן פון די לעכער פון הויז זענען אַרויסגעקראָכן פרויען און האָבן ענג אַרומגערינגלט די פאַרקויפערין; כ'האָב זי תּיכּף דערקענט — דאָס איז די וועשין נאַטאַליע! כ'בין אַראָפּגעשפּרונגען פון דאַך, נאָר גלייך ווי זי האָט פאַרקויפט

דאָס קלייד פאַר דעם ערשטן אָנגעבאָטענעם פרייז, איז זי שטיל אַרויס פון הויף.

— שלום עליכם! — האָב איך זי פריידיק באַגריסט, אָנ־יאָגנדיק היגטערן טויער.

— און וואָס ווּעסטו ווייטער זאָגן? — האָט זי געפרעגט, אָנקוקנדיק מיך קרום, און פּלוצלינג האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, אויסשרייענדיק בייז:

— גאָט דערבאַרמדיקער! וואָס טוסטו דאָ?..

איר דערשראָקענער אויסגעשריי האָט מיך צעמישט און געדירט; כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז זי האָט זיך דערשראָקן צוליב מיר; איר קלוג פּנים האָט בולט אויסגעדריקט שרעק און חידוש. כ׳האָב איר אויף גיך דערקלערט, אַז איך וווין דאָ נישט און אַז איך קום נאָר אַמאָל אַ קוק טון.—אַ קוק טון?— האָט זי שפּאָטיש און בייז אויסגעשריגן. — צו וואָס און ווו קוקסטו? די פאַרבייגייער אין די קעשענעס און די ווייבער אין בוזים?

איר פּנים איז געוועזן צעקנייטשט, אונטער די אויגן זע־בען געלעגן גערדיכטע שאָטנס, די ליפּן האָבן זיך פויל אַרונ־טערגעלאָזן.

אָפּשטעלנדיק זיך ביים טיר פון שענק, האָט זי געזאָגט:

— קום, ווּעסט טרינקען טיי. ביסט אָנגעטון—ריין, גאָר־נישט ווי אַ היגער, נאָר איך גלויב דיר עפּעס נישט...

אין שענק האָט זי מיר, כמעט, אָנגעהויבן גלויבן און, פונאַנדערגיסנדיק טיי, האָט זי אָנגעהויבן אומעטיק צו רעדן וועגן דעם, אַז זי איז ערשט מיט אַ שעה צוריק אויפגעשטאַ־נען און האָט נאָך נישט געגעסן, נישט געטרונקען.

— און, נעכטן האָב איך זיך געלייגט — שיכור, ווי לוט, איך געדענק שוין נישט: ווו כ׳האָב געטרונקען און מיט וועמען.

ס׳איז מיר געווען אַ רחמנות אויף איר, עפּעס נישט ניחא אַנטקעגן איר, און ס׳האָט זיך געוואָלט פרעגן, ווו איז איר טאָכטער. און זי, נאָכדעם ווי זי האָט זיך אָנגעטרונקען מיט

בראָנפן און הייסן טיי, האָט אָנגעהויבן רעדן, ווי איר שטייגער, לעבעדיק, גראָב, ווי אַלע פרויען פון דער דאָזיקער גאַס; אָבער ווען כ'האָב זי אַ פרעג געטון וועגן איר טאָכטער, האָט זי זיך גלייך אויסגעניכטערט און אויסגעשריגן:

— און צו וואָס דאַרפסטו עס וויסן? ניין, מיין ליבער, מיין טאָכטער, וועסטו נישט באַקומען, ניין!

זי האָט ווידער געטרונקען און דערציילט:

— די טאָכטער האָט ביי מיר נישט וואָס צו טון. איך — ווער בין? אַ וועשערין. וואָס בין איך איר פאַראַ מאַמע? זי — איז אַ געבילדעטע, אַ געלערנטע, אַזוי־אַזוי ברודער! זי איז אַוועקגעפאָרן פון מיר צו אַ רייכער חברטע, אַלס לערערין, ווייזט אויס...

שווייגנדיק אַ ווייַלע, האָט זי שטילערהייט אַ פרעג געטון:

— אָט אַזוי! אַ וועשערין געפעלט אייך נישט? און אַ צעלאָזענע נקבה געפעלט אייך?

אַז זי איז פון די אויסגעלאַסענע, האָב איך, געוויינלעך, גלייך געזען, — קיין אַנדערע פרויען זענען דאָ אין גאַס נישט געווען. נאָר ווען זי האָט אַליין געזאָגט וועגן דעם, האָבן זיך ביי מיר פון חרפה און רחמנות צו איר געשטעלט טרערן אין די אויגן, אַזוי ווי זי וואָלט מיך אָפּגעבריט מיט דעם דאָזיקן מודה זיין — זי, וואָס איז נאָך דאָ נישט לאַנג געווען אַזאַ דרייסטע, אַ פרייע, אַ קלוגע!

— אוי, דו. — האָט זי געזאָגט, אָנקוקנדיק מיך און זיפצנדיק:

— דו, גיי אַוועק פון דאַנען! איך בעט דיך, און גיב דיר מיין עצה — רוק זיך נישט אַהער, דו וועסט צו גרונט גיין.

דערנאָך, אָנבויגנדיק זיך איבערן טיש, האָט זי שטיל אָנגעהויבן צו רעדן פאַר זיך, אָפּגעהאַקט און בשעת מעשה עפּעס געמאָלט מיטן פינגער אויפן טאַץ:

— נאָר וואָס גייען דיר אָן מיינע בקשות און עצות? אַז אַן אייגענע טאָכטער האָט נישט געפאָלגט.

איך שריי צו איר: דו טאָרסט נישט אַוועקוואַרפן אַן אייגענע מאַמע, ווי פּאַלט דיר איין? און זי — כ'וועל זיך דערזערגן, זאָגט זי, אַוועקפּאָרן קיין קאַזאַן. זי וויל זיך לערנען פאַר אַן אַקושערקע. נו, גוט... און מיט מיר, וואָס וועט זיין? און איך וועל — אָט אַזוי... צו וואָס זאָל איך זיך צוטוליען? צו אַ פאַרבייגייער?

ווען זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט זי לאַנג געטראַכט וועגן עפּעס, שאָקלענדיק שטום מיט די ליפּן און האָט, קענטיק, פאַרגעסן אין מיר. די ווינקלען פון אירע ליפּן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן, דאָס מויל האָט זיך אויסגעקרומט, ווי אַ האַלבע לבנה, און עס איז געווען פיינלעך צוצוקוקן, ווי עס פלאַטערט די הויט אויף אירע ליפּן און ווי עס רעדן שטום וועגן עפּעס די ציטערנדיקע קנייטשן. זי האָט געהאַט אַ קינדיש באַליידיקט פּנים. פון אונטערן טיכל האָט זיך אַרויסגערוקט אַ פּאַסמע האָר און איז געלעגן אויפן באַק פאַרדרייט הינטערן קליינעם אויער. אין קוביק מיטן אָפּגעקילטן טיי האָט אַריינגעקאַפּעט אַ טרער: די פרוי האָט דאָס באַמערקט, אָפּגערוקט דעם קוביק, פעסט צוגעדריקט די אויגן, אויסגעקוועטשט נאָך צוויי טרערן, דערנאָך אָפּגעווישט דאָס פּנים מיטן טיכל.

כ'האָב קיין געדולד נישט געהאַט צו זיצן מיט איר לענגער, שטילערהייט בין איך אויפגעשטאַנען:

— אַדיע!

— האַ? גיי. גיי צום טייוול! — האָט זי אַוועקגעמאַכט מיט אַ האַנט, נישט קוקנדיק אויף מיר, קענטיק, זי האָט פאַרגעסן, ווער ס'איז מיט איר.

כ'האָב זיך צוריקגעקערט אין הויף צו אַרדאַליאָנען, — ער האָט געוואָלט גיין פאַנגען ראַקעס, און מיר האָט זיך געוואָלט אים דערציילן וועגן דער דאָזיקער פרוי, נאָר נישט ער, נישט ראָבענאָק זענען שוין נישט געווען אויפן דאַך, און ביז כ'האָב זיי אַרומגעזוכט איבערן פאַרפּלאָנטערטן הויף, האָט זיך אויפן גאַס דערהערט אַ טומל פון אַ סקאַנדאַל, וואָס איז דאַ אַ געוויינלעכע דערשיינונג.

איך בין אַרויס פון טויער און האָב זיך גלייך אָנגעשטויסן אויף נאַטאַליען, — כליפּענדיק און ווישנדיק מיטן קאָפּטיכל איר צעמזיקט פּנים, מיט דער צווייטער האַנט פאַרריכטנדיק די צעשויבערטע האָר, איז זי בלינדערהייט געגאַנגען איבערן טראָטואַר, און הינטער איר האָבן געשפּרייזט אַרדאַליאָן און ראָבענאָק; ראָבענאָק האָט געזאָגט:

— דערלאַנג איר נאָך אַמאָל, גיב!

אַרדאַליאָן האָט אָנגעיאָגט די פרוי פאַרמעסטנדיק זיך אויף איר מיטן קולאַק; זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן בוזים צו אים; איר פּנים איז געווען שרעקלעך, די אויגן האָבן געברענט מיט שנאה.

— נ־נאַ, שלאָג! — האָט זי אויסגעשריגן.

כ'האָב זיך איינגעקלאַמערט אין אַרדאַליאָנס האַנט, ער האָט מיך פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט.

— וואָס ווילסטו?

— טשעפּע נישט. — האָב איך אים קוים אַרויסגערעדט.

ער האָט זיך שטאַרק צעלאַכט.

— איז זי אַ געליבטע דײַנע? אַי, באַטאַשקע—האָט אויפגעפרעסן אַ מאָנאַכל!

ראָבענאָק האָט זיך אויך צעלאַכט, פּאַטשנדיק זיך איבער די זייטן, און לאַנג האָבן זיי מיך געבריט מיט זודיקן שמוץ,— דאָס האָט מיר וויי געטון! נאָר ביז זיי האָבן זיך פאַרנומען דערמיט, איז דערווייל נאַטאַליע אַוועק, און איך האָב צום סוף נישט אויסגעהאַלטן, האָב מיטן קאָפּ אַ זעץ געטון ראָבענאָקן אין האַרצן, אים אומגעוואָרפן און אַנטלאָפן.

פון יענעם טאָג אָן האָב איך זיך לאַנג נישט באַוויזן אויף דער מיליאָנע, נאָר אַרדאַליאָנען האָב איך נאָכאַמאָל געטראָפן אויפן פּאַראָם.

— ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? — האָט ער מיך מיט שמחה געפרעגט.

ווען כ'האָב אים געזאָגט, אַז עס איז מיר דערווידער צו דערמאָנען, ווי ער האָט געשלאָגן נאַטאַליען און מיך מיאוס

באַליידיקט, האָט אַרדאַליאָן זיך גוטמוטיק פונאַנדערגעלאַכט.

— איז דען דאָס געווען ערנסט? דאָס האָבן מיר דיך נאָר אין שפּאַס אָנגעזייפט! און זי — פאַרוואָס זאָל מען זי נישט שלאָגן, אַז זי איז דאָך אַ גאַסן־פּרוי? אייגענע ווייבער שלאָגט מען, אַ פּשיטא אויף אַזוינע איז נישטאָ וואָס רחמנות צו האָבן! נאָר דאָס איז אַלץ בלויז שטיפעריי! איך פאַרשטיי דאָך, מיטן פויסט לערנט מען נישט.

— וואָס קענסטו זי לערנען? מיט וואָס ביסטו בעסער פאַר איר?..

ער האָט מיך אַרומגענומען און טרייסלענדיק געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— אָט דאָס איז דאָך אונזער נבלה, וואָס איינער איז נישט בעסער פאַרן צווייטן... איך, ברודער, פאַרשטיי אַלץ פון איבעווייניק און פון דרויסן, אַלץ! איך בין נישט פון דאָרף...

ער איז געווען אַביסל שכורלעך, פריילעך; האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ פריינטלעך מיטלייד געפיל פון אַ גוטן לערער צו אַן אומפאַרשטענדיקן תלמיד.

...אָפטמאָל פלעג איך טרעפן פּאַוועל אָדינצאָוון; ער איז געוואָרן נאָך לעבעדיקער, האָט זיך געפוצט מעשה פראַנט, גערעדט מיט מיר פון אויבן אַראָפּ און כסדר געמוסרט:

— צו וואָס פאַר אַן אַרבעט האָסטו זיך גענומען—ווּעסט גיין צו גרונט! אָט די פויערים...

דערבאָך האָט ער אומעטיק דערציילט נייעס פון לעבן פון ווערקשטאַט.

— זשיכאַרעוו שלעפּט זיך אַלץ אַרום מיט יענער; סיטאַנאָוו, איז קענטיק פאַרצערט, האָט אָנגעהויבן שרעקלעך שכורן. און גאָגאָלעוון — האָבן וועלף אויפגעפרעסן; אַוועקגעפאָרן אויף יום טוב אַהיים און דאָרט האָבן אים ווערלף אויפגעפרעסן!

און פריילעך אויפלאַכנדיק האָט ער עפּעס קאָמיש מחבר געווען.

— אויפגעפרעסן און — אַלע זענען אויך גלייך שיכור, לוסטיק געוואָרן,—גייען זיי איבערן וואלד אויף די הינטערשטע

פיס, ווי געלערנטע הינט, וואָיען, און אין אַ מעת לעת אַרום זענען אַלע אויסגעפגרט!..

כ'האָב געהערט און אויך געלאַכט, אָבער כ'האָב געפילט, אַז דער ווערקשטאַט און אַלץ, וואָס כ'האָב דאָרט איבערגעלעבט, איז ווייט פון מיר, דאָס איז געווען אַביסל טרויעריק.

XIX

ווינטער איז אויף דעם יאָרמאַרק כמעט נישט געווען קיין אַרבעט; אינדערהיים האָב איך געהאַט אויף זיך פאַרשידענע קליינע פליכטן; זיי פלעגן צונעמען דעם גאַנצן טאָג, נאָר די אָוונטן פלעגן בלייבן פרייע, כ'האָב ווידער פאָרגעלייענט פאַר מיינע באַלעבאַטים פון „ניוואַ" און פון „מאָסקווער בלעטל" ראָמאַנען, וואָס זענען מיר נישט געווען צום האַרצן, און אין די אָוונטן האָב איך זיך פאַרנומען מיט לייענען און האָב פרובירט שרייבן לידער.

איינמאָל, ווען די פרויען זענען אַוועק צו דער אָוונט־תפילה, און דער באַלעבאָס, וואָס האָט זיך געפילט נישט געזונט, איז געבליבן אין דערהיים, האָט ער מיך געפרעגט:

— וויקטאָר לאַכט, וואָס דו, פעשקאָוו, שרייבסט כלומרשט לידער, איז דאָס אמת? אַנו, לייען דורך!

אָפּזאָגן איז געווען נישט אָנגענעם, כ'האָב איבערגעלייענט עטלעכע לידער; זיי זענען אים, קענטיק, נישט געפעלן געוואָרן, פונדעסטוועגן האָט ער געזאָגט:

— האַק, האַק! ווועסט אפשר זיין אַ פּושקין; האָסט געלייענט פושקינען?

קומט אַ רוח דאָרט צו קבורה?
גייט צו חופּה אַ מכשפה?

אין זיינע צייטן האָט מען נאָך געגלויבט אין רוחות, נו, ער אַליין, מסתמא, האָט נישט געגלויבט, נאָר פשוט געשפּאַסט! יאָ—אָ. ברודער, — האָט ער פאַרטראַכטערהייט אויסגעוונגען — דו האָסט זיך געדאַרפט לערנען, נאָר דו האָסט פאַרשפּעטיקט!

דער טייוול ווייסט, ווי דו וועסט לעבן... דיין העפט באַהאַלט גוט, אַנישט וועלן זיך די ווייבער צו דיר צוטשעפען—וועלן דיך אויסלאַכן... ווייבער, ברודער, האָבן דאָס ליב צו דערגיין יענעם די נשמה...

פון אַ געוויסער צייט אָן איז דער באַלעבאָס געוואָרן שטיל, פאַרטראַכט, און האָט זיך אַלץ מיט השד אַרומגעקוקט, און יעדער קלונג פלעגט אים דערשרעקן; אַמאָל פלעגט ער זיך פלוצלינג אויפרעגן צוליב אַ נישטיקייט, פלעגט אויף אַלעמען שרייען און אַנטלויפן פון שטוב, און פלעגט שפעט ביי־נאַכט זיך אומקערן אַ שיכורער... ס׳האָט זיך געפילט, אַז אין זיין לעבן איז עפעס פאָרגעקומען אַזוינס, וואָס איז נאָר אים אַליין באַקאַנט, און וואָס האָט צעבראָכן זיין האַרץ, און איצט האָט ער געלעבט אומזיכער, אָן חשק, נאָר עפעס אַזוי פון רגילות וועגן.

אין די ימים־טובים פלעג איך פון מיטאָג ביז ניין אין אָוונט אַוועקגיין שפּאַצירן, און אין אָוונט געזעסן אין שענק אויף יאַמסקער גאַס; דער באַלעבאָס פון שענק אַ דיקער און תמיד אַ פאַרשוויצטער, האָט שרעקלעך האָלט געהאַט געזאַנג, וועגן דעם האָבן געוווּסט די זינגער כמעט פון אַלע קלויסטער־בּאָרן, און פלעגן זיך צוזאַמענקלויבן צו אים; ער פלעגט זיי מכבד זיין פאַר די לידער מיט בראָנפן, ביר און טיי. די זינגער זענען אַן עולם אַ פארשיכורטער און ווייניק אינטערעסאַנטער, געזונגען האָבן זיי אָן חשק, בלויז צוליב דעם כּיבוד, און כמעט שטענדיק קלויסטער־ניגונים, און ווייל די קלוגע שיכורים האָבן געהאַלטן, אַז פאַר קלויסטער־ניגונים איז אין שענק קיין אָרט נישט, פלעגט דער באַלעבאָס זיי איינלאַדן צו זיך אין צימער, און איך האָב געקאָנט הערן דעם געזאַנג, נאָר הינטער דער טיר. נאָר נישט זעלטן האָבן אין שענק געזונגען דאָרפישע פויערן, אַרבעטער, דער שענקער פלעגט אַליין אויסזוכן זינגער איבערן שטאָט, פלעגט אויף זיי נאָכפרעגן אין די מאַרק־טעג ביי די פויערן, וואָס פאָרן זיך צונויף, און פלעגט זיי איינלאַדן צו זיך.

דער זינגער פלעגט זיך שטענדיק זעצן אויף אַ שטול ביים בופעט אונטער אַ פעסל בראָנפן — אויפן דעק פון פעסל פלעגט זיך זיין קאָפּ אָפּצייכענען, ווי אין אַ קיילעכדיקער ראָם.

בעסער פאַר אַלעמען — און שטענדיק עפּעס גאַנץ באַזונדערס גוטע לידער — האָט געזונגען דער קליינער מאָגערער רימער קלעשטשאָוו; אַ מענטש אַ צעקנייטשטער, אַ צעקראָכענער, באַדעקט מיט קודלעס געלע האָר; דאָס נעזל זיינס האָט געבלאַנקט, ווי ביי אַ בר-מינן, די פּיצעלעך פאַרשלאָפענע אויגן זענען געווען אומבאַוועגלעך.

עס פלעגט טרעפן, ער פלעגט זיי צומאַכן, זיך אָנשפּאַרן מיטן קאָפּ אָן דעק פון פעסל און, אויסשטעלנדיק די ברוסט, אויפזינגען מיט אַ שטיל טענאָרל, וואָס האָט אָבער אַלץ און אַלעמען באַהערשט:

אוי געלייגט האָט זיך דער נעפּל אויפן פעלד
און פאַרדעקט האָט ער אַלע ווייטע וועגן...

דערביי פלעגט ער אויפשטיין און, אָנשפּאַרנדיק זיך מיטן קרייץ אָן פּולט, אויסבויגנדיק זיך אויף הינטן, פלעגט ער מיט האַרץ אויסזינגען, פאַררייסנדיק דאָס פּנים צום באַלקן:

אוי, וווהין, וווהין גיי איך אַוועק,
ווו ליגט פאַר מיר דער ברייטער וועג?

אַ שטים האָט ער געהאַט נישט קיין גרויסע, אָבער אַן אומדערמידלעכע; ער האָט דורכגענומען דעם טויב-טונקעלן הור-האַ פון שענק מיט אַ זילבערנער סטרונע, די טרויעריקע ווערטער, די זיפצן און אויסגעשרייען האָבן באַהערשט אַלע מענטשן — אפילו די שיכורים פלעגן ווערן פאַרחידושט, שווייגנדיק געקוקט אויף די טישן, און מיין האַרץ פלעגט צעריסן ווערן, איבערפולט פון דעם מעכטיקן געפיל, וואָס די פיינע מוזיק דערוועקט שטענדיק, באַרירנדיק וווּנדערלעך די טיפענישן פון דער נשמה.

אין שענק פלעגט שטיל ווערן, ווי אין אַ קלויסטער, און דער זינגער — פּונקט ווי אַ גוטער גלח: ער דרשנט נישט,

נאָר ער איז מתפּלל פון טיפן האַרצן פאַר אַלע מענטשן, ער־לעך און אויפן קול טראַכט ער וועגן אַלע צרות פונם מענטש־לעכן לעבן. פון אומעטום קוקן אים אָן מענטשן מיט בערד. אין די חיהשע פּנימער פינקלען פאַרטראַכטע קינדערשע אויגן; טיילמאָל זיפצט זיך איינער אָפּ, און דאָס שטרייכט שטאַרק אונ־טער די זיגערישע מאַכט פון דעם ליד. אין אַזעלכע מינוטן איז מיר שטענדיק פאָרגעקומען, אַז אַלע מענטשן לעבן מיט אַ פאַלש, צוגעטראַכט לעבן, און אָט דאָס לעבן פון מענטשן איז דאָס עכטע.

אין ווינקל זיצט די הענדלערין לייסוכע, אַ פרוי מיט אַ דיק פּנים, אַ פאַרעקשנטע נקבה, אַן אומפאַרשעמטע חצופה; זי האָט באַהאַלטן דעם קאָפּ אין די פעטע אַקסלען און וויינט, וואָשט שטיל מיט טרערן אירע עזותדיקע אויגן. נישט ווייט פון איר האָט זיך אָנגעלייגט אויפן טיש דער מרה־שחורהדיקער אָקטאַוויסט מיטראָפּאָלסקי, אַ האָריקער יאַט, וואָס זעט אויס, ווי אַן אָפּגעזאָגטער אונטער־גלח, מיט גרויסע אויגן אין שיכּורן פּנים; ער קוקט אַריין אין גלעזל בראָנפן, וואָס שטייט פאַר אים, נעמט עס, טראָגט צו צום מויל און שטעלט ווידער אַוועק אויפן טיש פאָרזיכטיק און שטיל, ער קאָן עס עפּעס בשום אופן נישט אויסטרינקען.

און אַלע אין שענק זענען פאַרשטומט געוואָרן, ווי זיי וואָלטן זיך צוגעהערט צו עפּעס לאַנג פאַרגעסנס, וואָס איז זיי געווען נאָענט און טייער.

ווען קלעשטשאָוו האָט פאַרענדיקט דאָס ליד און האָט זיך עניוותדיק אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול, האָט דער שענקער אים דערלאַנגט אַ גלאָז וויין און געזאָגט מיט אַ צופרידענעם שמייכל:

— נו, אוודאי איז גוט! כאָטש דו זינגסט נישט אַזוי, ווי דו דערציילסט, נאָר אַ מייסטער ביסטו, נישטאָ וואָס צו רעדן! קיינער וועט אַנדערש נישט זאָגן...

קלעשטשאָוו האָט נישט איילנדיק געטרונקען בראָנפן, פאָר־זיכטיק געטראַכט און גערעדט שטיל:

— אויפזינגען קאָן יעדערער, ווער ס'האָט נאָר אַ שטים, אָבער אָנטפּלעקן די נשמה פונם ליד, — דאָס קאָן איך בלויז!

— נו, פונדעסטוועגן נעם זיך נישט איבער!

— ווער — ס'האָט נישט מיט וואָס, נעמט זיך נישט איבער. — האָט אַלץ אַזוי שטיל נאָר עקשנותדיקער געזאָגט דער זינגער.

— דו ביסט אַ גרויסהאַלטער, קלעשטשאָו! — שרייט אויס פאַרדראָסיק דער שענקער.

— כ'האַלט זיך נישט גרעסער, ווי איך בין...

און אין ווינקל האָט געדעוועט דער מרה-שחורהדיקער אָקטאַוויסט:

וואָס פאַרשטייט איר ווערים, איר שימל, אין דעם געזאַנג פון דעם דאָזיקן העסלעכן מלאך?

ער האָט שטענדיק און מיט קיינעם נישט מסכים געווען, מיט אַלעמען זיך געשפּאַרט, אַלעמען געמוסרט און דערפאַר האָט מען אים כמעט יעדער יום טוב אכזריותדיק געשלאָגן, אי די זינגער, אי יעדער ווער ס'האָט נאָר אַ האַנט געהאַט.

דער שענקער האָט האָלט קלעשטשאָווס לידער, אָבער דעם זינגער אַליין קאָן ער נישט ליידן, קלאָגט זיך פאַר יעדען אויף אים און זוכט אָפּן צו דערנידעריקן דעם רימער, אים אויסצולאַכן: וועגן דעם ווייסן שוין די שטענדיקע באַזוכער פון שענק, און קלעשטשאָו אַליין אויך.

אַ גוטער זינגער, נאָר אַ בעל-גאווה, און מ'מוז אים אַביסל אַראָפּרייסן, — זאָגט ער און אַנדערע געסט זענען מסכים מיט אים.

— איז ריכטיק, ער איז אַ גרויסהאַלטער דער יונגערמאַן!

— מיט וואָס איז זיך דאָ צו גרויסהאַלטן? די שטים איז פון גאָט, ער האָט זי אַליין נישט גענומען! און אגב, זיין שטים איז גאָרנישט אַזוי גרויס — טענהט פאַרעקשנט דער שענקער.

דער עולם באַמקעט איינשטימיק צו:

— אמת, דאָ איז נישט די שטים דער עיקר, נאָר דאָס קענען.

איינמאָל, ווען דער זינגער האָט זיך אָפּגעקילט און איז אַוועק, האָט דער שענקער אָנגעהויבן איינרעדן לייסוכן:

— דו וואָלסט אפשר, מאַריע יעוודאָקימאָוונע, אַ שטיף געטון מיט קלעשטשאָוון, וואָלסט אים אַביסל פונאַנדערגעוויגט, האַ? וואָס אַרט דיך?

— ווען כ׳וואָלט יונגער געווען, — האָט געזאָגט שמייכלענדיק די הענדלערקע.

דער שענקער האָט מיט היץ אויסגעשריען:

— וואָס קענען די יונגע? דו נעם זיך צו אים! וואָלסט געזען, ווי ער וואָלט זיך אָנגעהויבן דרייען אַרום דיר! מ׳דאַרף אַריינטרייבן אין עצבות, אָט וויל ער זיך צעזינגען, האַ? נעם זיך, יעוודאקימאָוונע. כ׳וועל דיר אָפּדאַנקען, בנאמנות!

זי האָט זיך אָבער נישט גענומען—אַ גרויסע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, איבערקלויבנדיק די פרענדזלען פונם טיכל אויף דער ברוסט, האָט זי איינטאָניק און פויל גערעדט:

— דאָ דאַרף מען אַ יונגע. ווען כ׳וואָלט געווען יונגער וואָלט היך זיך גאָר נישט פאַרטראַכט...

כמעט תמיד האָט זיך דער שענקער באַמיט אָנצושיכּורן קלעשטשאָוון, אָבער נאָכדעם ווי יענער פלעגט אָפּזינגען צביי—דריי לידלעך, באַקומענדיק פאַר יעדעס ליד אַ גלאָז, פלעגט עס אַקוראַט אַרומוויקלען דעם האַלז מיטן געשטריקטען שאַל, פּעסט אַרויסרוקן דעם הוט אויפן צעאַטלטן קאָפּ און אַוועקגיין.

נישט זעלטן פלעגט דער שענקער אויסזוכן פאַר קלעשטשאָוון קאָנקורענטן; דער רימער זינגט אָפּ איצט אַ ליד, און אָפּגעבנדיק אים זיין לויב זאָגט דער שענקער אויפגערעגט:

— דאָ איז אגב דאָ נאָך אַ זינגער! נו, זייט מוחל, קומט אַהער און ווייזט, וואָס איר קענט!

דער זינגער פלעגט צומאָל אַרויסווייזן אַ פיינע שטים, נאָר איך געדענק נישט עס זאָל האָבן געטראָפן, אַז עמעץ פון קלעשטשאָווס קאָנקורענטן זאָל זינגען אַזוי פשוט און האַרציקן ווי ס׳האָט געקאָנט זינגען דער דאָזיקער לייבער, נישט אָנזעעוודיקער רימער.

— נ־יאָ, — פּלעגט מיט אַביסל פּאַרדראָס, זאָגן דער שענ־קער, — ס'איז טאַקע פיין! דער עיקר — די שטים, אָבער — נשמה פעלט...

דער עולם פּלעגט לאַכן:

— ניין, דעם רימער, קענטיק, קאָן מען נישט בייקומען!

און קלעשטשאָוו, קוקנדיק אויף אַלעמען פון אונטער זיינע געלע פאַסמעוואַטע ברעמען, האָט געזאָגט צום שענקער רויק און דרך־ארצדיק:

— איר מאַכט שפּאַס. איר וועט קעגן מיר קיין קאָנקור־רענץ נישט געפינען, ווייל מיין טאַלאַנט איז פון גאָט.

— מיר אַלע זענען פון גאָט.

— ווען איר וועט אפילו צעטיילן דעם גאַנצן ווייַן — וועט איר נישט געפינען...

דער שענקער פלעגט רויט ווערן און ברומען:

— מ'קאָן נישט וויסן, מ'קאָן גאָרנישט וויסן...

און קלעשטשאָוו פלעגט אים עקשנותדיק דערוויין:

— כ'קאָן אויך נאָך זאָגן, אַז דאָס זינגען, למשל, איז נישט קיין הענערשער געשלעג...

— כ'וויס שוין! וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט?

— איך האָב זיך נישט צוגעטשעפּעט, איך דערקלער נאָר: אויב אַ ליד איז בלויז פאַרגעניגן, קומט עס פון שטן!

— אָבער גענוג! בעסער זינג נאָך אַביסל...

— זינגען קאָן איך שטענדיק. אפילו אין שלאָף — האָט מסכים געווען קלעשטשאָוו, האָט פאָרזיכטיק אַ הוסט געטון און אָנגעהויבן זינגען.

אין אַלע נאַרישקייטן, די גאַנצע נישטיקייט פון ווערטער און כוונות, דאָס גאַנצע העסלעכע, שענקערישע — פלעגט וווּנ־דערלעך צערינען, ווי אַ רויך; אויף אַלעמען פלעגט אַ בלאָז טון אַ שטראָם פון אַן אַנדער לעבן — אַ פאַרחלומט, ריין לעבן, פול מיט ליבע און עצבות.

כ'האָב מקנא געווען דעם דאָזיקן מענטשן, געשפּאַנט מקנא געווען זיין טאַלאַנט, זיין השפּעה אויף די מענטשן —

ער האָט אַזוי װוּנדערלעך אויסגענוצט זײַן מאַכט איבער די מענטשן! מיר האָט זיך געוואָלט באַקענען מיטן רימער, לאַנג רעדן מיט אים װעגן עפּעס, נאָר כ'האָב נישט געהאַט קיין מוט צוגיין צו אים, — קלעשטשאָוו האָט אויף אַלעמען געקוקט מיט זײַנע ווײַסע אויגן, אַזוי מאָדנע, ווי ער וואָלט קיינעם נישט געזען פֿאַר זיך. און געהאַט האָט ער אין זיך עפּעס אַזעלכס, וואָס איז מיר געווען נישט אָנגענעם, וואָס האָט מיר געשטערט אים ליב צו קריגן, — און געוואָלט האָט זיך ליב האָבן דעם מענטשן נישט בלויז דאַן, ווען ער זינגט. ס'איז נישט ניחא געווען צו זען, ווי ער טוט אָן מעשה זקן דעם הוט אויפֿן קאָפּ און קוטעט איין, פֿאַר אַלעמען אין די אויגן, דעם האַלדז אין זײַן רויטן געשטריקטן שאַל, וועגן וועלכן ער פֿלעגט זאָגן:

— דאָס האָט מיר אויסגעשטריקט מײַן ליבהאַרציקע, איינע אַ מיידל...

אויב ער פֿלעגט נישט זינגען, פֿלעגט ער זיך וויכטיק אָנבלאָזן, געריבן מיטן פֿינגער די טויטע, אָפּגעפֿרוירענע נאָז, און אויף די פֿראַגעס געענטפֿערט קורץ, אָן חשק. ווען איך האָב זיך צוגעזעצט צו אים און עפּעס אַ פֿרעג געטון, האָט ער, נישט קוקנדיק אויף מיר, געזאָגט:

— גיי, ייִנגל, ווײַטער!

אַ סך מער איז מיר געפֿעלן געווען דער אָקטאַוויסט מיטראָפּאָלסקי; אַרײַנקומענדיק אין שענק, פֿלעגט ער אַוועק אין אַ ווינקל מיט אַ הילוך פֿון אַ מענטשן, וואָס טראָגט אַ שווערע משא, פֿלעגט אָפּרוקן מיט אַ שטויס פֿון פֿוס דעם שטול, זיך אַוועקזעצן, צעלייגנדיק די עלנבויגנס אויפֿן טיש און אָנשפּאַרנדיק אויף דער דלאָניע זײַן גרויסן צעפּולדטן קאָפּ. אויס־טרינקענדיק שווײַגנדיק אַ צוויי דריי גלעזלעך, פֿלעגט ער הילך־כיק אויסקראַקען; אויפֿציטערנדיק, פֿלעגן אַלע אַ קוק טון אין זײַן זײַט. און ער, אָנשפּאַרנדיק די מאָרדע אָן דער דלאָניע, האָט עזותדיק געקוקט אויף די מענטשן; אַ טשופּרינע נישט־

פאַרקאַמטע האָר האָט זיך ווילד צעשאָטן אויף זיין אָנגעדראָ־לענעם ברוינעם פּנים.

— וואָס קוקט איר? וואָס זעט איר? — פלעגט ער פּלוצ־לינג אַ פרעג טון מיט בּולבּצענדיקע ווערטער.

טיילמאָל פלעגט מען אים ענטפערן:

— אַ רוח זעען מיר.

אין מאַנכע אָוונטן פלעגט ער זיך שווייגנדיק אָנטרינקען און שטום אַוועקגיין, שאַרנדיק שווער מיט די פיס, נאָר עט־לעכע מאָל האָב איך געהערט, ווי ער פלעגט מעשה נביא מוסרן די מענטשן:

— כ'בין דער טרייער קנעכט פון גאָט און ווי ישעיהו קום איך אייך צו שטראָפן: הוי, ווי געשריגן צו דער שטאָט אַריאל, וווּ עסווימלען רשעים און גנבים און אַלערליי מנוולים אין דעם קויט פון זייערע נידעריקע תאוות! הוי, ווי צו די פליגלען פון דער ערד-שיף, וואָס טוען טראָגן איבער דער וועלט די נישטיקסטע מענטשלעך — כ'מיין אייך שיכורים, זולל־וסובאס, פּסולת פון דער וועלט, — איר זענט אָן אַ צאָל, פאַרשאָלטענע, די ערד זאָל אייך נישט נעמען!

זיין שטים האָט געדונערט אַזוי, אַז אפילו די שויבן אין די פענסטער האָבן געקלונגען, — דאָס האָט שטאַרק אויסגענוי־מען ביים עולם, און ער האָט געליבט דעם נביא.

— אַי, רייבט ער גוט, דער קודלאַטער הונט!

מיט אים איז לייכט געווען זיך צו באַקענען, — מ'האָט אים נאָר געדאַרפט מיט עפּעס מכבד זיין. ער האָט פאַרלאַנגט אַ פלעשל בראָנפן און אַ פּאָרציע רינדערנע לעבער מיט רויטן פעפער, זיין בעסטער מאכל; דאָס פלעגט צעבּרענען דאָס מויל מיט די גאַנצע געדערעם.

ווען כ'האָב אים געבעטן ער זאָל מיר זאָגן, וועלכע בי־כער מ'דאַרף לייענען, האָט ער מיר צאָרנדיק, מיט אָנגעשטעל־טע אויגן געענטפערט מיט אַ שאלה:

— צו וואָס דאַרף מען לייענען?

נאָר, ווײַלער װערנדיק פֿון מײַן פֿאַרלעגנהײט, האָט ער אױסגעדונערט:

— קהלת האָסטו געלײענט?

— געלײענט.

— קהלת לײען! מער גאָרנישט. דאָרט איז די גאַנצע חכמה פֿון דער װעלט, בלױז שעפּסענע קעפּ פֿאַרשטײען דאָס נישט—כ׳מײן קײנער פֿאַרשטײט נישט... װער ביסטו אַזױנער — דו זינגסט?

— נײן.

— פֿאַרװאָס? מ׳דאַרף זינגען. דאָס איז די גרינגסטע אַרבעט.

פֿון שכנותדיקן טיש האָט מען אים געפֿרעגט:

— און דו אַלײן — זינגסט?

— יאָ, — איך בין אַ פּוסטעפּאַסניק! נו?

— גאָרנישט.

— קײן נײַעס נישט. אַלע װײסן, אַז בײַ דיר אין שײדל איז נישטאָ גאָרנישט. און ס׳װעט קײנמאָל גאָרנישט נישט זײַן. אָמן!

אין אַזאַ טאָן האָט ער גערעדט מיט אַלעמען און, פֿאַרשטײט זיך, מיט מיר אױך; כאָטש נאָך צװײ דרײַ כּבֿודים האָט ער זיך אָנגעהױבן באַציִען צו מיר װײכער און אפֿילו אײנמאָל אַביסל פֿאַרחידושט געפֿרעגט:

— איך קוק אױף דיר און פֿאַרשטײ נישט, װאָס ביסטו, װער ביסטו און צו װאָס ביסטו? אָ, איבעריקנס, כאַפּט דיך דער רוח!

צו קלעטשטשאָװן האָט ער זיך באַצױגן אומפֿאַרשטענדלעך. צוגעהערט זיך צו זײַנע רײד מיט אַ בולטער הנאה, צײַטנװײַז אפֿילו מיט אַ פֿרײַנטלעכן שמײכל, נאָר באַקענט מיט אים האָט ער זיך נישט און האָט גערעדט װעגן אים גראָב, מיט פֿאַראַכטונג:

— דאָס איז — אַ גולם! ער קאָן אָטעמען, ער פֿאַרשטײט װעגן װאָס ער זינגט, און פֿאָרט — אַן אײזל!

— פאַרוואָס?

— אין זיין נאַטור.

מיר האָט זיך געוואָלט רעדן מיט אים, ווען ער איז ניכטער, אָבער ניכטערערהייט האָט ער נאָר געברומט, קוקנדיק אויף אַלץ מיט פאַרנעפּלטע אומעטיקע אויגן. פון עמעצן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער דאָזיקער אייביק־שיכורער מענטש, האָט זיך געלערנט אין דער קאַזאַנער אַקאַדעמיע, האָט געקאָנט ווערן אַן אַרכירײ, כ'האָב נישט געגלויבט אין דעם. נאָר איינמאָל, דערציילנדיק אים וועגן זיך, האָב איך אים דערמאָנט דעם נאָמען פון עפּיסקופּ כריסאַנף; דער אָקטאַוויסט האָט אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— כריסאַנף? כ'ווייס. מיינער אַ לערער און אַ גוטער פריינט. אין קאַזאַן, אין אַקאַדעמיע, כ'געדענק! כריסאַנף, הייסט גאָלד־פאַרב, ווי עס איז ריכטיק געזאָגט ביי פאַמווע בערינדי. יאָ, ער איז געווען גאָלדפאַרביק, כריסאַנף!

— און ווער איז פאַמווע בערינדי? — האָב איך געפרעגט, נאָר מיטראָפּאָלסקי האָט קורץ געענטפערט:

— נישט דיין עסק.

אין דערהיים האָב איך אַריינגעשריבן אין מיין העפט: „נישט אַנדערש לייענען פאַמווע בערינדין", מיר האָט זיך געדאַכט, אַז נאָר דער בערינדי וועט מיר פאַרענטפערן אַ סך פראַגן, וואָס האָבן מיך באַאומרויקט.

דער זינגער האָט זייער ליב געהאַט צו באַנוצן עפּעס אומבאַקאַנטע פאַר מיר נעמען און עפּעס אויסטערלישע ווערטער־פאַרבינדונגען; דאָס האָט מיך שרעקלעך באַאומרויקט.

— דאָס לעבן איז נישט אַניסיע! — האָט ער געזאָגט.

כ'האָב געפרעגט:

— ווער איז די אַניסיע?

— אַ נוצלעכע. — פלעגט ער ענטפערן און מיין פאַרוווּנדערונג האָט אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן.

די דאָזיקע ווערטלעך און אויך דאָס, וואָס ער האָט געלערנט אין דער אַקאַדעמיע, האָבן מיך געצוווּנגען צו טראַכטן,

אַז ער קען אַ סך און ס'איז געווען פּאַרדראָסיק, וואָס ער וויל וועגן גאָרנישט רעדן, און אויב ער רעדט, איז אומפּאַרשטענדלעך, און אפשר האָב איך אים נישט געקאָנט פרעגן?

נאָר פונדעסטוועגן פלעגט ער עפּעס איבערלאָזן אין מיין נשמה; מיר פלעגט געפעלן די שיכּורע דרייסטקייט פון זיינע אויף ישעיהוס שטייגער.

— אָ, אומצוכט און עיפּוש פון דער וועלט! — האָט ער געברומט — די ערגסטע ווערן ביי אייך גערימט, און די בעסטע—געררודפט; עס וועט קומען דער יום-הדין און איר וועט חרטה האָבן, נאָר עס וועט צו שפּעט זיין, צו שפּעט!

ווען כ'האָב געהערט דעם דאָזיקן געברום, האָב איך זיך דערמאָנט דעם „גוטן ענין", די וועשערין נאַטאַליע, וואָס איז אומגעקומען אַזוי פּאַרדראָסיק און לייכט, די קעניגין מאַרגאָ אין אַ ים פון שענדלעכע פּליאָטקעס, כ'האָב שוין געהאַט וואָס צו דערמאָנען...

מיין קורצע באַקאַנטשאַפט מיט דעם מענטשן האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קוריאָז.

אין פרילינג האָב איך אים געטראָפן אין פעלד, נעבן די לאַגערן, ער האָט געשפּרייזט, ווי אַ קעמל, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, אַן איינזאַמער און געשוואָלענער.

— דו שפּאַצירסט? — האָט ער הייזעריק געפרעגט. — קום צוזאַמען. איך שפּאַציר אויך. איך בין, ברודער, קראַנק, יאָ...

מיר זענען דורכגעגאַנגען עטלעכע טריט שווייגנדיק און פלוצלינג האָבן מיר אין אַ גרוב פון אַ ביידל דערזען אַ מענטשן; ער איז געזעסן אויפן דנאָ פון גרוב, געבויגן אויף אַ זייט, אָנגעשפּאַרט מיטן פּלייצע אָן ווענטל פון גרוב, פון איין זייט איז זיין מאַנטל געווען אַרויפגעדרוקט ביז צו די אויערן, ווי ער וואָלט אים געוואָלט אויסטון און נישט געקאָנט.

— אַ שיכּור. — האָט באַשלאָסן דער זינגער, אָפּשטעלנדיק זיך.

נאָר ביי דעם מענטשן אונטער דער האַנט, אויפן גרינעם גראָז, האָט זיך געוואַלגערט אַ רעוואָלווער, נישט ווייט פון

אים — אַ היטל און געבן היטל אַ קוים אָנגעהויבענע פּלאַש בראָנפן, איר פּוסט העלזל האָט זיך איינגעגאָרעט אין די גרינע גרעזלעך. דעם מענטשנס פּנים איז געווען שעמעוודיק פאַר־שטעקט אונטערן מאַנטל.

אַ רגע זענען מיר געשטאַנען שווייגנדיק, דערנאָך האָט מיטראָפּאָלסקי, פונאַנדערשפּרייטנדיק ברייט די פיס, אַ זאָג געטון:

— ער האָט זיך דערשאָסן.

כ׳האָב תּיכּף פאַרשטאַנען, אַז דער מענטש איז נישט שיכּור, נאָר טויט, ס׳איז אָבער געווען אַזוי אומגעריכט, אַז ס׳האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן. איך געדענק, אַז קוקנדיק אויפן גרויסן גלאַטן קאָפּ, וואָס האָט זיך אַרויסגערוקט פון אונטערן מאַנטל, אויפן בלויען אויער, האָב איך נישט געפילט נישט קיין שרעק, נישט קיין רחמנות, ס׳האָט זיך נישט גע־גלויבט, אַז אַ מענטש זאָל זיך קאָנען דערהרגענען אין אַזאַ פריינטלעכן פרילינגס טאָג.

דער אָקטאַוויסט האָט שטאַרק געריבן מיטן האַנט זיינע נישט געגאָלטע באַקן, ווי עס וואָלט אים קאַלט געווען און גע־ברומט:

— אַ באַיאָרנטער, דאָס וייב אַנטלאָפן, אָדער האָט פרעמד געלט פאַרתּכלעוועט...

ער האָט מיך אַוועקגעשיקט אין שטאָט נאָך פּאָליציי און אַליין האָט ער זיך צוגעזעצט ביים ברעג פון גרוב, אַראָפּגע־לאָזט אַהין די פיס, און שוידערנדיק געטוליעט זיך אין זיין אָפּגעטראָגענעם מאַנטל. נאָכדעם ווי איך האָב אָנגעזאָגט דעם פּאָליציאַנט וועגן זעלבסטמערדער, בין איך שנעל געקומען צו לויפן צוריק, דערווייל אָבער האָט דער אָקטאַוויסט אויסגעטרונ־קען דאָס רעשטל בראָנפן פונם מת און מיך איבערגענומען, פאָכנדיק מיט דער ליידיקער פלאַש.

— אָט וואָס ס׳האָט אים געפטרט! — האָט ער ווילד גע־ברומט און אַ שמיץ טוענדיק די פלאַש אָן דער ערד, זי צע־בראָכן אויף שטיקלעך.

גלייך נאָך מיר איז געקומען צולויפן דער פּאָליציאַנט,

אַרייַנגעקוקט אין גרוב, אַראָפּגענומען דאָס היטל, און איבער־צלמענדיק זיך אומאַנטשלאָסן, אַ פרעג געטון דעם זינגער:

— און דו ווער ביסט?

— נישט דיין עסק...

דער פּאָליציאַנט האָט אַ טראַכט געטון און געפרעגט העפלעכער:

— וואָס טוט זיך דאָ מיט אייך? דאָ ליגט אַ טויטער, און איר זענט שיכּור?

— כ׳בין צוואָנציק יאָר שיכּור! — האָט דער זינגער געזאָגט מיט גאַווה, און האָט זיך אַ זעץ געטון מיטן האַנט אין האַרצן.

כ׳בין געווען זיכער, אַז מ׳וועט אים אַרעסטירן פאַר דער אויסגעטרונקענער פלאַש בראָנפן. פון שטאָט זענען אָנגעלאָפן מענטשן, אויף אַ פורל איז אָנגעקומען אַ שטרענגער קאָמיסאַר, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין גרוב, אויפגעהויבן דעם זעלבסט־מערדערס מאַנטל און אַרייַנגעקוקט אין זיין פּנים.

— ווער האָט דער ערשטער דערזען?

— איך. — האָט געזאָגט מיטראָפּאָלסקי.

דער פּאָליציאַנט האָט אַ קוק געטון אויף אים און בייז אויסגעזונגען:

— אַ גוט מאָרגן דיר, מיין הער!

ס׳האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַ צענדליק-אָנדערהאַלבן צו־קוקער; פּאַרסאָפּעטע, צעהיצטע האָבן זיי אַרייַנגעקוקט אין גרוב, דרייענדיק זיך איבער אים; עמעץ האָט אויסגעשריגן:

— ער איז אַ באַאַמטער פון אונזער גאַס, כ׳קען אים!

וואַקלענדיק זיך פון די פיס, איז דער אָקטאַוויסט גע־שטאַנען פאַרן קאָמיסאַר און האָט זיך געשפּאַרט מיט אים, טויב אויסשרייענדיק עפּעס מאָדנע ווערטער; דערנאָך האָט דער פּאָליציאַנט אים אַ שטויס געטון אין ברוסט, ער האָט זיך אַ וואַקל געטון און זיך אַנידערגעזעצט. דעמאָלט האָט דער פּאָליציאַנט, נישט אייַלנדיק, אַרויסגענומען פון טאַש אַ שטריקל, געבונדן מיט אים דעם זינגערס הענט, וואָס ער האָט, ווי זיין שטיי־

גער, געהאַלטן פאַרלייגט אויף הינטן, און דער פּאַליציאַנט האָט אָנגעהויבן צאָרנדיק צו שרייען אויף די צוקוקער.

— גייט ווייטער, האָלאָדרילעס !..

ס׳איז געקומען צולויפן נאָך אַן עלטינקער פּאַליציאַנט מיט נאַסע, רויטע אויגן, מיט אַן אָפענעם מויל פון מידקייט, האָט אָנגענומען אין האַנט דעם ברעג פונם שטריקל, מיט וועלכן דער אַקטאַוויסט איז געווען געבונדן, און האָט אים שטילערהייט אַוועקגעפירט אין שטאָט.

כ׳בין אויך אַוועק פון פעלד אַ צעבראָכענער ; אין זכרון האָבן מיר אָפּגעקלונגען מיט אַ הילכיקן עכאָ, די שטראָף-רייד.

— ווי, צו דער שטאָט אַריאל...

און פאַר די אויגן שטייט אַ מאַטערנדיק בילד : דער פּאָליציאַנט שלעפּט געלאָסן אַרויס פון זיין שינעל־קעשענע אַ שטריקל און דער שטרענגער נביא פאַרלייגט זיינע רויטע האָריקע הענט אויף הינטן אין אַ קרייץ אַזוי רגילותדיק דערפאַרן...

אינגיכן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מ׳האָט דעם נביא אַרויסגעשיקט פון שטאָט מיטן עטאַפּ. און נאָך אים איז אויך קלעשטשאָוו נעלם געוואָרן, — האָט גליקלעך חתונה געהאַט און איז אַריבערגעפאָרן וווינען אין קרייז-שטאָט, וווּ ער האָט געעפנט אַ רימער-וואַרשטאַט.

..כ׳האָב מיט אַזאַ היץ פאַרליבט פאַרן באַלעבאָס דעם רימערס לידער, אַז ער האָט איינמאָל געזאָגט :

— מ׳דאַרף צוגיין הערן...

און אָט זיצט ער אַנטקעגן מיר ביי אַ טישל, שטוינענדיק אויפגעהויבן די ברעמען, ברייט צעעפנט די אויגן.

אויפן וועג צום שענק האָט ער מיך כסדר אויסגעלאַכט און אין די ערשטע מינוטן אין שענק אַלץ געטריבן לצנות פון מיר, פון עולם און פון די שטיקנדיקע ריחות. ווען דער רימער האָט אָנגעהויבן זינגען, האָט ער אַ שמייכל געטון און אָנגעהויבן גיסן ביר אין גלאָז, האָט אָבער אָנגעגאָסן נאָר ביז העלפט, זיך אָפּגעהאַלטן און געזאָגט :

אָהאָ... טייוול!

זיין האַנט האָט אָנגעהויבן ציטערן, און אַוועקשטעלנדיק שטילערהייט די פלאַש, האָט ער זיך אָנגעהויבן שטאַרק צו־הערן.

— יאָ־אָ, ברודער, — האָט ער געזאָגט, זיפצנדיק, ווען קלעשטשאָוו האָט געענדיקט זינגען — ער זינגט טאַקע. דער רוח זאָל אים נעמען. ס'איז אַזש הייס געוואָרן...

דער רימער האָט ווידער אָנגעהויבן זינגען, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן, קוקנדיק צום באַלקן.

גייט אַ מיידל־יונג פון אַ דאָרף אַ רייכן

צווישן פעלדער־גרין מיט אַ שליאַך אַ גלייכן.

— ער זינגט. — האָט געשעפּטשעט דער באַלעבאָס, גע־שאָקלט מיטן קאָפּ און געשמייכלט.

און קלעשטשאָוו צוגיסט זיך, ווי אַ פייפל:

ענטפערט אָפּ אים דאָס מיידל שיין.

אַ יתומה בין איך, עלנד, ווי אַ שטיין...

— גוט,—שעפּטשעט דער באַלעבאָס; פינטלענדיק מיט די רויטע אויגן — פוי, טייוול... גוט.

איך קוק אויף אים און פריי זיך; און יאָמערנדיקע ווער־טער פונם ליד, באַזיגנדיק דעם טומל פון שענק, קלינגען אַלץ קרעפטיקער, שענער, האַרציקער.

פוסט און אומעטיק איז מיין דאָרף דער קליינער,

מיט מיר, אָרעמער, חברט זיך נישט קיינער,

אוי, אָרעם בין איך, אָן אַ מאָדיש קליידל,

קיינער וויל נישט אַזאַ שלאַק אַ מיידל...

זאָל איך סיידן צו אַן אַלמן גיין—

ניין, איך וויל נישט אַזאַ גורל, ניין!..

דער באַלעבאָס מיינער האָט זיך אָן בושה צעוויינט — זיצט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, שמאָרעט מיט דער הויקערדיקער נאָז, און די טרערן קאַפּען אים אַראָפּ אויף די קני.

נאָכן דריטן ליד האָט ער געזאָגט אַ צערודערטער און עפּעס ווי אַ צעקוועטשטער.

— איך קאָן דאָ נישט זיצן — כ'וועל דערשטיקט, און ריחות זענען דאָ, צום טייוול... פאָרן מיר אַהיים!..

נאָר אויפן גאַס האָט ער פאַרגעלייגט:

— היידאַ, פעשקאָוו, לאָמיר צופאָרן אין אַ האָטעל, מיר וועלן צובייסן און גאָר... עס גלוסט זיך נישט אַהיים!..

נישט דינגענדיק זיך, האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין אַ שליטן און דעם גאַנצן וועג געשוויגן. פאַרנעמענדיק אין האָטעל אַ ווינקל־טישל און אַרומקוקנדיק זיך, האָט ער גלייך אָנגעהויבן שטילערהייט צו רעדן מיט אַ בייזער בענקשאַפט:

— צענומען האָט ער מיך, דער באָק... אַזאַ אומעט אויף מיר אָנגעיאָגט... ניין, אָט דו לייענסט דאָך, דענקסטו, זאָג נאָר, וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש? לעבסט, לעבסט, פערציק יאָר אָפּגעלעבט, האָסט אַ ווייב, קינדער, און נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. ס'ווילט זיך אַלץ אַמאָל דאָס האַרץ אויפרייסן, אַרויסרעדן אַלץ — נישטאָ מיט וועמען. מיט איר, מיטן ווייב רעדן? מיינע רייד קומען צו איר נישט צו... און וואָס קאָן מען פון איר פאַרלאַנגען? זי האָט אירע אייגענע זאָרגן: קינדער, ווירטשאַפט. זי איז מיר אַ פרעמדע. אַ ווייב איז אַ פריינט נאָר ביז צום ערשטן קינד... ווי דער שטייגער. אגב, איז זי ביי מיר בכלל... נו, דו זעסט דאָך אַליין... נישט צו גאָט, נישט צו לייט... אַ שטיק פלייש, צום טייוול! אומעטיק, ברודער...

ער האָט קאָנוולסיוו אויסגעטרונקען דסאָ קאַלטע ביטערע ביר, אַביסל געשוויגן, צעפּאַטלענדיק זיינע לאַנגע האָר און האָט ווידער אָנגעהויבן צו רעדן:

— בכלל ברודער, זענען די מענטשן—פּאַסקודניאַקעס! אָט דו אַליין רעדסט דאָרט מיט די פּויערים, דאָס, יענץ... איך פאַרשטיי, אַ סך אומרעכט, שפלות איז פאַראַן אין לעבן — אמת, ברודער... אַלע זענען גנבים! און דו מיינסט, אַז דיינע רייד דערגייען צו זיי? קיין האָר נישט! יאָ, זיי, — פּיאָטר, אָסיפּ, — זענען — שולערס! זיי דערציילן מיר אַלץ, און ווי דו דריקסט זיך אויס וועגן מיר, און אַלץ... וואָס, ברודער?

איך האָב אַ פאַרוווּנדערטער געשוויגן.

— אָט אַזוי איז דאָס! — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס שמייכלענדיק. ס'איז גאַנץ ריכטיק, וואָס דו האָסט זיך געקליבן קיין פּערסיע, דאָרט וועסטו כאָטש גאָרנישט פאַרשטיין — אַ פרעמדע שפּראַך! אָבער אויף דער אייגענער שפּראַך וועסטו מער ווי שענדלעכקייטן נישט הערן.

— אָסיפּ דערציילט וועגן מיר? — האָב איך געפרעגט.

— נו, יאָ! און וואָס האָסטו געמיינט? ער רעדט מער פאַר אַלעמען, דער פּלוידערזאַק. ער איז, ברודער, אַ כיטרע בריאה... ניין, פּעשקאָוו, ווערטער דערגייען נישט. אמת? און צו וואָסער שוואַרץ-יאָר דאַרף מען זיי? ס'איז פּונקט ווי מיט הערבסטיקן שניי — אַראָפּגעפאַלן אויף בלאָטע און צעגאַנגען. איז געוואָרן מער בלאָטע. דו שווייג בעסער...

ער האָט געטרונקען איין גלאָז ביר נאָכן אַנדערן, נישט שיכור ווערנדיק, ער האָט גערעדט וואָס ווייטער אַלץ שנעלער און צאָרנדיקער:

— ס'איז דאָ אַ שפּריכוואָרט: אַ וואָרט איז נישט קיין שטאָם-אייזן, אָבער שווייגן איז גאָלד. אַך, ברודער, אומעטיק, אומעטיק... ריכטיק האָט ער געזונגען: „איינזאַם לעבט זיך ביי אונז אין דאָרף." מענטשלעכער עלנט...

אַרומקוקנדיק זיך, האָט ער שטילער געזאָגט:

—אָט האָב איך געהאַט געפונען... אַ האַרציקן פריינט — איינע אַ פרוי האָב איך דאָ באַגעגנט, אַן אלמנה, דעם מאַן אירן האָט מען פאַר מאַכן פאַלש געלט פאַרמשפּט אויף סיביר— ער זיצט דאָ אין טורמע. כ'האָב זיך באַקענט מיט איר, האָט קיין גראָשן נישט ביי דער נשמה, נו, איז זי, פאַרשטייסטו דאָך... „אַ מומע" האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיט איר... איך קוק זיך צו, וואָס פאַראַ ליבער מענטש! אַ פאַרשוין, ווייסט, אַ יונגע, עפּעס אַ זעלטנהייט! איינס צוויי... שפּעטער זאָג איך צו איר: ווי איז דאָס עפּעס! דיין מאַן איז אַ שווינדלער, אַליין פירסטו זיך נישט אָרנטלעך אויף. צו וואָס זשע פאָרסטו אים נאָך קיין סיביר? און זי, זעסטו, פאָרט צו אים קיין

סיביר, יאָ, יאָ. און איך באַקום פון איר אַזאַ ענטפער: ווער ער זאָל נישט זיין, זאָגט זי, נאָר איך האָב אים ליב, פאַר מיר איז ער גוט! אפשר האָט ער גאָר פון מיינעטוועגן גע־זינדיקט. און איך זינדיק מיט דיר פון זיינעטוועגן, ער, זאָגט זי, דאַרף געלט, ער איז אַ פריץ און איז געוווינט צו לעבן גוט. ווען איך וואָלט געווען אַליין, וואָלט איך געלעבט אָרנט־לעך. איר, זאָגט זי, זענט אויך אַ גוטער מענטש, און זענט מיר זייער געפעלן, נאָר רעדט מיט מיר נישט מכוח דעם... טייווול!.. כ'האָב איר אָפּגעגעבן אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט ביי זיך, עפּעס איבער אַכציק רובל און, אַנטשולדיקט, זאָג איך... איך קאָן נישט מער זיין מיט אייך, כ'קאָן נישט! כ'בין אַוועק און אָט...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און, פּלוצלינג שיכור ווערנדיק, האָט ער זיך אָפּגעלאָזן און געמורמלט:

— זעקס מאָל בין איך געווען ביי איר... דו קאָנסט נישט פאַרשטיין, וואָס דאָס איז אַזוינס! כ'בין אפשר נאָך אַמאָל זעקס צו איר דירה צוגעגאַנגען... אַריינגיין האָב איך זיך נישט דערוועגט... נישט געקאָנט! איצט איז זי אַוועקגע־פאָרן.

ער האָט אַוועקגעלייגט די הענט אויפן טיש און שפּי־טשענדיק, באַוועגנדיק מיט די פינגער, געזאָגט:

— זאָל מיך גאָט היטן, כ'זאָל זי נאָכאַמאָל טרעפן... זאָל גאָט אָפּהיטן! דאַן וועט אַלץ צום טייוול גיין! לאָמיר גיין אַהיים... לאָמיר גיין!

מיר זענען אַוועק; ער האָט זיך געוואַקלט און גע־ברומט:

— אָט אַזוי איז דאָס, ברודער...

מיך האָט נישט פאַרחידושט די געשיכטע, וואָס ער האָט מיר דערציילט — מיר האָט זיך שוין לאַנג געדאַכט, אַז מיט אים וועט פּאַסירן עפּעס אומגעוויינלעכס.

נאָר איך בין געווען זייער צעבראָכן פון דעם אַלעם,

וואָס ער האָט געזאָגט וועגן לעבן, דערהויפּט פון זיינע ווער־טער וועגן אָסיפּן.

XX

דריי יאָר האָב איך אָפּגעלעבט אַלס „אויפזעער" אין דער טויטער שטאָט, צווישן פוסטע געביידעס, צוקוקנדיק, ווי אין הערבסט צעשטערן די אַרבעטער די אומגעלומפּערטע גע־מויערטע קראָמען און אין פרילינג בויען זיי פונקט אַזעלכע ווידער.

דער באַלעבאָס האָט שטאַרק געזאָרגט, אַז איך זאָל כשר פאַרדינען זיינע פינף רובל. ווען מ׳האָט געלייגט אַ פּאָדלאָגע אין אַ געוועלב, האָב איך געמוזט פון דעם גאַנצן פּלאַץ אויפ־גראָבן די ערד אויף אַן איינל אין דער טיף; די באָסיאַקעס פלעגן באַקומען פאַר דער אַרבעט אַ רובל, איך האָב גאָרנישט באַקומען, נאָר זייענדיק פאַרנומען ביי דער דאָזיקער אַרבעט, האָב איך קיין צייט נישט געהאַט השגחה צו געבן אויף די טשעסלערס, און זיי פלעגן אַרויסדרייען שלעסער פון די טירן, הענטלעך און צוגנבענען אַלערליי קלייניקייטן.

אי די אַרבעטער, אי די אונטערנעמער האָבן זיך אויף אַלערליי אופנים באַמיט מיך אָפּצונאַרן, עפּעס צוגנבענען, און געטון האָבן זיי דאָס כמעט אָפן, ווי אונטערן צוואַנג פון אַ בודנער פליכט, און פלעגן אַ האָר נישט בייז ווערן, ווען כ׳האָב זיי געכאַפּט, נאָר געוווּנדערט זיך:

— דו סטאַרעסט זיך פאַר די פינף קערבלעך, ווי פאַר צוואָנציק. באמת, חידוש.

איך פלעג דערווייזן דעם באַלעבאָס, אַז אויסשפּילנדיק ביי מיר אַ רובל, פאַרלירט ער צען מאָל אַזוי פיל, נאָר ער פלעגט צווינקנדיק צו מיר זאָגן:

— גוט, גוט, מאַך נישט קיין אָנשטעל.

כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז מיך חושד, אַז איך האָב אויך אַ יד אין די גנבות, דאָס האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַן

עקל צו אים, נאָר ס׳האָט מיך נישט באַליידיקט; אַזוי איז דער שטייגער: אַלע גנבענען, און דער באַלעבאָס אַליין האָט אויך ליב צו נעמען פרעמדע.

באַקוקנדיק נאָכן יאַרמאַרק די קראָמען, וואָס ער האָט אָנגענומען צו רעמאָנטירן, און דערזעענדיק אַ פאַרגעסענעם סאַמאָוואַר, געשיר, אַ טעפיך, אַ שער און טיילמאָל אַ קאַסטן אָדער אַ שטיק סחורה, פלעגט דער באַלעבאָס זאָגן לאַכנדיק:

— שטעל צונויף אַ רשימה פון די זאַכן און טראָג אַלץ אַוועק אין שפייכלער.

און פון שפייכלער פלעגט ער אָפפירן די זאַכן צו זיך אַהיים, צווינגנדיק מיך דערביי עטלעכע מאָל צו פאַרריכטן די רשימה.

כ׳האָב נישט ליב קיין זאַכן, כ׳האָב גאָרנישט געוואָלט האָבן, אפילו ביכער האָבן מיר געשטערט. איך האָב קיין זאַך נישט געהאַט, אויסער אַ באַנד פון בעראַנזשע און היינעס לידער; מיר האָט זיך געוואָלט קויפן פושקינען, נאָר דער אייניציקער שטאָטישער אַנטיקוואַר, אַ בייזער אַלטינקער, האָט פאַרלאַנגט פאַר אים צו טייער. מעבל, טעפיכער, שפיגלען און אַלץ, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט אין באַלעבאָס דירה, איז מיר נישט געפעלן געווען, האָט מיך גערייצט מיט זייער שווערער אומגעלומפערטקייט און מיטן ריח פון פאַרב און לאַק; בכלל זענען מיר נישט געפעלן געווען דעם באַלעבאָס צימערן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי קאַסטנס, אָנגעפּאַקט מיט אומנויטיקע, איבעריקע זאַכן. און דערווידער איז מיר געווען, וואָס דער באַלעבאָס שלעפט פון שפייכלער דאָס פרעמדע, פאַרמערנדיק אַרום זיך אַלץ מער אומנויטיקע חפצים. אויך די צימערן פון דער קעניגין מאַרגאָ זענען געווען ענג, אָבער דערפאַר שיין.

בכלל איז מיר דאָס לעבן פאָרגעקומען אָן צוזאַמענהאַנג, לעפיש, צו בולט, און צופיל איז געווען דאָס נאַרישע אין אים. אָט בויען מיר איבער געוועלבער, און אין פרילינג וועט זיי דאָס וואַסער ווידער פאַרטרינקען, וועט אויסקרומען די פאָדלאָגעס, אויסדרייען די דרויסנדיקע טירן; פאַלט אָפּ דאָס וואַסער,

ווערן צעפוילט די בעלקעס. פון יאָר צו יאָר, אין משך פון צענדליקער יאָרן, פאַרגיסט דאָס וואַסער דעם יאָרמאַרק, מאַכט חרוב געביידעס, דעם ברוק; די דאָזיקע יערלעכע פאַרפלייצונגען ברענגען אומגעהויערן שאָדן פאַר די מענטשן, און אַלע ווייסן, אַז די פאַרפלייצונגען וועלן פון זיך אַליין נישט אויפהערן.

יעדן פרילינג צעשעדיקן די אייז־קריעס די לאַסט־שיפן, צענדליקער אַנדערע קליינע שיפלעך, מענטשן זיפצן און בויען נייע שיפן, און דער אייז צעברעכט זיי ווידעראַמאָל. ווי נאַריש עס איז דאָס טופן אויף איין אָרט!

איך פרעג וועגן דעם אָסיפּן, ער חידושט זיך און לאַכט.

— אוי, דו צאַפּ איינער, אָט ווי דו ביסט פאַרקראָכן מיט די הערנער! וואָס גייט דיך אָן דער גאַנצער ענין? וואָס איז דאָס דיין באַבעס דאגה, הא?

און דערציילט מיט טרוקענע ווערטער, דורכוואַרפנדיק זיי מיט גלייכווערטלעך, אומדערוואַרטע משלים און אַלערליי קאַטאָוועסלעך.

— אָט, מענטשן קלאָגן זיך, ס׳איז ווייניק ערד, און אין פרילינג רייסט אויס די וואָלגע די ברעגעס, טראָגט אַוועק די ערד מיטן שטראָם און לייגט זי אַריין אין איר געלעגער אַלס זאַמד־אינזל; קומען אַנדערע און קלאָגן: די וואָלגע טרוקנט אויס! די פרילינגס־שטראָמען און די זומערדיקע רעגנס גראָבן אויס גריבער, קומט ווידער די ערד אַוועק מיטן טייך!

ער רעדט אָן רחמנות, אָן כעס, נאָר פונקט ווי ער וואָלט זיך קוויקן מיט זיין קענטעניש פון די מענטשלעכע טענות צום לעבן, און הגם זיינע ווערטער שטייען אין הסכם מיט מיינע געדאַנקען, איז מיר נישט אָנגענעם זיי צו הערן.

— און נאָך אַ זאַך נעם זיך אַריין אין זינען — שרפות...

איך דערמאָן מיך, אַז ס׳איז, דאַכט זיך, נישט געווען קיין איין זומער עס זאָלן הינטער דער וואָלגע נישט ברענען קיין וועלדער; יאָר־יערלעך, אין יולי, פאַרציט זיך דער הימל מיט אַ געל מוטנעם רויך; די פייערדיקע זון פאַרלירט די

שטראַלן און קוקט אַראָפּ אויף דער ערד, ווי אַ קראַנק אויג.
— די וועלדער — דאָס איז גאָרנישט, — זאָגט אָסיפּ—דאָס געהערט צו די פּריצים, צו דער מלוכה. דער פויער פאַרמאָגט קיין וועלדער נישט. ווען עס ברענען שטעט — איז אויך נישט קיין בייז, — אין די שטעט וווינען רייכע, זיי איז נישטאָ וואָס צו באַדויערן. אָט דו נעם דערפער — וויפל ווערן פאַרן זומער אָפּגעברענט! אפשר נישט ווייניקער, ווי אַ מאה, אָט דאָס איז אַ היזק!

ער לאַכט שטיל.

— גוטס איז פאַראַן ביי אונז. אָבער קיין שכל איז נישטאָ, ווי צו דערהאַלטן דאָס, און ס'קומט אויס לויט אונז ביידן, אַז דער מענטש אַרבעט נישט פאַר זיך, נישט פאַר דער ערד, נאָר אויפן פייער און אויפן וואַסער!

— וואָס זשע לאַכסטו?

— נו איז וואָס? שרפות וועסטו מיט טרערן נישט אויס־לעשן. די פאַרפלייצונג וועט פון טרערן נאָך שטאַרקער ווערן.

איך ווייס, אַז דער לייטישער אַלטער איז דער קלוג־סטער פון די אַלע, וואָס כ'האָב געזען, אָבער וואָס האָט ער האָלט און וואָס האָט ער פיינט?

איך קלער וועגן דעם, און ער האַלט אין איין צולייגן זיינע טרוקענע ווערטלעך אין מיין פייער.

— דו קוק נאָר, ווי ווייניק די מענטשן שאַנעווען זייערע אייגענע און פרעמדע כוחות, האַ? ווי ער מאַטערט דיך, דער באַלעבאָס? און דאָס שנעפּסעלע, וויפל קאָסט עס אָפּ דער וועלט? ס'איז גאָרנישט אויסצורעכענען, עס שטייגט אַריבער יעדן געלערנטן שכל... אַ שטוב ברענט אָפּ — בויט מען אויף אַ צווייטע, אָבער אַז אַ גוטער פויער גייט אָן אַ פאַרוואָס צו גרונד — דאָס לאָזט זיך נישט פאַרריכטן. אַרדאַליאָן, למשל, אָדער גרישע—זע, ווי דער פויער האָט זיך אָנגעצונדן! אַ נאַרי־שעוואַטער, אָבער אַ האַרציקער פויער איז ער, דער גרישע! רויכערט, ווי אַ קופּע שטרוי. די ווייבער זענען אים באַפאַלן, ווי ווערים אַ דערהרגעטן אין וואַלד.

איך פרעג אים תמימותדיק, נייגעריק:

— פאַרוואָס דערציילסטו דעם באַלעבאָס מיינע געדאַנקען.

רויק און אפילו פריינטלעך דערקלערט ער מיר:

כדי ער זאָל וויסן, מיט וואָס פאַראַ שעדלעכע מחשבות דו טראָגסט זיך אַרום; מ׳דאַרף, ער זאָל דיך לערנען; ווער זאָל דיך, אַנישט דער באַלעבאָס, לערנען? איך זאָג דאָס אים נישט פון שלעכטסקייט, נאָר אויס רחמנות צו דיר. ביסט נישט קיין נאַריש יינגל, נאָר בייזע רוחות פאַרדרייען דיר דעם קאָפּ. מעגסט גנבענען — וועל איך פאַרשווייגן, גיין צו מיידלעך — נישט מיין עסק, וועסט זיך אָנשיכורן — אַלץ וועל איך פאַר־שווייגן! נאָר וועגן דיין עזות וועל איך שטענדיק איבערגעבן דעם באַלעבאָס, זאָלסט דאָס וויסן זיין...

— וועל איך מיט דיר אויפהערן צו רעדן!

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, אָפּקראַצנדיק מיטן נאָגל די סמאָלע פון האַנט דערנאָך מיך פריינטלעך אָנגעקוקט און גע־זאָגט:

— נישט אמת, וועסט רעדן! מיט וועמען אַנדערש קאָנסטו דען רעדן. נישטאָ דאָ מיט וועמען...

דער ציכטיקער פּינקטלעכער אָסיפּ דערמאָנט מיר פלוצלינג דעם הייצער יאַקאָוו, וואָס איז געוועזן גלייכגילטיק צו אַלץ.

טיילמאָל דערמאָנט ער דעם אַנטיקן־קענער פּיאָטר וואַסי־ליעוון, אָפטמאָל — דעם פורמאַן פּיאָטר, און צומאָל ווייזט זיך ביי אים עפּעס געמיינזאַמעס מיטן זיידן. בכלל איז ער אַזוי אָדער אַנדערש ענלעך צו די אַלע זקנים, וואָס כ׳האָב געזען. זיי זענען אַלע געווען מערקווירדיק אינטערעסאַנטע זקנים, נאָר געפילט האָב איך, אַז לעבן מיט זיי איז אוממעגלעך — שווער און דערווידער. עפּעס ווי זיי וואָלטן אויסעסן די נשמה, זייערע קלוגע רייד באַדעקן דאָס האַרץ מיט אַ געלן ראָסט. איז אָסיפּ אַ גוטער? ניין. אַ שלעכטער? אויך נישט. ער איז אַ קלוגער, אָט וואָס ס׳איז מיר קלאָר. אָבער פאַרחידושנדיק מיך מיט זיין בויגעוודיקייט, האָט דער דאָזיקער שכל מיך אָפּ־

געטויט, און סוף־כל־סוף האָב איך אָנגעהויבן צו פילן, אַז ער איז מיין קעגנער אין יעדן פּרט.

אין מיין נשמה האָבן אויפגעברויזט פינסטערע מחשבות:

„אַלע מענטשן — זענען פרעמד צווישן זיך, נישט קוקנ־דיק אויף די פריינטלעכע רייד און די שמייכלען, און אַלע — זענען פרעמדע אויף דער ערד. ס׳דאַכט זיך, אַז קיינער איז נישט צוגעבונדן צו איר מיט אַ שטאַרק געפיל פון ליבע. די איינציקע איז נאָר די באָבע, וואָס האָט ליב צו לעבן און האָט אַלץ ליב. די באָבע און די הערלעכע קעניגין מאַרגאָ.“

אַמאָל פלעגן די דאָזיקע און אַנדערע ענלעכע מחשבות פאַרצויגן ווערן מיט אַ פינסטערער כמאַרע, דאָס לעבן פלעגט ווערן דושנע און שווער, אָבער ווי לעבט מען אַנדערש? וווּ־הין גייט מען? אפילו רעדן איז נישטאָ מיט וועמען אַ חוץ מיט אָסיפּן. און איך האָב אַלץ עפטער גערעדט מיט אים.

ער פלעגט אויסהערן מיין היציקע פּלוידעריי מיט אַ בולטן אינטערעס, פלעגט מיך איבערפרעגן, וועלנדיק עפּעס דערגיין, און רויק זאָגן:

— דער פּיקהאָלץ איז אַן עקשן, אָבער ער איז נישט שרעקלעך, קיינער האָט פאַר אים קיין מורא נישט. ווי אַ גו־טער פריינט ראָט איך דיר: גיי אַוועק אין אַ מאָנאַסטיר, וועסט דאָרט אָפּזיין ביז דו וועסט עלטער ווערן, מיט גאָטספאָרכטיקע רייד וועסטו די מתפּללים טרייסטן, וועסט אַליין לעבן רויק, און די מאָנאַכן וועלן פון דיר האָבן אַ הכנסה. דאָס איז דיר מיין עצה פון טיפן האַרצן. פאַר וועלטלעכע ענינים טויגסטו, אפנים, נישט...

אין מאָנאַסטיר גיין האָב איך קיין חשק נישט געהאַט, נאָר כ׳האָב געפילט, אַז כ׳האָב מיך פאַרפּלאָנטערט און דריי מיך אין אַ פאַרכישופטן קרייז פון אומפאַרשטענדלעכקייט. ס׳איז געווען אומעטיק. דאָס לעבן איז ענלעך געוואָרן צו אַ הערבסט־טיקן וואַלד — די שוואָמען זענען שוין פאַרשוונדן, נישטאָ וואָס צו טון אין ליידיקן וואַלד, און עס דאַכט זיך, אַז דו קענסט אים דורך און דורך.

כ׳האָב נישט געשיכּורט און נישט געהאַט צו טון מיט מיידלעך, די דאָזיקע צוויי מינים פון נשמה־שיכּרות, האָב איך פאַרביטן מיט ביכער. אָבער וואָס מער איך האָב געלייענט, אַלץ שווערער איז מיר געוואָרן צו לעבן אַזאַ פּוסט און אומ־נוצלעך לעבן, ווי עס לעבן, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, אַלע מענטשן.

כ׳בין ערשט אַלט געוואָרן פופצן יאָר, נאָר איך האָב מיך אָפּטמאָל געפילט, ווי אַ באַיאָרנטער מענטש; כ׳בין עפּעס אי־נערלעך אָנגעפּויזט און שווער געוואָרן פון דעם אַלעם, וואָס כ׳האָב דורכגעלעבט און דורכגעלייענט, וועגן וואָס כ׳האָב מיט אומרו געטראַכט. אַריינקוקנדיק אין זיך, האָב איך געזען, אַז דאָס באַהעלטעניש פון מיינע איינדרוקן איז ענלעך צו אַ פינ־סטער קעמערל, וואָס איז ענג אָנגעפּאַקט און פאַרלייגט מיט אַלערליי זאַכן. פונאַנדערקלויבן זיך אין זיי איז נישט געווען נישט קיין כּוח, נישט קיין מעגלעכקייט.

און אָט די אַלע לאַסטן, הגם זיי זענען געווען אַזוי פיל, זענען געלעגן נישט פעסט, האָבן זיך געוואַקלט, און מיך גע־טראָגן, ווי אַ וואַסער טראָגט און וויגט אַ לייכטע כּלי.

כ׳האָב דערווידערלעך פיינט געהאַט אַלערליי אומגליקן, קראַנקהייטן און קלאָגעניש. אַלץ וואָס ס׳איז אכזריותדיק — בלוט, שלעגעריי, אפילו דאָס פּשוטע חוזק־טרייבן פון אַ מענטש, האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַן אָרגאַנישן עקל, וואָס פלעגט שנעל אַריבערגיין אין עפּעס אַ קאַלטן ווילדן שגעון, כ׳פלעג זיך אַליין שלאָגן ווי אַ חיה. און שפּעטער פלעג איך זיך שרעקלעך פייניקן פאַר בושה.

טיילמאָל פלעג איך מוראדיק ווערן צעמזיקן דעם פייני־קער, דעם מענטשן, און כ׳פלעג זיך אַזוי בלינד וואַרפן אין געשלעג, אַז אפילו איצט דערמאָן איך מיט חרפּה און צער די דאָזיקע אָנמעכטיקע אָנפאַלן פון יאוש.

צוויי האָבן אין מיר געלעבט: איינער וואָס האָט זיך צופיל אָנגעזען שפלות און שמוץ, האָט זיך עטוואָס אָפּגעשראָקן, און אַ דערשלאָגענער פון זיין קענטעניש, פון דער בייזער וואָ־

כעדיקייט, האָט ער זיך אָנגעהויבן באַציען צום לעבן און צו די מענטשן מיט אומצוטרוי, חשד, מיט אַן אָנמעכטיק רחמנות צו אַלעמען און אויך צו זיך אַליין. דער דאָזיקער מענטש האָט געחלומט וועגן אַ שטיל אָפּגעזונדערט לעבן מיט ביכער אָן מענטשן, וועגן מאָנאַסטיר, אַ וועכטער־הייזל אין וואַלד, אָדער אַ וועכטער-ביידל אויף דער באַן־ליניע, וועגן פּערסיע און וועגן אַ שטעלע פון אַ נאַכט־שומר ערגעץ אין עק שטאָט, וואָס ווייניקער מענטשן, וואָס ווייטער פון זיי...

דער צווייטער, אַ געטובלטער אין דעם הייליקן גייסט פון יושרדיקע קלוגע ביכער, באַאָבאַכטנדיק די זיגערישע מאַכט פון דער בייזער וואכעדיקייט, האָט געפילט, ווי לייכט דער דאָזיקער כוח קאָן אים אָפּרייסן דעם קאָפּ, צעטרעטן דאָס האַרץ מיט אַ קויטיקן פוס, און האָט זיך אָנגעשטרענגט געווערט, מיט פאַרסשעמעטע ציין, מיט געביילטע פויסטן, אַ גרייטער צו יעדן שטרייט און געשלעג. דער דאָזיקער האָט געליבט און רחמנות געהאַט מיט מעשים און, ווי ס'האָט זיך געפּאַסט פאַר אַ מוטיקן העלד פון די פראַנצויזישע ראָמאַנען, איז ער צו יעדער מינוט גרייט געווען אַרויסצוציען די שווערד פון שייד און שטעלן זיך צום קאַמף.

צו יענער צייט האָב איך געהאַט אַ דם-שונא, איינעם אַ סטרוזש פון אַ שאַנד־הויז אויף דער קליין פּאָקראָווער גאַס. כ'האָב זיך באַקענט מיט אים איינמאָל אין דער פרי, גייענדיק אויפן יאַרמאַרק. ער האָט ביים טויער פון הויז אַרונטערגעשלעפּט פון א דראָזשקע אַ טויט־שיכור מיידל, אָנכאַפּנדיק זי פאַר די פיס מיט די אַראָפּגעפאַלענע זאָקן; אַן אָפּגעדעקטע ביז העלפט, האָט ער זי אומפאַרשעמט געשלעפּט אָכנדיק און לאַכנדיק, שפּייענדיק דערביי אויף איר קערפּער, זי, אַראָפּרוקנדיק זיך ביסלעכווייז פון וואָגן, אַ צעקוועטשטע, אַ בלינדע, מיט אַן אָפענעם מויל, פאַרוואַרפנדיק הינטערן קאָפּ די ווייכע, פונקט ווי אויסגעלענקטע הענט, האָט זיך געטראַסקעט מיטן רוקן, מיטן קאָפּ און מיטן בלויען געזיכט אָן דעם זייץ פון דער דראָזש־

קע, אָן די טרעפּלעך און ענדלעך אַרונטערגעפֿאַלן פֿון דראָזש־קע מיטן קאָפּ אויף די שטיינער.

דער פֿורמאַן האָט אַ שמייך געטון דאָס פֿערד און איז אַוועקגעפֿאָרן, און דער סטרוזש האָט זיך איינגעשפּאַנט צווישן דעם מיידלס פֿיס און האָט זי געשלעפּט אויפֿן הינטן, ווי אַ טויטע, און אַרויפֿגעשלעפּט אויפֿן טראָטואַר. כ'בין ווילד גע־וואָרן, אַ לויף געטון און, צום גליק, לויפֿנדיק אַראָפּגעוואָרפֿן אָדער אומגערן פֿאַרלוירן מיין וואַסערוואָג, וואָס עס האָט געראַטעוועט מיך און דעם סטרוזש פֿון אַ גרויסן פֿאַרדראָס. אין אימפּעט פֿון לויפֿן האָב איך דעם סטרוזש אַ זעץ געטון און אומגע־וואָרפֿן, בין אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן גאַניק און מיט אַלע כּוחות אָנגעהויבן רייסן פֿאַרן הענטל פֿון גלאָק; עפּעס ווילדע מענטשן אַזעלכע זענען אַרויסגעלאָפֿן. כ'האָב זיי גאָרנישט געקאָנט דער־קלערן און בין אַוועק, אויפֿהויבנדיק די וואַסערוואָג.

ביים ראָג האָב איך דעריאָגט דעם פֿורמאַן, ער האָט מיך אָנגעקוקט פֿון דער הויכער קעלניע און געזאָגט מיט אָנערקענונג:

— האָסט אים פֿיין מכבד געווען!

איך האָב אים בייז אַ פֿרעג געטון: — ווי אַזוי האָט ער דערלאָזט דעם סטרוזש אַזוי חוזק צו מאַכן פֿון דעם מיידל. — האָט ער רויק, מיט פֿאַראַכטונג געזאָגט:

— פֿון מיינעטוועגן — כאַפּט זיי דער רוח!

— מיר האָבן די הערן באַצאָלט, בשעת מ'האָט זי אַריינגע־זעצט אין דער דראָזשקע — און וואָס איז מיין עסק, ווער ווע־מען עס שלאָגט?

— און ווען ער וואָלט זי דערהרגעט?

— נו, אוודאי, נישט אַזוי גיך דערהרגעט מען אַזעלכע. — האָט געזאָגט דער פֿורמאַן, גלייך ער וואָלט שוין נישט איינ־מאָל פּרובירט צו דערהרגענען שיכּורע מיידלעך.

פֿון דאַן אָן האָב איך כּמעט יעדן פֿרימאָרגן געזען דעם סטרוזש; איך גיי איבערן גאַס, און ער קערט דעם ברוק אָדער זיצט אויפֿן גאַניק, ווי ער וואָלט מיך אָפּגעוואַרט. איך

ביי צו אים צו, ער שטעלט זיך אַנידער, פּאַרקאָטשעט די אַרבל און וואָרנט מיך.

— נו, באַלד ברעך איך דיר אָן די ביינער!

ער איז אַלט געווען איבער פערציק; אַ קליינינקער מיט אַ גרויסן בויך, ווי ביי אַ מעוברתטער, האָט ער שמייכלענדיק געקוקט אויף מיר מיט שטראַלנדיקע אויגן, און ס׳איז מאוימדיק אויסטערליש געווען, וואָס ער האָט געהאַט אַזעלכע גוטע, פריילעכע אויגן. שלאָגן האָט ער זיך נישט געקאָנט, אגב זענען זיינע הענט קירצער געווען פאַר מיינע, — נאָך צוויי דריי קלעפּ, פלעגט ער אָפּטרעטן, צוטוליען זיך מיטן רוקן צום טויער און זאָגן פאַרוווּנדערט:

— נו, וואַרט אָקאָרשט, דו כוואַט!..

די דאָזיקע מלחמות זענען מיר נמאס געוואָרן, איינמאָל האָב איך אים געזאָגט:

— הער, שוטה, איך בעט דיך, טשעפּע זיך אָפּ פון מיר!

— און דו, פאַרוואָס שלאָגסטו זיך? — האָט ער געפרעגט מיט פאַרוווּרף.

האָב איך אים אויך געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט אַזוי געמיין חוזק געמאַכט פון דעם מיידל.

— און וואָס איז דאָס דיין דאגה? האָסט אויף איר רחמנות?

— געוויס, האָב איך רחמנות.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אָפּגעווישט די ליפּן און אַ פרעג געטון:

— און אויף אַ קאַץ האָסטו רחמנות?

— יאָ, אויף אַ קאַץ איז אויך אַ רחמנות...

דאַן האָט ער מיר געזאָגט:

— דו — ביסט אַ נאַר, אַ שולער. וואַרט, כ׳וועל דיר ווייזן...

כ׳האָב נישט געקאָנט אויסמיידן צו גיין דורך דער גאַס— דאָס איז געווען דער קירצסטער וועג. נאָר כ׳האָב אָנגעהויבן אויפצושטיין פריער, כדי נישט צו טרעפן זיך מיט דעם דאָזיקן

מענטשן, אָבער אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך אים פּאָרט דערזען — ער איז געזעסן אויף אַ גאַניק און געגלעט אַ גרויע קאַץ, וואָס איז געלעגן ביי אים אויף די קני, און, בעת איך בין שוין געווען אַ דריי טריט פון אים, איז ער אויפגעשפּרונ־גען, אַ כאַפּ געטון די קאַץ פאַר די פיס, און אַזאַ זעץ געטון זי מיטן קאָפּ אָן דער טומבע, אַז עס האָט אויף מיר עפּעס וואַרעמס אַ שפּריץ געטון, — אַ זעץ געטון און צוגעוואָרפן די קאַץ צו מיינע פיס. און שטייענדיק אין פּאָרטקע געפרעגט:

— האַ?

נו, וואָס קאָן מען דאָ מאַכן! ווי צוויי הינט האָבן מיר זיך געקאָלערט איבערן הויף, דערנאָך זיצנדיק אין ווילדן גראָז, פאַרקימערט ביז צו שגעון, האָב איך געביטן די ליפּן, איך זאָל זיך נישט צעווייגען, — נישט צערעווען. דערמאָנסט זיך וועגן דעם און מיט אַ שוידער פון פיינלעכן עקל פרעגסטו זיך: ווי אַזוי בין איך נישט אַראָפּ פון זינען, נישט דערהרגעט עמעצן?

צוליב וואָס דערצייל איך די דאָזיקע שענדלעכע זאַכן? כדי איר זאָלט וויסן, מיינע גנעדיקע לייט, — אַז דאָס איז נאָך נישט פאַרביי, נישט פאַרביי! אייך געפעלן אויסגעטראַכטע שרעקן, איר האָט ליב צו הערן פיין-דערציילטע גרוילן, אייך רודערט אָנגענעם אויף דאָס פאַנטאַסטיש-שרעקלעכע. און אָט איך ווייס דאָסווירקלעך־שרעקלעכע, דאָס אימהדיק־וואָכעדיקע און איך האָב דאָס אמתע רעכט מיט די דאָזיקע געשיכטעס אייך פאַרדראָסיק אויפצורעגן, כדי צו דערמאָנען אייך, ווי איר לעבט און מיט וואָס איר לעבט.

מיר לעבן אַלע אַ שענדלעך מנוולדיק לעבן, אָט וואָס ס'איז דער עיקר!

כ'האָב זייער ליב מענטשן און כ'וואָלט קיינעם נישט וועלן פייניקן, מ'קאָן אָבער נישט זיין סענטימענטאַל און מ'טאָר נישט פאַרדעקן דעם מאוימדיקן אמת מיט מליצהדיקע ווערטער פון שיינעם שקר. צום לעבן. צום לעבן! מ'דאַרף אַריינשמעלצן אין אים אַלדאָס גוטע און מענטשלעכע, וואָס אונזערע הערצער און מוחות פאַרמאָגן.

... באַזונדערס פֿלעגט מיך משוגע מאַכן די באַציִונג צו דער פֿרוי; נאָכדעם ווי כ'האָב זיך אָנגעלייענט מיט ראָמאַנען, האָב איך אָנגעהויבן קוקן אויף דער פֿרוי, ווי אויף דער בע־סטער און ווירטיקסטער דערשיינונג אין לעבן. די דאָזיקע מיי־נונג האָבן אין מיר באַפֿעסטיקט די באָבע, אירע מעשׂות וועגן גאָטס מוטער, וועגן דער געטלעך־קלוגער וואַסיליסע, די אומ־גליקלעכע וועשערן נאַטאַליע און די הונדערטער, טויזנטער באַמערקטע בליקן און שמייכלען, מיט וועלכע די פֿרויען, די מאַמעס פֿון לעבן, באַפּוצן דאָס לעבן, וואָס איז אַזוי אָרעם אין פֿרייד, אָרעם אין ליבע.

אַ ליוב צו דער פֿרוי האָבן געזונגען די ביכער פֿון טור־געניעוו, און מיט אַלעם גוטן וואָס איך האָב געוווּסט וועגן דער פֿרוי, האָב איך באַצירט דאָס אומפֿאַרגעסלעכע בילד פֿון דער קעניגין; צו דעם האָב איך באַזונדערס פֿיל אוצרות געשעפּט ביי היינע און טורגעניעוו.

צוריקגייענדיק אין אָוונט פֿון יאָרמאַרק, פֿלעג איך זיך אָפּשטעלן אויפֿן באַרג ביי דער וואַנט, פֿון קרעמל און פֿלעג זיך צוקוקן, ווי די זון פֿאַרגייט הינטער דער וואָלגע, ווי עס ציען זיך איבערן הימל פֿייערדיקע טייכן, ווי עס רויטלט און בלויעט זיך דער ערדישער, ליבער טייך. טיילמאָל אין אַזעלכע מי־נוטן האָט די ערד אויסגעזען, ווי אַ ריזיקע בערלינקע פֿאַר אַרעסטאַנטן; זי זעט אויס, ווי אַ חזיר, און אַן אומגעזעענע שיף שלעפּט זי פֿויל ערגעץ־וווּהין.

נאָר עפּטער האָב איך געטראַכט וועגן דער גרויס פֿון דער וועלט, וועגן די שטעט, וועגן וועלכע כ'האָב מיך אָנגעע־לייענט אין די ביכער, וועגן פֿרעמדע לענדער, ווו מ'לעבט אַנ־דערש. די ביכער פֿון די אייראָפּעישע שרייבער האָבן געמאָלט דאָס לעבן ריינער, ליבלעכער און נישט אַזוי שווער, ווי דאָס לעבן, וואָס האָט פֿאַוואָליע און איינטאָניק געקאָכט אַרום מיר. דאָס האָט געשטילט מיין אומרו, אַרויסרופֿנדיק עקשנותדיקע חלומות וועגן אַ מעגלעכקייט פֿון אַן אַנדער לעבן.

און כּסדר האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אָט אָט וועל איך

טרעכן עפּעס אַ פּשוטן, קלוגן מענטשן, וואָס וועט מיך אַרויס־פירן אויף אַ ברייטן, ליכטיקן וועג.

איינמאָל זיצנדיק אויף אַ באַנק הינטער דער וואַנט פון קרעמל, האָב איך דערזען נעבן זיך דעם פעטער יאַקאָוו. כ׳האָב נישט באַמערקט, ווי ער איז צוגעגאַנגען, און האָב אים נישט תיכף דערקענט; הגם מיר האָבן אין משך פון עטלעכע יאָר געוווינט אין איין שטאָט, פלעגן מיר זיך פונדעסטוועגן טרעפן זעלטן, צופעליק און פאַרבייגייענדיק.

— אוי, האָסטו זיך אַ הויב געטון. — האָט ער, אַ שטויס טוענדיק מיך, געזאָגט אין שפּאַס, און מיר האָבן זיך פונאַנדער־גערעדט, ווי פרעמדע, נאָר פון לאַנג באַקאַנטע מענטשן.

לויט ווי די באָבע האָט מיר דערציילט, האָב איך גע־ווּוסט, אַז דער פעטער יאַקאָוו איז פאַר די לעצטע יאָרן אינ־גאַנצן פאַראָרעמט געוואָרן, אַלץ פאַרלעבט און פאַרהוליעט; ער איז געווען אַ געהילף־אויפזעער אין אַן אַרעסטאַנטן־לאַגער, נאָר דער סוף פון דער שטעלע איז געווען אַ ביטערער; דער אויפזעער איז קראַנק געוואָרן און דער פעטער יאַקאָוו האָט אָנגעהויבן פאַרבעטן ביי זיך אין שטוב פריילעכע הוליאַנקעס פאַר די אַרעסטאַנטן. מ׳האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, מ׳האָט אים אַראָפּגעוואָרפן פון זיין שטעלע און אָנגעקלאָגט אין גע־ריכט, באַשולדיקנדיק, אַז ער פלעגט ביינאַכט אַרויסלאָזן די אַרע־סטאַנטן אין שטאָט „הוליען״. פון די אַרעסטאַנטן איז אפילו קיין איינציקער נישט אַנטלאָפן, נאָר איינעם האָט מען געכאַפּט גראָד אין דער רגע, ווען ער האָט מיט גרויס פלייס געשטיקט אַ גלח. לאַנג האָט זיך געצויגן די אויספאָרשונג, אָבער צום געריכט איז די זאַך נישט דערגאַנגען, — די אַרעסטאַנטן און די אויפזעער האָבן אַרויסגעדרייט דעם גוטן פעטער פון דער דאָזיקער געשיכטע. איצט איז ער אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט און געלעבט אויפן חשבון פון זיין זון, וועלכער האָט געזונגען אין רוקאַווישניקאָווס קלויסטער־כאָר, וואָס איז געווען באַרימט אין יענער צייט. וועגן זון האָט ער מאָדנע גערעדט:

— ער איז ביי מיר געוואָרן אַן ערנסטער, אַ חשובער!

אַ סאָליסט. באַווייזט מען נישט צו דער מינוט דערלאַנגען דעם סאַמאָוואַר, אָדער אָפּפּוצן די בגדים — איז ער אין כּעס! אַן אַקוראַטנער בחור. און אַ ציכטיקער...

דער פּעטער אַליין האָט זיך שטאַרק געעלטערט, פּאַראומ-רייניקט, אָפּגענוצט און צעקראָכן. זיינע פרייליכע קודלעס זע-נען שטאַרק שיטערער געוואָרן, די אויערן האָבן זיך אַרויסגע-שטאַרצט, אַ געדיכטע נעץ פון רויטע אָדערלעך האָט באַדעקט די ווייסלעך פון די אויגן און די בלויע הויט פון די ראַזיר־טע באַקן. גערעדט האָט ער ליצנותדיק, נאָר געדאַכט האָט זיך, אַז ס'ליגט ביי אים עפּעס אין מויל, וואָס שטערט די צונג, כאָטש די ציינער זיינע זענען געווען גאַנץ.

כ'האָב מיך דערפרייט מיט דער געלעגנהייט דורכצורעדן זיך מיט אַ מענטשן, וואָס האָט געקאָנט לוסטיק לעבן, האָט אַ סך געזען און מוז פיל וויסן. כ'האָב מיך קלאָר דערמאָנט אָן זיינע לעבעדיקע פרייליכע לידער און ס'זענען מיר אַרויף אין זכרון דעם זיידנס ווערטער וועגן אים:

— לויט די לידער — אַ דוד המלך, לויט די מעשים — אבשלום דער רשע!

איבערן בולוואַר פאַרביי אונז האָט געשפּאַצירט אַ פיינער עולם: רייכע דאַמען, באַאַמטע, אָפיצערן; דער פּעטער איז געווען אָנגעטון אין אַ צעדריבלטן הערבסט-מאַנטל, אַ צע־קנייטשט היטל און געלבלעכע שטיוול, און האָט זיך צונויפגע־קאָרטשעט, קענטיק, פון בושה פאַר זיין הלוך. מיר זענען אַוועק אין איינעם פון די שענקען אין פּאַטשאַאינער טאָל און האָבן זיך געזעצטביים פענסטער, וואָס גייט אַרויס צום מאַרק.

— איר געדענקט, ווי איר האָט געזונגען:

אַרויסגעהאָנגען האָט אַן אָרעמאַן די פּיס־טיכער
צו טריקענען,
און דער ווייטער אָרעמאַן האָט די פּיס־טיכער
געגנבעט...

נאָכדעם, ווי כ'האָב אַרויסגעזאָגט די ווערטער פונם ליד, האָב איך פּלוצלינג צום ערשטן מאָל דערפילט דעם שפּאָטיש

זין פון די דאָזיקע ווערטער, און מיר איז פאָרגעקומען, אַז דער פריילעכער פעטער איז בייז און קלוג.

נאָר אָנגיסנדיק א גלעזל בראָנפן, האָט ער פאַרטראַכט געזאָגט:

— יאָ, כ׳האָב געלעבט, נאַריש געמאַכט זיך, נאָר מילא! אָט דאָס לידל — איז נישט מיינס, דאָס האָט פארפאַסט איינער א לערער פון סעמינאַר, וואַרט, ווי האָט מען אים גערופן, דעם פאַרשטאָרבענעם? פאַרגעסן. מיר האָבן געלעבט, ווי גוטע ברידער. אַ בחור, האָט זיך פאַרשיכּורט און — געשטאָרבן, פארפרוירן געוואָרן. וויפיל מענטשן ס׳זענען פון שיכּרות געשטאָרבן — נישט איבערצוציילן! דו טרינקסט נישט? טרינק נישט, געדענק. זעסטו אָפּט דעם זיידן? נישט קיין פריילעכער אַלטיטשקער. דאַכט זיך, ער הויבט אָן צו ווערן א מטורף.

אויסטרינקענדיק אַ פּאָר גלעזלעך, איז ער יינגער פריילעכער געוואָרן און האָט אָנגעהויבן רעדן לעבעדיקער.

כ׳האָב אים אַ פרעג געטון וועגן דער געשיכטע מיט די אַרעסטאַנטן.

— דו האָסט געהערט? — האָט ער געפרעגט, האָט זיך אַרומגעקוקט און אָנגעהויבן שטיל צו רעדן:

— נו וואָס, ארעסטאַנטן? איך בין דאָך נישט זייער שופט. איך זע — מענטשן, ווי אַלע מענטשן און זאָג: ברידער, לאָמיר לעבן גוט, לאָמיר לעבן פריילעך; ס׳איז דאָ זאָג איך, אַזאַ לידל:

דער גורל שטערט נישט אונזער פרייד,
מעג ער אונז בויגן ביז צו דר׳ערד,
מיר וועלן לעבן פריילעכערהייט
ווער אַנדערש לעבט — איז אַ פערד!..

ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, אַ בליק געטון דורכן פענסטער אויפן פינסטערן טאָל, ווו עס זענען געווען אָנגעשטעלט די האַנדל-געשטעלן, פאַרריכט די וואָנצעס און גערעדט ווייטער:

— און זיי געוויינלעך זענען צופרידן, אין טורמע איז דאָך לאַנגווייליק. נו, איז ווי נאָר ס׳פלעגט זיך ענדיקן די קאָנטראָל — איז גלייך צו מיר; אַ שנאַפּס, אַ צובייסעכץ; איינ-מאָל פון מיין זייט, אַ צווייט מאָל — פון זייער זייט, און ס׳איז אַוועק אַ לעבן, דאָס מוטערל „רוס״ האָט זיך צעהוליעט! כ׳האָב ליב געזאַנג, טענץ און צווישן זיי זענען דאָ זעלטענע זינגער און טענצער, צום באַוואונדערן! נישט איינער — אין קייטן. נו, און אין קייטן לאָזט זיך נישט טאַנצן, האָב איך דערלויבט אויסצוטון, אמת, זיי האָבן אפילו די אַרבעט געקאָנט אַליין, אָן אַ שמיד, חברה כוואַטן, צום באַוואונדערן! און וואָס מ׳האָט געזאָגט, אַז איך האָב זיי געשיקט אין שטאָט ראַבע-ווען — איז אַ שטות, מ׳האָט עס אפילו נישט דערוויזן...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַ קוק געטון דורכן פענ-סטער צום טאָל, ווו די טענדלער האָבן צוגעמאַכט זייערע גע-שטעלן; דאָרט האָבן געבראַזגעט די אייזנס פון די פּאַררוקערס, ס׳האָבן געקוויטשעט די פאַרזשאַווערטע זאַוויעסעס, ס׳זענען מיט אַ טויבן קנאַל געפאַלן עפּעס ברעטער. דערנאָך, פריילעך אַ וווּנק טוענדיק צו מיר, האָט ער ווייטער שטיל גערעדט:

— דעם אמת זאָגנדיק פלעגט טאַקע איינער אַוועקגיין ביינאַכט, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין אַרעסטאַנט אין קייטן, נאָר אַ פּשוטער היגער ניזשיגאָראָדער גנב; נישט ווייט אויף דער פּעטשאָרקע האָט געוווינט זיינע אַ געליבטע. און מיטן גלח איז אַרויסגעקומען אַ טעות. מ׳האָט אָנגענומען דעם גלח פאַר אַ סוחר. די מעשה איז געווען ווינטער, ביינאַכט, אַ זאַוויערוכע, אַלע — אין פוטערס, הייבט גיי קלויב זיך פונאַנ-דער אין איילעניש, ווער ס׳איז דאָ אַ סוחר, ווער אַן אונטער-גלח.

דאָס איז מיר פאָרגעקומען קאָמיש, ער האָט זיך אויך רעדנדיק פונאַנדערגעלאַכט:

— אויף מיינע נאמנות! דער טייוול קאָן דאָ אונטער-שיידן...

דערביי איז דער פעטער אומדערוואַרט עפּעס מאָדנע-

ליידט אין כעס געוואָרן, האָט אָפּגעשטויסן דעם טעלער מיטן צוביים, מיט עקל פאַרקנייטשט דאָס פּנים און, פאַררויכערנדיק, טויב געמורמלט:

— מ׳גנבעט איינער ביים צווייטן, דערנאָך כאַפּט מען איינער דעם אַנדערן, מ׳פאַרשיקט אין די טורמעס, אין סיביר, אויף קאַטאָרגע, נו, גייט עס מיר אַלץ אָן? איך שפּיי אויף אַלעמען... כ׳האָב מיר — מיין אייגענע נשמה!

פאַר מיינע אויגן איז געשטאַנען דער האָריקער אויוון־הייצער — ער פלעגט אויך זאָגן „איך שפּיי" און אים האָט מען אויך גערופן יאַקאָוו.

— ווען וואָס קלערסטו? — האָט ווייך אַ פרעג געטון דער פעטער.

— איר האָט רחמנות געהאַט אויף די אַרעסטאַנטן?

— ס׳איז ליידט אויף זיי רחמנות צו האָבן, ס׳זענען דאָ צווישן זיי אַזוינע יאַטן, ווונדערלעך! צייטנווייז קוקסטו אויף ווּעמען און טראַכסט: כ׳בין דאָך נישט ווערט זיין נאָגל, כאָטש איך בין זיין אויפזעער! קלוגע, שדים, פלינקע...

דאָס בראָנפן און די זכרונות האָבן אים ווידער אָנגענעם אויפגערעגט; אָנגעלענט אָן פענסטער־ברעט, מאַכנדיק מיט דער געלער האַנט מיטן פּאַפּיראָס צווישן די פינגער, האָט ער זיך לעבעדיק צערעדט:

— איינער, אַ הינקעדיקער, אַ גראַווירער און אַ זייגער־מאַ־כער, האָט געהאַט אַ משפּט פאַר פאַלש געלט און איז אַנטלאָפן, — וואָלסטו נאָר געהערט, ווי דער רעדט! פייער און פלאַם! ער זינגט, ממש ווי אַ סאָליסט. דערקלערט מיר, זאָגט ער, פאַרוואָס די מלוכה מעג דרוקן געלט, און איך טאָר נישט? דערקלערט! קיינער קאָן אים דאָס נישט דערקלערן. קיינער, און איך אויך נישט. און איך — בין אַ האַר איבער אים! אַ צווייטער — אַ באַוווסטער מאָסקווער גנבֿ, אַ שטילער אַזאַ, אַ פראַנט, אַ ציכט — יענער האָט גערעדט העפלעך. די מענטשן, זאָגט ער, אַרבעטן ביז טעמפּקייט, און איך וויל דאָס נישט. איך, זאָגט ער, האָב שוין דאָס אויסגעפּרובירט: דו האָרעוועסט,

האָרעוועסט, ווערטס פון מידקייט פאַרטפּשט, שיכּורסט זיך אָן פּאָר אַ גראָשן, פאַרשפּילסט אַ צענערל אין קאָרטן, גיבסט אויס אַ פינפערל אויף אַ נקבה פאַר אַ לאַסקע, דערנאָך — ביסטו ווי־דער הונגעריק, אָרעם. ניין, זאָגט ער, איך מאַך מער נישט מיט דאָס שפּיל...

דער פּעטער יאַקאָוו האָט זיך אָנגעבויגן צום טיש און, רויט ווערנדיק ביז צו די אויערן, אויפגערעגט אַזוי, אַז זיינע קליינע אויערן האָבן געציטערט, האָט ער ווייטער גערעדט:

— זיי זענען, ברודער, גאָרנישט קיין נאַראָנים, זיי פאַר־שטייען אַן ענין! צום טייוול דאָס נאַרישע שפּיל! ווי האָב איך, למשל, געלעבט? אַ חרפּה זיך צו דערמאָנען—אַלץ ברעק־לעכווייז, בגנבה! די צרות — זענען אייגענע, די פרייד — אַ געגנבעטע! דאָ האָט דער טאַטע געשריגן — נישט דערוועג זיך, דאָ דאָס ווייב — דו טאָרסט נישט, און דאָ האָסטו אַליין מורא געהאַט אַ קערבל אָנצורירן. אָט אַזוי האָב איך פאַרשפּילט מיין לעבן און אויף דער עלטער אַ לאָקיי געוואָרן ביי מיין זון. וואָס זאָל מען דאָ באַהאַלטן? איך בין, ברודער, הכנעהדיק, און ער הויבט אויף אַ קול, ווי אַן אמתער באַלעבאָס. ער זאָגט — טאַטע — און איך הער — לאָקיי! אָט צוליב דעם בין איך גע־בוירן געוואָרן, צו דעם האָב איך זיך געמאַטערט, כּדי צו דינען ביים זון? און אפילו אַחוץ דעם,—צו וואָס האָב איך געלעבט, עפּעס אַ סך הנאה געהאַט?

כ׳האָב אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט. אָן חשק און נישט וואַרטנדיק אויף אַ תשובה, האָב איך פונדעסטוועגן גע־זאָגט:

— אָט ווייס איך אַליין אויך נישט, ווי צו לעבן...

ער האָט אַ שמייכל געטון.

— נו... ווער ווייסט דען יאָ? כ׳האָב נאָך נישט געטראָפן אַזעלכע, וואָס זאָלן דאָס וויסן! אַזוי לעבן די מענטשן, ווער צו וואָס עס איז געוווינט...

און האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן באַליידיקט און בייז:

— געווען דאָרטן ביי מיר איינער פאַר אַ פאַרגוואַלדיקונג

פון אָריאָל, אַ פּריק, אַ זעלטענער טענצער, פּלעגט ער אַלעמען פרייליך מאַכן, זינגען וועגן וואַנקען:

דרייט זיך וואַנקע איבערן בית עולם —
דאָס — איז פּשוט פּראָסט;
אַך, וואַנקע, ווייטער פון בית עולם
רוק אַרויס די נאָז!..

קלער איך מיר, ס'איז גאָרנישט קיין שפּאַס, נאָר דער ריכטיקער אמת! ווי דו זאָלסט זיך נישט דרייען, — ווייטער פון בית עולם וועסטו נישט דערזען. און וויבאַלד אַזוי איז מיר אַלץ איינס: אַן אַרעסטאַנט, אָדער אַן אויפזעער איבערן אַרעסטאַנט.

ער איז מיד געוואָרן רעדנדיק, האָט אויסגעטרונקען דאָס בראַנפן און פויגליש, מיט איין אויג אַריינגעקוקט אין ליידיקן פלעשל, האָט שווייגנדיק פאַררויכערט נאָך אַ פּאַפּיראָס, אַריינלאָזנדיק דעם רויך אין די וואָנצעס.

— ווי דו זאָלסט זיך נישט דרייען, ווי דו זאָלסט זיך נישט קליגן, פון קבר וועסטו זיך נישט אַרויסדרייען. — פּלעגט אָפּט זאָגן דער מוליאַר פּיאָטר, וואָס איז אַבסאָלוט נישט ענלעך געווען צום פעטער יאַקאָוו. וויפל האָב איך שוין געהערט אַזעלכע, כּדומה, גלייכווערטלעך!

מער האָט זיך וועגן גאָרנישט געוואָלט פרעגן דעם פעטער. ס'איז אומעטיק געווען מיט אים און אַ רחמנות אויף אים; מיר האָבן זיך רק דערמאָנט זיינע פריילעכע לידער און דעם קלאַנג פון דער גיטאַרע, וואָס האָט געקוואָלן מיט פרייד דורך אַ מילדן טרויער, נישט פאַרגעסן האָב איך אויך דעם פריילעכן ציגיינער, נישט פאַרגעסן און, קוקנדיק אויף דער צעבראָכענער געשטאַלט פונם פעטער יאַקאָוו, האָב איך נישט ווילנדיק געטראַכט:

„צי געדענקט ער, ווי מ'האָט מיטן צלם דערשטיקט דעם ציגיינער?"

ס'האָט זיך נישט געוואָלט פרעגן וועגן דעם.

כ'האָב געקוקט אויפן טאָל, וואָס איז געווען אָנגעגאָסן

ביז דו ברעגעס מיט פייכטער הערבסטיקער פינסטערקייט. פון טאָל האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון עפּל און קירבעס. איבערן שמאָלן שליאַך פון שטאָט האָבן געפינקלט לאַמטערנעס, אַלץ אַרום איז געווען דורך און דורך באַקאַנט: אָט וועט אַ פייף טון די שיף, וואָס גייט אויף ריבינסק, און די צווייטע — אויף פּערם...

— נו, מ'דאַרף גיין. — האָט געזאָגט דער פּעטער.

שטייענדיק ביי דער טיר פון טראַקטיר, האָט ער, טרייס־לענדיק מיין האַנט, מיר ליצנותדיק געעצהט:

— דו זיי נישט קיין מרה־שחורהניק; ביסט אומעטיקלעך, האַ? שפּיי אויף אַלץ! דו ביסט נאָך יונג. דער עיקר געדענק: „דער גורל שטערט נישט די פרייד!" נו, זיי געזונט, איך איל זיך.

דער פריילעכער פּעטער איז אַוועק און מיך איבערגע־לאָזן נאָך מער פאַרפּלאָנטערט פון זיינע רייד.

איך האָב זיך אויפגעהויבן מיט דער דעה צו גיין אין שטאָט און בין אַרויס אין פעלד. ס'איז געווען אַ ליכטיקע לבנה־נאַכט, איבערן הימל זענען געשווומען שווערע וואָלקנס, פאַר־טונקלענדיק מיט זייערע שוואַרצע שאָטנס מיין שאָטן אויף דער ערד. אַרומגייענדיק מיטן פעלד די שטאָט, בין איך גע־קומען צו דער וואָלגע; זיך אויסגעצויגן אויפן שפּוע, אויפן שטויביקן גראָז, און לאַנג געקוקט הינטערן טייך, אויף די לאָנקעס און אויף דער אומבאַוועגלעכער ערד, איבער דער וואָלגע האָבן זיך פּאַמעלעך געשלעפּט די שאָטנס פון די וואָלקנס; אַריבערגייענדיק צו די לאָנקעס ווערן זיי ליכטיקער, גלייך זיי וואָלטן זיך אויסגעבאָדן אין טייך. אַלץ אַרום שלומערט האַלב, פאַרשטיקט, אַלץ באַוועגט זיך עפּעס אָן חשק, פון נויטווענן און נישט פון ליבע צו באַוועגונג, צום לעבן.

און ס'ווילט זיך דערלאַנגען עפּעס אַ רעכטן שטויס דער גאַנצער וועלט און אויך זיך אַליין, אַז אַלץ — און איך אויך — זאָלן זיך אָנהויבן דרייען אין אַ פריילעכן ווירער. מיט אַ

פרייליכן טאַנץ פון מענטשן, וואָס זענען פאַרליבט איינע אין די אַנדערע, פאַרליבט אין לעבן, וואָס מיר הויבן אָן צוליב אַן אַנדער לעבן — אַ שיין, מונטער, ערליך לעבן...

ס'האָט זיך געטראַכט:

— מ'דאַרף עפּעס טון מיט זיך, אַנישט וועל איך צו גרונט גיין...

אין די פינסטערע הערבסטיקע טעג, ווען נישט נאָר דו זעסט נישט, נאָר דו פילסט אפילו נישט די זון, פאַרגעסט אפילו אָן איר — אין אַזעלכע טעג האָב איך נישט איינמאָל געבלאָנדזעט איבערן וואַלד. בלאָנדזעסט אַראָפּ פון וועג, פאַרלירסט אַלע שפּורן און, ענדליך, אַ מידער פון זוכעניש פאַרשטשעמעסטו די ציין און הויבסט אָן גיין גלייך איבער די פּוילע צווייגן, איבער די ווייכע בלאָטע־בערגלעך — און סוף־כּל־סוף קומסטו שטענדיק אַרויס אויפן וועג!

אַזוי האָב איך אויך באַשלאָסן.

אין הערבסט פון זעלביקן יאָר בין איך אַוועקגעפאָרן קיין קאזאן, מיט אַ באַהאַלטענער האָפענונג, אפשר וועט זיך מיר איינגעבן דאָרט איינצואָרדנען זיך און אָנהויבן זיך צו לערנען.